STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08839

HEYMISHE KSOVIM

Dov Sadan

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פראָפ. דב סדן

*

היימישע כתבים

ערשטער טייל

פראפ. דב סדן

היימישע כתבים

שרייבער, ביכער, פראָבלעמען

ערשטער טייל

פאַרלאַג „המנורה" תל־אביב
תשל"ג — 1972

©
אַלע רעכט געזיכערט

פאַרלאַג „המנורה" רח' זנגביל 24, תל־אביב, ישראל
"Hamenora" Publishing House, 24 Zangwill St. Tel-Aviv, Israel

Printed in Israel 1972 — נדפס בישראל תשל"ג

דפוס „ארזי", תל־אביב

פראפ. דב סדן

דריי הערות

א.

די צוויי בענד, וואָס קומען איצט פאַרן לייענער, נעמען אַרום אַ טייל פון מיינע יידיש געשריבענע כתבים, בעיקר וועגן ליטעראַטור און שפּראַך — געשטאַלטן, ביכער, פּראָבלעמען — שעפּן אָבער נישט אויס, וואָס איך האָב דערוועגן געשריבן און געדרוקט. ווער עס האָט אַן אינטערעס צו קאָמפּלעטירן, וואָס איך האָב געזאָגט אין די תחומים, וועט באַדאַרפן אָנקומען צו מיינע העברעיש־געשריבענע כתבים, בעיקר די דריי בענד: „אבני מפתן" (פאַרלאַג י. ל. פרץ, תל־אביב), וואָס באַהאַנד־לען בלויז יידיש־ליטעראַטור.

ב.

דער אַרויסגאַב פון די דאָזיקע צוויי בענד איז פאַר מיר גופא אַ חידוש. ווען איך, אַ גרונטיק העברעישער שרייבער, וואָס האָט היינטער זיך א שטויס העברעישע ביכער, האָט זיך אָבער תמיד פאַרנומען מיט יידיש־ליטעראַטור און איבערגענומען די אָנפירערשאַפט פון דער יידיש־קאַטעדרע אויפן ירושלימער אוניווערסיטעט, און האָב זיך, נאָך אַ דרייסיק־יאָריקער פּאַוזע, אומגעקערט צו שרייבן יידיש, האָב איך זיך געקווענקלט, אויב עס וועט מיר געראָטן צו וועקן אַן אינטערעס ביים יידיש־לייענער, ווי עס איז מיר, דוכט זיך, געראָטן ביים העברעיש־לייע־נער, און האָב אַפילו געספּקט, אויב דער ספאַראַדישער ווידער־אָנהויב פון אַ דעמאָלט שוין פופציקיאָריקן מחבר, וועט זיך לייטיש אויסוואַקסן, אָבער נייערט, עס ווייזט אויס, אַז עס איז מיר געשען אַ שטיקל נס, און אַפילו — און אפשר: דווקא — אַ בעל־נס פרעגט נישט קיין קשיא אויף אַ מעשה.

ג.

וויל איך קודם כל דאַנקען מיין פריינד ר' מרדכי זאַנשיין (פאַרלאַג „המנורה"), וואָס האָט זיך אונטערגענומען די זאַך אויסצופירן. ער האָט זי איניציאירט און מיך דערצו ממש אונטערגעטריבן, אַכטונג געגעבן בכלל און בפרט, און איך האָף, אַז ער וועט דאָס טאָן לגבי דעם המשך. איך דאַנק באַזונדערס מיינע פריינד, וואָס זענען אים דערביי בייגעשטאַ־נען — מכובדי ר' מאיר ווייסגאַל וואָס זיין ליבשאַפט צו יידיש האָט אויך מיינע ספרים אַרומגענומען, און דעם דריילינג, וואָס העלפן מיר מיינע כתבים בכלל אַרויסגעבן — ידידי ועמיתי ר' זעליג לבון, ישעיהו אברך, ג. קרעסל.

אַ יישר כוח דעם דיכטער בינעם העלער פאַר זיין חסד דורכ־צוקוקן די הגהות, און פאַרמיידן גרייזן, וואָס מיין אויג וואָלט דאָס נישט דערשנאַפּט.

זכרה להם אלוה, לטובה.

ערשטע פרשה

צווישן ביידע לשונות

צו דער אַקאַדעמישער אויסגאַב פון מענדעלען

א

אַ פולקומענע אויסגאַב פון מענדעלע, ווי מיר פלאַנירן זי, וועט פאַרן לייענער און פאַרשער אָנפקשטעלן דעם זיידנס כתבים אין זייער גאַנצן אַנטוויקל און זיינע באַזונדערע סטאַציעס און סטאַציעלעך, אויסברייט און צמצום, רעוויזיע און איבערפורעם, אונטערשטרייך און אויסשטרייך, ווי עס איז מסוגל אָפּצושפּיגלען בלויז אַ פולער קאָרפּוס פון שינויי־נוסחאות און שינויי־גירסאות. אַזאַ אויסגאַב איז ממילא דער פאַרלאָזלעכסטער און אָביעקטיווסטער אָנשפּאַר פאַר אַן אָפּשאַץ פון דעם ליטעראַטור־פענאָמען און דאָס פון כלערליי אַספּעקטן און פאַרשטייט זיך אויך, און אפשר באַזונדערס, חשובן אַספּעקט: מענדעלעס שאַפערישן באַהאַנדל פון ביידע לשונות, זיין געראַנגל צווישן זיי. כידוע, דערלויבן די ווערק זיינע, אין גרויסע עלאַסטישע ליניעס, אַ דרייִיקן אויפטייל: ערשטנס, דער העברעיִשער אָנהייב, בעיקר אַ פּובליציסטישער, דידאַקטישער און צום טייל בעלעטריסטישער, וואָס גייט שפּראַכלעך אויפן דרך פון דער השכלה מיט איר תנכישער דאָמינאַנטע, וואָס האָט געפּרוווט אַריינפּרעסן פאַרוויקלטע אינהאַלטן פון אַ נאָענטן אַקטועלן היינט אין פאַרטיקע מליצישע פורעמס פון אַ ווייטן היסטאָרישן אייערנעכטן; צווייטנס, דער יידישער אָנהייב און המשך, וואָס איז רובו ככולו בעלעטריסטיש, און האָט אויסגעצייטיקט יענע דערציילערישע פּראָזע, וואָס איז זיין אמתער שיעור־קומה, און איז דאָס צענטראַלע אין זיין שאַפן, וואָס שטופּט ממילא אַלץ איבעריקע צום פּעריפּערישן; דריטנס, דער העברעיִשער המשך, דער איבערזעץ פון זיין אייגענעם ווערק, קלאָרער געזאָגט: דער איבערשמעלץ פון אַן אויטענטישן, אויב נישט אויטענטישסטן, יידיש, אויף אַן אַדעקוואַטן העברעיִש, ווו תנך־שפּראַך ווערט פאַרביטן, אויף אַ שפּעטערער, סטיליסטיש געפורעמט לויט לשון־חכמים, לעקסיקאַליש קאָנסטרויִרט לויט לשון מדרשים און שפּעטערע, און אַפילו שפּעטסטע, מקורים, און אַזוי אינטעגרירט, אַז ביים איבערגאַנג פון גערעדטן יידיש צום געשריבענעם העברעיִש ווערט דאָס קינסטלעכע פאַרשלונגען אין קינסטלערישן און דאָס קינסטלערישע גייט אויף אין נאַטירלעכן. אָבער אויך דאָס

צענטראַלע אין מענדעלעס שאַפן דערלויבט אַ דרייַיִקן אויפטייל: צו ערשט גייט דער אויפבוי פונעם מקור: דער ייִדיש־נוסח; שפּעטער קומט דער אויפבוי פונעם תרגום: דער העברעיִש־נוסח, און צו לעצט אַן איבערבוי פונעם ייִדיש־נוסח לויטן העברעיִש־נוסח; אַ דרייַיִקייט וואָס די עצם מעגלעכקייט אירע דערקלערט זיך מיט אַ דרייַיִקייט פונעם מחבר גופא. דאָס איז די דרייַיִקע עקשנות זייַנע: די עקשנות פונעם רעזאָלוטן פאַרשוין אין אים; די עקשנות פונעם ריגאָראָזן ליטוואַק אין אים, און אַחרון אַחרון די עקשנות פונעם אומקאָמפּראָמיסלעכן קינסטלער אין אים. באַוווּנדערנדיק זייַן וווּנדערלעכן רצון און זייַן נאָך וווּנדערלעכערע יכולת, אין דעם איבערשמעלץ פון זיך אַליין, צו דערגרייכן אַ מאַקסימאַלע אַדעקוואַטישקייט, טאָרן מיר נישט פאַרזען, וואָס האָבן מיר דאָ פון מסורה און וואָס פון חידוש. וואָס שייך מסורה — איז עמך ישראל, אין מעשה תרגום, נישט קיין מלופּים־קינד, מיר זענען די ערשטע איבערזעצערס און איבערגעזעצטע, און אָנהייבנדיק פון שבעים און אַרמי האָבן מיר געוויזן וואָס הייסט זהירות, סטריקטקייט און אָפּגעהיטנקייט ביי אַזאַ מלאכה, און די מידות האָבן זיך ביי אונדז דערהאַלטן אין דעם שלל תרגום לשונס אונדזערע, וואָס עס וועט ערשט, אין זייַן גאַנצער זיניקייט און באַזאָנענקייט, קלאָר ווערן, ווען מיר וועלן אויפהערן ספּאָראַדיש און אָנהייבן סיסטעמאַטיש נאָכפאָרשן אונדזער טייטש־מסורה. וואָס ווייטער שייך חידוש — איז עס דער עצם אָנווענד פון די דאָזיקע מידות, וואָס עס האָט מחייב געווען דער סאַקראַלער טעקסט, לגבי אַ סעקולאַרן טעקסט, דער אָנווענד פון באַצי צו לשון־קודש לגבי ייִדיש. דען מענדעלעס ייִדיש, ווי אויך זייַן שפּעטערער העברעיִש, זענען נישט קיין חידוש — זיי זענען ביידע אַ לייטישער, אָבער נאַטירלעכער שפּאַן נאָך זייַן פירגייער און מייַנסטער. מענדל לעפין, וואָס האָט זיך געלאָזט אויפן וועג פון אידיאָמאַטישן ייִדיש און אויפן וועג פון, אַזוי־צו־זאָגן, אידיאָמאַטיזירטן העברעיִש; מענדעלעס חידוש איז נישט בלויז אין דער קאָנפראָנטאַציע פון ביידע וועגן, נאָר אין זייער פאַרמעסט אויפן גרונט פון דעם זעלבן סובסטראַט, דער זעלבער טעמע, דעם זעלבן סוזשעט, און דאָס ביז די קלענסטע דעטאַלן, אַזוי אַז לעפינס פּאַראַלעל איז געוואָרן מענדעלעס אידענטישקייט. נאָך מער, די פאַסצינירנדיקע הצלחה פון דעם פאַרמעסט האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט פאַר אַ לעצטן פּרווו די דאָזיקע אַוואַנטורע צו פאַרדרייַיִקן: דער געראַדטער ייִדיש־נוסח געבוירט אַ כמו־געראַדטן העברעיִש־נוסח און דער כמו־געראַדטער העברעיִש־נוסח — וואָס איז היינט צו טאָג אַ געראַדטער ממש — נעמט זיך געבוירן אַ נייעם ייִדיש־נוסח.

ב

ווי אַזוי איז דאָס געגאַנגען, שריט פאַר שריט, פּרט פאַר פּרט, אין אַן אומ־

דערמידלעכן זוכערישן אָנשטרענג, איז בחינת תורה ולימוד היא צריכה. און אַז אָט די תורה וועט אונדז, אויפֿן סמך פֿון אַ סקרופּולאַטער קריטישער אויסגאַב, קלאָר ווערן, וועלן מיר פֿאַר זיך האָבן אַ קלאַסישע דוגמא צו דערקלערן, אָדער לפּחות פּרוּוון דערקלערן, אַ גאַנצע ריי, סיי אַלטע, סיי נײַע, דערשײַנונגען אין אונדזער ליטעראַטור, וואָס האָבן צו טאָן מיט פּערסאָנאַלער אוניע פֿון צוויי־שפּראַכיקייט. עס וועט אונדז, אַ שטייגער, העלפֿן זיך אַרײַנקלערן אין ווינץ האַנס־ליד, וואָס האָט דער מחבר פֿריִער געשריבן, דעם לשון־קודש־טעקסט אָדער דעם ייִדיש־טעקסט, און וואָס איז די עפֿעקטיווע נפֿקא־מינא, דעסגלײַכן מגילת איבה אָדער דאָס ספֿרל פֿון ר׳ אברהם אַפּטייקער וכדומה; און מיט אַ לײַטישן שפּרונג ווײַטער וועלן מיר זיך קאָנען אַרײַנקלערן אין ענין שבחי הבעש״ט און בעיקר ר׳ נחמנס סיפּורי המעשׂיות — און דעסגלײַכן אין דער השׂכּלה־ליטעראַטור פֿון וואָלפֿזאָנס קאָמעדיע ביז ווערלוול זבאַראַזשערס מקל נועם אָדער בירך שאַפּירס פֿריידעלע, ווו דער טאָפּל־שפּראַכיקער טעקסט גייט זײַט בײַ זײַט; און אַ סך קאָמפּליצירטערע דוגמות פֿון פּערלס מגלה טמירין ביז דיקס פּורים־שפּיגל, ווו מיר ווײַסן בפּירוש, אַז דער העברעיִשער טעקסט וואָס פּאַראָדירט, טראַוועסטירט אָדער פּאַראַפֿראַזירט אַ ייִדישן, איז געשריבן געוואָרן פֿאַרן ייִדישן און מיר פֿרעגן, וואָס איז דער באַלאַנג פֿון מאַניפֿעסטן ייִדיש־טעקסט, וואָס איז געבויט אויפֿן מאַניפֿעסטן העברעיִש־טעקסט, צום לאַטענטן ייִדיש־טעקסט פֿון וועלכן די פּאַראָדיע, טראַוועסטיע אָדער פּאַראַפֿראַזע איז געבוירן געוואָרן. און אפֿשר וועלן מיר אַפֿילו געפֿינען אַ שליסל צו רעקאָנסטרויִרן כאָטשבי אין כּלל־שטריכן, דעם דובנער מגידס אַ דרשה פֿון ר׳ בעריש פֿלאַמס איבערזעץ אַרויס, מיט דער הילף פֿון די פֿאַר משלים וואָס זענען, העברעיִש און ייִדיש, נאָך פֿריִער דורך אַנדערע פּובליקירט. און מען קאָן דעם שפּאַציר דערפֿירן ביז הײַנט — איך גופֿא, האָב מיך, אין אַ קורס, אָנגעשטויסן נישט בלויז אויף ביאַליקס בעיר ההרגה און שחיטה־שטאָט נאָר אויך אויף שׂמחה בן ציונס ייִדישער מגילת יהודית און העברעיִשער מעשׂה נזירה, יעקב שטיינבערגס ייִדישן דער טויט און העברעיִשן מות הזקנה, ש״י עגנונס ייִדישן טויטנטאַנץ און העברעיִשן דריי־נוסחדיקן אַגדת הסופֿר וכדומה.

און דערלויבט מיר צו פֿאַרענדיקן מיט אַ דבר בשם אומרו: מיט אַ סך יאָרן צוריק האָב איך געהאַט אַ לענגערן שמועס מיט יעקב פֿיכמאַן איבער מענדעלעס צוויי־שפּראַכיקער מייסטערשאַפֿט, און תּוך כּדי דיבור איז אויסגעקומען צו דער־מאָנען פֿרישמאַנס מענדעלע־אָפּשאַץ, האָב איך באַמערקט, אַז ער האָט פֿאַרשפּיצט סיי דאָס קינסטלערישע־אַלצוקינסטלערישע מיט זיין, ביז באַנאַליטעט באַקאַנטן פֿאַרגלײַך מיטן מבול, סיי דאָס מענטשלעכע־אַלצומענטשלעכע אין דער מעשׂה־כּיבוד בײַ מענדעלען אין שטוב — דאָס האַרטע קיכל, וואָס מען האָט עס נישט געקאָנט אײַנבײַסן און מען האָט אין סימן פֿון צאָן דערקענט אַז עס איז דאָס

זעלבע פון פריערדיקן כיבוד, און דאָס גלעזל האַרבע טיי, און מענדעלעס חוזק־זאָג: מישט מישט, אונטן איז דאָס צוקער; בשעת די כוונה איז, אַז אין אונ־טערשטן עטאַזש איז געווען אַ צוקער־סקלאַד. יעקב פיכמאַן האָט צוגעשמייכלט אָבער פלוצעם זאָגט ער: און איך זאָג אייך, אַז אויב פרישמאַן האָט באמת דאָס האַרטע קיכל אָװעקגעלייגט, האָט דער זיידע אויף אים אַ שאַרפן קוק געטאָן, אַליין גענומען דאָס קיכל און עס אַריינגעלייגט אין גלעזל טיי און גוט געמישט. אַז דער צוקער איז טאַקע אויפגעגאַנגען און צעגאַנגען און ער האָט גענומען געשמאַק בייסן און זופּן און געזאָגט: מחיה נפשות. פיכמאַן האָט געמאַכט אַ קליינע פויזע און פאַרענדיקט: אָט דאָס איז די קונץ, דאָס האַרטע קיכל ווייך מאַכן און די האַרבע טיי זיס מאַכן. עס איז אַ משל, און דער נמשל, ווו דאָס האַרטע קיכל מיינט העברעיש און די האַרבע טיי מיינט ייִדיש, ליגט, דאַכט זיך, אויף דער האַנט.

[תשט״ו]

לאַכן איז געזונט

אַ לעקציע ביי דער שלום־עליכם־פייער אין ירושלימער אוניווערסיטעט

מאמר א׳: דריי יסודות

א

דער לוח פון אונדזער וועלטלעכער ליטעראַטור, וואָס שפּייזט די לעצטע דריי דורות, האַלט איצט אין סאַמע אָנווינקען אויף דער הונדערטיאָריקער דאַטע פון אירע שרייבערס. צווישן זיי זענען פאַראַן וואָס זייער געדעכעניש איז גרעסער פון זייער פאַרגעסעניש און פאַראַן פאַרקערט; דען אַנדערש איז די מערכה פון די איצט הונדערטיאָריקע, ווי אחד־העם אָדער בן־יהודה, און אַנדערש איז די מערכה פון זייערע עלטערע חברים, ווי דאָליצקי און טאַוויאָוו; ביי די ערשטע צוויי דאַרף דער לוח בלויז פאַרשטאַרקן זייער לעבעדיקן זכרון, ביי די לעצטע צוויי ווייטער מוז דער לוח באַגייַען זייער פאַרטונקלטן און מאַטן דערמאַן. אַזאַ מין מערכה־ווידעראַנאַנד איז בולט ביים הונדערטיאָריקן פּאָר, די אָבות פון דער יידיש־ליטעראַטור אין אונדזער תקופה, שלום־עליכם און מרדכי ספּעקטאָר; דער ערשטער קאָן דעם לוח לאָזן געמאַך, בשעת דער צווייטער איז אים מחייב מיט דער ראָל פון אַ ברוך מזכיר נשכחים. נאָך מער, עס דוכט זיך, אַז די מערכה פון שלום־עליכם טיילט אים אויס פון אַלע איבעריקע הונדערטיאָריקע, אַזוי אַז מען מעג זאָגן, אַז דער לוח איז נישט אַ גורם, נאָר גיכער אַן אויסרייד פאַר דעם התעוררות, וואָס מיר זענען איצט סיי זיינע עדות סיי זיינע שותפים.

און באמת, האָט דאָך דאָס התעוררות פונעם שלום־עליכם־יאָר נישט באַדאַרפט ערשט באַשאַפן ווערן; עס איז ממילא פאַרזיכערט אין דער לעבעדיקער און באַשטאַנדיקער פאַראינטערעסירטקייט אין זיינע ווערק, וועלכע זענען באַליבט אין פאָלק, אונטער אַלע זיינע שבטים און ביי אַלע עלטער־גראַדן; ווי אַ טייך וואָס ווייס נישט, וואָס גליווערן הייסט, און זיינע וואַסערן פלייצן תמיד, און ווער עס לאָזט זיך איבער זיינע כוואַליעס איז אויך נהנה תמיד, און וואָס עס פעלט אים איז, ער זאָל זיך באַקענען מיטן טייך אין דער גאַנצער ברייט פון זיינע ברעגעס און אין דער גאַנצער טיף פון זיין דנאָ, און זאָל זיך נישט באַנוגענען

מיט דעם שפּילעוודיקן ציטער פון זיין גלאַנציקער שפּיגל־פּלאַך. אוודאי איז אַ יעדע צייט פּאַסיק פאַר דער דאָזיקער קענטשאַפט און איר פאַרשטאַרקונג, כל־שכן די צייט פון יום־טוב, וועלכער איז געוואָרן אַ פאָלק־יום־טוב, און ווערט געפּראַוועט לויט אַ ברייט־פאַרטראַכטן פּראָגראַם. אָבער ווען איז דאָס געזאָגט געוואָרן, אויב דער פּראָגראַם איז לייטיש אויסבאַלאַנסירט, אַזוי אַז ער אויספּיעט צו פאַרענטפערן די טאָפּלטע קשיה, וועלכע מיר האָבן שוין אַ פּאָר מאָל געפּרווט עפנטלעך אַזוי דעפינירן: וואָס האָט שלום־עליכם געטאָן פאַר אונדז, און וואָס טוען מיר פאַר אים. דעם אמת געזאָגט, מוזן מיר מודה זיין, אַז ביז־איצט האָט ער כמעט אַלץ געטאָן פאַר אונדז, און ביז־איצט האָבן מיר כמעט גאָרנישט געטאָן פאַר אים. לעת־עתה זענען מיר אַ חברה, וואָס האָט געקראָגן אַ פעטע ירושה, און מיר זענען נהנה פון איר מיט אַ קאָפּ מי און אַפילו אָן דעם קאָפּ אויך, און אונדזער הנאה איז פונעם גרייטן, און מיר מאַכן זיך נישט וויסנדיק פון דער מעגלעכקייט, אין וועלכער עס פאַרן זיך אַ זכיה און אַ חוב צוזאַמען, די מעג־לעכקייט מקיים צו זיין וואָס איז געבאָטן ביי אַ ירושה, אַ נחלה — לעבדה ולשמרה. לעבדה — כדי מיר זאָלן אויפדעקן וואָס ליגט אין איר פאַרבאָרגן און דאַרף אַנטפּלעקט ווערן; לשמרה — כדי צו קאָנטראָלירן וואָס האָט זיך פון איר פאַרלוירן און דאַרף ווידער געפונען ווערן. כדי די ערשטע מצווה מקיים צו זיין, איז געקומען די איינע פאָדערונג צו דער אינסטאַנציע, וועלכע האָט דעם יום־טוב געמאַכט פאַר אַ זאַך פון מלכות, אונדזער ממשלה — אָן אַקאַדעמיע־אויסגאַב פון שלום־עליכמס אַלע ווערק אין אָריגינאַל; כדי די אַנדערע מצווה מקיים צו זיין, איז געקומען די אַנדערע פאָדערונג צו דער אינסטאַנציע, וועלכע איז באַ־שטימט דעם יום־טוב צו מאַכן פאַר אַ זאַך פון חכמה, דאָס איז אונדזער אוניווער־סיטעט — צו נעמען אויף זיך די אויפגאַב און צו פאַרהעלפן אין איר פאַרש־אַרבעט.

ב

ווי אַ לייכטער רמז צו דער פאָרש־אַרבעט און איר גאַנג, אויפן שטייגער פונעם ווערטל: דער ערשטער ביסן איז נאָר אַן עקבויר, ווילן מיר איצט אויפ־וואַרפן די שאלה, אויב די פאָרש־אַרבעט איבער שלום־עליכם וועלכע איז שוין געמאַכט געוואָרן, סיי אין איר פּשוטערער סיי אין איר קאָמפּליצירטער מדרגה, קאָן אונדז באַפרידיקן, און אויפוואַרפן די תשובה. אַז עס איז שווער צו זען אַ פּאַסיקע פּראָפּאָרציע צווישן דעם עצם לייענען פון זיינע ווערק, וואָס אָקופּירט שטח נאָך שטח, אינעווייניק און אויסנווייניק, און צווישן איר באַלויכטונג, בפרט איר באַלויכטונג מיט פאָרש־אינסטרומענטן. מעגלעך אַז די דיספּראָפּאָרציע לאָזט זיך אויסטייטשן לויטן כלל: המפורסמות אינן צריכות ראיה; אָבער די קשיה,

וואָס איז גורם אַז דער מפורסם זאָל אַזוי מפורסם זיין, ווייט איבער דער ראַם פון זיין צייט און ווייט איבער דער ראַם פון זיין אָרט; וואָס ברענגט דאָצו, אַז ער האַלט אין איין אייננעמען נאָנטע און ווייטע, אין אָריגינאַל און אין איבערזעץ, אָט די קשיה דאַרף אַ ראַיה און ראַיות. און מעגלעך אַז די דיספּראָפּאָרציע וואָרצלט אויך אין דער שאַבלאָנע צו דערמאָנען זיין נאָמען ווי איינעם פונעם באַרימטן דריילינג — שלום־עליכם אין דער מיט, מענדעלע פאַר אים און יצחק לייבוש פּרץ נאָך אים; און עס איז שוין דער דרך־העולם, אַז ווער עס זיצט אין דער מיט ווערט געניזוקט, פּונקט ווי יצחק איז פאַרשלונגען געוואָרן צווישן אַברהם פאַר אים און יעקב נאָך אים, און איז ממילא געוואָרן דער פּראָטאָטיפּ פון דעם וואָס איז נישט מער ווי אַ זון פון זיין פֿירגייער און אַ פאָטער פון זיין נאָכגייער. און מען טאָר נישט די שאַבלאָנע לייכט אָוועקמאַכן, שוין מחמת דעם וואָס אַפילו די כראָנאָלאָגיע הינקט היפּש אונטער; סיי אין פּונקט פונעם אָנהייב: אמת, מענדעלע איז געווען אַ זקן, און דער ניין־און־צוואַנציק־יאָריקער שלום־עליכם האָט אים בפרהסיה מכבד געווען מיט אַ צונאָמען, וואָס אי ער דערווייטערט אי ער דערנענטערט: דער זיידע. אָבער י. ל. פּרץ איז געבוירן געוואָרן פאַר שלום־עליכם; סיי אין פּונקט פונעם סוף: י. ל. פּרץ איז ניפטר געוואָרן פאַר שלום־עליכם און שלום־עליכם איז ניפטר געוואָרן פאַר מענדעלע, אַזוי אַז דער אַנידערשטעל פונעם דריילינג ווי אַ גאַנג פון דריי דורות, ווי עס איז זיך נוהג די שאַבלאָנע, וואַקלט זיך אַ ביסל. אָבער אַזוי ווי מענדעלע איז עס געוואָרן דער תנא־קמא, איז ער ממילא געוואָרן בחינת ספר בראשית, און עס איז אַ קיימא לן, אַז די מפרשים פונעם חומש פאַרנעמען זיך מיט אָט דעם ספר ביז גאָר, און ווערן בעל־כרחו אָפּגעשוואַכט ביי די איבעריקע ספרים פונעם חומש; און בפרט אַז י. ל. פּרץ איז געוואָרן דער תנא־בתרא, און דער שרייבער אין אים האָט זיך אָנגעלענט אויפן פֿירער אין אים און דער צווילינג פון שרייבער און פֿירער איז געוואָרן ווי אַ פּראָגראַם, אַ פּאָן, קלאָרער געזאָגט: אַן אדמו״ר, איז לייכט צו פאַרשטיין, אַז דער וואָס שטייט אין דער מיט, שלום־עליכם, כאָטש ער איז מער עובר־לקורא פון זיי, בישראל ובעמים, ווערט ער ווייניקער פון זיי געפּילנעוועט אין שטח פון שטודיע און פאָרשונג. אָט אַ קליינער משל: יעפים ישורין, דער ענטוזיאַסטישער יידיש־ביבליאָגראַף, האָט אָנגעזאַמלט (ווי מיר האָבן געלייענט אין זיין יובל־בוך) 1581 איינסן איבער מענדעלע, 1766 איינסן איבער שלום־עליכם, 5911 (מיט די פּרעמדשפּראַכיקע אַרבעטן 6765) איינסן איבער י. ל. פּרץ.

נישט ווייניק איז אויך די דאָזיקע שאַבלאָנע גורם דאַצו, אַז שלום־עליכם ווערט נישט באַטראַכט אין זיין גאַנצער ליטעראַרישער אויפטוערישקייט; דען כאָטש עטלעכע שטחים אין איר זענען ווי אַ ביידאַך, לאָזט ער זיך אָן זיי נישט אָפּשאַצן אין זיין פולער מאָס, כל־שכן אין זיין טאָטאַליטעט. מען באַטראַכט נישט, ווי עס

דאַרף צו זיין, דעם דיכטער אין אים — אַוודאי איז זיין לידערשע פּראָדוקציע אַ קאַרגע, אָבער זי איז אַ כאַראַקטעריסטישע, אין איר נאָענטן באַהעפט צום פאָלקליד, און עס איז גאָרנישט קיין צופאַל, וואָס גינזבורג־מאַרעק האָבן אין זייער זאַמלונג אַריינגעשטעלט זיין וויגליד, באַטראַכטנדיק עס ווי אַ ליד פון אַן אַנאָנים, וועלכעס איז געוואָרן אַ פאָלקליד, און עס איז דאָך טאַקע אַ פאָלקליד ממש. מען באַטראַכט נישט, ווי עס דאַרף צו זיין, דעם קריטיקער אין אים — אַוודאי איז זיין פּאַמפלעט קעגן שמ״ר געוואָרן אַ שם־דבר, וואָס אַלע קענען דעם שם, דעם נאָמען, אָבער כמעט קיינער קען נישט דעם דבר, די זאַך; אַ פּאַמפלעט וואָס האָט נישט בלויז באַשטימט דעם גורל פון יענעם ווונדערלעכן נאַראַטאָר אין זיין צייט, נאָר אויך פאַרשפאַרט דעם וועג פאַר רעוויזיע־פּרוּוון, והראַיה אַלע פּרוּוון, און צווישן זיי אויך פון מיין ווייניקייט, האָבן לעת־עתה גאָרנישט געפועלט. מען באַטראַכט נישט, ווי עס דאַרף צו זיין, דעם רעדאַקטאָר אין אים — אַוודאי דערמאָנען אַלע זיין „יודישע פאָלקס־ביבליאָטעק״, אָבער ווי ווייניק ווערט אַרויסגעהויבן דער באַזונדערס וואָגיקער פאַקט, אַז אין יענער רעדאַקטאָרשאַפט האָט זיך צום ערשטן קלאָר דעמאָנסטרירט דאָס אייגן־באַוווסטזיין פון דער מאָדערנער ייִדיש־ליטעראַטור, וועלכע פאַרמאָגט איר אייגענע געשיכטע — האָט ער דאָך געדרוקט ייִדיש־חיבורים פון פאַרשטאָרבענע שרייבער: יצחק בער לעווינזאָן, אליעזר הכהן צווייפעל; האָט ער דאָך אויפגעמונטערט צו באַנייען זייער שרייבן יצחק יואל לינעצקין און שאַצקעסן, וואָס האָבן געהאַלטן אין פאַרגעסן ווערן און זענען אויך פאַרגעסן געוואָרן ביי זייער לעבן; האָט ער דאָך געבראַכט גאָטלאָבערס זכרונות איבער דער חברה ייִדיש־שרייַבערס, ווי מענדל לעפין און סוחיסטאַווער, שלמה עטינגער און אַלכסנדר צעדערבוים, חייקל הורוויץ און ישראל אַקסענפעלד, און אַנדערע; האָט ער דאָך פריי געמאַכט אַ גרויסע סאַליע פאַר מענדעלען און אַ קליין ווינקל פאַר צונזערן; און דער עיקר, האָט ער דאָך צוגעצויגן נייע כוחות, צווישן וועלכע עס איז בולט י. ל. פּרץ, וואָס האָט דאָ געמאַכט זיינע ערשטע דרייסטע און אָריגינאַלע טריט אין רשות־הרבים.

עס איז איבעריק צו זאָגן, אַז דער אַוועקשטעל פון שלום־עליכם ווי אַ שאַפער, וואָס זיין עיקר איז דער דערציילערישער כוח, איז גרייַלעך גערעכט, אָבער דאָס הייסט נישט, אַז מיר זענען נישט מחוייב אים צו דערקענען פון אַלע זייטן, און דאַרפן זיך נישט באַמיִען אַרום אים, ווי מיר באַמיִען זיך אַרום דעם ערשטן און בפרט דעם לעצטן פונעם דריילינג. דען איצט, ווער עס וויל דערקענען שלום־עליכם אין זיין שאַפערישער טאָטאַליטעט, קאָן דאָס נישט מאַכן אויפן יסוד פון זיינע געזאַמלטע כתבים, און אַלע זייערע אויסגאָבן, דען זיי אַנטהאַלטן נאָר זיינע דערציילונגען (און זיי אויך נישט בשלימות) און דראַמעס.

ג

אַבער דער עיקר־טעות, וואָס שלעפט זיך נאָך דער דריילינג־שאַבלאָנע, איז דאָס, וואָס זי סטימולירט אונדז צו מיני פאַרגלייכן צווישן אים און די אַנדערע צוויי, בשעת דער צד־השווה צווישן זיי איז בלויז אין דער בולטקייט, דריי הויכע דעמבעס אינעם ייִדיש־וואַלד, בשעת דער צד השונה איז גרויס ביז גאָר; און קודם־כל איז אַנדערש דער ייִחוס־בריוו, סיי אין באַצי פון אים צו זיי און סיי אין באַצי פון אים צו זיך אַליין. אויב מיר זאָלן משפטן לויטן סובסטראַט פון זייער שרייבן, טרעט די אַנדערשקייט אַרויס קלאָר און שאַרף: מענדעלעס דערציילערישקייט איז אָפגעגרענעצט צייטלעך און אָרטלעך, אין תחום־המושב, פון וואַנעט זי רירט זיך נישט אַרויס, און דער פרווו זיך אַ ריר צו טאָן איז מעשׂה מסעות בנימין השלישי, וועלכנס פאַנטאַזיע לאָזט אים אַוועק העט־העט ווייט אין די מרחקים, אָבער זיין ווערקלעכקייט שלעפט אים צוריק צו זיין ווינקל; און אויב מיר זאָלן אָפהיטן די פליכט נישט אַריינצודרשענען אין אים וואָס איז אין אים נישטאָ, און מיר זאָלן אויסנוצן דאָס רעכט אַרויסצודרשענען פון אים וואָס עס איז אין אים יאָ דאָ, איז עס דאָך אַ סאַטירע אויפן פאַרלאַנג איבערצואַנדערשן דעם גורל פונעם פאָלק אויף דער וואַנדער־ליניע. י. ל. פרצס דערציילערישקייט איז אויך אָרטלעך און צייטלעך באַגרענעצט, דער אָרט גייט נישט אַריבער די גרענעצן פון פוילן און איר אַרום, די צייט שפרייט אַ ביסל אויס איר גרענעץ, וואָס מען רופט דער נאָנטער עבר, דורכן אַריינגלידערן אַ פאָר קרייז־פונקטן פון חסידות, דער לעצטער גרויסער קאָלעקטיוו־באַוועגונג אין גלות. שלום־עליכמס דערציילערישקייט ווייטער איז באַהעפט אין זיין צייט, אָבער אָרטלעך באַוועגט זיך אויף דער דינאַמישסטער ליניע פון ייִדישן קיום אין די לעצטע דורות, אויף דער וואַנדער־ליניע, אַזוי אַז זיינע דערציילונגען וואָרצלען אין אוקראַיִנע, אָבער צעצווייגן זיך איבער אַ פאָר גלות־לענדער, און דערגרייכן ביז אַמעריקע.

ווער עס קוקט זיך איין אין דער ייִדיש־פראָזע, אין וועלכער די וואַנדער־ליניע, אַריבער אָרט און אַריבער צייט, איז דער צענטער פון חיזות, און זוכט איר קערן ביים קלאַסישן דריילינג, געפינט ער אים פאַקטיש בלויז ביי שלום־עליכם. דאָס וואָס אַלע דריי האָבן נישט געזען ירושלים מיט זייערע אייגענע אויגן, און דער עלטסטער צווישן זיי איז געשטאָרבן אין אָדעס און דער ייִנגערער פון אים אין וואַרשע און דער ייִנגסטער אין ניו־יאָרק, איז נישט בלויז אַ ביאָגראַפישע עובדא. אָבער אויב מיר האָבן געזען, אַז שלום־עליכם איז אין דערציילערישן סובסטראַט פירויסגעלאָפן דעם וואָס איז געווען פאַר אים און דעם וואָס איז געווען נאָך אים אין דריילינג, אַזוי אַז ער איז עס דער אַנטוויקל־קערן פון דער פראָזע לצד דעם אַרומנעם פון אַ פילפנימדיקייט פון ערטער און צייטן, מוזן מיר אָבער אויך באַמערקן, אַז אין דערציילערישן

שטייגער איז ער אַ צוריקטריט פאַר זיי, און דער כוח פון דעם צוריקטריט איז אים בײַגעשטאַנען ביי זיין געגליקטן אויפטו. ווער עס קוקט זיך איין אין דערציייל־שטייגער פון מענדעלע און פּרץ, זעט זיי ווי פּראָטאָטיפּן פון צוויי עיקרדיקע פּראָזע־דרכים, מיט וועלכע עס צייכנט זיך אויס די ייִדיש־ליטעראַ־טור — די בהרחבה־דערציילעריי פון מענדעלע איז די גרונטהיים פון אַ פּראָזע־אַנטוויקל, אין וועלכן דער ראָמאַן, בפרט אין זיין רעאַליסטישער קריסטאַליזאַציע, איז דער עיקר; די בצימצום־דערציילעריי פון פּרץ איז די גרונטהיים פאַר אַ פּראָזע־אַנטוויקל, אין וועלכן די נאָוועלע, בפרט אין איר פּסיכאָלאָגישער קריס־טאַליזאַציע, איז דער עיקר; פּונקט ווי ביידע, מיט זייערע פאַרשיידענע יסודות, שפּייזן שרייבער, ביי וועלכע די דאָזיקע יסודות האָבן זיך פאַראייניקט אין פאַרשיידענע מיש־פּראָפּאָרציעס, און אָט די מיש־פּראָפּאָרציעס זענען דאָך די געשיכטע פון דער ייִדיש־פּראָזע, סיי פון סאָרט אַש און אָפּאַטאָשו, סיי פון סאָרט בערגעלסאָן און נסתר, וכדומה. שלום־עליכם ווידער, כאָטש ער האָט געשריבן ראָמאַנען, און אַפילו גרויסע דאַצו, און אויך נאָוועלן, זענען זיי נישט דער עיקר אויפטו זיינער, אַדרבה, כאָטש זיי זענען ווי צעוואָרפענע סטאַציעס אויף דעם שליאַך פון זיין שאַפערישקייט, שטעקט דאָך דער עיקר נאָך די סטאַציעס און צווישן זיי — מאָנאָלאָג, בריוו, קאָמעדיע.

נאָך מער, מען מעג זאָגן, אַז שלום־עליכם האָט זיך אַ פּאָר מאָל צוריק־געווענדט צום ראָמאַן און צו דער נאָוועלע, ווי איינער וואָס קערט זיך צוריק צום וועג, וואָס ווערט באַטראַכט ווי די לעגיטימע אַנטוויקל־ליניע פון דער ייִדיש־פּראָזע, אָבער ער נייגט אַלע מאָל אָפּ פון דעם וועג, און לאָזט זיך אויף יענע דריי שטעגן, די דריי יסודות, אין וועלכע עס האָט זיך אַנטפּלעקט דער כח פון זיין אָריגינאַליטעט און די אָריגינאַליטעט פון זיין כוח; אין וועלכן עס האָט זיך אַנטפּלעקט ער גופא. און דער עיקר: אין די אַלע דריי יסודות קערט ער זיך אום צו דעם, וואָס איז געווען פאַר דעם ראָמאַן און פאַר דער נאָוועלע אין דער ייִדיש־ליטעראַטור אין די לעצטע דורות; ער כאַפּט אויף פאַרוואָרפענע פעדעם און שפּינט זיי ווייטער. און וואָס איז נאָך וויכטיקער: כאָטש ער שפּינט ווייטער, איז עס נישט סתם המשך, נאָר אַ באַניי, אַפילו אַן איבערקער.

ד

וואָס האָט דאָס באַוויגן שלום־עליכמען זיך אומצוקערן צו די דריי יסודות — איז אַ קשיה, וועלכע קען נאָר פאַרענטפערט ווערן מיטן פאַרענטפער פון אַן אַנדערער קשיה: פאַר וואָס האָט ער זיך נישט געפונען אין ראָם פון ראָמאַן און נאָוועלע. און דער פאַרענטפער ליגט אין כאַראַקטער פון די צוויי סאָרטן, בפרט

לויט זייער אַנטוויקל־מדרגה צו יענער צייט, דער כאַראַקטער פון אַ סעלעק־ציון צוגאַנג צו די מאַטעריאַלן פונעם לעבן, אַ צוגאַנג וואָס איז מחייב דעם שרייבער צו נעמען נאָר דאָס, וואָס איז מסוגל צו באַדינען די האַנדלונג און דעם פּערזאָנאַזש אין זייער פּאַרוועבטקייט. עס איז גענוג אַ קליינער קאָנטראָל אין שלום־עליכמס ראָמאַנען און נאָוועלן, מיר זאָלן דערזען, ווי ווייט דער דאָזיקער צוים ווערט דורכגעריסן און איינגעריסן; משמעות די מאַטעריאַלן פון לעבן וואָס זוכן אין דערציילערישן גאַנג אַן אויסדרוק פאַר זייער קאַלעידאָסקאָפּישן אויפברויז וואַרפן ממילא אָפּ אַ יעדע גרעבליע, וואָס וויל פאַרשפּאַרן זייער שטראָמיקייט. שלום־עליכם האָט באַדאַרפט פאַרמען, וווּ די דאָזיקע גרעבליעס זענען בטל אָדער מינימאַל — און עס איז איבעריק צו זאָגן, אַז דער מאָנאָלאָג איז אַ פריי־בריוו פאַר דער גיר פון שמועס, וועלכער בויט דעם עצם־הסיפור פון זיין פרייקייט אַרויס, אַ פרייקייט וואָס אירע גרענעצן ווערן באַשטימט לויט דער וועלט, דעם כאַראַקטער און די באַדערפעונישן פונעם שמועסער. מיר האָבן געזאָגט: פונעם שמועסער, און מיר זענען מחויב צו זאָגן: פון די שמוע־סערס, ווייל דער מאָנאָלאָג האָט דערמעגלעכט שלום־עליכמען צו דערגרייכן וואָס ער האָט געוואָלט און וואָס ער האָט געקענט — די פולקומענע אידענטי־פיקאַציע מיט אַ גרויסער, פיל־געשטאַלטיקער וועלט פון נפשות, אַזוי אַז ער לעבט און באַלעבט אַן עולם ומלואו, און אַלץ צוליב זיין געשטאַלטונג־תאווה, וואָס איר פּראָגראַם־מינימום איז דאָס טיפּאָלאָגישע מאַקסימום, און איר פּראָג־ראַם־מאַקסימום איז דאָס טאָטאַלע מינימום, בשעת דער קינסטלער באַמיט זיך דורכצופירן זיין טאָפּעלן פּראָגראַם, און דער אופן פון דורכפיר איז איינס פון די רעטעענישן און וווּנדער פון זיין טאַלאַנט.

דער מאָנאָלאָג איז ביי אים אַ שטיק ירושה — די ירושה פון דער השׂכלה־ליטעראַטור. ווער עס וועט אַ מאָל שרייבן די געשיכטע פון דעם השׂכלה־מאָנאָלאָג, וועט אויך אויפקלערן די פאַרבינד־ליניעס און בעיקר די אָפּטייל־ליניעס צווישן דעם מאָנאָלאָג פון די משׂכּילים, וואָס האָט זיי געדינט פאַר אַ תכליתדיקן אינסטרומענט — בעיקר איז, ווי באַוווּסט, דער מאָנאָלאָג פון יענעם, וועלכן דער משׂכּיל האָט געוואָלט אויסלאַכן, און ער האָט אים אויסגעלאַכט, לאָזנדיק אים דערציילן זיך אַליין, און זיין דערצייל־גאַנג איז כביכול פון אַ מסיח לפי תומו, נאָר דער משׂכּיל האָט דעם תמס תמימות געטריבן ביז צום אַבסורד, און דאָ איז די באַהאַלטענע שפּאָט־נאָדל אַרויס פונעם פּלוידעריזאַק, און האָט דעם פּלוידערער צעשטאָכן ווי אַ רעשעטע. אויב איך מעג ברענגען ווי אַ משל מיינע צוויי לאַנדסלייט (האָט עס דאָך טרייטשקע געזאָלט זאָגן: אַללע יודן שטאַממען אוס בראָדי) וועל איך דערמאָנען, אַז לעבן דעם רייכן גאָרטן פון מאָנאָלאָג — און זיין פּראָמינענטסטע דוגמה איז דער „גלגול נפש” פון איציק

ערטער, איז אויך געווען אַן אָרעמע בייט פון מאַנאַלאַג — און אַ בולטע דוגמה איז דער לייסטער לידער פון בערל בראָדער, ווו אַ יעדעס ליד הייבט זיך אָן: איך אָרעמער, און יעדער איך האָט אַן אַנדערע מלאכה אָדער עובדא, ביז עס ווערן אויסגעשעפּט אַלע טיפּישע פּרנסות אין דער ייִדישער גאַס און אין איר אַרום. משמע אַז לעבן דעם סאַטירישן מאַנאַלאָג איז אויך געווען אַ נאַיִווער מאַנאַלאָג, און דאָ און דאָרט זענען געמאַכט געוואָרן פּרוּוון פון אידענטיפיקאַציע, נאָר בשעת דער ערשטער האָט עס געמאַכט צוליב אַן אידעאָלאָגישער תוכחה, האָט עס דער לעצטער געמאַכט מחמת אַ סאָציאַלן ווייטיק. דער צוזאַמענשמעלץ פון דורכגעטראַכטן קינסטלערישן כוח, ווי ער האָט זיך אַנטפּלעקט ביי ערטערן און זיינע נאָכגייער און פון דעם נאַיִוון פאָלקישן כוח, ווי ער האָט זיך אַנט־פּלעקט ביי בערל בראָדער און זיינע נאָכמאַכער, איז נאָר אַ טייל פון די קאָמ־פּאָנענטן אין שלום־עליכמס מאַנאַלאָג. ווו די אידענטיפיקאַציע מיט דער מענ־טאַליטעט פונעם שמועסער איז אַ תכלית־פאַר־זיך און אַן אַבסאָלוטע. פאַרשטייט זיך, אַז ווען מיר רעדן מכוח מאַנאַלאָג, זענען מיר מחויב צו געדענקען, אַז מען מיינט מאַנאַלאָגן, וועלכע צעפאַלן זיך אין כלערליי קאַטעגאָריעס — אָט איז אַ מאַנאַלאָג ווי, למשל, „געבדז", ווו די געגנדזלערקע דערציילט מעשה־געגנדז, אַזוי אַז אויך אירע דיגרעסיעס פונעם עצם־הסיפור קייטלען זיך אין אים איין; און אָט איז אַ מאַנאַלאָג ווי, למשל, „דאָס טעפּל", ווו דער דערצייל־צענטער איז נאָר אַן אָנשפּאַר, אַפילו אַ מין אויסרייד, צו דעם דערציילנדיקן אַסאָציאַטיוון פלייץ פון דער באַריידעוודיקער ייִדענע, און אָט איז ווייטער אַ מאַנאַלאָג ווי, למשל, „חנוכה־געלט", ווו די דערצייל־טעמע איז נאָר אַ ראַם צו דערקענען אַ פולקומענע טיפּאָלאָגיע פון אַ פּיל־גלידערדיקער משפּחה, אַזוי ווייט אַז דער, אין כמות נישט איבעריק גרויסער מאַנאַלאָג, איז ווי אַ מיניאַטור־ראָמאַן פון אַ צעצווייגטער גרופּע פון הויזגעזינדן. לייכט צו פאַרשטיין, אַז אַ מאַנאַלאָג ווי „מאַטיל פּייסי דעם חזנס", פון דעם דערציילערס טייערסטע ווערק, דערוועקט דעם חשק אים צו פאַרגלייכן צו יענעם באַזונדערן מאַנאַלאָג, די אויטאָביאָ־גראַפיע „פונעם יריד". און אויב מיר זאָלן זיך איצט צוריק ווענדן צום קערן, צום משכילישן מאַנאַלאָג, מעגן מיר זאָגן, אַז מיר האָבן פאַר זיך אַ ירושה, וואָס האָט, אויפן וועג פון איבערקער, דערלעבט אַ תיקון.

ה

וואָס עס איז געזאָגט געוואָרן וועגן מאַנאַלאָג, דאַרף אויך געזאָגט ווערן וועגן בריוו — עס איז אַ פאַרשפּרייטער און באַקאַנטער ליטעראַטור־סאָרט און זיינע השפּעות קענען קומען פון כלערליי צדדים, אָבער דער שלום־עליכמשער בריוו טייט בפירוש אַן אויף זיין היימישן ייחוס — אַלע סימנים באַווייזן, אַז

דער אַנשפּאַר זײַנער איז געװען אין יענער פֿאָרעם פֿונעם ליטעראַרישן בריװ, װעלכן עס האָבן אױסגעהאָדעװעט זײַנע ייִדיש־פּירגײער, פּונקט װי אַלע סימנים באַװײַזן, אַז זײער אַנשפּאַר איז געװען אין יענער פֿאָרעם פֿונעם ליטעראַרישן בריװ, װעלכן עס האָבן אױסגעהאָדעװעט די ערשטע משׂכּילים, אָנגעהױבן פֿונעם המאסף, װוּ עס האָט זיך געדרוקט אַ פֿיקטיװ בינטל בריװ צװישן אַן אַלטמאָדישן און צװישן זײַן זון, װעלכער לאָזט זיך איבער כּמה לענדער, און װאָס ער זעט און הערט פֿאַרהעלפֿט אים אײַנצורײסן דעם טאַטנס נוסח; דורך די שפּעטערע משׂכּילים און אין זײער שפּיץ, פֿאַרשטײט זיך, יוסף פּערל אין זײַן מגלה טמירין, װעלכער יאָגט זיך נאָך און דערגרײכט אױך אין זײַן פּעקל־בריװ דעם זעלבן ציל, אַ װעלכן עס האָט נאָכגעיאָגט און דערגרײכט ערטער אין זײַן פּעקל מאַנאָלאָגן; ביז די לעצטע משׂכּילים, בײַ װעלכע דער בריװ װאַקלט זיך שױן צװישן סוף־טענדענציע און אָנהײב־שפּילערײַ. עס װעט פֿאָדערן אַ לײַטיש שטיק פֿאַרשאַרבעט, כּדי צו דערגאַנצן די קײט פֿון השפּעות, װעלכע פֿירן פֿון דעם ייִדיש־נוסח פֿונעם מגלה טמירין, װאָס איז געװען פֿאַרגראָבן אין כּתב־יד, צו װעלכן נאָר געצײלטע האָבן זיך געקענט צורירן, און פֿון דעסטװעגן טראָגן די שפּעטערע ייִדיש־בריװ קלאָרע סימנים פֿון אָט דעם פֿאַרגראָבענעם כּתב־יד; ביז צום שלום־עליכמשן בריװ. לעת־עתּה איז גענוג, אַז װאָס עס איז געזאָגט געװאָרן װעגן זײַן מאָנאָלאָג, דאַרף אױך געזאָגט װערן װעגן זײַן בריװ — דער יסוד זײַנער שטעקט אין כּוח פֿון אידענטיפֿיקאַציע, פֿאַרשטײט זיך, לױט דעם פֿאַרבײַט פֿון תּורה־שבעל־פּה אױף תּורה־שבכתב און דער סוד זײַנער שטעקט אין טאָפּל־פּלײט־שפּיל, דען דאָרט װוּ מיר האָבן פֿאַר זיך אַ בריװ־דיאַלאָג, מעשה מנחם מענדל און שײנע שײנדל, קומט עס צו אַ טאָפּלער אידענטיפֿיקאַציע — צװײ געשלעכטער, צװײ פֿאַרשױנען, צװײ כאַראַקטערן, צװײ סביבות, בשעת אַ יעדער קאָמפּאָנענט אַקטיװיזירט די פֿולע ברײט פֿון זײַן אײגענעם אױסדרוק, װי עס דערמעגלעכט אַ בריװ, װאָס איז סוף־סוף אַ געשריבענער מאָנאָלאָג. צו אונדזער באַדױער האָבן זיך דערהאַלטן גאָר װײניק אױטענטישע ייִדיש־בריװ, בפֿרט פֿון עלטערע תּקופֿות, אַזױ אַז מיר זענען נישט בייכולת צו־זאַמענצושטעלן אַן אױסגעסדרטע געשיכטע פֿון אונדזער בריװ־קולטור, אָבער אױף װיפֿל מען קאָן, אױפֿן גרונט פֿונעם אָפּגעהיטענעם מאַטעריאַל, זיך אָפּ־שטעלן אױף דעם אַרײַנריס פֿונעם לעבעדיקן, צאַפּלדיקן שמועס אין דער אָרעמער, פֿאַרגליװערטער סכעמע אַרײַן און זײַן אַרױסריס פֿון איר, האָט דאָך דער בריװ, אין אַלע דורות, געגאַרט נאָך אַ קונסט־אױסדרוק, ביז ער האָט אים געקראָגן בײַ שלום־עליכם; און כאָטש מיר װײסן נישט, צי האָט ער געפּאָרשט אָדער גענישטערט אין דעם ליטעראַטור־סאָרט און זײַן געשיכטע, מעגן מיר זאָגן, אַז אױב ער האָט נישט געזוען, האָט עס זײַן ליכטיקער מזל דערזען. און

אויף איצט וועלן מיר זאָגן, אַז מיר האָבן פאַר זיך אַ ירושה וועלכע האָט אויפן וועג פון איבערקער, דערלעבט אַ תּיקון.

און אַחרון אַחרון — די קאָמעדיע, וועלכע באַדאַרף נישט קיין איבעריקע ראַיות, מיר זאָלן זי באַטראַכטן פאַר אַ ירושה, בפרט פאַר אַ ירושה פון דעם יידיש־קאַפּיטל אין דער השׂכּלה. אַדרבה, זי איז אַ גאַר בולטע ירושה — די השׂכּלה־ליטעראַטור האָט דאָך, אינעם תּחום פון דער דראַמע, אַזוי ווי אָפּגעהיטן אַ פונקציאָנאַלן שפּראַכלעכן אויפטייל: די טראַגעדיע — העברעיש; די קאָמעדיע — יידיש. און ווי באַוווּסט, האָבן דאָך די ערשטע משׂכּילים געשריבן זייערע יידיש־קאָמעדיעס על־פּי אַ סטראַטעגיע פון ויגזול את החנית מיד המצרי וימיתהו. דאָס יידיש־לשון, וואָס די חבֿרה האָבן איר כּלל נישט נוהג כּבֿוד געווען, איז דאָ אויפגעפּאַדערט געוואָרן מקיים צו זיין יכה יוסי את את יוסי; בשעת זייערע נאָכגייער האָבן זיך שוין געוואַקלט, און די מאָס קונסט, וועלכע זיי האָבן אַזוי־ווי נישט־אומיסטנע אַריינגעלייגט אין זייערע יידיש־פּראָדוקציע, לאָזט זיך נישט אַנדערש אויסטייטשן ווי דורך אַ טאָפּל־שטעל צו דער דאָזיקער שפּראַך — אַן אָפענער דרויסנדיקער אָפּשטויס און אַ באַהאַלטענער אינעווייניקסטער צוצי; ווייטער די גאָר לעצטע משׂכּילים שטייען שוין ממש אויפן באָדן פון יידיש, אויב נישט לשמה, איז כּמעט ווי לשמה. אַוודאי איז די טענדענציע פון דער משׂכּילים־קאָמעדיע נישט געווען אַנדערש פון דער טענדענציע פון זייער מאַנאָלאָג און זייער בריוו; אַדרבה, די דאָזיקע טענדענציע איז דאָ דורכגעפירט געוואָרן אויף אַ באַזונדערן אופן, וועלכער לאָזט זיך בתּמצית אַזוי דעפינירן: וואָס נעגאַטיווער די פיגור, פון דער משׂכּילישער אידעאָלאָגיע אַרויס געזען, אַלץ געדיכטער איז דאָס אידיאָמאַטישע עשׂרות פון זיין יידיש־שמועס. אַזוי פאַרשטייט זיך, איז דער דין ביי די מחברים, וועלכע האָבן זייער גאַנצע קאָמעדיע געשריבן יידיש, למשל, די אַנאָנימע גענאַרטע וועלט, וועלכע איז פאַרגעסן געוואָרן און אונדזער צייט איבערגעדרוקט געוואָרן; אָבער נישט אַזוי איז דער דין ביי וואָלפזאָן און אַפילו ביי עטינגער, דען ביי זיי רעדט דאָך די פּאָזיטיוויסטע פיגור אַ ליטעראַרישן דייטש. עס וואָלט זיך געלוינט נאָכצוגיין, אין מאָפּוס עיט צבֿוע, ווי אַזוי עס פאַרטיילט זיך דאָרט אין דיאַלאָג נוסח־מליצה און נוסח־חז״ל, לויט דעם דאָזיקן פונאַנדערטייל, וועלכער וואַרפט אויף אַ פּאַראַלעל: ליטעראַריש דייטש — תּנך־לשון, אידיאָמאַטיש יידיש — משנה און גמרא־לשון; און עס איז זייער אַ כאַראַקטעריסטישער פונאַנדערטייל.

אַז די דאָזיקע משׂכּילישע ירושה, די קאָמעדיע־ירושה, אַזוי־ווי די גאַנצע משׂכּילישע יידיש־ירושה, האָט געדינט דעם היפּוך פון איר טענדענציע, ווערט געווינטלעך דערקלערט ווי אַ קאַטאָוועס פונעם מלאך, וועלכער איז ממונה איבער דער דיאַלעקטיק, אָבער פּראָסט און פּשוט גענאָגט, האָבן זיך דאָך די

דאַזיקע אויפטועז, צוגלייך מיט די איבעריקע אויפטועז פון די משכּילים, אייג־
געגלידערט אין לעבנס־שטייגער פון די פּאָלקסמאַסן, וועלכע האָבן די השׂכלה
אַנגענומען נאָר בתּנאַי פונעם קאָלעקטיוו־קיום, וואָס איינער פון זיינע פאַרבינד־
יסודות איז זייער גערעדטע שפּראַך. ווי־אַרום עס האָבן זיך פאַרוואַלגערט די
כּתבֿ־ידן פון די קאָמעדיעס, וועלכע זענען געשאַפן געוואָרן אין סאַמע אָנהייב
פון דער השׂכּלה און אין המשך, ווי־אַרום זיי האָבן אומעטום, ווו זיי האָבן
זיך פאַרוואַלגערט, אויסגעצייטיקט פרישע און שיינע פּירות, ביז צו די קאָ־
מעדיעס פון אַקסענפעלד און מענדעלע, איז אויך איינס פון די פּאַרש־רעטעניש,
וועלכע וואַרטן נאָך אויף זייער באַשייד. איצט איז פאַר אונדז וויכטיק, אַז
שלום־עליכם איז אַרויף אויפן שטעג פון דער קאָמעדיע און האָט זיך באַמיט
זי אויסצובויען, כּדי זי צו מאַכן אַ ספּעקטאַקל, ווי עס איז מעגלעך געווען אין
דער אויפבלי־צייט פונעם יידישן טעאַטער, בשעת ער האָט זיך געריסן צום
קינסטלערישן באַרג־אַרויף; און מיט דעם עצם־ספּעקטאַקל האָט ער פאַרגאַנצט
דאָס שליחות פון דער קאָמעדיע־ירושה. דען אויב די משׂכּילישע קאָמעדיע האָט
זיך אין איר אָנהייב. באַנוצט מיט פאָלקס־עלעמענטן קעגן אַ גרויסן טייל אָדער
קעגן דעם גאַנצן אָדער כּמעט קעגן גאַנצן פאָלק, איז צום סוף, אין דער שלום־
עליכם קאָמעדיע, די אינקאַרנאַציע פונעם פאָלק אַליין. ווער עס שטעלט זיך
פּרטימדיק אָפּ אויף זיין קאָמעדיע, זעט בחוש ווי ווייט זי איז אים געווען אַ לעב־
בעדיק באַדערפעניש — עס האַנדלט זיך נישט אין אַ פּשוטן משל: דער צד
השווה צווישן זיין גרויסן ראָמאַן דער בלוטיקער שפּאַס און צווישן דער דראַ־
מאַטיזאַציע שווער צו זיין אַ ייִד; עס האַנדלט זיך אין קאָמפּליצירטע משלים,
אַ שטייגער דער ראָמאַן סענדער בלאַנק וואָס זיין טעמע איז אַ מעשׂה מיט
אַ רייכן טאַטן, וועלכער ווערט קראַנק און ווי זיין הויזגעזינד דערזעט אים
אַ נוטה־למות אַנטפּלעקן זיי זייער אמתן פּרצוף, אָבער ער ווערט געזונט און
וואַרפט זיי דעם אמת אין פּנים אַריין; אַ גרונט־אידעע, וועלכע איז מגולגל
געוואָרן אין דער באַוווּסטער קאָמעדיע דאָס גרויסע געווינס, מיט אַ פּאַסיקן
איבערבייט פון די קאָמפּאָנענטן — נישט אַ פיקטיווע טויטקרענק, נאָר אַ פיק־
טיוו לאָטעריע־געווינס איז דער נסיון, אין וועלכן דעם שניידערס הויזגעזינד
און זיין אַרום ווייזן אַרויס דעם אמתן פּרצוף; און ווער עס וועט זיך באַמיִען
צו פאַרגלייכן דעם צד השווה און דעם צד השונה צווישן ראָמאַן און קאָמעדיע,
וועט ממילא פאַרשטיין, אַז נישט בלויז די צייט צווישןביידע ווערק, אין וועלכער
עס האָט אויסגעצייטיקט דעם קינסטלערס טאַלאַנט, האָט געטאָן אירס, נאָר דער
אַנדערער צוגאַנג און דער אַנדערער אַנטוויקל, וועלכע זענען אַרויסגעוואַקסן
פונעם אַנדערן שרייב־סאָרט, האָבן געטאָן זייערס — זיי האָבן דאָס בעצם פאַר־
זיכערט די קינסטלערישע מדרגה פון דער קאָמעדיע. און אויב מיר וועלן גע־

דענקען, אַז שלום־עליכם האָט אויפגעהאָדעוועט די קאָמעדיע זיינע אויף און מיט דער בעסטער היימישער טראַדיציע, בפרט אין צוזאַמענטרעף פון דער ליטעראַרישער קאָמעדיע־ירושה און דער פּורים־שפּיל־נחלה און אירע טעמעס, און אויב מיר וועלן ווייטער געדענקען, אַז ער האָט זי אַזוי אויפגעהאָדעוועט, בשעת די דראַמע האָט זיך געפונען אינעם איבערגאַנג לצד דער רעאַליסטישער דראַמע פון איין זייט און לצד דער סימבאָליסטישער דראַמע פון דער אַנדערער זייט, וועלן מיר ערשט פאַרשטיין וויפל כּוח עס געהער זיך צוצוהערן צו זיין אייגענעם כּוח, און אויפצוכאַפּן אַ פאַרוואָרפענעם פאָדעם און אים ווייטער שפּינען, אַזוי אַז וואָס עס איז געזאָגט געוואָרן וועגן מאַנאַלאָג און וועגן בריוו, דאַרף אויך געזאָגט ווערן וועגן דער קאָמעדיע — מיר האָבן פאַר זיך אַ ירושה וועלכע האָט, אויפן וועג פון איבערקער, דערלעבט אַ תּיקון.

צום סוף־חשבון דאַרפן מיר אויך געדענקען און דערמאָנען, אַז דאָס גע־רעדטע יידיש־לשון, פונקט ווי דאָס מזל האָט אים צוגעשפּילט אין לעבן, און עס האָט תּמיד געשפּאָנט מחייל אל חייל, אַזוי האָט עס דורי דורות נישט געהאַט קיין מזל אין דער ליטעראַטור, מחמת אירע צוויי אַנדערע שפּראַכן האָבן זי פאַרקאָנקורירט, די שרייבשפּראַך און די טייטששפּראַך; זיי האָבן דאָס פאַר־שמאָלערט איר וועג צום דרוק און אין דרוק. זענען געקומען די משׂכּילים און האָבן אונטערגעכאַפּט די שמועסשפּראַך, כּדי זי אַקוראַט נאָכצומאַכן, צוליב זייער צוועק, און זיי האָבן דאָס איר, אין די לעצטע דורות, געגעבן דעם ערשטן לייטישן באַפריי אויפן קינסטלערישן שטייגער; פאַרשטייט זיך, פון זייער סברה אַרויס, אַז דאָס איז נאָר אויף־דערווייל און די דרכים פון דעם נישט־בכּוונה באַפריי זענען געווען דער מאַנאַלאָג, דער בריוו, די קאָמעדיע; זענען געקומען זייערע יורשים און האָבן דעם אויף־דערווייל סטאַביליזירט און אַזוי האָט דאָס פאָלק נישט בלויז אין לעבן, נאָר אויך אין דער ליטעראַטור, געהאַט אַ מויל צום האַרצן גלייך, ביז עס איז געקומען דער גרעסטער פאָלק־קינסטלער, און האָט זי געלאָזט ריידן פונעם פולן האַרצן.

ו

עס איז באַקאַנט אבן־עזראַס זאָג, אַז נישט יעדער שליח איז אַ נביא אָבער יעדער נביא איז אַ שליח; אויף דעם שטייגער וועלן מיר זאָגן: נישט יעדער אַחרון איז אַ ראשון, אָבער יעדער ראשון איז אַן אַחרון. און וואָרלעך, שלום־עליכם, וועלכן די שאַבלאָנע זעט ווי אַ מיט אין דריילינג, איז באמת אַ ראשון, אָבער ווי אַ יעדער ראשון איז ער אויך אַן אַחרון. ווייל ער האָט זיך אָנגע־שפּאַרט אויף דער קונסט־האַרמאָניע, בפרט אין די דריי יסודות, איז ער אַן אַחרון; אָבער ווייל ער האָט זיי, געגעבן אַ תּיקון השלם, איז ער אַ ראשון.

און ער איז אַ ראשון נישט בלויז אין די דאָזיקע דריי יסודות, אָבער דאָס גייט שוין אַריבער דעם ערשטן ביסן, וואָס איז נאָר אַן עקבויר.

[ז׳ אדר ב׳ תשי״ט]

מאמר ב׳: גיבורי כתריאלעווקע

א

דוד לאַבקאָווסקי איז אַ פּנים חדשות צווישן מאַלער־געזעמל ביי אונדז אין לאַנד, ווו ער געפינט זיך נישט לאַנג, ערשט אַ יאָר צייט, און שוין איז קאַנטיק דער קאָנטור פון זיין אויפטו, וואָס באַשטייט אין אַ באַזונדער שליחות — אַפּצוראַ־טעווען דאָס קלסתר־פּנים פון אַ יידישער קהילה, ווי זי האָט זיך איינגעגראָבן אין דער נשמה און אין אויג פון איינעם, וועלכער איז אין איר אויסגעוואַקסן און פון איר אַרויסגעוואַקסן, און האָט זי דורכגעלעבט סיי אין איר באַשטאַנד סיי אין איר פּאַרגיי, און קומט זי איצט ווייזן ווי אַ מאָנומענט, און אַ געדע־כעניש פון אַ שטאָט־און־אַ־מאַמע אין ישראל. שווער איז די קללה פון פאַר־לענד, נאָך שווערער איז די קללה פון טאָפּל־פאַרלענד, אָט יענע קללה, וואָס ווערט דערמאָנט אין ספר יהושע און איבערגעחזרט אין ירמיהס נבואה און אין זיין קלאָג: עס זאָל נישט בלייבן קיין שׂריד ופליט, משמע: עס זאָל נישט אַנטרינען איינער, וואָס וועט קאָנען עדות זאָגן: איך דער מאַן האָב געזען. עס הייסט: ברוגז רחמים תזכור, און ווי אַ טריף מיטלייד אין שטורעם פון צאָרן איז דאָס מעסטל חסד פון ויבוא הפליט ויגד, עס איז געקומען דער אַנטרונענער און האָט דערציילט; און נישט אומזיסט האָבן אונדזערע חכמים געהאַלטן, אַז דער פּליט איז געווען יענער ריז עוג; דען באמת פּאָדערט דאָך דער אויפגאַב פונעם פּליט אַ געוואַלטיקן כוח; און אויב פאַרצייטנס האָט מען אים באַ־טראַכט פאַר אַ פיזישן כוח, באַטראַכטן מיר אים היינט פאַר אַ פּסיכישן כוח, עס איז דער כוח נישט בלויז צו זען נאָר אויך ווייזן די עצם־קאַטאַסטראָפע.

ב

ירושלים־דליטא האָט זוכה געווען צו יענעם מעסטל חסד, אין דער גע־שטאַלט פון אירע פּליטים, וועלכע קריצן אָזוי ווונדערלעך אויס די פיזיאָנאָמיע פון איר לעצט, און דעם לעצט פון איר פיזיאָנאָמיע; דערהויפּט יענע, וועלכע האָבן זיך געכאַוועט אין ליטעראַטן־ און מאַלער־קרייז „יונג־ווילנע״, ווי אַ שטיי־גער, אירע דיכטער אברהם סוצקעווער און חיים גראַדע. און כדי מקיים צו זיין דעם חכמס זאָג, טוב מראה עינים מהלך נפש (עס איז בילכער דער זע פונעם אויג איידער דער גאַנג פון געפיל), איז איצט צוגעקומען איינער פון יענער חבֿרה, אונדזער מאַלער, און האָט אויף זיינע לייוונטן אַרויסגעבראַכט אירע

גאַסן און געסלעך, אירע הייף און מערק, אירע בתי־מדרשים און בית־החיימס, אירע אָריגינאַלן און טיפּן, אירע פּיינען און די קאָנצענטראַציע־לאַגערן און איר גאַנג צו די אומקום־לאַגערן; דאָס ליכט פון אירע פּני (פאַרגלייכט די אָפּענע אַנדערשקייט און די פאַרהוילענע איינקייט, די אייניקייט פון יידישער און מענטשלעכער גרויסקייט, אין דער איינגעשרומפּענער און ציטריקער פיגור פון ד״ר וויגאָדסקי און אין דער געשפּאַנטער און מאַסיווער געשטאַלט פון איציק וויטנבערג); אין איר טאָטאַליטעט, ווי זי האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין אויג פון איינעם וואָס האָט זי געזען בשעת די ליכט פון איר לעבן האָבן נאָך געלויכטן מיט זייער פלאַם און האָט זיך ווידער־אַ־מאָל געזען בשעת די זרובעס פון אירע חורבות האָבן געצאַנקט מיט זייערע האַלאָוועשקעס.

ג

אוי מה היה לנו, ווי וואָס איז אונדז געשען — גייט דער רוף פון מקונן, וואָס זיין טרויער טראָגט אין זיך אַ פירפאַכיקן טעם, אַלץ לויט דעם אַרויסגע־הויבענעם וואָרט אין פּסוק. אויב דאָס וואָרט איז אוי — איז עס דער טעם פון קרעכצנדיקן צער, וועלכער הילט איין די איבעריקע ווערטער; אויב דאָס וואָרט איז מה — איז עס דער טעם פון חורבן און זיין פרי־עריקן און שפּעטערן אַרום; אויב דאָס וואָרט איז היה — איז עס דער טעם פון ביטערקייט איבער דעם געוועזענעם און נישט מער פאַראַנענעם; אויב דאָס וואָרט איז לנו — איז עס דער טעם פון שטוינונג, ווי עס גייט די קלאָג: איז דען פאַראַן אַ ווייטיק ווי מיין ווייטיק. דער פירפאַכיקער טרויער איז אויסגעגאָסן אויף די דאָזיקע בילדער, וועלכע ווילן אויג אויף אויג אויפשטעלן געבייען און ווינקלען און נפשות פון שלום־עליכמס וועלט. אַנדערש געזאָגט: די וויזיע פון שפּעטער, באַשטראַלט מיטן ליכט פון איר אומעט און מיטן אומעט פון איר ליכט דעם פרי־ער, גלייך ווי קאַסרילעווקע, ווי זי גייט און שטייט דאָ פאַר אונדז, האָט שוין געזען יענע בילדער. ווו דער מאָלער האָט געמאָלן דעם לעצט פון ירושלים־דליטא; אַזוי אַז קאַסרילעווקע, וואָס צאַפּלט אַראָפּ פון אָט די לייוונטן, לעבט און וועבט אין פירויסגעפּיל פון איר אייגענעם גורל.

ד

די דאָזיקע הויפּט־הנחה, צו וועלכער עס פאַרט זיך צו אַן אַנדערע הנחה — אַ קינד פון דער ריגאַראָזער גלות־ליטע נעמט זיך אילוסטרירן דערציילונגען פון אַ קינד פון דער קאַמאַדערער גלות־אוקראַינע — פאַרהעלפן אונדז צו פאַרשטיין די באַזונדערע אינטערפּרעטאַציע, וועלכע איז דאָ געגעבן געוואָרן שלום־עליכמען, זיין וועלט און זיינע באַשעפענישן: די פאַרטונקלטקייט פון האָריזאָנט און די דומפּיקייט פון רוים, די דושנעקייט פון דער אַטמאָספער און די געפּרעסטקייט

פון די נפשות; דאָס געדריי און געקרום, ווי אַ פּאַן אַרויסצוהייבן די מענטשלעכע טיפּאָלאָגיע, סיי פון גרופּן סיי פון יחידים; אַן אַרויסהויב וואָס געשעט פון איין זייט, דורכן דערנענטערן פונעם טיף און דורכן דערווייטערן פון זיין אַרום, אַזוי אַז דער טיפּ ווייזט זיך אויס גרעסער און זיין אַרום ווייזט זיך אויס קלענער; און פון דער אַנדערער זייט, דורך אַ בכיוונדיקן פונאַנדערטייל פון ליכט און שאָטן, סיי ווען עס האַנדלט זיך בולט צו מאַכן מנחם מענדלס פאַרקנאַדערטע ליידנשאַפט, סיי ווען עס האַנדלט זיך בולט צו מאַכן מאָטל פּייסיס נאַיִווע אויפגעעפנטקייט. דער מאָלער האָט צוויי באַהעלפן אונדז צו ווייזן דעם עצם קוק פון שלום־עליכם — איינער, וואָס זיין צענטער איז דער באַשאַף פונעם דיכטער, קאַסריִלעווקע, מיט די אין איר פאַרוועבטע און פון איר אַרויסשפּראָצנדיקע געשטאַלטן; דער אַנדערער, וואָס זיין צענטער איז דער באַשאַפער פון קאַסריִלעווקע און איר דיכטער — האַרציקע באַגעגענישן צווישן שלום־עליכם און זיינע פאַרשוינען, אין דריי דערשיינונגען. די ערשטע דערשיינונג באַשטייט אין צוזאַמענטרעף פון שלום־עליכם און טוביה דער מילכיקן ווי אַ צוזאַמענטרעף פון אַ העררער און אַ זאָגער; די אַנדערע דערשיינונג באַשטייט אין צוזאַמענטרעף צווישן דיכטער און דעם כלל טיפּן זיינע, וואָס שטופּן זיך צו אים פון אַלע זייטן, גלייך זיי וואָלטן גערעדט מיט זייערע ליפּן און זייערע אויגן, יעדער אויף זיין לשון, בשעת דעם באַשאַפערס רחמנות גיסט זיך אויס אויף אַלע זיינע באַשעפענישן; די לעצטע דערשיינונג באַשטייט אין צוזאַמענטרעף פונעם דיכטער מיט זיך אַליין, ווען זיינע באַשעפענישן בלייבן פאַרבאָרגן און פון דעסטוועגן זעט מען זיי טאָפּלט — פאַרבאַהאַלטן פון יענער זייט שטעג, וועלכער פירט פון און קיין קאַסריִלעווקע; פאַרבאַהאַלטן אין די קנייטשן פון זיין פּנים, אין שמייכל פון זיינע ליפּן, אין די פונקען פון זיינע אויגן, שטראַלן זיי אַרויס פון זיין נשמה, יענע גרויסע נשמה, אין וועלכער עס האָבן זיך צוזאַמענגעגאָסן אויבערשטע קלוגשאַפט אין אויבערשטער רחמנות, און וועלכערס געלעכטער איז ווי די צייטיקע פרוכט פון יענעם ווונדערלעכן צוזאַמענגאָס.

ה

מגילת שלום־עליכם איז ווי מגילת אסתר, דאָ און דאָרט איז דאָס צענטראַלע וואָרט פור אין זיין טאָפּעלן באַטייט, די שרעק פון גורל און די פרייד פון ווי־ן, און די בילדער, וועלכע מיר האָבן איצט פאַר זיך, פאַרהעלפן אונדז זיין מגילה צו לייענען, ווי די מסורה הייסט, אַזוי אַז די פּסוקים־ברעקלעך: וכלים מכלים שונים, וואָס דערמאָנען דעם חורבן פון בית־המקדש, און: והעיר שושן נבוכה, וואָס דערמאָנען די צעטומלטקייט פון אַ קהילה ייִדן, און וועלכע ווערן דערפאַר געלייענט מיטן ניגון פון איכה, פאַרשלייערן אין טיול פון אומעט די גאַנצע מגילה.

[תמוז, תשי״ט]

צווישן היינט און נעכטן

צום אָנדענק פון דוד פינסקי

א

צוויי רעמיניסצענסיעס וועגן צוויי גרויסע הספּדים — איינעם, וואָס איך, שוין אַ יונגערמאַן, האָב אַליין געהערט און איינעם, וואָס איך האָב, נאָך אַ קינד, געהערט פון מיין זיידע און ערשט מיט אַ סך יאָרן שפּעטער געלייענט. דער איינער הספּד איז געווען איבער אחד־העם און געהאַלטן האָט אים ח. נ. ביאַליק — ער האָט אַ פּנים געוואָלט אָפּהאַקן דעם וועג אַ הספּדיאַנט, וועלכער וואָלט זיך געקליגלט צו באַנוצן מיטן דיכטערס קלאָגוואָרט: ושירת־חייו באמצע נפסקה; און האָט דערפאַר באַטאַנט, אַז די וועלכע זענען געווען נאָענט צום נפטר, באַוויינען אים שוין לאַנג ביי זיך אין האַרצן; אָבער אַזוי לאַנג דער גרויסער שאַרבן זיינער האָט זיך נאָך געטראָגן אויף די כוואַליעס פון לעבן, איז געווען אַ שטיקל טרייסט. דער אַנדערער הספּד איז געווען איבער ר׳ שלמה קלוגער און געהאַלטן האָט אים זיין זון ר׳ אברהם בנימין — ער האָט אַפּנים געוואָלט פאַרלויפן דעם וועג אַ הספּדיאַנט, וועלכער וואָלט אים געפּרוּווט אויסרעדן, אַז דער פאָטער זיינער איז דאָך געווען זייער אַלט, אַריבער די אַכציקער; האָט ער געזאָגט: און אויב איינער האָט נאָך איין איינציק הייזל און עס ווערט אים פאַרברענט, אָדער איין איינציק מלבוש און עס ווערט אים צוגענומען, וועט ער זיך טרייסטן מיט דעם, אַז דאָס הויז אָדער דאָס מלבוש איז אַלט?

דוכט זיך אַז סיי דער זאָג פונעם דיכטער איבער זיין רבין דעם דענקער, סיי דער זאָג פונעם למדן איבער זיין טאַטן דעם גאון, דריקן אויס דעם עצם־געפיל, וואָס האָט ביי אונדז דערוועקט, געמוזט דערוועקן, די פּטירה פון דוד פּינסקי. אַריבערגעשפּאַנט די שוועל פון בגבורות, האָט ער זיך די לעצטע יאָרן שווער געבאַרעט מיט די יסורים פונעם גוף און נאָך שווערער געראַנגלט מיטן צעפּאַל פונעם גייסט, און כאָטש מיר האָבן געוווּסט דאָס אומפאַרמיידלעכע פון דעם הערצישן קאַמף איבער אַ יעדן שלונג אָטעם און איבער אַיעדן בליץ פאַרשטאַנד, איז דאָס באַוווסטזיין, אַז ער באַרעט זיך, אַז ער ראַנגלט זיך, אַז ער איז דאָ, געווען אַ טרייסט, טאַקע דערפאַר ווייל ער איז געווען אַן איינציקער, יענע

איינציקייט וואָס הערט נישט אויף צו זיין איינציק צוליב אַלטקייט; פאַרקערט די אַלטקייט מאַכט נאָך בולטער איר איינציקייט.

מחמת דעם איז אויך דאָס געדעכעניש פון אים גופא, דאָס איבערלעבעניש פון דער באַגעגעניש מיט אים גופא — דער עיקר פון אַן ערשטן אַפּרוף, און אַפילו אַן ערשטן אָפּשאַץ איבער אים נאָך זיין פטירה. וואָס מיר האָבן איצט פאַרלוירן זענען נישט זיינע ווערק, זיי זענען דאָ, לעבן און ווען קעמפן פאַר זיך. מעגלעך, אַז ווען דער גורל וואָלט אים באַשערט בעסערע פאַר לעצטע יאָרן זיינע, וואָלטן צוגעקומען נאָך אַ פּאָר בלעטער פון אַ יונגן זקן, אָבער זיי וואָלטן דאָך נישט איבערגעאַנדערשט דעם כלל־חשבון, די פעסטע בילאַנס. אָבער דאָס וואָס ער גופא האָט זיך לאַנג דערהאַלטן, אַ לעבעדיק איבערבלייבעניש פון אַן אַנדער דור, פון אַן אַנדערער צייט און איז ביכולת געווען איבערצולעבן דעם איצטיקן דור, די איצטיקע צייט, אַ פּירגייער און אַ מיטגייער בנשימה אחת, איז געווען אונדזער גרויס געווינס. דורך אים, דעם לעצטן פון דעם אַזוי געררט־ פענעם קלאַסישן שטאַפּל פון דער יידישער ליטעראַטור, זענען מיר לייבלעך געווען פאַרבונדן מיט די ראשונים. דעם סוד פון דעם דאָזיקן געפיל האָט מיר אַנטפּלעקט מיין אַלטער פריינד, ר׳ בעריש ווייס, ווען איך האָב באַוווּנדערט אַ חסידס אייביקע פרישקייט: ער האָט נאָך אַריינגעקוקט אין די אויגן פון אַ זקן, וועלכער האָט נאָך אַריינגעקוקט אין די אויגן פונעם לובלינער חוזה.

ב

דערפאַר זענען אויך די לעבעדיקע באַגעגענישן מיט דעם גרייז־גראָען דוד פינסקי דאָס עיקרדיקסטע, וואָס שטאַרצט איצט אַפיר פון אונדזער זכרון. אַזוי שטייען פאַר מיר די באַגעגענישן, צו וועלכע איך האָב זוכה געווען — אָנגעהויבן מיט דער אימפּאָזאַנטער פייער פון זיין אַכציקיאָריקן יובל, דעם ערשטן גרויסן אַרויסטריט זיינעם פאַר הונדערטער פאַרערער, און פאַרענדיקט מיט דער עלעמענ־ טאַרער פייער לכבוד דעם דערשיינען פונעם העברעיִש־איבערגעזעצטן ראָמאַן זיינעם דאָס הויז פון נח עדאָן, דעם לעצטן גרויסן אַרויסטריט זיינעם פאַר טוי־ זנטער אַרבעטער, און אין דער מיט די מסיבה לכבוד דער יידיש־קאַטעדרע אויפן ירושלימער אוניווערסיטעט, ביי וועלכער זיין רעדע איז געווען סיי אויפ־ טאַקט סיי אַפּראָבאַטע צו דעם נייעם אויפטו. און צווישן די דריי בולטע, מער עפנטלעכע באַגעגענישן שנירלען זיך כמה וכמה, מער פּריוואַטע, שמועסן ביי אים אין דער היים, און תמיד האָט זיך נישט בלויז דערהאַלטן, נאָר אַלץ מער געשטאַרקט דער רושם, אַז מיר אַלע, וואָס רעדן מיט אים, הערן אים, זעען אים, האָבן די זכיה זיך צו באַגעגענען נישט בלויז מיט אַ היכווערדיקן שרייבער, אויס־ געאיידלטן מענטשן, גאָר גרויסן יידן, נאָר מיט דער עצם־געשיכטע פון דער

יִדישער ליטעראַטור אין די לעצטע דורות. שטייענדיק פאַר פינסקין, איז ממש נישט מעגלעך געווען נישט אַ קלער צו טאָן: בשעת ער איז געבוירן געוואָרן אין מאָהילעוו, איז נאָך מענדעלע געווען אַ גאָר יונגע פירמע, שלום־עליכם האָט זיך נאָך אַרומגעדרייט אין דער געגנט פון בר־מצווה, י. ל. פרץ ווייטער, אַפילו שוין אַ שטיקל יונגערמאַנטשיק, האָט אָבער נאָך באַדאַרפט צו וואַרטן ביז יענער בר־מצווה־יִנגל וועט אונטערוואַקסן און וועט אים, אין זיין יידישע פאָלקסביבליאָטעק, פרעזענטירן דער יִדיש־וועלט דורך זיין מאָניש; און ווען דאָס מאָהילעווער קינד איז אויסגעוואַקסן איז עס געוואָרן אַן ערשטאָנשפּאַר פאַר דער יִדיש־ליטעראַטור, און ווי מען זאָל נישט ווען קאָמבינירן, איז ער דער פערטער צום קלאַסישן דריילינג.

דער אַלטע און תמיד יונגער פינסקי אין זיין נייער און תמיד אַלטער היים האָט אפשר מער ווי פריִער און מער ווי ערגעץ־אַנדערש אַרויסגעשטראָכן די דאָזיקע לעבעדיקע היסטאָרישקייט זיינע. דאָס איז געווען דער פאָן, אויף וועלכן עס האָט זיך שאַרפער און פרעגנאַנטער געצייכנט זיין וועג פון זיין געבוירן־שטאָט מאָהילעוו דורך זיין ווינשטאָט מאָסקווע, ווו ער איז אָנגעקומען אַ בר־מצווה, ביז יענער אַנטשיידנדיקער באַגעגעניש מיט י. ל. פרץ אין וואַרשע; אָט די דריַ ערשטע וויכטיקע לעבנס־סטאַציעס, צו וועלכע עס קומט נאָך צו אַ פערטע, — דער סטאַרט זיינער אין הויזפריינד פון מרדכי ספעקטאָר, און די מיטאַרבעט אין די יום־טוב בלעטלעך. וויפל די פריינד, וואָס פלעגן זיך צוזאַמענקומען ביי אים אויפן כרמל, זאָלן נישט געווען אַלט זיין, האָבן זיך זיי יענע פיר סטאַציעס געמוזט אויסווייזן פרעהיסטאָריש. עס האָט זיך נישט געלאָזט אויסמיידן אַ מין טאָפל־איבערלעבעניש — פון איין זייט האָט זיך געטראָגן פון העט־העט ווייט דער נוסח פון אַ מאָל איז געווען אַ מעשה, און פון דער אַנדערער זייט איז געשטאַנען דער גיבור פון דער מעשה גופא. ממילא האָט זיך געשטאַרקט דער באַוואונדער איבער דער ממש פענאָמענאַלער פרישקייט פון יענעם גיבור — דער זכרון זיינער האָט נישט געלאָזט לאיבוד קיין איינציקע ליניע און אַפילו קיין איינציקן קנייטש פון זיין לאַנגן וועג; די פאַר גרעסערע און קלענערע קאַפיטלען פון זיינע זכרונות און נאָך מער די בעל־פה־קאַפיטלעך, וועלכע מיר האָבן זוכה געווען צו הערן, האָבן דעריבער קלאָר עדות־געזאָגט. אָבער דער עיקר־באַוואונדער איז געווען, וואָס דער שלל זכרונות זיינער, אין וועלכן עס האָבן זיך פאַרגעדענקט נישט בלויז די געקייטלטע רייען פון פאַקטן און געשעענישן, נאָר האָבן זיך אויך קאָנסערווירט זייערע געפיליקע מיטקלאַנגען און אויך אַפילו זייערע אַפעקטיווע אונטערקלאַנגען, איז נישט געוואָרן אַ דערדריקנדיקער באַלאַסט, נאָר האָט זיך מיט אַ וווּנדערלעכער פעיִקייט פולקומיק קאָאָרדינירט מיט אַן איבעראַשנדיקער היינטטאָגיקייט. אַזאַ ווייטער נעכטן און אַזאַ נאָענטער היינט — דאָס איז געווען

דער עיקר־געשאַנק פונעם אַלטן פינסקי אין זיין נייער היים. גלייך ער גופא וואָלט עס געוועז דער וויטער, ליכטיקער האָריזאָנט איבער באַרג און ים.

ג

דער באַשייד פון דעם רעטעניש ליגט אין עצם שאַפן זיינעם, אין וועלכן עס האָבן זיך פאַראייניקט וויטע יסודות, אַקטועלער רעאַליזם און היסטאָרישע פּערס־פּעקטיווע, רענעסאַנס־וויבראַציעס פון איצט און משיחישע קאָנוואָלסיעס פון אַמאָל. ווען דער כלל־קוק אויף היינט און נעכטן, אויף אַמאָל און איצט, ווערט אַפילו באַוויגן פון אַ פּאָלאַריטעט, אָבער דער שאַפנדיקער גייסט זוכט זיך פון איר אַרויסצובאַפרייען און דערגרייכן דעם עיגול פון טאָטאַליטעט. אויב מען זאָל גוט נאָכגיין, וועט זיך אַרויסווייזן, אַז פינסקי איז נישט בלויז אַ פּערטער, נאָר אויך אַן ערשטער — דער גרויסער דריילינג אונדזערער האָט געמאַכט אַ שיינעם שפּאָן צו דער טאָטאַליטעט: מענדעלע, אַרומנעמענדיק אַ גאַנצן קאָמפּלעקס פון יידישן לעבן אין תחום־המושב; שלום־עליכם, אויסברייטנדיק אים אויף דער וואָגל־און־וואַנדער־ליניע פונעם תחום־המושב ביז איסט־סייד; פּרץ, פאַרטיפנדיק אים צו די וואָרצלען פונעם נאָענטן עבר, די לעצטע גרויסע יידישע קאָלעקטיוו־באַוועגונג. אָבער קיינער פון זיי שפּאַנט נישט אַריבער זיין צייט און שפּאַנט ממילא נישט אַריין אין דער געשיכטע אַריין. דער פערטער, פינסקי, האָט זיך אויסגעוויזן, לויט זיין אַנהייב, פּרעדיסטינירט זיך צו האַלטן אין יענע גרענעצן. אָבער אַפילו פאַמיליע צבי, מיט דער גאַנצער סכעמאַטישקייט זיינער, שטעלט די יידישע ווערקלעכקייט אין קאָנפראָנטאַציע מיט געשיכטע, און די לאָגיק פון דעם לויזן ערשטן באַריר מיט געשיכטע האָט עס אויסגעצייטיקט די גאַנצע סדרה פון דראַמעס, וועלכע לאָזן זיך אויסשטעלן ווי צענטראַלפונקטן אין אונדזער געשיכטע פון ראשית־חסידות ביז אַראָפּ, און ממילא אַרויף, צום תנך.

געדענקען אָבער דאַרף מען, אַז מיר האָבן פאַר זיך נישט די געוויינט־לעכע דערשיינונגען פון אַ שרייבער, וועלכער האָט אָנגעהויבן מיט רעאַליזם און פאַרענדיקט מיט ראָמאַנטיק, אַזוי אַז אין ערשטן פּעריאָד איז ער געווען כולו היינט און אין אַנדערן פּעריאָד איז ער געווען כולו נעכטן. מיר האָבן פאַר זיך די אומגעוויינטלעכע אָבער, אין אונדזער באַזונדערער סיטואַציע, נאַטיר־לעכע דערשיינונג פון אַ שרייבער, וועלכער לעבט דעם גאָר נאָענטן היינט און דעם גאָר וויטן נעכטן ווי אַ גרויסע איינקייט, אַזוי אַז דער שפּריז צווישן היינט און נעכטן צייכנט זיך אויס מיט אַ ממש עלאַסטישער מאָביליטעט. אַז מען וויל איז עס אַן אַלטער יידישער דרך: דער וויטער פּסוק וואָס האָט איינ־געאָטעמט דעם אַמאָל, לעבט יונג און פריש אין נאָענטסטן פּירוש אָדער דרוש, וואָס אָטעמט איין דעם איצט. וויל מען אָבער, איז דער וווּנדערלעכער צוזאַ־

מענבונד צווישן היסטאָרישן נעכטן און רעאַלן היינט אַ פּועל־יוצא פון זייער צוגעקניפּטקייט צום בשותפותדיקן מאָרגן, אָט דער מאָרגן, וואָס איז שוין אַ שטיק היינט, דער מאָרגן פאַר וועלכן פּינסקי האָט זיך באַוווסט, און אַפילו פּראַגראַמאַטיש, געמיט און מיט זיין גרויסן, קלאָרן אויפשפּראָץ האָט ער אים סימבאָליש באַגריסט — דער לעצטער פון די ערשטע האָט פאַרלאָזט די גרעסטע יידישע קהילה אין גלות און האָט זיך באַזעצט אין ישראל, אַזוי ווי ער האָט אים טאָג־טעגלעך ממש באַגריסט — ווער עס האָט געזען, ווי דער אַלטער איידלמאַן, דער עלטער־סעניאָר פון אַלע יידישע שרייבער און דער ערן־מיטגליד פון חיפהער פאַרט־אַרבעטער, פלעג פאַרזשמורען די אויגן און מיט דער האַנט פאַרשאָטענען זיי פאַר דער שטאַרקער זון, כדי פול איינצוזאַפּן די ברייט פון ים און אויפצוכאַפּן איעדע נייע שיף פון עולים, דער האָט אויך בחוש געזען, ווי אַזוי אַ שטיק יידישע געשיכטע באַגריסט איר אייגענעם המשך.

[תמוז תשי״ס]

צווייטע פרשה

צווישן דור און דורות

ח. נ. ביאַליק — אַ רעוויזיע פון אַן אָפּשאַץ

א

אין כלל־באַנעם פון ביאַליקן האָט, דאַכט זיך געטראָפן אין פּינטל אַריין אחד־העם, אין זיין בריוו צום פּאָעטס פופציקיאָריקן יובל. ער זאָגט דאָרט, בערך, אַז אַזאַ משורר האָט נאָך די אומה נישט פאַרמאָגט זינט ר׳ יהודה הלוי, און אפשר אפילו זינט ישעיהו הנביא. און באמת איז דער דאָזיקער זאָג פונעם קילן דענקער, וועלכער האָט געוויגן אַיעדעס וואָרט און זיך געהיט פאַר אַ שפּרענקעלע גוזמא ווי פאַר פייער, אַ רעכטער וווּנק אויף צו פאַרשטיין ביאַליקס מעמד אין אונדזער ליטעראַטור. ווי איינער זאָגט: ווידער אַ מאָל האָבן מיר, נאָך אַ לאַנגן־לאַנגן איבעררייס, אַ דערשיינונג, וואָס איר גרויס ווערט געמאָסטן אין דער פּעריפעריע פון די דורות אין אונדזער ריזיק־לאַנגער שאַפערישער היסטאָריע. דער דאָזיקער אמת ווערט אַלץ קלאָרער, וואָס מער מיר דערווייטערן זיך פון זיין צייט און פון זיינע בני־דור, וועלכע האָבן אַפילו דערשנאַפּט, ווען זיי האָבן פאַר זיך, אָבער די נאָענטקייט, איז גיכער געווען אַ שטער איידער אַ סטימול זיך צו אים אין דער פולער, אויסשעפּיקער מאָס צו דערגרונטעווען.

ב

אַ פּאָר משלים, וואָס וועלן אָנווייזן אויף וויפל די בני־דור האָבן זיך טאַקע טועה געווען. אָט, האָבן זיי אַ היפּש שטיקל צייט געצאַפּלט אין אַ נעץ, אין וועלכער זיי האָבן זיך אַליין פאַרפּלאָנטערט: פאַרגלייבט, אַז דער טיטל פון נאַציאָנאַלן דיכטער איז דער העכסטער שטאַפּל, האָבן זיי אים דעם מעדאַל צוגעקלעפּט, און זיך שפּעטער נישט געקאָנט אויסטאַקעווען מיט די אַלע שאַפונגען, דאַרונטער דאָס טיפּסטע, מיט וועלכן ער האָט אונדז באַשענקט, און וועלכע לאָזן זיך נישט, סיידן דורך פּלפּול־דריידלעך, אַריינטייטשן אין אַזאַ מין טיטולאַטור. נו אַוודאַי, אַ ייִד אַ חכם גיט זיך אַן עצה — האָט מען קאָנסטרויִרט אַ טעאָריע, אַז תרי ביאַליק הווי, ס׳טייטש: ס׳זענען געווען צוויי ביאַליקס, איינער וואָס איז אַ כלל־דיכטער און ער האָט דאָס געשריבן

די בית־מדרש־שירים און די תוכחות און די נחמות, און די לידער פון ווייטיק און פון צאָרן, און דאָס אַלץ איז דאָך בפירוש כולל כלל, פאָלק; און אַ צווייטער, וואָס איז דער דיכטער פון יחידישן טרויער, און ער האָט דאָס געשריבן די לידער פון אינדיווידועלער פרייד און נאָך מער פון אינדיווידועלן צער און יאוש, לידער פון טיפער אַליינקייט צווישן אים און וועלט, און דאָס אַלץ איז דאָך בפירוש כולל יחיד, איך פאַר זיך און אין זיך.

ג

מילא, זאָל זיין דואַליזם, פּאָלאַריטעט וכדומה. קומט אָבער אַ פּאָדראָבנער אַנאַליז פון די לידער און ס׳שטעלט זיך באַשיינפּערלעך אַרויס, אַז ס׳איז אַן אויבנאָפּיקער פונאַנדערטייל — נישט איין ליד, וואָס זיין פּלאַן איז אַ כללדיקער, איז זיין פּאַן אַ יחידישער, און פאַרקערט. נאָך מער, אַ טיפערער אַריינקוק אַנטפּלעקט אונטער די אָפענע מאָטיוון, וועלכע שיידן אָפּ צווישן דעם כללדיקן און דעם יחידישן, פאַרבאָרגענע דראָטן, וואָס קייטלען די כביכול קעגנערישע עלעמענטן אין אַזאַ פליאהדיקער צוזאַמענגעשלונגנקייט, אַז ס׳כאַפּט ממש אַן אַ רחמנות אויף יענע ביאַליק־פאַרשטייטשערס, וואָס האָבן דאָס נישט דערזען. אָבער דאָס וויל נישט הייסן, אַז די איצטיקע קאָמענטאַטאָרס דאַרפן זיך פּאַטשן אין בייכל מיט זייערע דערגרייכונגען, דען עס איז גריילעך מעגלעך, אַז אַ שפּעטערער דור, וועט מיט דעם זעלבן רחמנות באַהאַנדלען אויך זיי, און וועט אויך שטוינען, ווי האָבן פאַרשער און קריטיקער, וועלכע האָבן בפירוש געזען די שמאַלקייט פונעם ביאַליק־אויסטייטש אין וועלכער זייערע פירגייערס האָבן זיך פאַרשטריקט, זיך אַליין נישט געכאַפּט, אַז דער ביאַליקישער אין זיך געשלאָסענער צווייטער ברייטערער האָריזאָנט איז פאַרט ברייטער און ווייטער, ווי זיי האָבן זיך פירגעשטעלט.

ס׳איז די מעשה מיט יענעם באַנאַלן משל איבערן באַרג, אַז ווער עס וויל אים זען אין פולן אויסמעסט, מוז האָבן אַ גאָר לייטישע פּערספּעקטיוו. בקיצור, עניוות איז דאָ אַ גרויסע מצווה.

ד

פון דער דערקענטעניש אַרויס, דערלויב איך מיר צו זאָגן אַ פּאָר ווערטער, וואָס מיין איבער־דרייסיקיאָריקער באַמי צו דערגיין ביאַליקס באַטייט הייסט מיר זאָגן. ערשטנס, אין אים לאָזן זיך דערקלערן אָפענע און פאַרבאַהאַלטענע כוחות פון אַ גאַנצער עפּאָכע, אָבער ער לאָזט זיך פון זיי און דורך זיי נישט דערקלערן, ווייל ער פאַרמאָגט יענעם קוואַליטאַטיוון צוגאָב, וואָס צייכנט אויס דעם פענאָמען. סיי ווען מיר פרעגן ווער איז ביאַליק און סיי ווען מיר פרעגן

וואָס איז ביאַליק, איז דער ענטפער: דער ווער און וואָס זענען גרויס, גאָר גרויס בפועל, אָבער תמיד ווייניקער ווי בכוח. ער איז געווען אַ דיכטער, אָבער באמת איז ער געווען מער ווי אַ דיכטער. בכלל לאָזט זיך נאָך אָפּפרעגן, אויב דיכטער איז דער פולער לבוש, פאַר אַ הויכער נשמה, וואָס נידערט אַראָפּ איין מאָל אין כמה דורות; בפרט נאָך ביי אַ פאָלק, וואָס האָט זיך געוווינט צו זען דעם שפּיץ זיינעם אין סינטעז פון פירערשאַפט און וויזיע, און דעם אידעאַל זיינעם אין אויפלעב פון רוח־הקודש. צווייטנס, אויב ביאַליק איז געווען אָפן ווייניקער ווי ער איז געווען באַהאַלטן, מוז מען די סיבות דאָצו זוכן אין דער רעם פון זיין דור און זיין סביבה. זאָל מיר דערלויבט זיין איבערצוחזרן מיין אַלטע טענה, אַז די דריי באַגעגענישן, וועלכע ווערן געהאַלטן פאַר אַ גרויסע ברכה פאַר אים אין זיין שאַפן — די ישיבה אין וואָלאָזשין, די אידעישע השפעה פון אחד־העם און די קינסטלערישע השפעה פון מענדעלע — ווייזן זיך מיר אויס פאַטאַלע. דאָס מתנגדישע וואָלאָזשין האָט נישט אויפגעוועקט, נאָר גיכער געשטיקט, דעם פאַרלאַנג פונעם דיכטער נאָכצוגיין זיינע אייגענע טיפענישן און זיי פאַר זיך און דער וועלט צו אַנטפּלעקן; דער געדאַנקען־גאַנג פון אחד־העם האָט געמוזט זיין אַן אָפּקילנדיקער, אויב נישט איינהאַרבנדיקער, פאַר אַזאַ וויזיאָנערער, אויב נישט העלזעערישער נאַטור; די קליינמאָלערישע רעאַליסטיק פון מענדעלע איז אפשר אַ סטימול פאַר אַ דערציילונג ווי „אַריה בעל גוף״, אָבער איז זיכער געווען אַ שטער פאַר אַ פּאָעמע ווי „מגילת האש״.

עס איז דער סוד פון ביאַליקס כוח, אַז ער איז געווען וואָס ער איז געווען, אָבער דאָס איז געשען נישט מיטן כוח פון זיין סביבה, נאָר קעגן איר; און ווער ווייסט, צו וואָס מיר וואָלטן זוכה געווען, ווען נישט דער ווידערשטאַנד פון דער סביבה, איר מענטאַליטעט און אירע אַספּיראַציעס, וועלכע זענען צו אַ ביאַליק נישט דערוואַקסן, אַזוי אַז ס'איז כמעט אַ פּלא, אַז ביאַליק איז אין איר געוואַקסן, ווי ער איז געוואַקסן.

ה

און ער איז נישט בלויז געוואַקסן, ער איז סיי אַריבערגעוואַקסן סיי אַרונ־טערגעוואַקסן. אַז ער איז אַריבערגעוואַקסן — איז אַ באַקאַנטער כלל, ווי דער באַהנטער גראַם גייט: ביאַליק לית מאַן דפליג. אָבער אַז ער איז אַרונטערגע־וואַקסן — איז אפשר נאָך אַ נאָווינע, פאַר די וואָס האַלטן זיך נאָך ביי דער אַלטער סלאָוועסטנאָסט. דען די וואָס האָבן זיך פון דער סלאָוועסטנאָסט אַרויס־באַפרייט און זיך גענומען פאַרטיפן אין דער פּענאָמענאַלער שאַפונג ווייסן, אַז ס'איז דאָ נאָך אַ ביאַליק, אַ פאַרבאָרגענער, צו וועלכן מען דערגראָבט זיך ערשט, נאָכגייענדיק די געהיימע קאָרעספּאָנדענץ צווישן ליד און ליד, צווישן מאָטיוו

און מאָטיוו, צווישן בילד און בילד, צווישן מעטאָפער און מעטאָפער, צווישן וואָרט און וואָרט, אַפילו צווישן קלאַנג און קלאַנג, אַ גאַנצע אונטערדערערדיקע נעץ פון פאַרבינד־פעדעם, אַן אין זיך געשלאָסענע צווייטע ברייטערע און טי־פערע וועלט פונעם דיכטער.

ו

שווער צו גלייבן, אויב אונדז זאָל באַשערט זיין פולקום אויפצודעקן יענע וועלט, אָבער אויך אַ טייל פון געפינס איז אַ גליק, און דאָס איבעריקע וועט זיין די זכיה פון קומענדיקע דורות.

[ה׳ אייר תש״ד]

דאָס רעטעניש און זיין באַשייד

אליעזר שטיינבאַרג

מאמר א׳: אַ מדרש פליאה

א

ווער דאָס דיכטן וויל פאַרשטיין, מוז אין לאַנד פון דיכטונג גיין; ווער דעם דיכטער וויל פאַרשטיין, מוז אין לאַנד פון דיכטער גיין — איז כידוע, אַ באַקאַנטער זאָג פון געטע, און כאָטש ער איז, פון צופיל ציטירט ווערן, כמעט באַנאַל, איז ער נאָך אַלץ דער בעסטער פשט, אַפילו פאַר אַזאַ מדרש־פליאה, ווי עס איז דאָס לעבן און שאַפן פון אליעזר שטיינבאַרג. און מיר ווילן זיך, אין אונדזער איצטיקן פּרוּוו זיי ביידע, אי דאָס לעבן אי דאָס שאַפן, צו דערגיין און פאַרשטיין, טאַקע אַ לאַז טאָן אין די צוויי לענדער, מיט אַ פאַרקערטן סדר — אַמערשט אין לאַנד פונעם דיכטער, און דערנאָך אין לאַנד פון זיין דיכטונג.

ב

דאָס לעבן פון אליעזר שטיינבאַרג איז אַ מדרש־פליאה — אַוודאי וויסן מיר, אַז ער איז געבוירן [1880], זיך געכאַוועט און רוב ימיו געוווינט אין ליפּקאַן, און דאָס גופא איז שוין אַן אַנהאַלט, נאָכצוגיין זיין ביאָגראַפיע. עס איז אַ מיטלערע שטאָט אין צפון בעסאַראַביע, אויפן ברעג פון טייך פּרוט, נאָענט צו בוקאָווינע, האָט אין אירע גוטע צייטן געהאַט אַ צווויי טויזנט יידישע משפחות, האָט פאַרמאָגט אַ חסידישן יחוס — דאָ האָט זיך אַ צייט אויפגעהאַלטן ר׳ מאיר פּרעמישלאַנער, פּונקט ווי זי האָט פאַרמאָגט אַ פאָלקלאָרישן יחוס — אַ גוט אָפּגעהיטענע מסורה פון מצבה־קריצערס; זי האָט געהאַט אירע למדנים — מיט אַ דור צוריק ר׳ יאָסעלע דיין, אַ זון פון אַ בריטשאַנער שוסטער, וואָס האָט געקריגן סמיכה אין וואָלאָזשין, אָבער דאָס שטעטל זיינס האָט זיך מיט אים געוואָרפן, און ליפּקאַן האָט געהאַט שכל אים אויפצונעמען און אַזוי אַרום געווונען אַ גדול בנגלה ונסתר און אַ מענטש אַ דימענט. אַ טיף־מאָראַלישע געשטאַלט; זי האָט געהאַט אירע משכילים — מיט אַ דור צוריק ר׳ איציק שקאָל־

ניק, אַ מלמד, וואָס האָט מאָדערניזירט דאָס חדר, ווו מען האָט געלערנט חומש מיט רש״י, גמרא און מדרש, לשון און דקדוק, און דאָס עברית בעברית, נייע העברעיִשע ליטעראַטור, רוסיש און חשבון, און די גאַנצע שטעטלשע אינטע־ליגענציע האָט אים געהאַלטן פאַר איר אב ופטרון. אָבער אַ שם־דבר איז ליפּקאַן געוואָרן אין אונדזער מאָדערנער ליטעראַטור. זי האָט עס איר צוגעשטעלט אַ מנין באַקאַנטע, און צווישן זיי גאָר באַרימטע שרייבערס — קודם כל יהודה שטיינבערג, דער מָשל און דערציילער, וואָס זיינע ווערק, סיי די העברעיִשע, וואָס זענען צונויפגעקליבן געוואָרן און די וואָס זענען עד־היום צעשפּרייט, סיי די יידישע וואָס זענען, צו אונדזער צער, כמעט נישט צונויפגעקליבן גע־וואָרן, געהערן צו אונדזער מזרח־וואַנט; זיין ברודערס זון אליעזר שטיינבאַרג, וואָס האָט פון אים נישט ווייניק געירשנט, בעיקר די ליבשאַפט צום משל, וואָס ער האָט טאַקע דערפירט צו קלאַסישער מייסטערשאַפט; אליעזר שטיינבאַרגס צוויי תלמידים — משה אַלטמאַן, אַ פּראַכטיקער דערציילער, וואָס האָט פאַר־איידלט דעם יידישן פּראָזע־סטיל; יעקב שטערנבערג, אַ מושלם גמור אויף כמה כלים — ליריק, דראַמע, רעזשי, קריטיק. צו זיי קומט נאָך צו מיכאל קויפמאַן, אַ שטילער דערציילער, וואָס איז יונג געשטאָרבן, (זיין פרוי, שלום־עליכמס טאָכטער, איז אויך געווען אַ יידישע דערציילערין, אָבער די טאָכטער זייערע איז שוין אַן ענגלישע שרייבערין), און פון יינגערן רעגיסטער — אליעזר גרינבערג, אַ ליריקער און אַ קריטיקער. צו דעם האַלבן טוץ באַקאַנטע נעמען קומען נאָך צו ווייניקער באַקאַנטע — מרדכי מאיר בלאַנק, וואָס האָט געשריבן לידער, און וואָס די שטוב זיינע איז געווען אַ מין ליטעראַרישער צענטער, וואָס דאָס שײַנדל זיינס איז געווען טאַקע אליעזר שטיינבאַרג — דאָ האָט ער גע־לייענט זיינע משלים, דאָ זענען אָנגעגאַנגען וויכוחים און פּלוגתות מכוח ליטע־ראַטור און קולטור, און ווידער אַ מאָל איז געווען דאָס שײַנדל אליעזר שטיינ־באַרג — דאָ האָט זיך אַנטפּלעקט זיין כוח־שבעל־פה, וואָס איז געווען אַ מעין המתגבר, אָבער זיינע צוהערערס האָבן נישט פאַרשטאַנען רעכטצייטיק צו פאַר־שרייבן, אַזוי, אַז אַ גרויס עשירות איז געגאַנגען כלה. דער רייסטער פון ליפּ־קאַנער קינדער, וואָס האָבן זיך קונה שם געווען האָט זיך מיט די דערמאָנטע נישט אויסגעשעפּט — פאַראַן צווישן זיי אויך באַקאַנטע חזנים ווי יאָסל שטערנ־בערג (יעקב שטערנבערגס אַ קרוב), און בעיקר משה אוישער (אַ תלמיד סיי פון איציק שקאָלניק, וואָס איז אויך געווען אַ געשמאַקער בעל־תפילה און אָרגאַני־זירט אַ גוטן כאָר, און סיי פון אליעזר שטיינבאַרג, וואָס האָט אים, נאָך אַ קינד, געלאָזט זינגען אין זיינע קינדער־פּיעסן), און עס לאָזט זיך פאַרענדיקן מיט די, וואָס האָבן זיך, פריִער אָדער שפּעטער, באַזעצט דאָ, אין ארץ־ישראל און דערהאַלטן וואַך און לעבעדיק די פּיעטעט און דעם זכרון פון אליעזר שטיינבאַרג

און דעם אינטערעס פאַר זיין ווערק — קודם כל די אַלמנה זיינע, מרת רבקה שטיינבאַרג, דערנאָך משה זילבערמאַן, וואָס האָט רעדאַקטירט דעם ספר הזכרון פון ליפּקאַן, — אַ געזעמל פון אַרבעטן, וואָס זענען לעבן אהרן שוסטערס בוך „ליפּקאַן פון אַמאָל", דער בעסטער מקור זיך נעענטער צו באַקענען מיט דער דאָזיקער שטאָט און איר כאַראַקטער, און איןביידע ביכער איז אליעזר שטיינבאַרג אַ צענטראַלע פיגור, און אַפילו די צענטראַלע פיגור. ביידע, סיי מרת שטיינבאַרג סיי משה זילבערמאַן, האָבן נאָך דערלעבט צו זען ווי די איצטיקע אַרויסגאַב פון שטיינבאַרגס משלים איז אַריין אין דרוק, און זענען ביידע איבער די גבורות אַוועק פון דער וועלט און מיטגענומען דעם ליכטיקן זכרון פון דעם גרויסן ממשל.

כדי משלים צו זיין דעם רייסטער, לאָזן זיך דערמאָנען מנחם לערנער — איצט נאור, דער באַקאַנטער חוקר פון תנך, און פון גאָר יונגן קאַליבער — דער עניוותדיקער דיכטער אריה פיכמאַן, און דער אין זשינקיוו געבוירענער אָבער אין ליפּקאַן דערצויגענער, סורעאַליסטישער דערציילער, יצחק אורפּז, אָבער מעגלעך, אַז זיי זענען צו יונג, אַז עס זאָל זיי האָבן דערגרייכט מער ווי אַ שימער פון דער ליפּקאַנער שטיינבאַרג־אַטמאָספער.

פון דעם אויסגערעכנטן רייסטער אינטערעסירן אונדז קודם כל די שרייבער, שוין בלויז צוליבן ביאָגראַפישן צד השונה — כמעט אַלע זענען אַוועק פון ליפּקאַן, חוץ פון אונדזער שטיינבאַרגן, וואָס האָט, דאָ און דאָרט, געמאַכט אַ נסיעה, לרוב נישט איבעריק ווייט — האָט ווי אַ לערער אַרומגעוואַנדערט אין בעסאַראַבישע און וואָלינער שטעטלעך — אַ מאָל אַריינגעפאָרן קיין אָדעס, זיך צו זען מיט די פּני פון דער ליטעראַטור, בעיקר מיט ביאַליקן — אָבער אויב אָראָפּרעכענען איין נסיעה קיין בראַזיל (1928), אויך דעמאָלט לויט דער איניציאַטיוו פון ליפּקאַנער לאַנדסלייט, פון וואַנעט ער איז, נאָך אַ יאָר מיט עפּעס, נישט צוריקגעפאָרן נאָך צוריק אַנטלאָפן, און די יאָרן, וואָס ער האָט, פאַר יענער אומגעראָטענער נסיעה און נאָך איר פאַרבראַכט אין טשערנאָוויץ (פון 1919 ביז 1932), און אַפילו אַראָפּרעכנענדיק וויזיטן אין שטעטלעך, און שטעט — און בוקאַרעשט בתוכם — ווו ער האָט פּרעלעגירט און רעציטירט, האָט ער כמעט פערציק יאָר פון זיינע בסך־הכל צוויי און פופציק יאָר לעבן פאַרבראַכט אין זיין געבוירן־שטאָט, ליפּקאַן, און די קשיא איז, צי דאָס איז געווען פאַר אים אַ סימבול, אָדער אַ שטער, פּשוטער געזאָגט: אַ מעלה אָדער אַ חסרון.

ג

דאָס שאַפן פון אליעזר שטיינבאַרג איז אַ מדרש־פּליאה. זלמן רייזען, וואָס האָט דעם ערך שטיינבאַרג פאַרעפנטלעכט נאָך ביי זיין לעבן (לעקסיקאָן, 1929)

און האָט מסתמא די עיקר־אינפאָרמאַציע געהאַט פון אים גופא, שרייבט, אַז שטיינבאַרג האָט אָנגעהויבן צו שרייבן לידער און משלים נאָך אין אָנהייב פון יאָרהונדערט (1902), און דאָס וואָרט: נאָך לאָזט זיך גאָר לייכט פאַרבייטן אויפן וואָרט ערשט — סוף־סוף איז ער דעמאָלט שוין געווען אַ צוויי־און־צוואַנציקער־יעריקער יונגערמאַן; אָבער וואָס איז נאָך חשובער, אַז ער האָט שוין פון אָנהייב געשריבן לידער און משלים, דאָס הייסט, ער האָט שוין, בעצם, געוווּסט, וווהין ער גייט, וווהין ער וועט גיין, וווהין ער דאַרף גיין, און פון דעסטוועגן געפינען מיר דעם ערשטן משל זיינעם („צוויי רויזן״) ברשות הרבים (אין אברהם רייזענס „אייראָפּעיִשע ליטעראַטור״) ווען ער איז שוין אַלט געווען גאַנצע דרייסיק יאָר. מיר וואָלטן אפשר די עובדה נישט אַזוי אונטערגעשטראָכן, ווען זי וואָלט כאַראַקטעריסטיש געווען בלויז פאַרן ערשטן פּעריאָד זיינעם. עס איז נישט די איינציקע דוגמה פאַר אַ לאַנגן קווענקלען זיך פון אַ מחבר אַריינ־צושפּאַנען אין רשות־הרבים אַריין. אָבער געוויינטלעך זעען מיר נאָך דעם דאָ־זיקן שריט אַ גאַנג אין אַ פאַרגיכערטן טעמפּאָ. אָבער דאָ, פּונקט ווי דער מחבר האָט געלאָזט לאַנג וואַרטן אויף זיין ערשטן משל, האָט ער לאַנג געלאָזט וואַרטן אויף זיין ערשטן ביכל. אמת, ער דרוקט אַמערשט אין דער אָדעסער פּרעסע, וואָס האָט געקאָנט האָבן אַ גרעסערן אָפּקלאַנג, שוין מחמת דעם, וואָס זי האָט קורסירט אין רוסלאַנד, אָבער שפּעטער, ווען בעסאַראַביע איז צוגעפאַלן צו רומעניע, האָט ער זיינע זאַכן געלאָזט גיין אין דער דאָרטיקער פּרעסע, וואָס האָט געמוזט פאַרקלענערן זייער רעזאָנאַנס, שוין מחמת דעם, וואָס נישט בלויז די דאָזיקע פּרעסע, נאָר דער עצם קיום פון אַ וואָגיקן יידישן ליטעראַטור־צענטער אין רומעניע איז געווען אַ מין אומבאַקאַנטע יבשה, וועלכע מען האָט ערשט באַדאַרפט צו אַנטדעקן, און מען האָט זי טאַקע, אַ קאַפּ שפּעטלעך, אַנט־דעקט. אַזוי האָבן שטיינבאַרגס ערשטע צוויי ביכלעך, דער יידישער „אלף־בית״ און דער העברעיִשער „אלפון״ (1921) נישט זוכה געווען צו אַן אינטערעס אין ברייטערן תחום פון דער אַלגעמיינער יידישער וועלט. דאָס זענען געווען פיינע צו מאָל כישופדיקע געשאַנקען פאַר תינוקות־דבית־רבן, אָבער פאָרט בלויז לערנ־ביכלעך, ווו דער גראַנגל צווישן פּאָעטישן און דידאַקטישן וויל אַפילו קיינעם פון זיי נישט לאָזן גובר זיין, אָבער בשעת די שאַפערישע פאַנטאַזיע צילט צו אַ ריינעם סינטעז, טרייבט די פּעדאַגאָגישע נויטווענדיקייט צו אַ קנייטש פון פּשרה.

וואָס שייך דעם שניט, איז גענוג צו ברענגען די דוגמה, וואָס עס דערמאָנט זי בתיה אַלטמאַן, ווי אַ פראַגמענטל פון אַ געגראַמטן שיעור צו לערנען העב־רעיִש: שחור — שוואַרץ, לבן — ווייס / גליטשן קען זיך אויפן אייז / הויך — גבוה, עמוק — טיף / זיצט אַ הון און שרייבט אַ בריוו. די ערשטע און דריטע

שורה — בילדונג, די צווייטע און פערטע שורה — בילדלעכקייט, און ווען נישט די גראַמען, וואָס פאַרבינדן די דידאַקטישע שורה מיט דער פּלאַסטישער שורה, וואָלט דאָס געווען בחינת לא קרב זה אל זה, און עס איז קיין חידוש נישט, אַז די רוטינירטע לערער האָבן זיך נישט געלאָזט גיין אויף אַזאַ דיאַלעקטישן דרך, און צו דרייסטערע, אַוואַנטוריסטישע לערער זענען די חידושים נישט דערגאַנגען, און דער מחבר איז שוין דעמאָלט לאַנג געווען נישט קיין יונגער־מאַן — ער האָלט ביים אַרויסגעבן פון די צוויי קליינע ספרימלעך, ביים פער־ציקסטן לעבנס־יאָר.

יאָ, „אלף־בית" האָט געהאַט דריי חשובע שותפים — די דריי אילוסטראַ־טאָרס: רובין זעליקאָוויטש (דאָס איז דער באַקאַנטער מאָלער ראובן, וואָס האָט אויך געשריבן יידישע לידער), סאָלאָמאָן לערנער (שלמה נאור, שפּעטער אין ארץ־ישראל, ווו ער איז נפטר געוואָרן), ואחרון אחרון אַרטור קאַלניק, וואָס איז שפּעטער געוואָרן דער אילוסטראַטאָר בה"א הידיעה פון שטיינבאַרגס משלים. אָבער אויף די משלים אַליין האָט מען געמוזט ווידער לאַנג וואַרטן. אמת, נישט ווייניק פון זיי זענען געווען מפורסם, איידער זיי זענען אַריין אין טאָוולען פון אַ בוך, אָבער מען האָט זיי געקאַנט נאָר בעל־פה, בעסער געזאָגט: מפּה לאוזן, פון מויל צו אויער — דער מחבר אַליין, זיינע חסידים און תלמידים, פירלייענער־מומחים און פירזאָגער־ליבהאָבער, האָבן זיי געלייענט אין כלערליי קהילות־רומעניע, און מיט דער צייט איז דאָרט כמעט נישט געמאָלט געווען אַ ליטעראַרישער אָוונט אָן אַ שטיינבאַרגישן משל, וואָס איז געוואָרן דאָס היימישסטע קוויקעניש פונעם עולם.

און וואָס שייך חוץ לרומעניע, איז עס דער באַוווּסטער קינסטלער הערץ גראָסבאַרד געוואָרן זייער גערעטענער פּראָפּאַגאַטאָר. ער איז געקומען קיין רו־מעניע און, ווען ער האָט זיך באַקענט מיט דער יידישער ליטעראַטור אירער, זענען אים אויפגעגאַנגען צוויי גרויסע ליכט, שטיינבאַרגס משל און מאַנגערס באַלאַדע, און זיין רייכע און ניואַנסירטע אינטערפּרעטאַציע האָט זיי מפורסם געווען מחוץ לרומעניע, און דער בעל־פה האָט זיך צעטראָגן אויף דער וועלט, איידער דעמס משלים און יענעמס באַלאַדעס האָבן זוכה געווען צו זיין אַ דבר־שבכתב, בעסער געזאָגט: אַ דבר שבספר. וואָס שייך די משלים, איז אַ טייל פון זיי אַפילו אַרויס ווי אַן אתרוג אַ הדר, אויפן דינסטן פּאַפּיר און מיטן פיינסטן דרוק, אַ מין לוקסוס, וואָס אַ יידיש בוך האָט עס פריער נישט דער־לעבט צו זען, — אַרטור קאַלניק האָט עס באַצירט מיט זיינע ווונדערלעכע האָלצשניטן און יוסף שוואַרצמאַן האָט עס טעכניש אַרויסגעבראַכט ווי אַ צאַצקע. אָבער דער דאָזיקער אָפּקלייב „דורך די ברילן" (1928) האָט ביי זיינע גרויסע קוואַליטאַטיווע מעלות געהאַט נישט מינדערע חסרונות. ערשטנס, איז עס געווען

גוט, פרימאַ, אָבער ווייניק, קוים אַ טוץ משלים, אַ גאַרשטש, וואָס זעטיקט נישט דעם לייב. צווייטנס, זענען בסך הכל אַרויס הונדערט צוואַנציק שטיק; דריטנס, איז דער פּרייז פון אַ שטיק געווען צוואַנציק דאָלאַר; אַזוי אַז דער פאַרשפּרייט איז לכתחילה באַגרענעצט געוואָרן, און מסתמא זענען כמעט אַלע עקזעמפּלאַרן פאַרשלונגען געוואָרן אין רומעניע גופא. אַזוי אַז דער ייִדישער עולם אויף דער וועלט האָט געקאָנט עפּעס הערן דאַריבער אָבער נישט געקאָנט זען, לא כל שכן לייענען.

דער מחבר אַליין, וואָס האָט שוין איצט געהאַלטן צוויי יאָר פאַר זיין יובל, היא שנת החמישים, האָט מסתמא געהאַט אַ האַנט דערביי, אַ ראיה ברורה האָבן מיר מיט אַ דריי יאָר שפּעטער, ווען זיינע נאָענטסטע האָבן געפּועלט ביי אים צוצוגרייטן אַ גרעסערן באַנד משלים און אַ באַנד מעשהלעך און דער קאָמיטעט (מרת רבקה שטיינבאַרג, יעקב שטערנבערג, שלמה ביקל, חיים גינינגער, דער פּירזיצער גבריאל ראָזענרויך און אַנדערע) האָבן זיך ענערגיש גענומען דערצו. און דאָס בוך משלים איז שוין געווען סמוך לדרוק, האָט נאָך אַליין שטיינבאַרג טענדירט צו פאַרקלענערן די צאָל קאָפּיעס. און מיר לייענען אין זיינע בריוו צו שלמה ביקל: „ביים היינטיקן גרויסן קריזיס מוז אַ בוך זיין גוט און שיין און ביליק, ער זאָל קאָנען פאַרקויפט ווערן כאָטש אין צוויי טויזנט עקז.“, און מיט אַ יאָר שפּעטער: „מיר זענען איינגעגאַנגען דערויף „אַז מען זאָל זיך שטרעקן נאָך די עקן“, דרוקן נאָר טויזנט עקזעמפּ.“, און מיט אַ חודש שפּעטער: „דרוקן ווען מיר טויזנט עקזעמפּ. ווי מיינט איר, פאַר אַ פאָלק פון אַ זעכצן מיליאָן (כן ירבו! אויף צעפיקעניש!) איז דאָס נישט צו פיל? הייסט דאָס נישט, חלילה, איבערגעצויגן דעם בויגן? אפשר וואָלט געווען גענוג הונדערט. די והותר!“, און מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער ווידער אַ מאָל: „ווי מיינט איר, אַ מאה וועט זיין גענוג פאַר די „רבבות אלפי ישראל“? צו פיל אָדער נישט: די מאה וועט זיך זיכער צעפליִען ווי אַ רויך אין שטורעמווינט! — ווי זאָגט אָבער דאָס כמאַרעלע צום רויך ערגעץ אין אַ משל? „איך צו מענטשן מוז מיך קערן, ווייל איך האָב אַ האַרץ מיט טרערן“, און סתם מענטשן מיינט מען דאָך די ברייטע שיכטן, די מאַסן, וואָס זענען נאָך נישט געוואָרן „אויס מענטש“ פון איבערעסן זיך און זיי פעלט אויס אַ בוך „ווי עסיק צו די ציין און רויך צו די אויגן“. וועל איך טאַקע אַרויסלאָזן פון זייערט וועגן גאַנצע ת״ק [= פינף הונדערט] מיטן קנאַק!“ און ער גיט צו אין פאָסט־סקריפּטום: „קלאָר גערעדט: איך מיין צו דרוקן נישט מער ווי 500 עקז. הונדערט פאַר „יחידי סגולה“ און פיר הונדערט (אויך שיין געבונדן — פּרייז צוויי הונדערט לעי) — פאַרן ביכער־מאַרק“.

אַוודאי דאַרף מען זיך נישט לאָזן אָפּנאַרן פון דער הומאָריסטישער און

סאַטירישער נאָטע, עס איז אָבער אַ ספק, אויב מען מעג זיך באַנוגענען מיט שלמה ביקלס דערקלער, אַז מיר האָבן פאַר זיך דאָ אַ געראַנגל צווישן דעם דיכטער, וואָס וויל אַז זיינע משלים זאָלן ווערן אַ קנין פון עמך ישׂראל, און צווישן דעם ביבליאָפיל, וואָס קאָן פועלן ביי זיך דעם פאַרשפרייט צו באַגרע־נעצן אויף בלויז הונדערט קאָפּיעס, אָבער עס זאָל זיין בתכלית היופי. דען די קשיא איז, אויב די ביבליאָפיליע, וואָס האָט אין אים געשטעקט, איז דער טעם צו אַזאַ איינשטעל, אָדער עס איז בלויז אַ באַהעלף, און אַפילו אַן אויסרייד, פאַר אַ פיל טיפערער סיבה. עס דוכט זיך, אַז דער ענין פאַסט זיך צו פיל אַריין אין זיין ביאָגראַפישן גאַנג, וואָס האָט זיך רוב־ימיו באַנוגנט מיטן תחום פון זיין געבוירן־שטאָט, פונקט ווי ער פאַסט זיך צו פיל אַריין אין זיין שאַפערישן גאַנג, וואָס האָט זיך כמעט כל ימיו באַנוגנט מיט אַ קליינעם רעזאָנאַנס, אַז מיר זאָלן אין דער ביבליאָפיליע זען אַ טעם כעיקר.

דער בולטער שטראָך פון הסתפקות, כמעט ביז אויטאַרקישקייט, אין זיין לעבן, און דער בולטער שטראָך פון באַזאַכטקייט, כמעט ביז קונקטאַטאָרישקייט, אין זיין שאַפן, הייסן זוכן טיפערע טעמים, און עס פרעגט זיך ווידער אַ מאָל, צי זענען די צוויי שטרעך געווען פאַר אים אַ סטימול אָדער אַ שטער, פשוטער געזאָגט: אַ מעלה אָדער אַ חסרון.

ד

ווי ווייט עס איז אַ האַרבע קשיא, וועט אונדז אפשר מער קלאָר ווערן ווען מיר וועלן נעמען אין באַטראַכט אַ פאָר דאַטעס — שטיינבאַרגס ערשט בוך ממש, די משלים זיינע, זענען אַרויס אין יאָר פון זיין פטירה (1932) און ער גופא האָט געזען בלויז דעם ערשטן דרוקבויגן, אָבער מיר ווייסן פון זיינע תלמידים, שטערנבערג און אַלטמאַן, אַז וועגן אַן אַרויסגאָב פון משלים האָט מען נאָך געשמועסט אַ פאָר יאָר פאַר דער ערשטער מלחמה. שטערנבערג דערציילט — אין אַ בריוו צו אליעזר פרענקל — אַז ער האָט דאָס צום ערשטן פירגעלייענט פאַר ביאַליקן און ראַווניצקין איך אָדעס (1911) שטיינבאַרגס משלים, און זייביידע זענען אַזוי נתפעל געוואָרן, אַז זיי זענען געווען גרייט זיי אַרויסצוגעבן. הייסט עס, אַז דאָס בוך משלים האָט געקאָנט האָבן זיין אייגענעם פירגייער מיט איבער צוואַנציק יאָר פריִער. אַז דאָס וואָלט אויך נישט געהייסן צו פרי, וועט אונדז אפשר קלאָר ווען מיר נעמען אין באַטראַכט אַ פאָר אַנדערע דאַטעס. אליעזר שטיינבאַרג איז געווען מיט אַכט יאָר ייִנגער פון ליעסינען און פינסקין און מיט זיבן יאָר ייִנגער פון ביאַליקן, מיט פינף יאָר ייִנגער פון אברהם רייזען און טשערניכאָווסקין, אָבער אַ יאָר עלטער פון שלום אַשן און פיכמאַנען, צוויי יאָר עלטער פון מאַני לייבן, פינף יאָר עלטער פון משה נאַדירן און י. י.

שוואַרצן, אַכט יאָר עלטער פון לייוויקן און באַרעישאַן, ניין יאָר עלטער פון יעקב שמואל אימבערן, זישע לאַנדוין, לעיעלעסן און האַפּשטיינען, צען יאָר עלטער פון בראָדערזאָנען און צוועלף יאָר עלטער פון אפרים אויערבאַכן, פופצן יאָר עלטער פון מאַרקישן, זעכצן יאָר עלטער פון קולבאַקן און י. י. סיגאַלן. אַלע זענען אין יאָר פונעם דערשיינען פון זיין ערשטן בוך שוין לאַנג געווען באַקאַנטע פירמעס. נאָך מער — דער פון אים זעקס יאָר ייִנגערער משה לייב האַלפּערן און פון אים צען יאָר ייִנגערער לייב נײַדוס און אשר שוואַרצמאַן זענען שוין, מחמת זייער טויט, געווען פאַרענדיקטע פירמעס, בשעת דער רוב פון זיינע ווערק זענען נאָך געווען אין כתב־יד. אויך זיינע צוויי אייגענע תלמידים, אַלטמאַן און שטערנבערג, האָבן שוין געהאַט אַ היפּשע פּובליסיטי, און דער פון שטיינבאַרגן איינאונצוואַנציק יאָר ייִנגערער איציק מאַנגער, האָט שוין מיט פיר יאָר פריִער, מיט דער אַנטדעקונג פון יידיש־רומעניע, געמאַכט זיין ערשטן טריומפאַלן שפרייז איבער פוילן.

וואָס שייך דער דאָזיקער אַנטדעקונג, האָט זי געהאַט אַ פּאָר שליחים — מיר האָבן שוין דערמאָנט הערץ גראָסבאַרדן און זיין פאַרדינסט, מיר דאַרפן אָבער דערמאָנען די אימפּרעזע, וואָס האָט גורם געווען, די ברייטערע יידיש־וועלט אַ ביסל ברייטער וועגן דעם אַקטיוון גייסטיקן צענטער פון יידישער שאַפערישקייט צו אינפאָרמירן. די אימפּרעזע איז געווען אַ צוזאַמענקום לכבוד דעם צוואַנציק־יאָריקן יובל פון דער שפּראַך־קאָנפערענץ אין טשערנאָוויץ (1928). דעמאָלט האָבן זיך באַוויזן אַרטיקלען און שמועסן מכוח דער אַנטדעקונג — זלמן רייזען, וואָס רופט זיין אַרטיקל בפירוש „די אַנטדעקונג פון יונג־רומעניע", ישראל רובין, וואָס גייט נאָך ווייטער און רופט זיין אַרטיקל „די ל"ו־ניקעס", און דאָ און דאָרט איז די צענטראַלע געשטאַלט אליעזר שטיינבאַרג, שוין אָפּגעשמועסט פון אַלטער קאַציזנען, וואָס זיין אַרטיקל כשמו עניבו: „וועגן דער טשערנאָוויצער אויסגאַבע „דורך די ברילן". כאָטש אין פלוג, האָט עס געהייסן, איז דער חידוש בלויז לגבי רעגאַט, בעצם: מאָלדעווע וואָס האָט אַן עלטערן ייִחוס — יאַס און זיין מסורה מימי בערל בראָדער, וועלוול זבאַראַזשער און גאָלדפאַדען, ווי אויך אַ ייִנגערן ייִחוס — אַ בן־יחיד אין מלכות יידיש, יעקב גראָפּער, צו וועלכן עס איז שפּעטער צוגעקומען לעאָן בערטיש, משמע נישט מער ווי אַ פּאָרל, אָבער באמת האָט זיך די אַנטדעקונג מתכוון געווען צו אַלע דריי צוגעקומענע פּראָווינצן, וואָס האָבן, אין דער רעם פון דער רומענישער מלוכה, געפּרוווט שאַפן אַ קולטורעלע קאָנסאָלידאַציע, וואָס האָט זיך שווער איינגעגעבן, נישט אַזוי מחמת דער פאַרשיידענער מענטאַליטעט פון דעם יידישן טיפּ אין די דריי פּראָווינצן, וואָס האָבן פּאָליטיש באַלאַנגט צו באַזונדערע מלוכות, נאָר דערהויפּט מחמת דער פּאַרטייִשער צעריסנקייט (ציוניסטן, בונ־

דיסטן, קאָמוניסטן). און אַז עס איז שוין צושטאַנדגעקומען אַ קולטור־פעדע־ראַציע, איז שטיינבאַרג אפשר געווען דער איינציקער, וואָס האָט זיך געקאָנט דערהייבן צו איבערפּאַרטייִשקייט, אָבער דער כוח פון דער מחלוקה איז געווען שטאַרקער פון זיין אויטאָריטעט, און מיר וועלן זיך, דוכט זיך, נישט פאַר־זינדיקן קעגן אמת, ווען מיר וועלן זאָגן, אַז דווקא זיינע נאָענטסטע תלמידים און חסידים, וואָס האָבן נאָך זיין פּטירה אַרויסגעהויבן זיין פירערישע ראָל, וואָלטן אים נישט נאָכגעגאַנגען, ווען ער וואָלט באמת פּרעטענדירט אויף אַ פירערשאַפט. דען וואָס האָט אַזאַ היסטאָריש טיף פאַראַנקערטער ייִד געהאָט צו טאָן מיט זייער ייִדישיסטישער פּאַרטייִשקייט און וואָס האָט אַזאַ קולטורעל טאָטאַל אָריענטירטער ייִד געהאַט צו טאָן מיט זייער פּראַקטיִאַנערער פאַרביסנ־קייט? עס איז שווער צו זאָגן, אַז ער, וואָס האָט געקענט שטיין איבער די צע־שפּאַלטענע לאַגערן, און וואָס האָט זיך לכרחו געפונען צווישן זיי, איז עפעק־טיוו געווען אַ בריק, לא כל שכן די בריק, צו פאַראייניקן זייערע פּאָזיטיווע גרונט־עלעמענטן צו אַ האַרמאָניע, ווי זי האָט געלעבט ביי אים אין האַרצן. און אַפילו זיינע אייגענע צוויי ערשטע ספרימלעך האָבן זיך ווי געשפּאָלטן — דער „אלפון" איז אַרויס דורך דער ציוניסטישער פעדעראַציע און דער ייִדי־שער „אלף־בית" איז אַרויס דורך דער ייִדישער קולטור־פעדעראַציע, און די צוויי פעדעראַציעס זענען זיך נישט ווייניק געלעגן אין די האָר. דוכט זיך, אַז די אינעווייניקסטע ייִדישע צערודערטקייט האָט העכסטנס דערלויבט אַ דרך־ארץ צו שטיינבאַרגן מצד דער ערשטער פעדעראַציע מיט אַ שטילן תנאי, אַז ער וועט איר נישט אויפגעבן, און מצד דער לעצטער פעדעראַציע מיט אַ שטילן תנאי, אַז ער וועט איר נאָכגעבן. אַזאַ מין דרך־ארץ איז ווייט פון אַן אָנערקענטער, פירערישער אויטאָריטעט, און שטיינבאַרג איז נישט געווען באַשאַפן פירערישע אויטאָריטעט אויפצוצווינגען, און אַזוי אַרום שטעלט זיך זיין פירערשאַפט, וואָס מען האָט זיך איבער איר, בעיקר נאָך זיין פּטירה, היפּש צעשריבן, ווי אַ שטיקל לעגענדע, אויב נישט אַ שבשתא כיון דעל על.

וואָס ער האָט יאָ געקאָנט זיין און איז געווען, איז אַ גייסטיקער בעל־סמכא, ווייל ער איז צווישן דעם געזעמל שרייבער אין דעם נייעם צענטער געווען דער גדול במנין ובחכמה. נישט געווען צווישן זיי אַ באַהאַוונטערער סיי אין חכמת־ישראל סיי אין חכמת־האומות. נישט געווען צווישן זיי אַ טיפערער קענער און באַהערשער פון אונדזערע ביידע שפּראַכן, נישט געווען צווישן זיי אַ גרעסערער שרייבער, און ער וואָלט אין דער באַהאַוונטקייט, דער טיפקייט אין דער גרויסקייט אויסגענומען און פאַרקאַנקורירט אויך אין אַנדערע, צענטראַלע ייִדישע קולטור־יבשות. ער גופא האָט אָבער די מעלות זיינע נישט גלייכמאָסיק אַקטיווירט. בעיקר האָט ער נישט אויסגענוצט די מיטלסטע מעלה זיינע. ער,

האָט סוווערען באַהערשט לשון־קודש און מאַמע־לשון, און האָט געהאַלטן, אַז אַ פֿאָלק ווערט נישט אָרעמער ביי אַזאַ טאָפּלקייט, איז געווען אַ ממש אידעאַלער קאַנדידאַט אויף אַ צווייִשפּראַכיקן מייִנסטער, איז אָבער לגבי העברעיִש יוצא געווען מיט אַ פּאָר קינדער־לידער — פֿון זיי געדרוקט אין ניו־יאָרקער „עדן", ווען עס האָבן זיך אויך געדרוקט ביאַליקס קינדער־לידער, — אַזוי אַז דער זאָג, וואָס מען וויל האָבן געהערט פֿון ביאַליקן, אַז ער, שטיינבאַרג, איז נישט בלויז דער גרעסטער ייִדישער נאָר אויך העברעיִשער קינדער־דיכטער, איז, פּשוט, אַ גוזמא, און אויב נאָך צורעכענען די פּאָר איבערזעצן פֿון העברעיִש (ביאַליק, טשערניכאָווסקי) איז דער חשבון כמעט פֿאַרענדיקט, און די אין כמות אַנטשיידנדיקע און אין איכות עיקרדיקע דאַמענע זיינע איז געווען ייִדיש, אַזוי אַז דער אָנווענד פֿון מענדעלעס זאָג, אַז ער האָט געאָטעמט מיט ביידע נאָזלעכער, קאָן דאָ נאָר אָנגיין, ווען מיר וועלן צוגעבן, אַז איין לעכל האָט געאָטעמט טיף און ברייט, און פֿול און פֿריי, און דאָס אַנדערע לעכל איז געווען היפּש צוגעשפּאַרט. און דאָס איז אַ שאָד, נישט בלויז פֿאַר דער צווייִשפּראַכיקער קאַאַליציע, נאָר אויך, און אפֿשר בעיקר, פֿאַר שטיינבאַרגן, וואָס האָט באַדאַרפֿט, ווי דאָס לעבן, אַזאַ מענדעלעשן גוראַנגל, ווו ביידע שפּראַכן וואָלטן זיך אין אים אַקטיוו געבאַרעט, און עס וואָלט אפֿשר געווען דער לעצטער גרויסער, אויב נישט דער גרעסטער, ווידעראַנאַנד פֿון דער אָריגינעלער שאַפֿערישער תּקופֿה.
אַוודאי האָט ער אין זיינע ייִדיש־שאַפֿונגען, בעיקר אין די משלים, פֿאַרוועבט אַ שלל פֿון תּורה, גמרא, מדרש, און לייכט מעגלעך אַז ער האָט אין דער קינסטלערישער מאַניפּולאַציע מיט דעם מאַטעריאַל קיין גלייכן נישט, אָבער עס איז דאָך כאַראַקטעריסטיש, אַז ווען ער האָט געקלערט אַרויס פֿון רומעניע און ער שרייבט צו נטע רויטמאַן, זיינס אַ תּלמיד, וואָס האָט ביי אים געלערנט העברעיִש און איז דערנאָך געווען דער פֿאַרלעגער פֿון זיינע „משלים" (אין זיין פֿאַרלאַג „שלום־עליכם" אין בוקאַרעשט זענען אויך אַרויס די ערשטע ביכער פֿון יעקבֿ גראָפּער, איציק מאַנגער, שלמה ביקל, בערל שנאַבל, יאָסל לערנער, יוסף בורג), אַז ער וויל אַנטלויפֿן. „וווּהין? ווייס איך נישט אויף זיכער, קיין וואַרשע, קיין אַרגענטינע, און אפֿשר גאָר — מיט ביאַליקס מיטווירקונג — קיין ארץ־ישׂראל", און ער גיט צו, ווייזט אויס אַ ציטאַט פֿון ביאַליקס אַ בריוו צו אים: „ביאַליק רופֿט — עת כנוס", און ער פֿרעגט זיך אָן אויף אַ מעגלעכקייט פֿון אָוונסן אין פּאַריז. אָבער למעשׂה איז ער געפֿאָרן קיין בראַזיל, ווו די יעווסעקעס האָבן אים דערגאַנגען די טעג, פֿאַרשרייענדיק אים פֿאַר אַ נאַציאָנאַליסט. און ווידער איז כאַראַקטעריסטיש, אַז ער, אַליין אַ וווּנדערלעכער צוזאַמענבונד פֿון אַ תּלמיד־חכם און פֿאָלקס־מענטש, האָט זיך איינגעשפּאַרט צו נאַטוראַליזירן, אָדער שאַרפֿער געזאָגט: דעהיסטאָריזירן, די אָרטאָגראַפֿיע פֿון לשון־קודש־קאָמפּאָנענט אין

בוך „משלים" און האָט עס, אָקעגן דער דעה פון זיינע בעסטע פריינד, און דעם קאָמיטעט פון בוך בתוכם, דורכגעזעצט, פאַרשטייט זיך, אַז דאָס האָט אַרויס־גערופן שטוינונג און צער, ווי מיר לערנען דאָס אָפּ פון כמה וכמה אָפּרופן .אויף די „משלים" — אַזוי, אַ שטייגער, אין ביאַליקס ענטוזיאַסטישן בריוו, אין ניגערס און לייוויקס וואַרעמע אָפּשאַצן וכדומה.

מיר האָבן אַרויסגעהויבן די צוויי שטרעך, נישט בלויז מחמת זייער כאַראַק־טעריסטישקייט פאַר זיך, נאָר אויך דערפאַר, וואָס זיי וואַרפן אַ ליכט אויף שטיינבאַרגס גאַנג — אַ ביאָגראַפישער אַקט, וואָס פירט נישט אַרויס אויף אַ ברייטן שליאַך, נאָר פירט פון אַ נייעם ווייטן און בייזולעכן שטעג צום אַלטן, נאָענטן, היימישלעכן שטעג צוריק. דאָס מיינט די עובדא פון יענער נסיעה, וואָס האָט נישט געפירט קיין וואַרשע אָדער תל־אביב, נאָר דורך ריאָ־דע־זשאַניירא צוריק קיין טשערנאָוויץ; אַ כביכול טעכנישער אַקט, וואָס פירט אָפּ פונעם שטראָז פון דורות, וואָס האָבן אָפּגעהיטן די אויטאָנאָמיע פון לשון־קודש־קאָמפּאָנענט אין די יידישע לשונות, און פאַרפירט אין אַ זאַק־געסל פון אַ כת, וואָס, פאַרווישנדיק דעם וועג צום פאָלקס־נעכטן, פאַרשפּאַרט זי זיך דעם וועג צו זיין מאָרגן. דער צד השווה אין די ביידע אַקטן, איז אַ מין אויפבוי פון זאָפּאַרעס, בחינת גדר מזה וגדר מזה, און עס פרעגט זיך ווי־דער אַ מאָל: צי איז עס געווען אַ סטימול אָדער אַ שטער? פשוטער געזאָגט: צי איז עס אַ מעלה, אָדער אַ חסרון?

ה

אַזוי ווי מען קאָן אונדז חושד זיין, דאָס מיר האָבן די דאָזיקע צוויי אַקטן צוגעשפּיצט, ווילן מיר זיך אַ ביסל פּרטימדיקער אַרויסזאָגן, און מיר וועלן עס טאָן אין אַ פאַרקערטן סדר. וואָס שייך דער נאַטוראַליזאַציע פון דעם לשון־קודש־קאָמפּאָנענט האָט עס שטיינבאַרג אָנגערופן „אָפּרוימען די אָרטאָגראַפישע אָוונענעגעף", און זאָל די אַרגומענטאַציע זיינע זיין ווי זי איז געווען, — פון די דערקלערן מצד די אים נאָענטע איז די זאַך ווייט נישט קלאָר. פרעגט זיך, וואָס פאַר אַ מין לייענער האָט ער זיך אויסאימאַגינירט, אַז די צורה פונעם לשון־קודש־וואָרט איז פאַר אים אַ כראָפּעוואַטער שטאַרצשטיין, משמע ער קען עס שוין נישט פון מקור און איז שוין מער נישט מסוגל עס צו דערקענען, ווי עס איז אין מקור, און פון דעסטוועגן איז דער תוכן פון לשון־קודש־וואָרט אין זיינע פּילפּנימדיקע באַנוצן, ווי זיי קומען פיר אין די משלים — טערמינען, באַגריפן, באַהעפטן, אַסאָציאַציעס, בילדער — פאַר אים אַ גלאַט פאַלירטע טאַפּליע. און שטיינבאַרג איז געווען צו פיל פּעדאַגאָג, ער זאָל נישט פאַרשטיין, אַז דער דאָ־זיקער חידוש, וואָס טיילט אָפּ צווישן אָריגינאַלן בילד פונעם וואָרט אין מקור

און צווישן דעם פאַרענדערטן בילד פונעם וואָרט אין זיין משל, מאַכט לויז דעם צובונד צום מקור און צעוואַקלט אַ בריק צום לעבעדיקן העברעיִש; און שווער צו גלייבן, אַז ער זאָל דאָס האָבן געוואָלט. אָבער מעגלעך, אַז דער אָפּנייג זיינער פון זיך אַליין, האָט אומגערן צוגעהאָלפן דעם און יענעם פון זיינע קריטיקער, וואָס די שפע פון דער יידישקייט זיינער האָט זיי געבאַדיעט אָדער געשטערט, און האָבן געהאַט תרעומות, הלמאי ער האָט זיינע משלים אַזוי פאַרלמדניִשט, פאַרגמראַט, און איבערגעלאָדן מיט פאַרעלטערטער פאָלקס־טימלעכקייט.

על כל פנים איז מעגלעך, אַז דער אַנטי־למדנישער אויסלייג האָט דאָ אויך, שלא בכוונה, צוגעלייגט אַ קנייטל. און עס איז זיכער נישט קיין צופאַל וואָס שמואל ניגער — (ער האָט זיך אָמערשט באַקענט מיט די משלים בעל־פה, טרעפנדיק זיך מיט שטיינבאַרגן אין טשערנאָוויץ) — וואָס איז אַ סניגור פון די למדנישע עלעמענטן וועלכע פאַרוועבן זיך מיטן פאָלקישן, באַטראַכט זיי ווי אַ סימן פון אַן ערנסטן באַצי צו דער אייגענער פאָלקס־ירושה, האָט זיך, ווי מיט הענט און פיס, געוועהרט קעגן דעם דאַזיקן אויסלייג. אויך ה. לייוויק, וואָס מיינט אַפילו, אַז די משלים האָבן צו פיל באַשווערנדיקן פלפול, האַלט אַז דער שלל העברעיִזמען, וואָס זענען געוואָרן אַן אָרגאַנישער טייל פון יידיש, און וואָס אונדזער ממשל באַנוצט זיי אין כלערליי ניואַנסירונגען, פאַרלירט דורך דעם דאַזיקן אויסלייג זיין פאַרביקייט.

האָבן טאַקע די שפּעטערדיקע פאַרלעגער פון די משלים עובר געווען אויף שטיינבאַרגס פאַרזאָג, און אַחוץ דער אויסגאַב פון די משלים דורכן מלוכה־פאַרלאַג פאַר ליטעראַטור און קונסט אין בוקאַרעשט (1956), האָט די אויסגאַב פון די בעסאַראַבער לאַנדסלייט אין בוענאָס־איירעס (1949), שוין אָפּגעשמועסט די אויסגאַב פון דעם צווייטן באַנד משלים, וואָס איז אַרויס פון כתב־יד, דורכן ארגון יוצאי ליפקאַני אין תל־אביב (י. ל. פרץ־פאַרלאַג, 1956) אָפּגעהיט דעם מסורהדיקן אויסלייג פון לשון־קודש־קאָמפּאָנענט און עס לוינט צו דערמאָנען אַ גאָלדן וואָרט, וואָס מיר האָבן געהערט פון דניאל לייבל, דעם צוגרייטער פונעם באַנד: מיר האָבן, פונקט אָרטאָגראַפיע, פאַרטיידיקט שטיינבאַרגס אייביק היס־טאָרישע פאַרוואָרצלטקייט קעגן זיינס אַ צייטלעך אומהיסטאָרישן קאַפּריז.

ו

און פון דעם כלומרשט טעכנישן צוריק צו דעם בפירוש ביאָגראַפישן. דער צוריקוואַנדער פון דער בראַזיליאַנער אין דער בוקאָווינער עיר־הבירה, ווערט, בדרך כלל, באַצייכנט ווי אַן אומקער צו דעם אָרט, וווּ זיין לעבן און אויפטו האָבן דערגרייכט דעם הויכפּונקט. דאָ איז ער געוואָרן דער קריסטאַליזאַציע־קערן פאַר

אַ פֿיינער גרופּע פֿון װערטיקע שרײַבער, קינסטלער, פֿאָרשער און אַ צוצי־מאַגנעט סײַ פֿאַר אינטעליגענטן, װאָס די ליבשאַפֿט זייערע צו ייִדיש האָט גע־פּראַװעט אַ מין שבת, סײַ פֿאַר אַן עולם פֿון אַלע טעג אין דער װאָך. דאָ איז ער געװאָרן דער מאָטאָר פֿון אָרגאַניזאַציעס און אָרגאַנען און אַן איניציאַטאָר פֿון כמו־שולן און קינדער־קאָלאָניעס, און דער זאָג, אַז ער איז אַרויס פֿון ליפּ־קאַנער מיצר אין טשערנאָװיצער מרחב, האָט אין זיך אַ היפּשע, כאָטש געװיס רעלאַטיװע, מאָס אמת. עס לאָזט זיך פֿאַרשטיין, פֿאַר װאָס דאָס דיפֿערענצירטערע, צענטראַל־אייראָפּעיִש אָנגעהויכטע, טשערנאָװיץ האָט פּרעטענדירט צו זײַן דער צענטער, גיכער פֿון יאַס מיט זײַן היימישערער אַטמאָספֿער, און פֿון בוקאַרעשט מיטן מעטראָפּאָלישן היקף, אָבער מען טאָר נישט פֿאַרגעסן, אַז אויב די בוקאָ־װינער, און בעיקר די טשערנאָװיצער אינטעליגענציע, האָט איבערגעלעבט אַ ייִדיש־אויפֿבלי, איז עס אויך געקומען מחמת דער װאַקואום, װאָס דײַטשיש האָט שוין פֿאַרלוירן און רומעניש האָט נאָך נישט איבערגענומען די ראָל פֿון דער דרויסנדיקער קולטור־שפּראַך. עס איז דאָס זעלבע װאַקואום, װאָס עס איז געװען אין פּוילן אויף די קרעסן, װוּ רוסיש איז שוין אַרויס און פּויליש איז נאָך נישט אַרײַן, און עס האָט זיך געבאָטן אַ לייטישער שעת־הכּושר אויסצונוצן די סיטואַציע, כּדי סײַ דאָס העברעיִשע, סײַ דאָס ייִדישע שולװעזן צו באַפֿעסטיקן, און עס איז טאַקע דאָרט אויסגעװאַקסן שטאַרקער װי אין אַנדערע קאַנטן.

אויף בוקאָװינע און טשערנאָװיץ בראשה, לאָזט זיך דער כּלל אַ סך שװאַכער אָנװענדן: בית־האַבסבורג, װאָס האָט אין דעם קרוינלאַנד אַרײַנגעלייגט אַ סך גערמאַניזאַטאָרישע מי — דײַטשישע גימנאַזיעס, אַ דײַטשישער אוניװערסיטעט וכדומה, — איז שוין לאַנג נישט געװען, אָבער צװישן די ייִדן דאָ האָט זיך דײַטשיש װײַטער נישט בלויז קאָנסערװירט, נאָר אַפֿילו רענאָװירט — עס זענען צװישן זיי אַפֿילו אויפֿגעשטאַנען נײַע דײַטשישע שרײַבער. צו מאַרגול שפּערבער זענען צוגעקומען יצחק שרייער, ראָטשפּרעכער, פּאַול צעלאַן (אַנצל). און װי אַזוי די שפּראַכלעכע אַסימילאַציע איז אַרײַן אין סאַמע מיט פֿון אַ משפּחה, װײַסן מיר דאָך פֿון שלמה ביקלס „דרײַ ברידער זענען מיר געװען” — זײַן אייגענער ברודער אליעזר (ער האָט זיך גערופֿן לאָטאַר) אַ באַרימטער מעדי־צינער און כירורג, איז נאָכגעגאַנגען זײַן רבין, קאָנסטאַנטין ברונער, אין זײַן אַסימילאַטאָרישן באַנעם, און האָט געשריבן דײַטשיש, און זײַן עיקר־בוך איז אין דער שפּראַך אַרויס שוין נאָך זײַן פּטירה; און ער איז נישט געװען דער איינ־ציקער ברונער־אַנער אין דער בוקאָװינע. אַ גאַנצע גרופּע פֿון זיי איז אַפֿילו געװען אין תּל־אָביב, און האָבן דאָ אַרויסגעגעבן דײַטשישע העפֿטן. יאָ, אליעזר ביקל איז געװען אַ גרויסער פֿאַרערער פֿון שטיינבאַרגן — ער האָט אויך אָנגע־שריבן אַ פֿילאָזאָפֿישן עסיי איבער זײַנע משלים, און דאָרט דערציילט ער, װי

אַזוי שטיינבאַרג איז געוואָרן אַ געשעעניש אין זיין לעבן. אָבער דאָס איז געווען אַ פּאַסיוו געשעעניש פון אַ לייענער און נישט געוואָרן קיין אַקטיוו געשעעניש פון אַ שרייבער. נאָך מער — ווערא האָקען, וואָס איז לאַנג געשטאַנען אונטערן כישוף פון שטיינבאַרגן, זייט זי איז, אַ קליין מיידעלע, מיט איר טאַטע־מאַמע, אַנטלאָפן פון אָדעס קיין ליפּקאַן, און געפונען אַ דאַך אין שטיינבאַרגס שטוב, ביז זי האָט, אַ דערוואַקסן מיידל, אים געהאָלפן אין דער קינדער־קאָלאָניע, האָט געשריבן דייטשישע לידער, פּונקט ווי עס האָבן געטאָן אירע חברטעס און חברים, וואָס זי רעכנט אויס: ראָזע אויסלענדער, קיטנער, קובי וואָהל, און איך וויל צו דעם רייסטער צורעכענען יינגערע ווי, אַ שטייגער, מאַנפרעד ווינקלער, וואָס איז נאָכגעגאַנגען דעם גייסט פון דעם בראָדער זיידן זיינעם, מיין דייטשיש־לערער יאָזעף ווילדהאַלץ, אין דער אַטמאָספער פון משפחה און סביבה אין דאָרנע־וואַטרע, און געשריבן דייטשיש, ביז ער איז אַהערגעקומען און גענומען שרייבן העברעיִש. נו, און אַז מאיר עבנער האָט אויך אונטער רומעניע ווייטער אַרויסגעגעבן אין דייטשיש די ציוניסטישע „אָסט־יידישע צייטונג” און אַנדערע, ווי מאַנפרעד רייפער, האָבן אויך אין תל־אביב אַרויסגעגעבן דייטשישע ביכער, איז דער גראָטעסקער פינאַל פון דער טרויעריקער פרשה. יוסף בערנפעלד, וואָס באַשרייבט אונדז טשערנאָוויץ, ווי די צווייטע היים פון שטיינבאַרגן, וואָרנט טאַקע פאַר אַ בבא־מעשה, וואָס אַ שפּעטערע נאָסטאַלגיע האָט זי צוגעטראָכט. אמת, טשערנאָוויץ איז די שטאָט, וווּ די שפּראַך־קאָנפערענץ איז זיך צונויפגעקומען, אָבער זי גופא האָט דערצו כמעט גאָרנישט געטאָן. זי האָט אפילו נישט פאַרמאָגט קיין יידישע ביבליאָטעק. ערשט צוויי יאָר נאָך דער קאָנפערענץ איז געקומען אַ שטיקל שינוי — עס האָט זיך געגרינדעט אַ יידישע „בורשענשאַפט” (האָט זיך געפונען דווקא אין דער גאַס, וואָס האָט געהייסן אויפן נאָמען פון דעם פאַרמיאוסער פון יידישן שטייגער אין מזרח־אייראָפּע קאַרל עמיל פראַנצאָז) וואָס האָט נאָמינירט י. ל. פרצן פאַר איר „ערנבורש”, און מיט אַ שטיקל צייט שפּעטער האָט דאָ שוין געהאַנגען אַ בילד פון מענדעלען און זיינס אַ בריוו צו דער דאָזיקער חברה. ערשט נאָך דער מלחמה איז געקומען אַ שינוי ניכר, און ער רעכנט דאָרט אויס די יידיש־שרייבער און יידיש־ליבהאָבער, וואָס האָבן זיך אַרום שטיינבאַרגן גרופּירט, און וועלכע מיר קענען בעיקר פון שלמה ביקלס אויסגעצייכנטע פּאָרטרעטן, סיי אין פּראָפיל („עסייען פון יידישן טרויער”, „שרייבער פון מיין דור”) סיי אַנפאַס („רומעניע”).

מיר האָבן דאָס אַלץ דערמאָנט, כדי צו זען ווי אַזוי עס האָבן אויסגעזען ביידע זייטן פון דער מטבע, און מיר ווילן אַרויסהייבן די כמעט קאָמישע עובדה, וואָס עס ברענגט יוסף בערנפעלד, — די בורשנשאַפטלעכע נאָמינאַציע פון י. ל. פרצן, כדי צו דערמאָנען די גאָר ערנסטע עובדה, אַז שלמה ביקל פירט דורך

אַ פּאַראַלעל צווישן י. ל. פּרץ און אליעזר שטיינבאַרג, אַרויסברענגענדיק די פּאַר־שיידנקייט פון זייער מענטאַליטעט און כאַראַקטער, און באַטאָנענדיק די ענלעכ־קייט פון זייער צענטראַלער ראָל — דער אין וואַרשע און דער אין טשער־נאָוויץ. אָבער אַזוי ווי ער ברענגט אַ משל צו כאַראַקטעריזירן די פאַרשיידנקייט פון די פאַרשוינען — דער אַ לייב און דער אַ טויב — בעט זיך אויך אַ משל צו כאַראַקטעריזירן די פאַרשיידנקייט פון די שטעט, דען אַזאַ משל וואָלט אונדז פאַרגרינגערט בודק צו זיין די עפעקטיווע ענלעכקייט פון דער ראָל, טאַקע אויפן יסוד פון דעם דאָ געבראַכטן משל, וואָס איז מרמז אויפן חילוק צווישן דעם הויכן און שטאָלצן ווערטיקאַלן פלי און דעם ברייטן עניוותדיקן האָריזאָנטאַלן פלי, פונקט ווי עס וואָלט אונדז פאַרגרינגערט בודק צו זיין, פאַר וואָס איז פּרצעס ראָל געווען אַ גרויסע ווערקלעכקייט און פאַר וואָס איז שטיינבאַרגס ראָל געבליבן אַ גרויסע מעגלעכקייט.

ז

וואָס עס לאָזט זיך בודק זיין, איז אַ קשיא, וואָס מען מעג און מען דאַרף זי, mutatis mutandis פרעגן: צי קען מען שטיינבאַרגס איבערגאַנג פון ליפקאַן קיין טשערנאָוויץ פאַרגלייכן מיט פּרצעס איבערגאַנג פון זאַמישטש קיין וואַרשע? די תשובה דערויף איז אַ בפירוש פּאָזיטיווע, אָבער דער פאַרגלייך איז חל גיכער אויף דער אַקטיוויזאַציע מצד דער סביבה, ווי אויף דער אַקטיוויזאַציע פון דער סביבה, משמע, וויפל שטיינבאַרג זאָל נישט געווען דינאַמיזירן די נייע סביבה זיינע ליגט דאָס עיקר חשיבות דערינען, וואָס די נייע סביבה האָט אים דינאַ־מיזירט, און דווקא אין דעם עיקר־העיקרים — זיין שאַפערישן פּראָצעס. די אַלט־מאַמעשע ליבשאַפט, וואָס האָט אים אַרומגענומען אין ליפקאַן, האָט — ווי מאַנגער זאָגט עס אין זיין באַלאַדע — נישט געלאָזט ווערן אים אַ פויגל, וואָס פליט אַרויס פונעם וואַרעמען נעסט, און צעזינגט זיך פון דער פולער קעל, אַז דער גאַנצער אַרום זאָל הערן, בשעת די יונג־ברידערשע ליבשאַפט, וואָס האָט אים אַרומגענומען אין טשערנאָוויץ, האָט אים צו דעם פלי אויפגעפאָדערט, אָנגע־שפּאָרנט, כמעט פּראָוואָצירט. ערשט פון דאַנעט האָט זיך די יידישע וועלט דער־וווּסט, אַז אַזאַ פויגל, און אַן איין־און־איינציקער, איז פאַראַן, ערשט איצט האָט מען גענומען זיך חידושן, שטוינען, אַפילו בייזערן, ווי האָט מען יאָרן־לאַנג פאַר־זען אַזאַ שטערן. מען האָט זיך געחידושט; דערציילט דאָך יהושע ראַפּאָפּאָרט, אַז ווען ישראל רובין האָט געבראַכט אַ גרוס פון יידישן רומעניע, האָט זיך עס אויפגענומען ווי אַ מעשה פון די רויטע יידעלעך, גלייך ער וואָלט אָנגעשפּאַרט אויף יענער זיין סמבטיון. און אויך נאָך דעם ווי הערץ גראָסבאַרד האָט זיין רעפּערטואַר באַשיינט מיט מאַנגערס באַלאַדן און שטיינבאַרגס משלים, איז די

שטײנבאַרגישע געשטאַלט אױסגעװאַקסן װי אַ מין אגדתא. מען האָט געשטױנט: האָט דאָך נח פּרילוצקי נישט געגלײבט, אַז שטײנבאַרג איז פֿון אַ קלײן בעסאַ־ראַביש שטעטל, און װען יעקב שטערנבערג האָט אין ריגע (1930) פֿירגעלײענט זשיטלאָװסקין פֿון שטײנבאַרגס משלים, האָט ער געזאָגט, אַז ער האָט שױן לאַנג געגאַרט נאָך אַ נײעם ייִדישן קולטור־פּענאָמען און האָט נישט געװוּסט, אַז ער איז שױן פֿאַראַן. מעגלעך, אַז זשיטלאָװסקי, װאָס איז בסך הכל געװען מיט פֿופֿצן יאָר עלטער פֿון שטײנבאַרגן, האָט נישט געװוּסט, װי לאַנג דער פּענאָמען איז שױן פֿאַראַן. מען האָט זיך אַפֿילו געבײזערט. גיט דאָך משה אַלטמאַן איבער, מיט װאָס פֿאַר אַ כעס דוד בערגעלסאָן האָט גערעדט װעגן שטײנבאַרגן, װאָס האָט באַדאַרפֿט צו זײַן דער צװײטער פּאָפּולאַרער נאָמען נאָך שלום־עליכמען, האָט אָבער פֿאַרהאַלטן זײַנע כתבים און האָט זיך באַשרענקט אױפֿן רעזאָנאַנס צװישן ליפּקאַן, קאַמענעץ און טשערנאָװיץ.

עס װאָלט אפשר כדאי געװען אָפּגעהיטענער צו זײַן, כדי נישט פֿאַרמישן די דרײַ שטעט, פּונקט װי עס װאָלט אפשר כדאי געװען אױסצומײַדן אַזאַ שאַרפֿן און באַשולדיקנדיקן דיבור װי: פֿאַרהאַלטן די כתבים. עס איז נישט קײן גנאַי פֿאַר שטײנבאַרגן, װאָס זײַנע פֿאַדערונגען פֿון זיך אַלײן זענען געװען מאַקסי־מאַלע, און — אױב מען קאָן זיך אַזױ אױסדריקן — היפּער־מאַקסימאַלע. עס איז אָבער אַ שבח פֿאַר זײַנע טשערנאָװיצער ערלעכע אַדאַראַנטן, װאָס זענען געװען מבֿינים אױף אים, און האָבן אים נישט צו רו געלאָזט ביז ער איז זײ נאָכגעקומען און איבערגעגעבן די משלים צום דרוק. אמת, זײער שפּעט, אָבער אײדער עס איז געװאָרן צו שפּעט.

און װאָס שײך פּערפֿעקציע — איז שטײנבאַרג נישט קײן בן־יחיד אין אונדזער ליטעראַטור. אמת, בדרך כלל האָבן זיך רוב שרײַבער אונדזערע באַ־נוגנט מיטן משקל ראשון און אַפֿילו אין אירע הױכן איז גובר דער ערופּטיװער יסוד פֿון שאַפֿן. אָבער דער דרך פֿון פֿײַלן און שלײַפֿן איז אױך געװען שכיח. אַפֿילו אין דער השׂכּלה־צײַט זענען אַקטועל־קעמפֿערישע טעמעס, װי, אַ שטײגער, בײַ איציק ערטער, יאָרן לאַנג געלעגן אױפֿן פּולט, ביז ער האָט זײ אױסגע־צאַצקעט; שױן אָפּגעשמועסט פֿון דער געדולד פֿון אברהם מאַפּו וכדומה. איז װאָס דאַרפֿן מיר אַזױ װײַט גײן, געװען דורכצוקוקן אַ בינטל װאַריאַנטן בײַ י. ד. בערקאָװיטשן און ש״י עגנונען, כדי צו זען, צו װאָס דער װוּקס פֿון קינסט־לערישער און אױטאָקריטישער באַװוּסטקײט איז מסוגל. ומי לנו גדול בפֿײַלן ושלײַפֿן כמענדעלע, װאָס האָט זיך יאָרן לאַנג, כמעט צװײ דורות געפֿלײסט און אַלץ געמײסטרעװעט. און, בעצם, װאָס דער זײדע האָט געטאָן ברשות־הרבים, האָט שטײנבאַרג געטאָן בצנעה, װי עס זענען מעיד די כתבֿי־יד, װאָס יעקב שטערנבערג באַשרײַבט זײ אין נאָכװאָרט צו די משלים, װי „דער כװאַליענדיקער

גמרא־ים, וואָס פֿאַרפּלייצט דעם משנה־אינדזל״ — אַ שיינער, כאָטש נישט גאַנץ פּינקטלעכער משל, ווייל דאָ איז עס דאָך די משנה, וואָס פֿאַרפּלייצט זיך אַליין מיט אירע סוגיות און אירע גירסאות. מעגלעך, אַז שטיינבאַרג האָט געהאַלטן, אַז אַ משל דאַרף אַרויס אין רשות־הרבים, אַז מען זאָל אים נישט קאָנען און נישט דאַרפֿן מער משנה זיין, אַזוי, אַז ער מעג לאַנג, גאָר לאַנג אויסגעטראָגן ווערן, קאָן אָבער בלויז איין מאָל געבוירן ווערן. נייערט די וואָס האָבן געזען, אַז די שמחה פֿון טראָגן איז יאָ אַזוי גרויס, און מורא געהאַט אַז עס איז אַ מעשׂה אָן אַ סוף און האָבן טאַקע צוגעאײַלט די חבלי־לידה, האָבן, ווייזט אויס, געטענהט, וואָס עס האָט געטענהט דער בראָדער אתרוגים־סוחר, ר׳ פּיניע ציר־מעלס, ווען מען האָט געפּראָוועט זיין פּופּציקסטע נסיעה קיין ארץ־ישׂראל: יאָ, איך אַליין בין אַ ווילדער איבערקלייבער און מיינע קונים זענען אויך שטאַרקע איבערקלייבער, פֿרעגט זיך, ווי קויף איך און פֿאַרקויף פֿאָרט די אתרוגים. ווען איך אייך געבן אַ טאָפּלטן משל — דער איינער משל איז פֿון אַ גדול בישׂראל, שמאי הזקן, וואָס איז אַרויס זונטיק אין מאַרק אַריין און געקויפֿט אַ בהמה לכבוד שבת, מאָנטיק האָט ער זי פֿאַרביטן אויף אַ שענערע און בעסערע, און אַזוי די איבעריקע טעג, אָבער אַלץ נאָר ביז פֿרייטיק, ווייל שבת האָט געמוזט זיין פֿלייש אויפֿן טיש. דער אַנדערער משל איז פֿון אַ קטן בישׂראל, אַ שניידער, וואָס האָט געוווּסט דעם קיימא־לן, אַז חכמת־שניידעריי האָט גאָר קיין גרונט נישט, אָבער אַ נײַ מלבוש אויף פּסח מוז מען ברענגען פֿאַר דער סדר־נאַכט, און דער נמשל איז אַן אתרוג, וואָס דאַרף זיין אַ הדר, און הידור ווייטער האָט גאָר קיין שאַץ נישט, האָט ממילא די איבערקלייבעריי קיין שיעור נישט, קוים אָבער רוקט אָן ערב־סוכות, מוז נעמען אַן עק, צו מאָרגנס צעהילכט זיך טאַקע די ברכה אויף די ארבעה מינים מחיה נפֿשות.

דער באַנד משלים, וואָס האָט אויף זיך געלאָזט אַזוי לאַנג וואַרטן, און דער ממשל האָט אים נישט דערלעבט צו זען כלול בהדרו, האָט באַוויזן, אַז פֿון די פֿיר מידות, וואָס פּאַסן זיך פֿאַר תלמידי חכמים, האָט ער זיך געהאַלטן בעיקר אין דריי — וואָס מער שוואָם און זײַער און זיפּ, און וואָס ווייניקער ליקע. דאָס געזעמל זיינס האָט דעם באַנאַלן זאָג: לא בא כבושם הזה, צוריקגעגעבן זיין פּשוטו כמשמעו. דעם זשאַנער משל קען אונדזער ליטעראַטור ממש טויזנטער יאָרן, זייט דעם משל קדמוני ועל־כן יאמרו המושלים, דורך דער גמרא און די ממשלים אונדזערע פֿון מיטל־עלטער ביז אין דער מאָדערנער צייט, אָבער אַזאַ מדרגה פֿון משל ווי עס האָט זי דערגרייכט שטיינבאַרג, האָבן מיר פֿריִער נישט געהאַט און עס איז אַ מדרגה, וואָס וואַלגערט זיך אויך נישט אין אַלטע און נייע לשונות. דערפֿאַר זענען גריילעך געעכט די, וואָס האָבן צום ערשט לגבי אים באַנוצט די דעפֿיניציעס: קלאַסיק און קלאַסיקער, סיי ווען דער פֿאַרגלייך זייע־

רער איז מטריח דעם גרויסן דריילינג אין דער וועלט — עזאָפּ, לאַפאָנטען, קרילאָוו, סיי ווען דער פאַרגלייך זייערער איז מטריח דעם גרויסן דריילינג אין דער היים — מענדעלע, שלום־עליכם, י. ל. פּרץ. אָבער במה דברים אמורים, ווען ביידע פאַרגלייכן האַלטן זיך אין דער מעלה. ראשית, ווען דער ערשטער פאַרגלייך מיינט, אַז שטיינבאַרג האָט דערגרייכט דאָס אָפּטימאַלסטע שאַפערישע יכולת אין קינסטלערישן אויפבוי פונעם משל, לויטן יידישן מהות און וועלטישן ניווא, און דאָס איז דוכט זיך גענוג פאַר זיך, און ער קאָן זיך באַגיין אָן דעם צוגאָב, ווי עס ברענגט אים משה אַלטמאַן, אַז אונדזער ממשל האָט איבערגעשטיגן לאַפאָנטענען מיט זיין סאָציאַלן פאַטאָס און קרילאָוון מיט דער גרעסערער ברייטקייט פון וועלטבאַנעם, דען עס איז פשוט, לגבי אים, נישט קיין יתרות — ער האָט געלעבט נאָך זיי און ממילא געקאָנט זיין אַ פאַרבינד פון דער אַנטיקער ירושה און פון דער מאָדערנער פּראָבלעמאַטיק. און אחרית, ווען דער אַנדערער פאַרגלייך מיינט, אַז שטיינבאַרג האָט אין משל דערגרייכט, וואָס מענדעלע, פּרץ און שלום־עליכם האָבן דערגרייכט אין דער דערציילערישער פּראָזע, אָדער דראַמאַטישער פּאָעזיע, און דאָס איז אַוודאי גענוג פאַר זיך, און ס'איז איבעריק אים אַנידערצושטעלן ווי דעם יורש פון די עיקר־מידות אָדער גרונט־עלעמענטן פון צוויי אָדער אַלע דריי קלאַסיקער אונדזערע. אָבער זייט יעקב שטערנבערגס צוויי הספדים איבער שטיינבאַרגן, וווּ ער האָט געפונען אין אים די געניאַליטעט פון שלום־עליכמען און די עילוייִשקייט פון פּרצן, און זייט ביקל האָט אין אים געפונען דעם אָדלערפלי׳ פון פּרצן, די סאַטירע פון מענדעלען, און דאָס פּשטות פון שלום־עליכמען, און גינינגער האָט די שטיינבאַרג־געשטאַלט פאָרמולירט ווי אַ מזלדיקע סינטעז פון פּרצס אַנפירערישער ראָל, פון מענדעלעס כוח־הצימצום אין קלאָרקייט פון סטיל, פון שלום־עליכמס שפראַך־פּשטות, און אַלטמאַן האָט עס נאָך פאַרשאַרפט זאָגנדיק, אַז מיט שטיינבאַרגס פּטירה איז צוגענומען געוואָרן די פיגור, וואָס האָט ממלא געווען דעם חסרון פון אַלע דריי קלאַסיקער, איז עס געוואָרן אַ מין כלל גדול אַזוי אָדער אַנדערש איבערצוחזרן די דאַזיקע הנחה, וואָס דניאל לייבל האָט זי, נאָך אַ האַלבן יובל יאָרן, פּרעציז פאָרמולירט, רעדנדיק וועגן אַ פאַרשפּעטיקט אייניקל, וואָס האָט אין זיך געטראָגן ווונדערלעך־האַרמאָניש מענדעלעס סאַטירישע חריפות, שלום־עליכמס לירישן הומאָר און פּרצעס אידעיִשע געהויבנקייט. נו, זענען די אַרויסזאָגן זייער שיין, און אויף חיפּל זיי זענען קאָנטראָלירלעך, וואָס איז גאָר נישט קיין לייכטע הלכה, קאָנען זיי אויך האָבן אַ האַפט, אָבער זיי ווייזן זיך אויס מאָדנע, ווען דער פּועל־יוצא זייערער דאַרף צו זיין דער ראַנג און דער טיטל פון דעם פערטן קלאַסיקער, און נישט מחמת דעם אַלטן פּראָטעסט פון מלך ראַוויטשן קעגן דעם עצם־געדאַנק אַנידערזעצן שטיינבאַרגן ביי דער מזרח־וואַנט, לעבן שלום־עליכמען און פּרצן,

און נישט מחמת דער יינגערער דיסקוסיע וועגן באַשטימען אַ פערטן קלאַסיקער און דעם פּלפּול וועגן דעם פּאַסיקן קאַנדידאַט, נאָר מחמת דעם קאַרדינאַלן טעות, אַז אַ צונויפשטעל, אַפילו ער זאָל נישט זיין קיין קאָנגלאָמעראַט, נאָר אַ סינטעז פון עיקר־יסודות פון די דריי קלאַסיקער, מאַכט אַ פערטן, און דאָס איז אפשר די שווערסטע, כאָטש מיט דער בעסטער כוונה געמאַכטע, עוולה קעגן שטיינ־באַרגן, דען זי לאָזט אים נישט זיין, וואָס ער איז באמת געווען, פּונקט ווי יעדער פון די דריי גרויסע זעבען געווען — ער אַליין, מיט זיין אייגענער תרתי דסתרי, — די צוויי האַרציקע ברידער פון דער הגדה — דער גרונטיקער תם, וואָס איז געוואָרן דער בעסטער ייִדישער קינדער־דיכטער און דער גרונטיקער חכם, וואָס איז געוואָרן דער גרעסטער ייִדישער פֿאַבל־דיכטער, ואחרון אחרון חשוב, און אַזוי ווי דאָס ווערק לויבט דעם מייסטער, איז עס אַ פּשוטער שמע־מניה: אַז דער באַשאַף איז קלאַסיק, איז דער באַשאַפער — אַ קלאַסיקער.

ח

יאָ, ווער עס איז נאָכגעגאַנגען דער מחלוקה איבערן פערטן קלאַסיקער, האָט בעל־כרחו געשפּירט אַ שטיקל אומבאַקוועמלעכקייט, אַ פאַרבאַהאַלטענע קשיא: — מה נשתנה היידישע ליטעראַטור מכל האייראָפּעישע ליטעראַטורן; שכל האַליטע־ראַטורן, אָדער רוב הליטעראַטורן האלה, האָבן קלאַסיקער דיכטער, והליטעראַטור הזה האָט קלאַסיקער, וואָס זענען בעיקר פּראָזאַיקער, אַז אַפילו ווען מען רעדט שוין פון אַ פערטן, אַ דיכטער, זאָל ער גאָר זיין אַ משלים־דיכטער, אַ זשאַנער, וואָס די ליטעראַטור און די ייִדישע בכלל, האָט אים נישט אָנערקענט אויבן אָן. אָבער עס איז פאָרט אַ קשיא אויף אַ מעשה — שטיינבאַרג האָט דעם זשאַנער אָנערקענט ביי דער שפּיגלוואַנט. ער האָט אים געגעבן דאָס שלימות, צו וועלכן עס האָבן געגאַרט אין די פריערדיקע פּרוּוון און דערגרייכן אונדזערע ממשלים, און דערפאַר מוז אַ יעדע אָפּשאַצונג פרעגן, וואָס ער האָט אויפגעטאָן פאַרן משל, און איז מחויב קודם־כל דערויף צו ענטפערן. עס הייסט נישט, אַז אַלע איבעריקע שאַפערישע געביטן זיינע, בעיקר אין דער קינדער־ליטעראַטור, מעגן אויסגעמיטן ווערן. ניין, ער, וואָס האָט זיך אויסגעלעבט צווישן קינדער (זייענדיק אין זייער חברה פלעגט ער זאָגן: מיר קינדער), ער, וואָס זיינע פאַרערער האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון דעם ערד־קבר, ווו די טשערנאָוויצער קהילה האָט אים געוואָלט מקבר זיין, און האָט אים דאָרט באַהאַלטן צווישן קינדער־קברים; ער, וואָס האָט אַזוי פיל טאַלאַנט און מסירות אָפּגעגעבן די קינדער און געשטעלט פאַר זיי אַ באַזונדער טעאַטער, און געהאַלטן, אַז עס איז דאָס איינציקע, אמת נאַטירלעכע טעאַטער, פאַרדינט מ׳זאָל פּרטימדיק באַהאַנדלען די דאָזיקע אויפטוען זיינע. אָבער אין לו לדיין אלא מה שעיניו רואות — מיר האָבן טאַקע געהערט פון די

דראַמעס, מיר ווייסן, אַז ער האָט עטלעכע, סיי אין ליפּקאַן סיי אין טשערנאָוויץ, מיט גרויס הצלחה געשטעלט. מיר ווייסן עטלעכע נעמען זייערע, ווי, אַ שטייגער, די אַפּערע פאַר קינדער „דער באַרדיטשעווער רב פאַרן בית דין של מעלה", אָדער „יוסף מוקיר שבת", „אברהם אָבינו", „דער ווייסער האָן", מיר ווייסן, אַז עס האָבן אים געהאָלפן דער אָפּערע־זינגער סווירסקי, דער מאָלער שלמה לערנער, דער רעזשיסער מאַקס באַראַק און אַנדערע; מיר ווייסן, אַז צווישן די קינדער, וואָס האָבן געשפּילט די ראָלעס, זענען געווען משה אוישער און יוסף שמידט. מיר ווייסן דאָס אַלץ, אָבער נישט מער.

אמת, אַ דיכטער לאָזט זיך נישט גאַנץ פאַרשטיין, אויב מען קען נישט אַלע זיינע כתבים, בפרט אַזעלכע, וואָס זענען אַ באַזונדערע ספּעציעס און אַנטהאַלטן, אין אַ באַזונדערער בולטקייט, עלעמענטן, וועלכע זענען פאַרוועבט אין זיינע אַנדערע, עיקרדיקע ווערק — און אַזאַ עלעמענט איז, אַ שטייגער, דאָס פאַנטאַסטישע אָפּילו פאַנטאַסמאַגאָרישע, וואָס איז פון דער וועלט פון די קינדער־לידער, קינדער־מעשהלעך און קינדער־דראַמעס, אין פאַסיקער פּראָפאָרץ, אַריבער אין די משלים.

אָבער די דראַמעס, וואָס האָבן אַנטהאַלטן זיבן בענד, זענען געבליבן אין כתב־יד, און אליעזר פרענקל רעכנט אויס, וואָס עס האָט זיך דערהאַלטן. אָבער מיר האָבן זיי ליידער נישט געקאָנט לייענען, און ווער ווייסט, ווען און אויב מיר וועלן זיי לייענען, און דאָס וואָס איז יאָ פּובליקירט געוואָרן, ווי אַ שטייגער „די גליקלעכע" איז מלא חן און כוח המדמה, אָבער עס איז גריילעך נישט אַ גאַר גליקלעכע דוגמה פון דעם זשאַנער זיינעם. זענען מיר צופרידן, גליקלעכער צו זיין לגבי די משלים, וואָס מיר האָבן פאַר זיך אין צוויי גרויסע בענד, און וואָס זענען פון די נכסי־צאן־ברזל פון אונדזער ליטעראַטור און אַ קוואַל פון דערהויבענער הנאה און התפעלות פון די הערער, לייענער און קריטיקער. מיר האָבן די הערער און לייענער מקדים געווען די קריטיקער, ווייל וואָס די ערשטע האָבן תוך כדי שמיעה וקריאה געכאַפּט, האָבן די קריטיקער, חוץ די וואָס האָבן דעם ממשל נענטער געקענט, ערשט בהדרגה תופס געווען. אמת, די הערער, די וואָס האָבן די משלים געהערט פון הערץ גראַסבאַרדס מויל, נאָך איידער זיי זענען אַרויס פון דרוק, האָבן זיי געקריגן אין אַ הויכוועדטיקער אינטערפּרעטאַציע, אָבער דאָס וואָס עס דערציילט אסתר עליאַשעוו וועגן דער שלר שים־הזכרה אין קאָוונע, דהיינו, אַז איר, און מסתמא אויך דעם איבריקן עולם, איז נישט לייכט אַנגעקומען צו באַשליסן, ווער איז פאַר זיי געווען מער ביי דעם אָונט — צי שטיינבאַרג, צי גראַסבאַרד, ווייזט אויך אָן אויף אַ סכנה, וואָס שטעקט אין דעם פיקסירן פון בלויז אָראַלער אינטערפּרעטאַציע. און ווי גרויס עס זאָל נישט זיין די טובה וואָס גראַסבאַרד אָדער לייבל לעווין האָבן געטאָן

פאַרן שטיינבאַרגישן משל, זייענדיק זייַנע העראָלדן, נאָך איידער ער האָט דערלעבט דעם אור הדפוס, איז אָבער דער אור־הדפוס פאַר שטיינבאַרגן און פאַר זיין משל געווען די גרעסטע טובה, שאינה דומה קריאה לשמיעה. וואָס שייך ווייטער די קריטיק, לוינט זיך, כאָטש בקיצור, מרמז צו זיין אויף די עליה־שטאַפּלען פון איר וואַקסנדיקער פאַרשטענדעניש. שמואל ניגער, וואָס האָט זיך אָנטציקט הערנדיק די משלים פון ממשלס מויל, איז תחילת בעיקר מיטגעריסן געוואָרן מיט דער שפּראַך־עשירות, אָבער אין די אָפּשאַצן זייַנע, צום ערשטן און צענטן יאָרצייט, הערן מיר מכוח דער מאָדערניזאַציע און רעוואָלוציאָניזאַציע פונעם משל, מכוח דעם פאַרבייט פון מסורהדיקע אמתן אויפן גייסט פון דער מאָדערנע; מכוח דעם חידוש, וואָס לאָזט דעם משל מורד זיין אין זיך אַליין, ה. לייוויק ווייטער רעדט איבער צוויי ממשלים, וואָס מיר פאַרמאָגן, שטיינבאַרג און נחום יוד, האָט אָבער נישט בדעה צו מאַכן אַ פאַרגלייך צווישן זיי, און אָפּשאַצנדיק שטיינבאַרגס משלים, שטרייכט ער אונטער זייער טיפקייט, שאַרפזין, טיפּישע יִידישקייט, אידיאָמאַטישע רייכקייט, פאַרביקייט און קלוגשאַפט, און באַדויערט, וואָס די משלים, וועלכע זענען אַ וווּנדערלעכער לייען־און לערן־שטאָף פאַר קינדער פון העכערן עלטער, זענען נישט גענוג פאַרטראָטן אין כרעסטאָמאַטיעס, אָבער ביי דעם אַלעמען ווייעט עפּעס אַ רעזערוואַציע־ווינטל. און ווען יעקב באַטאַשאַנסקי האָט געשריבן, אַז שטיינבאַרג איז איינער פון אונדזערע גרעסטע שרייבער, איז לייוויק מיט אים געווען מחולק, ערשט שפּעטער האָט ער זיך רעווידירט און אים געזאָגט, אַז שטיינבאַרגן קומט אַן אָרט לעבן מענדעלען, שלום־עליכמען און דעם נסתר. און אויך יהושע ראַפּאָפּאָרט, וואָס איז נישט סקאַרע אויף אַ שבח און וועגט אים אויפן לויט, זעט אין די משלים אַ פאַרמעסט מיט לאַפאָנטענען און קרילאָוון, און כאָטש ער רעזערווירט זיך מיטן וואָרט: אַ מאָל, האָט ער געטראָפן אין פּינטל. נישט ווייניקער האָט עס געטראָפן משה גראָס־צימערמאַן, וואָס זעט אין די משלים אַ בולטן משל, ווי אַזוי אַ היימישלעכער נוסח ווערט אוניווערסאַל. אָבער אין תוך גענומען איז אַנדערע קריטיקער פּירויסגעלאָפן דער אָפּשאַץ פון די נאָענטסטע — פון שטערנבערג, אַלטמאַן, ביקל, גינינגער און בדרך כלל זענען די אַנדערע קריטיקער, ווער פריִער, ווער שפּעטער, דערגאַנגען כמעט צו דעם זעלבן פסק־דין. אָבער אויף וויפל דער שטאַפּל־גאַנג פון דער קריטיק זאָל נישט וויכטיק זיין, איז זי, די קריטיק גופא, אַ פאַרשפּעטיקטער שטאַפּל לגבי שטיינבאַרגן, ווי עס גייט דאָס משל: אַז דער חזן פאַרזוימט די הויכע שמונה־עשרה פאַרזוימט קהל די ברוך־הוא־וברוך־שמוס און די אָמנס. און דער נמשל איז טאַקע שטיינבאַרג — ווען מען האָט שוין לאַנג באַדאַרפט צו שרייבן רעצענזיעס, האָט מען קוים־קוים געשריבן כראָניק, ווען מען האָט שוין לאַנג באַדאַרפט צו שרייבן מאמרים, האָט מען ערשט געשריבן רע־

צענזיעס, ווען מען האָט שוין לאַנג באַדאַרפט צו שרייבן פאָרשערישע מאָנאָ־גראַפיעס, האָט מען נאָך אַלץ געשריבן אַקטואַל־קריטישע מעמואַר־אימפּרעסיאָ־ניסטישע עסייען. יאָ, די ספּעציאַל־פאָרשונג פון שטיינבאַרגס משלים האָט זיך אַפילו פרי אָנגעהויבן, אַ יאָר נאָכן מַשלס פּטירה — אַזוי האָט זיך דעמאָלט הערש סעגאַל, אין אַ קליינער שטודיע, אָפּגעשטעלט איבער דעם אופן פון אונ־דזער מַשל צו באַנוצן אַלץ און אַלעמען ווי אַ קונסט־אָביעקט, אויפן דרך פון אַ מאַקסימאַלער דעמאָקראַטיזאַציע, און האָט עס באַוויזן לגבי עטלעכע אָנאָמאַ־טאָפּעיעס, וואָס גיבן איבער נישט בלויז די קולות פון מְדבר, חי, צומח און דומם, נאָר דורך די קולות, אויך די שטימונגען זייערע, און ווי אַ וואָרט וואָס איז לויטן זין כלל נישט מכוון צו זיין אַן אָנאָמאַטאָפּעיע, ווערט עס צוליב זיין קלאַנג, און ווי דער פאַרבייט פון אַן איינציק אות, פאַרבינדט אַ מאָל, שטיפעריש ערנסט, קול און זין: צעדווקעט [= צעהאַווקעט]. אַזוי האָט חיים גינינגער זיך אָפּגעג־געבן מיט די מקורות פון אליעזר שטיינבאַרגס שאַפן און זיך אָפּגעשטעלט איבער אינטערעסאַנטע פאַראַלעלן צווישן מענדעלען און שטיינבאַרגן און אויך צוגעזאָגט ווייטערע פרקים, איבער אַנדערע מקורות, סיי נענטערע (שלום־עליכם, פרץ) סיי ווייטערע (תנך, חז״ל, עוואַנגעליע). אויך ש. ניגער האָט געמאַכט אַ קליינע התחלה — אַ פאַרגלייך פון כמעט דעם זעלבן מאָטיוו ביי שלמה עטינגערן („דער אינדיק״) און שטיינבאַרגן („ביי ר׳ טודרוסל אין הויף״), און עס לאָזט זיך עפּעס צוגעבן צו זיינע מסקנות. בקיצור, מען קאָן די דאָזיקע און ענלעכע פרוּוון דערפירן ביז איצט — זע, אַ שטייגער, מרדכי שעכטערס רשימה פון שטיינבאַרג דימינוטיוון וכדומה, אָבער בסך־הכל מוז מען זאָגן, אַז בשעת אַ ליי־טעראַריש־קריטישער און עסעיִסטישער צוגאַנג צו שטיינבאַרגן איז שוין אַ שיין צוגעפּילנעוועט שטיק ישוב, איז אָבער דער וויסנשאַפטלעכער צוגאַנג נאָך רובו מדבר, מיט גאָר קליינינקע אָאַזעלעך, אַזוי אַז ס׳פּאַסט זיך דאָ דער משל פון יענעם וואָגלער, וואָס האָט לאַנגע ברענענדיקע טעג און אייזיקע נעכט אַרומ־געגנישטערט אין דער וויסטעניש און אַז ער האָט געפונען אַ טייערן חפץ, האָט ער אים אויפגעהויבן און געזאָגט: ביסט טאַקע שיין און פיין, אָבער צו ווינציק און צו קליין. און באמת, די פאָרשערישע אַרבעטן זענען נישט מער ווי ראשי פרקים, און דער המשך־יבוא, מיט אַ גרעסערן פאַרנעם און ברייטערן באַנעם, לאָזט נאָך אַלץ אויף זיך וואַרטן.

הייסט עס, אַז די מקורות פון שטיינבאַרגס משל און דאָס מקורדיקע אין זיין דרך אויפצובויען דעם משל — דאַרפן, ווי אַ טויער צו ספּעציעלע גאָר פּרטימ־דיקע שטודיעס, פאַרנעמען דעם אויבנאָן פון אַ פאָרשערישן שטיינבאַרג־אינ־טערעס.

וואָס שייך די מקורות פון משל און מְשלים — שטיינבאַרג איז לויט זיין טבע און מנהג, געווען אַן אייביקער לערנער, וואָס האָט שטענדיק אויסגעבריי־טערט די באַזע פון זיין וויסן און זי פאַרטיפט דורכן דערגרונטעווען זיך צו אירע יסודות. דער אַלטער און דער נייער משל אין דער ליטעראַטור, באַזונדערס אין דער ייִדישער ליטעראַטור, האָט אים געמוזט אינטערעסירן און עס פרעגט זיך, וואָס ער האָט דערפון געוווּסט. אַוודאי מעג מען זיך, אין כלל־שטרעך סומך זיין אויף אַלטמאַנען — ווי ער איז מעיד אין אַ בריוו צו אליעזר פרענקל, — און עס באַדאַרף נישט קיין איבעריקע ראיות, אַז ער האָט געקענט ר׳ ברכיה הנקדנס משלים, עס פרעגט זיך אָבער, צי זענען צו אים דערגאַנגען די ייִדיש־נוסחאות, און עס איז אַ שטיק חידוש צו הערן, ער זאָל נישט האָבן געקענט עלטערע געזעמלען, ווי אַ שטייגער משה וואַליכס משלים־געזעמל, און נישט בלויז ווייל דאָס בוך (1697) איז אַרויס אין אַ פאַטאָסטאַט (1926), נאָר ווייל ער האָט געמוזט דאַריבער וויסן סיי פריִער און בקיצור פון אליעזר שולמאַנס געשיכטע (1913), סיי שפּעטער און מער באריכות פון עריקס געשיכטע (1928), און וואָס דער עיקר איז, דאָס עס האָט געמוזט אָנרעגן זיין אינטערעס אין גע־שיכטלעכן גאַנג פון ייִדישן משל, וואָס האָט אין זיין עלטערער תקופה די לרוב אויסגעלייִענע מאָטיוון רעאַליסטיש, שטייגעריש און אידיאָמאַטיש פאַרהיימישט און פאַרייִדישט, און דאָס איז חל נישט בלויז אויף דרויסנדיקע, בעיקר דייטשישע, נאָר אויך אויף אינעווייניקסטע, בעיקר העברעיִשע מקורות. שטיינבאַרג, וואָס גייט אַם קאָנסעקווענטסטן און ראַפינירטסטן אויף דעם וועג, און איז איר לעצ־טער, שלימותדיקסטער גלגול, וואָס פאַראייניקט אין זיך אַ גרויסע שפע פון ירושה און אַ נאָך גרעסערע שפע פון אָריגינאַליטעט, האָט די ירושה געמוזט לייטיש דורכאַקערן. און וואָס מיר זענען משער לגבי דעם עלטערן משל, ווייסן מיר לגבי דעם מאָדערנעם משל. אָבער עס פרעגט זיך, ווען איז צו אים דער־גאַנגען שלמה עטינגער, צי אין די ערשטע צוויי אויסגאַבן (1889, 1890), צי אין אַ שפּעטערער (1920) אָדער ערשט אין ווײַנרייכס עדיציע (1925); די זעלבע קשיא פרעגט זיך לגבי גאָטלאָבערס משלים, וואָס האָבן אים געקאָנט שפּעט דערגרייכן (1925), אָדער ר׳ מרדכלעס משלים, וואָס ער האָט אַוודאי געלייענט תמידים כסדרם, לא כל שכן ווען זיי זענען אַרויס, געזאַמלט (1919). די דריי זענען דאָך נישט בלויז פעיִקע, נאָר צו מאָל גענייאַלע פאַרייִדישער פון משלים — דער ערשטער פון קלאַסישן דייטשישן און פוילישן משל, די איבעריקע צוויי, בעיקר דער לעצטער, פון רוסישן, קרילאָווישן.

צו דעם געקליבענעם רייסטער געהערן אויך די „פאַבלען״ (1912) פון יהואשן, וואָס האָט, לעבן זיינע אָריגינאַלע משלים, באַאַרבעט חז״ל, עזאָפּ, לאָקמאַן, לאַ־

פאַנטען, לעסינג און אַנדערע, און מיר וואָלטן נאָך, און אַפּילו מיט אַ דגש, צו־גערעכנט מ. ריוועסמאַנס „דעם זיידנס משלים", פריי און גאַנץ יידישלעך באַ־אַרבעט נאָך קרילאָוו (1908), און אפשר אויך פּסח קאַפּלאַנס „קרילאָווס משלים" (ערשטע אויסגאַב 1917). פּראָבלעמאַטישער איז דער ענין פון מ. מ. דאַליצקיס משלים, וואָס וואָלטן אַנטהאַלטן עטלעכע בענד, אָבער עס פרעגט זיך, צי און אויף וויפל די אַמעריקאַנער יידישע טאָגפרעסע איז ק״ין בעסאַראַביע בכלל, און צו שטיינבאַרגן בפרט, דערגאַנגען; פונקט ווי עס פרעגט זיך לגבי דעם יינגערן, מאָדערנערן און ראַפינירטערן נחום יוד, אָבער דער לעצטער האָט דאָך אַ טייל פון זיינע פאַבלען אַריינגענומען אין בוכטאָוולען (1919). אַגב, האָט נחום יוד, מיט יאָרן שפּעטער, אָנגעשריבן אַן אַרבעט וועגן יידישער פאַבל־דיכטונג (1948) פון אירע אָנהייבן ביז כמעט דעם לעצטן דור; כמעט — ווייל ער מיידט אויס צו רעדן וועגן דער מאָדערנער אַנטוויקלונג פונעם משל, וואָס וואָלט באַדאַרפט צו שטיין אויף אַ העכערער מדרגה, ווי עס פּאַסט פאַר אַ פאָלק מיט אַזאַ אַלטער משל־מסורה, ער מיידט אויך אויס צו רעדן וועגן די ממשלים, ווייל ער איז אויך בכלל, און אַזוי דערמאָנט ער נישט דעם נאָמען שטיינבאַרג, וואָס איז שוין דעמאָלט זעכצן יאָר נישט געווען מער צווישן די לעבעדיקע.

פון די און אַנדערע ממשלים האָט שטיינבאַרג געקאָנט אַ סך לערנען און אַפּילו אָפּלערנען, און ער האָט עס מסתמא אויך געטאָן, פונקט ווי ער האָט עס געקאָנט טאָן און מסתמא געטאָן, אַריינקוקנדיק אין יל״ג, דעם אָריגינאַלן און בריליאַנטן פאַרהעברעישער פון אַ גרויסער צאָל לאַפאָנטענישע און אַ קלע־נערער צאָל קרילאָווישע משלים, און אויך אין „בעיר וביער" פון זיין אייגענעם באַליבטן פּעטער, יהודה שטיינבערג. אָבער אויב לשון־קודש, דערמאָנט מען די השפעה פון דובנער מגיד — שטיינבאַרג האָט זיך געגרייט זיינע אַלע משלים צו באַאַרבעטן, און אַ פּאָר פון זיי האָט ער אויך באַאַרבעט. י. י. סיגאַל דערמאָנט נאָך דעם באַרדיטשעווער און דעם בראַצלאַווער; בנוגע דעם לעצטן לאָזט זיך אפשר רעדן וועגן אַ השפעה פון די סיפורי מעשיות אויף די מעשהלעך; בנוגע דעם ערשטן, איז ער, ווי דערמאָנט, אַ סוזשעט פון אַ קינדער־דראַמע, אָבער אַ הנחה פון אַ ממשותדיקער השפעה (פון „קדושת לוי" אָדער די צוויי־דריי מעגלעך נישט אויטענטישע, רעטשיטאַטיוון) איז אפשר נישט מער ווי אַן איינפאַל.

דאָס אַלץ איז וויכטיק פאַר זיך, אָבער אויך מחמת דעם, וואָס אַ גרויסער שאַפער איז אויך אַ גרויסער אַקומולאַטאָר פון דעם תמציתדיקסטן און וויטאַלסטן פון זיינע פירגייערס וואָס זענען צו אים דערגאַנגען בכתב ובעל־פה. ער קאָנ־דענסירט עס אין זיך און פאַרוועבט אין זיין אייגענעם, אָריגינאַלן באַשאַף, און דערהייבנדיק זיך אַליין צו אַ נייער, ביז איצט נישט דערגרייכטער הויך,

דערהייבט ער די אינטעגרירטע לעבעדיקע ירושה פון זיינע פירגייערס; פונקט ווי זיין דערגרייך דערהייבט אויך זיינע מיטצייטלער און נאָכקומער. דער נײַער הויכפונקט לאָזט זיי שוין נישט אַראָפּ פון אַ העכערן כלל־ניוואָ פון שאַפֿערישע מעגלעכקייטן.

ווי ווייט שטיינבאַרגס טעמאַטישע חידושים, שפּראַכלעכע באַזונדערקייטן, קינסטלערישע ניטן און פינעסן זענען פון זיין רשות־היחיד, ווי אַ מין בשות־פּותדיקע ירושה, אַריבערגעוואַנדערט אין רשות־היחידים, זעט זיך אָפּיר, אַפילו ביי אַן אַגבדיקן פאַרגלייך פון דעם משל, וואָס האָט זיך אויסגעצייטיקט, נאָך דעם ווי שטיינבאַרג איז אַריין אין אַ ברייטערן רשות־הרבים; און ביי אַ פלייסיקן איבערקוק וועט עס פּרטימדיקער ניכּר ווערן, אָנגעהויבן ביים פּראָדוקטיווסטן און היינט בעסטן ממשל אונדזערן, לייב אַליצקי — וואָס האָט אַרויסגעגעבן עטלעכע בענד משלים, דערונטער אויך אַן איבערזעץ פון קרילאָוון, מיט אַ נאָכוואָרט איבערן מהות און געשיכטע פון משל, ווי אויך אַן אַנטאָלאָגיע פון יידישן משל, און פאַרענדיקט מיט די יינגערע ממשלים ביז די וואָס האָבן אַרויסגעגעבן פיינע משלים־ביכער — ווי משה שולשטיין און י. מאַניק־לעדערמאַן — נאָר אויך די, וואָס דער משל איז ביי זיי אַ זייטיקערער זשאַנער ווי, אַ שטייגער, ריקודה פּאָטאָש און אַנדערע. דער דורכקוק וועט אויך נישט קאָנען איבערהיפּערן דעם העברעיִשן משל. אָהער געהערן די משלים פון בר־אבא (עזרא פליישער) און פון דעם בעסטן שטיינבאַרג־איבערזעצער, נתן אַלטערמאַן.

י

אָבער דאָס שפּילט שוין אַריין אין קאָמפּלעקס פון שטיינבאַרגס מקורדיקייט און עס איז אַ פילפנימדיקער קאָמפּלעקס, און נאָר אַ סיסטעמאַטישער אַנאַליז קאָן זיך מיט אים דערפּאַרען. אויב זיך באַנוגענען מיט אַ בינטל קשיות, פרעגט זיך אַ שטייגער: וואָס פאַראַ מאָטיוון האָט ער איבערגענומען און וואָס אַ פּנים האָבן זיי געקריגן ביי אים; וואָס פאַראַ מאָטיוון האָט ער מחדש געווען, ווער זענען עס די נפשות פון זיין משל, — וואָס האָט ער איבערגענומען פון דעם פריִערדיקן פערסאָנאַזש און וואָס פאַר אַ פּנים האָט ער געקריגן ביי אים, און וואָס פאַר אַ פערסאָנאַזש האָט ער מחדש געווען; ווי אַזוי טיילן זיך אויס די פאַרשוינען: דער מְדַבֵּר — אַ שלל פון טיפּן און כאַראַקטערן, מידות און פּראָפעסיעס, דיפערענצירט ביז גאָר, סיי אין געשטאַלט פון דעם גאַנצן פאַרשוין, סיי בלויז אין געשטאַלט פון אַן אבר, וואָס ווערט אַ פאַרשוין פאַר זיך; די בעלי־חיים — חיה, בהמה, עוף און שרץ — וואָס דער משל מאַכט זיי אויך פאַר אַ מְדַבֵּר, ווי ער מאַכט דעם דומם, — די יסודות און דערשיינונגען פון דער טבע, סיי סאָרט באַרג און טאָל, סיי סאָרט טייך און וואָלקן; די כלים —

סיי סאָרט דאַך און טיש, סיי סאָרט לאָמטערן און לאָמפּ; די אינסטרור־מענטן — סיי סאָרט זעג און חלף, סיי סאָרט פידל און פויק; מלבושים — סיי סאָרט שטיוול און שקאָרפּעטקע, סיי סאָרט קנעפּל און שנירל; פּונקט ווי ער מאַכט פֿאַר אַ מדַבּר אַ רעיון, אַ הוריות, אַן אות, אַ דגש, אַ נקודה, — און בעצם, וואָס נישט, — און אַ יעדער און אַ יעדעס רעדט כדרך הטבע, כדרך זיין אייגענע טבע, ווייל דער מַשל, וואָס ווייסט צונויפפּאָרן אינטויציע און דורכגעטראַכטקייט, האָט די כל מיני דיבורים זייערע טיפּיזירט, אינדיווידואַליזירט און אַפילו קאַפּ־ריזירט, און כאָטש דער דיבור איז אָרגאַניש צוזאַמענגעוואָקסן מיט דעם כמעט תמיד דינאַמישן סיפּור־המעשה, שפּראַצט ער פֿון אים אַרויס מיט אַ ספּאָנטאַנער רירעוודיקייט, און עס פֿאָדערט זיך אַ גאָר דעטאַליזירטער אַנאַליז, כדי אונטער־צושיידן צווישן דער באַזונדערער לעקסיק פֿון דער דעסקריפּציע און דער באַ־זונדערער לעקסיק פֿון דעם דיאַלאָג. וואָס שייך דער לעקסיק בכלל, איז עס אַ מאָזאַיִק, ווו די שטיינדלעך קומען פֿון די ווייטסטע און נאָענטסטע מקורות, וואָס ווילן אויך אויסגעפֿאָרשט און קלאַסיפֿיצירט ווערן, און דאָס איז אפשר נישט קיין לייכטע, אָבער דערפֿאַר אַ גאָר אינטערעסאַנטע מלאכה, — אַזוי, אַ שטייגער, פֿאַרדינען אַ באַזונדערן אויפֿמערק ווערטער, וואָס האָבן לאַנג פֿאַר־געסן זייער אָפּשטאַם און האָבן זיך פֿאַראַלגעמיינערט און קערן זיך איצט אום אין זייער ערשטער היים; אָדער ווערטלעך וואָס זענען שוין געוואָרן דרך משל און קערן זיך איצט אום צו זייער ערשטער קאָנקרעטקייט. פֿאַרשטייט זיך, אַז עס פֿאָדערט זיך אַ גרונטיקע חקירה פֿונעם סינטאַקס זיינעם, ווו ער דערלויבט זיך כלערליי אָפּנויגן, אָבער בויט זיי אַריין אין דעם דערציילערישן אָדער שמוע־סערישן גאַנג, אַז כאָטש זיי ווייזן זיך תחילה אויס ווי משונהדיקע אורחים, ווערן זיי תוך כדי דיבור די לעגאַלסטע בעלי־בתים.

ענלעכס לאָזט זיך זאָגן מכּוח אַלע, אָדער כמעט אַלע איבעריקע עלעמענטן און קאָמפּאָנענטן פֿונעם משל־אויפֿבוי. אַזוי איז אַ סוגיה פֿאַר זיך דער גראַם זיינער, וואָס האָט ביי אים געקריגן אַ חנוודיקע בויגיקייט, בעיקר אין זיין קאָמ־בינירטער פֿאָרעם, אָבער זי — און דאָס איז דאָס סימפּאַטישע דערביי — שטאַרצט נישט אַפֿיר מיט איר אויסטערלישקייט, זי שרייט נישט, ווי געוויינלעך עס טוען חידושים: עולם, קוקט און גאַפֿטס, נאָר זי גלידערט זיך שטיל און רויִק איין, און די היימישע סביבה פֿון איר שורה און אירע שכנות פֿון פֿאָרנט און פֿון אונטן פֿאַרהעלפֿן איר דערצו. אָבער כאָטש דער חידוש ווייזט זיך אויס ווי אַ וואָכנגאַנג, טוט ער פֿאָרט אַ צופּ מיט זיין שמייכלדיקער פֿרישקייט. כנהוג, איז אויך דאָ דער גראַם דער מקום־מקלט פֿאַר דעם דיאַלעקטישן, אָבער אויך דאָ גייט עס צו ווי כדרך אַגב, בפֿרט, אַז דער קאָמבינירטער גראַם פֿאַרטושט עס נאָך אַ ביסל — על כל פּנים איז עס ווי אַן אונטערשטרייך פֿון דער שייכות צו דרום־יידיש בכלל,

און צו בעסאַראַבער יידיש בפרט. אָבער אויך דאָ שוויבלט עס נישט, עס איז נוסח די לחכימא ברמיזא, ווייל בדרך כלל האַלט זיך אונדזער מָשל אין דרך־כלל־יידיש, ווי עס האָט זיך אויסגעפורעמט אין אונדזער קלאַסיק, און ווער עס וועט וועלן אַרויסבאַקומען דאָס בעסאַראַבישע אין די משלים, וועט אים דאָס גאָר נישט לייכט אָנקומען.

אַ גאָר קאָמפּליצירטן וואַרשטאַט האָבן מיר אין פּראָזאַדישן אָפּשפּיגל פונעם מָשלס באַלאַנסירן צווישן די משל־יסודות: דעם עפּישן — דער סיפור מעשׂה, דעם דראַמאַטישן — די רעפּליקעס פון די נפשות, דעם דידאַקטישן — דעם מוסר השׂכל, ווו יעדער פאָדערט זיך זיין לשון, און דער מחבר גיט אים אויך נאָך, אָבער ער שניצט אויס אַ רעמל, וואָס נעמט אַלץ אַרום און נעמט אַלץ אַריין, און דאָס רעמל איז נישט קיין זאַק אויפן פוס און נישט קיין קאָרע אויפן בוים, נאָר אַ הויט אויפן לייב און אַפילו דאָס לייב אַליין. די עצם חכמה פון באַלאַנסירן געהער צו דער משל־קונסט, און איז בדרך כלל נישט שפּאָגל ניי, אָבער בדרך פרט איז זי שפּיגל ניי, בפרט אַז אונדזער מָשל איז, לויט אַ דעפיניציע, וואָס זאָל שטאַמען פון טודער אַרגעזי, אפשר דער איינציקער פון די גרויסע מָשלים, וואָס איז בעיקר אַ ליריקער, און האָט מיטן כוח פון דעם לירישן דאָס משל געמאַכט — אַ ליד.

יא

ואחרון אחרון, די קשיה וועגן משנת רבי אליעזר — ווי אַזוי קוקט ער, דורך זיין משל, אויף וועלט און לעבן, באַשאַף און מענטש; און וואָס דערציילט אונדז טאַקע דער משל דאַריבער. מעגלעך, אַז אינפאָרמאַציעס מחוץ דעם משל האָבן דאָ אויך אַ חשיבות, אָבער זיי זענען כולל זאַכן, וואָס האָבן נישט קיין טיפערע שייכות מיט זיין תוך, ווי ער האָט זיך מאַניפעסטירט אין משל. דאָס דאַרף טאַקע באַטאָנט ווערן, היות ווי דאָ און דאָרט האָבן עטלעכע אָפּשאַצערס זיינע, אָנהענגענדיק אים זייערע אייגענע פּראָגראַמאַטישע עמבלעמען, אַ היפּש ביסל טריוויאַליזירט, מוז מען טאַקע בפירוש אָנטקעגנשטעלן די הנחה, אַז דער קוק פונעם משל איז בדרך כלל אַ פּעסימיסטישער, — און דאָס האָט לעצטנס יצחק באַשעוויס, רעדנדיק איבער אונדזער משל, נאָך אַ מאָל אונטערגעשטראָכן — און מיר וועלן צוגעבן: אַפילו ווען דער מָשל איז, לויט זיין געמיט אָדער אידעאָלאָגיע, ווי אַ שטייגער אין אונדזער משׂכּילישן משל, אַן אָפּטימיסט, לא כל שכן ווען ער איז, סיי לויט זיין געמיט, סיי לויט זיין נסיון, אַ פּעסימיסט ווי עס איז שטיינבאַרג. איז טאַקע שלמה ביקל גערעכט, וואָס האָט דאָס עטלעכע מאָל אָפּירגעהויבן — דער מענטש האָט, אין דער מלחמה קעגן דעם אַכזריותדיקן גורל, די מערכה זיינע אַפּריאָרי פאַרשפּילט, און דער איינציקער אָנשפּאַר און

אויסוועג איז אין דער סאָציאַלער סאָלידאַריטעט. אַז דאָ איז פֿאַראַן אַפּילו אַ שפּאַרע פֿאַר אַ גלויבן אין אַ דיאַלעקטישן אָדער מעכאַניסטישן פּראָצעס, וואָס ברענגט אַ ישועה — איז פּשוט אַ בבא־מעשׂה, און עס איז קאַמיש צו הערן, ווען מענטשן, וואָס זענען געווען נאָענט צו שטיינבאַרגן, זאָגן דאָס נאָך. זיי וואָלטן דאָך באַדאַרפֿט, בעסער פֿון אַנדערע, צו וויסן, אַז דער אויפֿטאַקט צו די משלים: „טרוריק, קינדער, אויף דער וועלט דער ברייטער, גראַמער! ביטער! מיט אַ משל כאַטש זיך קוויקן לאָמיר", איז צו ערנסט געזאָגט, אַז מען זאָל די טרויעריקייט און די ביטערקייט נישט אָננעמען פֿאַר גרונטיקע יסודות פֿון דעם נברא, און מיינען, אַז אַן אַנדער סדר־חברה, וועט ברענגען אַן אַנדערן סדר־עולם, און אַז אַ דרויסנדיקע תקנה הייסט אַן אינעווייניקסטער תיקון. עס קומט אונדז פֿיר, אַז דער מער קהלתדיקער שטיינבאַרג איז ענלעך צום מער איובדיקן ברענער, וועלכן מען האָט אויך געפּרוווט טריוויאַליזירן — ביידנס פּעסימיזם האַלט די קרעאַטור פֿאַר צו אומגליקלעך, אַז מען זאָל דעם צער פֿון בין חי לטבעו נאָך פֿאַרגרעסערן דורכן צער פֿון בין חי לחברו, און פֿון דאַנעט דער אויפֿברויז קעגן עוולות און אַכזריות, פֿון דאַנעט דער פּאָסטולאַט פֿון ליבשאַפֿט און רחמים לכל אשר נשמה באַפּו.

[חשון תשכ"ט]

מאמר ב': לעבן אַן אוצר

א

ביי אַ שווערן וואָגן לוינט זיך גיין צו פֿוס — איז אַ באַקאַנטער זאָג און מיינט, אַז לעבן אַן אוצר, פֿון כּלע גוטס איז כּדאַי זיך מטריח צו זיין. אָט דעם זאָג האָב איך, דאַכט זיך, טאַקע מקיים געווען, ווען כ'האָב מיך געלאָזט גיין לעבן דעם רייך באַלאַדענעם וואָגן פֿון אליעזר שטיינבאַרגס משלים; און כאָטש לעבן דעם ממשלס עשרות ווערט בולטער דעם אַריינפּירערס דלות, נעם איך עס אָן באהבה, ווייל גאָלד פֿון פּאָעזיע האָט אַ טבע, אַז עס באַלייכט אַלץ און איעדן, וואָס שטייט אין זיינע פֿיר איילן, און אַ באַלויכטענער דלות איז שוין כמעט מער קיין דלות נישט.

ווייס איך, אַז מען וועט פֿון מיר נישט פֿאַרלאַנגען, אַז איך זאָל דאָס עדות זאָגן, וויפֿל פֿון דעם ליכט האָט זיך אַריינגעכאַפּט צו מיר. דען דערויף דאַרפֿן דאָך די לייענער צו זיין די בעסטע עדות־זאָגער, פֿאַרשטייט זיך, אויב זיי וועלן האָבן געדולד און נישט וועלן איבערהיפּערן די פֿאַר זייטלעך מיינע, כּדי וואָס גיכער צוצוקומען פֿון טפל צום עיקר — צו די עצם משלים. אָבער אויף איין זאַך וועל איך יאָ מעיד זיין — אַז דער אַריינפּיר איז מיר נישט לייכט אָנגע־

קומען, און אַז איך האָב מורא געהאַט, טאָמער וועט ער נישט צושטאַנדקומען. נישט ווייל די פּען האָט מיר נישט געדינט, נאָר ווייל עס האָט זיך מיר צוגע־טשעפּעט אַ זאַבאַבאָנע, אַז אַזוי ווי דער ראָמאַן צווישן דעם ממשל און מיר האָט זיך קרום אָנגעהויבן, וועט ער זיך, חלילה, קרום אויסלאָזן.

ב

יאָ, צווישן מיינע ראָמאַנען מיט יידישע שרייבער, איז דער ראָמאַן צווישן מיר, דעם קליינעם מפרש, און אים, שטיינבאַרג, דעם גרויסן ממשל, נישט פון די גליקלעכסטע. מיט פינף און פערציק יאָר צוריק בין איך געזעסן אין וואַרשע און האָב, אַמערשט מיט מאיר שלי (באָגדאַנאָווסקי) און דערנאָך מיט דוד ליבשיץ, רעדאַקטירט דאָס העברעיִשע וואָכנבלאַט „העתיד", וואָס איז געווען דער אָרגאַן פון דער אַלוועלטלעכער „החלוץ"־אָרגאַניזאַציע. מיר האָבן רעדאַקטירט אַלץ, חוץ דעם ליטעראַרישן טייל, אַ זייט די גרויס, וואָס איז געווען אין די הענט פון דיכטער און קריטיקער יעקב פיכמאַן. אַזוי ווי אָבער ער איז, נאָך אַ קורצער צייט, אָוועקגעפאָרן צו זיין משפחה קיין בעסאַראַביע, כדי זיך פון דאָרט אומ־צוקערן קיין ארץ־ישראל, איז אויך דער ענין פון ליטעראַטור אַריבער צו מיר. יעקב פיכמאַן האָט איבערגעלאָזט צוויי פּעקלעך — אין איינעם האָט זיך גע־פונען מאַטעריאַל, וואָס ער האָט רעקאָמענדירט צו דרוקן; אין אַנדערן האָט זיך געפונען מאַטעריאַל, וואָס ער האָט נישט רעקאָמענדירט דערצו. איך האָב דורכ־געקוקטביידע פּעקלעך און נישט תמיד האָב איך געקאָנט מסכים זיין, אַז אַלץ, וואָס ער פּסלט, איז פּסול. מעגלעך, אַז נישט ווייניקער וואָס איך האָב נישט געקאָנט, האָב איך אויך נישט געוואָלט — יונג בין איך געווען, און געעוירן האָט עס אין מיר און גערודערט האָט עס אויך אין מיר, און אפשר האָט אויך דער צולהכעיס פון אַ רוי רעקרוטל קעגן אַ געניטן גענעראַל צוגעלייגט אַ קנייטל; גענוג, אַז איך האָב דווקא געדרוקט דאָס אַדער יענץ, וואָס איז אים נישט געפעלן.

אַפילו היינט זאָג איך נישט, אַז עס טוט מיר באַנג, וואָס איך האָב פון דעם געפּסלטן פּעקל יאָ געדרוקט; אָבער איך זאָג בפירוש, אַז עס טוט מיר באַנג, וואָס איך האָב דערפון נישט געדרוקט. דען אין דעם פּעקל זענען געווען זאַכעלעך פון איינעם, אליעזר שטיינבאַרג, וואָס איך האָב זיין נאָמען פריִער נישט געהערט. איך זאָג זאַכעלעך, ווייל זיי זענען געווען קורץ און שפּילעוודיק, ווי צוגעפּאַסט פאַר קינדער פון זיבן ביז זיבעציק יאָר, אָבער אַזוי ווי פון כמה סימנים איז געווען קלאָר, אַז יעקב פיכמאַן קען אים, האָב איך אָנגענומען, אַז אפשר האָט ער געהאַט מער טעם דערביי, און היינט קומט מיר פיר, אַז כ'האָב ביי מיר אָפּ־געפּאַסט, אַז דאָרט ווו צוויי בעסאַראַבער האָבן אַ מחזקה, זאָל זיך אַ גאַליציאַנער שנעק נישט מישן. בפרט אַז יעקב פיכמאַן איז נישט געווען צופרידן מיט דעם

דרך מיינעם און טעלעגראַפירנדיק, אַז ער קערט זיך נישט צוריק קיין פּוילן, האָט ער געבעטן זיין נאָמען אַראָפּצונעמען פונעם אויבערקעפּל פון בלאַט. נישט לאַנג דערנאָך בין איך אַוועק קיין ארץ־ישראל און דער גאַנצער ענין איז מיר אַרויס פון קאָפּ, און איז ערשט צוריק אַרויפגעשווומען נאָך יאָרן, ווען אליעזר שטיינבאַרג איז גאָר מפורסם געוואָרן, אויך ביי אונדז דאָ אין לאַנד; בעיקר ווען עס זענען אַרויס זיינע „משלים", און די פּאָר עקזעמפּלאַרן פון בוך האָבן געוואַנדערט פון ישוב צו ישוב, נאָך דעם ווי זאב יאָסקאָוויטש — היינט: יוסיפון — האָט אַ פּאָר משלים אַריינגענומען אין זיין רעפּערטואַר, פאַרשריבן אויף לאַנגע, שמאָלע צעטלען, און האָט זיי פּראָפּאַגירט, פּונקט ווי ער האָט געטאָן לגבי משה לייב האַלפּערן, ה. לייוויק, איציק מאַנגער, קאַדיע מאָלאָדאָווסקי און אַנדערע.

ג

עס איז נישט שווער זיך פירצושטעלן מיין האַרצווייטיק, ווען איך האָב מיך דערמאָנט די מעשה מיטן וואַרשעווער פּעקל — ס'האָט זיך מיר געמאַכט אַזאַ גאָלדענער שאַנס צוצולייגן אַ פינגער צו שטיינבאַרגס פּרסום, און איך האָב נישט געהאַט דעם שכל און די העזה דערצו. צו מאָל האָט עס מיך געגעסן — ווער ווייס, אפשר ווען עס וואָלט זיך דעמאָלט פאַרשפּונען אַ פאָדעם מיט די חלוצים, וואָלט דער פאָדעם זיך אויסגעבריייט צו אַ קניילעכן, און דאָס קניילעכן וואָלט אויסגעוואַקסן צו אַ קנויל, און דעמאָלט וואָלט אפשר שטיינבאַרגס וועג געפירט נישט קיין ריאָ־דע־זשאַנעיראָ, וווהין די ליפּקאַנער לאַנדסלייט האָבן אים פאַרבעטן, נאָר קיין תל־אביב, וווהין ביאַליק האָט אים גערופן. נו, אַז אַ ייִד עסט זיך, איז עס נישט ויאכלו נאָר ממש, מיט די פעדערשטע און אונטערשטע ציין, און כדי זיך לייכטער צו מאַכן, עסט ער אויך אַן אַנדערן, און איך האָב דאָך דערצו — יעקב פיכמאַנען, מיט וועלכן איך האָב מיך אָפּט באַגעגנט און ער איז געווען אונדזער געגאַרטער שטובפריינד — (אַ קלייניקייט: הדוד פיכמן!) — האָב איך אים אָבער צו פיל ליב געהאַט און געשאַנעוועט, אַז איך זאָל אים אָנטאָן אומזיסטע עגמת־נפש. אמת, איין מאָל איז עס כמעט אַריבער מיינע ליפּן — נאָך דעם ווי איך האָב איבערגעזעצט, און מעגלעך דער ערשטער, אַ משל פון שטיינבאַרג, „די שפּיז און די נאָדל", און געמאַכט אַ קאָפּ פוראָר, און בעריל קאַצענעלסאָן האָט מיך, אין אַ בריוו, מעורר געווען ווייטער איבערצוזעצן און צוגעזאָגט אַרויסצוגעבן אַ געזעמל פון די משלים, און כמעט דאָס זעלבע האָט, אין אַ בריוו צו מיר, געטאָן יעקב פיכמאַן — האָב איך מיך שיִער נישט אַרויסגעכאַפּט מיט דער מעשה פונעם וואַרשעווער פּעקל, בין אָבער צופרידן געווען, וואָס איך האָב מיך צוריקגעהאַלטן, דען סוף סוף מער ווי איך מעג אים, דאַרף איך מיך אַליין באַשולדיקן.

ד

און איצט צו די צווייטע טעג יום־טוב פון יענעם ראָמאַן — נאָך דעם ווי דער תרגום מיינער פון דעם משל איז געווען אָפּגעדרוקט אין „דבר“, האָב איך זיך גענומען צום המשך, און כמעט דערגרייכט אַ האַלב טוץ משלים, און אָפּגעוואַרט אַ תשובה פון דער אלמנה, מרת רבקה שטיינבאַרג, וואָס איך האָב איר אַריינגעשיקט דעם ערשטן משל און געבעטן איר הסכמה אויף ווייטער, זייענדיק זיכער, אַז עס וועט קומען אַ מין המשך פון בערל קאַצענעלסאָנס און יעקב פיכמאַנס היתר־הוראה. איז אָבער געשען פונקט קאַפּויער — ווייל אַז עס איז נישטאָ קיין מזל, העלפט נישט. כדי אַנצוווינקען, וואָס אין דער אלמנהס ענטפער צו מיר איז געשטאַנען, וועל איך ברענגען מיין ענטפער אויף איר ענטפער, אַ געגראַמטע תשובה, וואָס איז געגאַנגען, אַזוי צו זאָגן:

אַ באַרג משלים האָט געלאָזן אליעזר שטיינבאַרג
איז אַ פרייד עס אי פאַר גרויסוואַרג, אי פאַר קליינוואַרג;
בליאַסקעט דאָך אַ יעדער משל ווי אַ שנירל פּערל,
קלינגט דאָך יעדער משל ווי אַ זילבערגלאָק.
האָט זיך פאַרעקשנט איינער, הייסן הייסט ער בערל,
און זיין דייטשנאָמען איז שטאָק,
אַז כאָטש נעם און שטעך און בראָק,
און כאָטש וואַרג אים,
מוז ער זיין מתרגם
עטלעכע משלים אינעם לשון פון תנך.
פאַרשטייט זיך, נישט קיין לייכטע זאַך,
און כאָטש גענומען מיט גאָר גרויסן ברען
די לשון־קודשדיקע פען,
ער געכאַפּט דעם רעכטן שוויץ
(אַז יעדער משל סאַמע שאַרף און סאַמע שפּיץ!)
זיך געיישבט און געיישבט און צו לעצט
אַ האַלב טוץ משלים איבערגעזעצט;
און לאַנג געטאַקט, געטעסטעט און געשליפן ביז
מיט אַ שווערן האַרצן אָפּגעדרוקט
די מעשה מיט דער נאָדל און דער שפּיז.
דער עולם האָט געלייענט, געלעקט די פינגער,
איז אויפן האַרצן שוין געוואָרן עפּעס גרינגער,
און בפרט אַז אויך די חברה שרייבער אָנגעהויבן לויבן:

פּי, אַ תּרגום־לשון, נאָר צו שטעלן אין די שויבן.
האָט זיך געזעצט דער איבערזעצער אויפן באַרג מיט שבחים,
און געגרייסט זיך, און געגוידערט: זעט אַ מושלם, זעט אַ חכם!
פּלוצעם אויף דער גלאַטער שויב אַ קריץ,
וואָס טראָגט זיך אַזש פון סאַמע טשערנאָוויץ;
אַ יאַנטל דאָרט פאַרגלוסט זיך אָפּצוטאָן אַ פּסאַטקע
דעם איבערזעצער און דערלאַנגען אים אַ בינטל שמיץ,
האָט ער אַרויסגעלאָזט אַ בייזע פליאַטקע,
וואָס האָט אַ ריח פון אַ טעמפּן וויץ:
אַז דער תּרגום האָט חסרונות מער ווי מעלות,
פּשוט, אַ געלעכערט־פּסולער טלית.
האָט דאָס שטיק רכילות זיך צעוואָרפן און צעטראָגן
און ווי אַ טייוול זיך גענומען יאָגן,
און ווי טבת־ווינטן זיך צעבלאָזן,
און צעטאַנצט זיך אין אַ דאַנס־מאַקאַבר,
אַז דערהערט אויך די אַלמנה פון מחבר,
און אַריין אין אַ ירגזון,
און אין אַ בריוו קיין תּל־אביב געשריבן,
אים די מאָרדע לייטיש אָנגעריבן.

אָבער דער באַעוולטער מתרגם זאָגט אַזוי:
הערט מיך אויס, מיין זייער געערטע פרוי,
זאָגט, זייט מוחל, אייער תּנא־קמא
(איר קענט אים דאָך מסתּמא),
אַז אַ פליאַטקע־מאַכער קריגט אויף יענעם
עולם, דעם זודיקסטן קעסל אין גיהנום,
און אויף דעם עולם קריגט ער קאַלטס
מיט אַ קאַנטשיק, וואָס געווייקט אין פעפער און אין זאַלץ.
און איבעריקנס: ער מעג זיך שעמען אין זיין ווייטן האַלדז.

ווען איך האָב מיט אַ זיבעצן יאָר שפּעטער די געגראַמטע תּשובה געלאָזט דרוקן אין דער ניו־יאָרקער „פרייע אַרבעטער שטימע”, האָט מיר א. גלאַנץ־לעיעלעס געשריבן, אַז איך בין מיט איין שפּרונג אַריין אין סאַמע מיט פון ייִדי־שער דיכטונג; איז עס פּאַר זיך אַ גרויסע גוזמא, און פּאַר מיר אַ קנאַפּע נחמה. דעסגלייכן ווען שלמה ביקל האָט געשריבן, אַז איך בין דער בעסטער שטיינבאַרג־

איבערזעצער, איז עס פאַר זיך אַ גרויסע גוזמא, און פאַר מיר אַ קנאַפּע נחמה. און נישט בלויז דערפאַר וואָס איך האַלט פאַרן בעסטן שטיינבאַרג־איבערזעצער אויף לשון־קודש נתן אַלטערמאַן — (כאָטש אַז ביקל וועט זיך שטאַרק איינשפּאַרן וועל איך אים נישט לאָדן צום בית דין) — נאָר בעיקר דערפאַר, וואָס נאָך יענעם בריוו פון מרת שטיינבאַרג בין איך ווי אַ בעל־מתרגם פון שטיינבאַרגס משלים עד היום פּאַראַליזירט.

אָבער זייענדיק אַן אייניקל פון פאַרברענטע חסידים, האָב איך מקיים געווען זייער כלל: נישטאָ קיין יי״ש, רעדט מען פון יי״ש — אַז עס איז מיר נישט באַשערט צו געבן שטיינבאַרגן, לאָמיר רעדן וועגן שטיינבאַרגן, און איך האָב עס, דאַכט זיך, ערלעך געטאָן, סיי אין מיינע לעקציעס — די ערשטע ייִדישע דאָקטאָר־טעזע אין ירושלימער אוניווערסיטעט איז טאַקע מכוח שטיינבאַרגן, און דער קאַנדידאַט אליעזר פרענקל, האָט אין דער איצטיקער אויסגאַב פון די „משלים״ אַ פּרטימדיקע ביבליאָגראַפיע, — און איך בין צופרידן, אַז איך האָב אָנגעשריבן דעם אַריינפיר און דאָס בוך איז אַרויס בשלום. און אויך מיין ראַמאַן האָט געקריגן אַ שטיקל תיקון.

און פאַר דער נײַער אויסגאַב פאַרדינען די, וואָס האָבן זיך באַמיט, — שלמה שווייצער, גדעון קראַפּט — עס לייטיש און שיין אַרויסצוגעבן, מען זאָל מכבד זיין מיט אַ קערמעשל, כאָטש אין פּלוג קאָן זיך דאַכטן, מאי רבותא — עס איז דאָך שוין אַ פערטע אויסגאַב, אָבער אַז מען קוקט זיך גוט איין — איז עס די ערשטע און רעכטע, נישט ווייל עס געפעלט מיר אַזוי, נאָר ווייל עס איז אַזוי. אַוודאי איז די אויסגאַב, וואָס איז אַרויס אין טשערנאָוויץ, האַרט נאָך דער פּטירה פון מחבר, דער בכור, וואָס קומט אים אַ טאָפּל־חלק; וועלן מיר אים נישט קאַרגן אַ טאָפּעלעם שבח. אָבער מיר קאָנען נישט פאַרהוילן, אַז ווי ווייט זיינע אַרויסגעבער האָבן זיך נישט באַמיט, עס זאָל זיין אַן אתרוג אַ הדר, איז דאָרט דאָ אַ צו בולטע פּגימה — דער רייכער, ממש פאַסצינירנדיקער לשון־קודש־קאָמפּאָנענט גייט דאָרט אויפן דרך, וואָס רופט זיך גוייש: נאַטוראַליזאַציע, אָבער ייִדישלעך הייסט עס: שלא כדרך הטבע. פאַרשטייט זיך, אַז די צווייטע אויסגאַב, פון בוקאַרעשטער מלוכה־פאַרלאַג, האָט דעם דרך נאָכגעמאַכט, און האָט נאָך צוויי חסרונות — לא די זי איז געקירצט, פעלן אין איר אַרטור קאַלניקס פּראַכטיקע האַלצשניטן, פונקט ווי זיי פעלן אין דער דריטער, בוענאָס־איירעסער אויסגאַב, וואָס האָט אַפילו מתקן געווען דעם אויסלייג, איז אָבער אַרויס אין אַ צו וואַכעדיקן מלבוש, און ערשט איצט, אין דער פערטער אויסגאַב, קען אַ ייִדישער מענטש פון דעם בוך „משלים״ הנאה האָבן מיטן פולן מויל.

ה

אבער צוריק צום ראָמאַן — וואָס איך האָב דערציילט, איז אַ שטיינבאַרג־ראָמאַן פון אַ יחיד, אָבער עס איז אַן אַלטער קיימא לן: אין בכלל אלא מה שבפרט, און מיטן שטיינבאַרג־ראָמאַן פונעם כלל שטייט עס נישט אַ סך אַנדערש. יאָ, עס פאָדערט זיך שוין פון לאַנג אַ ווענד צום גוטן אין דעם פריקרען ראָמאַן — עד היום איז נאָך זיין ירושה נישט איינגעזאַמלט געוואָרן, סיי די וואָס איז שוין געדרוקט אָבער צעזייט און צעשפּרייט; סיי די וואָס די אַלמנה האָט אָפּגעראַ־טעוועט און, ווי עס ווייזט זיך אויס, זענען עס אַ פּאָר היפּשע בענד; סיי זיינע בריוו, סיי די זכרונות איבער אים, וואָס אַנטהאַלטן דאָקומענטאַרישן מאַטער־יאַל — דאָס אַלץ גאָרט, עס זאָל אַריין אין טאָוולען פון ביכער, מען זאָל שוין איין מאָל לייענען דעם גאַנצן, איינגעזאַמלטן שטיינבאַרג, כדי צו האָבן די פולע הנאה פון אים און דערגרייכן אַ פול פאַרשטאַנדעניש פון זיין אָריגינאַליטעט אין אַלע זיינע ווערק, און פון זיין איינציקייט אין זיין משלים־ווערק. אמת, פאַראַן אַ שטער דערצו, און דאָס איז דווקא די נאָסטאַלגיע פון זיינע פריינד און פאַר־ערער — זיי רעדן איבער אים, גלייך ער וואָלט נאָך נעכטן געלעבט, אַזוי אַז עס פאַרגעסט זיך, אַז עס איז שוין אַוועק אַריבער אַ דור, און מיר האָבן נישט מער ווי זיינע משלים, און אַפילו דער באַנד מעשהלעך איז היינט אַ ביבליאָ־פילער יקר־מציאות, שוין אָפּגעשמועסט פון אַלעם איבעריקן. און זיי וואָלטן דאָך באַדאַרפט צו זיין דער קערן פאַר אַ דורכברוך אין באַצי צו דער שטיינבאַרג־ירושה, אַזוי אַז די איצט באַנײַטע אויסגאַב פון די משלים זאָל נישט זיין אַן עפּיזאָד צווישן איין אָפּהענטיקייט און דער אַנדערער אָפּהענטיקייט, נאָר אַן אָנהייב פון אַן אַנטשיידנדיקן שינוי־לטובה.

און וואָס מען קאָן היינט טאָן, זאָל מען נישט אָפּלייגן אויף מאָרגן, עס זאָל פאַר אונדז, די לעצטע פון זיין דור, נישט ווערן צו שפּעט. — דען ווי וועלן מיר זיך ווייזן דאָרט אויבן פאַרן ממשל, און ווי וועלן מיר אויסהאַלטן אַפילו די מילדסטע תוכחה, וואָס וועט ליגן פאַרבאַהאַלטן אין זיין קלוגן שמייכל?

[כ״א שבט תשכ״ט]

דאָס רעטעניש און זיינע טראַפּן

ש״י עגנון

מאמר א׳: דער שטורעם אונטן און דער שפּיגל אויבן

א

ווי אַ גרויס רעטעניש, וואָס קוקט אַפּיר פון איר טיף־קלוגער באַהאַלטנקייט אויף די פאַרשיידנסטע טראַפּן פון גרויס און קליין און לאָזט זיי זיך שטופּן און טומלען אַרום איר פאַרבאָרגענער שוועל — אַזוי, דוכט זיך, קוקט ש״י עגנונס ווערק אויף די צווישן־זיך־צעאַמפּערטע טייטשן, וואָס האָבן זיך אַרום אים, במשך פערציק יאָר און מיטן אָנטייל פון דריַי דורות, צוזאַמענגעקליבן. ס׳איז דער טיף־קלוגער קוק פון אַ רעטעניש, וואָס איר עיקר איז צו אַנטפּלעקן זיך אַליין, און וואָס אַ זעלטענע זיכערקייט האָט איר דעם וועג צו איר אייגענעם באַוווּסטזיין אָפּגעהיט פאַרן מינדסטן אָפּנייג און פאַרבלאָנקעניש, דערהאַלטנדיק זי ביי אַ געשפּאַנטער, כמעט שווידערלעכער געטרייקייט צו זיך אַליין. ווי ס׳ווייזט אויס, שפּייזט זיך די זיכערקייט פון אַ דומפּן אָבער מאַסיוון פאַרגעפיל, אַז די באַוווּסטזיניקייט פון דער קעגנוואַרט איז אַ צו שמאָלע רעם פאַר אַ פולקומען קריטישן באַנעמען פון דעם ווערק, און ערשט קומענדיקע דורות וועלן קאָנען באַהערשן זיין גאַנצן פאַרנעם און באַטייט.

אַזוי אַרום ווייזט זיך די פראַגמענטאַרישקייט פון דער קריטישער אָפּשאַצונג לגבי דעם דאָזיקן ווערק, נישט ווי אַן אומפעיִקייט פון די אָפּשאַצערס, נאָר ווי אַן אומדערוואַקסנקייט פון זייער צייט. די פראַגמענטן, כראָנאָלאָגיש גענומען, סומירן זיך אַפילו, נאָכן אָפּפאַל פון זייערע סתירות, ווי אַ טיפגאַנג פון די אייבער־שטע צו די אונטערשטע שיכטן, אָבער דאָס קריטישע דערגרייכן פון זייער לעצטן שטאַפּל פאַדערט אַ מאָס פון ווייטקייט און באַפרייטקייט, וועלכע איז אין די גרענעצן פון אונדזער דור און זיין אידעאָלאָגישער צייטלעכער אָפּהענגיקייט, — אַן אילוזאָרישע.

ב

אויב מיר קוקן זיך איין אין די פראַגמענטן, הערן מיר קודם־כל דעם טייטש, וואָס איז אָנגעגאַנגען בשעת ס׳האָבן זיך באַוויזן די ערשטלינגען (דערהויפּט „והיה

העקוב למישור״) און האָט נאָך היינט זיינע אַנאַכראָניסטישע אָנהענגערס: אָט — זאָגן זיי — האָבן מיר פאַר זיך אַן אויסטערלישע דערשיינונג: אַ שרייבער און אַ שרייבן, וואָס ווייסן גאָרנישט פון דער איבערקערעניש אין די לעצטע דורות, גלייך דאָס יידישע לעבן איז נישט אויפגעטרייסלט געוואָרן דורך די באַוועגונגען פון השכלה, עמאַנציפּאַציע, סעקולאַריזאַציע, וכדומה. גלייך דער יידישער שטייגער איז נישט אויפגערודערט און צעברעקלט געוואָרן אין שטורעם פון וואַקלענישן און קריזיסן, און ס׳לעבט נאָך די אַלטע אין זיך געשלאָסענע וועלט מיט איר האַרמאָנישער גאַנצקייט און איר פרעגנאַנטן אויסדרוק, דער תמימות. נישט אַנדערש, נאָר דער דערציילער האָט שלאָפנדיק איבערגעהיפּערט אַ קאַרגע אַנדערטהאַלבן יאָרהונדערטער און געגנומען מיט אַ נאַיווער ממילאדיקייט שפּינען ווייטער דעם פאָדעם, וואָס האָט זיך פאַר אים איינגעריסן, און ממילא נישט אָפּגעריסן.

אמת, אַזאַ קוק אויפן דערציילער און זיין דערציילעריי האָט זיך געהאַט אויף וואָס צו שטיצן — סיי אינהאַלטלעך: דער נוסח פון אַ סיפור המעשה, סיי שפּראַכלעך: דער נוסח פון ספרי יראים — אָבער עס איז געווען אַן אויבנאויפיקער קוק און האָט זיך, אַזוי צו זאָגן, געלאָזט אָפּנאַרן פון יענער באַזונדערער עפּישער קונסט, וואָס ווייסט מיט דער אייבערשטער פלאַך פון פאַרפירערישער גלאַטקייט צוצודעקן דעם אונטערשטן דנאָ פון טיפע קעגנזאַצן. דער דאָזיקער קוק האָט נישט פאַרשטאַנען, אַז דער העל שימערנדיקער שפּיגל פון דער האַרמאָניע איז נישט קיין אַריטמעטישער צוזאַמענשטעל, נאָר אַ שאַפערישער איבערגאָס פון זיינע שטאָפלעכע און פאָרמעלע קאָמפּאָנענטן; דאָס הייסט, אַז די האַרמאָניע איז אייגנטלעך די מיטן כוח פון שאַפערישקייט איינגעשפּאַנטע צעפאָרנקייט פון דיסהאַרמאָניעס, — דער גן־עדן וואָס באַווייזט זיך אויף דער שפּיגלפלאַך פון דער דערציילונג איז דער קינסטלערישער היפוך פון גיהנום אין דער טיפקייט פון דעם דערציילער. היינט זעען מיר באַשיינפּערלעך, ווי ווייט דער דערציילער האָט מיט זיין פּילפּאַלטיקער טעמאַטיק צו נישט געמאַכט יענע ערשטע פלאַטשיקע אויפפאַסונג, אָבער אויך דעמאָלט האָט אַ טיפערער בליק אין דער תמימותדיקער פאַסאַדע פון יענע ערשטלינגען באַדאַרפט דערזען דעם פּראָבלעם־שווערן און קאָמפּלעקס־באַלאָדענעם תוך, פונקט ווי ער האָט געדאַרפט פאַרשטיין, אַז נאָר ווער ס׳האָט אין זיך איינגעוועבט אַ יעדן הויך שפּראַכלעכן געראַנגל אין די לעצטע דורות, און האָט דעם געוואַלדיקן פּראָצעס אין זיך פאַראַרבעט, האָט זיך געקאָנט דערהייבן צו יענער אָריגינאַליטעט, וואָס האָט מיט אַ מאָל אַלטע פאַרשטאָפּטע שפּראַכקוואַלן לעבעדיק געמאַכט פאַרן יונגן קינסטלערישן אויסדרוק, און זיי אויסגעברייט און פאַרטיפט, אַזוי, אַז דער מענדעלישער אויפּטו האָט זיך פון אַ שטראָם פאַרוואַנדלט אין אַ ים. די רעוואָלוציאָנערישקייט פון דעם זיך אומרעוואָלוציאָנעריש מאַניפעסטירנדיקן שפּראַכלעכן

אויפטו קומט דערפון, וואָס אַן אויפגאַב וועלכע האָט געקאָנט גיין אויפן פלאַכן זאַמדיקן שטעג פון אומפּערזענלעכער סטיליזאַציע, איז דאָ געגאַנגען אויפן באַר־גיקן שליאַך פון פּערזענלעכסטן סטיל.

ג

און אַזוי צעפאַלט זיך אויך אַ שפּעטערדיקער טייטש: אָט האָבן מיר פאַר זיך די אמתע, ריינע פּאַלקסטימלעכקייט, וואָס גרויסע און קליינע האָבן געשטרעבט צו איר און בלויז אָנגערירט די פראַנדזן פון איר זוים, אָבער נישט דערגאַנגען צום פינטל פון איר האַרץ; אָט האָבן מיר פאַר זיך איינעם, וואָס ווייס נישט פון דער פּראָבלעמאַטישער צעפּרעסנקייט פון דער מאָדערנער יידישער נשמה, איר עלנטער, פּאַרייזאַוסטער יתומדיקייט, און זיין בונד מיט גאָט, וועלט און גע־מיינשאַפט, וואָס איז אַן שפּאַלטן און שפּאַלטונגען, ווייס נישט פון קיין עקיקן צוזאַמענשטויס און איז די סאַמע רונדיקע רויִקייט (דער הויפּט „בלבב ימים"). אויך דאָ האָט מען די קאַלעמוטנע און זידנדיקע טיפקייט פון דעם קינסטלערס נשמה־טייך פאַרביטן מיט דעם בלאַנקן און שטילן שפּיגל, וואָס ער האָט פון זיין אייגענער טיפקייט אַרויפגעצויבערט. מע האָט נישט פאַרשטאַנען אַז פאַר־קערט, דער עצם צויבער, וואָס דערהייבט די פּאָלקסטימלעכקייט צום העכסטן שטאַפּל פון קינסטלערישן אויסדרוק, באַווייזט די אומרחמנותדיקע שפּאַנונג צווישן דער וועלט פון וועלכער און צווישן דער וועלט צו וועלכער דער קינסט־לער אַנטלויפט, און אַ געניט אויג וועט אויך אין די זיידנסטע פאַלדן פון דער האַרמאָנישער אויסגעגליכנקייט דערקענען די כראָפּעוואַטע קנייטשן פון דער דיסהאַרמאָנישער צערודערטקייט.

אמת, אַ צייט האָט זיך די טעאָריע איבער דער תמימות פון פּאָלקסטימ־לעכקייט געהאַלטן מכוח דער נישט אומבאַרעכטיקטער טענה, וואָס האָט אָנגע־וויזן אויף דער פאַרשיידנקייט פון צווייערליי סאָרטן דערציילונגען — די, וואָס האָבן באַהאַנדלט אַ ווייטן דור (דערהויפּט „הכנסת כלה") האָבן געשפּראָצט מיט בלוטפולער וועזנטלעכקייט; די, וואָס האָבן באַהאַנדלט אַ נאָענטן דור (למשל „גבעת החול") האָבן געאָטעמט אַ שאָטנדיקע בלאַסקייט. נאָך מער, דער איינער סאָרט דערציילונגען האָט זיך געוויגט אין אַ הייליקער ערנצטקייט, פאַרברעמט פון אַ געטאָקטן הומאָר; דער אַנדערער סאָרט פון דערציילונגען האָט זיך גע־וואָרפן אין אַ וואָכנדיקער אָפּלאַכעריי, אונטערגעליאַמעוועט פון אַ געקריי־זלטער סאַטירע („בנעורינו ובזקנינו"). אָבער אויך די טענה איז היינט שוין פון לאַנג אָפּגעבליאַקעוועט — די דערציילונגען און ראָמאַנען פון נאָענטן עבר, סיי די, וואָס זענען דורכגעזאַפּט מיט אַ לייכטן עלעגישן ליריזם („בדמי ימיה"), סיי די, וואָס זענען אָנגעזאַפּט מיט אַ פיינעם הומאָר־דינעם שמייכל („ספור פשוט")

און באַשרייבן דאָס שטעטל מיט אַ דור צוריק; די דערציילונגען און ראָמאַנען, וואָס זייער עפּישע ברייטקייט נעמט אַרום אַ גאַנצע תקופה, סיי אויף דער שוועל פון אונטערגאַנג („אורח נטה ללון״), סיי אויף דער שוועל פון אויפגאַנג, („תמול שלשום״), זיי אַלע באַווייזן, אַז דער כוח צו געשטאַלטיקן דאָס נאָענטע איז נישט מינדער פונעם כוח צו געשטאַלטיקן דאָס ווייטע, און אַדרבה — אַ פאַרגלייך פון ווערט און אויפטו צווישן די באַשרייבונגען פון ווייט־ווייט און די באַשרייבונגען פון נאָענט־נאָענט ווייזט דעם פאַרגאַפנדיקן וווקס פון אַ שאַפערישער קראַפט, וואָס האָט פון איר זאָמען געלאָזט אויסשפּראָצן אַזאַ רייך פאַרצווייגטן בוים, אין אַ ווונדערלעכן שפּיל פון טעמאַטישער פיל פאַלטיקייט און וועזנטלעכער איינהייטלעכקייט.

און נישט נאָר דאָס אַליין, די דערציילונגען וועגן דעם נאָענטסטן עבר, וואָס בייסט זיך איין אין היינטיקן טאָג („אלו ואלו״) ביז צו דעם איצט פאַרעפנטלעכטן ראָמאַן („שירה״) באַווייזן, אַז פּונקט ווי מיר זענען פאַרגאַפט געוואָרן פון דעם כוח קינסטלעריש צו באַהערשן דעם שטייגער פון אַ ווייטן, תמימותדיקן ייִדל בטלן, ווערן מיר פאַרגאַפט פון דעם כוח קינסטלעריש צו באַהערשן דעם שטייגער פון אַ נאָענטן פּראָבלעמאַטישן אינטעליגענט, און אַז דער פולקומענער באַהערשער פון היסטאָרישן און פאָלקלאָרישן גרויסוואַרג און קליינוואַרג, איז אַ פולקומענער באַהערשער פון פּסיכאָלאָגישע עלעמענטאַרישקייטן (דער הונט בלק אין „תמול שלשום״) און פיינקייטן („שבועת אמונים״).

ד

צווישן די ראָמאַנען און דערציילונגען האָט זיך עפּעס אַזוי ווי פאַרוואַלגערט אַ באַזונדער, יוצא־דופנדיק בינטל פון משונהדיקע זאַכן, וואָס רופן זיך: ספר המעשים, און זיי זענען דאָס ביז גאָר אינטערעסאַנטע דאָקומענטן. אין זיי לאָזט אונדז דער קינסטלער אויף אַ ווייל דערשנאַפּן, ווי עס זעט אייגנטלעך אויס ביי אים אין דער היימישסטער היים, ווי עס זעט אויס זיין אינעווייניקסטע וועלט אָן דער קינסטלערישער דיסציפּלין, וואָס שפּאַנט צוזאַמען די אָפּגרונטיקע צערודערטקייט. דאָ, אונטן, מישן זיך גרויליק צוזאַמען די וועלטן, וועלכע דער קינסטלער ווייזט זיי אונדז דאָרט, אויבן, ווי געשלאָסענע ספערן; דאָ איז דער העטעראָגענער מאַטעריאַל פאַר יענע האָמאָגענע געשטאַלטונגען. דאָ זעען מיר דעם דיאַמעטראַלן חילוק צווישן עגנון און אַנדערע שרייבער פון זיין דור — ווייל ער איז טיפער איינגעוואַקסן איז ער אויך העכער אויסגעוואַקסן פון זיי. דען בשעת זיי האָבן אין זייער קינסטלערישן באַנעם געלעבט ממשדיק העכסטנס צוויי דורות, ס׳רוב פון פאָטער און זון, און דערביי האָט די אידעאָלאָגישע, ס׳רוב פּובליציסטיש באַטאָנטע שטעלונג פאַרהאָלפן צו פאַרלייכטערן די שפּאַנונג צווישן

די דורות, האָבן מיר דאָ פאַר זיך אַ דערציילער, וואָס אין זיין קינסטלערישן באַנעם לעבט ער ממשדיק, צום ווינציקסטן, פינף דורות, וואָס פילן־אויס דעם גרויסן היסטאָרישן אינטערוואַל צווישן אָנהייב פון חסידות ביזן היינטיקן טאָג, און ער לעבט זיי אין זייער קעגנזײַטלעכקייט, פון וועלכער ער ראַטעוועט זיך שאַפעריש דורך דער קינסטלערישער געשטאַלטונג פון אַ יעדער וועלט ווי אַן אויטאָנאָמע אָפגעשלאָסנקייט פון ספערן, וואָס די אָפגרונטן צווישן זיי זענען אידעיִש פאַרבונדן דורך דער פעלדזיקער זיכערקייט פון אַ היסטאָרישער קאָנ־טינויִטעט און קינסטלעריש גאַראַנטירט דורך דער אָן־טעותדיקער זיכערקייט פון אַ מאַרקאַנטער פערזענלעכקייט.

[שבט, תשי״ט]

מאמר ב׳: קאַפּיטל ייִדיש

א

די פאַרשאַרבעט אַרום ש״י עגנונס שאַפן איז זיך ברייט פונאַנדערגעוואַקסן, כמעט דריי דורות קאָמענטאַטאָרס און אָפּשאַצערס פאַרנעמען זיך מיט אַ פּרטימ־דיקן קריטישן אַנאַליז פון זיינע ווערק. און לעצטנס זענען מיר שוין דערגאַנגען צו אַן איבערשאַצונג פון זיינע שאַצערס און אָפּשאַצערס, צו אַ קריטיק פון דער עגנונישער קריטיק. ווער עס איז באַהאַוונט אין דער פאַרצווייגטער פרשה ווייסט, אַז די עצם יסודות פון דער אינטערפּרעטאַציע האָבן זיך געביטן. דער גרויסער בויגן, וואָס פירט פון אליעזר־מאיר ליפשיץ דורך ברוך קורצווייל, ביז משולם טאָכנער, און דערצווישן אַ היפש בינטל אָפּשאַצערס און קריטיקער, איז גאָר כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם דאָזיקן בײַט, און עס איז נישט פאַראַן קיין שום יסוד אָנצונעמען, אַז אויך להבא וועט נישט מקוים ווערן דער כלל פונעם גרויסן חכם: מה שהיה הוא שיהיה, כלומר, אַז דער פּראָצעס פון איבערשאַצונג איז נאָך לאַנג נישט קיין פאַרענדיקטער. מעגלעך אַז עס פאָדערט זיך אַ גרעסער משך צייט צו דערגיין סיי די וואָרצלען סיי דעם מהות פון דעם באַזונדערן פענאָמען, און ערשט אַ שפּעטערן דור וועט עס באַשערט זיין צו דערזאָגן, וואָס די קריטיק מאַטערט זיך איצט צו זאָגן. אָבער וואָס מען קאָן שוין איצטער טאָן, איז צוגרייטן אַ פאַרלאָזלעכע דאָקומענטאַציע פון זיינע אָנהייבן, וואָס זאָל אַנטפּלעקן דעם עצם אויפקום פון דעם מײַנסטער. עגנונס היים, זיינע קינדער־יאָרן, זענען נישט בלויז די עיקר־טעמע פון זיינע ווערק, נאָר אויך זייער עיקר־יניקה. דאָס איז דער ערשטקוואַל, וואָס אַלע איבעריקע שפּעדיקע קוואַלן באַלעבן און באַפאַרבן זיך פון אים, גלייך ווי דער ירדן, וואָס די לעגענדע לאָזט אים נישט זיך פאַרלירן אין די געוואַסערן פון כנרת. דער דאָזיקער צוגרייט דאַרף אויך (און אפשר: בעיקר)

פאַרענטפערן די גרויסע קשיא: וואָס איז דער קולטור־פּאַרמעג און דער מענטאַ־לער פאַרמעג, וועלכן ער האָט מיטגעבראַכט פון זיין היים און אַריינגעבראַכט אין זיין ווערק, און ווי אַזוי האָבן זיך קאָמפּאָנענטן פון דעם פאַרמעג פונאַנדער־געטיילט אין זיין ווערק. מען דאַרף דאַכט זיך נישט פאַרלירן קיין סך איבעריקע רייד, אַז איינער פון די חשובסטע קאָמפּאָנענטן איז זיין מאַמע־לשון.

דער קאָמפּאָנענט צעפאַלט זיך אין צוויי טיילן. דער ערשטער טייל, דער וויכטיקסטער, איז לייכטער צו באַאַרבעטן: מיר זענען זיך מתכוון צו אַ סיס־טעמאַטישן דורכקוק פון דער השפעה פון יידיש און אירע גילגולים אין עגנונס ווערק. די ווערק ליגן אָפן פאַר אונדז און אַן איבערגעגעבענע פאַרשאַרבעט קאָן קלאָר באַלייכטן, וווּ און ווי אַזוי דער יידיש־עלעמענט האָט זיך אַריינגע־גראָבן אין העברעיִשן נוסח, סיי אינעם דעסקריפּטיוון סיי אינעם דיאַלאָגישן יסוד פון זיינע דערציילונגען, ראָמאַנען און לעגענדעס. מיר האָבן געזאָגט: אַן איבערגעגעבענע פאַרשאַרבעט; מיר דאַרפן נאָך צוגעבן: אַ כמעט דעטעקטי־ווישע פאַרשאַרבעט, ווייל אַזאַ סוווערענער בעל־בית אין אונדזער טאָטאַלן שפּראַך־רשות ווי עגנון איז אַ מאדים אויף איינצופלעכטן מקורות, ווייטע אין צייט און אין אָרט, אין אַן איינציק בילד, אַפילו אין אַן איינציקער פראַזע, אַזוי אַז דאָס אויסאַנאַנדערפלעכטן פאָדערט נישט־געווייינטלעכע בקיאות און חריפות, אויב נישט אַ קאָנגעניאַליטעט, וועלכע איז, ביים היינטיקן מצב פון שפּראַכ־אַנאַליז ביי אונדז, מער חלום ווי וואָר. עס איז דערפאַר נישט קיין חידוש, וואָס לעת־עתה האָבן זיך געפונען, און דאָס אויך קנאַפּ, בעלנים נאָר אויף דער גרינגס־טער סוגיא אין דער פאַרוויקלטער מסכתא — אויפן ווערטל און אויף זיין באַנוץ. אויך די קליינע אַרבעטן זענען ווייט נישט קיין פאַרענדיקטע, אָבער גוט, וואָס ס׳איז שוין פאַראַן אַן אָנהייב. לאָמיר האָפן, אַז עס וועט אויך קומען די צייט צו פאַרענטפערן האַרבערע קשיות.

דער צווייטער טייל, דער נישט ווייניקער וויכטיקער, איז שווערער צו באַ־אַרבעטן: מיר מיינען דאָס קליינע קאַפּיטל פון עגנונס יידיש געשריבענע חיבורים. מיר ווייסן שוין פון זיין הקדמה צו „אַ פשוטע מעשה״, אַז ער האָט זיך אין זיין יוגנט אויסגעצייכנט מיט אַ ממש גוזמאדיקער פּראָדוקטיוויטעט, און דווקא אין יענע יאָרן האָט ער געשריבן אַ סך יידיש, און עס איז צו באַדויערן, וואָס דער גרויסער מאַטעריאַל, טאַקע ווייל ער איז מסתמא געווען רויער מאַטעריאַל, איז פאַרלוירן געגאַנגען. דער פאַרגלייך פון זיינע העברעיִשע געשריבענע מיט זיינע יידיש געשריבענע חיבורים פון זיין פריִער יוגנט באַווייזט, אַז ער האָט אין העברעיִש נאָך לאַנג נישט, ווען ער האָט אין יידיש שוין לאַנג געהאַט געפונען די עלעמענטאַרערע יסודות פון זיין שפּראַך־נוסח, אַזוי אַז מיר זענען באַרעכטיקט אָנצונעמען, אַז דער פּראָצעס, וואָס איז אונדז באַקאַנט פונעם צייטיקן מענדעלע,

האָט געהאַט אַ נייעם אָריגינעלן אויפלעב ביים יונגיטשקן עגנון; מיר מיינען דעם פּראָצעס, וואָס זיינע דריי גרויסע ליניעס זענען: העברעיִשע מליצה — יידישער ריידסטיל — העברעיִשער נוסח, אַזוי אַז די מיטל־ליניע איז די דיאַלעק־טישע בריק צווישן מליצה און נוסח. דאָס וואָס עס האָט פאַרנומען ביי מענדעלען צענדליקער יאָרן, ביז ער האָט, אַן אויסגערייפטער יידיש־מײַסטער און אויפן גרונט פון זיין יידיש־מייסטערשאַפט, צונויפּפאַרוועבט אַלטע מדרש־טראַדיציעס מיט יינגערע השׂכּלה־טראַדיציעס (מענדל לעפין), דאָס האָט, אויך מחמת דעם מענדעלע־אויפטו, פאַרנומען ביי עגנונען אַ פּאָר געציילטע יאָרן. אָבער אַ פאַר־גיכערטער פּראָצעס אַנדערש נישט איבער זיינע געזעצן: אויך ביי עגנונען איז זיין יידיש שרייבן די דיאַלעקטישע בריק צווישן זיין העברעיִשער מליצה און זיין העברעיִשן נוסח.

ב

מחמת דעם באַקומט אַ באַזונדער חשיבות דאָס ביסל יידיש געשריבענע זאַכן, וואָס האָבן זיך אָפּגעראַטעוועט. ס'איז צו באַדויערן, וואָס מיר האָבן ביז איצט נישט קיין ביבליאָגראַפישן אינווענטאַר פון דעם מאַטעריאַל, כאָטש מיט זיין ביב־ליאָגראַפיע האָבן זיך פאַרנומען אַזעלכע אויסגעצייכנטע מומחים ווי יערי, האַ־בערמאַן און אַלקושי. עגנונס שרייבן אויף יידיש האָט זיך, בעצם, זייער פרי פאַרענדיקט — מיט זיינע אַכצן אָדער ניינצן יאָר. אָבער אויך דאָס וואָס ער האָט מפרסם געווען איז צעזייט און צעשפּרייט — אין לעמבערגער „טאָגבלאַט״, אין דאָרטיקן „יידישן פאָלקסקאַלענדער״, און בעיקר אין ביטשאַטשער „דער יידי־שער וועקער״. די דאָרט, סיי מיטן פולן נאָמען, ש״י טשאַטשקעס, סיי מיט איני־ציאַלן אָדער מיט פּסעוודאָנימען (אַ שטייגער: מזל טוב) אונטערגעשריבענע חי־בורים, זענען ביז איצט נישט אויפגעזאַמלט, אַפילו נישט ביבליאָגראַפיש רעגיס־טרירט. און צווישן זיי געפינט זיך דאָך אַ בינטל דערציילונגען, „קליינע מע־שׂות פון גרויסע זאַכענישן״, געדרוקט אין דערמאָנטן „טאָגבלאַט״, וואָס זענען נישט בלויז קערנער פון מאָטיוון, וואָס האָבן זיך ערשט שפּעטער אויסגעקריסטאַ־ליזירט, נאָר אויך קערנער פון פאַרשיידענע שאַפערישע ריכטונגען, וואָס האָבן זיך שפּעטער אַנטוויקלט. און עס איז דער פאַרדינסט פון אברהם באַנד, איינעם פון די פלייסיקסטע עגנון־פאָרשערס, וואָס ער האָט אויפגעזאַמלט אַ גרויסן טייל פון די דערציילונגען, און מיר האָפן, אַז אין די פּובליקאַציעס, וואָס ער גרייט צו, וועלן מיר האָבן אַ שעת־כּושר זיך צו באַקענען מיט זייער תּוכן און זייער אַנאַליז. ער האָט עס אויך, אין „די גאָלדענע קייט״, איבערגעדרוקט די ערשטע יידישע שאַפונג פון עגנון — אַ יידיש־געשריבענע באַלאַדע וועגן ר׳ יוסף דילה ריינה, וואָס איז צום ערשט געדרוקט אין אַ יידישער צייטונג אין סטאַניסלאַוו.

דער ערשטער באַשיידענער אָנהייב צו פאַרריכטן דעם דאָזיקן פעלער איז געווען מיין פּרוּוו אין „די גאָלדענע קייט" (האַרבסט 1949, העפט 4) און אין „הפועל הצעיר" (יאָרגאַנג מ"ז, העפט 37, ט"ו אייר תשי"ד), וואָס איך וויל אים איצט איבערחזרן, — נאָך אַ מאָל איבערצודרוקן אַ קליין בינטל לידער אויף יידיש, וואָס זענען געווען געדרוקט אין דערמאָנטן „וועקער". די דאָזיקע וואָכן־צייטונג איז רעדאַקטירט געוואָרן דורך אליעזר רוקח, אַ ביז גאָר אינטערעסאַנטער פּאַרשוין: געבוירן אין ירושלים, אַן אייניקל פון ר' ישראל ב"ק, איינעם פון די באַנייערס פון אַשכנזישן ישוב אין צפת און אין ירושלים, באַגרינדער פון אַ דרוק־קעריי, בויער פון דער באַקאַנטער שול אין אַלטשטאָט „תפארת ישראל" אויפן נאָמען פונעם ריזשינער — האָט ער, דאָס אייניקל, געירשנט דעם זיידנס ווערווע און אימפּעט. אָנגעקומען ווי אַן איידעם קיין צפת, האָט ער זיך תחילת געפירט ווי די איבעריקע יידן דאָרט, אָבער מיט דער צייט האָט זיך אין אים אָנגעזאַמלט אַ פערמענט פון אומצופרידנקייט מיטן אַרומיקן שטייגער, און ער האָט גענומען פּראָפּאַגירן דאָס אַריבערגיין צו אַ פּראָדוקטיווערן קיום. זיין רעוואָלוציאָנירנ־דיקער גייסט, וואָס האָט זיך באַוויזן צווישן השכלה און חיבת־ציון, האָבן אים צוגעצויגן די שנאה פון דער סביבה, און זיינע פּראַקטישע פּרווון האָבן זיך אָנגעשטויסן אויף אַ האַרטער וואַנט פון ווידערשטאַנד און חרם. אַ געמיש פון אַ וואַגאַבונד און אַ פּראָפּאַגאַטאָר, האָט ער זיך געלאָזט וואַגלען איבער אייראָפּע, געדרשנט בעל־פּה און בכתב, רעדאַקטירט כלערליי בלעטער, ס'רוב עפעמערישע; פאַרכאַפּט מיט זיין אויסערגעוויינטלעכן נאַראַטאָריש־אַנעקדאָטישן טאַלאַנט, איז ער געוואָרן אַ שם־דבר פון אַ באַהעמיען. דאָס באַגעגעניש פון אַזאַ טיפּ מיט דעם יינגל ש"י טשאַטשקעס, וואָס דער רעדאַקטאָר פון „וועקער" האָט אים געמאַכט נישט בלויז פאַר אַ מיטאַרבעטער, נאָר אויך פאַר אַ מיטרעדאַקטאָר, געהערט אָן שום ספק צו די דעציידירנדיקע מאָמענטן אין אָנהייב־פּעריאָד פונעם יונגן שרייבער. עס וועט אפשר נישט זיין קיין גוזמא משער צו זיין, אַז די שטורעמ־דיקע מענטאַליטעט פון אליזער רוקח האָט דאָס צום ערשטן לייטיש אויפגע־טרייסלט און צערודערט די פאַרידלעך דרימלענדיקע כוחות פון אַ יינגל, וואָס איז אויסגעוואַקסן אין דער רויק סטאַטעטשנער אַטמאָספער פון אַ גאַליציש שטעטל אין פּאַטריאַרכאַלישן שאָטן פון קיר"ה. אויב מיר זענען זיך נישט טועה, האָט אונדזער דערציילער ביז היינט דעם קאָלירפולן, סתירותדיקן פּאַרשוין, וואָס האָט זיך כל־ימיו פיבערדיק געוואָרפן צווישן אַ מאַזשאָרן ענטוזיאַסט און אַ מינאָרן ניהיליסט, נישט גענומען אויף זיין דערציילערישער קאַנווע, און במילא אים נישט געמאַכט פאַר אַן אָביעקט פון זיין פּאָרטרעט־פּלאַסטיק; אַ סימן אַז ער רעזערווירט זיך אים פאַר אַ באַזונדערער קינסטלערישער עובדא.

ג

דאָס בינטל לידער, וואָס האָט זיך געדרוקט אין „וועקער" (איצט אַ ביב־ליאָגראַפּיש זעלטנקייט; אַ קאָמפּלעט געפינט זיך אין דער פּעווזנער־קאָלעקציע אין תל־אביב, אַ ירושה פון אַן אַבאָנענט אין מצרים), לאָזט אין אונדז איבער אַ קלאָר געפיל, אַז סיי זיי, די לידער, סיי די דאָרט געדרוקטע פּראָזע־קאַפּיטלעך, צייכענען זיך אויס מיט בערך אַ סך אַ העכערן ניוואָ ווי די דעמאָלט העברעיִשע געשריבענע זאַכן; און דאָס געפיל שטאַרקט אַן אַנדער געפיל, אַז ווען דער שרייבער וואָלט ממשיך געווען זיין שרייבן אויף ייִדיש, וואָלט זיכער צו אונ־דזוערע בעסטע טאָפּלשפּראַכיקע שרייבער, צוגעקומען גאָר אַן אָריגינעלער כוח. די לידער גופא טראָגן אין זיך די בולטע השפעה פון דער דעמאָלט פּאָפּולערער דיכטונג אויף ייִדיש. עס הערן זיך קלאָרע אָפּקלאַנגען פון ראָזענפעלדן, רייזענען, יהואשן ווי אויך י. ל. פּרצן. מיר מוזן מודה זיין, אַז דער רושם לאָזט זיך נישט פּאַרווישן, אַפילו ווען עס זאָל זיך אַרויסשטעלן, אַז די שאַפונגען פון די דער־מאָנטע דיכטערס זענען צו אים כלל נישט אָדער גאָר קאַרג דערגאַנגען, וואָרן זייער השפעה, וואָס האָט געקאָנט זיין אַן אומדירעקטע, איז דאָך געהאָנגען אין דער לופט. וואָס מיר ווייסן יאָ, איז די השפעה פון דוד עדלשטאַטן (עס וואָלט זיך, אַגב, געלוינט צו דערגיין, אויב די שאַרפע אַנאַרכיסטישע נאָטע, וועלכע האָט אונדזער שרייבער לסוף דערפירט צו זיין סאַטירע „ספר המדינה", און וואָס שפּראָצט אַרויס פון זיין כאַראַקטער, האָט זיך נישט, נאָך ייִנגלווייז, געזוכט דאָ אַן אידעאָלאָגישן אָנשפּאַר), אָבער דווקא פון אים לאָזן זיך נישט באַווייזן קיין סימנים פון ממשותדיקער השפעה. אָבער איין זאַך איז דער נאָכווייז פון השפעות און אַן אַנדערע זאַך איז דער אָנווייז אויף אַן אייגענעם סטעל אָדער לפחות אַן אייגענעם זשעסט — די לידער פון יונגן בחור ווייזן אַרויס אַ שטיק אייגנקייט אָדער לפחות אַ שטאַרק אָנצוהערעניש דערויף, סיי אין דער פאָלקישער שפּראַך, סיי אין פאָלקישן טאָן, און בעיקר אין גרונטמאָטיוו פון זיינע באַלאַ־דעס — די סאָציאַלע דיסהאַרמאָניע, וועלכע מאַכט אַ תל פון דער האַרמאָניע פון די יום־טובים, צעשטערט זייער רו און פאַרטרייבט זייער גליק. דער מאָטיוו חזרט זיך איבער אין ווייטערן המשך פון דער עגנונישער טעמאַטיק. און דערפאַר פאַר־דערט זיך קלאָר צו מאַכן דעם טיפערן צוזאַמענבונד צווישן די ערשטלינגען, מיטן חן פון זייער אומרייפקייט, פונעם אַנהייבנדיקן שרייבער און צווישן די אויס־געצייכנטע שאַפונגען פונעם שלימותדיקן קינסטלער.

מיר גיבן דאָ די לידער אין זייער אָריגינעלן אויסזע, מאָדערניזירט נאָר אין אויסלייג און אין פונקטואַציע (פאַר וועלכע איך דאַנק דעם געלערנטן חיים גיבינגער).

דאָס ערשטע ליד, „אסרו חג", האָט זיך געדרוקט אין „וועקער", יאָרגאַנג 2, נומער 2, 3טער יוני 1906:

אָפּגעריסן פון דער סטעליע
זענען אַלע גרינע שטריקלעך
און עס פאַלן דאַרע בלעטלעך
אויף דער ערד שטיקלעך, שטיקלעך.

און אַ פערד איז אין קלייזל
דושנע און מוראדיק הייס;
פון די דאַרע, טרוקענע פּנימער
גיסט זיך אַראָפּ דער שווייס.

און ווידער זיצט אַ שוואַכער בחור
און ער ווייקט, ווייקט ביים ש״ס,
און אין דרויסן אַזוי ליכטיק,
אַזוי פריילעך אויף דער גאַס.

דאָס צווייטע ליד, „אזכרות״, האָט זיך געדרוקט דאָרט, יאָרגאַנג 2, נומער 33, 6טער יולי, 1906:

נישט פון בוימל, אַך ליבע ברידער,
שטעלן מיר אייך [אַ] יאָרצייט אויף,
נאָר פון בלוט, פון בלוט, וואָס רינט
אַזוי לאַנג אָן שיעור, אָן סוף.

און דער קנויט, אַך ליבע ברידער,
איז נישט קיין פּראָסטע פאָדעם;
גופים איז דאָס, אוי גופים, גופים
פון אונדז עלנטע בני־אָדם.

און אין האַרצן וועט דאָס ברענען,
הייליק פייער אויף אייער זכרון,
און אַ דונער פול נקמה וועט
קדיש זאָגן לאַנגע יאָרן.

און דאָס בערגל אויפן קבר,
אוי שרעקלעך איז עס הויך!
פון צעבראָכענע הענט און פיס,
פון שטיקער פאַרגליווערטן מוח.

פון אויגן, וואָס זענען אַרויס,
פון הערצער, וואָס זענען פאַרקלעמט,
און אַ מצבה אויף אייער טויט
און אונדזער לעבן אין דער פרעמד.

דאָס דריטע ליד, „איר זאָלט נישט מיינען", האָט זיך געדרוקט דאָרט, יאָר־גאַנג 2, נומער 35, 20סטער יולי 1906:

איר זאָלט נישט מיינען, אַז כ'שרייב,
איז דאָס פּראָסטע, מיט טינט געשריבן,
ניין — בלוט רינט פון מיין לייב
און דערפון איז אותיות געבליבן.

איר זאָלט נישט מיינען, אַז כ'בין בייז,
איז דאָס דערפאַר וואָס כ'בין אַ שלעכטער,
ניין — כ'רעד, עס באַגיסט מיך דער שווייס
און מ'וויל מיך נישט הערן, גאָט גערעכטער!

איר זאָלט נישט מיינען, אַז איך רעד,
איז דאָס רעדן דער עיקר,
ניין — מיין האַרץ ווערט אַ שקעלעט,
דערפון איז ווערטער (שטיקער, שטיקער).

דאָס פערטע ליד, „וואָס???" (צום נאָמענסטאָג פון מיין חברטע — —)", האָט זיך געדרוקט דאָרט, יאָרגאַנג 2, נומער 39, 17טער אויגוסט 1906:

מיינע געדאַנקען, איר זאָלט אייך דערוועקן,
עפּעס אַ שיין ליד זאָלט איר מיר אַנטדעקן,
איך וויל זינגען אַ ליד, כ'וועל זינגען אַ שיר,
ווייל היינט איז דער נאָמענסטאָג ביי איר.

נאָר וואָס זאָל איך זינגען, כ'האָב קיין געדאַנק,
עס איז שוין ערשעפּט פון גאַנץ לאַנג.
איך קען העכסטנס געבן מיין האַרץ דיר,
ס'איז שוין אָבער נישט מיינס, דיינס פון פריִער...

דאָ וויל איך באַמערקן, אַז דער מחבר האָט, ווייזט אויס, געהאַט אַ באַזונדערן סענטימענט צו דעם לידל — ער חזרט עס איבער אין זיין וואונדערלעכער נאָוועלע

„טויטן־טאַנץ״, געדרוקט אין גרשום באַדערס לעמבערגער פּאָלקס־קאַלענדאַר. די נאָוועלע גופא, וואָס קאָנצענטרירט שפּעטערע, גאָר וויכטיקע, מאָטיוון, פאָדערט אַ ספּעציפישן באַהאַנדל — איך האָב עס געפּרוּווט צו טאָן אין מיינס אַ לעקציע לכבוד עגנון, און מיט זיין אָנטייל, צוליב זיין באַקומען דעם נאָבעל־פּרייז, און איך וועל זי פּובליקירן באַזונדער. נאָך מער, עגנון האָט דעם עצם מאָטיוו פון לידל פיליגראַן אויסציזילירט אין זיין ביבליש סטיליזירטער העברעיִשער נאָך־וועלטעט „עם לבי״ (אלו ואלו, עמ׳ קמ״א—קמ״ג), וועלכע איך האָב פּרטימדיק אַנאַליזירט אין מיין בוך איבער עגנון (תשי״ט, ז״ז 160—172). אַגב האָב איך דאָרט אָנגעוויזן אויף פּיקאַנטן דעטאַל — די פּאָענטע פון דעם לידל געפינט זיך אויך אין אַ העברעיִש יוגנטליד פון י. ל. פּרץ, געשריבן אין 1874 (עגנון האָט עס נישט געקאָנט לייענען, ווייל עס איז געבליבן אין מאַנוסקריפּט), און איינס פון זיינע סטראָפעס לייענט זיך: „זה כבר אחשוב / מזמות בלי מנוח / ליום הולדתך שרתי / מה לך לשלוח? / האת נפשי ולבבי / אראה פניך? / כבר אלה לקחת / כבר תוכו לרגליך״. טייטש: שוין לאַנג ווי איך קלער אומרויִק פּאָרטלען: צו דיין געבוירן־טאָג, מיין האַרינטע, וואָס זאָל איך דיר שיקן; אפשר מיט מיין זעל און האַרצן זאָל איך פאַר דיר קומען, האָסטו דאָך זיי שוין צוגענומען, זיי ליגן שוין באַזיגט צו דיינע פיס.

ד

די פיר לידער, ווי מיר זעען, זענען אַ פּראָדוקט פון גאָר אַ קורצער צייט, קוים עפּעס מער ווי צוויי חדשים. פריִער און שפּעטער האָבן זיך דאָרט אויך גע־דרוקט פּראָזע־זאַכן, אַ שטייגער אַ מין קריטיק איבער העברעיִשע דיכטער (איבער מרדכי־צבי מאַנע, נומער 27, 25סטער מאַי 1906), אַ צווייג, וועלכן אונדזער שריי־בער האָט זיך, ווייזט אויס, מתכוון געווען צו אַנטוויקלען (ערשט אַנומלט האָט ג. קרעסעל אויסגעפונען, אַז עגנונס ערשטע העברעיִשע זאַך, וואָס ער האָט געדרוקט אין ארץ־ישראל, איז געווען אַן אַרטיקל אין „הפועל הצעיר״ — גע־חתמעט מיטן פּסעוודאָנים: אדונדון — אַ מין וווילייִנגערישע שטיפעריי וועגן זיינע מיטצייטלער, די גאַליציִשע העברעיִשע שרייבער, און עס האָט באַדאַרפט צו זיין אַן אָנהייב פון אַ סעריע: גזוזטרא של מתים, טייטש: אַ באַלקאָן פון טויטע), אָבער ער האָט דעם ענין ליטעראַטור־קריטיק גיך און אין גאַנצן פאַר־לאָזט. מען דאַרף באַמערקן, אַז דער טאָן פון זיין ממשדיקער און מכלומרשטער קריטיק איז, בעצם, דער טאָן פון עגנונס ווייִניקע, נישט דערציילערישע, נאָר אָפּשאַצערישע זאַכן, אָבער דער חילוק צווישן זיין קריטיק און זיין אָפּשאַץ איז אַ דיאַמעטראַלער — דאָרט וואַרפט ער אַראָפּ, דאָ הייבט ער אויף. די דאָזיקע אָפּשאַצערישע זאַכן זענען טאַקע שטיקער מייסטערוואַרג — עס שמועסט זיך אין

זיי בלויז איבער גאַר נאָענטע, ווי אַ שטייגער, יוסף־חיים ברענער, בערל קאַצע־נעלסאָן, אליעזר מאיר ליפשיץ, אברהם יעקב בראַווער, מאַרטין בובער, אורי־צבי גרינבערג, גרשום שלום, שמואל ביאַלאָבלאָצקי, שלמה זלמן שאָקען און אַנדערע.

אויך צו די לידער האָט זיך עגנון שפּעטער כמעט נישט מער אומגעקערט — כאָטש אַ שוואַכקייט דערצו האָט אים אפשר ביז היינט נישט אָפּגעלאָזט. בדרך כלל איז דיכטונג, דהיינו: געבונדענע דיכטונג, נישט פון זיין שאַפערישן רייס־טער — אַ באַשיימפּערלעך עפּישע פּראָזע־נאַטור, האָט ער זיך אין איר אויך דיכטעריש, און בעיקר דיכטעריש־ליריש, אויסגעלעבט, און אין זיינע פּראָזעווערק געפינען זיך טאַקע שטאַרקע לירישע קאַפּיטלעך, טייל מאָל פון אַ באַזונדערער ריט־מיק, און אַפילו מיט אַ מין פּראָזעמעסיקן סטראָפישן אויפבוי. דאָס איינציקע וואָס איז אים געבליבן פון זיין ליד־מאַניפּולאַציע זענען קליינע, אין זיינע דערציי־לונגען צעשפּרייטע, לידלעך, וואָס היטן אָפּ אויך אין העברעיִשן נוסח אַ בכיוונ־דיקע אָפּהענטיקייט און אַפילו אַ בכיוונדיקע רויקייט. מען קאָן כמעט זאָגן, אַז דאָס וואָס דער אָנהייבער האָט געטאָן לכרחו, טוט דער אויסגעצייטיקטער מייסטער לרצונו, — די טעכנישע אומגעלומפּערטקייט, וואָס איז אין די יוגנטלידער אַ בולטער חסרון, ווערט אין די קליינע פאָלקסטימלעכע פּזמונדלעך, וואָס פלעכטן דאָ און דאָרט דורך זיין פּראָזע, אַ בפירושע מעלה. נאָך מער, מען קאָן זיך נישט אָפּוועֿרן פון אַ רושם, אַז אַזוי וואָלט דעמאָלט אַ פּנים געהאַט אַ העברעיִש פאָלקס־ליד, ווען עס וואָלט געהאַט אונטער זיך אַ העברעיִשע שמועס־אַטמאָספער, ווי עס פאַרמאָגט זי היינט.

אָבער אין איין פּונקט איז קענטיק אַ בפירושע דיכטערישע הצלחה פון דעם קומענדיקן פּראָזע־מייסטער אויך אין זיינע ייִנגלשע פּרוּוון. מיר מיינען דעם סאָרט דיכטונג, וווּ עס באַגעגענען זיך ענג און האַרט לירישע, עפּישע און דראַ־מאַטישע מאָמענטן — די דיכטעריש־דערציילערישע באַלאַדע. מיר האָבן פאַר זיך צוויי אַזעלכע באַלאַדעס פון דעם ניינצניעריקן שרייבער, און כאָטש זיי זענען געשריבן אין דער זעלבער צייט, אין וועלכער ער האָט פּראָדוצירט די פריִער געבראַכטע לידער, זענען זיי אַנדערש סיי אין דער פאָבולאַרער לעבעדיקייט און סיי אין דער דערציילערישער אויפגערוימטקייט. די ערשטע באַלאַדע טראָגט דעם נאָמען, וועלכן דער שרייבער האָט שפּעטער געגעבן אַ גרויסן ראָמאַן, אָט דעם ראָמאַן, וואָס עס האָט איבערגעזעצט אויף ייִדיש אליעזר רובינשטיין; די באַ־לאַדע הייסט: אַ פשוטע מעשׂה און האָט זיך געדרוקט דאָרט, יאָרגאַנג 3, נומער 59, 1טער פעברואַר 1907, חמשה־עשׂר בשבט:

אין דער אָרעמער גאַס
דאָרט אויפן באַרג

שטייט אַן איינגעהויקערטע שטוב,
פינצטער און נאַס,

ס'אָרעמקייט שטאַרק
חושך, ווי אין אַ גרוב —
דאָרט וווינען
אַכט פאַרשווינען.

אַ גאַנץ הויזגעזינד: אַ פאָטער און מוטער,
זעקס קינדער אויך,
און איינס דערקוטשעט דער מאַמען ביטער
אין בויך.

איר ווייסט, דאָס הייסט —
ס'זאָל אייך נישט זיין צו קיין שמאָכע —
ניין (9) וועט באַלד זיין
די משפחה,
קיין עין הרע!

דערווייל איז דאָרט אַ צרה.
ס'איז נישטאָ קיין ברויט,
די קינדער ווילן עסן,
די מאַמע ווינטשט זיי דעם טויט:
די ווערעם זאָלן זיי פרעסן.
זי שעלט און וויינט,
זי שעלט און וויינט,
און איר, רבותים, מיינט,

אַז דאָס וועט זיי דעם הונגער שטילן?
אָסור,
אַזוי ווי ס'איז היינט חמשה־עשר,
אויב אַפילו אויף אַ האָר!
ראָזשינקעס מיט מאַנדלען,
טייטלען, באָקסערן, פייגן —
אויב נישט, זאָל מיר זיין אָסור!
נאָר אַז איר וועט שווייגן,
וועט איר באַקומען אייער חמשה־עשר.

ס׳איז אַוועק מער
ווי אַ שעה
און ער,
דער טאַטע, איז נישטאָ!

די קאַץ, וואָס איז צוגעבונדן צום בעט,
מיויקעט צו: מיוי!
גלייך ווי איינער רעדט:
אוי, אוי, אוי,
ס׳איז שוין געווען שפּעט ביי דער נאַכט,
די קינדער פאַרשמאַכט,
גאָט זאָל מיך נישט שטראָפן,
האָבן זיך געלייגט שלאָפן.

פּלוצעם האָט זיך די טיר אויפגעמאַכט,
די קינדער האָבן זיך אויפגעוועקט
און אויסגעשטרעקט
די הענט מיט גדולה,
ס׳איז געוואָרן אַ לעבן,
עס פרייט זיך יעדע נשמה:

דער טאַטע... דער טאַטע... מסתמא
איז געקומען, און ער וועט געבן
די זיסע זאַכן
און אַ שמחהלע וועט זיך מאַכן.

די טיר האָט זיך אויפגעמאַכט
און מע האָט אַריינגעבראַכט
דעם טאַטן צו טראָגן —
צעהרגעט, צעשלאָגן,
דאָס בלוט האָט גערונען.

אַזוי האָט מען אים געפונען
אונטער אַ פּלויט
באַלד טויט.

וואָס איז געשען מיט די קינדער,
וואָס לאָזן זיך אויס פאַר הונגער? —

און אַז איר וועט שוין יאָ וויסן,
וועט דען זיי ווערן גרינגער ?

און אַחרון אַחרון חשוב — די צווייטע באַלאַדע, וואָס פאַרמאָגט אַ באַזונדערן בוי און איז אַן אָנזאָג פון אַ סאָרט באַלאַדעס, וועלכע צייכענען זיך אויס מיט זייער קורצער אידיאָמאַטישער שמועס־פאָרעם. זי הייסט „די קבצנים״ און האָט זיך געדרוקט דאָרט, יאָרגאַנג 3, נומער 61, ט״ו אדר תרס״ז, 1טער מערץ 1907 :

א

אַ צעבראָכענער דאַך,
אַן איינגעהויקערט שטיבל,
און לעכער אין די ווענט
און לעכער אַ סך.
און קאַלט איז אין שטיבל,
קאַלט און פוסט,
און דאָס דאָרטיקע מעבל
אַ קופּע מיסט :
אַ צעשטיקלטער טיש,
אַ צעבראָכן בעט,
אויף אַ טשוואָק הענגט
אַ שמירה פאַר אַ שד ;
אַ ווונטשקאַרטע הענגט,
פון אַמעריקע געשיקט —
די זיבעטע ערד
אויף איר ליגט ;
אַ שטרויזאַק, אַ סידור,
אַ מחזור און אַן עק —
און אַ שטיבל איז טרויעריק,
ס׳איז אַזש אַ שרעק.

ב

ס׳ליגן דאָרט צוויי נפשות :
אַן אַלטער, אַ יונגער,
ציטערן פאַר קעלט,
גייען אויס פאַר הונגער.
הערשעלע, אַ קליינינטשקער,
אָשר, זיין זיידע,
איינגעקאָרטשעט אין צווייען
ליגן זיי ביידע.
אַזוי קאַפּאַרען זיי אָפּ
ביטער די יאָרן,
זייט אָשר איז בלינד
אויף די אויגן געוואָרן.
געווען איז אַ מאָל אַ טרעגער
דער בלינדינקער אָשר,
פאַרדינט האָט ערלעך
דעם גרייַצער כשר.
אויסגעהאַלטן האָט ער
די גאַנצע משפחה,
און גאָט האָט צוגעשיקט
דאָס שטיקעלע ברכה.
ער האָט אויך געהאַט
זיין אייגענע נחלה
אַ טאָכטער אַ ברילִיאַנט
און זי, מחלה,
אַ ווייבל אַן אַנטיק,
אַ כשרע נשמה,
אָסור אויב איר טרעפט היינט
אַזאַ קלוגע חכמה.

ג

ס'איז אָבער געקומען
דאָס אומגליק שנעל
און פון אַלם דעם גוטן
איז געוואָרן אַ תל:
געשטאָרבן איז מחלה
נאָך אַ ביטערער קרענק
און אשר איז געפאַלן,
צעבראָכן ס'געלענק,
און בלינד איז ער געוואָרן,
נישט געזען ס'ליכט,
און ס'איז געקומען די נויט,
די צייט אַזוי שלעכט.
און צרות נאָך צרות.
ס'האָט נישט געדויערט לאַנג
און זיין איינציקע טאָכטער
איז געגאַנגען אַ גאַנג.
איבערגעלאָזט האָט זי
דעם סגי־נהור
אַ ייִנגעלע אַ קליינס
פון אַ זעקס־
זיבן יאָר.

ד

און שכנים פון געסל
פלעגן געדענקען
די אָרעמע נפשות
עפעס צו שענקען:
ווער אַ ביסעלע באָרשט,
ווער אַ לעפל געקאָכט[ע]ס
ווער אַ באָבעלע
מיט אַנדערע שמאָכטעס.
אַזוי פלעג זי שפייזן
דאָס געסל לשם מצווה,
געהאָדעוועט כל־ימיו,
איצט נעמט ער קצבה;
פאַרדינט תמיד זיין ברויט
מיט די פינף פינגער —
און אויף דער עלטער
שטאַרבט ער פאַר הונגער.
אַ פרנסהלע געהאַט,
אַ פרנסה בהרחבה
און אויף דער עלטער
בעט ער אַ נדבה.

ה

אַזוי האָבן געלעבט
אין דחקות און נויט,
געפעכנעט אויפן פיסק
פאַר אַ שטיקעלע ברויט.
פאַרבראַכט זייערע טעג
אין צרות און פלאָג,
געשטאָרבן פאַר הונגער
צען מאָל אין טאָג.
געקומען איז פורים,
דער טאָג פון פרייד,
אַ גליקלעכער טאָג אויך
פאַר אָרעמע לייט,
געהאָפט האָבן זיי שוין
אויף אים פיל טעג
און האָבן זיך געלאָזט
גיין אין וועג.
זיי זענען געגאַנגען
אין דאָרף אַריין פריִער:

אַ ייִד איז דער גידעטש,
נישט אָרעם דער רענדאַר,
לויט ווי מע זאָגט,
אַז קורחס אוצרות
ער פאַרמאָגט —
וועלן אין דאָרף פיל מאַכן
און וועלן האָבן גליק,
דערנאָך זיך אומקערן
אַהיים צוריק.
און ביי אַלע בעלי־בתּים
ביי זיך אין דער היים
איז אויף אַ סך צו האָפן
אם ירצה השם.
פיל וועלן זיי מאַכן —
וועלן גיין אומעדום —
אַ היפּשע פּאָר זילבער,
אַ וואַזשנער סכום.
און זיי זענען געגאַנגען,
געשפּאַנט און געשפּאַנט,
הערשעלע האָט געפירט
דעם ייִדן ביי דער האַנט.
האָבן אין דאָרף
אַ פּאָר זעקסער געמאַכט,
ביז ענדלעך איז צוגעפאַלן
די זינקנדע נאַכט

און זיי האָבן זיך שוין
אַהיים געלאָזט.
אין דרויסן האָט געברענט,
געבראָטן אַ פראָסט,
און וואָלקנס ווי שמאַטעס
האָבן דעם הימל באַדעקט
און די נאַכט, און די נאַכט
האָט זיך צעשטרעקט
אויפן הימל, אויפן טאָל,
אויפן הויכן באַרג,
און אַ ווינט האָט געבלאָזן,
געבלאָזן שטאַרק,
און אַ שניי איז געפאַלן,
געשיט און געשיט,
און אין זיי איז געפרוירן
יעדווידער גליד.
זיי שפּאַנען און שפּאַנען
נאָקעט כמעט,
דאָס פלייש פונעם לייב
קוקט אַרויס דורכן כאַלאַט,
און עס בלאָזט דער ווינט
אימער מער,
און עס שיט דער שניי
אָן אויפהער.

ו

קאַלט אין יעדן אבר,
אַזש די ציין פרעסן,
זיי בלאָנדזשען, זיי בלאָנדזשען,
האָבן דעם וועג פאַרגעסן.
זיי האָבן פאַרלוירן די אַלע סימנים
און דער ווינט ער בלאָזט,
בלאָזט זיי אין פּנים.
גאַנצע כוואַליעס שניי
ציִען זיך און ציִען,
מיד איז הערשעלע געוואָרן,
ער וויל זיך אָפּרוען;
מיד איז ער געוואָרן
און אויף ס'לעצט
אויף אַ בערגעלע שניי
האָט ער זיך געזעצט...
דערווייל האָט צוגעכאַפּט

צו ביסלעך אַ דרימל,
איז געפאַלן דער שניי
פונעם קויטיקן הימל.
לעבן אים איז געשטאַנען,
אַנגעשפאַרט אויפן שטעקן,
דער אַלטער און האָט אים
געהאַלטן אין וועקן.
די פיס ציטערן פאַר קעלט,
די הענט פעכירן,
הערשעלע שלאָפט,
ער קאָן זיך נישט רירן.

———

ס׳בילן די הינט,
ס׳ווייעט דער ווינט,
עס ציטערט דער אַלטער פאַר קעלט,
עס פאַלט דער שניי
און באַדעקט זיי
מיט ווייסע תכריכים אויפן פעלד.

נאָך דעם ווי מיר האָבן דעם יונגן מחבר געזען אַ פּאָר מאָל אונטערגעשריבן מיט זיין פולן נאָמען אָדער זיינע איניציאַלן, וווּנדערן מיר זיך צוליב וואָס ער האָט זיך איצטער געחתמעט: דבורה טשאַטשקעס. מעגלעך, אַז דאָס איז נישט מער ווי אַ קאַפּריז, פון יענעם סאָרט, וואָס האָט זיך שוין געטראָפן אין זיין היימשטאָט. דאָ זענען דאָך אַרויס די באַקאַנטע „ספרי שעשועים״, רעדאַקטירט פון דעם שפּעט־משׂכּיל און אידעאַליזאַטאָר פון מתנגדים און מתנגדות איטשע פערנהאָף, און אין איינעם פון די העפטן האָט זיך געדרוקט אַ ליד אונטערגע־שריבן: מרים טשערניכאָווסקי, און מיר ווייסן דאָך, אַז אויך משה לייב האַלפּערנס ערשטע לידער זענען געחתמעט געוואָרן: פרידאַ האַלפּערן. יעקב גלאַטשטיין האָט געצייכנט קלאַראַ בלום, מאַקס ווייַנרייַך האָט זיך אונטערגעשריבן שׂרה ברענער, און ה. א. שעפּס האָט זיך רוב ימיו אַרומגעטראָגן מיט אַ מיידלשן נאָמען, אלמי, וכדומה.

מעגלעך, אַז דאָס באַזונדערע מין ווייכקייט פון עגנונס באַלאַדע, אין וועל־כער דער שטומער כעס און פאַרבאַהאַלטענער אויפברויז ווערן פאַרשלונגען אין אַ מין צאַרטן רחמנות, לאָזט זיך באַטראַכטן ווי אַן אויסדרוק פון מוטערלעכער מענטאַליטעט, כאָטש דער אמת איז מחייב צו זאָגן, אַז דאָס איינגעהאַלטנקייט פון כעס און אויפברויז און דאָס אויסגעהאַלטנקייט פון דעם אידיאָמאַטישן באַ־רעדעוודיקייט, אַריינגעדאָפּטשעט אין שמאָלע פערזן, זענען אַ רמז אויף אַן עפּישער נאַטור, וואָס שטעלט בלויז אויף זיך אַליין. אין דיביידע באַלאַדעס — סיי די אין וועלכער אַן אָרעמע משפחה קוקט אַרויס אויף דער פרייד פון חמשה־עשׂר־מתנות, וואָס דער טאַטע דאַרף אָט־אָט ברענגען, און צום סוף שטעלט זיך אַרויס, אַז די מתנה איז דער געהרגעטער טאַטע גופא; סיי די אין וועלכער אַן אַראָפּגעקומענער בלינדער זיידע מיט זיין פאַריתומט אייניקל קוקן אַרויס אויף דער פרייד פון די פורים־הכנסות און צום סוף ווערן זיי ביידע פאַרפרוירן אין שניי און קעלט — אין ביידע זעען מיר נישט בלויז אַ שטאַרקע השפעה פון דעם

שאַרפֿן סאַציאַלן באַנעם, וואָס האָט געשפּייזט די ייִדישע דיכטונג בעיקר אין איר אָנהייב און המשך, נאָר אויך אַן איבערבראָך אַ גאַר קענטיקן אין עגנונס טעמאַטיק. ווער עס האָט זיך באַמיט צו אָבסערווירן די ראָל פֿון שבת און יום־טוב אין אונדזער ליטעראַטור פֿון דער מיט השׂכּלה און ווייטער, מוז זיך אָפּשטעלן אויף צוויי ליניעס — איין ליניע, וואָס ווייזט, אַז שבת און יום־טוב זענען דער אייניציקער אויסשניט אין לעבן און אין שטייגער, וואָס די טאָטאַלע משׂכּילישע קריטיק און היפּערקריטיק האָבן זיי באַטראַכט ווי אַ שוין־רעוויר אין אַ וואַלד, וואָס איז הפקר פֿאַר אַלע מינים יעגערס, און דיאַלעקטיש זענען טאַקע די שבתים און יום־טובים געוואָרן די ערשטע, שטילע, אָבער גרויסע אָפּרעגפּונקטן פֿון דעם משׂכּילישן צוגאַנג; די אַנדערע ליניע, וואָס ווייזט, אַז שבת און יום־טוב זענען, אין זייער רשות, מבטל די ווידעראַנאַנדן אין ייִדישן לעבן, און צווישן זיי אויך — און אפשר: בעיקר — די סאָציאַלע ווידעראַנאַנדן, אַפֿילו די קלאַסן־ווידעראַנאַנדן. פֿאַראַן דערויף אַן אַ שיעור ראַיות און משלים, מיר וועלן איצט אָנווייזן בלויז אויף איין כאַראַקטעריסטישער שטעל ביי אייזיק־מאיר דיקן — אין זיין ספֿרל איבער ייִדן אין ליטע, וואָס באַשטייט פֿון צוויי טיילן, דער ערשטער טייל איז אַ בעלעטריסטישער, כולו אַנקלאַגעריש: דער צווייטער טייל (ווייזט אויס אַן איבערגעזעצטער) איז אַ פּובליציסטישער, כולו פּאַרטייִדיקעריש, און אין דעם טייל לייענען מיר: „און עש איז צו בעניידען זייער שטילעס פרידליכעס אונ פּאַרטיארכאַלישעס לעבין וואָש זיי פירען אין זייערע שבתים אונ אין זייערע ימים טובים. דאַש גאַנצע אידעשע ניציאָן שיינט דאַן צו זיין איינע פּאַמיליע, עש זיינען דאַן אָפּין דיא טירען פון דיא רייכען פאַר דיא אָרעמען. מען באַזוכט זיך איינער דעם אנדערין אונ מען נעמט יעדערין אויף פאַר איינען גוטיך גאַסט אונ מען בעווירטעט אים זייער פריינדליך אונ ברידערליך. עש איז דאַן קיין שפּור פון שטאָלץ צו בליקען אונ דער נידעריגסטע פינדעט אין דעם גרויסין זיינעם גלייכין" („דיא ידען אין ליטע", 1871, זז' 37—38). קומט אונדזער יונגער מחבר, וואָס לויטן אַנגענומענעם שאַבלאָן האָט ער דאָס אין זיינע ווערק פֿון יוגנט אויף און ווייטער עפּיש אַרויסגעבראַכט דעם האַרמאָניע־גאַנג אין ייִדישן לעבן און ער צעברעכט, אין די צוויי בלאַאַדעס, דעם עצם אינסטרומענט פֿון דער דאָזיקער האַרמאָניע — דער יום־טוב, וואָס ווערט באַטראַכט ווי דער טאָג פֿון אַחדות און דער טאָג, וואָס אין אים ווערן בטל די ווידעראַנאַנדן, דווקא ער ווערט געשילדערט ווי דער טאָג פֿון צוזאַמענבראָך פֿון יענעם אחדות. אמת, ער באַנוגנט זיך ביז מיט האַלב וואַכעדיקע יום־טובים — חמשה־עשׂר און פּורים. אָבער אין אַ העברעיִשער דערציילונג פֿון יענער צייט, וואָס איז געדרוקט געוועז אין אליעזר רוקחס „הירדן", איז דער פֿאַרשטערטער יום־טוב אַ שאַרפֿערער — אין דער עצם סדר־נאַכט; נישט אַ רעליגיעז־נאַציאַנאַלער

(עלילת־דם), נאָר אַ סאָציאַלער שטער. גראָטעסק פאַרשפּיצט האָבן מיר עס שפּע־טער אין „הכנסת כלה״ — די פאַרשטערטע סדר־נאַכט פון אַן אָרעמען ישיבה־בחור, וואָס האָט דאָס ערשטע מאָל געזאָלט טועם זיין פון שלאָפן אין אַ בעט ממש, און זיין באַגער ווערט אים פאַרשטערט אין דער מינוט, ווען זיין פוס דאַרף נאָך דעם סדר באַרירן דאָס ווייכע געלעגער. אַ פאַרגלייך מיט „החצוצרה נת־בישה״ פון ח. נ. ביאַליק, וווּ דער שטער איז בפירוש אַ נאַציאָנאַלער (דער גירוש־אוקאַז פון דאָרף), זאָגט מער ווי אַ יעדער אַנאַליז. די משלים לאָזן זיך פאַרמערן און זיי באַווייזן, אַז אונדזער דערציילער איז געטריי געבליבן דעם באַנעם, וואָס האָט אין אים געדעמערט נאָך אין זיינע ייִנגלישע יאָרן, און וועלכער האָט זיך אויסגעלייטערט אין כלערליי סיי אויסגעברייטערטע און סיי פאַרטיפטע דרכים.

[כסלו תשכ״ח]

מאַי „יונג־גאַליציע"

אַ וואָרט ביים פאַרטיילן די זיבנטע פיכמאַן־פּרעמיע

א

ש"י עגנון, עליו השלום, דערציילט אונדז, אין זיין קליינעם סיפור מעשה „ולא נכשל", ווי אַזוי ער האָט כל־ימיו, געוואָלט געטריי בלייבן דעם נוסח־תּפילה, וואָס ער האָט געירשנט פון זיין טאַטן, און דער טאַטע פונעם זיידן, און דער זיידע פונעם עלטער־זיידן, ביז צום גאָר ערשטן עלטער־עלטער־זיידן זייערן, דעם ראש־השבט, לוי בן יעקב אָבינו. איז אים אָבער כל ימיו אויסגעקומען באַקאָם — עס איז אים מחמת זיין אַרומשפּרייז צווישן איין מקום קדוש צום אַנדערן, אין זיין אייגענער געבוירן־שטאָט, און מחמת זיין וואָגל און וואַנדער איבער לענדער און שטעט, סיי אין גלות, סיי אין ארץ־ישראל, אויסגעקומען צו נע־ונדע־ווען פון איין נוסח צום אַנדערן, אַ געווימל פון נוסחאות, און בלויז צוויי ווערטער פון ברכת־המזון האָבן זיך אָפּגעהיט, און אַרום זיי דרייט זיך טאַקע דער גאַנצער סיפור־המעשה. צווישן אַנדערן דערציילט ער, אַז ווען ער האָט געוווינט אין דייטשלאַנד, האָט ער זיך געוואַקלט צווישן מנהג־אַשכנז און מנהג־פּוילן וואָס דער גוישער טייך עלבע שיידט אָפּ צווישן זיי, אָבער ווען ער איז געקומען אויף אַן אָרט, וווּ עס איז געווען אַ מנין חסידים, איז ער דאָרט אַריין, און היות ווי דאָס דאַוונען זייערס גייט ווי אַ מזמור, האָט עס אים אַ צי געטאָן.

און כאָטש עגנון דערציילט דעריבער מיט דער זעלבער באַזאָכטער געלאַסנקייט, ווי ער דערציילט וועגן אַנדערע סאָרטן דאַוונען, שפּירט זיך אַ מין דגש דערביי, דען דער לייענער דערמאַנט זיך דאַך, אַז אין אַנהייב סיפור האָט דער דערציילער צו וויסן געטאָן, אַז נוסח־חסידים איז געווען זיין סאַמע ערשטער נוסח, אַזוי, אַז צווישן די שורות פּילט מען אַרויס, אַז ער האָט זיך דאָ, צווישן מנין חסידים, וואָס האָט זיך פאַרוואָלגערט אין גלות־אַשכנז, פּשוט מחיה געווען.

ב

עס איז, פאַרשטייט זיך, אַ משל, וואָס דער נמשל איז אונדזער־איינער, וואָס ס'האָט זיך אים געטראָפן, אויב נישט דאָס זעלבע, איז כמעט דאָס זעלבע.

אַט, אַ שטייגער, נעמט מיך — שוין קרוב זעכציק יאָר, אַז איך נעם אַן באהבה די ספּרדישע הברה, און דעם דקדוק מיט די מלעילים און מלרעים, דען אַ שפּראַך מוז דאָך האָבן אַן אייבער־דיאַלעקט און אַ נאָרמאַטיוון שטייגער, און איך פּיר מיך לויט איר, פּעסט און סטריקט, אין מיין שמועסן, לעקציעס, אויך ביים דאַווענען; אָבער ווען איך בין געווען אין לאָנדאָן האָב איך אָפּגעזוכט אַ בראָדער שול, אפשר וועל איך הערן מיין גאָר ערשטן היימישן נוסח, האָב אָבער געטראָפן בלויז אַ שילד ווו בראָד איז געווען פאַרקנסט מיט נאָך צוויי שטעט און אַ שלאָס אויף דער טיר. יאָ, זייענדיק אין ניו־יאָרק, האָב איך יעדן שבת געדאַווענט אין דער בראָדער שול אויף בראָדוועי, געהערט פונעם לעצטן בראָ־דער רב, ר׳ משה שטיינבערג און פון מיין קרוב, ר׳ הערשל רובין, בראָדער נוסח מיט אַלע פּיטשעווקעס, און האָב מיך פּשוט מחיה געווען. דעסגלייכן נעם איך, זינט צוואַנציק יאָר, וואָס איך בין אַן אַקאַדעמישער לערער פון דער ייִדישער שפּראַך און ליטעראַטור, באהבה אָן די ליטווישע הברה און דעם ייִוואָ־אויסלייג, דען אַ שפּראַך מוז דאָך האָבן אַן אייבער־דיאַלעקט און אַ נאָרמאַטיוון שטייגער, און וואָס שייך רשות הרבים באַנוץ איך עס אויך ביים פּירלייענען און שרייבן, אָבער אַז עס קומט מיר אויס, יאָר־יערלעך, ט״ו אייר, דעם אזכרה־טאָג פון מיין שטאָט, צו רעדן פאַר מיינע לאַנדסלייט, רעד איך ווי איך האָב גערעדט אין דער היים, און בין מיך פּשוט מחיה.

אמת, מיט מיין גאַנצער איבערגעגעבנקייט צום אייבער־דיאַלעקט און צום נאָר־מאַטיוון שטייגער, טוט מיר אַ מאָל די צונג אָפּ אַ שפּיצל. אָט פאַרבייט זיך מיר, אין העברעישן שמועס, אַ מלרע אויף אַ מלעיל; און אָט פּאַקט זיך, אין אַ ייִדי־שער לעקציע, אַריין אַ גאַליציזם, און פאַרפאַלן. אָבער, ווי האָט געזאָגט שמריהו לעווין: ווער איז אַן עם־הארץ? אַן אשכנזער, וואָס קען זאָגן די גאַנצע הגדה של פּסח אויף ספּרדיש, און פאַרהיקעט זיך נישט, אַפילו איין איינציק מאָל. אַזוי לאָזט זיך אויך זאָגן — ווער איז אַן עם־הארץ? אַ גאַליציאַנער, וואָס רעדט אַ קאָרגע שעה אָפּ ליטוויש ייִדיש, און פאַרהיקעט זיך נישט אַפילו איין איינציק מאָל.

ג

קעגן וואָס האָב איך געבראַכט דעם משל מיטן נמשל, — קעגן דעם, וואָס איך האָב געהאַט אַ טאָפּלטע הנאה, ווען מען האָט מיך אויך האָיאָר פאַרבעטן צו האַלטן אַ לעקציע ביים פאַרטיילן די פּיכמאַן־פּרעמיע. ערשטנס, ווייל עס האָט זי געקראָגן אברהם משה פוקס; צווייטנס, ווייל איך האָב לכבודו באַשלאָסן אָפּ־צוהיטן אַקוראַט דעם דיאַלעקט, ווי די צונג איז אונדז ביידע געוואַקסן. אמת, עס איז אַ זאַך, וואָס דערגרייכט דעם צוהערער און דערגרייכט נישט דעם לייענער,

כיבע איך זאָל אָנווענדן אַ באַזונדערן פּאַנעטישן אויסלייג, און דאָס וואָלט שוין געווען אַ צו גרויסער טורח־הציבור.

דער ענין פון מיין לעקציע איז געווען, ווי דאָס קעפל גייט: יונג־גאַליציע, אַ טעמע, וואָס פּאַסט זיך פאַר א. מ. פוקס, דעם נעסטאָר פון דער באַוועגונג, וואָס וועגן זיין געשטאַלט און זיין אויפטו, האָב איך בפרטות געשריבן אין ערשטן באַנד פון מיין בוך: „אבני מפתן", אין אַ מאמר, וואָס הייסט: נוסח קאַרדאָן. וואָס קאַרדאָן, אָדער קאָרדון מיינט, האָב איך דערנומלט באריכות געשריבן אין דער „ישׂראל־שטימע", אָבער פאַר אונדז איצט וועט גענוג זיין, אַז עס מיינט, בעיקר, מזרח־גאַליציע אין די טיילן, וואָס זענען נאָך די אויפטיילן פון אַלטן פוילן, פון וואָלין און פּאָדאָליע, צוגעפּאַלן צום האַבסבורגישן עסטרייך. איך האָב אָבער אין מיין מאמר איבער פוקסן בלויז מרמז געווען, אַז איך רעד וועגן אַ באַזונדערן קאַרדונער נוסח אין דער דערציילערישער ליטעראַטור אונדזערער; און וויל איצט, קלאָר דערקלערן, וואָס האָט מיך דערצו באַוויגן.

עס איז די עובדא, אַז כמעט אַלע טאַלאַנטן, וואָס גאַליציע האָט, פאַר דער ערשטער מלחמה און נאָך איר, אונדזער פּראָזע־ליטעראַטור צוגעשאַנצט, שטאַ־מען נישט בלויז פון מזרח־גאַליציע, נאָר ממש אויף דער ליניע פון קאַרדאָן, און עטלעכע זענען נאָענט צו איר, און קיינער דערגרייכט נישט דעם סאַמע צענ־טער. אָט האָבן מיר אויף דער ליניע דעם היוונעווער פישל וויטקאָווער (אימ"ן), דעם לאַפּאַטינער אָשר באַראַש, דעם יעזשערנער אברהם משה פוקס, די סקאַ־לאַטער פראַדל שטאָק, דעם מילניצער ישׂראל אַשנדאָרף, די לאַנאָוויצער איטשע מעצקער און רחל אויערבאַך, דעם קיפּיטשיניצער בנימין רעסלער, דעם ביטשאַ־טשער ש"י עגנון, דעם איסטיטשקער שלמה ביקל, און נישט אַ סך ווייטער פון דער ליניע — דעם סאָלאָטווינער טיגער, דעם מיידאַנער בער האָראָוויץ, דעם סטאַרוניער ראובן פאַהן, דעם קילימייער ירחמיאל גרין, און אַ קאַפּ אָפּזייטיק — די בורשטינער דבורה פאָגל, די פּאַדליסקער רחל קאָרן.

מער ווי אַנדערהאַלבן מנינים פון פּראָזאַיקער, במשך צוויי דורות, און כמעט אַלע אויף דעם זעלבן, גענוג שמאָלן געאָגראַפישן פּאַס, און כמעט אַלע זעען און ווייזן, אין זייערע שאַפערישע אויפטועך, דאָס לעבן און וועזן פון דעם דאָזיקן פּאַס, ווי אַן עולם ומלואו, און ביי דעם גאַנצן חילוק פון ניוואָ און ראַנג, לאָזט זיך רעדן מכוח אַ בשותפותדיקן נוסח — דאָס איז אַ פאַקטאָר וואָס האָט אַ חשי־בות, סיי אין דער ליטעראַטור־געאָגראַפיע, סיי אין דער ליטעראַטור־היסטאָריע, בפרט אַז ביידע, סיי די געאָגראַפיע, סיי די געשיכטע, האָבן זייער מקור אָדער אָנשפּאַר אין דער באַוועגונג, וואָס רופט זיך יונג־גאַליציע, אירע וואָרצלען און פאַרצווייגן.

ד

נאָר איידער מיר שמועסן וועגן דעם קאָנאַר — „יונג־גאַליציע״, איז כדאי זיך אָפּצושטעלן אויפן שטאַם — אַלט־גאַליציע, און דעם גאַנצן בוים — גאַליציע בכלל. ווער עס רעדט וועגן דעם גאַנג פון איר ליטעראַטור אין די לעצטע דורות, היט געוויינלעך אָפּ אַ סכעמע, וואָס זאָגט: נאָך דער תקופה פון השכלה־אויפבלי איז געקומען אַ תקופה פון עפּיגאָנישער מאַנאָטאָניע, וואָס האָט זיך געשלעפּט, ביז עס האָט זיך פונאַנדערגעפּאַכעט אַן אויפלעבערישער ווינט, וואָס איז גע־קומען פון יענער זייט קאַרדאָן, פון רוסלאַנד, און עס האָט פּלוצעם אַ שפּראָץ געטאָן אַ בינטל טאַלאַנטן, וואָס האָבן ביז גאָר באַרייכערט די צווייִשפּראַכיקע ליטעראַטור אונדזערע. איז פאַראַן אין דער סכעמע אַ היפּשע מאָס אמת, אָבער ווייט נישט דער גאַנצער אמת.

קודם כל איז פאַראַן די אַלטע קשיא פון צענטער און פּעריפעריע — אייער־נעכטן איז דער צענטער דאָ און די, נישט בלויז נאָענטע, נאָר אויך ווייטערע, פּעריפעריע דאָרט, און נעכטן פּונקט פאַרקערט. אָט, אַ שטייגער, ערשט מיט אַ פּאָר דורות צוריק איז דער צענטער אין בראָד און טאַרנאָפּאָל און זיין פּע־ריפעריע — אין אָדעס, און מיט קוים אַ צוויי דורות שפּעטער איז עס פּונקט פאַרקערט. איז יונג־גאַליציע טאַקע אַנטשטאַנען אין אַ צייט, ווען עס איז גע־גאַנגען אַן אויפפרישנדיקע השפּעה פון די צענטערס — אָדעס, וואַרשע ווילנע, אַפילו ניו־יאָרק. און נישט בלויז חיבורים (ביכער, בלעטער) האָבן משפּיע געווען פון דער ווייט, נאָר אויך מחברים פון דער נאָענט — איך האָב נאָך געקאָנט נאָכקאָנטראָלירן וואָס פּאָר אַ באַטייט עס האָט געהאַט דאָס קנאַפּע ביסל צייט, וואָס בערדיטשעווסקי האָט דאָ פאַרבראַכט, שוין אָפּגעשמועסט פון דער טיפער השפּעה פון י. ח. ברענער און ג. שאָפּמאַן, וואָס זענען אַ לענגערע צייט געווען אין לעמבעריק, אָדער פון אברהם רייזען, וואָס איז געזעסן אין קראָקע. אַהער געהערט אויך משה קליינמאַן — וואָס די השפּעה זיינע איז געווען ווייניקער אין דער טיף און מער אין דער ברייט, און דאָך האָט ער מער אויסגענומען ווי אַ סך ווערטיקערע אָבער היימישע פאַרשוינען. דאָס גלייכן לאָזט זיך זאָגן וועגן אברהם וויעוויאָרקע, און אַפילו שמאַי חאַלאַטניקאָוו, וכדומה. שוין אָפּגעשמועסט פון די טריומפאַלע אויפטריטן פון אייבערשטן ראַנג — שלום־עליכם, מאָריס ראָזענפעלד, און די דעלעגאַטן פון דער טשערנאָוויצער שפּראַך־קאָנפערענץ — י. ל. פּרץ, שלום אַש, ה. ד. נאָמבערג. דאָס זענען דאָך ממש געווען יום־טוב־טעג און די גאַליצישע שטעט און שטעטלעך. ווי אַ פּיקאַנטער משל, כמעט אַ סימבאָל, קאָן, דאַכט זיך, דינען מלך כמעלניצקי — נישט פון די אשלי רברבי, אָבער דער אוקראַינישער לירישער טאָן זיינער איז געווען אַזוי ווייט באַליבט, אַז ווען דער יונגער אָנהייבער חנא זכריה בערגנער האָט זיך אויסגעקליבן אַ פּסעוו־

דאַנים, וואָס האָט געמאַכט פאַרגעסן זיין אמתן נאָמען, איז עס געווען מלך ראַ־וויטש — דער צונאָמען איז געווען פון למד שאַפּיראָס אַ נאָוועלע־העלד, דער נאָמען ווייטער גייט פון מלך כמעלניצקי.

אָבער אַ ווינט, אַפּילו אַ גאָר גוטער, געבענטשטער ווינט, מאַכט נאָך נישט דעם בוים, זיין שטאַם, זיינע וואָרצלען; זיי מוזן זיין פריִער, און ער, דער ווינט, קאָן נאָר אַ פלאַטער טאָן און אויפפרישן דאָס חיות.

ה

לווינט זיך טאַקע אַ קוק צו טאָן, ווי האַלט עס מיט דער אָנגענומענער סכעמע אונטער אַ קריטישער לופּע. ראשית, ליידט דער חשבון אירער פון אַ וואַזשנעם מאַנקאָ — לויט אים קומט אויס, אַז די עפּיגאָנישע מאַנאָטאָניע, אַפּילו זי זאָל זיין הכצעקתה, איז חל אויף דער גאַנצער גאַליצישער קולטור־גייסטיקייט, בשעת זי איז באמת חל בלויז אויף דער השׂכּלה און איר ירושה, וואָס האָט נישט געקאָנט נישט אָפּבליִען, בשעת אַנדערע גייסטיקע און מער איינגעפונדעוועטע שטראָמען האָבן זיך נישט בלויז געהאַלטן, נאָר אַפּילו געשטאַרקט. האָט דאָך אין דער צייט פון דער השׂכּלה און נאָך איר געבליט למדנות, וואָס האָט אָנגע־פירט דעם געראַנגל פון דער הלכה מיט דער נייער ווערקלעכקייט, און האָט אויפגעשטעלט אַ שורה פון גדולי תורה, אָנגעהויבן פון דעם „קצות החושן“, דעם „דעת קדושים“, דעם „נטע שעשועים“, דורכן „בית אפרים“, דעם „נדרי זריזין“, דעם „שואל ומשיב“, און דעם „בית יצחק“, און פאַרענדיקט מיט דעם „הרי בשׂמים“ און דעם „מחזה אברהם“. איך האָב אַ מאָל געהאַט אַ שמועס מיט ש"י עגנון וועגן דער דאָזיקער שורה, און מיר האָבן דערמאָנט עטלעכע שורות אין פוילן, ליטע און זאַמוט, און פון זיי צוריקגעקומען צו דער שורה פון די משׂכּי־לים און מאָדערניסטן, האָט ער געפרעגט ווו איז, אייגנטלעך, דער הויכפּונקט פון אונדזער גייסטיקער פּאָטענץ און אינטעלעקטועלן באַמי, צי ביי די שׂרי קודש, צי ביי די שׂרי חול, און אַ זאָג געטאָן: ניין, אין דער גאַנצער נייער ליטעראַ־טור אונדזערער איז, לעת עתה, נישטאָ ווער עס זאָל זיך גלייכן, נישט בלויז צום ווילנער גאון, נאָר אויך צום רוב פון די, וואָס מיר האָבן דערמאָנט. און די קשיא איז: וואָס איז עפּעס אונדזער גאווה אַזוי אויפגעשרויפט? און עס איז נישט געווען קיין אָנשטעל פון עניוות, נאָר אַ פּראָבלעם, וואָס לאָזט זיך נישט מיט דער האַנט אָוועקמאַכן.

אָבער צוריק צו אונדזער חשבון — לעבן בלי פון למדנות האָט אויך גע־האַלטן שטאַט חסידות, און אויף וויפל דער דינאַסטישער פּרינציפּ זאָל נישט טויגן, זענען נישט בלויז פּראָטאָפּלאַסטן, ווי אַ ר' משה לייב סאַסעווער, ר' מאירל פּרימישליאַנער, ר' הערש זשידיטשעווער, נאָר אויך שפּעטערע, בעיקר דער סינ־

טעטישער טיפּ פון גדלות אין תורה און אין חסידות, ווי עס רעפּרעזענטירט אים ר׳ חיים צאַנזער, פאַרשווינגען פון הויכן גייסטיקן און מענטשלעכן שטעל און פּאַרנעס.

און וואָס ס׳איז דער עיקר — וואָלט השכלה געווען אַליין אויפן מאַרק, וואָלט אפשר דאָס יידישע גאַליציע אַ פּנים געקריגן, ווי עס האָבן געקריגן דאָס יידישע בעהמען און מעהרען, אָבער ווייל זי האָט זיך געמוזט באַרען מיט למדנות און חסידות, וואָס האָבן ממילא אָפּגעהיטן היימישע ווערטן, ווי שפּראַך און שטייגער, האָט זי, אויב נישט געגעטיש, טאָ דיאַלעקטיש, פאַרהאַלפן סיי די אַזוי גערופענע מיטלערע און סיי די אַזויגערופענע אונטערשטע געזעלשאַפטלעכע שיכטן אויס־צוציטיקן אַן אינטעליגענציע, וואָס איז געווען באַהעפט מיטן מהות און דרך פון פאָלק, זיינע ווערטן און קנינים, וואָס האָבן נישט פאַרמאָגט די גאווה פון רוב משכילים און האַלב־משכילים, וועלכע האָבן זיך געמאַכט אַ מענטליק, אַז זיי טוען דאָס אַ באַזונדערן חסד דעם פאָלק, וואָס זיי קערן זיך אָן מיט אים. זיי האָבן אָבער פאַרמאָגט יענע אָרגאַנישע און ממילאדיקע צניעות פון קינדער, וואָס האָבן, כדרך הטבע, ליב זייער טאַטע־מאַמע.

דאָס איז, בעצם, אויך דער אינעווייניקסטער סובסטראַט און די אויסווייניקסטע רעם פאַרן אויפקום פון „יונג־גאַליציע", און דער דרויסנדיקער ווינט האָט מער נישט באַדאַרפט ווי אָראָפּנעמען די שאָל, וואָס וואָלט זיך, פריער אָדער שפּעטער, אַליין געשפּאָלטן. אָבער אַזוי אַרום איז דער באַגריף „יונג־גאַ־ליציע" אַ סך ברייטער און טיפער ווי דער טערמין, וואָס זיינע אידעאָלאָגן האָבן אים פאַרטראַכט, אָדער תופס געווען.

ו

איך ווייס נישט, ווען עס געהער דער פּאַטענט פון דעם טערמין, מעגלעך צו ביקלס־שפּיצער, על כל פּנים האָט אים אַנזעלם קליינמאַן אויסגעפּיעשטשעט און נאָך געפּרווט דערהאַלטן, ווען ער איז זיך שוין איבערגעוואַקסן. אָבער מען דאַרף זיך נישט לאָזן פאַרפירן פונעם נאָמען — ער האָט, פּשיטא, נישט קיין שייכות צו שפּעטערע דערשיינונגען ווי „יונג־ווילנע", „יונג־לאָדזש", „יונג־זאַ־גלעמביע", „יונג־וואָלין", לא כל שכן „יונג־ישראל". ער האָט גיכער אַ דרויסנדיקע שייכות צום אַמאָליקן „יונגעס דויטשלאַנד" און צום דעמאָלטיקן „מלאָדאַ פּאָל־סקאַ", און אַן אינעווייניקסטע שייכות צו אונדזערע „יונגע" אין אַמעריקע, בפרט אַז צווישן די פּראָמינענטע זייערע חברים האָבן זיך גערעכנט דער זלאָטשיווער משה לייב האַלפּערן, דער נאַראַיעווער יצחק רייז, אַ נאָמען, וואָס דער פּסעוו־דאָנים זיינער, משה נאַדיר, האָט אים אַרויסגעשטויסן, און דער פּראָגראַמאַטיקער פון דער גרופּע, דער גרויס־ראַדאָמישלער ראובן אייזלאַנד.

אָבער פאַראַן אַ שטיקל חילוק — די „יונגע" זענען כמעט אַלע איינשפּראַכיק,

ייִדיש, און דער היפּשער יוצא מן הכּלל, י. י. שוואַרץ, וואָס איז שאָפעריש כמעט צווייִשפּראַכיק, קל וחומר דער פיצינקער יוצא־מן־הכּלל, דאָס איינציקע העברעיִשע לידל פון ראובן אייזלאַנד, באַשטעטיקן בלויז דעם כּלל. דאָ, ביי „יונג־גאַליציע", האָבן מיר צו טאָן מיט אַ טאָפּלטער טאָפּל־שפּראַכיקייט, — אָדער דער צווייִלינג איז אַ היימישער; לשון עברי און לשון ייִדיש, אָדער דער צווילינג איז אַ געמישטער: היימיש לשון קודש און לעז. וואָס שייך דעם ערשטן צווילינג — האָבן מיר אים ביי אָשר באַראַש און ש"י עגנון, וואָס האָבן אין אָנהייב געשריבן אויך ייִדיש, און שפּעטער אַריבער צו העברעיִשער מייסטער־פּראָזע, אַ סך לענגער האָבן מיר אים ביי ראובן פאהן, און גאָר בולט ביי א. צ. גרינבערג, אַ מאדים אויף די הויכע שטאַפּלען פון ייִדישער און העברעיִשער פּאָ־עזיע, און די טאָפּלקייט האָט זיך געצויגן ביז דניאל לייבל, משה גראָס־צימער־מאַן, משה שטאַרקמאַן און פון ייִנגערן דור — שמשון מעלצער, שלמה שיינהויט (שנהוד) און דוד אַפּטייקער (רוקח). וואָס שייך דעם אַנדערן צווילינג — היפּער איך איבער די דייטשישע לידער פון משה לייב האַלפּערן אין דער ווינער „אַר־בייטער צייטונג", אַן עפּיזאָד אין לעבן פון איינעם פון די גרויסע און אפשר פּי־נעם גרעסטן דיכטער, צווישן די „יונגע", דעסגלייכן טו איך עס לגבי די ערשטע פּוילישע לידער פון מלך ראַוויטש און רחל קאָרן, אָדער די ערשטע דייטשישע לידער פון מלכה לעאָפּאָלד (לי), אויך אַן עפּיזאָד אין לעבן פון די ייִדיש פּאָעטן. איך רעד בעיקר וועגן שמואל יעקב אימבער, וואָס האָט כּל ימיו געשריבן סיי ייִדיש סיי פּויליש, און דאָס איז אַן אינטערעסאַנטן מסתמא גאָרנישט צופעליקן, פונקציאָנעלן אויפטייל: ייִדיש — בעיקר לירישע פּאָעזיע, פּויליש — בעיקר פּאָלעמישע פּובליציסטיק, און איז געווען אַ שפּראַך־מייסטער דאָ און דאָרט. אויך די ליניע האָט זיך ווייטער געצויגן — פּויליש און ייִדיש האָבן געשריבן משה (מאָוריצי) שימל, דבורה פאָגל, האַראַצי סאַפרין; פּויליש און העברעיִש האָט געשריבן אַנדאָ פינקערפעלד (עמיר) וכדומה.

ז

אויב מיר ווילן זיך באַקענען מיט אַ נוסח, גאַנג, אַ שול אין דער ליטעראַטור, האָבן מיר דערצו בעיקר פיר מקורות, — די ליטעראַטור גופא, די קריטיק, זכ־רונות, וויסנשאַפטלעכע פאָרשונג. וואָס שייך דער ליטעראַטור גופא, בעטן זיך, לשם אָריענטאַציע, פּאַסיקע אָפּקלויבן, אָבער פאַראַן בלויז אין תחום פון ליריק — „די קליינע אַנטאָלאָגיע פון דער ייִדישער ליריק אין גאַליציע, 1935—1897" (ווין, 1963) רעדאַקטירט פון מענדל נייגרעשל און אליעזר שינדלער. אָבער אין תחום פון פּראָזע, סיי דערציילונג, סיי קריטיק, סיי פּובליציסטיק, פעלט אַזאַ אָריענ־טאַציע־אינסטרומענט, און ווער ווייסט, אויב און ווען מיר וועלן עס האָבן. אַוודאי

איז גוט, וואָס דער שטאַרקסטער פּראָזאַיקער פון „יונג־גאַליציע", א. מ. פוקס, האָט אַרויסגעגעבן דאָס רעפּרעזענטאַטיווע בוך זיינס „די נאַכט און דער טאָג" (1961), אָבער דאָס בוך פון דער שטאַרקסטער פּראָזאַיקערין פון יענע קאַנטן, פראַדל שטאָק, „דערציילונגען" (1919) איז היינט אַ ביבליאָגראַפישע זעלטנקייט.

וואָס שייך קריטיק — האָט „יונג־גאַליציע" געהאַט און נישט געהאַט קיין מזל — צוגלייך מיט די פּאָעטן און פּראָזאַיקער איז אויפגעשטאַנען אַ קריטישער מיטגייער און פירגייער צבי ביקלס־שפּיצער — זיינע אַרבעטן וועגן אַנהייב פון די יונג־גאַליציאַנער, וואָס ער האָט טאַקע אין עצם אַנהייב געשריבן און גע־דרוקט, זענען ביז היינט די אויטענטישסטע דאָקומענטן, אָבער לא די וואָס ער האָט זיך שפּעטער אָפּגעגעבן בעיקר מיט ייִדיש טעאַטער, איז ער, אין זיין דריי־סיקסטן לעבנס־יאָר, פאַרשניטן געוואָרן, און איז פאַרגעסן געוואָרן, און ערשט צוואָנציק יאָר נאָך זיין פּטירה האָב איך וועגן אים געשריבן אַן אויספירלעכן מאמר אין „מאזנים", וואָס איז איצט אַריין אין צווייטן באַנד פון מיין בוך „אבני מפתן", און צום דרייסיקסטן יאָרצייט זיינעם האָב איך אַרויסגעגעבן, אין אַ העב־רעיִשן נוסח, זיין עזבון, אָבער דער ייִדישער אָריגינאַלער נוסח וואַרט נאָך עד היום אויף אַ גואל. איך שטעל זיך אויף אים לענגער אָפּ, ווייל כאָטש איך גע־דענק די ראָל פון יצחק שיפּער און מאיר (מאַקס) בינענשטאָק, האַלט איך, אַז מיט ביקלס־שפּיצער הייבט זיך אָן דאָס קלאָרע, קריטיש־באַלויכטענע, אייגענע באַוווסטזיין פון „יונג־גאַליציע".

וואָס שייך זכרונות — געהערן אַהער קודם־כל קאַפּיטלען פון ראַוויטשעס גאָר אינטערעסאַנטע מעמואַרן אין „מעשׂה־בוך פון מיין לעבן". לסוף, וואָס שייך פאָרשונג, האָבן מיר אַ וואָגיקן אָנהייב — די אויספירלעכע מאָנאָגראַפיע פון מענדל נייגרעשל „די מאָדערנע ייִדישע ליטעראַטור אין גאַליציע, 1904—1918", וואָס איז אַריין אין געזעמל „פון נאָענטן עבר". און כאָטש ייִדיש אַליין שעפּט נישט אויס „יונג־גאַליציע", איז עס לעת־עתה היפּש און גענוג, און וואָס עס בעט זיך איז: המשך יבוא.

[תמוז, תש"ל]

דריטע פרשה

צווישן אוניקום און קוריאָז

אַ וואָרט ביים פּאַרטיילן פון דער ערשטער יעקב־גראַפּפער־פּרעמיע

א

ווען איך וואָלט באַדאַרפט צו געבן אַ קורצע דעפיניציע פון יעקב גראַפּפער, דעם פאַרשווין און זיין אויפטו, וואָלט איך מיד, קודם כל, פאַררופן אייף הללס קלוגן זאָג: אל תדון את חברך עד שתגיע למקומו, טייטש: זאָלסט נישט משפטן דיין חבר, איידער דו דערשלאָגס זיך צו זיין פּלאַץ; און נאָך דעם ווי איך וואָלט דערגרייכט זיין שטאַנד, און געפּרווּט זיך אין אים סוביעקטיוו איינלעבן און אים אָביעקטיוו אַנאַליזירן, וואָלט איך געזאָגט, אַז דער דאָזיקער חבר מיינער איז, אין זיין אַרט, געווען אַן אוניקום, וואָס האָט זיך געוועדט צו ווערן אַ קוריאָז, און האָט זיך פוןביידע נישט אויסגעהיט. ער איז געווען אַן אוניקום — דאָס חזרן איבער אַלע זיינע אָפּשאַצערס, אויפן סמך פונעם פּשוטן ביאָגראַפישן פאַקט, אַז ער איז געווען דער ערשטער און איינציקער מאָדערנער ייִדישער פּאָעט אין אַלט־רומעניע פון פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה, און דאָס אין אַ סביבה, ווו די ייִדישע אינטעליגענציע האָט נישט געהאַט קיין קאָנטאַקט מיט דער לעבעדיקער ייִדישער ליטעראַטור, און אויב זי האָט פון איר עפּעס דערשמעקט, איז עס מכלי שני, אין רומענישע איבערזעץ־ווערסיעס, און האָט אויך געהאַלטן אין איין פאַרלירן דעם צובונד צו דער לעבעדיקער ייִדישער שפּראַך, און האָט זי נאָך פאַרשטאַנען בעל־פּה, אָבער שוין נישט בכתב ובדרוק, כאָטש די מאָלדאַווער שטעט און שטעטלעך האָבן פאַרמאָגט אַ יאָדערדיקן און זאַפטיקן ייִדיש, וואָס איז גרונטיק געווען אָפּגעהיטענער, ווי אין אַנדערע ישובים.

פאַר דער דאָזיקער אינטעליגענציע, בעיקר די טיילן וואָס זענען געווען, סיי נאָסטאַלגיש, סיי פּראַגראַמאַטיש, ייִדיש־נאַציאָנאַל געשטימט, איז דאָס אוניקום יעקב גראַפּפער געווען דאָס גרויסע געווינס — זיינע לידער, איבערגעדרוקט, אָדער איבערגעשריבן מיט לאַטיינישע אותיות, האָבן דאָס זיי פאַרהאָלפן איינצושטילן אָדער איינצושלעפערן דעם ווידעראַנאַנד צווישן גוטן און בייזן געוויסן; זיי זענען דאָס געווען דאָס ברעקל ייִדישער שבת אין דער גרויסער דייזשע פון זייערע שפּראַכלעך פאַרגויישטע ששת ימי המעשה, און אַזוי האָט מען די לידער גע־

לייענט און געזונגען, מעמאַרירט און דעקלאַמירט, און אַזוי זענען זיי געוואָרן דאָס שײַנדל פון כלערליי אַקטן און אַנטראַקטן.

ב

אָבער ער, יעקב גראַפּער גופא, האָט זיך געוועדט צו ווערן אַ קוריאָז — ווי ווייט דאָס מענטשלעכע־אַלצומענטשלעכע, וואָס חנפעט אונדז אַלע אונטער, זאָל אים נישט געווען ליב און ניחא־מאַכן דעם איסנעמלעכן מעמד פון אַ פּאָר־העטשלטן בן־יחיד, וואָס אַ גרויסער ציבור איז מיט זיין געטריישאַפט מכפּר זייער אייגענעם פּאַראַט, האָט ער געוואָלט גאָר עפּעס אַנדערש. איז ער דאָך פון קינדוויַיז אויף נאָכגעגאַנגען פּוסטריט דער לעבעדיקער העברעיִשער און יידישער ליטעראַטור, האָט ער זיך דאָך, אַ יונג בחורל, צוגעהערט צו די וויכוחים פון דער טשערנאָוויצער שפּראַך־קאָנפערענץ און האָט זיך דאָרט איינגעקוקט, פנים אל פנים, אין די געשטאַלטן פון אַ בירנבוים, פּרץ, זשיטלאָווסקי, אַש, נאָמ־בערג און האָט, אַ פּאָר יאָר שפּעטער, דורך הרב ד"ר יעקב נאַכט, זיינע לידער געשיקט צו ביאַליקן קיין אָדעס און געקריגן פון אים אַ קאָנסעס, אַז די לידער זיינע „מעידים בכותבם שהוא בעל כשרון גדול ואריגינאלי; ילך בכוחו", טייטש: זיי זאָגן עדות אויפן שרייבער זייערן, אַז ער פּאַרמאָגט אַ גרויסן, אָריגינעלן טאַלאַנט; זאָל ער שפּאַנען מיט דעם כוח זיינעם; און וואָס, אַ יאָר שפּעטער, האָט ער טאַקע גענומען דרוקן זיינע ערשטלינגען ברשות הרבים, אין ווילנע — אין שמואל ניגערס „יידישע וועלט" — אין אין לעמבעריק. הייסט עס, אַז ער האָט זיך געפילט ווי אַ פּונקט אויף דער גרויסער יידישער קולטור־מאַפּע, אַ מאָש אין דער קייט פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור, וועלכע די סביבה אַרום אים האָט נישט געוווּסט און ממילא פאַר איר געהאַט אַ גאָר קנאַפּע פאַרשטאַנ־דעניש.

אין דעם זינען מעג מען אפשר אויסטייטשן די עובדא, אַז כאָטש ער האָט זיך נישט געאײַלט אַרויסצוגעבן זיינס אַ בוך, האָט ער אויפן שוועל פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, מיט אַ גרופּע נאָענטע — מאָטי ראַבינאָוויטש, פּראַיקע וואַלדמאַן, ראובן זעליקאָוויטש — (דאָס איז דער מאָלער ראובן רובין) — און יעקב באַטאַשאַנסקי, געפּרוווט שאַפן אַן אָרגאַן פאַר דער מאָדערנער יידיש־ליטעראַטור אין אַלט־רומעניע, און די פּאָר העפטלעך „ליכט" און די ערנצטע און הומאָריסטישע אַנעקסן צו זיי, זענען אַן עדות, נישט בלויז דערצו, ווי ווייט דער אוניקום פון אַ מאָלדעווער מאָדערנעם יידיש־דיכטער האָט געוואָלט אַרויס פון זיין בן־יחידישקייט, און ווי ווייט דער קוריאָז פון אַ מאָלדעווער מאָדערנער יידיש־ליטעראַטור האָט געוואָלט אַרויס פון זיין אויסטערלישקייט, נאָר אויך דערצו, ווי ווייט די דאָזיקע יידיש־פּראָווינציע האָט געפּרוווט זיין לפּחות אַ קליי־

נער געבער, איידער זי איז ראַפּטאַם געוואָרן אַ גרויסער נעמער, ווי עס איז געשען מיטן פּאָליטיש־טעריטאָריאַלן אויסברייט פון רומעניע, ווען עס זענען צו איר צוגעקומען די שכנישע פּראָווינציעס, מיט זייערע מאַסן יידן און יידיש שאַפערישע כוחות.

אוודאי דאַרף מען זיך אין אַפּשאַץ פון די מאַגערע העפטלעך „ליכט" היטן פאַר אַ גוזמא־לרובא, אַן איבערשאַץ, און זיי נישט איינרעדן, וואָס אַ שפּעטער באַמבאַסטישע קאָנסטרוקציע האָט זיי געפּרוווט איינרעדן; אָבער מען דאַרף זיך אויך היטן פאַר אַ גוזמא־למיעוטא, פאַר אַן אונטערשאַץ, וואָס אַ נאָך שפּעטערע ביטולדיקע רעוויזיע פון דער דאָזיקער קאָנסטרוקציע פּרוווט זיי אויסרעדן. אוודאי שפּירט זי דאָ אַ וואָקל צווישן נאָך און שוין, צווישן דעם חשש אַז בעצם איז עס אַן אָנשטרענג צו דערהאַלטן אַ נעכטן, כדי די אָרעמע און איינגעשרומפּענע יידיש־ווירקלעכקייט פון דער אינטעליגענציע זאָל נישט אָרעמער און איינגעשרומפּענער ווערן, און צווישן דעם גלויבן, אַז עס גייט דאָ אין אַן אויפשוווּנג צו דערקעמפן אַ מאָרגן, כדי דער אָנהייב פון אַ פרישער און צעפליגלטער יידיש־מעגלעכקייט זאָל אַלץ פרישער און צעפליגלטער ווערן, און דאָס ווי אַ באַוווּסט־אָרגאַנישער טייל פון דער יידישער כלל־ליטעראַטור.

די קשיא, צי האָט אים, גראַפּערן, דער „ליכט"־אויפטו און די אַטמאָספער אַרום אים, וואָס האָט געהאַט בפירוש סימנים פון אַ ע׳טיק באַוועגונג, באַפרייט פון זיין אַליינקייט, לאָזט זיך נישט אַזוי לייכט פאַרענטפערן. זי האָט עס באַדאַרפט צו טאָן, אָבער די אַליינקייט איז ווי צוגעוואַקסן צו אים, און איז געווען זיין שטאַרקע און זיין שוואַכע נאָטע.

ג

די אַליינקייט איז געווען זיין שטאַרקע נאָטע — אין אַ סביבה, וואָס האָט אים, דעם אויפגעוועקטן אינטעלעקטואַל און פיינעם ערודיט, וועלכער איז געווען אַ בן־בית אין עטלעכע ליטעראַטורן, ממש פאַרבעטן צו זיין אַ רומענישער דיכטער — ווי עס זענען געוואָרן אַ סך היימישע, רעגאַטער בעלי־טאַלאַנט, אָדער אַ דייטשישער דיכטער — ווי עס זענען געוואָרן נישט ווייניק שכנישע, בוקאָווינער בעלי־טאַלאַנט, האָט ער גיך אָוועקגעוואָרפן זיינע רומענישע און דייטשישע אָנהויבן און זיך, אַ יחיד ובודד, פאַראַנקערט אין יידיש און האָט מיט אַ מאָל אַ שטויס אַרויף געטאָן דאָס יידישע וואָרט, גאַרנס העכער פונעם איכות און ניוואָ אין דער מאָלדעווער יידיש־פּרעסע. און איך בין מודה, אַז איך שטיי נישט אַזוי לייכט צו צום קאָנצערט פונעם כלל־ביטול לגבי דער דאָזיקער פּרעסע, וואָס וואַרט נאָך אויף איר היסטאָריקער. געוווג אַ קוק דערלאַנגען אין ש״ס־ראַמאַנס ביבליאָגראַפישן רייסטער און נאָך מער אין נתן

מאַרקס רייכער און פּרטימדיקער ביבליאָגראַפּיע, כדי צו זען, אַז דער ליטעראַ־טור־היסטאָריקער האָט נאָך דאָ אַ סך צו זאָגן, כאָטש (אָדער: דווקא ווייל) דעם ליטעראַטור־קריטיקער דוכט זיך, אַז ער האָט שוין, מיט זיינע פּאָר מפּונק־דיקע חוזק־באַמערקן, אַלץ געטאָן. דער ליטעראַטור־קריטיקער, בפרט ווען זיינע אַקטועלע טענדענצן שפּאָרן זיך נישט אָן אויף היסטאָרישע פאַרשטאַנדעונישן איז זיכער, אַז דער טעם פון זיין דור אָדער זיין שול און גרופּע, דער כאַראַקטער און די מדרגה פון זייער שפּראַך זענען אַבסאָלוט, און זענען מחייב וואָס איז געווען און וועט זיין. דער ליטעראַטור־היסטאָריקער איז נישט אַזוי זיכער אין דער דאָזיקער זיכערקייט. אָבער דווקא ווייל איך האָלט נישט, אַז מען מעג די מאָלדעווער יידיש־פּרעסע אַזוי כלאחר־יד מבטל־מאַכן, ווי עס האָבן עס געטאָן כמה בעלי קריטיקן און בעלי מעמוארן, ווייס איך אפשר גיכער פון זיי, ווי ווייט גראַפּערס שטויס־אַרויף האָט געפאָדערט יכולת, כדי גובר צו זיין דעם משׂכּילישן און שפּעט־משׂכּילישן באַהאַנדל פון יידיש, און כדאי, אָנשפּאַרנדיק זיך אויפן פּרימיטיוו פון עמך־לשון אין מיהאַלען און יאַס, זיך אַריענטירן לויטן יידיש־ליטעראַרישן ראַפינמאַן פון דעמאָלטיקן אָדעס, וואַרשע, ווילנע און צו דערקלעטערן, מיט אייגענע כוחות, צו אַ מדרגה, וואָס פאָדערט אַ מסורה און געניטקייט פון עטלעכע דורות. דען אַפילו מיר זאָלן זיך אַנשליסן צו דער כמעט באַנאַל־איבערגעחזרטער סברה, אַז גראַפּער געהער מענטאַל, טעמאַטיש און קינסטלעריש צום נוסח און ניוואָ פון רייזענס און אייזהאַרנס ליריק, און נעמען אין באַטראַכט, אַז זיין איינציק ביכל לידער „אין שאָטן פון אַ שטיין" איז ערשט אַרויס ווען ער איז אַלט געווען עטלעכע און פערציק יאָר (1934), ווען נישט בלויז ווייט — אין פּוילן, סאָוויעט־רוסלאַנד, אַמעריקע — נאָר אויך נאָענט — אין גרויס־רומעניע — האָט עס געשווירבלט מיט אַ פּילפּנימדיקער, רייכער, דרייסטער ליריק, פרעגן מיר זיך, ווי אַזוי איז עס געשען, אַז גראַפּערס עצם־באַפריי פון זיין איזאָלירטקייט, דער צוזאַמענבונד מיט אַ גרויסער קאָלי־ריקער שעפערישער סביבה, האָט אים נישט אָנגעפילט מיט נייעם מוט און אימפּעט, און נישט אָנגערעגט צו אַ ווייטערן, באַנייטן שאַפן אין איינעם פון די צוויי מעגלעכסטע אופנים — איין אופן, וואָס וואָלט אים געלאָזט זיך אַריינ־דערוועגן אין דער וועלט און אַטמאָספער פון נייעם דור און זיך מיט זיי פּאַר־מעסטן, ווי מיר האָבן, אַ שטייגער, געזען אין דער יידישער דיכטונג ביי יהואש; דער אַנדערער אופן, וואָס וואָלט אים געלאָזט פאַרפעסטיקן זיין אייגענעם ביז־איצטיקן גאַנג און אים דערהאַלטן אין זיין קלאַסישער געשפּאַנטקייט ווי מיר האָבן, אַ שטייגער, געזען אין דער העברעישער דיכטונג ביי יעקב שטיינבערג. גראַפּער איז נישט געגאַנגען — נישט אויף דעם איינעם און נישט אויף דעם אַנדערן דרך; ער האָט זיין שירה שבכתב געמאַכט פּאָר אַ גאָר זעלטענעם אורח.

און האָט פאַרשטאַרקט זיין תורה־שבעל־פה. און פאַרשטייט זיך, אַז אויף וויפל דער באַלערנדיקער מסביר און בליציקער שמועסער זאָל נישט געווען מהגה זיין ברשות הרבים און ברשות היחיד, האָט די באַרעדעוודיקע שיחת־חולין נישט געקאָנט פאַרבייטן די שוויגנדיקע שירת־קודש.

ד

די אַליינקייט איז געוואָרן זיין שוואַכע נאָטע — זי האָט אים ווי צוריק־געטריבן אין די טעג פון אוניקום און קוריאָז, כאָטש זיי זענען אָביעקטיוו שוין לאַנג נישט געווען באַרעכטיקט. דער כבוד צו אים און אַרום אים איז געווען אַ גרויסער; פאַרערער האָבן אים, דעם הויכן כמעט מאַיעסטעטישן מאַן, טיטו־לירט: מאַעסטראָ, אָבער עס איז געווען יענע שלא־מדעת־אַפּטויטנדיקע פיעטעט, וואָס דער עלעמענט פון סימפּאַטיע אין איר איז די ליבשאַפט צום נעכטן, וואָס האָט געוואָלט דעם היינט, האָט אים אָבער שאַפעריש נישט געקאָנט מיטמאַכן.

ווען שלמה ביקל, וואָס האָט די גרעסטע פאַרדינסטן אַרום אָפּשאַץ פון גראַפּערס פאַרשוין און ווערק — די מאמרים זיינע זענען ווי אַ ניגון, וואָס חזרט זיך איבער אין כלערליי וואַריאַציעס — האָט זיך איבער אים צום ערשטן אָפּ־געשטעלט, און דאָס אין זיין ערשטן בוך „אינזיך און אַרום זיך", האָט ער אָנגעוויזן אויף גראַפּערס השפעה, זאָגנדיק, אַז אָן יעקב גראַפּער וואָלט נישט געווען קיין איציק מאַנגער. דער זאַג, וואָס האָט בעצם געוואָלט זיין אַ שבח, מיינט דאָך, אַז די עיקר חשיבות פון גראַפּער איז נישט אַזוי אין אים אַליין, ווי אין דעם, וואָס ער האָט צוגעגרייט, אים כביכול מבשׂר געווען; און עס איז שווער צו זאָגן, אַז עס געהער צו די לייכטסטע זאַכן, אַזאַ קאָמפּלימענט אַראָפּ־צושלינגען. בפרט נאָך, אַז שלמה ביקל האָט זיך שפּעטער פון דער דאָזיקער סברה אָפּגעטרייסלט, אָנווייזנדיק, און מיט רעכט, אַז מאַנגער גייט פון ערגעץ־אַנדערש און פון עמעץ־אַנדערש.

ה

אין דעם טראַגישן מעמד האָט זיך גראַפּער אַריינגעלאָזט אין דער מעדי־טאַציע; וואָס וואָלט געשען, ווען דער פּאָליטישער גורל פון רומעניע, און ממילא פון מאָלדעווע, וואָלט געווען אַן אַנדערער — אַ מעדיטאַציע, וואָס האָט זיך אים צוגעשפּיצט צו אַ טעאָריע וועגן די דורותדיקע אינוואַזיעס פון רבנים, למדנים, משׂכּילים, שרייבער, לערער, וואָס זענען געקומען פון אַנדערע פּראָ־ווינצן, און האָבן מאָלדעווע און וואַלאַכיע נישט צוגעלאָזט קריגן איר אייגענעם פּרצוף. און ער האָט בעיקר אונטערגעשטראָכן די לעצטע אינוואַזיע, פון בעס־אַראַביע און בוקאָווינע, וואָס האָט פאַרפּלייצט און אָפּגעהאַקט די מאָלדעווער

אייגענע מאָדערנע אַנהויבן. עס איז, פֿאַרשטייט זיך, אַ טעאָריע, וואָס האָט נישט קיין האַפֿט, און דאָס מחמת, לפּחות דריי טעמים:

ערשטנס, געהער עס צו די אינטעגראַלסטע אינטערעסן פֿון אַ ייִדישן ישוב זיך צו געפֿינען אין אַ וואָס גרעסערן קאָמפּאַקטן ייִדישן קאָמפּלעקס, און דער־פֿאַר האָבן ר׳ עקיבא אייגער און שפּעטער ר׳ דב־בער מייזלש געשטיצט די פּוילישע אויפֿשטאַנדן, פּונקט ווי דער בעל־התניא האָט געשטיצט רוסלאַנדס עקספּאַנסיע. צווייטנס, נעמט צו דעם עמיסאַר פֿון אַ קולטורעל־רייכער ייִדישער פּראָווינץ צו אַ קולטורעל־אָרעמער ייִדישער פּראָווינץ, אָנגעהויבן נאָכן בית שני, דורך אַלע גלותן, פֿון מיטלעלטער ביז היינט, און איר נעמט צו נישט בלויז איינעם פֿון די סודות פֿון אונדזער געשיכטע און קולטור, נאָר אויך דעם באַשייד פֿונעם רעטעניש, ווי אָרום ייִדן האָבן באַוויזן צו דערהאַלטן אַ מיטל־מאָסיקן קולטור־צושטאַנד פֿון גאַנצן פֿאָלק אָדער, לפּחות, פֿון זיין צענטראַלן רוב. דריטנס, פּונקט ווי עס האָט זיך געטראָפֿן, אַז דער געבער איז געבליבן גרעסער פֿונעם נעמער, און אַזוי שטייט עס מיט מאָלדעווע, אויב נישט אין דער הלכה־ליטעראַטור, ווו זי האָט פֿאַרמאָגט אירע אייגענע גדולים, טאָ אין דער מאָדערנער ליטעראַטור, אַזוי האָט זיך געטראָפֿן, אַז דער נעמער איז געוואָרן גרעסער פֿונעם געבער, אַ שטייגער — די בראָדער און טאַרנאָפּאָלער משׂכּילים, וואָס האָבן געמאַכט אַן אינוואַזיע אין וואָלין, פּאָדאָליע, און אוקראַיִנע, וואָס זענען זיי שוין לגבי די כּוחות, וואָס זיי האָבן דאָרטן אויפֿגעוועקט, און בעיקר לגבי זייערע גענעטישע יורשים, ווו די חכמי זשיטאָמיר, לא כל שכּן זייערע דיאַלעקטישע יורשים, ווי די חכמי אָדעס.

יאָ, אונדזערע חכמים, ציטירנדיק דעם פּסוק אין שיר־השירים: „אחות לנו קטנה ושדים אין לה, מה נעשה לאחותנו ביום שידובר בה״, טייטש: אַ קליין שוועסטערל האָבן מיר און קיין בריסטן האָט זי נישט, וואָס וועלן מיר טאָן אונ־דזער שוועסטער ווען זי וועט שטיין אין שידוכים, און זיי זאָגן: זו עילם שזכתה ללמוד ולא זכתה ללמד, טייטש: דאָס איז בבל וואָס האָט זוכה געווען צו לער־נען פֿון אַנדערע, אָבער נישט זוכה געווען צו לערנען אַנדערע. און ווער ווייסט דאָס נישט, אַז די גרויסע נעמערין איז געוואָרן אַ נאָך גרעסערע געבערין, וואָס שפּייזט אונדז ביז אויפֿן היינטיקן טאָג.

ו

אָבער כאָטש יעקב גראַפּער, וואָס איז געווען אויסגעבונדן אין ייִדישער געשיכטע, האָט געוווּסט ווי עס האַלט, און מוז האַלטן מיט דער טעאָריע זיינער, און מסתּמא האָט ער זי, אין שעהען פֿון גבֿורת־הדעת, אָפּגעוואָרפֿן (עס איז דאָך געווען געוווּנג, ער זאָל אַ קלער טאָן וועגן דעם מסופּקדיקן אַריכות ימים

פון זיין אייגענער מאָלדעווישקייט — פון טאַטנס צד אַן אייניקל פון אַן אונ־גערישן באַרימטן משכילישן רב, פון דער מאַמעס צד אַ קרוב פון אַ גאַליצישן באַרימטן חסידישן רבין), אָבער אין שעהען פון חולשת־הדעת האָט ער זיך אין דער טעאָריע זיינער אָנגעכאַפּט.

אָבער מיר דאַרפן זיין זייער געוואָרנט פון צו מאַכן אַ פאַרגלייך צווישן יעקב גראַפּערס טעאָריע וועגן דער בעסאַראַבער און בוקאָווינער אינוואַזיע קיין אַלט־רומעניע און צווישן א. מ. ווייסנבערגס טעאָריע וועגן דער ליטוואַצקער אינוואַזיע קיין קאָנגרעס־פּוילן — ווייסנבערג האָט זיין טעאָריע פאַרשאָטנט אין אַן ענגהאַרציקער קראַמפּיק־פאַנאַטישער שׂנאה, גראַפּער האָט זיין טעאָריע אויסגעליכטיקט אין אַ ברייטהאַרציקער טאָלעראַנט־רעזיגנירטער ליבשאַפט, ווי עס ווערט געבראַכט וועגן כביכול, אַז ער שמייכלט אַזוי צו זאָגן: נצחוני בני, טייטש: מיינע קינדער האָבן מיך באַוועלטיקט.

בעצם איז דאָך די טעאָריע בלויז אויסן געווען צו באַמאַנטלען די אייגענע טראַגיק, וואָס לאָזט זיך אַזוי דעפינירן: גראַפּערס פרייד, פון אַרויס פון דער פּריִערדיקער איזאָלירטקייט, איז געגאַנגען געאַרעמט מיטן טרויער פון אַריין אין אַ שפּעטערדיקער איזאָלירטקייט, אַנדערש געזאָגט: פריִער אַליין אין אַן אומ־שאַפערישן, שפּראַכלעך פרעמדן און אָפּגעפרעמדטן רבים, און איצט אַליין אין אַ שאַפערישן, שפּראַך־היימישן און פאַרהיימישטן רבים, און דער צוואַנג און דער כוח צו זיין אַליין איז געבליבן דער זעלבער. די קשיא, פון וואַנעט ער האָט גענומען דעם כוח, איז אפשר די עיקר קשיא לגבי דעם פענאָמען גראַ־פּער — אָבער כדי זי צו פאַרענטפערן, פאָדערט זיך אַ באַזונדער קאַפּיטל, וואָס וועט זיך אָנהייבן מיט אַ דריילינג: אָפּשטאַם, כאַראַקטער, שליחות; און איך רעזערוויר מיר עס אויף אַן אַנדערן טערמין, ווען מיר וועלן זיך נישט באַגנו־גענען מיטן לייכטן פאַרגעניגן צו פראַווען דעם זכר פונעם פאַרשוין, ווי מיר האָבן עס איצט געטאָן מיט דער פרעמיע אויף זיין נאָמען און מיט זיינע מיטלען, נאָר ווען מיר וועלן האָבן אָפּגעטאָן אַ ביסל שווערערע מלאכה און אויפפרישן דעם זכרון פון זיין ווערק, און עס אַרויסגעבן אין בוך־טאָוולען, במהרה בימינו אָמן.

[כ״ה ניסן תשל״א]

דער שטענדיקער חידוש

איציק מאַנגער

מאמר א׳: צווישן בויג און שטרעק

א

אַט־אַט פראַוועט די „שטערן אויפן דאַך״, מאַנגערס ערשטלינגבוך, זייער דרייסיק־יאָריקן יובל; דער לייענער שטייט שוין נישט פאַר אַ בינטל, נאָר פאַר אַ סטויג לידער, אין כמה וכמה בענד און אין כמה וכמה אָפקלויבן; ער קען שוין דעם דרך, פונעם עיקר־צוגאַנג אין דער טעמאַטיק ביז צום אויספיר־פרט אין דער פאַקטורע; און פון דעסטוועגן וועט עס נישט זיין קיין גוזמה צו זאָגן, אַז דאָס געפיל פון חידוש, וואָס יענער ערשטער שטערן־אויפלויכט האָט אַרויסגערופן, האָט נישט אָנגעווירן פון זיין פרישקייט, און דער שטוי־נענדיקער שמייכל, מיט וועלכן דער לייענער האָט זיך אָפגערופן, באַנייט זיך עד־היום אויף זיינע ליפן, אַפילו ווען ער איז שוין אַזוי באַהאַוונט אין דיכטערס נוסח, אַז ער ווייס כמעט, אויף וואָס פאַר אַ נייעם קנייטש פון חן ער מעג אָדער דאַרף זיך ריכטן. בעצם, באַמיט זיך די גאַנצע מאַנגער־קריטיק צו דערגיין דעם סוד פון דער איבעראַשנדיקער פרישקייט — צי איז עס דער באַזונדערער צוזאַמענפלעכט פון גרונטיקן תמימות און סופערקלוגער איראָניע, צי דער באַזונדערער סינטעז פון פאָלקישן פרימיטיוו און קינסטלערישער ראַפינעריע, צי גאָר אַן אַנדער מין שפיל, וואָס באַשטייט אין ענגן שכנות פון קעגנזאַצן. שווער צו זאָגן, אַז דער פאָלאַרישער אויסטייטש איז אַ פאַרענטפער, שוין צוליב דעם אַפילו, וואָס פאָלאַרישקייט איז כלל נישט קיין נאָווינע אין אונדזער דיכטונג, און עס איז כמעט נישט פאַראַן קיין דיכטער פון פאַרנעם און באַטייט, וואָס די קריטיק האָט נישט געזוכט אין דער פאָלאַרישקייט דעם שליסל צו זיין דערקלער.

אונדזער קשיא פאַרשפיצט זיך באַזונדערס מחמת דעם, וואָס אַן איבעראַשנדיקע פרישקייט איז, בדרך כלל, אַ סימן פון אַ דיכטער און אַ דיכטונג, וואָס קומען אויף אין אָדער נאָך אַ צייט פון אַ גרויקייט אָדער טעמפקייט אין דער שאַפערישער אָדער מכלומרשט שאַפערישער סביבה. אָבער מאַנגער האָט

זיך דאָך געיאָוועט אין אַ צייט פון אַ ייִדיש־פונאַנדערבלי — פון אַמעריקע האָט זיך געטראָגן דער ברויזיקער ברום פון משה לייב האַלפּערן און דער לאַשטשעב־דיקער פּליעסק פון זישאַ לאַנדוי, עס האָט געהילכט דער פעסטער אויפשטייג־טראָט פון ה. לייוויק און ה. רויזענבלאַט און עס האָט אַ שפּראָץ געטאָן אַ נייע שול מיט יעקב גלאַטשטיין און א. לעיעלעס בראש; אין פּוילן האָט אויפגע־רודערט אורי צבי גרינבערג און עס האָט געכוואַליעט מלך ראַוויטש און אהרן צייטלין; פון סאָוויעט־רוסלאַנד האָט אָפּגעדונערט די קלאַנגיקע ירושה פון אשר שוואַרצמאַן און עס האָבן מיט אַ שוימיקער קראַפט אַ פּלייץ געטאָן קולבאַק און מאַרקיש. נאָך מער, אין דער רייכער, מיט מעלאָדיעס איבערגעלאָדענער, סימפאָניע האָבן זיך פאַרוועבט גאָר קרובישע טענער — די אויסגעאיידלטע סוב־טילקייט פון מאַני לייב און די אויסגעאיידלטע אינטימקייט פון י. י. סיגאַל. הייסט עס, אַז מאַנגער איז אויפגעקומען אין אַ צייט פון ייִדיש דיכטערישער שפע, און דאָך האָט ער, פון סאַמע אָנהייב, פאַרכאַפּט מיט זיין בולטער באַזונ־דערקייט, אַנדערשקייט, און בעיקר מיט זיין חנודיקער פרישקייט.

ב

זאָגט מען: עס איז דער סוד פון זיין היים. איז עס אַ שטיקל ביאור. נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה זענען געפאַלן די פּאָליטישע גרענעצן צווישן דריי פּראָווינצן, וואָס זענען פריער פונאַנדערגעטיילט געווען צווישן דריי מלוכות, — מאָלדעווע, בעסאַראַביע און בוקאָווינע — און אָט דער שאַפעריש סיי גאַרנישט סיי ווייניק עקספּלואַטירטער דריילינג האָט אונדז באַרייכערט מיט נייע וואָגיקע כוחות, וואָס ביי זייער גאַנצער דיפערענציאַציע טראָגן זיי אַ בשותפותדיקן חותם פון genius loci, חן המקום, וואָס דער סוד זיינער איז ווידער אַ פּאַלאַ־רישער — אַ פּעט איבערזאַטער טאַמבור און אַן איידל פאַרבענקט פייפל. עס איז גאָר אַ היפשע קאָמפּאַניע — דיכטער, דערציילער, עסייִסטן, רעזשיסאָרן, פאַרשער. אָבער דאָך לאָזט זיך מאַנגער נישט פולקום איינגלידערן אין דער חברה, דער עיקר בלייבט מחוץ דעם צד השווה, און אויב זוכן אַ צד השווה ממש, לאָזט זיך בעצם בלויז רעדן וועגן אליעזר שטיינבאַרג, וואָס אַ יעדער באַנייטער צוזאַמענטרעף מיט אים אָטעמט אַרויס די איבערראַשנדיקע פרישקייט פון דער ערשטער באַגעגעניש. מעגלעך, אַז אַ קאָנסעקווענטער פאַרגלייך צווישן זיי ביידע וואָלט בולטער געמאַכט נישט בלויז די אַנדערשקייט פון סובסטראַט און וועג — דאָרט דער משל אַלס עיקר־שאַפונג, דאָ די באַלאַדע אַלס עיקר־שאַפונג, נאָר אויך די דיזעלביקייט פון איינדרוק — סיי דאָרט סיי דאָ האָבן מיר פאַר זיך אַ דיכטער, וואָס האָט אויפגעהויבן אַ טייערן מעטאַל פון פאָלק, האָט אַראָפּגעקראַצט דעם שטויב און אָפּגעפּיילט דעם זשאַווער, איבערגעברענט

און אויסגעפֿורעמט אַ כּלי, וואָס מען ווייס נישט, ווו איז די גרענעץ צווישן אַרב און אויפֿטו, צווישן המשך און באַשאַף, צווישן ניי און אַלט, אָבער מען ווייס, אַז דער וואָס האָט די כּלי געמאַכט זיצט פֿאַרבאַהאַלטן אין סאַמע מיט פֿון דער פֿאַרבאַרגענער גרענעץ, פּונקט ווי מען ווייס, אַז ווי מען נעמט נאָר די כּלי פֿון איר טועם צו זיין, פֿילט מען אַ משונהדיק טאָפּל־געפֿיל: איך האָב עס שוין אַ מאָל געטרונקען און דאָך טרינק איך עס צום ערשטן מאָל.

זאָגט מען: פֿאָלק־ירושה. און מען איז מפֿרש: נישט דאָס פֿאָלק סתּם, נאָר אַ שיכט, די שיכט פֿון בעלי־מלאכות. איז עס אויך אַ שטיקל ביאור. דער ייִדישער בעל־מלאכה, און דער שניידער בראש, איז געווען פֿאַרליבט אין זינגעריי. נישט אומזיסט האָבן זיך פֿון אים רעקרוטירט די בראָדער זינגערס און זייערע יורשים, די פּיאָנערן פֿון ייִדיש־טעאַטער. אמת, אַ בעל־מלאכישע און בפֿרט אַ שניידערישע שטוב דאָס איז אַן אייביקער קאָנצערט פֿון ניגון און ליד, נוסח און מעלאָדיע, געזונגענע פֿרייד און לייד. שטעלט מען צו צו דער מאַנגערישער שניידערישער היים די מסורה פֿון דער גאַס — דעם לעבעדיקן זכר פֿון די יאַסער אויפֿטריטן פֿון בערל בראָדער און וועלוול זבאַרזשער און גאָלדפֿאַדען, לאָזט זיך שוין שיין שמועסן, בפֿרט ביי אַ גלעזל מעד, איבער דער אַטמאָספֿער אין וועלכער מאַנגער האָט געקענט און געדאַרפֿט אויסוואַקסן. אָבער מעגלעך, אַז דער שלשלת־היוחסין איז דאָך, לפּחות צום גרויסן אויב נישט צום גרעסטן טייל, אַ שפּעטערע קאָנסטרוקציע, און זי הערט אויך נישט אויף צו זיין אַ קאָנסטרוקציע, ווען דער דיכטער גופֿא פֿאַטאַקעוועט צו איר און שפּאַרט זי אויך לייטיש אונטער. אַוודאי, איז מאַנגער געבוירן געוואָרן אין אַ זינגעוודיקער היים, אין אַ גאַס, אַ שטאָט, אַ קאַנט, ווו ייִדיש האָט געמאַכט זיין סטאַרט צום בענקל־געזאַנג און צום טעאַטער, אָבער אויפֿגעכאָוועט האָט ער זיך אין אַ סך ברייטערער און אויך אַ סך נאָענטערער היים — אין דער ייִדיש־פּאָעזיע פֿון די לעצטע דריי דורות. און אויך די ברייטע היים שטייט אין אַ ברייטערער — אין דער וועלט־פּאָעזיע, וואָס מאַנגער איז אַ בן־בית אין איר, בפֿרט אין אַ פּאָר אירע לופֿטיקע און ליכטיקע שטובן.

עס איז, גראַפֿיש גערעדט, אַ ספּיראַלער קרייז — דער אָנהייב די היים פֿון שניידערישן ליד; דער המשך די היים פֿון פֿאָלקליד און דער סוף די היים פֿון וועלטליד, און אין גערעַנגל צווישן דריי היימען צייטיקט אויס דאָס מאַנגערישע ליד. אַ גערעַנגל, וואָס די קאָקעטעריע פֿון קאָנסטרויִרטן ייִחוס פֿאַרשטעלט פֿאַרן עולם דעם ווייטאָג און ווייזט אים נאָר דעם ווילטאָג. ווייל דער קאָנסטרויִרטער ייִחוס ווייזט דעם דיכטער ווי ער בייגט זיך איבער דעם רוי־מאַטעריאַל פֿון דער ענגער קינדערישער היים און לייגט אים אויפֿן וואַרשטאַט און מאַכט פֿון אים אַ כּלי, אָבער ער פֿאַרשטעלט דעם דיכטער ווי ער שטרעקט זיך צו די פֿולקר־

מענקייטן פון דער ברייטער דיכטערישער וועלט און לאָזט זיין כלי אָפּראַבירן נישט לויט איר ווערט לגבי דעם רוי־מאַטעריאַל פון דער היימדיכטונג אונטן, נאָר בעיקר לויט איר וואָג לגבי דעם אוצר פון דער וועלטדיכטונג אויבן. דער אייביקער קאַמף צווישן דעם בויג אַרונטער און דעם שטרעק אַרויף — דאָס איז אויך דער סוד פון יענער שטענדיק איבעראַשנדיקער פרישקייט. ווייל דער קאַמף צווישן בויג און שטרעק איז אויך אַ קאַמף צווישן איינשלעפּערנדיקן נאַרציזם און אויפוועקערישער אויטאָקריטיק.

ג

די קאָנפראָנטאַציע צווישן בויג און שטרעק איז נייטיק נישט נאָר לשם קאָנטראָל פונעם אויפטו נאָר אויך פון זיין סובסטראַט, פון זיין תוכן. אַזאַ מין קאָנפראָנטאַציע איז איצט דער צוזאַמענטרעף צווישן מאַנגערס חומש־לידער און דעם חומש־לאַנד. מיר ווייסן וואָס ער האָט אויפגעטאָן מיט זיין בויג איבער דעם רוי־מאַטעריאַל פון פאָלק־מדרש און אויפהייב צו מדרש־איציק, מיר וואָלטן גערן ויסן, וואָס וועט ער אויפטאָן מיטן שטרעק צום מקור, פון וואַנען דער חומש איז אַרויסגעוואַקסן. מיר וואַרטן צו הערן וואָס ער האָט דאַריבער צו זאָגן און בעיקר וואָס ער האָט דאַריבער צו זינגען.

[תשט״ו]

מאמר ב׳: איך בין דיין שטויב

אַ וואָרט ביי דער מאַנגער־אזכרה

א

איר וועט מיר דערלויבן אָנצוהייבן מיט אַ מעשה שהיה כה היה:

ח. נ. ביאַליק האָט אַ מאָל דערעפנט אַ שרייבער־געזעמל, האָט ער, דער־מאָנענדיק סיי די וואָס זענען אַוועק און מער נישטאָ, סיי די וואָס האָבן גע־פּראַוועט יובלות, זיך באַנוצט מיטן פסוק פון עמוס: וניגש חורש בקוצר, טייטש: און דער אַקערער וועט זיך אָנשטויסן אָן דעם שניטער. — דער אַקערער מיינט דער נותן־חיים, וואָס גיט דאָס לעבן; דער שניטער ווייטער מיינט דער גוזר מיתה, וואָס נעמט צו דאָס לעבן. שטעלט זיך אַ קשיא, וואָס פאַר אַ מין ברכה שטעקט אין אַזאַ צוזאַמענשטויס? איז דער תירוץ, אַז דער גיכער און פאַכאָפּ־נער שניט קאָן אויף אַזאַ אופן נישט אויפהאַלטן דעם באַזאַכטן און באַדאַכטן פאַרזיי, דען איידער דער שניטער האָט נאָך אוספיעט צו פאַרלענדן דעם שאַפער, גייט שוין דער אַקערער און איז ממשיך דעם באַשאַף.

אויך איצט, שלושים נאָך איציק מאַנגערס פּטירה, מעגן מיר דערמאָנען דעם נביאס ברכה אין ביאַליקס אויסטייטש: וניגש חורש בקוצר — אָט האָט דער שניטער פאַרשניטן דעם גוף פונעם פּאָעט און שוין באַנייט דער אַקערער דעם גייסט פון זיין פּאָעזיע. אַזוי אַרום שטויסן זיך אויך צוזאַמען דער טרויער, מחמת דעם דיכטערס טויט, און די טרייסט מיטן לעבן פון זיין דיכטונג, דען דער אַקערער פירט ווייטער דעם אַקער ביז אין דער אייביקייט אַריין.

ב

דאָס, וואָס אונדזער דיכטער, וואָס איז כמעט אַ לעבן לאַנג, געווען נע־ונד, און געוואַגלט פון איין גלות אין אַנדערן, האָט זיין רעכטע רו געפונען אין דער ערד פון ארץ־ישראל, איז אַ גרויסער ענין. דען די אויבנאויפיקע שיכט פון זיין דרויסנדיקער ביאָגראַפיע (אידעאָלאָגיע, פּראָגראַמע, פּאַרטיי וכדומה) האָבן צו דער ערד נישט געפירט, אָבער די גרונטיקע יסודות פון זיין אינע־ווייניקסטער ביאָגראַפיע (ירושה, מסורה, שטייגער וכדומה) האָבן זי קיין מאָל נישט פאַרלאָזט. דערפאַר לוינט זיך נאָכצוגיין און אויפצוכאַפּן די סליאַדעס פון דער חומש־ערד אין זיין דיכטונג, כדי צו זען, ווי אַזוי האָט זי זיך אַריינגע־צווערנט אין זיינע פריע קינדערישע יאָרן און ווי אַזוי האָט זי זיך אַריינגע־וועבט אין די פערזן פון זיינע לידער און באַלאַדעס. זי, די חומש־ערד איז דאָ געווען אייניצייטיק פאַרפלאַנצט סיי אין איר לאַנד סיי אין זיין לאַנד. און דאָס ווייטע און נאָענטע האָבן זיך ווי צוזאַמענגעשמאָלצן, ביז עס איז געקומען דער טראַגישער פונאַנדעררייס, אין די יינגלשע און עלטערע יאָרן, ווי מיר קענען אים סיי ביי מאַנגערן, סיי ביי אונדזערע אַנדערע גרויסע דיכטער. און עס איז אַ חוב צו פאַרריכטן אַ פאַרשפּרייטן טעות — עס הייסט געוויינלעך, אַז די חומש־וועלט בכלל האָט זיך אונדזער דיכטער שפּעטלעך אַנטפּלעקט. מען וויל אַפילו באַשטימען די דאַטע, בשעת די „אהל"־טרופּע איז געקומען קיין וואַרשע, און האָט דאָרט געשטעלט די פיטאָרעסקע פּיעסע „יעקב ורחל", זאָל מאַנגער, וואָס האָט געוואָרפן אַן אומחן אויף דער בעדויִנישער קאָנצעפּציע, זיך האָבן גענומען אָקעגנשטעלן אַ יידישלעכע קאָנצעפּציע, ווי אַזוי דאָס פּאָלק, און בעיקר די יידישע מאַמע און דאָס יידישע קינד, האָבן געזען דעם חומש. און אַזוי זענען געבוירן געוואָרן די חומש־לידער, אַ לעבעדיקער דיכטערישער מדרש, וואָס איז, צוזאַמען מיט די מגילה־לידער און אַנדערע תנך־סוזשעטן, אַריין אין בוך „מד־רש איציק".

ג

איז מעגלעך, אַז יענער ספּעקטאַקל פון „אהל", אין דער העלפט פון די דרייסיקער יאָרן, האָט געהאַט אַ שטיקל פּעולה, אָבער מען טאָר דאָך נישט

פאַרגעסן, אַז שוין אין זיין ערשטן ספר, וואָס איז אַרויס יאָרן פריִער, אין זיין בוך „שטערן אויפן דאַך" איז פאַראַן אַ ליד, הייסט עס „גאָלדפּאַדעניאַדע" און דער דיכטער שטעלט דאָרט פאַר אונדז אַנידער די גאָלדפאַדענישע געשטאַלטן, ווי ער האָט זיי דורכגעלעבט, מסתמא נאָך אין די יינגלשע יאָרן, ווען ער האָט זיך אַריינגעגנבעט הינטער די קוליסן פון דער טשערנאָוויצער יידישער טעאַטער־בודע — עס ווייזן זיך פאַר אונדז ביבלישע פּרצופים און סיטואַציעס אין אַ גרויער רעאַליסטיק — דער פאַרשוין, וואָס זינגט „הייסע באַבקעלעך"; אין פאַרביקער קאָמיק — די צווייִ קוני לעמל; אין אַ שעמערירנדיקער ראָמאַנטיק — עס דערהערט זיך דער געזאַנג „וויינט און קלאָגט ציונס טעכטער" און —

פלוצעם אַלע אויף די קני, —
אין אַ בלאָען שטערנקלייד
גייט שולמית הויך און בלייך,
ווי די מאַמע רחל גייט
אין דער האַנט אַ זיידן שטריקל
(ס'ציטערט שטיל איר שוואַרצער ברעם)
זי פירט דאָס גאָלדענע ציגעלע
איבערן ווייסן שניי אַהיים.

עס איז אַ בילד, וואָס לערנט אונדז, אַז פונקט ווי שולמית, ווי דאָס קינד, דער פּאָעט, האָט זי אין איר שלמותדיקער שיינקייט, געזען דורך די שפּאַרעס פון גאָלדפאַדענס מעלאָדראַמע, איז אַ ווייטער גלגול פון דער מוטער רחל, אַזוי זענען ביידע, סיי שולמית סיי רחל אַ פּראָטאָטיפּ פון אַ יעדער יידישער מאמע אין אַ יעדן יידישן שטעטל אין גלות אייראָפּע (והראיה: דער שניי), און די דרייפאַכיקע מאַמע פירט עס אַהיים דאָס גאָלדענע ציגעלע, וואָס האָט זיך פון אונטערן וויגעלע אַפיר דערהויבן צו אַ סימבאָל, וועלכער איז געוואַקסן פון ליד צו ליד, סיי ביי מאַנגערן, סיי ביי אַנדערע יידישע דיכטער.

ד

און נאָך עפּעס: אין „שטערן אויפן דאַך" זענען שוין פאַראַן לידער איבער די תנך־געשטאַלטן — לידער וועגן עקדת יצחק און דער מוטער רבקה; אַ ליד איבער יוסף הצדיק; אַ ליד איבער דוד המלך, און זיי זענען עס די ערשטע שוואַלבן, וואָס זאָגן אָן דאָס ערשטע פּאָרל ציקלען — די חומש־לידער, וואָס שפּאַנען נישט אַריבער די שוועל פון ספר בראשית, די פּסוק־לידער, וואָס שפּאַנען נישט אַריבער די שוועל פון די נביאים־ראשונים, פונקט ווי דאָס פאָלקס־בוך „ספר הישר" — יידיש אויך: „תם וישר" — איז קאָנצענטרירט בעיקר

אין ספר בראשית; און ווי די אַלטע יידישע עפּישע דיכטונג איז קאָנצענטרירט בעיקר אין שמואל־ און מלכים־בוך. און זיי זאָגן אויך אָן דאָס אַנדערע פּאָרל ציקלען — סיי מגילת אסתר, וואָס איז שוין גאָר לאַנג אַן אינטעגראַל פון דער פאָלקס־ליטעראַטור און איר שפּראַך, און וואָס אונדזער דיכטער האָט זי אויס־געצייטיקט צו אַן איבערגעפּעפּערט ראַפינירטן פּורים־שפּיל; סיי מגילת־רות, וואָס דער דיכטער האָט זי איינגעשלייערט אין סובסטילסטן אידילישן טיול.

זענען טאָקע די מפרשים פון תנך־סוזשעט ביי אונדזער דיכטער מחויב צו געדענקען און דערמאָנען, אַז ער האָט דעם תנך געזען און געוויזן אין אַ טאָ־פּלטער פּערספּעקטיוו פון אַ טאָפּל־קוק אַפיר, און אַ יעדער קוק פאַרמאָגט נישט בלויז אַ באַזונדערן באַנעם, נאָר אויך באַזונדערע אויסדרוק־מיטלען, און עס איז בפירוש אַ שאָד, וואָס צווישן מאַנגערס אָפּשאַצער, בפרט די וואָס די מגילה־לידער זענען זיי נישט געוועזן צום האַרצן, האָבן די טאָפּלטקייט פאַרזען אָדער נישט לייטיש אָפּגעשאַצט.

ה

אָבער די טאָפּלטקייט שעפּט נאָך נישט אויס זיינע אַלע קוקווינקלען און זייערע אויסדרוק־מיטלען, דען מיר האָבן דאָ, לפּחות, אַ דרייפאַכיקן צוגאַנג.

פּונקט ווי שולמית איז סיי אַ גלגול פון דער מוטער רחל אין אַ ווייטן דור, סיי אַ פּראָטאָטיפּ פון אַ יידישער מאַמע אין אַ נאָענטן דור, אַזוי קומט עקדת יצחק פיר סיי אין ערשטע סיי אין די לעצטע דורות, ביזן לעצטן דור ממש. ווערט דאָך ער, יצחק, דער דיכטער גופא, געבונדן אויפן מזבח, און דער זיידע זיינער, אברהם, בינדט אים. דאָס דערציילט דאָך אונדז בפירוש אַ ליד אין בוך „דעמע־רונג אין שפּיגל", וואָס הייסט טאָקע „עקדת איציק" — ער אַליין, אַ קינד וואָס הייסט יצחק, לעבט איבער די פולע גרויס און די גאַנצע שרעק פון דער עקדה. אָוודאי איז עס בחינת השם גורם, ווי מיר האָבן עס געהאַט ביים דיכטער טשער־ניכאָווסקי, וואָס האָט געהייסן שאול און האָט אין אַ פּאָר באַלאַדעס איבערגעלעבט דעם ערשטן טראַגישן שאול.

איז כדאי צו פאַרגלייכן דעם אָנהייב פון ליד „עקדת איציק" און זיין מיט. דער אָנהייב פון ליד ברענגט אַפיר די טראַכטעניש פון דעם יינגל יצחק, וואָס דער זיידע, דער בעל עגלה, אברהם, פירט אין זיין פערד־און־וואָגן:

וואָס טראָגט פאַר מיר דער גילדענער פויגל,
איין גאָט אין הימל קען וויסן,
אפשר דעם זיידנס קידוש־בעכער
מיט ארץ־ישראל־ווייַן זיסן?

די מיט פון ליד ווייטער ברענגט אַפיר די טראַכטעניש פון דעם זיידן, אברהם, וואָס פירט פער אַקס דאָס אייניקל:

איצט האָט ער חרטה דער אַלטער גאָט
און ער מאָנט ביי מיר דעם קרבן,
כאָטש כ׳האָב שוין אַזוי פיל מאָל געלעבט
און בין שוין אַזוי פיל מאָל געשטאָרבן.

די דאָזיקע ווערטער באַפרייען דעם זיידן מיטן אייניקל פון זייער צופאַליקער צייטלעכקייט און באַשטימען זיי ווי אַ דור־דור זיך איבערחזרנדיקע מאַש אין דער געשיכטלעכער קייט, פונעם ערשטן יצחק ביזן לעצטן איציק. אין ליכט פון דעם דיכטערס דאָזיקן ליד, ווי אַ גרונטליד, דאַרף מען באַטראַכטן אַלע זיינע תנך־ציקלען, אַ יעדער ציקל מיט זיין באַזונדערן באַנעם און זיין באַזונדערן טעם, סיי באַזונען און ערנצט, סיי באַזונט אין שטיפעריש, כביכול דער דיכטער האָט זיך מתכוון געווען אויפצושפילן די תנך־קאַפּיטלען בכלים מכלים שונים, אָט יענע כלים, וואָס, לויטן מדרש, האָבן זיי באַשיינט סיי דעם היכל פון דעם מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא, סיי די סעודה פון אַ מלך בשר ודם, ווי עס איז געווען יענער מלך טיפּש פון דער מגילה.

ו

אפשר דערפאַר איז מאַנגער מסוגל געווען צו דעם, וואָס כמעט קיין שום דיכטער פאַר אים איז נישט מסוגל געווען: קומענדיק אין לאַנד פונעם חומש, האָט ער זיך און דאָס לאַנד נישט געזען ווי צוויי קרובים, וואָס קומען נאָך לאַנגע דורות, באַנייען אַן אַלטע קאַנטשאַפט, ווי עס האָבן געהאַלטן און געטאָן אַ סך פאַר אים, נאָר ער האָט דאָס לאַנד און זיך געזען בחינת שניים שהם אחד. און עס איז מסתמא נישט קיין צופאַל, אַז ווען ער האָט געמאַכט אַן אָפּקלייב פון זיין פּאָעטישער האַרוואַניע אין זיין בוך „ליד און באַלאַדע" האָט ער עס אָנגע־הויבן מיט אַ ליד וועגן די אים נאָענטסטע אין דער מענטשן־משפחה — אַלטע בעטלער און בידנע מאַמעס; אָרעמע כלות און בלינדע; דינסטן און זעלנערס; מיידן און ממזרים; קאַטערינטשיקעס און גנבים, שמאַטע־קלייבער און פּאָעטן, אַלטע־לייט און קינדער; און ער האָט עס פאַרענדיקט מיט אַ ליד וועגן דאָס אים נאָענטסטע אין דער לענדער־משפחה, דאָס באַקאַנטע ליד זיינס: „כ׳האָב זיך יאָרן געוואַלגערט", ווו ער מאַרקירט שאַרף די גרענעץ צווישן אין דער פרעמד און צווישן אין דער היים, — די פרעמד איז די גאַנצע וועלט, חוץ ארץ־ישראל, און די היים איז בלויז ארץ־ישראל. און די היים, אונדזער לאַנד, ווייזט זיך אים אין דריי עיקר־עלעמענטן: שטויב, בלאָ, זאַמד. וועגן ערשטן עלעמענט זאָגט ער:

כ׳וועל נישט קושן דיין שטויב, איך בין דיין שטויב; **ווען צווייטן עלעמענט זאָגט ער:** כ׳וועל נישט קושן דיין בלאָ, איך בין דיין בלאָ; **ווען זאַמד זאָגט ער:** כ׳וועל נישט קושן דיין זאַמד, איך בין דיין זאַמד; **און ווען אַלע דריי פרעגט ער:** און ווער קושט עס, איך בעט אייך, זיך אַליין?

אָבער נאָך דעם ווי מיר האָבן געזען, ווי אַזוי מאַנגער באַנעמט, ברייט און טיף, עקדת יצחק, מעגן מיר, דוכט זיך, פּרוּוון, אויף דעם דרך, באַנעמען דעם דרייפאַכן איך, אַז עס איז דער איך פון אַלע ייִדן און פון אַ יעדן ייִדן, און אויב מיר מעגן זיך באַנוצן מיט אַ בילד פון דער קבלה, איז עס דער באַנעם פון ארץ־ישׂראל ווי די אמתע שיעור־קומה פון עם־ישׂראל, אַזוי ווי מיר האָבן געלערנט פונעם חלום פון אונדזער פאָטער, וואָס האָט אַם ערשט געהייסן יעקב און שפּע־טער ישׂראל: ער, ברוך הוא, האָט צוזאַמענגעקנוילט גאַנץ ארץ־ישׂראל אונטער אים, און ליגנדיק אַזוי, בשעת אַלע שטיינער זענען געוואָרן איין שטיין אונטער זיין קאָפּ, האָט ער געקאָנט חלומען דעם ערשטן גרויסן חלום פון אונדזער פאָלק; אַ לייטער, וואָס שטייט אויף דער ערד און זיין שפּיץ דערגרייכט די הימלען.

[ה׳ ניסן תשכ״ט]

מאמר ג׳: חדר מאַנגער

אַ וואָרט ביי דער אזכרה אין ירושלימער אוניווערסיטעט

א

מיר האָבן דאָך מסתמא אַלע געלייענט איציק מאַנגערס בוך פון גן־עדן און ווייסן, וואָס פאַר אַ פאָרטל עס איז דאָרט, דעם דערציילנדיקן איך, בייגעשטאַנען, ער זאָל זיך אויסדרייען פונעם מלאכס שנעל אונטער דער נאָז, און זאָל נישט פאַרגעסן, וואָס ער האָט, דאָרט אויבן, פאַר זיין געבוירן ווערן, געזען, געהערט, געלערנט און דורכגעלעבט, און זאָל עס אונדז קאָנען, דאָ אונטן, דערציילן, ווי ער האָט טאַקע, אין יענעם אויסטערליש וווּנדערלעכן בוך דערציילט. האָב איך אים אַ מאָל געזאָגט, אַז עס איז אַ פּשוט און געניאַל פאָרטל, אָבער אַזוי ווי מיר האָבן מיט די נאָך־נישט־געבוירענע קיין שום מגע־ומשא נישט, קאָנען מיר זיי דאַריבער נישט אינפאָרמירן, אַזוי אַז עס בלייבט אַ מאַנאָפּאָל פון אבא־אבערוואָ; אַנדערש ווען מיר וואָלטן אויסגעקליגלט אַ פאָרטל, ווי אַזוי, נאָך הונדערט און צוואַנציק יאָר, צו קאָנען זען און הערן, וואָס טוט זיך עפּעס ווייטער דאָ, אויף אונדזער בידנער וועלט. האָט ער מיר געענטפערט, אַז דאָס איז דווקא פון די לייכטע זאַכן — מען דאַרף בלויז, אַנשטאָט די צוויי שערבלעך, וואָס מען לייגט אויפן מענטשנס אויגן אין קבר, כדי פאַר אים צו פאַרהוילן דעם עולם־הזה,

אַרויפֿלייגן צוויי שערבלעך פֿון די איצט מאָדערנע שפּאָקולן, וואָס זיי זענען אויף דער אויבערשטער זייט טונקל, אָבער פֿון דער אונטערשטער זייט זעט מען אַלצדינג.

אַזוי ווי עס איז מעגלעך, אַז ער, מאַנגער, האָט, נאָך זיין פּטירה, זיך באַנוצט מיט דעם דאָזיקן פּאַטענט, און ממילא בלייבט דאָך פֿאַר אים אויך אונדזער איצטיקע אימפּרעזע נישט פֿאַרשטעלט, וועל איך רעדנדיק, אַז ער און דער גאַנצער עולם זאָל פֿאַרשטיין, געדענקען, אַז ער זעט און הערט אַלצדינג.

ב

ווען איך זיך, קודם־כּל, היטן פֿאַר זיין קריטישן שמייכל, און נישט אָנהייבן מיט אַ קשיא, וואָס ליגט אויף דער צונג, ווייל זי פּאַסט כּביכול צום רומל: נאָ, נאָ, מאַנגער, דער נע־ונד, אין זיינער אַן אייגענער שטוב, אַ שטענדיקער שטוב, און דאָס טאַקע אויף דער וועלט? איך וועל אַזוי נישט אָנהייבן, ווייל עס איז אַ קשיא, וואָס האָט בעצם, קיין האַפּט נישט, שוין מחמת דעם פּשוטן טעם, וואָס ער, מאַנגער, האָט די דאָזיקע שטוב באַגרינדעט און אויפֿגעבויט. און איך מיין עס נישט בדרך־דרש — דהיינו, אַזוי ווי אַלץ, וואָס איז שוין דאָ און וועט זיין אין דער שטוב, איז פֿון אים — זיינע ווערק אין אָריגינאַל און איבערזעץ, זיינע כּתב־ידן און דרוקן, זיינע בריוו; אָדער וועגן אים — פֿאָרטרעטן, אילוסטראַציעס, און די גרויסע אָפּשאָץ־ליטעראַטור, האָט ער אַליין געמאַכט די שטוב פֿאַר זיין שטוב, ווייל אַן דעם אַלעמען וואָלטן עס געווען סתם פֿיר ווענט. איך מיין עס בדרך פּשט — ער אַליין האָט עס איניציִירט, ומעשׂה שהיה כּך היה: נאָך זיין ערשטן באַזוך אין ארץ־ישׂראל, האָט ער מיך געמאַכט פֿאַרן פּראָוויזאָרישן אַדרעס, צו־זאַמענצונעמען אַלץ וואָס לאָזט זיך צוזאַמענצונעמען און האָט אַ שייכות צו זיין לעבן און זיין ווערק, כּדי עס איבערצוגעבן דער נאַציאָנאַל־און־אוניווערסיטעט־ביבליאָטעק אין ירושלים. ערשטנס, האָט זיין שוועסטער, מרת שיינדעלע, דורך אונדזער פֿריינד חיים ראַבינזאָן, איבערגעגעבן, וואָס זי האָט אַרויסגעראַטעוועט — אַ היפּש בינטל ערשטע דרוקן, בריוו, קריטיקן און איבערזעצן (דאָרונטער אַזעל־כע, וואָס איך האָב אים נאָך געשיקט קיין וואַרשע). צווייטנס, אַט דעם מאַטער־יאַל האָט מרת חוה טורניאַנסקי אויסגעסדרט, און ער איז צום ערשט אַריין אין אַלגעמיינעם יידיש־אַרכיוו, וועלכן איך האָב באַגרינדעט און ד״ר מרדכי נדב און ד״ר מלאכי בית־אריה און זייערע מיטאַרבעטער זענען זיך מיט אים מטפּל. דריטנס, שפּעטער איז דער מאַטעריאַל אַריבער אין אַ באַזונדערן מאַנגער־אַרכיוו, וואָס איז אַנטשטאַנען נאָך ביי זיין לעבן, אָבער דער ענין איז ערשט געוואָרן אַ גרויסער ממש, נאָך דעם ווי זיין איבערגעגעבנסטער פֿריינד, שלום ראָזנפֿעלד, וואָס האָט אָפּגעהיט אַ רייכן און ווערטיקן מאַנגער־אוצר, האָט פֿירגעלייגט אויפֿ־

צושטעלן אַ באַזונדערן חדר־מאַנגער, און האָט מיט אַלע אמצי־כוח אונדז פאַר־ האַלפן אים אויסצובויען.

און איצט, אַז די שטוב איז שוין דאָ און מיר פאַרמאָגן שוין אַ שלל מאַנגער־ מאַטעריאַל, וואָס וועט נאָך באַרייכערט ווערן מיט זיין עזבון, וועלכן עס וועט בקרוב ברענגען מרת גניאַ מאַנגער, האָבן מיר אַ לייטישע באַזע אויף צו פאָרשן דעם גרויסן שאַפערישן פענאָמען, כדי אַרויסצוגעבן אַן אַקאַדעמישע אויסגאַב פון זיינע כתבים; כדי צו שטודירן די פּראָצעסן פון זיין שאַפן און זיינע מקורות; כדי קלאָר צו ווערן אין זיין ראָלע אין דער ייִדיש־פּאָעזיע און אין דער פּאָעזיע בכלל, געדענקנדיק, אַז ער איז אַ גרויסער אָרגאַניזם פאַר זיך, אָבער צוגלייך אַן אָבר אין אַ גרעסערן אָרגאַניזם, אין אונדזער כוללדיקער ליטעראַטור.

ג

דער דאָזיקער טאָפּעלער באַהאַנדל פון אונדזערע קולטור־פענאָמענאַ, אין אַלע מקומות און אַלע ציטן, ווי יעדער פענאָמען איז אַן ענין פאַר זיך, און צוגלייך אַ טייל פון אַ גרעסערן ענין, איז געלעגן אויף דער ליניע פון מאַנגערס אינטערעס — האָט ער זיך דאָך געוואָלט דערגרונטעווען צו זיינע אייגענע מקור־ רות און האָט פאַרשפּיצט זיין אינטויציע, כדי זיינע גייסטיקע, בעיקר פּאָעטישע, אָבות און זיידעס, קרעאַטיוו צו געשטאַלטן, און האָט זיי אויף וויפל זיין אינ־ סטינקט, געשפּייזט פון היסטאָרישן וויסן, האָט אים געדינט, אויך לעבעדיק גע־ שטאַלטיקט. איך באַטאָן: אויף וויפל זיי האָבן אים געדינט, דען למעשה האָט דער דינסט, מחמת כמה וכמה טעמים, געהאַט זיינע מאַרקירטע גרענעצן, אויף וועלכע איך האָב מיך בקיצור אָפּגעשטעלט אין מיין אַריינפיר צו „מדרש איציק", וואָס מיר האָבן, בעיקר פאַר ייִדיש־תּלמידים, אַרויסגעגעבן, און חנא שמערוק האָט עס ברייטער און טיפער אויסגעפירט אין זיין אַרבעט אין לעצטן באַנד „הספרות".

אַוודאי, ווען מאַנגער וואָלט געקאָנט געטריי זיין מענדעלעס זאָג וועגן אָטע־ מען מיטביידע נאָזלעכער, וואָלטן די גרענעצן אַ סך ברייטער און גראָמער גע־ ווען, אָבער די שמעלערע גרענעצן זענען אַ פּועל־יוצא פון זיינע אייגענע, צו ערשט ביאָגראַפישע און שפּעטער אידעאָלאָגישע גרענעצן, און ער איז נישט קיין בן־יחיד דאַרינען. און אויב מען מעג מענדעלעס זאָג וועגן אָטעמען מיט ביידע נאָזלעכער אָנווענדן לגבי אַן אַנדערן חוש, ווי עס האָט עס לעצטנס געטאָן וואָלף יונין: זען מיט ביידע אויגן, איז כדאי צו געדענקען, וואָס מאַנגער האָט מיט דעם איינעם אויג פלאַימדיק אויפגעטאָן, און אַז דער פלאַ דערקלערט זיך, וואָס עס איז נישט געווען סתם אַן אויג, נאָר דאָס אויג פון אַ קיקלאָפּ, וועלכער האָט זיך, אין אַ גלגול פון אַ מאָדערנעם מאַגיקער, אין אונדזער צייט פאַרטראָגן.

ד

און אויב איך דערלויב מיר איצט, נאָך מאַנגערס פּטירה, צו רעדן וועגן זיינע גרענעצן, איז עס בלויז דערפֿאַר, ווייל איך האָב עס געטאָן בײַ זיין לעבן. און דאָס שוין אין מיין ערשטער אַרבעט וועגן אים, וועלכע האָט מיך געקאָנט אַ סך קאָסטן. אָבער עס איז שוין אַ פּנים אַזאַ מזל־זאַך, דאָס מיינע ראָמאַנען מיט שרייבער, מיט וועלכע עס פֿאַרבינדט מיך שפּע־טער אַ טיפֿע פֿריינדשאַפֿט און אַ נאָך טיפֿערע ליבשאַפֿט, הייבן זיך אָן מיט אַ פּלוגתא, כמעט מיט אַ מחלוקה. אַזוי איז עס מיר געגאַנגען מיט יוסף אָפּאַטאָשו, וואָס האָט דאָ אויך אַ חדר אויף זיין נאָמען און ווו מען גרייט איצט צו אַן אַקאַדעמישע אויסגאָב פֿון מענדעלעס כּתבֿים אויף זיינע ביידע נאָז־לעכער. נו, מיט אַ גוטע עטלעכע און צוואַנציק יאָר צוריק איז צו מיר צוגע־שטאַנען אברהם שלאָנסקי, איך זאָל איבערזעצן אויף לשון־קודש אָפּאַטאָשוס ברילאַנטע נאָוועלע „אַ טאָג אין רעגנסבורג" — איך האָב עס אָנגענומען בשׂמחה, שוין צוליב דעם אַליין, וואָס מען דאַרף זיך דערצו לייטיש אונטערגאַרטלען, כּדי צו שאַפֿן אַ סטיליסטיש גלייכוואָגיקן און שפּראַכלעך גלייכווערטיקן עקוויוואַלענט, און האָב נישט געוואָלט, אין מינדסטן פּרט, בלייבן הינטערשטעליק, און איך לאָז עס איבער די לייענערס אָפּצושאַצן, ווי איך האָב מיך מיט דער אויפֿגאָב דערפֿאָרעט, פּונקט ווי איך לאָז זיי איבער דאָס זעלבע צו טאָן לגבי די הונדערט און איינס נאָוועלן פֿון אָפּאַטאָשו, וואָס איך האָב מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער איבערגעזעצט.

אָבער צוריק צו דער נאָוועלע „אַ טאָג אין רעגנסבורג" — איך בין געווען זייער פֿאַרכאַפּט פֿון איר אויפֿבוי און דערציילערישן גאַנג, אָבער דער היסטאָ־רישער פֿאָן האָט אין מיר דערוועקט כּמה וכמה ערנצטע ספֿיקות, און איך האָב מיך נישט געקאָנט מאַכן כּלאָ־ידע, און האָב דעם פֿאַרלאַג „ספֿרית פּועלים" פֿיר־געלייגט, צוצושטעלן אַ נאָכוואָרט, ווי איך האָב אָפּגעשאַצט די נאָוועלע, און דער אָפּשאַץ מיינער האָט געוואָרפֿן אַ ליכט אויף אירע קינסטלערישע ווערטן, אָבער אויך געוואָרפֿן אַ שאָטן אויף איר היסטאָרישער באַגלייבטקייט. איך האָב נישט געוווסט, אַז דער פֿאַרלאַג האָט דאָס נאָכוואָרט מיינס נישט געגעבן אין אַלע עקזעמפּלאַרן, אַזוי אַז עס איז צו אָפּאַטאָשון שפּעטלעך דערגאַנגען, און שווער צו זאָגן, אַז ער איז דערמיט איבערגליקלעך געווען. אָבער איך האָב מיר נישט געקאָנט העלפֿן — ווי גייט דאָס אַלטע ווערטל: עס איז ליב סאָקראַט, עס איז ליב פּלאַטאָ, אָבער צום ליבסטן איז דער אמת. ווייזט אויס, אַז דער אמת איז געווען דער קיט פֿון אונדזער שפּעטערדיקע פֿריינדשאַפֿט, וואָס האָט אויסגעצייי־טיקט אַ האַרציקע ליבשאַפֿט.

ה

כמעט אַזוי איז עס מיר געגאַנגען, יאָרן פריִער, מיט איציק מאַנגער — עס איז אויך געווען אברהם שלאָנסקי, וואָס האָט איבערגעזעצט מאַנגערס „נאָענטע געשטאַלטן" און געבעטן ביי מיר אַ נאָכוואָרט. בין איך געווען פאַרכאַפּט פון די שאַרף פּאָענטירטע פּאָרטרעטן פון די אָבות פון דער יידישער ליטעראַטור, אָבער איך האָב באַמערקט, אַז נישט איין מאָל ווייסט מאַנגער בלויז די העלפט, און צו מאָל נאָך ווייניקער, פון דער געשטאַלט, און דאָס איבעריקע בלייבט אים פאַרהוילן. לרוב האָט אים דאָס פּאַסירט ביי די טאָפּל־שפּראַכיקע שרייבער, וואָס אָדער ער האָט נישט געוווסט, אַז זיי זענען, און אַפילו בעיקר, העברעיִשע שריי־בער, אָדער ער האָט עס בלויז אויבנאויפיק געוווסט, אָבער נישט געקאָנט אַרויס־הייבן די נייטיקע פּראָפּאָרץ פון זייער שפּראַך־אויפטייל. איבער אַן ענלעכן מינוס האָב איך מיך דאָ, ווי דערמאָנט, פאַר אַ יאָרן אָפּגעשטעלט, אין מיין אַריינפיר צו „מדרש איציק", אָבער פאַראַן אַ גרויסער חילוק, ווייל די „נאָענטע געשטאַלטן" ליידן פון דעם מאַנקאָ, — עס זענען היסטאָרישע מיניאַטורן, וואָס זייערע פּאַר־שוינען קומען צו מאָל אַרויס געשפּאָלטן, גלייך די אייגענע העלפט זייערע האָט זיך פון זיי אָפּגעטאָן; די ווייטע געשטאַלטן ווייטער, דער ביבלישער פּערסאָ־נאַזש, פאַרדינען פון דעם מאַנקאָ, — דווקא ווייל דער דיכטער קען בלויז דאָס, וואָס די יידיש־מסורה זיינע, סיי די עלטערע און פריִערע, די היימיש־נאַיִווע, סיי די יינגערע און שפּעטערע, די אידעאָלאָגיש־ראַפינירטע, האָט אים געגעבן, שעפּט ער זי אויס ביזן דנאָ. און עס איז דאָ אַ מטמון צו שעפּן, בפרט אַז דער שעפּער איז אַ מאַדים, אויפן וועג פונעם ברונעם אַרויס, דעם כישוף פון דעם געשעפּטן נאָך מער איבערצוכישופן.

אָבער צוריק צו מיין נאָכוואָרט צו די „נאָענטע געשטאַלטן" — אויך מאַנגער, וואָס זיין פריינד, דער באַברויסקער אויערבאַך אין לאַנדאַן, האָט אים דאָס איבער־געזעצט, איז נישט געווען גליקלעך. נאָר ווידער אַ מאָל: איך האָב מיר נישט געקאָנט העלפן — ווי גייט דאָס אַלטע ווערטל: עס איז ליב סאָקראַט, עס איז ליב פּלאַטאָ, אָבער צום ליבסטן איז דער אמת. ווייזט אויס, אַז דער אמת איז געווען דער קיט פון אונדזער שפּעטערער פריינדשאַפט, וואָס האָט אויסגעצייטיקט אַ האַרציקע ליבשאַפט. אָבער אויב אמת, בין איך מחויב צו זאָגן דעם גאַנצן אמת — סיי איך ענין אָפּטאָאָשו, סיי אין ענין מאַנגער איז די דאָזיקע ליבשאַפט בלויז אַ דראַבנער פונק אין פלאַם פון זייער ליבשאַפט צו אונדזער לאַנד, און דער באַזונדערער זכות פון מאַנגערן איז, וואָס ער האָט, בלויז מיט אַ מאַך פון זיין כישוף־שטעקעלע, מער געטאָן פאַר דער ליבשאַפט צום יידישן וואָרט אין אונדזער לאַנד, ווי עס האָבן געטאָן כלערליי מוכיחים און מאַנערס און תרעומת־ניקעס.

ו

זענען מיר, זיינע נאָענטע פריינד, באמת גליקלעך, וואָס מיר האָבן געשפּילט, ווער אַ גרעסערע, ווער אַ קלענערע ראָל, אין זיין לעבן, צוהעלפנדיק דעם שידוך צווישן אים און ארץ־ישראל, אַ שידוך וואָס איז, בעצם, נגזר געוואָרן פּערציק טאָג איידער ער איז באַשאַפן געוואָרן, פּונקט ווי ער איז נגזר אויף אַ יעדן יידן פּערציק טאָג איידער ער ווערט באַשאַפן. אָבער אַזוי־ווי שידוכים קאָן מען, חלילה, קאַליע מאַכן, איז גוט, אַז עס טרעפן זיך רעכטע שדכנים צו דער רעכטער צייט. נאָר ווי אַזוי דאָס שדכנות איז צוגעגאַנגען, וועלן מיר איבער־לאָזן אויף אַן אַנדער מאָל, ווען מיר וועלן זיך, אם ירצה השם, ווידער, לכבוד איציק מאַנגער, צוזאַמענטרעפן, און קאָנען מאַכן אַ שהחיינו איבער די ערשטע פּירות פון אונדזער איצטיקן אויפטו.

[כ״ה אדר א׳ תש״ל]

מאמר ד׳: „געציילטע ווערטער״

א

„געציילטע ווערטער״ — אַזוי האָט איציק מאַנגער אָנגערופן זיין קליינע טריבונע, וואָס ער האָט באַגרינדעט מיט דער כוונה, זי לאַנג צו דערהאַלטן און וואָך־וועכנטלעך אַרויסצוגעבן, אין דער פאָרעם פון פּיריאָדישע שמאָלע און לענגלעכע העפטלעך, וואָס דערמאָנען די תימנער מחזורים; האָט אָבער אוספּיעט אַרויסצולאָזן בלויז צוועלף נומערן, אין גרעסערע און קלענערע צייט־אָפּשטאַנדן, במשך איין יאָר און אַנדערטהאַלב חדשים (פון 2 אויגוסט 1929 ביזן 10טן אָק־טאָבער 1930). די געאָגראַפיע פון זייער דערשיינען באַצייכנט די ביאָגראַפישע וואַנדערליניע פון זייער רעדאַקטאָר — די פיר ערשטע העפטלעך זענען גע־דרוקט אין רומעניע (טשערנאָוויץ); די זיבן קומענדיקע העפטלעך אין פּוילן (קראָקע), און דאָס לעצטע אין לאַטוויע (ריגע). אויף דער דאָזיקער ליניע איז דעמאָלט געגאַנגען דעם דיכטערס מאַרש איבער די יידישע ישובים, און פּונקט ווי ער האָט דערוואָרבן אַ סך ליבהאָבער פאַר דעם עיקר זיינעם, זיין פּאָעזיע, אַזוי האָט ער דערוואָרבן נישט ווייניק סימפּאַטיקער פאַר זיין קריטיק, דעם צולאָג צו זיין עיקר.

עס איז מסתמא נישט קיין צופאַל, אַז זיין ערשט לידערבוך „שטערן אויפן דאַך״ און די ערשטע העפטלעך „געציילטע ווערטער״ זענען אַרויס אין דעם זעלבן יאָר. אַוודאי איז דער גורל פון די לידער אַנדערש פונעם גורל פון די העפטלעך — צו דעם בוך לידער זענען מיט דער צייט צוגעקומען ברידערלעך, גרעסערע און גרעסערע פון דעם בכור, און האָבן דערלעבט כוללדיקע עדי־

ציעס, און האָבן זיך פאַרשפּרייט ביז גאָר, און אַ טייל פון זיי איז געוואָרן אַ פאָלקס־געזאַנג, בשעת די העפטלעך האָבן צוגעצויגן ביז אַ טוץ און זיך אָפּ־געשטעלט, און זייערס אַ קאָמפּלעט איז געוואָרן אַ מין ווייסער ראָב, און ערשט דער האַיאַריקער איבערדרוק, וואָס איז אַרויס דורכן קרייז פאַר ייִדיש־לימודים אין ירושלימער אוניווערסיטעט, צום צווייטן יאָרצייט פון איציק מאַנגער (ירו־שלים תשל״א), האָט זיי אויסגעלייזט פון אַ ביבליאָגראַפישער זעלטנקייט.

אָבער עס פרעגט זיך, צי מאַנגערן גופא וואָלט אַזאַ איבערדרוק ניחא אָדער נייטיק געווען.

ב

מיר האָבן בכיוון פונאַנדערגעשיידט צווישן ניחא און נייטיק. דען וואָס שייך ניחא — לאָזט זיך, אויפן סמך פון בריוו און זכרונות, ענטפערן: יאָ, אָבער לגבי נייטיק לאָזט זיך אַפילו אָן בריוו און זכרונות, ענטפערן: ניין. קומט אויס, אַז אויב מיר זענען פטור צו דערקלערן דעם ענין ניחא, זענען מיר מחויב צו דער־קלערן דעם ענין נייטיק. און דאָ דאַרף מען אונטערשטרייכן, אַז עס האַנדלט זיך נישט אין דער נייטיקייט פון מאַנגער דעם רעדאַקטאָר, ווי אין דער נייטיקייט פון מאַנגער דעם דיכטער. ערשטנס, רעדאַקטאָר מיינט געוויינטלעך איינעם, וואָס פאַרבינדט אַ גרופּע, אָבער דאָ האָבן מיר אַ יחיד, וואָס איז העכסטנס אַ רע־דאַקטאָר פון זיך אַליין, דען די העפטלעך אַנטהאַלטן דאָך בעיקר זיינע רייד, בשעת די רייד פון דעם ביסל שותפים זיינע, האָבן זייער אייגענעם ווערט, אָבער זענען נישט דער גוף און נישט די נשמה פון דער טריבונע, לויט איר כיוון און לויט איר כוונה, און עס איז מסתמא גאָרנישט קיין צופאַל, וואָס דאָס לעצטע העפט אַנטהאַלט אָן איין־און־איינציקן אַרטיקל, בלויז פונעם רעדאַקטאָר אַליין. צווייטנס, מיר האָבן שוין אָנגעוויזן אויפן כמעט קאַלענדאַרישן צוזאַמענטרעף פון זיין ערשט לידערבוך און די ערשטע העפטלעך, — מאַנגער דער דיכטער, וואָס האָט געקעמפט פאַר זיין דיכטונג, איר באַזונדערקייט און מענטאַליטעט, כאָטש זיינע עיקר וואָפן איז די עצם־פּאָעזיע זיינע, האָט זיך צו הילף גענומען זיך אַליין, ווי אַ רעדאַקטאָר, כדי צו פירן אַ מלחמה פאַר אַ פאַסיקער אַטמאָספער, ווי עס פאָדערט זי די דיכטונג און איר באַניי, די ליטעראַטור און איר ווערט, די קולטור און איר ניווא. דריטנס, די דאָזיקע טריבונע, איז אין דער סביבה פון יענער תקופה נישט געווען די איינציקע טריבונע פון אַ יחיד. האָט דאָך שמואל יעקב אימבער אַרויסגעגעבן „צווישן ווינדמילן״, מלך ראַוויטש „די וואָג״, אורי צבי גרינבערג „סדן״, (קאָוואַדלע), אביגדור המאירי „המחר״ (דער מאָרגן), און סיי זיי זענען מלכתחילה געווען סיי זיי זענען בדיעבד געוואָרן טריבונעס פון יחידים, לאָזט זיך זאָגן, אַז די יחידישקייט זייערע איז אַ מין סוף־מעשה במחשבה

תחילה. איך האָב אויסגערעכנט פיר דוגמאות, וואָס האָבן צוגלייך מיט די „געצײלטע ווערטער" געזען ווי אַ קלאַסישן פּירגײער זייערן די באַרימטע טריבונע פון קאַרל קראַוס Die Fackel (דער שטורקאַץ), וואָס האָט אויך אָנגעהויבן מיט שותפים, איז אָבער שפּעטער געבליבן איינער אַליין, און עס איז אויך נישט שווער צו באַווייזן, ווי ווייט קראַוסעס השפּעה איז ניכר אין די טריבונעס, אַ מאָל בעיקר לשבח און צום טייל לגנאי. אַ מאָל — פאַרקערט.

ג

איציק מאַנגער (בעצם: יצחק מאַנגער, דען ער צייכנט ווי אַ רעדאַקטאָר: י. מאַנגער, דעסגלייכן אונטער די לידער, און אין איניציאַלן: י. מ. און אַפילו אין פּסעוודאָנים: JIM) האָט אויפגעקלערט סיי דעם נאָמען סיי די אויפגאַב פון די „געצײלטע ווערטער" — אַרויסהייבנדיק דעם חילוק צווישן בלעטער, וואָס פאַרמאָגן אַ סך פּלאַץ און ווייניק תוכן, און צווישן אַ בלאַט, וואָס וויל אָפּהיטן אַ פאַרקערטע פּראָפּאָרציע, און אונטערשטרייכנדיק די כוונה, „מיט געצײלטע עיקר־ווערטער צו מעסטן די מאָדערנע יידישע ליטעראַטור, דאָס מאָדערנע יידישע טעאַטער און די מאָדערנע יידישע קונסט און זייער שייכות צו דער וועלט". ער פאַרשטייט דאָס דאָן־קישאָטישע פון זיין פּרווו, אָבער ער וויל מאָביליזירן די טרובאַדורן און שפּילערס, כדי צו צעקנאַקן די לייז, וואָס האָבן זיך אַריינגעכאַפּט אין די חן־גריבעלעך פון דער ליטעראַטור, דעם טעאַטער, דער קונסט, און די מאָביליזאַציע איז מכוון אויפצושטעלן באַריקאַדעס, כדי זיך צו ווערן פאַר דעם שקר און היזק פון דער קאָניונקטור. ווער איז עס, לויט זיין מיין און טעם, יענע דריטע מכה פון די מכות מצרים, וואָס פרעסט די יידיש־ליטעראַטור און צעמזיקט זי — דאָס פאַרנעמט דעם רוב מאמרים אין דער דאָזיקער טריבונע, און ער רופט די שעדיקער אָן ביים נאָמען, אָדער גיט אָן אַזעלכע סימנים, אַז מען קאָן זיך נישט טועה זיין; נאָך מער, אויב ער האָט זיך אין איין העפט באַנוצט מיט אַ רמז, און אַפילו מיט אַ רעזערוואַציע, איז ער אין אַנדערן העפט אַרויס מיט רחל בתוך אַ נאַקעטע, ווייל כאָטש ער האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ דאָן־קישאָט, איז אים, ווייזט אויס, שווער אָנגעקומען זיך צו באַרען מיט ווינטמילן, און ער שלאָגט זיך מיט אַ ממשדיקן ראובן און אַ ממשדיקן שמעון, און האַלט זיך נישט אָפּ פון מעשה־קאַריקאַטור — אַ מום אָדער בדומה־למום איז ביי אים אויך אַ קריטיש כלי־זין, און אַזוי חוזקט ער אָפּ פון אַ הויקערל, אַ בערדל, אַ שעוועליור וכדומה, און עס איז אַ ספק, אויב די אידעע זיינע האָט זיך באַדאַרפט לייכטער מאַכן דעם קאַמף מיט אַזעלכע מיטלען; אָבער גאָר מעגלעך, אַז זי האָט זיך אָנגעכאַפּט אין אַ דרויסנדיקער דאָן־קישאָטעריע פון זיין קאַמפּמעטאָד, מחמת דער אינעווייניקסטער דאָן־קישאָטעריע פון זיין קאַמפּציל —

דער שאַרפער, סאַרקאַסטישער און איראָנישער טאָן גייט אויפן וועג פון אַ פּרע־קורסאַרישער אַטאַק, אָבער דאָס מהות, צוליב וועלכן ער קעמפט, איז גרונטיק אַ רעקורסאַרישע פאַרטיידיקונג.

דער קאַמף זיינער קעגן דער קאָניוקטור — היינט וואָלט מען געזאָגט און מיר וועלן טאַקע זאָגן: קעגן עסטאַבלישמענט — איז, בעצם, אַ קאַמף קעגן דער אויבערשטער שאַלעכץ, וואָס האָט פאַרדעקט דעם איבערגעקערטן, אָדער איבער־געדרייטן ווערט־לייטער, לויט וועלכן, ווי עס הייסט אין אַ שטיינבאַרגישער וואַר־יאַציע פון אַ באַקאַנטן משל — דאָס גרינגע און אומווערטיקע שווימט אַרויף און דאָס שווערע און ווערטיקע זינקט אַראָפּ, אָבער דווקא נאָך דעם ווי עס פאַלט אָפּ די שאַלעכץ, און די וואַגשאָלן הייבן זיך אָן ערלעך אויסבאַלאַנסירן, אַזוי אַז דער משל האָט זיך איבערגעקערט און דאָס ביליקע ווערט באַטראַכט לויט זיין ביליקייט און אַוועקגעוואָרפן און דאָס טייערע ווערט אָפּגעשאַצט לויט זיין טייער־קייט און איינגעשלונגען, הייבט זיך ערשט אָן די מלחמה וועגן מהות און וועג פון דער פּאָעזיע. דען מאַנגערס אָפּאָזיציע לגבי דעם עסטאַבלישמענט איז געווען בלויז אַ טיילעכל לגבי דער גרעסערער און טיפערער אָפּאָזיציע. און אויב אין דער ערשטער אָפּאָזיציע האָט ער זיך נוהג געווען אַנידערצוזעצן ראובן, און שמעון וכדומה אויף דער באַשולדיקונגס־באַנק, האָט ער זיך אין דער אַנדערער אָפּאָזיציע נוהג געווען לויט אַן אַנדערן כלל. ביי דער ערשטער אָפּאָזיציע קעגן דער שאַלעכץ, האָט זיך געהאַנדלט אין געראַנגל צווישן ווערט און אומווערט, ביי דער אַנדערער אָפּאָזיציע, קעגן דעם תוך, האָט זיך געהאַנדלט אין געראַנגל צווישן ווערט און ווערט, משמע: צווישן ווערט וואָס איז אים, מאַנגערן, נאָענט געווען און ער האָט אים מקרב געווען, און צווישן ווערט, וואָס איז אים פרעמד געווען און ער האָט אים מרחק געווען, און ביידע סאָרטן פון ווערט באַדאַרפן אַן אַטמאָספער פאַר זייער פּרעקורסאַרישקייט, נייערט די קאָניונקטור דערשטיקט זיי. אָבער אַז מיר קלערן זיך טיפער אַריין, זעען מיר, אַז מאַנגער האָט נישט איבעריק געגלייבט אין אַ פּרעקורסאַרישקייט, וואָס איז נישט פאַרבונדן מיט אַ רעקורסאַרישקייט, ער רופט זי טאַקע, אין זיין פּראָגראַמאַטיקן בריוו, בפירוש אָן ביים נאָמען: צוריקקער, אַזוי צו זאָגן: „מיר ווילן צוריק אָנטאָן די קרוין דער גערודפטער שיינקייט". אָבער בדרך רמז ווינקט ער אָן דערויף, אַז די, וואָס רודפן די שיינקייט, זענען נישט בלויז די קאָניונקטור־הערשערס, נאָר אויך אַלע מינים אָפּאָזיציעס אין דער ליטעראַטור, בעיקר אין דער פּאָעטישער ליטעראַטור, וואָס גייען נישט אויפן וועג פון צוריקקער און אומקער; פאַרקערט, זיי האַלטן נישט דערפון, און בויען זיך אַנדערע וועגן, און פּונקט ווי מאַנגער טוט אַ שטאָך דער כאַליאַסטרע, איז ער עס גרייט צו טאָן אַנדערע שטרעמונגען, וואָס האָבן זיך גע־ראַנגלט, כדי צו באַשטיין אין תוהו־ובוהו פון זייער דור, אָנהייבנדיק פון סאָוועט־

רוסלאַנד, דורך פוילן ביז אַמעריקע. הייסט עס, אַז אויפן ערשטן קלאַפּ, איז ער, מאַנגער, צוגלייך מיט זיי סטראַטעגיש אינטערעסירט אין אָפּרייניקן די אַטמאָספער, כדי זי צו באַפעסיקן פאַר אַ ווערטיקער פּאָעזיע, אָבער אויפן צווייטן און דריטן קלאַפּ איז, פּאָליטיש, דער סוף פון זייער בשותפותדיקער מלחמה קעגן דעם עסטאַבלישמענט, דער אָנהייב פון זייער עיקרדיקער מלחמה צווישן זיך, און אויב פריִער איז זיין מלחמה געווען מכוון קעגן די ליליפּוט־טאַלאַנטן, וואָס דער עסטאַבלישמענט בלאָזט זיי אויף, דאַרף שפּעטער זיין מלחמה זיין געווענדט קעגן די וואָס ער קען נישט פאַרלייקענען זייער טאַלאַנט, אָבער ער האַלט, אַז זיי האָבן אין אים געפעלשט, ווייל זיי פאַרשקלאַפן זייער פּאָעזיע צו דעם היפוך פון פּאָעזיע. פאַר וואָס? ווייל זיי קערן זיך נישט אום פון דער אומפּאָעטישער פּאָעזיע צום פּאָעטישן גאָלד, ווי עס האָבן עס אויסגעפורעמט בעיקר די „יונגע”, וואָס מאַנגער, איז, אַריבערהייפערנדיק איבער זייערע אָפּאָנענטן, די מאָדערניסטן, דער המשך זייערער, אָדער קלאָרער געזאָגט: זייער באַנייער, אויב נישט דער באַנייער פון דער ראָמאַנטיק פון 19טן יאָרהונדערט בכלל, און מעגלעך, אַז ער איז אַפילו איר שפּעטסטע און צייטיקסטע פרי.

מיר וועלן די זאַך מפרש זיין און זאָגן: מאַנגערס רעטעניש ליגט אין זיין געטריישאַפט צו זיך אַליין, ווי זי איז אַרויסגעוואַקסן פון זיין אָפּשטאַם און סביבה; זיין כוח ליגט אין באַהעפט צו נאָענטע און ווייטע וואָרצלען; און זיין סוד אַנטפּלעקט זיך אין זיין שיטה פון מכלל הן אתה שומע לאו — האָט ער דאָך שפּעטער, אין זיינע אָפּשאַצן, בלויז געשריבן וועגן די, וואָס ער האָט זיי באַיאָט, און ממילא האָט זיך געלאָזט דרינגען, וועמען ער פאַרניינט. און פּונקט ווי מיר לערנען פון זיין רעדן, ווער איז אים נאָענט און ער באַיאָט זיין ווערקלעכקייט, אַזוי לערנען מיר פון זיין שווייגן, ווער איז פון אים ווייט, און ער פאַרניינט אַפילו זיין מעגלעכקייט, און ערשט די בריוו זיינע, ווו ער האָט נישט געלייגט קיין שום שלאָס אויף דער צונג, וואָס ער האָט אויף זיך אויפגעצוווּנגען, אַפילו אין די „געציילטע ווערטער”, וועלן אונדז העלפן, לויט זיינע אַרויסזאָגן אין רשות־היחיד, באַשיידן זיינע שווייגענישן אין רשות־הרבים.

משמע, ווער עס וויל זיך באַקאַנט מאַכן מיטן קלאַפּערגעצייג פון מאַנגערס ליטעראַרישע מלחמות, קאָן זיך באַנוגענען מיט „געציילטע ווערטער”; ווער עס וויל אָבער דערגיין דאָס רעכטע־און־גערדיכטע פון דער עיקר־מלחמה זיינע, דאַרף זיך אַריינלייענען אין זיינע שפּעטערדיקע כתבים, זיינע לידער וועגן זיינע אידעאַלן אין דער דיכטונג; זיינע סילועטן פון די, וואָס ער האָט געהאַלטן פאַר די אָבות זיינע; זיינע אַרטיקלען וועגן די, וואָס זענען אים גייסטיק און מענטאַל נאָענט געווען, וכדומה.

ד

אַוודאי זענען מיר מחויב צו דערקלערן, פאַר וואָס מיר האַלטן די „געציילטע ווערטער” פאַרט פאַר אַ טריבונע פון אַ יחיד, כאָטש זי פאַרמאָגט עטלעכע שות־פים. אמת, מיר געפינען דאָ אַ פּאָר שרייבער, אָבער דער רוב פון זיי זענען דיכ־טער, וואָס זייער אַנטייל איז אַ דיכטערישער, און אויב עמעצער פון זיי גייט אַ מאָל אַרויס פון דיכטערישע ראַמען און שרייבט קריטיק וועגן אַ פּיעסע אָדער אַ בוך, וואָס איז אַפילו אַנגעהויכט מיט פּאָלעמיק, איז דאָס גאָר ווייט פון מאַנ־גערס אַרטיקלען, וואָס זענען אָנגעלאָדן מיט פעך און שוועבל. אַזוי אַרום דאַרף מען די צוועלף העפטלעך באַטראַכטן ווי אַ דאָקומענט, וואָס שפּיגלט אויבנאויפיק אָפּ אַ ווידעראַנאַנד, וואָס זיין גערעכטיקייט און אומגערעכטיקייט דאַרפן נאָך איבער־געפּרוּווט ווערן. דאָס איז דער ווידעראַנאַנד צווישן דעם דיכטער און דעם ליטע־ראַטור־עסטאַבלישמענט, אָבער טיפער גענומען ווינקט ער אָן אויף אַ גרעסערן ווידעראַנאַנד, צווישן דיכטער און דעם ליטעראַטור־באַשטאַנד. אין דער לעצטער שורה איז דאָס בינטל „געציילטע ווערטער” אַ קאָמאַ און נישט קיין פּונקט; און אַ סך קשיות, וואָס ווילן פאַרענטפערט ווערן, לויערן צווישן דעם קאָמאַ און נאָך אים, און מיר האָפן זיך צו זיי אומצוקערן, און אונדזערע באַמערקן אויסברייטערן, און אפשר אויך קומען צו אַ סוף פּסוק.

[י"ט אייר תשל"א]

צווישן נאָענט און ווייט

יוסף פּאַפּיערניקאָוו

מאמר א׳: אַ פּרעמיע און איר באַטייט

א

איך האָב געהאַט דעם כבוד צו זיין איינער פון די דריי ריכטער פון דער דוד פינסקי־פּרעמיע, וואָס עס האָט געשאַפן די י. ל. פּרץ־ביבליאָטעק אין תּל־אביב לכבוד דעם צעניאָר־יום־טוב פון אונדזער מדינה. איך האָב געהאַט אַ גאָר גרויסע הנאה דערפון, וואָס מיר האָבן פּה אחד די פּרעמיע צוגעטיילט דעם דיכטער יוסף פּאַפּיערניקאָוו.

מיר, חברים פון דער זשורי, האָבן אונטערגעשטראָכן די ערשטקייט פון יוסף פּאַפּיערניקאָוו, און דאָס איז אַ דרײַיִקע ערשטקייט — געקומען אַ ייִדיש־דיכטער קיין ארץ־ישׂראל מיט איבער דרייסיק יאָר צוריק, נישט בלויז מיט דער כוונה זיך צו באַזעצן, נאָר האָט זיך טאַקע דאָ באַזעצט; גענומען לעבן אין איר בגופו ובנפשו, אַזוי, אַז זי איז אים געוואָרן זיין עיקר ממשדיקע און דיכטערישע וועלט און געבראַכט צו אַ נייער באַגעגעניש צווישן ייִדיש און ארץ־ישׂראל, קלאָרער גע־זאָגט: געבראַכט צו אַ נייעם, יונגן, אינטימען צוזאַמענטרעף צווישן ייִדיש און דעם ארץ־ישׂראלדיקן פּייזאַזש, לעבן, באַשאַף.

איך שטרייך אונטער: געבראַכט צו אַ נייער באַגעגעניש, אָדער מיט אַנדערע ווערטער: באַנייט אַן אַלטן שידוך. דען ייִדיש אין ארץ־ישׂראל איז אַן אַלטער שידוך — אונדזערע טאַטע־מאַמעס און זיידע־באָבעס, פונקט ווי זיי האָבן נישט געוווסט פון אַ פּאַנאַנדערטייל צווישן לשון־קודש און ייִדיש, און האָבן זיך נאָך געכאַוועט אויף צוויי־שפּראַכיקע ספרים — אויבן לשון־קודש און אונטן ייִדיש, אַזוי האָבן זיי נישט געוווסט פון קיין פּאַנאַנדערטייל צווישן ייִדיש און אַלע קנ־ינים, וואָס זענען געווען איינגעבאַקן אין ייִדישן האַרצן. און וואָס איז געווען איינגעבאַקענער ווי די ליבשאַפט צו ארץ־ישׂראל, ווי דער פעלדזיקער גלויבן, אַז דאָס פאָלק ישׂראל וועט נאָר אין איר קאָנען באמת אויפגעריכט ווערן.

ב

אָבער, בעוונותינו הרבים, האָט מען אָט דעם אַלטן שידוך געפּרוווט קאַליע מאַכן און מ׳האָט אים, צום טייל, ממש קאַליע געמאַכט; און נאָך מער: מען האָט זיך דאַצו באַניצט מיט יידיש ווי אַן אינסטרומענט. אמת, מען האָט נישט געפרעגט נישט די טראַדיציע פון יידיש און נישט איר היסטאָרישן באַטייט, אויב זי איז דאַצו מסכים צו זיין דער שטער פון איר אייגענעם שידוך; אָבער אַזוי איז שוין דער דרך פון נישט־היסטאָרישע און אַנטי־היסטאָרישע אידעאָלאָגיעס, אַז זיי פרעגן נישט אַזעלכע קשיות — זיי טוען אַזוי ווי עס געפעלט זיי; אַזוי, ווי עס טוט זיי פּראַגראַמאַטיש געפעלן.

די אָבות פון דער יידיש־ליטעראַטור, סיי דער אַלטער, סיי דער נייער, איז גאָר נישט איינגעפאַלן, האָט גאָר נישט געקאָנט איינפאַלן, אַז עס איז מעגלעך אַ ברוגז, בפרט נאָך אַ גט, צווישן יידיש און לשון־קודש, צווישן יידיש און ארץ־ישראל; אָבער דער ברוגז, כל־שכן דער גט, איז אַ המצאה פון נישט־היסטאָרישע אָדער קעגן־היסטאָרישע באַוועגונגען און אידעאָלאָגיעס; און שפּעטערדיקע דורות וועלן דאָס מסתמא פאַררעכענען ווי אַ טייל פון דער דעזאָריענטאַציע, וועלכע האָט עטלעכע דורות געבושעוועט אין יידישן לעבן.

ג

על כן האָט זיך געפאָדערט אַ באַנייונג פונעם אַלטן שידוך, און עס האָט זיך געפאָדערט דאָרט, ווו די מאַניפעסטאַציע איז אַמבולטסטן — אין ארץ־ישראל גופא. דאָס קאַפּיטל יידיש־ליטעראַטור אין ארץ־ישראל איז נישט דאָס גרעסטע און נישט דאָס רייכסטע אין גאַנג פון יידיש־ליטעראַרישן אַנטוויקל; אַפילו היינט, ווען עס האָבן זיך דאָ קאָנצענטרירט גאָר וויכטיקע כוחות, צווישן זיי אַזעלכע, וואָס געהערן ממש צו דער גילדענער פאָן, איז עס ווייט צו זיין אַ צענטער בה״א הידיעה, אָבער מעגלעך, אַז אַפילו די יידיש־רעדער גופא, בפרט יענע, וואָס האָבן זיך נאָך נישט אַרויסבאַפרייט פון די רודימענטן פון איבערגעלעבטע אידעאָלאָגיעס, פילן נישט זייער אייגענעם באַטייט.

דער באַוווסטער פּיאָנער פון דעם באַטייט איז — פּאַפּיערניקאָוו. אַוודאי געווען פאַר אים: סיי שרייבער, וואָס זייער בפירושע אידעישע אָריענטאַציע איז געגאַנגען אויף ארץ־ישראל, — ומי לנו גדול כמו דוד פינסקי, וואָס האָט רוב ימיו הויך און שטאָלץ געטראָגן די ציון־פאָן, און האָט אין גרייז־גרויען עלטער באַוויזן דעם איידל־פּיאָנערישן זשעסט זיך דאָ צו באַזעצן; סיי שרייבער, וואָס זייער קולטורישער קוק איז געגאַנגען אויף ארץ־ישראל און איר ווערטיקסטן פּראָדוקט — ומי לנו גדול כמו יהואש, וואָס קומענדיק איבערשמעלצן דעם תנ״ך

אויף יידיש, איז ער געזעסן אין לאַנד, כדי איינצוזאַפּן די אַטמאָספער פון וועל־כער דער תנך איז אַרויסגעוואַקסן, און האָט זיינע איבערלעבענישן אין אַלט־נייעם לאַנד פאַרצייכנט אין צוויי בענד „פון ניו־יאָרק קיין רחובות און צוריק״.

געוועזן שרייבער, וואָס זענען געקומען אין לאַנד און געלאָזט עס זיך באַ־זינגען אויף יידיש; אַזוי מיט פופציק יאָר צוריק שמואל יעקב אימבער אין די פיינע אימפּרעסיעס פון זיין בוך, דאָס ערשטע יידיש־בוך איבערן נייעם ארץ־ישראל — „היימלידער״; אַזוי מיט פערציק יאָר צוריק די צוויי זעלנער אין יידישן לעגיאָן — ז. וויינפּער און אפרים אויערבאַך.

געוועזן שרייבער, וואָס האָבן געשריבן יידיש אין דער ערשטער צייט פון זייער איינוואָרצלען זיך אין לאַנד — א. ראובני אין פּראָזע און פּאָעזיע און משה סטאַווסקי אין זיינע דערציילונגען. אָבער דאָס יידיש־שאַפן איז שפּראַכ־לעך אַ טייל ביי יענע, וואָס זענען אַריבער צו העברעיִש, די צענטראַלע שפּראַך פון פאָלק אין זיין באַנייטן היסטאָרישן קיום. נייערט דער צוזאַמענבונד צווישן יידיש און ארץ־ישראל ווי אַן אָרגאַנישע גאַנצקייט, וואָס פילט אויס אַ לעבן, דאָס איז נישט געווען ביז פאַפּיערניקאָוו, דאָס איז בפירוש זיין פּאַטענט. ער האָט דאָס באמת פאַרריכט אַן אַלטן, פון שלעכטע שכנים קאַליע געמאַכטן, שידוך.

ד

איך וועל נישט פאַרהוילן, אַז צום שידוך, צום שלום־בית, פעלט נאָך עפּעס. דער אַלטער, טראַדיציאָנעלער שלום צווישן יידיש און ארץ־ישראל איז אַ גרויסע זאַך; דער אַלטער טראַדיציאָנעלער שלום צווישן עברי־טייטש און לשון־קודש, אָדער, אָדער היינט־וועלטיש געזעדט: צווישן יידיש און העברעיִש, איז נישט מינדער גרויס. דערפאַר איז טאַקע קיין חידוש נישט, אַז די אָבות פון דער נייער יידיש־ליטעראַטור, לאו־כל־שכן פון דער אַלטער, האָבן נישט בלויז געוווסט פון אַ ברוגז אָדער, חלילה, פון אַ גט, נאָר זיי גופא זענען געווען צווייִשפּראַכיקע שרייבער.

אונדזערע זיידעס פלעגן זאָגן, אַז אַ ייד, וואָס קען נישט קיין גמרא איז אַ האַלבער ייד; מיר מעגן זאָגן, אַז אַ ייד, וואָס קען נישט קיין לשון־קודש, אָדער היינטוועלטיש געזאָגט: העברעיִש, דאָס הייסט דאָס רוב שאַפן פון אונדזער פאָלק און זיין יסוד איז פאַר אים פאַרשלאָסן, איז בפירוש אַ האַלבער ייד. לאו־כל־שכן אַ שרייבער, וואָס איז דאָך דאָס באַוווסטזיין פון פאָלק.

לאָמיר זיך אומקערן צו אונדזער ליבן פאַפּיערניקאָוו — איבער דרייסיק יאָר גייען מיר נאָך זיין שאַפן ביי אונדז, צווישן אונדז, וועגן אונדז און פאַר אונדז, פון יענעם אָוונט אין אַן אָרעמען באַראַק, נישט ווייט פון שפת־הים ביזן היינטיקן טאָג, ווען מיר פייערן דעם כבוד, וואָס איז אים צוגעטיילט געוואָרן — די פּרעמיע,

אין וועלכער עס האָרמאָניזירן אַזוי שיין די נעמען פון י. ל. פּרץ און דוד פּינסקי, שפּיגלדיק זיך אין דער שיינער רעם פון אָרט — תל־אביב און צייט — דער צעניאָריקער באַשטאַנד פון דער פון אים אויסגעחלומטער און וואָר־געוואָרע־נער מדינה.

אויב עס איז מיר דערלויבט אַ פּערזענלעכע נאָטע, דערמאָן איך מיך אין כמה וכמה באַגעגענישן מיטן דיכטער אויף דער לאַנגער צייט־ליניע פון אונ־דזער פריינדשאַפט — איך פיל ממש אַ וואַרעמקייט, דורכקוקנדיק די סטאַציעס פון זיין דיכטערישן גאַנג, פון דער געטריישאַפט פון איינעם, וואָס האָט אין דער פריסטער יוגנט געזונגען: „מיר הייבן די הענט קעגן ציון און שווערן" און האָט די שבועה ערלעך און ריטערלעך געהאַלטן.

[כ"ה סיון תשי"ח]

מאמר ב׳: לכבוד צוויי פרעמירטע

יוסף פּאַפּיערניקאָוו און ניסן ברוסילאָוו

א

ווי איך האָב אייך שוין מודיע געווען קען איך נישט בגופי זיין אויפן קער־מעשל לכבוד די פּרעמירטע גאָלדענע־קייטניקעס הײַיאָר, און איך קאָן בלויז זיין ברוחי, און בעט עס זאָל זיין בחינת ויהי נאָ פּי שנים ברוחי, ווייל טאָפּל איז שטאַרקער. בעט איך אייך, טאָן מיר דעם חסד און מיינע ווערטער ברענגען פאַרן עולם, וואָס איז אפשר מאַלענקי אָבער וואַזשנענקי, און קודם־כל באַגריס איך די בעלי־אכסניה, ר׳ ישראל פאַלאַק, און זיין פרוי עדית און דערנאָך די צוויי חתנים, און צו לעצט די דיינים־מומחים, ר׳ מרדכי צאַנין, וואָס ווערט מסתמא זיין בגופו, און ר׳ חיים גראַדע, וואָס ווערט כמוני זיין ברוחו, ואחרון אחרון ר׳ אליעזר פּינעס, זאָלן זיי אַלע געזונט זיין, ויהי נועם ד׳ עליכם.

ווי איר ווייסט, האָב איך שוין אַ חזקה אויף אויסטיילן פּרעמיעס, און זייט איך בין אַריבער די גרענעצן פון הונדערט, האָב איך אויפגעהערט ציילן, אָבער די היינטיקע מסיבה איז אַנדערש, שוין מחמת דעם, וואָס זי קומט זיך צוזאַמען נישט, ווי געוויינטלעך, אין רשות־הרבים, נאָר אין אַ רשות־היחיד, און דאָס איז אַ שטיקל חסרון אָבער אויך אַ שטיקל מעלה. אַ חסרון — זי פאַרבייגט דעם ברוב עם הדרת מלך, ומאן מלכי־רבנן, און בימינו פיטנן וספרנן; אַ מעלה — זי באַ־פרייט פון שטייפער אָפיציאַלקייט, פון ריגאָראָזן דעפיניציע־חוב, און מען קאָן גיכער און ניחאר רעדן, ווי דאָס מויל איז געוואַקסן.

ב

ווען איך פּרווו פאָרמולירן — וואָס האָט אונדז, די דיינים, באַוויגן פון אַלע גוטע זאַכן, וואָס זענען לעצטנס געדרוקט געוואָרן אין די גאָלדענע קייט אויסצו־קלייבן, ווי צוויי שפּיגעלעך, די לידער פון יוסף פּאַפּיערניקאָוו און די דערציי־לונגען פון ניסן ברוסילאָוו, פאַרשטיי איך, אַז עס ווערט זיין אַ קאָפּ באַנאַל, ווען איך וועל אָנשלאָגן יענעם פאַטעטישן, און לרוב מליצישן, טאָן, ווי מען טוט עס אין די פייערלעך פירגעלייענטע נימוקים; אַרגומענטן בלעז: נאָך דעם וואָס מיר האָבן דורכגעקוקט וכו׳ וכו׳ זענען מיר, נאָך אַ לאַנגן (אָדער: טיפן) שיקול־דעת, געקומען צו דער איינדעהיקער מסקנה, אַז וכו׳ וכו׳, ניין, אַזוי גייט עס נישט

אין אַן אינטימען שמועס — דאָ איז מען מודה, אַז די דײַנים האָבן טאַקע געפּונען די לידער פּונעם פּאָעט און די נאָוועלע פּונעם דערציילער כפתור ופרח, און זיך געפרייט דאָס קענען אויסרופן בפרהסיא, אָבער באמת האָט די פרייד זייערע גע־האָט נאָך אַ טעם, וואָס איז טעם כעיקר — זיי האָבן זיך, פּשוט, געפרייט דורך דעם באַרעכטיקטן באַשלוס אויסצודריקן די אָנערקענונג און דאַנק די צוויי שאַ־פערס, פאַר זייער שאַפן בכלל, און דער אין איר אויסגעדריקטער באַזונדערקייט זייערער בפרט. און דאָס איז אַ באַזונדערקייט, וואָס באַנוגנט זיך נישט מיט אירע שאַפערישע געפינסן, נאָר רייסט זיך, שטיל און באַשטאַנדיק, צו נייע זוכעניש.
איך בין נאָכגעגאַנגען פּאַפּירניקאָווס פּאָעזיע אין איר גאַנג פון אָנהייב — אין מיין אַריינפיר צו דער אַנטאָלאָגיע פון זיינע העברעיִש־איבערגעזעצטע לידער דערצייל איך וועגן איינער פון אונדזערע ערשטע באַגעגענישן אין אַ באַראַקל אויף די זאַמדן פון תל־אביב, מיט קאַרגע פינף און פערציק יאָר צוריק. איך בין געגאַנגען שפּאַצירן אין דער סביבה פון ים און האָב פּלוצעם דערהערט אַ קול, אַ טרויעריקס אָבער שטאַרקס, וואָס האָט סיי געהילכט סיי געתחנונט, און איך בין דעם קול נאָכגעגאַנגען און געקומען אין דעם באַראַקל, ווו עס זענען געזעסן עטלעכע מנינים איינגעהערטע אין דער פּרשה לידער, וואָס אונדזער פּאָעט האָט, מיט זיין באַזונדערן דערהויבן־עניוותדיקן טראָפּ געלייענט. — עס איז געווען אַ שפּאָגל־נייע פּרשה און יידיש־פּאָעזיע־חומשל — די פּרשה פון ארץ־ישראל, נישט ווי אַ טעמע פון חדר־נאָסטאַלגיע אָדער טוריסטן־אימפּרעסיע, נאָר ווי אַ שטיק פון דעם לאַנד, דעם פּייזאַזש, דעם פּרדס, וואָס די יידן פּלאַנצן, דער שטאָט וואָס די יידן בויען זי. דערנאָך האָט זיך דאָס ליד זיינס ניואַנסירט — אַלעגאָריש געוועדס: בלוי און ווייס, רויט און שוואַרץ, אָבער דער תוך איז אַלץ געווען דאָס נאָווום, און אַז עס איז שוין מער קיין נאָווום נישט געווען, ווייל דערוייל זענען, נאָך זיינע טריט, געגאַנגען אַנדערע, אַ גרופּע, אויב איר ווילט: אַ שול, האָט ער זיך געווענדט צום תוך־פון־תוך פון אַ דיכטער — צו זיך אַליין, צו זיין אַליינקייט און זיין טיפן טרויער, דעם טרויער פון דער מענטשלעכער קרעאַטור, און האָט דערגרייכט אַ זעלטענע אויסגעקלאָרטקייט פון וואָרט און אין באַהעפט און בילד. ווייזט אויס, אַז אין דער אַליינקייט און איר טרויער האָט ער געזוכט און געפונען ברידער — און דאָס איז דער שליסל צו זיינע איבערזעצן, וואָס גיבן נישט בלויז איבער די אינעווייניקסטע וועלט פון איבערגעזעצטן נאָר אויך, און אפשר בעיקר, פונעם איבערזעצער, כביכול מרועה אחד ניתנו, משמע: גלייך זיי שטאַמען פון דעם זעלבן פּאַסטעך.

ג

איך קאָן אַזוינס נישט דערציילן וועגן ניסן ברוסילאָוו, און דוכט זיך, קיינער

קאָן וועגן אים נישט עפּעס ענלעכעס דערציילן — האָט ער דאָך מיט זיין דערשיינען אין דער ליטעראַטור אונדז אַלע דערשטוינט. באַקאַנט איז ניטשעס זאָג, אַז ווער עס וויל זיין אַ בליץ מוז לאַנג־לאַנג פריִער זיין אַ וואָלקן, וואָס באַלט זיך צוזאַמען, אָבער אַזוי לאַנג זיך צוזאַמענבאַלן, ווי עס האָט עס געטאָן אונדזער דערציילער — געהער צו די זעלטנקייטן, אַפילו אין ליטעראַטורן, וואָס זענען נישט זשעדנע אין זעלטנקייטן. איך געהער צו די ווייניקע פון זיינע ערשטע לייענער — איך מיין זיין סעריע, וואָס איז געגאַנגען אין דער מעהריש־אַסטרייער יִדיש־דייטשישער צייטונג, וועלכע איך האָב קינדווייז געלייענט, און ווו מיין נאָמען איז דאָס ערשטע מאָל — ווי אַ באַשיידער פון רעטענישן אין דער קינדער־צוגאָב „דער גוטע אָנקעל" — געדרוקט געוואָרן, אָבער דערנאָך איז אַוועק מער ווי אַ דור שווייגעניש — דער וואָלקן האָט געגרייט זיין בליץ און דונער, און ערשט נאָך דעם ווי ער האָט איבערגעטראָטן די שוועל פון זעכציק יאָר, האָט ער גענומען אַרויסגעבן זיינע ביכער — ווו דאָס סלאַוויש־יִדישע באַגעגעניש און געראַנגל שפּילט זיך אויס אין אַ וועלט פון דעם עלעמענטאַרן, זיינע גלויבנס און גלייבענישן, געטער און אָפּגעטער, חיה און מענטש; ווו פאָלקלאָר איז בלויז דאָס אייבערשטע הייטל, און דער תוך זענען תהומות פון יצר וואָס נידערט אַראָפּ און הייבט אויף, די נידער און דער דערהויב פון מיטאָס. אָבער מיר, די געפּלעפטע לייענער, האָבן זיך דעם אָפּשאַץ פון דעם פענאָמען לייכט געמאַכט זאָגנדיק, אַז מיר האָבן דאָ אַ פאַרוואָרצלט־זיין, אַ פסיכאָלאָגיש־מענטאַל פיקסירט־זיין מיט דעם קינדערשן פּייזאַזש, וואָס ווי ברייט און טיף ער זאָל נישט זיין, האָט ער זיינע גרענעצן. שטעלט זיך אַרויס, אַז ער איז אַ מאַדים נישט בלויז אין מיטאָס נאָר אויך, און אפשר בעיקר, אין היסטאָריע, און זיינע צוויי היסטאָרישע נאָוועלן — די ערשטע, וואָס איר סוזשעט באַהאַנדלט אַ נענטערע און די צווייטע, וואָס באַהאַנדלט אַ ווייטערע תקופה אין אונדזער געשיכטע, ווייזן זיין אויסגעבונדנקייט אין די מקורות, זיין יכולת די צייט און איר פאַרוויקלטקייט, אין געשטאַלט פון לעבעדיקע געשעענישן און מאַרקאַנטע פיגורן, אַנידערצושטעלן אַזוי, אַז אי מיר ווערן פאַרטראָגן אין אַנדערע צייטן, אי מיר בלייבן, ווי די געשיכטע האָט אונדז אַנידערגעשטעלט, אין אונדזער צייט, פשוט וויל מיר לעבן אונדזער אייגענע פּראָבלעמאַטיק אין אַנדערע תקופות, און מיט דער גאַנצער צוגעבונדנקייט צו אונדזער היינטיקער יִדישער און מענטשלעכער ווערקלעכקייט, זעען מיר זי קלאָרער, באַוווסטער אין דער ווייטער רעם פון דער נעכטיקער און אייערנעכטיקער יִדישער און מענטשלעכער ווערקלעכקייט, און דאָס אַלץ בזכות פון דער ברוסילאָוור־וויזיע.

[שבט, תשל"א]

דער וועג צום שייער

אריה שמרי

א

ווען איך האָב מיט אַ קאַרגע צוויי חדשים צוריק, געקריגן פון מיין אַלטן פריינד, אריה שמרי, זיין ייִנגסטע מתנה — זיין בוך „געזאַנגען אין שייער״ (ישׂראל־בוך, תש״ל), וואָס נעמט אַרום כמעט זיין גאַנץ פּאָעטיש האָב־און־גוטס, האָב איך אויפגעהויבן דעם שווערן, איבער זיבן־הונדערט־זייטיקן באַנד, און האָב געקלערט: שוין איין מאָל אַן אָפּטימיסט. און נישט ווייל ער גלייבט, אַז עס וועלן זיך געפינען לייענער, וואָס וועלן אַזאַ גרויס בוך דורכלייענען; דען די מעלה פון פּאָעזיע איז דאָך, אַז לעבן פּאָעמעס, וואָס זענען לענגער, פּאַרמאָגט זי בעיקר לידער, וואָס זענען קירצער, אַזוי אַז דער לייענער קאָן, פון צייט צו צייט, אַריינכאַפּן אַ ליד אָדער אַ פּאָר לידער, בחינת הקורא ממקום שלבו חפץ, משמע: ער מישט אויף און לייענט ווו און וואָס דעם האַרץ אָדער דעם קאַפּריז פּאַרגלוסט זיך, און גייט אַרויס מיט אַ ריינעם ריווח; דען אַזוי ווי אין אַ טראָפּן איז דאָ, וואָס עס איז דאָ אין אוקינוס, אַזוי איז אויך אַפילו אין קלענסטן ליד פון אַ פּאָעט, דאָ וואָס עס איז דאָ אין זיין גרעסטן לידערבוך, דען כל הלידער מרועה אחד ניתנו, משמע: אַלע שטאַמען פון דעם זעלבן טאַטן און טראָגן זיין חותם.

און נאָך עפּעס: עס איז שוין אַ קיימא־לן, אַז מען פּאַרגלייכט פּאָעזיע צו אַ משקה (און שמרי האָט אין זיינע לידער דעם משל פון אַ מחיהדיק טרינקען גאָר האָלד) און משקה, גוטע משקה, ווייטער, האָט אַ טבע, אַז מען טוט פון איר אַ זופּ, וויל מען נאָך, און עס קאָן לייכט פּאַסירן, אַז ווער סע זעט פּאַר זיך אַזאַ גרויס פּאַס, זשאַלעוועט נישט און נעמט זופּן, אַזוי אַז צו די פּאָר לידער, וואָס ער האָט געלייענט, קומען צו אַנדערע, אין דער זופּער ווערט אַ טרינקער און דער טרינקער ווערט אַ שיכור, און ער לייענט זיך אַריין, ביז מע טוט אים אַ טאַרע: פּעטער־לעב, הגיע זמן קריאת־שמע של שחרית.

ניין, נישט מחמת דעם האַלט איך אונדזער דיכטער פּאַר אַן אָפּטימיסט, נאָר מחמת עפּעס אַנדערש — בשעת איך האָב דעם באַנד אויפגעהויבן און געהאַלטן אין דער האַנט, האָב איך זיך דערמאָנט, וואָס עס האָט מיר דערציילט ר׳ מרדכי

בן יחזקאל (האַלפּערן), אַז ווען ער איז געגאַנגען אַרויסגעבן זיינע „סיפורי מע־שיות", וואָס זענען לסוף אַרויס אין זעקס בענד, האָט אים דער פאַרלאַג „דביר" פירגעלייגט אַרויסצוגעבן אַלץ אין איין גרויסן באַנד, איז ער דערויף נישט איינ־געגאַנגען. ווער — האָט ער געזאָגט — לייענט עס סיפור־מעשיות; אָדער קינדער, וואָס האָבן נאָך נישט קיין כוח, אָדער זקנים, וואָס האָבן שוין נישט קיין כוח אַזאַ משא צו האַלטן, בפרט אַז קינדער האָבן נאָך אַ טבע, בשעתן לייענען, דאָס בוך צו האַלטן פאַר זיך, און ווידער זקנים, וואָס לייגן זיך צו בעתן לייענען, האָבן אַ טבע דאָס בוך צו האַלטן איבער זיך; ווייטער יענע, וואָס האָבן יאָ כוח דערצו, בחורים און יונגערמאַנטשיקעס, לייענען גאָר ווייניק, אויב זיי לייענען בכלל, שוין אָפּגעשמועסט פון באָבע־מעשיות.

נו, יידיש ווערט אַלץ מער אַן ענין פון זקנים, די מחברים האַלטן דורכשניט־לעך ביי די זעכציק און די לייענער דרייען זיך אויך אין דער סביבה פון דעם עלטער; קינדער ווייטער, זענען זיי דאָ, לייענען זיי בעיקר עברית; זענען זיי דאָרט, לייענען זיי דאָך, ווי דער רוב לייענער־ייִדן אויף דער וועלט, גויִיש, פּרעמדשפּראַכיק; און וואָס שייך בחורים און יונגעלייט, האָבן מיר דאָך שוין געהערט. קומט אַריה שמרי און דערלאַנגט אונדז אַזאַ גרויס און שווער בוך — איז ער נישט אַן אָפּטימיסט?

ב

די קשיא איז: אויף וואָס שטיצט זיך אַזאַ אָפּטימיזם? כדי דערויף צו ענט־פערן, דאַרפן מיר זיך אָפּשטעלן קודם־כל אויפן מחבר און דערנאָך אויפן חיבור, משמע: קודם כל אַ שמועס טאָן וועגן זיין לעבן, און שפּעטער וועגן זיין ווערק. איך ווייס גאַנץ גוט, אַז לויט דער היינטיקער מאָדע איז, אין דער קריטיק און אין דער פאָרשונג, דער ענין ביאָגראַפיע נישט איבעריק אָנגעלייגט, אָבער איך האָב, לפחות, דריי טעמים נישט נאָכצוגיין דעם הערשנדיקן נוסח.

ערשטנס, איז דער עצם ענין מאָדע גאָר מאָדנע — האָט דאָך שוין י. ל. פּרץ די מאָדעס פאַרגליכן צו אַ פעסל, וואָס אַלע מאָל שלעפּט מען אַרויס אַן אַנדערן סטראַי, און אַז מען דערגרייכט דעם דנאָ, קערט מען דאָס פעסל איבער, און אויב די באָבע ליובקע לעבט, קוועלט זי אָן, וואָס איר אַלטפרענקישע ראָטונדע איז אָבער אַ מאָל געוואָרן די פרישסטע מאָדע. מילא, האַלט איך שוין איצט ביים איבערגעקערטן פעסל, און איך זע שוין, ווי דער אייערנעכטן ווערט אַן איבער־מאָרגן.

צווייטנס, ווען לודוויג בערנע האָט מספּיד געווען זשאַן־פּאָול, האָט ער זיין אַפּשאַץ פאַרענדיקט, אַזוי צו זאָגן: „דער שלינגערישער פּראָפעסאָר פאַרגעסט דעם שאַפער מחמת זיין שאַפונג. אַוודאי דאַרף מען לויבן די דאַנקעוודיקייט פון דעם,

וואָס דערציילט וועגן דעם גוטס, וואָס ער האָט געגאָסן; אָבער דער דאַנקעוור־דיקסטער איז יענער, וואָס פאַרגעסט דאָס גוטס און געדענקט בלויז, ווער עס האָט אים דאָס צוגעשאַנצט". וועל איך נישט זאָגן, אַז איך האַלט אַזוי ווייט, אָבער, נאָכגייענדיק דעם רמב"מס באַקאַנטן משל, מיין איך, אַז אַזוי ווי מען האָט דעם שטעקן אויסגעדרייט בלויז לצד דער יצירה, איז כדאי אים לייטיש אַ דריי צו טאָן לצד דעם יוצר.

דריטנס, אריה שמרים ביאָגראַפיע האָט אַ טאָפּלטע באַזונדערקייט, וואָס איז נוגע דער ייִדיש־ליטעראַטור בכלל, און איר פּאָזיציע דאָ, ביי אונדז, בפרט. וואָס שייך די ערשטע באַזונדערקייט — ער איז נישט דער ערשטער און נישט דער לעצטער, וואָס איז געקומען קיין ארץ־ישראל, מיטן שטראָם פון אַ באַוועגונג, וואָס איז מכוון געווען צו רעאַליזירן אַ טאָפּלטע אוטאָפּיע — אויפלעבן דאָס עלטסטע לאַנד פון ייִדן און עס מאַכן פאַר זייער ייִנגסט לאַנד; אויפלעבן זייין עלטסטע שפּראַך און זי מאַכן פאַר זייער ייִנגסטע שפּראַך, און איז אפשר די איינציקע אוטאָפּיע, וואָס איז מקוים געוואָרן. אַזוי ווי מיר ביידע, וואָס האָבן זיך מיט עטלעכע פערציק יאָר צוריק געלאָזט אויפן וועג פון דער אוטאָפּיע, זענען אויסגעוואַקסן אין דער זעלבער באַוועגונג, „השומר הצעיר", קאָנען מיר די דאָ־זיקע אוטאָפּיע פון אונדזער אייגענער ביאָגראַפיע, און האָבן אין איר רעאַליזאַציע אונדזער באַשיידענעם, אָבער אייגענעם, אַנטייל.

אָבער דאָ הייבט זיך אָן שמרים וואָטום סעפּאַראַטום — שוין מער, ווי אַ דור צייט, וואָס ער לעבט אין אַ קאָלעקטיוו, פון „השומר הצעיר", אין קיבוץ עין־שמר, און דער קיבוץ איז אפשר דער שטאַרקסטער, אָבער זיכער בולטסטער אויסדרוק פון יענער רעאַליזאַציע, נאָר ווען עס האָט זיך אין שמרי דערוועקט דאָס באַדער־פעניש און דאָס יכולת זיינע איבערלעבענישן צו באַזינגען, האָט ער עס געטאָן אין ייִדיש, און כמעט בלויז ייִדיש. איך זאָג כמעט, ווייל עפּעס האָט ער פאָרט געשריבן העברעיִש — עטלעכע לידער, דערונטער אַפילו אַ סאָנעט, און איינס פון זיי האָב איך אַפילו אָפּגעדרוקט. און דאָ וועל איך נאָך עפּעס באַמערקן, וואָס איך וואָלט אפשר נישט געטאָן, ווען שמרי וואָלט עס נישט דערמאָנט ברשות הרבים — ער האָט מיך געמאַכט פאַר זיין ערשטן פּאַוויערניק און צו מיר גע־בראַכט זיינע ערשטע לידער, און איך האָב אים אונטערגעוואָרעמט אַרויס אויף דער וועלט. נו, „השומר הצעיר" וועלכן ער, שמרי, איז, אין זיין עיקרדיקסטן עיקר — דעם קיבוץ־לעבן — געטריי געבליבן, און ווו ער, אַ מומחה אין ציטרוס, לעבט ביז היינט, איז נישט געווען דער נאָענטסטער קאַנדידאַט מגדל צו זיין ייִדיש־פּאָעזיע און ייִדיש־פּאָעטן, אַזוי אַז ער איז דאָרט, אין קיבוץ, עד היום אַ בן יחיד — און אין עין־שמר זיצן שוין צוויי דורות שרייבער, פון די עלטערע דער קריטיקער און דיכטער עזריאל אוכמני (שוואַרץ), די קריטיקערין און דער־

ציילערין רבקה גורפיין, דער שרייבער משה זרטל (זילבערטאַל) און פון ייִנגערע זיין זון, דער דערציילער אָדם זרטל, ווײַדיש בכל אלה לא מצאתי. געוווסט האָבן מיר, אַז קאַנדידאַטן דערצו זענען גיכער אַנדערע פּאַרמאַציעס — אַ שטייגער, די לינקע פּועלי־ציון, וואָס אונטער זייערע פליגל האָבן זיך דעמאָלט געשאַרט דער רוב היגע ייִדיש־שרייבער; צום טייל אויך די רעכטע פּועלי־ציון — איז טאַקע אין קיבוץ גבעת השלושה געזעסן אַן אַנדערער יחיד, אברהם לעוו עליו השלום. היינט האַלט עס אַנדערש, אָבער דאָס איז אַ פּרק פֿאַר זיך, און מיר וועלן נאָך דערוועגן שמועסן.

ג

פרעגט זיך: מאי עבידיתיה — וואָס האָט אים, אריה שמרי, ווי אַ שרייבער, געלאָזט גיין אויפֿן וועג פון אַ גאַנצן וואָטום־סעפּאַראַטום, פּונקט ווי עס פרעגט זיך, וואָס האָט מיך, ווי אַ לערער און צום טייל ווי אַ שרייבער, געלאָזט גיין אויפֿן וועג פון אַ העלפֿט אָדער דריטל וואָטום סעפּאַראַטום. און איך דערמאָן מיך אַליין, נישט בלויז מחמת דער בשותפותדיקער ביאָגראַפיע אונדזערער, נאָר בעיקר מחמת דעם, וואָס פון מיין דריטל פֿאַרשטיי איך זיין גאַנצן וואָטום סעפּאַראַטום. ער גופא, ענטפֿערט יאַוונע ויאַסנע: כיבוד אָב ואם. ער האָט — דערציילט ער — טיפּסט געוויייטיקט, ווען ער האָט זיך, נאָך דער אַרבעט ביי דער אַנטזומפּונג פון די שומרונישע בלאָטעס, צעפלאַקערט אַ טאַנץ און מען האָט געזונגען אַ פּזמון, ווו מען האָט טאַטע־מאַמע, און ממילא זייער וועלט, צו גאַרנישט געמאַכט, גלייך נישט זיי האָבן אונדזער חלום אין זיין באַשייד פֿאַרירשנט. אויב איך מעג עס אַ ביסל אַבסטראַקטער דעפינירן, מיינט עס, אַז אונדזערע חברים האָבן אויפֿן וועג צווישן דער עלטסטער און צווישן דער ייִנגסטער סטאַדיע פון לאַנד און שפּראַך, געוואָלט פֿאַרלירן, וואָס עס איז געווען אַן אינטעגראַלער טייל פון זייער אייגע־נעם לעבן, און איז אַן אָרגאַנישער טייל פון אונדזער כלל־קולטור. שמרי האָט זיך אויפגעלעבט קעגן אַזאַ וואַקוואום, און זיין אויפלען איז געווען אַ שאַפערי־שער — ער האָט געלאָזט הערן זיין פּאַעטישן אני־מאמין אין ייִדיש, בלויז ייִדיש, אין דער העברעיִש־ווערקלעכקייט, וועלכע ער נעמט אָן און וועלכע לעבט טאָג־טעגלעך איבער זיין סביבה, כאָטש עס איז פֿאַר אים געווען אָפן דער וועג פון צוויי־שפּראַכיקייט, וואָס וואָלט אים אויפגעשלאָסן דאָס אויער און הארץ פון יונגן דור, איז ער געוואָרן און געבליבן אַ ייִדיש־דיכטער.

ד

אָבער דאָ קומט אַ האַרבע קשיה — צי האָט ער דעם וועג אויסגעקליבן, אָדער האָט אים דער וועג אויסגעקליבן. אַז ער האָט דעם וועג אויסגעקליבן, איז קיין

ספק נישט — האָט ער דאָך ערשט איצט, אין בוך־טאָוולען, אַריינגענומען זיין פּאָעמע „לייזער ציפּריס", אַ ווידזיאָנערע אויטאָביאָגראַפיע פון זיין יוגנט, און דאָרט לייענען מיר בפירוש וועגן העכערן אַלטער־עגאָ פונעם פּאָעט, וואָס האָט מדעת און בכיוון פאַרלאָזט די ל"ו, און געגאַנגען באַשטימען אַן אַנדערן גורל, דעם גאולה־גורל פון פאָלק. אָבער אויב ער האָט דעם גאַנג אין לעבן זיינעם אין דער ווערקלעכקייט, מיט וועלכער ער ראַנגלט זיך און קומט זי ביי, אויסגע־קליבן, — (און אַ סימן: די איבעריקע ל"ה האָבן, ווייזט אויס, נישט אַזוי גע־טאָן) — האָט אָבער זיין גאַנג אין דער שאַפונג אים אויסגעקליבן, אים און נישט די איבעריקע ל"ה, אַפילו זיי זענען אים שפּעטער, כמעט צו שפּעט, אין לעבן נאָכגעגאַנגען. פאַר וואָס דווקא אים, ווייס איך נישט, מסתמא האָט ער מער פּרעדיסטינאַציעס אָדער פּרעדיספּאָזיציעס דערצו, אָבער עמעצן האָט דאָך יידיש־געמוזט האָבן אין עין־שמר — ווי אַ שם־דבר פאַר אַ גרעסערער, טאָטאַלערער ווערקלעכקייט — און אויסקלייבן דערצו.

איך בין אַלע יאָרן געשפּאַנט נאָכגעגאַנגען דעם דאָזיקן עזות פון אַ יחיד צווישן אַ רבים, און האָב דערויף אַ דרייַיִקן פּירוש. ערשטנס — איז ער נישט אַ יחיד קעגן אַ רבים, נאָר טאַקע אַ יחיד צווישן אַ רבים, וואָס האַלט, אַז אַ פאָלק מאַכט זיך נישט בידיים אָרעמער, און וואַרפט נישט אַוועק אַ קולטור־ווערט, ווי עס איז יידיש, און באַשטימט אים אַ פונקציאָנאַלע ראָל אין דער איבער־געאַנדערשטער קולטור־קאָאָרדינאַציע. צווייטנס, יידיש האָט זיך נאָך נישט דער־זאָגט און דעררעדט, און עס האָט נאָך אַ סך צו זאָגן און צו זינגען, און מחמת כמה וכמה סיבות איז דווקא ארץ־ישראל און דער וועג צו איר און אין איר, איינע פון די נישט דעררעדקייטן און נישט־דערזאָגקייטן פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור. און שמרי איז איינער פון די ראשי־ממלאים פון דעם חסרון אין אונדזער קולטור־פּאָליפאָניע. דריטנס, אַרויסגעבנדיק זיינע געזאַנגען, שאַפט ער ממילא אַ יש, וואָס גייט אַריין אין היגן קולטור־חשבון. און דאָ וויל איך דער־מאָנען אַ וואָרט פון חיים הזז (אגב, ווער האָט דאָס נישט געשריבן קעגן זיינעם אַ פליטת־פּה, אָבער קיינער האָט נישט דערמאָנט זיין הימען צו יידיש, אין זיין וואָרט לכבוד חיים גראַדע, וואָס איז געווען געדרוקט אין „מאזנים"): האָסט גע־שריבן אַ בוך, גיב עס אַרויס, שטעל עס אַריין אין שאַפעלע, עמעצן וועט עס שוין שטערן. און איך וועל דערצו בלויז צוגעבן צוויי באַמערקן. ערשטנס: בפרט אַזאַ גרויס און שווער ספר ווי אריה שמריס „געזאַנגען אין שייער", און צווייטנס: בעיקר וועט עס שטערן יענע, וואָס מיינען, אַז מען קאָן זיך מאַכן אַ לייכטן, ווייַ־ניקער פאַרוויקלטן, קולטור־חשבון.

[טבת, תשל"א]

צווישן אָנהויב און המשך

מאמר א׳: אַ טאָפּל שליחות

א וואָרט ביי דער יובל־פייער פון אברהם סוצקעווער

א

איך פאַרשטיי, אַז דער כבוד איז מיר צוגעטיילט געוואָרן צוליב מיין פּראָ־פעסיע, אָבער אַזוי ווי אַ מענטש באַנוגנט זיך נישט מיטן יחוס פון זיין אומנות, און בענקט נאָך אַ יחוס־עצמו, דערלויב איך מיר צו באַמערקן, אַז עס קומט מיר פיר, דאָס איך פאַרמאָג אַזאַ שטיקל יחוס־עצמו — און דאָס איז דער מנהג, וואָס איך בין מקיים שוין איבער דרייסיק יאָר: איך בין מיך משתדל, אַז אַ יעדער אָפּקלאַנג, וואָס לאָזט זיך ביי אונדז אין לאַנד הערן, סיי פון דער יידיש ליטע־ראַטור, סיי וועגן איר. זאָל צוקומען צו דעם אינטערעסענט; פאַר דער מלחמה האָב איך זיך אַזוי נוהג געווען בעיקר לגבי די יידיש־שרייבער אין פּוילן, און איצט בעיקר לגבי די יידיש־שרייבער אין ביידע אַמעריקעס, און אַזוי ווי איך פלעג שיקן דעמאָלט, אַזוי שיק איך אויך היינט גאַנצע פּעק פראַגמענטן און אויס־שניטן, אַזוי אַז יעדער שרייבער דערוויסט זיך, וואָס ברענגט מען עפּעס דאָ פון אים, און וואָס רעדט מען עפּעס דאָ וועגן אים; און דאָס איז אַ קליינער, אָבער באַשטאַנדיקער, דינסט מיינער אויפצושטעלן די פּאַפּירענע בריק, וואָס אונדזער פאָלק־אגדה האָט זי געמאַכט פאַר אַ בולטן סימן פון דער גאולה. און עס איז זייער אַ לאַנגע בריק, און איך וועל אפשר נישט מגזם זיין זאָגנדיק, אַז ווען מען וואָלט די אַלע אויסשניטן צונויפגעקלעפּט לענג־אויס, וואָלטן זיי אַרומ־געריגלט דעם גאַנצן גלאָבוס. אויף דער בריק זענען צו שטאַנד געקומען כלערליי באַגעגענישן, וואָס פיל פון זיי האָבן זיך פאַרענדיקט מיט ראָמאַנען, און איינער פון זיי איז דער ראָמאַן מיט אברהם סוצקעווער, וואָס האָט זיך אַזוי אָנגעהויבן: מיט מער ווי אַ האַלבן יובל צוריק האָב איך באַקומען דעם ערשטלינג פון אונ־דזער פּאָעטס ביכער — עס האָט געהייסן „לידער" און איז אַרויס דורך דער ביב־ליאָטעק פון יידישן פּען־קלוב אין וואַרשע. און ווי איך האָב עס נאָר דורכגע־לייענט, האָב איך דעם היגן לייענער דערויף אויפמערקיק געמאַכט, קודם־כל אין

דער כראָניק פון דער ליטעראַטור־ביילאַג, וועלכע איך האָב דעמאָלט רעדאַקטירט אין „דבר", און שפּעטער אין מיין שטענדיקער רובריק דאָרט „בצדי דפים ומע־שים". איך האָב דאָרט ברייטער באַהאַנדלט איין פּאָעמע פונעם בוך, די פּאָעמע איבערן פּוילישן דיכטער ציפּריאַן נאָרוויד, און האָב פאַרענדיקט: „דאָס איז דער עיקר פון דער פּאָעמע, וואָס עס האָט אָנגעשריבן אונדזערס אַ דיכטער אין די טעג, ווען שוואַרצע קראָען גרייטן זיך צו צערדלובען און פאַרשוועכן נאָרווידס גייס־טיקע ירושה; אַ פּאָעמע, וואָס איר שיינקייט איז ווי איר אמתדיקייט".

ב

אַוודאי זענען מיינע דעמאָלטיקע ווערטער אַ דריבנע זערנע אין דער גרויסער אָפּשאַץ־ליטעראַטור וועגן פּאָעט און וועגן דער פּאָעזיע זיינער — וואָס מען האָט דעריבער געזאָגט און געזונגען איז ממש אַ ים הגדול, דערונטער אויך מאָ־נאָגראַפיעס, וואָס זענען אַרויס אין טאָמען, און אויך צוויי באַזונדערע געזעמלען, איינע מיט צען יאָר צוריק — אַן אַנטאָלאָגיע פון זיינע לידער און אָפּשאַץ־אַר־טיקלען „פון דריי וועלטן" (בוענאָס־איירעס, 1953) און איינע, וואָס איז אַרויס איצט — „יובל בוך צום 50סטן געבוירן־טאָג פון אברהם סוצקעווער" (תל־אביב, 1963). און פון דעסטוועגן רעד איך מיר איין, אַז מיינע פּאָר ווערטער מיט איבער אַ האַלבן יובל יאָרן צוריק, האָבן אַ טראָפּן חשיבות, אויב נישט צוליב זיך אַליין, איז צוליב דעם, וואָס אין זיי איז דאָס ערשטע מאָל דער נאָמען און די עובדה פונעם דיכטער דערמאָנט און אָפּגעשאַצט געוואָרן אין ארץ־ישראל און פאַר דער העברעיִשער אַרבעטער־לייענערשאַפט. אַז דער דיכטער גופא איז אויך נישט אינדעפערענט אַריבער איבער דער רשימה מיינער, האָב איך אָפּגעלערנט דער־פון, אַז ער האָט מיך געדענקט, און בשעת ער האָט, שוין אין עצם מלחמה־צייט, אַרויסגעגעבן זיין ווונדערלעך בוך „וואַלדיקס", האָט ער עס מיר צוגעשיקט, און ווייל עס איז געוואָרן אַ יקר־המציאות, האָב איך אים זיין אייגן בוך געשענקט, ווען מיר האָבן זיך, נאָך יאָרן, דאָ באַגעגנט. נאָך מער, בשעת דער מלחמה, ווען ראַדיאָ מאָסקווע און ראַדיאָ ירושלים האָבן זיך יידיש דורכגעשמועסט, האָט דער דיכטער געלאָזט גריסן דריי אין ארץ־ישראל און מיך בתוכם. אויך שפּעטער, דאָ אין לאַנד, האָט ער מיך געמאַכט פאַר אַ שטיקל בעל־יועץ זיינעם אין דער אידעע און אויספיר פון „די גאָלדענע קייט", אָבער דאָס לאָז איך, צוליב כמה טעמים, איבער פאַר מיינע זכרונות, און וועל אייך איצט דערמיט נישט מטריח זיין.

ג

און אַצינדערט, אַז איך האָב מיך שוין באַזאָרגט מיט אַ פּאַרציע יחוס עצמו, וועל איך, מיט אייער דערלויב, עפּעס זאָגן מכוח אונדזער יום־טוב און זיין

אַרום — כאָטש עס שטייט בפירוש: יובל הוא שנת החמישים, טייטש: יובל איז דאָס פופציקסטע יאָר, זענען מיר זיך, בדרך כלל, נוהג עס אָפּצושטופּן, לפּחות, מיט צען יאָר שפּעטער. אָבער דאָ האַלטן מיר זיך שטאָל־און־אײַזן ביים פּסוק, און מיר האָבן אַ דרײַיִקן טעם דערצו. ערשטנס, פרייען מיר זיך מיטן נס, וואָס האָט זיך אונדז געטראָפן, אַז אונדזער דיכטער איז אָפּגעראַטעוועט געוואָרן פון עמלקס מערדערישע הענט, און איז דער באַקלאָגער פון אונדזער אומקום און באַזינגער פון אונדזער אויפקום, און אויף אַ נס מאַכט מען אַ ברכה יעדן טאָג, כל־שכן אין אַ יובל־טאָג. צווייטנס, מיר האָבן אים ליב נישט בלויז דעם פּאָעט און נישט בלויז די פּאָעזיע זיינע, נאָר אַ סך אַנדערע, וואָס זענען גלייך מיט אים געווען אין יאָמער־טאָל און זייער ליד איז אַכזריותדיק דערדישעט געוואָרן, און ער, צו גלייך מיט די אַנדערע אָפּגעראַטעוועטע פּאָעטן, האָבן דאָס שליחות אויף יענע פאַרשטומטע לידער צו זינגען. דריטנס, מיר פייערן אים בפירוש ווי אַ יונגן דיכטער, דען צו אונדזער גרויסן ווייטיק זענען פופציק־יאָריקע יידישע דיכטער נישט אַזוי גרויס אין צאָל, און נישט אומזיסט פאַרענדיקט מיט אים משה באַסאַק זיין אַנטאָלאָגיע „מבחר שירת יידיש — למן י. ל. פרץ עד ימינו" טייטש: אָפּקלייב פון יידיש־פּאָעזיע זייט י. ל. פרץ ביז היינט; און שמשון מעלצער אין זיין אַנטאָלאָגיע „על נהרות" האָט אויך נישט מער ווי נאָך צוויי, וואָס זענען יינגער פון אונדזער בעל־יובל.

ד

לאָמיר איצט פאַר זיך אָווּעקליייגן דעם ערשטלינג זיינעם, דאָס בוך „לידער", וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן אַ פיר־און־צוואַנציק־יעריקער, און לעבן אים לייגן מיר אַוועק די צוויי בענד „פּאָעטישע ווערק", וואָס נעמען אַרום, אין טויזנט־הונדערט־און־פיר־און־דרייסיק זייטן, זיין גאַנצע שאַפערישע האַרעוואַניע, און וואָס זענען איצט אַרויס צו זיין פופציקסטן לעבנסיאָר — (און די צוויי ביכער אַליין פאַרדינען אַ גרויסן פּראַזניק) — און כאַפּן מיר אַ קוק, וואָס איז פירגעקומען צווישן דעם דעמאָלטדיקן ערשטן בענדל און די איצטיקע צוויי בענד. דער מחבר זייערער, אַ געבוירענער אין סמאָרגאָן (ווו עס איז אויך געבוירן געוואָרן משה קולבאַק, וועלכן ער באַוווּנדערט עד היום), איז קינדוויז פאַרוואָגלט געוואָרן קיין סיביר, און דאָס איבערלעבעניש פון יענעם פייזאַזש איז אַ מין באַגלייטער צו זיין אינעווייניקסטן איך, ווי עס באַווייזט זיין פּאָעמע „סיביר", כאָטש אַ טייל אָפּשאַצערס זיינע זענען זיך טועה מיינענדיק, אַז דאָרט, אין סיביר האָט ער דערוואָרבן די באַזונדערע סגולה פון אויפכאַפּן דעם כישוף פון דער נאַטור, בשעת אין דער אמתן האָט ער די סגולה נישט דערוואָרבן, נאָר זי איז אים אַ געבוירענע, און אפשר אַ געירשנטע, פּונקט ווי עס איז זיין היפּערדינע מוזיקאַ־

לישקייט, וואָס שטייט אים ביי אַרויסצוראַפּינירן פון אונדזער שפּראַך־אוצר זיינע פאַרבאָרגענע מעגלעכקייטן. איך האָב געזאָגט: אַ געירשעטע — האָט זיך דאָך שוין אונדזער גרויסער פּאָעט, איציק מאַנגער, אָפּגעשטעלט דערויף, אַז ליטע האָט אונדז געגעבן די באַזינגער פון דער נאַטור, און זיי האָבן כמעט חזקה דערויף. מאַנגער רעכנט אויס מענדעלען און די שאַרפקייט פון זיין אָבסערוואַציע; דוד איינהאָרן און די ציטערנדיקע בעריאָזע זיינע; לייוויקן און זיינע פּראַכטיקע שניי־לאַנדשאַפטן; משה קולבאַקן און זיינע וואַסער־און־וואַלד־געמעלן; חיים גראַדען און זיינע אויסגעצייכנטע באַרג־הימנען; יוסף ראָלניקן און זיין סובטילע נאַטור־סימבאָליק; און איך מיין אַריינפּיר צום העברעיִשן נוסח פונעם עפּאָס „קענטאָקי“, האָב איך נאָך צוגעגעבן דעם מחבר זיינעם י. י. שוואַרץ, וואָס פאַרבליבט אונדז מיט זיינע נאַטור־באַשרייבן, סיי דאָרט, סיי און בעיקר אין דעם אַנדערן עפּאָס זיינעם „יונגע יאָרן“. און האָב אָנגעוויזן, אַז מען דאַרף דעם רייסטער אויסבריי־טערן אויף ווייסרוסלאַנד — זלמן שניאור און, ער זאָל אָפּגעשיידט זיין אויף לאַנגע און שאַפערישע יאָרן, אברהם סוצקעווער, ביידע באַזינגער פון ווילנע, וואָס זייער נוסח איז נוסח ליטע. איך וועל אפשר נישט גרייזן, אַרויסזאָגנדיק אַ סברה, וואָס איז נישט בלויז מיינע, אַז סוצקעווערס לידער, ווי „וואַלדיקס“ און אַנדערע, זענען דער פולסטער אַקאָרד אין דער דאָזיקער נאַטור־סימפאָניע.

ה

אָבער פונקט ווי דער סיבירער פּייזאַזש האָט אים פאַרהאָלפן אַנטפּלעקן אַ פריִערדיקע שיכט פון איבערלעבעניש, דעם פּייזאַזש פון זיינע קינדערשע יאָרן, אַזוי האָט אים דער פּייזאַזש פון די קינדערישע יאָרן באַפּעיִקט צו אַנטפּלעקן אַ שיכט, וואָס איז אי אַ שפּעטע, אי אַ פריִע, — אַ גאָר פריִע, אפשר די פריִעסטע, וואָס הויערט אין דער טיפסטער טיף פון אַ ייִדיש קינד, כל שכן אַ קינד פון ירושלים דליטא — עס איז דער פּייזאַזש פון חומש. אַוודאי ווייסן מיר, אַז אויפן לאַנגן וועג פון „וואַלדיקס“, ביזן פּייזאַזש פון ארץ־ישראל איז דאָ ווילנע און „יונג ווילנע“ מיט אירע רייכע און פילפנימדיקע טאַלאַנטן, וואָס האָבן געקאָנט מפרנס זיין אַ גאַנצע ליטעראַטור און אַ גאַנצע קונסט, פונקט ווי מיר געדענקען, אַז ווילנע איז צו יענער צייט געווען אַ גרויסער ייִדיש־צענטער — ייוואָ, קלעצ־קין און זיין פאַרלאַג, רייזען און זיין לעקסיקאָן, ווו ערשט מיט צוויי דורות צוריק זענען געווען אד״ם הכהן און מיכ״ל קלמן שולמאַן און יל״ג, ווו עס זע־נען אַרויס „פרחי צפון“ און „הכרמל“, און שפּעטער „הזמן“ און „העולם“. נאָך מער, ווילנע איז דעמאָלט געווען אַ צענטער פון אַ באַוועגונג, וואָס האָט באַוווסט, פּראָגראַמאַטיש, פאַרלאָזט דעם וועג פון צווייִשפּראַכיקייט, און ממילא איבערגע־ריסן די בריק צו העברעיִש ווי אַ לעבעדיקן שפּראַך־אויסדרוק, און האָט מער

נישט געהאַט קיין פאַרבינד מיט ארץ־ישראל ווי אַן אַקטועלן לעבנס־צענטער. די דאָזיקע באַוועגונג איז געבוירן געוואָרן און זיך פונאַנדערגעוואַקסן אויפן באָדן פון אַן אמונה אין דער מעגלעכקייט פון אַ גאַנצער קולטור אין גלות, געוועבט פון דעם היסטאָרישן אָדער אומהיסטאָרישן קוק אויף אונדזער פאָלקס־גורל. דאָס דאַרף היפש אונטערגעשטראָכן ווערן, סיי כדי צו פאַרשטיין דעם אַנהייב, סיי כדי צו פאַרשטיין דעם אויסלאָז.

וואָס שייך דעם אַנהייב — אַ סך האָבן שוין געשריבן וועגן „יונג ווילנע" וואָס די ליטעראַטור־קריטיק און די לייענערשאַפט האָבן זי, פונעם ערשטן אויפ־שפּראָץ, וואַרעם, כמעט ענטוזיאַסטיש, אויפגענומען; און דאָס מיט פולן רעכט — טאַלאַנטן ווי דער פאַרבליפנדיקער לייזער וואָלף, און זיי צו לענגערע יאָר חיים גראַדע און אברהם סוצקעווער, יאָוון זיך נישט יעדן מאָנטיק און דאָנערשטיק. קוקט זיך נאָר צו צו ווילנע אין סוצקעווערס פּאָעטישן שפּיגל — פאַרן חורבן, אין חורבן, נאָכן חורבן, לייענט „ייִדישע גאַס" און „געהיימשטאָט". אָבער אַז מיר דערמאָנען די צוויי ביכער, איז נישט מעגלעך, מיר זאָלן נישט אַ פרעג טאָן: דער מחבר פון זיי און פון „אין פייער־וואָגן" און פון „אין מדבר סיני" איז טאַקע איינער און דער זעלבער? דערויף לאָזט זיך ענטפערן: אין פלוג קאָן זיך דאַכטן, אַז ער איז דער מחבר פון די פיר ביכער נישט מלכתחילה נאָר בדיעבד, אָבער דאָס איז אפשר דער גרעסטער טעות, וואָס עס באַגייען אַ טייל פון זיינע אָפּשאַצער. אַוודאי, לויט זיין אָפּענעם ביאָגראַפישן אַנהייב לאָזט זיך אַזאַ המשך נישט משער זיין — אַ ייִנגל איז אַרויס אין דער וועלט פון שאַפונג מיט אַן אילוזיע פון שירה לשם שירה, פון אויסאיידלען דעם קלאַנג פאַר זיך, אויסראַ־פינירן דעם ניואַנס פאַר זיך, ווי אַ שיינקייט וואָס שעפּט זיך אויס אין דער שיינ־קייט גופא און פאַר דער שיינקייט גופא; אַ יונגערמאַן, וואָס האָט דעם ייִדישן באַשטאַנד געזען אין ווילנע און האָט זיך העכסטנס געלאָזט דורכגיין אַ טעררי־טאָריאַליסטישע גריל אין נוסח פון ייִדישיסטישן „שפּאַרבער", אָבער אין תוך אַריין האָט ער צו טאָן, אויב ער וויל אָדער וויל נישט, מיטן קעלער אָדער מיטן בוידעם פון ייִדישן ווילנע, פון ירושלים דליטא, און דאָס איז פּאַרט ירושלים ממש. דען סוף־סוף שטעלט זיך אַרויס, אַז דער קעלער אין דער טיף און דער בוידעם אין דער הייך זענען שטאַרקער פון דער שטוב, דען דאָרט, אין די אינע־ווייניקסטע שיכטן, איז אונדזער דיכטער אַ סך מער ווי אַ חבר פון „יונג וויל־נע" — דאָרט איז ער אַן אייניקל פון אַ רב, אַ געקאָוועטן למדן; אַ זון פון אַ מאַמען, וואָס האָט געקענט תנך אויסווייניק, און איז געגאַנגען צום טויט מיטן קרבן־מנחה־סידור אין דער האַנט, און עס איז אַ קיימא־לן: אין דער שעה פון גורל, ווען דאָס פאָלק צאַפּלט צווישן טויט און לעבן, אַנטשיידט נישט דער פּראַג־מאַטישער שפּיץ פונעם בוים, נאָר זיין מהותדיקער שורש.

ו

אַוודאי האָט דער אָנהייב נישט געוווּסט, ווי דער המשך קאָן און וועט אויס־זען. האָט ח. נ. ביאַליק, וואָס האָט אויסגערופֿן: מהיות כפיר בין כפירים איספה עם כבשים, טייטש: איידער צו זיין אַ יונגער לייב צווישן יונגע לייבן זאָל איך אונטערגיין צווישן שאָף, געקאָנט וויסן, אַז ווען ער וועט מיט די אייגענע אויגן זען, ווי אַזוי שאָף גייען אונטער, וועט ער שרייבן די „שחיטה־שטאָט”; האָט ש. טשערניכאָווסקי, וואָס אַפֿילו די מכבים האָבן ביי אים נישט אויסגענומען, גע־קאָנט וויסן, אַז ער וועט אין זיינע באַלאַדעס באַוויינען די קדושים פֿון ווירמייזע און טירמאַניע; האָט יצחק קאַצענעלסאָן, וואָס האָט זיך געצאַצקעט מיטן לייכטן שפּילערישן ליד, געקאָנט וויסן, אַז ער וועט, מיטן בלוט פֿון זיין האַרצן, שרייבן דאָס ליד פֿון אויסגעהרגעטן ייִדישן פֿאָלק? אויך דער, וואָס האָט, מיט אַ פּערטל יאָרהונדערט צוריק, אַרויסגעגעבן דאָס בוך „לידער”, האָט נישט געוווּסט, נישט געקאָנט וויסן, אַז ער וועט שרייבן אי „געהיימשטאָט” אי „אין פֿייער־וואָגן”, און וועט אויסשעפּן די כּישוף־מעגלעכקייטן פֿון לשון האמהות, און עס טאָן באַרץ־האָבות. ער האָט עס נישט געוווּסט, נישט געקאָנט וויסן, אָבער ער האָט דאָס טאָפּעלע שליחות אויסגעפֿירט.

[טבת, תרצ״ד]

מאמר ב׳: אַ קליינע לעקציע

מיר עפֿענען דעם בוך פֿון אברהם סוצקעווער „אין פֿייער־וואָגן” (תּל־אָבֿיבֿ, 1952) און לייענען דאָרט אַ ליד, וואָס האָט נישט קיין נאָמען, טראָגט אויף זיין שטערן אַ שטערנדל, און הייבט זיך אָן מיט די ווערטער: פֿאַרגאַנגען איז אַ ייִדנוועלט, און איז געשריבן געוואָרן אין יאָר 1948. מיר לייענען עס סטראָפֿע־סטראָפֿע און קלערן זיך אַריין, כּדי די באַזונדערע סטראָפֿעס און אַזוי אַרום דאָס גאַנצע ליד צו פֿאַרשטיין.

I

פֿאַרגאַנגען איז אַ ייִדנוועלט מיט מתמיד און מיט מאַניש,
מיט כּלה־ייִדיש אויסגעפּוצט אין פֿאָלקסלידער באַהאַרצטע.
אַ ייִדנוועלט איז אויסגעגאַנגען אימהדיק־האַרמאָניש,
באַגלייט פֿון שפּילנדיקע פֿידלען — קינדערלעך די צאַרטסטע.

דער לייענער שטעלט זיך קודם־כּל אָפּ אויף ווערטער, וואָס חזרן זיך גאַנץ אָדער כּמעט גאַנץ איבער, און דאָס איז דער סוביעקט פֿון דער סטראָפֿע און זיין

פרעדיקאַט: 1. פאַרגאַנגען איז אַ ייִדנוועלט, 2. אַ ייִדנוועלט איז אויסגעגאַנגען — דער חילוק איז אַ קלאָרער: פאַרגיין פאַרגייט בילדלעך די זון, באַגריפלעך די צייט, עפּיגראַמאַטיש אַפילו אַ פאַטש; אויסגיין גייט אויס קאָנקרעט דער אייל, כמעט קאָנקרעט דער אָטעם, אַבסטראַקט אַ נשמה; דאָ פאַרגייט און גייט אויס אַ וועלט, אַ ייִדנוועלט (נישט פרוגס אַ וועלט מיט ייִדן, נאָר בפירוש אַ ייִדנ־וועלט), און זי פאַרגייט ווי אַ סובסטאַנציע, דורך צוויי אַטריבוטן אירע: מתמיד און מאַניש, ווי צוויי גייסטיקע רעפּרעזענטאַנטן פון צוויי דורות — נישט מחמת דעם גראַם נאָר מחמת אַ מהותדיקערן טעם גייט דער מתמיד פאַר מאַניש, דען כאָטש י. ל. פרץ האָט זיין מאַניש געלאָזט אָפּדרוקן ווען ביאַליק איז נאָך געווען אַ ייִנגל פון אַ יאָר פופצן און האָט נאָך געהאַט אַ היפּשע פאָר יאָר ביז צו זיין מתמיד, איז אָבער דער מתמיד, בפרט אין זיין טיפּישן באַנעם, אַ פריִערדיקער פון מאַניש, בפרט אין זיין מער אינדיווידועלן באַנעם. הייסט עס, אַז די פאַר־גאַנגענע־אויסגעגאַנגענע ייִדנוועלט באַזירט זיך מענטאַל און באַוווסטזיניק אויף די צוויי געשטאַלטן, וואָס שטייען ביים טויער פון דער ייִדישער מאָדערנע און אירע וואַקלענישן. אָבער שוין די צווייטע שורה באַנוגנט זיך נישט מיט אַזאַ באַזע און פאַרווייזט אויף אַ טיפערער — די ייִדנוועלט קומט דאָ אויס אַ באַ־האַרצטע מיט כלה־ייִדיש אין פאָלקסלידער. לוינט זיך קודם־כל צו פאַרשטיין די עברי פון דער שורה — אַ כלה און באַהאַרצן זענען כידוע פאַראַנקערט אין שיר־השירים: לבבתיני אחותי כלה, ווערט געטייטשט: דו האָסט מיך באַהאַרצט מיין כלה, און ווערט, אין אונדזער געשמאַק, פאָזיטיוו פאַרשטאַנען ווי מען וואָלט אַ שטייגער זאָגן: דו האָסט מיר מיין האַרץ געשטאַרקט, דערפרישט, כאָטש גרונ־טיק האָט עס אַ נעגאַטיוון באַטייט, ווי מען וואָלט אַ שטייגער זאָגן: דו האָסט מיר מיין האַרץ געשוואַכט, אָפּגענומען, און עלטערע און ייִנגערע טייטשן ווייסן עס גאַנץ גוט — פאַר לבבתיני אחותי כלה האָט ר' יקותיאל בליץ: דוא האָשט מיר מיין האַרץ גנומען מיין שוועסטיר אויך ברויט; ר' יוסף וויצנהויזן: דוא האָשט מיר דאַש הערץ גינומען מיין שוועסטר [ליבה] (כלה), ווייטער יהואש: האָסט ס'האַרץ מיר געפאַנגען, שוועסטער מיין כלה. אָבער אין אונדזער ליד גייט באַהאַרצט ווי אין זיין סוביעקט, דעם פאָלקסליד — ממש ווי מיר האָבן אין פאָלקסליד אַ צווילינג: האַרצעניו קרוינעניו, איז דאָ באַהאַרצן געפורעמט ווי באַקריינען, באַשיינען, מיט האַרץ אַרומרינגלען. נאָך זעען מיר אין ליד, אַז די כלה איז אויסגעפוצט, איז עס סיי כדרך הטבע, סיי כדרך המנהג (קישוטי כלה), סיי כדרך הכתוב, אָבער מען דאַרף געדענקען, אַז די געפוצטע כלה איז נישט דער באַצייכן פאַר דעם מיידל, וואָס שטייט אונטער דער חופּה, און וואָס איר חתן אין די לעצטע דורות איז [דער] מתמיד אָדער מאַניש, נאָר בפירוש דער באַצייכן פאַר דעם מיידל־ייִדיש, וואָס שטייט אויסגעסטראָיעט אין פאָלקסלידער, ווי איר

חתן איז אויסגעסטראַיעט מיט תורה, וואָס ווערט אין אונדזער ליד נישט דער־מאָנט, און דאָס מסתמא מחמת צוויי טעמים — איינער, ווייל ער וואָלט פאַר־טיילט דעם אַקצענט צווישן יידיש און לשון־קודש, דער אַנדערער, וואָס איז געבונדן מיטן ערשטן, ער וואָלט פּאַראַלעלט דאָס וואָס געהער בעצם צו די צוויי־טערע סטראָפעס. אויב מען מעג זיך דערוועגן אַ השערה, וואָלטן מיר אויך געפרווט זען די כלה, ווי אַ סימבאָל פון דער נשמה, בעיקר פון דער אויס־גייענדיקער נשמה, ווי עס ווערט געבראַכט אין הספד איבער ר׳ הונא: קצף אל על עולמו, וחמס ממני נפשות, ושמח בהם ככלה חדשה, וואָס ביאַליק גיט איבער (ווי אַלע פּאַעטישע איבערזעצן אין פאַריידישטן „ספר האגדה" פון ביאַליק־ראַווניצקי, נעם איך אָן, אַז עס איז בלויז ביאַליקס האַנט דערביי): ווי גרויס מוז זיין פון גאָט דער צאָרן אויף זיין וועלט, אַז אָפּגערויבט האָט ער איר בעסטע צירונג: די ריינסטע און די שענסטע זעעלן. אָבער מיר קערן זיך צוריק צו דער אויסגעפּוצטער כלה־יידיש, וואָס ווי אַ כלה אונטער דער חופּה ווערט באַגלייט פון כלי־זמר, און אַזוי איז די חופּה אַ שוואַרצע חופּה, ווו אַ יידנוועלט גייט אויס, און גייט אויס אין אַ סתירה, וואָס דער דיכטער פאַרבינדט אין אַן אַדווער־ביאַלן שכנות: אימהדיק־האַרמאַניש, און בויט די סתירה אויס ווי אַ משל און אַ נמשל, דער משל איז די האַרמאַניע: שפּילנדיקע פידלען, דער נמשל איז די אימה: קינדערלעך די צאַרטסטע.

II

נאָר ווען דאָס לעצטע פאָלקסליד האָט געצאַפּלט אויף אַ תליה,
און מיט אַ גרינעם איילבערטבלאַט קיין טויב איז נישט געקומען;
ווען טויט־לבנה האָט פאַרבייטן שוין געוואָלט די שקיעה —
אַ ריס געטאָן האָט זיך פון מויל דעם אויסגעקרימטן, שטומען,

צווישן דער ערשטער און דער צווייטער סטראָפע זענען אַלע קישוטי כלה, די באַהאַרצטע פאָלקסלידער, אויסגעגאַנגען אין עינויים, אויף דער תליה, און איצט צאַפּלט פאַר אונדז דאָס לעצטע פון זיי, און בלויז אַ נס קאָן עס אָפּראַטעווען, און דאָס נס מאָלט זיך אויס אין גייסט און בילד פון דער אַלטער, עלטסטער אונטערגאַנג־מסורה, דעם מבול, ווו דאָס גרינע איילבערטבלאַט אין מויל פון דער טויב, זאָגט אָן דעם נס פון דער צוריק־אַרויסשטאַרצנדיקער יבשה; אָבער נישט בלויז, וואָס דאָס נס חזרט זיך נישט איבער, נאָר אַנשטאָט דער דערוואַרטער גרינקייט, ווי אַ סימן פון שפּראָץ און אויפגאַנג, שפּרייט זיך אויס אַ ווייסקייט ווי אַ סימן פון אָפּלעב און אונטערגאַנג (טויט־לבנה) וואָס נעמט פאַרבייטן די שקיעה, אין איר טאָפּלזיניקייט, איינס בדרך משל: די גאָלדיקייט פון דער אונ־

טערגייענדיקער זון, דאָס אַנדערע בדרך נמשל; די לעצטע פּראַכט פון אויס־גייענדיקן יידנפאָלק, פאַרבילדלעכט אין צאַפּל פון לעצטן פאָלקסליד. און דאָ געשעט פאַרט דאָס נס, — ער געשעט נישט דורך דער ממשותדיקער טויב, נאָר דורך דער סימבאָלישער טויב — די גאָלדענע נשמה, דער תמצית פון דעם גע־ראַטעוועטן שקיעה־גאָלד, וואָס רייסט זיך אַרויס פון מויל, און סיי דער מיטאָס, סיי די לעגענדע, סיי די פאָלקס־מעשה מאָלן זי ווי אַ טויב, אָדער אַ פּלאַטערל. דאָס עצם בילד פונעם אַרויסריס פונעם מויל — דאָ איז עס אויסגעקרימט פון יסורים, און שטום פון רציחה — געפינען מיר אין אַזאַ פּלאַסטישקייט ביי ביאַליק און נסתר, און דעם פּלי פון דער נשמה, עלעהיי אַ פויגל, געפינען מיר בעיקר אין דער פאַרעם פון דער גאָלדענער פּאַווע ביי איציק מאַנגער און י. י. סיגאַל.

III

אַ גאָלדענע נשמה, איז געפלויגן איבער ימען,
און אויפגעלעבט אָט דאָ, אין לאַנד פון חלום, יענע אַלע,
וואָס האָבן אויסגעצאַנקט אין אַשן מיט דער פאָן צוזאַמען,
און ווידער איז די יידנוועלט געוואָרן מיר נתגלה.

די גאָלדענע נשמה וואָס מיר האָבן געזען אירע טיפערע שיכטן, איינע אַ מער אויבערשטע (מתמיד, מאַניש) איינע אַ מער אונטערשטע (יידיש, פאָלקסליד) ראַטעוועט זיך אַרויס און אַריבער אין דער טיפסטער שיכט, אין דער ערשטער היים, וואָס ווערט דאָ אָנגערופן דאָס לאַנד פון חלום, און זי, די גאָלדענע נשמה, לעבט דאָ אויף אַלץ, וואָס איז דאָרט פאַרגאַנגען און אויסגעגאַנגען. מעגלעך אַז דער זאָג: אַלע, וואָס האָבן אויסגעצאַנקט אין אַשן, מיינט נישט בלויז דאָס אויס־צאַנקען פון אַ פייער, אַ ליכט, אַ פונק וואָס איז אין אַש אויסגעלאָשן, נאָר אויך, און אפשר בעיקר דאָס אויסצאַנקען, דאָס אויסקעמפן, דאָס דורכראַנגלען זיך אין אַש און פונעם אַש אַרויס. אַ רמז פון קאַמף, געראַנגל איז, דוכט זיך די פאָן, און אַן אסמכתא דערויף איז דאָס שכינות פון דער נשמה און דעם אַש — דאָס בילד פון דעם פויגל, וואָס שטייט אויף פון זיין אייגענעם אַש, האָט די דיכטערישע פאַנטאַזיע אָנגערעגט צו אַן אַנאַלאָגן באַשרייב, ווי מיר האָבן אים דאָ פאַר אונדז: דער אַרויסריס זיינער פון מויל, אַזוי אַז דער נישט־דערמאָנטער, אָבער בסתר פאַראַנענער אַש־פעניקס איז עס דאָס קעגנשטיק פון דער תיבה־טויב. דען נאָר אַ באַנעם ווי ער האָט זיך אַרויסקריסטאַליזירט אין דער לעגענדע איבערן חול, דעם פעניקס, קאָן אויסצייטיקן אַזאַ זיכערן און שלימותדיקן זאָג: און ווידער איז די יידנוועלט געוואָרן מיר נתגלה. דאָס וואָרט נתגלה איז פאַר זיך אַן איבער־געלאָדנס: עס פּאַסט גוט צום באַגריף לאַנד פון חלום, אָבער עס פּאַסט אויך צום אַנטפּלעק פון דעם פאַרבאָרגענעם.

IV

נביאים גיבן זיך די הענט מיט שפּאַנענדיקע עולים,
ווי קאָנען זין פֿון אייביקייטן איינליגן דערנעבן ?
עס נידערן פֿון הימל מתים... און ס׳באַגלייט דעם עולם —
אַ וואָלקנזײַל פֿון אומקום און אַ פֿלאַמענזײַל פֿון לעבן.

אַזוי ווי מיר האָבן שוין דערגרייכט טיפֿערע שיכטן, ווי מיר האָבן זיך גע־ריכט לויט דער ערשטער סטראָפֿע, קאָנען זיך שוין, אָדער בעסער געזאָגט, מוזן זיך שוין, די גאָר אייבערשטע און די גאָר אונטערשטע שיכטן, נישט בלויז קאָנ־פֿראָנטירן, נאָר זיך באַגעגענען און האַרט צוזאַמענשליסן — די נביאים, דער ווייטער עבר פֿונעם לאַנד, און די עולים, דער נאָענטער הווה אירער, גיבן זיך די הענט, אַ מין בריק צווישן צייט און רוים, און די דורות צווישן דעם ווייטסטן און דעם נאָענטסטן ווילן און קאָנען נישט פֿעלן ביי אַזאַ באַגעגעניש, זיי, וואָס הייסן דאָ: די זין פון אייביקייטן, קאָנען נישט איינליגן אין זייערע קברים, און מיר זענען גרייט צו אַ בילד פון זייער אויפוועק און אויפקום פון זייערע קברים, אָבער וואָס עס געשעט איצט איז אַנדערש — פונקט ווי מיר זעען אַ האָריזאָנטאַלן צוזאַמענבונד — נביאים און עולים; זעען מיר אויך אַ ווערטיקאַלן צוזאַמענ־בונד — די מתים, וואָס קאָנען נישט רוען אין די קברים, נידערן אַראָפּ פון הימל, און אויבן און אונטן ווערן איינס.

איצט קערן מיר זיך אום צום אָנהייב ליד, ווו מיר האָבן געהאַט אַ באַגלייט, אָבער שטאָט אַן אַקוסטישן: שפּילנדיקע פידלען, האָבן מיר אַ וויזואַלן, אַ וויזיאָ־נאַרן, אַפילו אַפּאָקאַליפּטישן: אַ וואָלקנזײַל און אַ פלאַמענזײַל; דאָס הייסט מיר שפּאַנען אין מדבר און האָבן פאַר זיך דעם עמוד־הענן און דעם עמוד־האש, אָבער אין אַן אַנדערן סימבאָליש־פונקציאָנאַלן פאַרטייל: דער וואָלקן, וואָס אין מדבר גייט ער ביי טאָג, איז דער סימבאָל פון אומקום און דער פלאַם וואָס אין מדבר גייט ער ביי נאַכט, איז דאָ דער סימבאָל פון לעבן, און דער דיכטער גייט דאָ, אפשר בלא יודעין, אויף דער ליניע פון אַ נייערן אויסטייטש פון די צוויי זײַלן, וואָס האָט זיך שוין זיין אייגענע געשיכטע. על־כל־פנים חתמענען די צוויי זײַלן לאַפּידאַר אָפּ די יסודות, וואָס זענען אין ליד אויפגערודערט געוואָרן: דער מבול און זיין טויב, דער פעניקס און זיין אַש, תחית המתים.

[תרצ״ג].

—

צווישן יעקבס און אהרנס שטעקן

נחמן ראַפּפּ

א

„וואַנדערשטאַק אין בלוי" — אַזוי הייסט דאָס דריטע בוך לידער, וואָס נחמן ראַפּפּ האָט הי אַרויסגעגעבן (פֿאַרלאַג „אייביק", ירושלים, תש"ל), און וואָס האָט מיר פֿאַרשאַפֿט אַ קליין ביסל עגמת־נפש און אַ היפּשע מאָס נחת־רוח.

ב

אַ קליין ביסל עגמת־נפש — ווען דאָס בוך וואָלט אַרויס מיט אַ יאָר צוריק, וואָלט איך געהאַט נאָך אַ שיינע ראיה צו דעם פּילפּאַרביקן קאַלעידאָסקאָפּ פֿון באַנוצן מיטן מאָטיוו, וואָס האָט זיין אָנהייב אין מטה־אהרן, יענעם שטעקן, וואָס האָט זיך איבער נאַכט צעבליט, כדי עדות צו זאָגן אויפֿן יחוס פֿון אהרן און זיינע קינדער און קינדס־קינדער, און איך וואָלט די ראיה צוגעשטעלט צו די צענדליקער גלגולים פֿונעם דאָזיקן מאָטיוו, וואָס ציִען זיך דורי־דורות דורכן מיטלעלטער ביז איצט, און וועלכע איך האָב צונויפֿגענומען אין מיינס אַן אַר־בעט דעריבער, וואָס איז אַריין אין מיין בוך: „בין שאילה לקנין" (תשכ"ט).

אין פֿלוג דאַכט זיך, אַז ביי דעם דאָרט אויפֿגעשטאַפּלטן שלל באַנוצן, סיי אין אונדזער ליטעראַטור, סיי אין אַנדערע ליטעראַטורן, קאָן שוין נאָך אַ פּרט גאָרנישט צוגעבן און גאָרנישט אַראָפּנעמען; אָבער, אַז מען לייענט דורך נחמן ראַפּפּס „דאָס ליד פֿון אייביקן ייִדן", שטעלט זיך אַרויס אַ בולטער חידוש. דער חידוש באַשטייט נישט אין בילד פֿון אייביקן ייִדן און זיין אייביקן נע־ונד, וואָס דער סימן זיינער איז דער שטעקן אין דער האַנט; פּונקט ווי ער באַשטייט נישט אין בילד פֿון דער גויִשער סביבה און איר שנאה צו אים, וואָס איר סימן איז דאָס געביל פֿון הינטל ביים פֿאַרקן, וואָס פֿאַרשפּאַרט טיר און טויער פֿאַרן מיד־מאַטן וואַנדערער; דער חידוש באַשטייט אין עפּעס אַנדערש: דער אַלטער דאַ־רער שטעקן, וואָס די גויִשע סביבה האַלט אים פֿאַר אַ סימן פֿון זייער משיחס קללה, וואָס האָט געפֿירט צום ייִדנס אייביקן וואָגל, צעבליט זיך אין מאַנדלען, און נישט איין מאָל, ווי אין יענער ביבלישער מדבר־נאַכט, נאָר טאָג־טעגלעך,

אין לאַנגן גלות־וואַנדער איבער ערטער און צייטן. אַ געניט אויער כאַפּט דאָ אויף דעם ווידעראַנאַנד פון צוויי באַגריפלעך תהום־ווייטע און קלאַנגלעך שכנות־נאָענטע עלעמענטן — ביל און בלי — וואָס פאַרשטאַרקט דעם פאַרבונד פון צוויי יסודות: דער יסוד פון וואַנדערשטאָק (ווי ער הייסט אויך אין באַקאַנטן ליד פון מאָריס ראָזענפעלד) וואָס ציט זיך פון יעקב אָבינוס שטעקן, און דער יסוד פונעם בלישטאָק, וואָס ציט זיך פון אהרן הכהנס שטעקן.

עס איז בעצם, אַ באַגעגעניש, וואָס ליגט אין דער לאָגיק פון ביידע יסודות, אָבער כאָטש איך האָב, אין מיין דערמאָנטער אַרבעט, דורכגעשפּאַצירט אַ וואַלד וואַריאַנטן, איז מיר דער פאַרבונד פון די צוויי יסודות און די מעגלעכקייט, און אַפילו נויטווענדיקייט, פון זייער אָרגאַנישער פאַרשלונגנקייט, ערשט איצט צו די אויגן געקומען.

ג

אַ היפּשע מאָס נחת־רוח — דער דיכטער, וואָס האָט זיך אין זיינע צוויי פּריערדיקע ביכער אַנטפּלעקט ווי אַן איבערשוימענדיקער פּאַטעטיקער, און דאָס אין ווערטערלעכן זינען (פּאַטאָס, משמע: ווייטיק) האָט זיך, אין איצטיקן בוך, ווי אָפּגעשוימט, און דאָס וואָרט זיינס איז געצוימטער, ניחאדיקער, און ווייל עס רעדט ווי צו זיך אַליין, בלייבט דאָס קול באַזאַכט און באַדאַכט, און וואָס מער דאָס קול איז אַזוי, דערוועקט עס אַן אַלץ טיפער בת־קול.

די פינף אָפּטיילן פון בוך, וואָס זענען אַ יעדער ווי אַ וועלט פאַר זיך, לאָזן צו אַן עיקרדיקן דרייַיקן אויפטייל — דער שוידער פון דער ברענענדיקער בריק אין ביאַליסטאָק, דער צויבער פון ירושלימס טויערן, דער שמייכל פון תנך („וואָס אין פּסוק שטייט"), עס איז, פאַרשטייט זיך, אַ טעמאַטישער אויפטייל, ווייל איבערלעבעריש זענען דאָס נישט דריי שיכטן איינע לעבן דער אַנדערער, נאָר איינע אין דער אַנדערער, אַפילו איינע פון דער אַנדערער אַרויס און איינע אין דער אַנדערער אַריין, און בלויז די דיכטערישע דיסציפּלין קאָן, מיט איר קינסט־לערישן באַמי, שאַפן אַן אילוזיע פון אָפּטייל.

אָבער דאָס איז אַן ענין פאַר אַ באַזונדערן אַנאַליז און, מיר רעזערווירן זיך אַ המשך יבוא.

[תשל"א]

צווישן הייסין און ירושלים

יוסף קערלער

מאמר א׳ : אַ שווערער וועג

א

יוסף קערלער איז אַ שם־דבר, און דאָס ממש לויטן סדר פון דעם באַהעפט — אָמערשט איז געגאַנגען דער שם, דער נאָמען, דער פּאַרשוין, און שפּעטער איז געגאַנגען דער דבר, דער ענין וואָס דער פּאַרשוין רעפּרעזענטירט. אַוודאי, די וואָס זענען בקי אין דער סאָוועט־רוסישער ליטעראַטור, און גייען נאָך אירע שטראָמען און זיגזאַגן, קענען דעם נאָמען און דעם ענין פון פריִער, זייט עס האָבן זיך באַוויזן זיינע לידער, אָבער דער פאַקט, אַז זיי זענען לרוב צעשפּרייט און צעזייט, און גאָר ווייניק איינגעזאַמלט געוואָרן, האָט נישט דערלייכטערט אַ פולן אָפּשאַץ פון דעם מענטש און זיין ווערק. צום ערשט איז געגאַנגען דער שם — דער קאַמף זיינער מיט די סאָוועטישע מאַכט־אָרגאַנען אים צו דערלויבן עולה צו זיין אין דער היים פון זיין פאָלק, קיין ארץ ישראל, און דער כאַראַקטער פונעם קאַמף, די אויסגעהאַלטנקייט און צילבאַוווסטקייט פונעם קעמפער, האָט אים אַרומגענומען מיט אַן אויעראַל פון גבורה; דערנאָך איז געקומען דער דבר — די לידער זיינע, וואָס שפּיגלען אָפּ, אין אַ טיפער דיכטערישער וויזיע און אין אַ שטאַרקן קינסטלערישן יכולת, די וואָרצלען פון זיין געראַנגל, און איצט קומט דער דבר־מתוך־דבר — אַ גרעסערער אָפּקלייב פון זיינע לידער, וואָס שפּיגלען אָפּ די סטאַנציעס פון זיין דיכטערישן וועג און גיבן אַ מעגלעכקייט זיך מער צו דערגרונטעווען צו דעם פּאָעטישן פענאָמען, און עפּענען אויג און האַרץ צו פאַרשטיין אים ווי אַ שאַפער, וואָס פאַרמירנדיק זיין וועלט, אין זינג און זאָג, אין בילד און קלאַנג, אַנטפּלעקט ער זיך, מיט זיין גאַנצער באַזונדערקייט ווי אַ יחיד פון אַ רבים, ווי אַ יחיד אין אַ רבים, ווי עס איז דער אמתער דיכטער, וואָס געטע זאָגט אין זיין נאָמען: און ווען דער מענטש איז פאַרשטומט געוואָרן אין זיינע יסורים, האָט גאָט מיר געגעבן דעם כוח זיין לייד צו זינגען. צו דעם לאַפּידאַרן זאָג קען מען בלויז צוגעבן, אַז עס איז דער ייד־מענטש, וואָס מער

ווי ער איז פֿאַרשטומט געוואָרן, האָט מען אים שטום געמאַכט. כּללו של דבר: דער דיכטער פֿון אַ שטומען רבים.

אמת, כּדי אונדזער דיכטער פּולקום צו פֿאַרשטיין, דאַרף מען דורכאַקערן אַלץ וואָס ער האָט געשריבן, סײַ דאָס וואָס עס איז שוין דערשינען, סײַ דאָס וואָס איז נאָך נישט דערשינען, און פּרוּוון אָפּגעבן אַ מין דין־וחשבון, סײַ אויפֿן סמך פֿון דעם באַנד לידער, וואָס ליגט שוין פֿאַר אונדז, סײַ אויפֿן סמך פֿון דעם באַנד לידער, וואָס ליגט נאָך נישט פֿאַר אונדז, סײַ אויפֿן סמך פֿון זײַנע פּראָזאַישע חיבורים — רעפּאָרטאַזשן, קריטיקן, בריוו — וואָס זענען דערשינען ברשות־הרבים. מיר ווייסן נישט, צי דער פּרוּוו וועט האָבן די מעלות פֿון אַ פּיאָנערישער אַרבעט, ווי עס פֿאָדערט דער אָפּשאַץ פֿון אַ דיכטער וואָס די קריטיק האָט אים נאָך נישט אויסשעפּיק באַהאַנדלט, אָבער מיר בעטן מחילה פֿאַר די חסרונות פֿון אַ כּוונה צו מאַכן אַ פּיאָנערישע אַרבעט, וואָס דערקלערן זיך פֿון דער קאַרגשאַפֿט אין דאָקומענטאָרן מאַטעריאַל. ווי ווײַט די קאַרגשאַפֿט גרייכט, לאָזט זיך אָפּלערנען דערפֿון, אַז ווען מען האָט לעצטנס, בײַ אונדז, און ערגעץ אַנדערש, געבראַכט קערלערס לידער, סײַ אין מקור, סײַ אין, בעיקר העברעיִשן, תּרגום און אַן אינפֿאָרמאַציע פֿאַרן לייענער, האָט מען אַלץ איבערגעחזרט די פּאָר פּרטים, וואָס עס ברענגט י. רימיניק אין דער סאָוועטיש־רוסישער ענציקלאָפּעדיע (1962), און העכסטנס צוגעגעבן וואָס שרייבער, וועלכע האָבן זיך מיט אים באַגעגנט אין מאָסקווע (ווי, אַ שטייגער, ש. ל. שנײַדערמאַן), האָבן געבראַכט. אין די לעקסיקאָנען פֿון יִדישער ליטעראַטור איז ער נישטאָ — ווען זלמן רייזען האָט אָפּגעדרוקט זײַן לעצטן באַנד, איז קערלער בסך־הכּל אַלט געווען עלף יאָר און דער לעצטער באַנד פֿון דעם נײַעם לעקסיקאָן לאָזט נאָך אויף זיך וואַרטן. און אַזוי־לאַנג עס וועט זיך נישט עפֿענען קיין בשפֿעדיקער מקור, מוזן מיר דעם דיכטערס ביאָגראַפֿיע קאָמפּלעטירן לויט רמזים אין זײַנע אייגענע ווערק.

ב

ווי מיר הערן, איז יוסף קערלער געבוירן אויף דער שוועל פֿון דעם רעוואָלוציע־יאָר (7טער אַפּריל 1918) אין אַ פּאָדאָליער שטעטל הייסין, קרייז וויניצע, אַ סביבה, וואָס ווערט דערמאָנט אין דער כראָניק פֿון די פּאָגראָמען, וועלכע האָבן דאָ געבושעוועט, ווען דער קומענדיקער דיכטער איז נאָך געווען אַ פּיצל קינד. נאָך הערן מיר, אַז ער ציט דעם יחוס זײַנעם פֿון כּלי־קודש, — דער זיידע איז געווען אַ בדחן, מעגלעך נישט די בעסטע רעפּוטאַציע אין דער נאָכרעוואָלוציאָנערער אַטמאָספֿער, אָבער דאָס אייניקל דערמאָנט אים אינעם ליד; „מײַן זיידע" (1943) און דאָס אין אַן אַנטשיידנדיקטן מאָמענט

פונעם דור — ער, דער זיידע, באַווייזט זיך אים אויפן שטראָז „הפקר באַרד און פיאות אויפן ווינט", און ער שיקט דאָס אים, דאָס אייניקל, הרגענען דעם פיינט. מיר הייבן אָפּיר דאָס ליד מחמת צוויי טעמים — איין טעם: דאָס ליד אַנטיציפּירט אַן ערשט שפּעטער גאַנץ אויסגעקלאָרטן איינשטעל: דער אַלטער שטיפּערישער שולחן־ערוך־ייד וואָס שיקט זיין יונג קאָמוניסטיש אייניקל אין דער מלחמה קעגן עמלק; דער אַנדערער טעם: דאָס ליד רעגט אָן די גאָר ערנצטע קשיא, וואָס האָט דאָס אייניקל געירשנט פון דער מסורה, פון דער היים, פונעם שטעטל. ווי מיר האָבן געלייענט אין אַ שמועס מיטן דיכטער, מיט אַ נישט לאַנגער צייט צוריק, האָט ער זיך, בתוכּכי מאָסקווע, צעניגונט מיט דער שבתדיקער קדושה: ממקומך מלכּנו תופיע ותמלוך עלינו כי מחכּים אנחנו לך מתי תמלוך בציון, טייטש: פון דיין אָרט, אונדזער קיניג, וועסטו דערשיינען און קיניגן איבער אונדז, בעוויילל מיר וואַרטן אויף דיר, ווען וועסטו קיניגן אין ציון. און דער, דרך־אגב דערציילטער פּרט, וועגן דעם כּמעט באַיאָרטן מאַן, וואָרפט אַ שטרייפליכט אויף דעם רייפנדיקן בחור און צוויט־לענדיקן קינד. נישט אומזיסט טרעפן מיר אין זיינע לידער כּמה רעמיניסצענציעס פונעם דאַווענען, ווי אַ שטייגער: „כּל עצמותי... אַלע מיינע ביינער זינגען, ליבסטע, און זיי וויינען". די צוויי לשון־קודש־ווערטער זענען, כּידוע, גרונטיק דער אָנהויב פון אַ פּסוק אין תהילים: כּל עצמותי תאמרנה ד׳ מי כמוך מציל עני מחזק ממנו ועני ואביון מגוזלו, טייטש: אַלע מיינע ביינער וועלן זאָגן: גאָט, ווער איז דיר גלייך, ראַטעוועסט אַן אָרעמאַן פון אַ שטאַרקערן פון אים, און אַן אָרעמאַן און באַדאַרפער פון זיין באַרויבער; אָבער זענען, מיט אַ פאַרשאַרפטן צוגאָב, אַריין אין תפילהדיקן נשמת און געהערן צום עקסטאַטישסטן רעטשיטאַטיוו, סיי אין שבתדיקן דאַווענען און סיי אין דער פּסחדיקער הגדה, און חסידים זאָגן עס מיט אַ באַזונדערס האַרציקן זינגזאַנג. קומט דער דיכטער און באַנוגנט זיך אַפילו בלויז מיט די צוויי ערשטע ווערטער, אָבער די דריי פּינטעלעך לאָזן וויברירן די איבעריקע, און אין דער וויבראַציע איז פאַרבאַהאַלטן דער ניגון, און דאָס אַלץ ווערט אינטעגרירט אין אַ בענקשאַפט־ליד צו דער ליבסטער אין נישט־אַרויסגעזאָגטן וואָרט: תאמרנה, טייטש: וועלן זאָגן, פאַר־וועבט אין זיך אי געזאַנג אי געוויין. אָהער געהערן אויך די אויסרופן: דער אייבערשטער; גאָט מיין גאָט; פאָטער האַרציקער און זיסער; טאַטע זיסער. וואָס טרעפט זיך צוזאַמען מיט שמע ישראל, — עלעמענטן פון זיידנס וועלט, וואָס זענען דעם אייניקלס ערופּציעס. אַ מאָל הערט זיך אַ גילגול פון אַזאַ היימישער אַסאָציאַציע — דעם דיכטערס ליבשאַפט צו וועלט, הימל, וואַסער, טייך, וואָס אָטעמט אויסנעמלעכע פרישקייט, נעמט, פאַרשטייט זיך, אַרום וואַלד און בוים, און דאָ טוט ער אַ זאָג: „ווי פריש קען זיין אַן אַלטער שטאַם — / ביים

פאָלק האָב איך געקנעלט". דער פאַרגלייך גייט אויף דער ליניע: אַלטער בוים — אַלט פאָלק, און קאָן זיין גאָר אַלגעמיין, אָבער דאָס אידיאָמאַטישע וואָרט: געקנעלט, פירט אין קינדערישן חדר אַריין, און אויב אַזוי, לאָזט זיך דאָ זען דער מקור פון קנעלן, און דאָס אין פסוק: כי כימי העץ ימי עמי. טייטש: ווי די עלטער פונעם בוים איז די עלטער פון מיין פאָלק, און אַזוי ווי אַ פסוק האָט אַ טבע מנעמאָניש מיטצושלעפן זיין סביבה, ברענגט די אַסאָציאַציע אַפיר דעם המשך: ובנו בתים וישבו ונטעו כרמים ואכלו פרים, לא יבנו ואחר ישב, לא יטעו ואחר יאכל. טייטש: און זיי וועלן בויען הייזער און זיצן אין זיי, און זיי וועלן פלאַנצן וויינגערטנער און עסן זייער פרוכט, זיי וועלן נישט בויען און אַן אַנדערער וועט זיצן, זיי וועלן נישט פלאַנצן און אַן אַנדערער וועט עסן. און אַזוי, פלוצעם, געפינען מיר זיך אין סאַמע תוך פון אַ טיפיש יידישער סיטואַציע — דען אַזוי איז שוין די טבע פון אַלטע פאָלקס־מקורים: זיי פירן, לויט זייער אינטעגראַלן געזעץ. אַוודאי איז קערלער נישט דער איינציקער, אַפילו נישט אין דער סאָוועטיש־ייִדישער דיכטונג, און אַפילו דער גאָר פריִער, ווען זי איז לייכטגלייביק און אומקריטיש נאָכגעגאַנגען די צענטראַל־ליניע, וואָס אַן אַנאַליז פון זייער אַסאָציאַטיוו־פאַרמעג באַווייזט, ווי ווייט דער אויטאָנאָמער כוח פון מקור איז ביי זיי שטאַרקער פון דער איינ־טעגרירנדיקער מאַניפּולאַציע, אַזוי אַז דער אידעאָלאָגישער אָבער פראָגראַמאַטישער בוידעם איז אַ שוואַכענקע בריה לגבי דעם דורותדיקן פונדאַמענט. אָבער קערלער געהער דערינען צו די בולטסטע, און דאָס היפש באַוווּסטזיניקע, דוגמות. מיר וועלן זיך באַנוגענען איצט בלויז מיטן עצם אָנווייז און איבערלאָזן דעם אויספיר אַ באַזונדערער אַנאַליטישער אַרבעט, וואָס וועט וואַרפן אַן אַנדער ליכט אויף דער גאַנצער סאָוועט־יידישער דיכטונג, און באַווייזן ווי ווייט קערלערס באַוווּסטער וועג האָט שוין אומבאַוווּסטע אָנטייטן ביי זיינע פירגייערס.

ג

מיר קערן זיך אום צו יענער קורצער ביאָגראַפיע אין סאָוועטיש־רוסישן לעקסיקאָן — און מיר הערן, אַז קערלער האָט ייִנגלווייז געלערנט אין אַ דראַמאַטישער שול; און מיר וואָלטן גערן געוואָלט הערן, נישט בלויז וואָס ער האָט פון דאָרט אַרויסגעטראָגן, נאָר אויך וואָס ער האָט אַהין מיטגעבראַכט. און מיר נעמען אָן, אַז דערונטער איז אויך געווען אַ רייכע גאַמע פון היימישן, סיי ליטורגישן, סיי פאָלקלאָרישן מעלאָס. וועגן דער שול גופא דערוויסן מיר זיך פון זיין מעמואַריסטישער סקיצע „צוועלף זענען מיר געווען" (1945). ער באַשרייבט דאָרט, אין קורצע שטריכן, די גרופּע תלמידים אין דער מאָסקווער טעאַטער־שול, צווישן וועלכע ער האָט זיך, אַ ביינצן־יאָריקער בחור, געפונען.

„מיר האָבן זיך — דערציילט ער — סצעניש דערצויגן אויף טשעכאָווס וואָדעווילן און פּרצס דראַמען, אויף פראַגמענטן פון מענדעלע, שלום־עליכם, גאָגאָל, סאַלטיקאָוו־שטשעדרין”. ווי מיר זעען, בעיקר הומאָר און סאַטירע, וואָס איז מחייב אַ קאַנטשאַפט מיט שטייגער. מיר הערן אויך וועגן פּיעסן, וואָס זיי האָבן געשטעלט („דער אוצר” פון שלום־עליכם, „שוועסטער” פון פּרץ, „קאָרטנ־שפּילער” פון גאָגאָל), וועגן די לערערס — דער ליטעראַטור־פאָרשער אהרן גורשטיין, דער שפּראַך־לערער אליהו פאַלקאָוויטש, און בעיקר וועגן זייערע חלומות — א יידיש יונג־טעאַטער. אָבער דאָס אַלץ דערציילט ער, ווי פאַרבײַ־גייענדיק, דען בעיקר גייט עס אים דאָ אין אַ מין ציון פאַר זיינע חברים, די תלמידים, וואָס זענען אַלע, ווי דער דערציילער אַליין, אַוועק אין פראָנט, און אַ טייל פון זיי איז געפאַלן אין דער מלחמה — ווער לעבן וויניצע, ווער ביי לענינגראַד; אַ טייל פון זיי האָט זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט — ווער עס איז פאַרכאַפּט געוואָרן אין פלי‏ִען און אַנטלאָפן און אַריינמאַרשירט קיין בערלין; ווער עס איז געוואָרן אַ שלאָגלער וכדומה, און דער צד השווה: „אַלע האָבן מיר געוווסט, אַז דער וועג צו אונדזער שעפעריש לעבן ליגט [= גייט] דורך קאַמף, דורך נצחון איבערן היטלערישן דייטשלאַנד”.

מיר ווייסן נישט, וואָס האָט ער זיך מיט זיין דראַמאַטישן לימוד מתכוון געווען, פּונקט ווי מיר ווייסן נישט, וואָס האָט ער דערביי אוספּיעט, און בעל־כרחו באַנוגענען מיר זיך מיט דער אָבסערוואַציע, אַז אַ סך לידער זיינע פאַרמאָגן אַ דראַמאַטישקייט, וואָס דריקט זיך בעיקר אויס אין געלונגענע, צומייסט לאַקאָנישע, רעפּליקעס, וואָס איז בעיקר בולט אין די לידער פון עלטערן שטעטלשן שטייגער. אָבער דווקא די דאָזיקע שטייגער־לידער, וואָס שטאַמען פון אַ שפּעטערער דאַטע, וואָרצלען אין זיין פרי‏ִעסטער ביאָגראַפיע, אויבנאויפיק געזאָגט: פון פאַר זיין ביאָגראַפיע, אָבער טיפער געזאָגט: פון זיין ברייטערער ביאָגראַפיע, וואָס נעמט אַרום די איבערלעבענישן פון אַ דור אָדער צוויי דורות פרי‏ִער, — עס זענען, ווי עס געשעט אין דער ברייטערער ביאָגראַפיע, מסורות און שמועות פונעם טאַטן און זיידן, וואָס זון און אייניקל לעבן עס אין זייער כוח המדמה איבער, ווי אַן אָרגאַנישן טייל פון זייער אויטאָביאָגראַפיע, און אויב זיי זענען דיכטער, לעבן זיי עס קרעאַטיוו אויף. אַזוי שטייט עס מיטן ציקל: פון אַלטן קוואַל, וואָס לעבט אויף דאָס שטעטל פון זיין טאַטנס און זיידנס צייט — די געשטאַלטן פון אַ סטאָליאַר־געזעל, פון אַ שניידער, פון לייב בעל־עגלה, פון אברהמל שוסטער, וואָס שאַרט זיך, אַ קאַפּ שעמעוודיק און אַ קאַפּ אָפּהענטיק, צו בליומציע, וועלכע האַלט אַ ווײַנקעלער, ווו עס שווימבלט פון אַן אינטערעסאַנטן טיפּאַזש, וואָס אין זיין צענטער שטייט יאָסעלע בדחן פון דאַשעוו, און מיר שלינגען זיין פּיקאַנטן סיפּור־מעשה און הערן זיך צו

צו זיין כלה־באַזעצן, און זעען פֿאַר זיך דעם יונגן אַדעפּט פֿון דער בינע, וואָס שפּילט אָט די אַלע ראָלן, נישט פֿאַרלירנדיק פֿון די אויגן דעם דיכטער, וואָס מאָלט, אין די שטיפֿערישע בילדער, אַ וועלט און אַ לעבן, וואָס זייער אַקס איז געווען דער שבת, ווי אַ דערפֿרישנדיקער קוואַל פֿאַר די ששת ימי המעשה, טעג פֿון שווערער און ערלעכער האָרעוואַניע, אָדער ווי דער דיכטער לאָזט זאָגן זיין טרויעריק־פֿריילעכן זינגער העלד: „די וואָך טו איך לאַטען מיט שטיקעלעך שבת״, און ער שטויסט זיך אַפֿילו נישט, וואָס דער דיכטער ווייסט מסתמא יאָ, אַז ער האָט געפֿונען דעם פּשוטן, עמך־באַשייד פֿאַר פּרצס פּאַראַדאָקסיע אין זיין דראַמע „די גאָלדענע קייט״.

און אויב שוין פֿאַרמעסט מיט אונדזער קלאַסיק, איז דאָך בולט די נטיה צו שלום־עליכמס וועלט און זיין וועלטבאַנעם, אָבער צו איר אויפֿלעב קומט ער נישט, קאָן נישט קומען, דען וואָס שלום־עליכם האָט בלויז אָנגעוווּנקען, איז געוואָרן דער טראַגישסטער ממש: „אַצינד איז מען אַ לעבעדיקער מת / אַ בוים אָן צווייגן סטאַרטשעט פֿאַר געלעכטער״. צוויי שורות וואָס צייכענען, שוואַרץ אויף שוואַרץ, אַ חורבן פֿון אַ וועלט.

אַזוי ווי מיר האָבן פּיראָויסגעשיקט דעם באַטראַכט פֿון אַ שפּעטערן ציקל, כדי צו פֿאַרשטיין זיינע פֿריִע מאָטיוון, וועלן מיר אויך פּיראָויסשיקן אַ קשיא, וואָס מען פֿרעגט זיך, געוויינטלעך, ביים סוף אָפּשאַצן פֿון אַ שאַפֿער, נאָך דעם מען האָט גוט באַטראַכט דעם שפּיל פֿון תנועות פֿון ביידע שאָלן פֿון זיין וואָג, די איינע פֿון זיין לעבן, די אַנדערע פֿון זיין שאַפֿן און מהות: צי האָט אים דאָס לעבן געלאָזט שאַפֿן לויט זייך נאַטורעל, און אויב נישט, ווי וואָלט זיין שאַפֿן אויסגעזען, ווען דאָס לעבן לאָזט אים שאַפֿן לויט זיין נאַטורעל. מיר האָבן די קשיא געפֿרעגט לגבי יצחק קאַצנעלסאָן, וואָס זיין ליד שטראָצט בטבע פֿון לייכטקייט און שפּילערישקייט, וועלכע טוט זיך נישט אָפּ אויך פֿונעם פּראָבלעמאַטישן, ווי ער האָט עס בעיקר אין זיינע דראַמעס, און דער גורל האָט אויף אים גוזר געווען צו זיין דער מקונן פֿון אויסגעהרגעטן יידישן פֿאָלק; מיר האָבן די קשיא געפֿרעגט לגבי אַברהם סוצקעווער, וואָס זיין ליד האָט בטבע אַלע חנען פֿון פּאָעזיע און מוזיקאַלישקייט, ווי אַ תכלית פֿאַר זיך, און דער גורל האָט אויף אים גוזר געווען צו זיין דער מקונן פֿון דער „געהיימשטאָט״. דאָס זענען בולטע, אָבער ווייט נישט איינציקע, דוגמות פֿון אַ סתירה צווישן נאַטורעל פֿון אַ דיכטער און זיין גורל; צווישן זיין נטיה און זיין אויפֿגאַב. אויב די קשיא אָנווענדן אויף קערלערן קומט אונדז פֿיר, אַז מיר האָבן אויך ביי אים אַזאַ בולטע און שאַרפֿע סתירה: זיין נאַטורעל האָט אים בעיקר געצויגן צו דער גוטהאַרציקער היימישקייט, געשמאַק פֿאַרפֿראַוועט מיט סופּערקלוגן הומאָר און דינינקער איראָניע, וואָס איז אויך ניכר פֿון זיינע

באַטור־ און שטייגער־לידער, אָבער זיין גורל, דער גורל פון זיין דור, האָט אויף אים גוזר געווען אַנדערע דרכים.

ד

איצט קערן מיר זיך אום צום כראָנאָלאָגישן סדר — קערלערס ערשט־לינגען דרייען זיך אין דער מיט פון זיין צווייטן און דריטן צענדלינג יאָרן (1935), אַ געגוג רייפע עלטער, אָבער באַקאַנטער איז ער געוואָרן אַ קאַרגע צען יאָר שפּעטער מיטן דערשיינען פון זיין ערשטן און איינציקן ביכל לידער, וואָס איז אַרויס אין מקור — עס זענען לידער פון מלחמה, געשריבן אויף די שלאַכטפעלדער. און ווי מ. נאָטאָוויטש שרייבט אין זיינער אַ כוללדיקער קריטיק וועגן דער סאָוועטיש־יידישער ליטעראַטור (1947), „האָט זיך נאָך ביז איצט נישט אָפּגעקילט דער הייסער אָטעם, וואָס דער יונגער דיכטער האָט אין זיי אַריינגעהויכט אין יענע גרויזאַמע מלחמה־יאָרן". עס איז זיין ערשט און איינציק ביכל, וואָס איז דערשינען אין מקור, דען דאָס אַנדערע ביכל איז אַרויס אין תרגום — אין רוסישן נוסח, אָבער נישט יידיש. ער איז דערינען נישט קיין בן־יחיד, דען אַ גוט שטיק צייט איז די דאָזיקע שיטה פון תרגום בלאַ מקרא געווען אַ וואָכנגאַנג, ביז דער קורס האָט זיך עפּעס איבערגעאַנדערשט. פּיקאַנט איז אָבער דער נאָמען פון ביכל: Виноградник моего отца משמעו: מיין טאַטנס ווייַנגאָרטן. מיר ווייסן נישט, וואָס האָט זיך דער דיכטער געקלערט, ווען ער האָט געזען דאָס שער־בלעטל. מעגלעך, אַז ער האָט אַ שמייכל געטאָן, ווי מיר האָבן עס געפונען אין זיינעם אַ רעפּאָרטאַזש (1962), ווו איינער טרייבט ליצנות און זאָגט, אין גאַנג פון שמועס: Тише, не хватать рыбу перед лапшой און די וואָס הערן דאָס, לאַכן און שטויסן זיך נישט אָן, אַז דער שמועסער האָט דאָ פאַררוסישט דעם יידישן זאָג: שטילער, כאַפּט נישט די פיש פאַר די לאָקשן. אָבער צוריק צום נאָמען פון ביכל — עס איז אַ באַקאַנטער פאָלקסזאָג: ווי ביים טאַטן אין ווייַנגאָרטן (זעלטענער, ווי אַ שטייגער, ביי מענדעלען: ווי ביים טאַטן אין ווייַנהויז) און איז אַן אָנטייט אויף דער כוונה פון זאָג גופא: אַטמאָספער פון היים און היימישקייט, געפיל פון נחת, רו, זיכערקייט („ער האָט זיך צעלייגט ווי ביים טאַטן אין ווייַנגאָרטן"), אָבער אַפילו אויב דער מקור פון זאָג איז אפשר, ווי מיר זענען זיך משער, נישט קיין היימישער, האָט ער זיך פאַרהיימישט און עס שטעקט אין אים אַ סך מער — סיי ווען מיר באַטאָנען דאָס וואָרט: טאַטע, און מיר שטרייכן אונטער דעם פאַרבונד מיטן נעכטן, סיי ווען מיר באַטאָנען דאָס וואָרט: ווייַנגאָרטן, און מיר שטרייכן אונטער דעם פאַרבונד מיטן דרומדיקן יידישן, דאָרפישן און האַלב־דאָרפישן, ישוב, וואָס דער דיכטער איז געווען

זיין ערלעכער זינגער און זאָגער, און בעצם מער זינגער ווי זאָגער. והראיה: דאָס ביסל כוח, וואָס ער האָט אַרויסגעוויזן אין פּראָזע, און וואָס איז נישט אַרויס פון דער רעם פון רעפּאָרטאַזש, דערגרייכט ווייט נישט דעם גרויסן כוח זיינעם אין פּאָעזיע, וואָס איז זיין ערשטער פידל, און אויב מיר דערמאָנען דאָ דעם צווייטן פידל זיינעם, איז עס בעיקר מחמת דעם וואָס די רעפּאָרטאַזשן זיינע זענען כמעט מאָנאָטעמאַטיש — זיי באַהאַנדלען כמעט בלויז דעם ייִדישן וויינגאָרטן, משמע דעם ייִדישן קאָלווירט, דאָס ייִדישע דאָרף, סיי אין דרום, סיי אין צפון, און מיט אַן עמפאַז, גלייך עס וואָלט געווען די צענטראַלסטע ייִדישע ווערקלעכקייט אין דער גרויסער מדינה.

אָבער צוריק צום געזעמל לידער, וואָס וועגן זיין דערשיינען האָט נאָך דער אָפּטייל פון סאָוועטישן שרייבער־פאַראיין עטלעכע יאָר פריִער (1947) באַשלאָסן. לויטן פּלאַן פון דעם אָפּטייל האָט עס באַדאַרפט צו זיין אַ כוללדיק געזעמל פון בירָאָבידזשאַנער ייִדישער שרייבער — ה. מילער, ק. ראַבינקאָוו, ישׂראל עמיאָט, ליובאַ וואַסערמאַן, מ. מאַלטינסקי, י. סלוצקי און אַנדערע, און געזאָלט אַרויס אין רוסישן איבערזעץ פון שאַמבאַדאַל און אַנדערע, אָבער דער ענין האָט זיך פאַרצויגן, און קערלערס ביכל איז ערשט אַרויס מיט גאַנצע צען יאָר נאָך יענעם באַשלוס (1957). פאַר וואָס עס האָט זיך פאַרצויגן — גענוג זיך צו דערמאָנען, וואָס סאָוועט־רוסלאַנד האָט דורכגעמאַכט צווישן די צוויי דאַטעס; פאַר וואָס עס האָט זיך אַזוי לאַנג פאַרצויגן — עס איז אים, קערלערן, באַשערט געווען אויסצוזופּן ביזן דנאָ ביידע ביטערע בעכערס, סיי דעם, וואָס היטלער האָט אָנגעגאָסן, סיי דעם, וואָס סטאַלין האָט אָנגעגאָסן; נאָכן קאָשמאַר פון דער מלחמה־צייט און דעם חורבן, וואָס דער אַנטי־משיח האָט געבראַכט אויף ברייטע שטחים, אָפּמעקנדיק די ייִדישע יישובים אין זייער קיום, אַזוי אַז עס האָט זיך ווידער אַ מאָל, איבער די חורבות פון שטעט און דערפער, געלאָזט הערן די אַלטע ייִדישע קינה: הביטו וראו אם יש מכאוב כמכאובי, טייטש: קוקט און זעט, אויב פאַראַן אַ ווייטיק ווי מיין ווייטיק, איז געקומען דער קאָשמאַר, וואָס דער פּסעוודאָ־משיח האָט געבראַכט אויף די אָנצאָליקע מאַסן, וועלכע ער האָט געלאָזט קאַטעווען און פייניקן און אויסמוטשען אין די קאַטאָרגעס, לאַגערן, קוילנגריבער. אַזוי אַרום איז דער זעלנער, וואָס האָט זיך געשלאָגן אויף די פעלדער הינטער מאָסקווע, וויאַזמע, רזשעוו, און וואָס אין זיין ביקס איז אומרויִק געווען די קויל, וואָס האָט טיף איבערגעלעבט און באַשריבן די שטילקייט פאַרן ערשטן שאָס און דעם חלום פון לעצטן פיבער־אָטעם, דאָס לעצטע בענקעניש צו דער כלה און דעם לעצטן געדאַנק וועגן דעם נישט־דערקאָנטשעטן בריוו אין קעשענע, דעם ווייטיק אויפן אומקום פון פריינד; דער זינגער פון אָפענעם סטעפּישן פייזאַזש, וואָס אַרום, ווו עס האָט זיך אָנגעהויפּט

אַזוי פיל טויט און אומגליק — דער זעלבער זעלנער פון נעכטן ווערט היינט פאַרשיקט אין אַ קאַטאָרגע, ווו ער ליידט יאָרן־לאַנג אין אוממענטשלעכער פּיין און שקלאַפישער עבודת־פּרך. און פּונקט ווי דער דיקטער האָט גע־שטאַלטיקט די גבורה פון נעכטן, געשטאַלטיקט ער דיכטעריש די השפלה פון היינט. די קשיא פאַר וואָס איז אים און אַנדערע דאָס געקומען, איז קיין קשיא נישט — אין יענער צייט האָט מען גאָרנישט באַדאַרפט טאָן, כדי פאַרשפּאַרט צו ווערן. פאַרקערט, דעמאָלט האָט מען געקאָנט פרעגן: וואָס פאַר אַ שפלות האָסטו עפּעס אָפּגעטאָן, אַז מען האָט דיך נישט פאַרשפּאַרט. אָבער עס פרעגט זיך פאָרט, פאַר וואָס איז קערלער באַפרייט געוואָרן ערשט נאָך גאַנצע זעקס יאָר, מיט סטאַלינס מיתה. ער אַליין האָט דערויף, ווייזט אויס, קיין תשובה נישט און הענגט עס אָפּ בים אָן אין זיין גורל, וואָס איז שווער צו אים ווי ער איז שווער צו זיין גורל, אָבער עס איז די שווערקייט פון דער טאָפּלטער שליחותביידע קאַשמאָרן דורכצולעבן, אין זייער גאַנצער מאָס דורכצולעבן, כדי דעם טאָפּעלעם שוידער אין זיין פולער וואָרהאַפטיקייט אויסצושרייען.

ה

און עס איז אַ וואָרהאַפטיקייט, וואָס שפּייזט זיך פון דריי מקורים: פון כאַראַקטער, פון זכרון, פון געוויסן.

כאַראַקטער — ער, קערלער, האָט דעם ענין פון מוט אַקצענטירט נאָך לאַנג איידער ער האָט אים אין זיין גאַנצן היקף אַרויסגעוויזן, און פּונקט ווי אין אַנהויב וועג, אַקצענטירט ער אים אין סוף וועג און נישט אומזיסט ברענגט ער, אין אַ בריוו, ווי אַ משל צו זיך אַליין דעם ענין פון בוים, אַ מין שוואַרצער דעמב, — וואָס לענגער ער וויקסט אין וואַסער, אַלץ פעסטער און שטאַרקער ווערט ער, און עס איז מסתמא כאַראַקטעריסטיש די אַסאָציאַטיווע באַגעגעניש צווישן בוים אין קאָנקרעטן צפון־פּייזאַזש און דעם בוים אין תנכישן דרום־פּייזאַזש, וואָס ירמיה מאַכט אים פאַר אַ משל: כעץ שתול על מים, טייטש: ווי אַ בוים פאַרפלאַנצט אויף וואַסערן, און דער בעל־תהילים גיט נאָך צו אַ קראַפטיק וואָרט: כעץ שתול על פלגי מים, טייטש: ווי אַ בוים געפלאַנצט אויף באַכן וואַסער. און מיר וואָלטן באַדאַרפט ברענגען כמה וכמה ציטאַטעס, ווו עס באַגעגענען זיך עקשנות און דרייסט, און ווידער אַ משל, דער קאַמף פון מענטש און עלעמענט: „ס'איז טויזנט מאָל געגערעכט / דער האַרבער ווינטער / צו שלאַבעריקע איז ער שלעכט / פאַר מוט פאַרשווינדט ער".

זכרון — ער, קערלער, וויל און קאָן נישט פאַרגעסן נישט דעם חורבן און נישט די קאַטאָרגע, און דאָס ליד וויל אויך אַנדערע נישט לאָזן פאַרגעסן. „קברים אויף די וועגן / היימען און רוינען / ווער ס'וויל אייך פאַרגעסן — /

זאָל קיין רו געפינען / זאָל דער בעסטער ביסן בלייבן אין האַלדז / שטיינער אויפן האַרץ אים / אויף די וווּנדן — זאַלץ". און כאַראַקטעריסטיש איז דער נאָמען פון ליד: קיינער ווייניגט שוין לאַנג נישט. עס איז דער פּראָטעסט קעגן לייכטע טרייסטערייען, ווי זיי זענען אָנגעגאַנגען האַרט נאָך דער מלחמה. איך גופא קאָן מעיד זיין, ווי איך בין געוועזן דערשיטערט, ווען איך האָב געלייענט איציק פעפערס אַ רעפּאָרטאַזש וועגן מיין היימשטאָט, בראָד, פול ישועות און נחמות וועגן איר ווונדערלעכן ווידער־אויפבוי און מיט קיין איינציק וואָרט איז נישט דערמאָנט געוועזן, אַז עס איז דאָרט מער נישטאָ קיין איינציקער ייִד. און איך האָב, אַ געפּלעפּטער, נישט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין, ווי אַזוי האָט דאָס געשריבן די זעלבע האַנט, וואָס האָט געשריבן דאָס בוך „שאָטנס פון וואַר־שעווער געטאָ".

געוויסן — ער, קערלער, קאָן זיך נישט פאַרגעבן, וואָס ער האָט מיטגעמאַכט דאָס פאַרבלענדעניש פון דער גרויסער עבודה־זרה און ער קאָן נישט פאַרגעסן, אַז דאָס פאָלק, וואָס איז געגאַנגען קעמפן פאַר זיין היימלאַנד האָט אויך געקעמפט פאַר אַכזריותדיקן רעזשים, און ער זאָגט: „האָסטו גע־ראַנגלט זיך, ברודער, פאַר פרייהייט / און געקניט האָסטו פאַרט ווי אַ קנעכט". נאָך שאַרפער: „כאָטש געפאַלן ביסטו פאַר דיין היימלאַנד / נאָר געבוקט האָסטו זיך צו אַ געץ". געבוקט האָבן זיך פאַרן געץ שרייבער פון אַלע פעלקער, אָבער פאַרן הייסינער בדחנס אייניקל איז עס, אין לשון פון זיין זיידן: „דער טריפענער געץ". און עס איז ווייט נישט דער איינציקער עפּיטעט און די איינציקע דעפיניציע, וואָס שטאַמט פון אַלטע היימישע קוואַלן. רעדט ער דאָך, באַשרייבנדיק זוסקינס טאַנץ, וועגן ניגונים פון פאַרצייטנס — וועגן דער לעצטער אינקוויזיציע, וועגן שייטערס פון קאַסטיליע, און וועגן פאַל פון גלות־קייטן. און פון מיטל־עלטער שפרייזט ער העט־העט פריִער: „אפשר קומען וועט אַ שטראָפנדיקע האַנט / אויף אויסצומעקן סדום — אויף אייביק". און עס איז גאָרנישט צופאַליק, וואָס די דאָזיקע חומש־אַסאָציאַציע רופט אַרויס איר נאָענטסטע שכנה: „דער ייִנגסטער בין איך / און דער לעצטער / באַדאַרף איך איצט אַליין, אַליין / צעברעכן אַלע שיינע געצן / אויף שטיקלעך / וויינענדיקן שטיין". קלאָר, אַז פון אונטער דעם אַליין־אַליין און דעם צעבראָך פון געצן, קוקט אַפיר די מדרש־געשטאַלט פון אברהם אבינו, אָבער דאָס אייניקל וויל נישט פאַרגעסן, אַז ער אַליין האָט זיך געבוקט צום פסל, „ווי קאָן איך — זאָגט ער — מוחל זיין דעם שונא / ווען כ'בין נישט מוחל זיך אַליין". ווי אַ מענטש פון איבערלעבערישן זכרון — וויל ער דאָס נישט; ווי אַ מענטש פון מאָראַלישן אחריות — קאָן ער דאָס נישט, און מחמת די ביידע גורמים — טאָר ער נישט פאַרגעסן, נישט דעם שוידער פון געהרגעטן ייִדישן פאָלק אין

היטלערס גאַזקאַמערן און נישט דעם שוידער פון געקוילעטן ייִדישן וואָרט און זײַנע זאַגערס און זינגערס אין סטאַלינס פּײַנקאַמערן, און ער דערלויבט זיך נישט פּאַרווישן דאָס וואָס איז געווען, בפרט אַז ער קען עס פון זײַנע אייגענע יסורים.

טעג וועלן קומען און עס וועט זיך אַרויסווײַזן, ווי אַזוי קערלערס חשבון־הנפש איז, פּאָזיציע נאָך פּאָזיציע, געגאַנגען, אַ חשבון־הנפש, וואָס איז אויך אַן אויטאָרעהאַביליטאַציע פון דער סאָוויעטיש־ייִדישער ליטעראַטור, און דעמאָלט וועט דער מוטיקער און הויכער זאָג, אין די גרענעצן פון סאָוועט־רוסלאַנד, באַטראַכט ווערן ווי אַ פאַרלאַנג פון אַ קיבוץ, וואָס האָט זיך קאָנדענסירט אין ווילן און אין אויסדרוק פון אַ יחיד, וואָס נאָך זײַן ליד קאָן די סאָוויעטיש־ייִדישע ליטעראַטור נישט מער זײַן, וואָס און ווי זי איז געווען, דען ער האָט ווידער אַ מאָל די אויגן אויפגעהויבן צו אַ הויך, וואָס פלאַסטיזירט דעם צעשראָקענעם בליק אין דער נידער: „שטערן אין הימל / זיי שײַנען ווי שטענדיק / דער מילכוועג / פאַר קיינעם ניט קניט״.

ו

די מענטשלעכע אויטאָרעהאַביליטאַציע גייט האַנט אין האַנט מיט אַ ייִדישער אויטאָעמאַנציפּאַציע — קודם־כל די עמאַנציפּאַציע פון חובת פאַראַלגעמיינערונג, וואָס אַן איר האָט מען זיך נישט געקאָנט רעכטפאַרטיקן און בלויז מיט איר האָט מען זיך געקאָנט כשרן. ווי ווייט דאָס האָט געגרייכט, האָבן מיר אַ בולטן משל ביי קערלערן גופא — ווען שלום גאָרדאָן האָט אָפּגעשאַצט קערלערס „פאַר מײַן ערד״ (1944), האָט ער אים באַצייכנט ווי אַ קינד פון סאָוועטישן פאָלק, וואָס איז פאַרבונדן מיט די סאָוועטישע פאָלקסמאַסן, וואָס זעט דאָס ייִדישע דאָרף אויפן כלל־סאָוועטישן פּאַן — „דאָס גרויסע מאַנאַליטישע סאָ־וועטישע פאָלק״, און ער שטרייכט אונטער די עלעמענטן פון פאַראַלגעמיינערונג און זײַן פרעמדקייט צו אַ נאַציאָנאַלער איזאָלירטקייט; און קערלער האָט, דרייַ יאָר שפּעטער, אין אַ רעפּאָרטאַזש דערציילט, אַז דער דיכטער שלמה רויטמאַן האָט פאַר אים געלייענט אַ נישט־פאַרענדיקטע פּאָעמע וועגן אַ ייִנגל, מאָטעלע, וואָס האָט באַוויזן אַפּצוראַטעווען צוויי טויזנט ייִדן פון די דײַטשישע טויטלאַגערן אין פּאָדאָליע, זיך אַליין אַרויסרײַסן פון די הענט פון די תלינים, און איז געקומען מיט אַנדערע בויען די אויטאָנאָמע געגנט. און ער, קערלער, שאַצט אָפּ די פּאָעמע אַזוי צו זאָגן: „מאָטעלע איז נישט קיין אויסגעטראַכטע פּערזאָן, דער דיכטער האָט נאָר פאַראַלגעמיינערט דאָס וווּנדערלעכע געשטאַלט פון סאָוועטישן ייִדישן פאָלקסקינד פון דער גרויסער פאָטערלענדישער משפּחה״. דער טערמין פאַראַלגעמיינערן האָט געמיינט אַנידערשטעלן אַ פּענאָמען ווי

ווייט מעגלעך ווייניקער ספּעציפיש ייִדיש און ווי ווייט מעגלעך מער כּלל־סאָוועטיש, אפילו ווען עס האָט זיך געהאַנדלט אין אַזאַ ספּעציפישן ייִדישן פֿאַל, ווי עס זענען די ייִדישע יסורים, וואָס היטלער, אַ לעגיטימער יורש פֿון פּרעה, נבוזראדן, המן, כמעלניצקי און גאָנטאַ, האָט צוגעטיילט ייִדן. דאָס באַנייטע דערקענען פֿון דער ספּעציפֿישקייט — דאָס איז די גרויסע רעוויזיע פֿון קערלער און אַנדערע, און זי האָט זיך אויסגעברייטערט אין אַ גראַנדיעזער קאָנווערסיע, וואָס האָט אַרומגענומען דעם אַלט־נייעם קוק אויף ייִדישער ווירקלעכקייט און פּראָבלעמאַטיק.

יוסף האַרן פּרוווט ציִען אַ פּאַראַלעל צווישן יוסף קערלער און צווישן פּאַסטערנאַק און סאָלזשעניצין. איז עס נישט קיין קרומער פּאַראַלעל, אויב עס האַנדלט זיך אין דער גרויסער מאָס פֿון ציווילן מוט, וואָס געהער, כּדי זיך נישט לאָזן צושליסן דאָס מויל, און אַרויסשרייען דאָס דערשטיקטע וואָרט איבער דער וועלט. אָבער אין תוך זענען דאָס פֿאַרשיידענע דערשיינונגען, אַפֿילו ווען זיי האָבן אַ שטיק בשותּפֿותדיקן וואָרצל אין דעם געוויסנס־רעוואָלט, וואָס פֿאַרכאַפּט גרויסע קרייזן פֿון דער סאָוועטישער אינטעליגענציע. נישט פּאַסטערנאַק, וואָס האַלט זיך, לויט זיין וואָל, פֿאַר אַ רוסישן מענטשן, און נישט סאָלזשעניצין, וואָס האַלט זיך, לויט זיין אָפּשטאַם, פֿאַר אַ רוסישן מענטשן, קאָנען זיך באַקלאָגן, אַז מען האָט זיי אָפּגעשניטן פֿון רוסישן פֿאָלק און פֿון רוסישן לאַנד, זייער געשיכטע און גורל, אָבער דער עיקר קלאָג און באַקלאָג פֿון קערלער, וואָס האָט זיך דורך ווייטיקן און יסורים דערשלאָגן צו דער ברייטסטער און טיפֿסטער שייכות צו זיין פֿאָלק און זיין לאַנד, איז, אַז ער, ווי אַ גליד פֿון ייִדישן קיבוץ אין סאָוועט־רוסלאַנד, ווערט, ווי דער גאַנצער קיבוץ, בעל כּרחו אָפּגעשניטן פֿון ייִדישן פֿאָלק און ייִדישן לאַנד, זייער בשותּפֿותדיקע געשיכטע און גורל, ווייל אַזוי גייט די אָפֿיציעלע און פּראַקטישע פּאָליטיק פֿון דער דאָזיקער מדינה לגבי דעם ייִדישן מיעוט און האָט זיך נישט געביטן נישט אין סוף תּקופֿה פֿון דער מלחמה קעגן היטלער, ווען מען האָט פֿון אויבן אָנגעוווּנקען, אַז די ממשלה וועט נישט זיין דערקעגן, אויב די ייִדן וועלן וועלן צוריק אין זייער היסטאָרישער היים; נישט אין אָנהייב תּקופֿה פֿון דער ייִדישער מדינה, ביי דער אַנטשיידנדיקער ראָל פֿון סאָוועט־רוסלאַנד אין איר אויפֿקום — דאָ און דאָ האָט מען די סאָוועטישע ייִדן, אי בפירוש אי ברמז, צו פֿאַרשטיין געגעבן, אַז דאָס מיינט מען נישט זיי, און וואָס מען האָט נישט געמיינט, האָט מען אויך נישט געלאָזט טאָן.

אָבער דער סאָוועטיש־ייִדישער קיבוץ, וואָס טראָגט פֿון דרויסן און פֿאַרבלענדעניש פֿון אינעווייניק האָבן אים דערשוווערט דעם וועג צו זיך אַליין, האָט אין שאָטן פֿון אומקום און אין ליכט פֿון אויפֿקום גענומען קעמפֿן קעגן

דער דיסקרימינאַציע און פֿאַדערט זיין רעכט, אַז דער אויפֿלעב פֿון פֿאָלק אין זיין לאַנד מיינט בפירוש אויך אים, און איינער פֿון די בולטסטע, לעת־עתה דער בולטסטער, דיכטערישער העראָלד פֿון דעם קאַמף איז קערלער, וואָס רופֿט אַלץ אָן ביים אמתן נאָמען, — און עס זענען אַלטע נעמען: גלות, וואָס בלייבט תמיד גלות; און דערפֿאַר, זוכט ער און געפֿינט פֿאַר דעם, וואָס ער האָט פֿריִער גערופֿן היימלאַנד, אַן אַנדערע נאָמענקלאַטור ווי, אַ שטייגער, — מער פּאָזיטיוו: וויגלאַנד, מער נעגאַטיוו: שטיפֿלאַנד. די סיטואַציע איז, בערך, ווי ער באַשרייבט זי אין איינעם פֿון זיינע לידער: „ס'איז ליב מיר די מאַכיקע שטרוי אויף מיין דאַך / די קראָפּיווע ליב איז ביי אייגענעם פּלויט / אלא וואָס — איך בין גרייט צו פֿאַרמשכנען אַלץ / נאָר המנען אָנטאָן אַ שטריק אויפֿן האַלדז". הייסט עס, אַז דער זאָג: מיין דאַך, דער אייגענער פּלויט, זענען אילוזאָריש, אַזוי לאַנג המן לעבט, און עס געהער צו די עיקר־איבערלעבענישן פֿונעם דיכטער, אַז המן לעבט, און ער איז דער בעל־הבית. המן, ווייטער, איז בלויז איינער פֿון די עפּיטעטן — פֿאַראַן אַן אידענטישער און קירצערער, בלויז איינזילביקער: „ס'איז מיר נימאס געוואָרן ביז חלשות / דער צוועקלאָזער שטרייט מיט חברל — כאַם / דאָס ליכט, מיין געשאַנק, האָט ער זעלבסט אויסגעלאָשן / כדי אין דער פֿינצטער פֿאַרשניידן מיין שטאַם"; און ענלעך: „אַז מיין לשון ווערט געלאָשן / און מיין פֿאָלק איז שטום / און דער כאַם / דער זעלבער רשע / שפּאַרט פֿון אומעטום" (1949), דער אונטערשטרייך: מיין לשון, מיין פֿאָלק, לאָזט שווער איבער אַן אָרט פֿאַר אַ פּאַראַלגעמיינערונג, לא כל שכן דער אונטערשטרייך: דער זעלבער רשע, וואָס דאָס פֿאָלק קען אים פֿון זיינע פֿריִערדיקע גלגולים. עס איז אַ דערקענטעניש, וואָס לאָזט נישט צו צו קיין לייכטע פֿאַרטושנדיקע נחמות, און פֿון דאַנען די תוכחה: „ווילדגראָז פֿאַרדעקט דיין זכרון / אינעם שטילשטאַנד פֿון שחיטה / צו שחיטה". די וויזיע פֿון בין־הזמנדיקייט צווישן חורבן און חורבן האָבן מיר שוין ביי שאול טשערני־כאָווסקי, און דאָס דווקא אין זיינע אידיליעס פֿון יידישן לעבן אין די טאָווערער און אוקראַיִנער יישובים, ווו ער וואַרפֿט, פֿון מאָל צו מאָל, אַ דערמאָנענדיקן באַמערק וועגן סטעפּ, וואָס זיינע איינגעדרימלטע ווילדע יצרים כאַפּן זיך אַ יעדע פּאָר יובלות אויף און מאַכן חרוב ונחרב די ישובים און קהילות, ביז זיי שטילן זיך ווידער איין, כדי זיך, נאָך אַ תקופֿה, ווידער אויפֿצוּוועקן. קערלער לענט זיך אויף קעגן דער פֿאַרגעסנקייט און פֿאַרשפּאַרט אַפֿילו דאָס לעצטע ביסל אָפּטימיזם, וואָס אָן אים בלייבט די בין־הזמנדיקייט אָן אָטעם. וואָלט עס נישט געווען קיין חידוש, ווען דער אויפֿלען דערוועקט אַ קעגן־אויפֿלען, נישט, פֿאַרשטייט זיך, מחמת אידעיִשער געמיטלעכקייט, פּראַגראַמאַטישער רגילות, סערוויל־אָפּיציאָזער פֿאָלגעוודיקייט, נאָר מחמת מענטשלעכן רחמנות אויפֿן

בין־הזמנים, וואָס וויל און קאָן נישט ווערן אַ גיהנום פון אַ שטענדיקן זיך־אַליין־בייסן־און־רייסן פאַר צער און חרטה; מחמת יענעם רחמנות, וועלכן עס פּאַרטיידיקט, געגנוג פּאַראַדאָקסאַל, ה. לייוויק אין זיין דראַמע וועגן מהר״ם פון ראָטענבורג.

אָבער קערלער וויל און קאָן נישט פאַרגעסן, און דאָס פון זיין אייגענעם בלוטיקן איבערלעבעניש, ווי קורץ עס איז, אין זיין דור, געוועזן דער בין־הזמנים צווישן שחיטה און שחיטה, און זיין ליד לאָזט דאָס נישט פאַרגעסן, און רויבט בכיוון אַוועק דאָס לעצטע ביסל אָפּטימיזם, וואָס איז נישט מער ווי אַן איינשלעפערנדיקע און מסוכנדיקע אילוזיע. און אַזוי אַרום איז דער איבערזומנימדיקער מוכיח גובר דעם בין־הזמנדיקן אידיליקער און שטעלט די אומרחמנותדיקע לאָגיק פון זיין דיכטערישער וויזיע אויף דער שפּיץ פון שווערד.

ז

אַזוי ווי עס איז נישט פאַראַן אַ ליטעראַריש פּראָדוקט, וואָס זאָל זיין פּטור פון קריטיק, איז אויך די אומרחמנותדיקע לאָגיק פון דער דאָזיקער דיכטערישער וויזיע אויסגעזעצט קריטיק, בתנאי זי זאָל זיך נישט לייכט מאַכן דאָס לעבן, סיי ווען זי איז בודק די וואָג פון דער לאָגיק, סיי ווען זי איז בודק דעם ווערט פון דער וויזיע.

ווי אַזוי קריטיק קאָן זיך פאַרט לייכט מאַכן דאָס לעבן — ליווערט אונדז אַ באַקאַנטע דוגמה אַהרן ווערגעליס. ער האָט אין אַ העברעיִשער ראַדיאָ־אוידיציע פון מאָסקווע געפּרוּווט אַוועקמאַכן מיט דער האַנט קערלערס דיכטערישן ווערט און אויפטו, — נאָך דעם ווי ער האָט באַשטימט אַ מין כלל גדול, אַז אַן אינטערעס אין אַ שרייבער איז קודם־כל מצד זיין ווערק און נישט מצד זיין פאַרשוין, מינימיזירט ער דאָס ווערק: סוף־סוף האַנדלט עס זיך אין אַ קליין ביכעלע, וואָס דער איצט דריי און פופציק יאָריקער מחבר האָט אַרויסגעגעבן מיט אַ זיבן־און־צוואַנציק יאָר צוריק, און האָט זינט דעמאָלט נישט מצליח געווען צוצוגעבן קיין שום ווערטיקע שאַפונג. אַזוי־ווי אַ בשר־ודם איז נישט קיין בוחן־כליות, פּרוּוון מיר אפילו נישט משער־זיין, אויב דער פּסול־מאַכער מיינט עס טאַקע, ביי זיך אין האַרצן, ערנצט, אָבער מיר קענען זיך נישט אָפּהאַלטן צו באַמערקן, אַז עס ווייזט זיך אויס, אַז ער, וואָס איז אַליין אַ דיכטער און קריטיקער, און ווייסט אפשר גיכער פון אַנדערע, פאַר וואָס קערלער האָט בלויז אַרויסגעגעבן אַ קליין ביכעלע, האָט נישט אַנגענומען, אַז קערלערס לידער וועלן סוף־סוף דערשיינען, און דער קריטישער לייענער וועט באַשיימפּערלעך זען, ווי ווייט דער ביטולדיקער פּסק־דין האָט נישט

קיין האַפּס, און אַז מיר האָבן פאַר זיך פון די שטאַרקסטע יידישע דיכטער פון נאָכרעוואָלוציאָנערן דור אין סאָוועט־רוסלאַנד, וואָס האָט, שרייבנדיק זיינע לידער וועגן די אים נאָענטסטע פּירגייער — דוד האָפשטיין און שמואל האַלקין — מיט רעכט אָנגעוויזן נישט בלויז אויף זיין יחוס, נאָר אויך אויף זיין מדרגה.

אָבער די שיטה פון מינימיזאַציע פון דיכטער איז נישט קיין נאָווינע, און מען האָט זי שוין אָנגעווענדט, אין פאַלן, ווען סיי דער מינימיזירער און סיי דער מינימיזירטער זענען געווען גרעסער ווי אין אונדזער פאַל — מי לנו גדול ווי ביאַליק, האָט דאָך פון איין זייט דער זעלבער אַלכסנדר כאַשין, וואָס האָט פאַר אים, בשעתו, געשלאָגן אַ לאַנץ קעגן פּרישמאַנען, און איז אים אין בערלין נאָכגעגאַנגען פּוסטריט, און פאַרשריבן אַ יעדעס וואָרט, וואָס ער האָט געהערט פון זיין מויל, און אָנווייזנדיק אויף די פאַרשריבענע העפטן, זיך מיט רעכט געגריסט: אָט האָב איך אָפּגעראַטעוועט אַ באַרג פּערל, אָבער שפּעטער האָט ער פון אים געמאַכט אויסצודרייען; און פון דער אַנדערער זייט האָט דער זעלבער זשאַבאָטינסקי, וואָס האָט מייסטערדיק איבערגעזעצט ביאַליקן, און זיך מיט רעכט געגרייסט, אַז ער האָט פאַרן ברייטן רוסישן עולם אַנטפּלעקט דעם געניוס פון אונדזער פּאָעזיע, שפּעטער געשריבן וועגן ביאַליק דעם געוועזענעם דיכטער. אוןביידע האָבן עס נישט געטאָן מחמת ליטעראַריש־קינסטלערישער רעוויזיע, נאָר מחמת פּאָליטיש־פּאָלעמישע טעמים; דער ערשטער ווייל אַזוי איז געגאַנגען דער סטרוקטוראַלער נוסח פון דער יעווסעקציע, דער אַנדערער ווייל אַזוי איז געגאַנגען דער קאָניונקטוראַלער נוסח פון רעוויזיאָניזם. מיר ווייסן נישט, וואָס דער ערשטער האָט געקלערט, ווען עס איז צו אים דערגאַנגען „אגדת שלושה וארבעה" און וואָס דער צווייטער האָט געקלערט, ווען עס איז צו אים דערגאַנגען דער ציקל „יתמות", אָבער גאָר מעגלעך, אַז דערמאָנענדיק זיך זייער פּסק־דין, האָבן זיי זיך נישט געקאָנט אָפּווערן פון אַן אויטאָ־איראָנישן שמייכל.

אויך דער איצטיקער מינימיזירער פון קערלער קאָן זיך נישט פאַרזיכערן פאַר אַזאַ אויטאָ־איראָניע. שוין פּשוט דערפאַר, וואָס ער קאָן נישט ערב זיין, צי ער אַליין וועט איינהאַלטן די ענגע גרענעצן, וועלכע ער באַשטימט היינט פאַר דעם שייכות פון סאָוועטישן יידן בכלל, און דעם סאָוועטישן יידישן שרייבער בפרט, צום יידישן פאָלק און זיין לאַנד, און וועט אַליין די גרענעצן, מאָרגן־איבערמאָרגן, נישט וועלן און פּרווון איבערטרעטן. מיר קאָנען אים בלויז פאַרזיכערן, אַז ווען ער וועט האַלטן דערביי, וועלן מיר, וואָס האָבן תמיד אין האַרצן און אין מויל אַ גרייטן און פריידיקן אחינו אתה, אים אַ סך זאַכן, און אויך די זאַך, נישט פירהאַלטן, און מיר ווייסן, אַז ער ווייסט עס אַליין

צו גוט, פונקט ווי מיר ווייסן, אַז בייזע צינגער וואָלטן געזאָגט, אַז ער ספּעקולירט דאָרויף; און אויב דאָס וואָלט אויך אמת געווען, וועלן מיר אויף אים קיין פּאַראיבל נישט האָבן. אָבער עס קומט אונדז פיר, אַז ער ווייסט נישט, אָדער מאַכט זיך נישט וויסנדיק ווי פאַראייניצלט ער איז איצט אין דער יידישער שרייבער־משפחה, נישט בלויז אויף דער גאָרער וועלט, נאָר אויך אין סאָוועט־רוסלאַנד, און ער פאַרשטייט נישט, אַז דער גרויסער מוטיקער און אָפענער ווענד פון קערלער, איז נישט בלויז אַ ווענד פון אַ יחיד, נאָר פון אַ רבים; ווייטער, דער ווענד פון דעם רבים איז אַן אינווייניקסטער יידישער פּראָצעס אין סאָוועט־רוסלאַנד, וואָס וויל זיך נישט מער לאָזן אַריינצווינגען און אַריינצוועגען אין די ענגע גרענעצן פון זייער שייכות צום יידישן פאָלק און זיין היסטאָרישן און אַקטועלן גאַנג, און קעמפן פאַר אַ מעגלעכקייט פון אַן אַקטיוון אָנטייל אין דעם גאַנג, צו גלייך מיט אַלע יידישע קיבוצים אין דער וועלט, וואָס קאָנצענטרירן זייער ליבשאַפט און באַמי אַרום דעם גרעסטן קאָלעקטיוון יידישן אויפטו — אַרום דער יידישער מדינה.

ח

איז עס בלויז אַ דורכזעעוודיקער אָנשטעל, אַז אין דעם מינימיזאַציע־פּרווו האַנדלט עס זיך וועגן קערלערס ווערק אין זיין כמותדיקן און איכותדיקן ווערט; עס האַנדלט זיך בפירוש וועגן פאַרשווין און דעם אמת, וואָס ער און זיין דיכטונג רעפּרעזענטירן. דער ווידעראַנאַנד פון ווערגעליס און קערלער — דאָס איז אַ ווידעראַנאַנד פון צוויי צדדים: איין צד, וואָס האָט אַפילו אַ מאַכט־פּאָזיציע, אָבער פאַרטרעט אַן איבערגעלעבטן איינשטעל, ווי ער ווערט פּראַקטיצירט אַלע יאָרן פון סאָוועטישן רעזשים און דער עיקר זיינער איז אַ באַריערע צווישן דעם סאָוועט־יידישן קיבוץ און דעם איבעריקן פאָלק און זיין גורל; און איין צד, וואָס האָט אַ מאָראַל־פּאָזיציע, און פאַרטרעט אַן אויפגעלעבטן איינשטעל, וואָס וואָלט באַדאַרפט פּראַקטיצירט ווערן פון סאָוועטישן רעזשים, און דער עיקר זיינער איז איינרייסן די באַריערע צווישן דעם סאָוועט־יידישן קיבוץ און דעם איבעריקן פאָלק און זיין גורל. פאַר וואָס איז דער איינשטעל פון ערשטן צד, אונטער וועלכן עס שטייען היינט רעשטלעך אָדער יחידים, אַן איבערגעלעבטער — האָט דאָך די פּראַקטיצירטע פּאָליטיק נישט פאַרזיכערט דעם נאַציאָנאַלן קיום פון די סאָוועט־יידן, אפילו אין רעם פון אַ מינימאַלן פּראָגראַם: שולן, וואָס זענען אַ מאָל געווען, זענען שוין לאַנג נישטאָ; סאָג־צייטונגען, וואָס זענען אַ מאָל געווען, זענען שוין לאַנג נישטאָ; און וואָס עס איז נאָך אָפיציעל דאָ, איז ווי אַ זכר־לחורבן; פאַר וואָס איז דער איינשטעל פון אַנדערן צד, אונטער וועלכן עס שטייט היינט אַ גרויסע שטומע מאַסע,

אַן אויפֿלעבערישע — ער פֿאָדערט אַ פּאָליטיק, וואָס זאָל פֿאַרזיכערן דעם נאַציאָנאַלן קיום פֿון די סאָוועט־ייִדן, און דאָס אין דער רעם פֿון אַ מאַקסימאַלן פּראָגראַם, ווי עס איז די קאָנצענטראַציע אין זייער אַלט־נייער היסטאָרישער היים, און אַרום איר. און דאָס איז בלויז מעגלעך, ווען דער ייִדישער עקסטע־ריטאָריאַלער מיעוט וועט מעגן אַליין באַשטימען, וואָס ער האָט אַ רעכט צו באַשטימען וואָס זענען די גרענעצן פֿון זיין אידעיִשן און פּאָליטישן שייכות צום ייִדישן פֿאָלק און זיין לאַנד.

אמת, די סיטואַציע צווישןביידע צדדים, אויף וויפֿל עס פּערסאָניפֿיצירן זי, ווי צוויי פּאָלוסן, די צוויי דערמאָנטע יחידים, איז קלאָר — קערלער, ווען ער וואָלט אַפֿילו געוואָלט, וואָלט ער נישט געקאָנט זיינע לידער פֿון די לעצטע יאָרן אָפּדרוקן אין „סאָוועטיש היימלאַנד״; און ווערגעליס, ווען ער וואָלט אפֿילו געמעגט, וואָלט זיי, לפּחות לעת־עתה, נישט געוואָלט אָפּדרוקן. אָבער ער דערלויבט זיך אַנידערשטעלן קערלערן גלייך ער וואָלט, מחמת דער ליניע זיינע, וואָס האָט אים דערפֿירט צו זיינע געדאַנקלעכע און פּאָעטישע מסקנות, געווען אַ קוריאָז, אָדער אַן אוניקום, כאָטש דער רעדאַקטאָר פֿון סאָוועטיש־ייִדישן אָפּיציאָז ווייסט גאַנץ גוט, אַז וואָס דער קוריאָז־כביכול קלערט, קלערן אַ סך אַנדערע, אַ גרויסער רבים, און וואָס דאָס אוניקום־כביכול זאָגט, דערזאָגן נישט אַ סך אַנדערע, וואָס האָבן, אויב נישט די זעלבע, טאָ אַן ענלעכע ביאָגראַפֿיע. שווער אָנצונעמען, אַז דער בעל־האָפּיציאָז האָט נישט געהערט פֿון אַ לייב אָליצקי, בינעם העלער, נפֿתלי הערץ כהן, דוד ספּאַרד, קלמן סעגאַל, הדסה רובין, וואָס האָבן, ווער פֿריִער ווער שפּעטער, געפֿונען זייער וועג אין זייער לאַנד אַריין, אַזוי אַז עס איז, אַפֿילו אין דער רעם פֿון דער ליטעראַטור, נישט קיין קשיא פֿון אַ יחיד, נאָר פֿון אַ רבים, און קיין ייִדישער דיכטער קאָן פֿאַר זיך נישט קאָווירן, אַז אויך אים וועט די דיאַלעקטיק, וואָס איז בעצם אַ דרך־הטבע, נישט ברענגען צו אַ טיפֿערן פֿאַרבונד מיטן ייִדישן פֿאָלק און ייִדישן לאַנד.

יאָ, קערלער איז, ווי געזאָגט, אַ שם־דבר, וואָס האָט דעם כּוח און דאָס עזות דעם אמת זיינעם אויסצושרייען און פֿאַר אים אָפֿן צו קעמפֿן, און כאָטש עס איז, ווי עס שטעלט זיך אַרויס פֿון זיינע כאַראַקטער־שטריכן, אַ פֿאַרשווינדלעכער מוט, שפּייזט ער זיך פֿון דער עובדא, וואָס דער אמת זיינער איז טאַקע זיינער, נאָר נישט בלויז זיינער, ער איז אַן אמת פֿון אַ רבים, אַ כלל, און עס האָט שוין נישט איין מאָל אין דער היסטאָריע פֿון אַ פֿאָלק אָדער זיינס אַ גרויסן קיבוץ פּאַסירט, אַז אַ יחיד האָט זיך דערוועגט צו רעדן אין נאָמען פֿון אַ שטומען רבים, וואָס ווערט, אויך דאַדורך, אַלץ ווייניקער שטום, און אויב ער רעדט היינט שטילער, וועט ער מאָרגן רעדן העכער, און דאָס

מאַכט אַוודאי נישט דעם דאָזיקן מוטיקן יחיד פאַר אַ קוריאָז אָדער אַן אוניקום, בפרט אַז ער האָט, ווי אַ יחיד, געפּרוּווט אייערנעכטן טאָן וואָס אַנדערע פּלעגן צו טאָן — מיר האָבן סיי אויפן ייִדישן קולטור־קאָנגרעס, סיי אין י. ל. פּרץ שרייבער־פאַראיין אין ניו־יאָרק, געהערט פּרטים פון דעם גערעַנגל, וואָס איז צום ערשט געווען געצוימט, ביז עס האָבן זיך אָנגעהויבן די נגישות — יאָרן נאָך דעם ווי ער האָט געקראָגן די דערלויבעניש אַרויסצופאָרן איז נאָך דער מענטש, מיט זיין שוואַכער פרוי און ייִנגל, געזעסן אויף די טשעמאָדאַנעס, און פאַר די אויגן פון דער וועלט האָט זיך אָפּגעשפּילט אַ מין קאַץ־און־מויז־שפּיל, און דער שטילער קאַמף איז געוואָרן אַ הויכער, און עס איז נישט דאָס בעסטע, נישט בלויז ייִדישע, נאָר סתם מענטשלעכע, צייגעניש, וואָס עס שטעלט זיך אויס, ווער עס לאָזט אין זיין באַצי צו אַ גערעַנגל, אַפילו דורכשימערן אַ שפּרענקעלע ציניש וויַנק, לא כל שכן אַ גאַנצן סנאָפּ ווילינגערישן ביטול.

ט

מיר ווייסן, מיר שרייבן אפשר ווערגעליסעס אַפּראַנט צו מער וואָג, ווי אפילו ער גופא שרייבט זיך צו, אָבער מיר האָבן עס געטאָן מחמת צוויי טעמים. דער איינער טעם איז, אַז מיט אַזאַ באַצי, וואָס זעט נישט דעם תוך פון דער זאַך, שטאַרקט ער די פאַרשטייפּטע ליניע פון דער סאָוועטישער פּאָליטיק לגבי ייִדן; דער אַנדערער טעם איז, ווייל מיר זענען אים חושד, אַז כדי די פאַרשטייפּטקייט צו דערהאַלטן, וועט ער העלפן אויפפרישן אַן אילוזיע, וואָס איר דורכפאַל איז אַ מין בדוק ומנוסה. דעם חשד האָבן כמעט איינצייטיק געוואָרפן יהושע ראַטענבערג אין ניו־יאָרק און משה סנה אין תל־אביב — די סאָוועט־רוסישע פאַקטאָרן וועלן דעם דראַנג צו דער ממשדיקער ייִדישער מדינה אין ארץ־ישראל וועלן דעמפן, אויפוואַרעמענדיק די אילוזאָרישע ייִדישע מדינה אין ביראָבידזשאַן; און ווערגעליס האָט דאָס געגעבן אַ קאַפּוליער אַנצוהערעניש אין זיינס אַ ליד, ווו עס הייסט: „אין לוח שרייבט מען ישראל / איז גאָט צו דאַנקען, פאַראַן / נאָר עס מאַכט זיך נישט וויסנדיק קהל / אַז פאַראַן ס׳איז ביראָבידזשאַן / — און פאַראַן אין דער געגנט רחבות פאַר אַ רעפּובליק״. ווען דאָס וואָלט געווען אַ זאָג סתם, וואָלט עס דערמאָנט די סצענע אין טאָמאַנס מאַנס „דאָס הויז בודענברוק״, ווו עס קומט, נאָך דער רעוואָלוציע פון 1848, אַ דעלע־גאַציע פון עמך צום קאָנסול, און פאָדערט אַ רעפּובליק, און ווען דער קאָנסול זאָגט זיי, אַז זיי האָבן דאָך שוין אַ רעפּובליק, פאָדערן זיי צוויי רעפּובליקן. אָבער דער בעל־הזאָג האָט נישט קיין טבע און קיין רגילות צו רעדן סתם, אגב־אורחאַדיק, אָן צו האָבן אַ כוונה דערביי. שווער אַנצונעמען, אַז ער גלייבט, דאָס ער וועט קהל,

וואָס מאַכט זיך נישט ווינסדיק, איבערמאַכן, און אים איינרעדן אָדער אויפּצווינגען אַ נאַציאָנאַל־מלוכישן צובונד צו אַ טעריטאָריע, ווו עס זענען נישט פֿאַראַן קיין היסטאָרישע הנחות דערצו, אָבער ער קאָן העלפֿן צו אַן אויסרייד, כדי צו דערשווערן און פֿאַרשפּאַרן דעם וועג פֿאַר די, וואָס רייסן זיך צו דער ממשדיקער ייִדישער היים.

אָבער אַזוי ווי ער האָט דערמאָנט זיין ליבן נאָמען, וועלן מיר אים, ברוך הוא, אויך דערמאָנען, און זיך ווענדן צום בעל־דבר מיטן טיטל, וואָס ש״י עגנון האָט אים געגעבן: ר׳ אַהרן, אויב איר ווילט דאָס יוסט, צי לתיאבון צי להכעיס, טאָן, וואָס עס גלייבט זיך שווער לגבי אַ ייִד, איז נישטאָ וואָס און צו וועמען צו רעדן; אָבער קוים דאַכט זיך אייך, אַז איר מוזט דאָס טאָן, מוזט איר עס נישט. דאָ דווקא וואָלט געטויגט, איר זאָלט זיך עפּעס אָפּלערנען פֿון קערלערס מוט, און אַפֿילו אויב איר מיינט, אַז איר זענט אַ גדול און ער אַ קטן בפּאָעזיע. כדאַי צו געדענקען, וואָס אונדזערע חכמים האָבן געזאָגט: אשרי הדור שהגדולים נשמעים לקטנים, טייטש: וואויל דעם דור וואָס די גרויסע הערן זיך צו צו די קליינע.

קל וחומר, ווען דער מינימיזאַציע־פּרווו פֿון קערלערס שאַפֿערישקייט איז אַן אויסגעבלאָזן איי, און נישט בלויז דערפֿאַר, וואָס מיר האָבן פֿון אַזאַ פּרווו נישט געהערט, ווען זיינע לידער האָבן זיך געדרוקט אין „סאָוועטיש היימלאַנד״, און ווען דער רעדאַקטאָר האָט אים אַריינגענומען אין זיין אַנטאָלאָגיע „האָריזאָנטן״, לא כל שכן ווען „אין טאָטנס וויינגאָרטן״ איז זיך, אין רוסישן נוסח, צעגאַנגען אין טויזנטער עקזעמפּליאַרן, און ווען די לידער זיינע, וואָס מען האָט זיי אין סאָוועט־רוסלאַנד נישט מער געדרוקט, האָבן געפֿונען אַ מקום־מקלט אין כשרע ייִדישע קאָמוניסטישע בלעטער אין פּוילן וכדומה; דער פּרווו פֿאַלט ממש קאַלענ־דאַריש צוזאַמען מיטן דערשיינען פֿון די לידער אין אַמעריקע און אין ארץ־ישראל.

י

על כל פּנים, די עיקר־מחלוקה איז אַן אַנדערע — עס גייט אין באַטראַכטן פֿאָלק און לאַנד, ווי אַבסאָלוטע ווערטן, וואָס די שייכות צו זיי איז נישט געווענדט פֿון פּאָליטישן רעזשים, ווייל זיי זענען סטאַבילע און ער איז אַ וואַריאַבלער. און דאָס איז דער ווונדיקסטער פּונקט אין דער פּאָליטיק פֿון סאָוועט־רוסלאַנד לגבי אירע ייִדן, און פֿון די ייִדישע פֿאַקטאָרן, דערונטער אויך די ייִדישע ליטעראַטור, וואָס האָבן די פּאָליטיק, סיי לרצונם סיי לכרחם, געשטיצט. מיר זאָגן: לרצונם — ווייל בלויז אַזוי לאָזן זיך פֿאַרשטיין, דאָס אונטערשניידן פֿון די היסטאָרישע וואָרצלען, די מאַקאַברישע הילף אויסצוראָטן די העברעיִשע ליטעראַטור און שפּראַך, דאָס פֿאַרענגען פֿון די גרענעצן אין דער ייִדישער ליטעראַטור און שפּראַך אויף צוויי־דריי דורות, און זייער קאָנצענטראַציע אויפֿן דור, אין דער רעם פֿון די סאָוועטן; — אַ בולטער משל: פֿאַרשערס, וואָס האָבן פֿריִער אָפּגעגעבן מי צו

דערגרונטעוועז די עלטערע יידישע ליטעראַטור און שפּראַך, האָבן דאָס אויפגעגעבן, און פאַרשמעלערט זייער אינטערעס, אַזוי אַז עס איז געווען אַ מין קולטור, וואָס האָט בלויז נאָענטע טאַטעס אָבער נישט קיין ווייטע זיידעס און עלטער־זיידעס, און ממילא איז אויך פאַרשווונדן זייער ווּעלט מיט אירע היסטאָרישע שייכותן. מיר זאָגן: לכרחם — אָט האָט מען אין דער צייט פון דער מלחמה קעגן היטלער, אין רעם פון דער אינעווייניקסטער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק, די יידן געלאָזט זיין עפּעס מער נאַציאָנאַל, אַפילו נאַציאָנאַל־היסטאָריש, און אין דער שיינער ליטעראַטור, אַפילו באַזאַכט אָבער גענוג קלאָר, געלאָזט זען דעם סאָוועט־יידישן קיבוץ ווי אַ טייל פון דער יידישער ווייטער און ווייטסטער געשיכטע — שמואל האַלקין האָט געשריבן אַ דראַמע „שולמית״, בערגעלסאָן האָט געשריבן אַ דראַמע „פּרינץ ראובני״ און דער צד השווה איז דער מעסט פון אַקטועל נאָענטן היינט אין אַ היסטאָרישער ווייט פונעם פאָלקס נעכטן און אייערנעכטן, פּונקט ווי די פּובליציסטיק האָט, שרעקעוודיק, אָבער אויך כמעט קלאָר, געלאָזט באַטראַכטן דעם סאָוועט־יידישן קיבוץ, ווי אַן אָרגאַנישן טייל פון דער יידישער נאָענטער און נאָענטסטער געשיכטע און די פּירער און עסקנים אין יידישן אַנטי־פאַשיסטישן קאָמיטעט האָבן אָנגעבונדן באַציִען מיט קיבוצים און יחידים, אויף גאָר דער וועלט, און דער ראַדיאָ־שמועס צווישן די ראשי גלותא אין מאָסקווע און די ראשי הישוב אין ירושלים איז געווען אַ גראַנדיאָז איבערלעבעניש פון ברידער, קינדער פון איין פאָלק, און מען האָט באַשיימפּערלעך געזען, אַז די שייכות פון אַ יידישן קיבוץ צו זיין פאָלק און לאַנד, וואָס האָט זיך אין זיין טיף אַנטפּלעקט, האָט באַדאַרפט צו עפענען די אויגן פון רעזשים, זיך נישט צו פאַרשטייפן אויף איר אַלטער דאַמבע, און זי אויך, און אַפילו בעיקר, אין דער שלום־צייט אויפגעבן און על־כל־פּנים זיך צו איר נישט אומקערן. עס איז אָבער געשען דאָס פאַרקערטע — דער דראַנג צו אינטענסיווירן און פאַרטיפן די שייכות צום פאָלק איז דערוואָרגן געוואָרן און די הריגה פון די בעלי־תריסין, דער שיינדל און שפּיגל פון דער יידישער ליטעראַטור, געהער אויך אַריין אין דער שיטה. דער רעזשים האָט נישט באַנומען, אַז וואָס עס האָט אַ שפּראָץ געטאָן אין דער קורצער צייט פון כמעט אָפן מעגן־זיין־מער־ייד, איז געווען אַ לאַנג דערשטיקטער אויסדרוק פון ווּעלן־זיין־מער־ייד, כדי צו זיין פול־ייד און כולו־ייד, אַ גליד פון יידישן פאָלק, אַ דינאַמיש־אַקטיווער שותף צו זיין געשיכטלעכן און אַקטועלן בשותפותדיקן גאַנג.

די פאַרשטייפטע דאָגמע, וואָס אויך אַ טייל יידן, סיי דרויסנדיקע און אַ־היסטאָרישע, סיי אינעווייניקסטע אָבער אַנטיהיסטאָרישע, זענען איר פּיר־און נאָכגעגאַנגען, האָט נישט אין באַטראַכט גענומען דריי גוואַלדיקע דערשיטערונגען — וואָס האָבן נישט געשאַפן אַ יש מאין, נאָר האָבן דאָס לאַטענטע מאַניפעסט געמאַכט. ערשטענס, די מלחמה קעגן היטלער איז געווען אַ בשותפותדיקע, כדי צו פאַר־

זיכערן די מפלה פון דער חיה רעה, וואָס איר נצחון האָט פאַר אַלע פעלקער געהייסן אַ סיסטעמאַטישע ראַסישע פאַרקנעכטונג, אָבער פאַר יידן אַ טאָטאַלן ביאָלאָגישן אונטערגאַנג, ווי ער איז אויך, פירגעקומען, און דאָס מיט דעם אַקטיוון אַנטייל פון דער אַרטיקער באַפעלקערונג. צווייטנס, דער אומקום פון אַ דריטל יידיש פאָלק אין אייראָפּע האָט אויפגעטרייסלט דאָס איבעריקע פאָלק אויף גאָר דער וועלט און עס אַנידערגעשטעלט פאַר אַ נייעם קאַמף פאַרן עצם־המשך, וואָס זיין צענטער איז דער אויסבוי פון דער יידישער מדינה, מיטן אַנטייל פון אַלע יידישע ישובים, וואָס גאַנצע קיבוצים זייערע האָבן זיך אין איר באַזעצט, דאַרונטער אויך קיבוצים פון די שכנישע לענדער אַרום סאָוועט־רוסלאַנד גופא, ווייל ער איז, בכוח הגזירה פון יענער פאַרשטייפטער דאָגמע, פון דעם גרעסטן אויפטו פאַר דערהאַלטן קיום און קולטור פון אייגענעם פאָלק, אויסגעשלאָסן. דריטנס, סיי די באַמיִען צו שטאַרקן דעם פּאָליטישן און קולטורעלן צענטער פון פאָלק אין זיין היים, דער יידישער מדינה, סיי דער אָפּוועך פון די סכנות, פאַר וועלכע זי איז געשטאַנען און שטייט, וואָס אירע פיינט קלערן זי אומצוברענגען, האָבן אַרום איר קאָנצענטרירט די סאָלידאַריטעט פון גאַנצן פאָלק, ווי אַ פאָלקס־אָרגאַניזם, וואָס קיין איינציק קליין אָדער גרויס אבר, בפרט אַזאַ אבר ווי דער סאָוועט־יידישער קיבוץ, ווייל נישט און קאָן נישט און טאָר נישט בלייבן מחוץ איר.

יא

אָבער די ליניע פון סאָוועטישן רעזשים לגבי אירע יידן איז פאַרבליבן ווי זי איז געווען — סיי אין די צייטן פון לעניך, וואָס האָט געטיילט די צענטראַלמאַכט מיט יידן, לרוב לויטן אָפּשטאַם און נישט לויט דער אינטעגציע (אַ יוצא־מן־הכלל, ווי יצחק נחמן שטיינבערג, איז גיך אַרויס), און עס איז געווען פאַר יידישע ענינים אַ באַזונדערע סעקציע, און עס זענען געווען באַזונדערע יידישע אינסטיטוציעס, פאַרשטייט זיך, אונטערגעאָרדנט דער פאַרטיי און אירע אָרגאַנען; סיי אין די צייטן פון קאַלינין, וואָס זיין פאַרשטענדעניש פאַר דער ספּעציפישקייט פון יידישן פּראָבלעם האָט אים געבראַכט צו דער מסקנה, אַז פאַר דער רעוואָלוציע איז עס אַלץ איינס, ווי אַזוי די יידן נעמען אין איר אָנטייל, אָבער ווען ער גופא וואָלט געווען אַ ייִד, וואָלט ער נישט איבעריק גליקלעך געווען, וואָס זיין פאָלק אַסאָמיזירט זיך אין די גרויס־שטעט און פאַרלירט זיין נאַציאָנאַלן כאַראַקטער, און מחמת דעם האָט ער געשטיצט דעם פּלאַן פון אַ יידישער אויטאָנאָמער טעריטאָריע אין בירא־בידזשאַן, כאָטש ער פאַרהוילט נישט, אַז פאַר יידן, ווי אַ דרומדיקער עלעמענט, וואָלט זיך גיכער געפּאַסט אַ דרומדיקער קאַנט, און האָט אַפילו געלאָזט דורכפלימערן אַ רמז וועגן אַ נאָך דרומדיקערן שטח, און ווער עס האָט זיך אויף דעם רמז געכאַפּט, האָט מען אים נישט באַדאַרפט פּיקן די צונג, מאַי קא משמע לן; סיי אין די צייטן

פון סטאַלין, ווען די ווילדע סתירות, וואָס האָבן אָפּגעקאָסט באַכן בלוט און טרערן, האָבן אויך, און אַפילו באַזונדערס, די יִידן געגעבן אַ ווײסטע ווערלט צו זען. און מיר ווערלן זיך באַנוגענען מיט אָנווײַזן אויף די בולטסטע סתירות — פון איין זייט דאָס פּיצל אָטעם פון אַ נאַציאָנאַלן יִדישן אויפוועק, אין צייט פון דער מלחמה און די יאַלטער איניציאַטיוו פון אַ יִדישער מדינה אין ארץ־ישראל, און פון דער אַנדערער זייט די רדיפות פון יִדישע שרייבער לאחדים, און זייער הריגה הורטאָם; פון איין זייט די דירעקטיוו, אַז טשעכיע זאָל דער יונגער באַלעגערטער יִדישער מדינה צושטעלן וואָפן, וואָס האָבן איר צום נצחון פאַרהאָלפן; פון דער אַנדערער זייט דער צוגרייט פון אַ גרויסער הריגה, מכוח דעם טייוולאָניש אינסצעניזירטן פּראָצעס קעגן די יִדישע מעדיקער (אַ זאַך, וואָס איז אין מיטל־עלטער נישט איינגעפאַלן — ברענגט דאָך מוזעאוס די מעשׂה מיטן שליט, וואָס האָט זיין יִדישן רופא אָפּגעשניטן ביידע אויערן, אָבער ווייטער אים פאַרטרויט זיין גוף), אָבער צווישן די אַלע סתירות שנירלט זיך אַלץ דורך די אַלטע דאָגמע, וואָס האָט למעשׂה געפירט דערצו, אַז די יִדישע מדינה, וואָס סאָוועט־רוסלאַנד האָט אַנטשידן וועגן איר אויפקום און זי אָנערקענט, האָט אָפּגעהיטן דעם פּרינציפּ: קראָמיאַ סאָוועט־סקיך יעוורעיעוו. און דער קאַמף קעגן דעם קראָמיאַ, איז דער תמצית פון סאָוועט־יִדישן אויפברויז, וואָס דיכטער ווי קערלער האָבן אים געגעבן דעם וויזיאָנאַרן אויסדרוק. מיר זאָגן: דיכטער ווי קערלער, ווייל כאָטש מיר האָבן נישט געזען, זענען מיר זיך משער, וואָס עס איז פאַרבאַהאַלטן אין די שיפלעדלעך פון אַנדערע.

נאָך מער, אַז מיר לייענען „סאָוועטיש היימלאַנד", וואָס מען שרייבט דאָרט נישט וואָס מען וויל, נאָר וואָס מען מעג, און מיר זעען, וואָס פאַר שאָפערישע כוחות די יִדישע ליטעראַטור פאַרמאָגט דאָרט, פילן מיר בפירוש, ווי אַ באַהאַל־טענער אונטערשטראָם רייסט זיך צו זיין דער אויבערשטראָם, אַן אויבערשטראָם, וואָס איז נישט קיין נייע דערשיינונג, און אַ געניט אויג באַמערקט אים אין דער סאָוועט־יִדישער ליטעראַטור, כמעט פון איר אָנהייב אָן; און אין אָט דעם גאַנג האָט אַ סינטעז פון גורל און כאַראַקטער קערלערן צוגעשאַנצט די ראָל פון אַ מוטיק־אָפענעם, קלאָר־באַוווסטן, כמעט אַרויסרופערישן, לעצטן שפאַן פון אונטער־שטראָם צו ווערן דער אויבערשטראָם.

[אדר תשל"א]

מאמר ב׳: איך נשיר

א

עס איז שוין דאָס דריטע מאָל, אַז עס קומט מיר אויס צו רעדן, אין אַ קלענערן אָדער אַ גרעסערן רשות־הרבים, וועגן יוסף קערלער. דאָס ערשטע מאָל איז עס

געווען בכתב. אײדער מיר האָבן זיך געזען פּנים־אל־פּנים, — דער י. ל. פּרץ־פֿאַרלאַג האָט זיך צו מיר געווענדט, איך זאָל אָנשרײַבן אַן אַרײַנפֿיר צו קערלערס לידער־אָפּקלויב „געזאַנג צווישן צײַין". איך האָב אים אָנגעשריבן און ער איז צוזאַמען מיטן בוך געווען אויסגעזעצט, ווען דער מחבר איז נאָך געווען אין מאָסקווע, אַרײַנגעטאָן אין גערשאַנגל זײַנעם מיט די מאַכט־אָרגאַנען וועגן זײַן רעכט עולה צו זײַן, און איך האָב זיך געקווענקלט, צי וועט די אַרויסגאַב פֿונעם בוך אין ארץ־ישׂראל אים די עליה דערלײַכטערן אָדער גאָר באַשווערן. און האָב נישט געוואָלט זײַן קיין גיבור אויף זײַן חשבון, און האָב מיך פּשוט מחיה געווען הערנדיק, אַז ער איז שוין צווישן אונדז, אײדער דאָס בוך איז אַרויס. דאָס צווייטע מאָל איז עס געווען בעל פּה — בשעתן קבלת פּנים לכבודו, אין הויז פֿון אונדזער ליבן נשיא, ר' זלמן שזר זאָל לעבן, ווו איך האָב בתכלית הקיצור צו־זאַמענגענומען וואָס איך האָב באריכות אויסגעברייטעט אין דערמאָנטן אַרײַנפֿיר, און איך רעד מיר אײַן, און סײַ דער וואָס האָט דאָס בוך געלייענט, סײַ דער וואָס וועט עס לייענען וועט, נאָך דעם שטאַרקן איבערלעבעניש פֿון די לידער גופֿא, וועלן וויסן, צי איז דער אַרײַנפֿירער אַ מבין דערויף. דאָס דריטע מאָל ווייטער איז דאָ און איצט, פֿאַר אײַך און מיט אײַך.

ב

וועל איך איצט און דאָ נישט איבערחזרן בעל פּה, וואָס איך האָב געזאָגט בכתב און וועל עס העכסטנס דערמאָנען אויפֿן שפּיץ מעסער, אָבער איך וועל מיך משתדל זײַן עפּעס צוצוגעבן אָדער עפּעס מער מפֿרש צו זײַן, כּדי בולטער אַרויסצוקריגן יוסף קערלערס טאָפּלעם באַטײַט — זײַן היסטאָריש־אַקטועל חשיבות ווי אַ מוטיקער יחיד, און זײַן קינסטלעריש־פּאָעטיש חשיבות ווי אַ געבענטשטער שאַפֿער. און דוכט זיך, אַז דאָס לאָזט זיך אַמבעסטן קאָנסטאַטירן דאָרט, ווו די טאָפּלקייט באַגעגנט און טרעפֿט זיך צוזאַמען. לשם כך וועט איר מיר דערלויבן אָנצוהייבן מיט אַ שטיקל מדרש, וואָס איך ברענג אין מײַן געזעמל יידישע אַנעקדאָטן און שטיפֿערייען, וואָס אין מײַן בוך קערת צימוקים, סי' 587, אין נאָמען פֿון אונדזער גרויסן קינסטלער יהושע בערטאָנאָוו, וואָס איז דאָ נישט לאַנג נפֿטר געוואָרן.

ער דערציילט, ווי־אַזוי ער פֿלעגט זיך צוגרייטן לייענען קאַפּיטלעך תנך. אַזוי למשל — זאָגט ער — האָט ער זיך צוגעגרייט לייענען דעם פּרק תהלים על נהרות בבל, און האָט נישט געוווסט, ווי אַזוי זאָל ער לייענען די ווערטער: איך נשיר את שיר ד' על אדמת נכר. טײַטש: ווי וועלן (אָדער — זאָלן) מיר זינגען גאָטס ליד אויף פֿרעמדער ערד. אַמערשט האָט ער געקלערט צו לייענען, ווי עס איז אָנגענומען: איך נשיר את שיר ד' על אדמת נכר, טײַטש: ווי וועלן

מיר זינגען גאָטס ליד אויף פרעמדער ערד, עס דאַרף זיך און גלוסט זיך דאָך גיכער ווייַנען, ווי עס הייסט דאָרט אין אָנהויב: שם ישבנו גם בכינו, טייטש: דאָרט זענען מיר געזעסן און אויך געוויינט; דערנאָך האָט ער געזען, אַז מען דאַרף צו לייענען: איך נשיר את שיר ד׳ על אדמת נכר, טייטש: ווי וועלן מיר זינגען גאָטס ליד אויף פרעמדער ערד, און ער האָט געקלערט ביי זיך אין האַרצן: פּונקט ווי עס איז איצט, אַזוי איז עס געווען אַ מאָל — איצט, אין היטלערס צייט, ווערן די ייִדן אין די פּייַן־ און רציחה־לאַגערן אויפגעפּאָדערט צו זינגען זייער ליד, און דאָס מיט פרייד, בשעת פּאַר זיי און נאָך זיי שפּאַנען זייערע פּייַניקערס און רוצחים, און זיי האָבן קיין ברירה נישט און מוזן זינגען, אָבער זיי זינגען אויף אַזאַ אופן, אַז זיי פאַרבאַהאַלטן דאָרט אַ רמז פון האָפענונג, דאָס זיי וועלן זייערע שונאים איבערלעבן; אַזוי, בעצם, האָבן אונדזערע עלטער־עלטער־זיידעס געטאָן אונטער נבוזראדן; זיי האָבן געוווּסט, אַז זיי מוזן זינגען, די קשיא איז בלויז געווען: איך נשיר, ווי־אַזוי וועלן מיר זינגען, און זיי האָבן געזונגען: בת בבל השדודה, אשרי שיאחז וניפּץ את עולליך אל הסלע, טייטש: טאָכטער בבל, דו רויבעריך, ווויל דעם וואָס וועט באַגרייפן און צושלאָגן דיינע פּיצווינקלעך אויף אַ פעלדז.

ג

עד כאן מדרש בערטאָנאָוו, וואָס פאַרבעט אונדז זיך אין אים מער אַריינ־קלערן און רעווידירן, כדי צו פאַרשטיין, אַז ער פּאַסט זיך נישט בלויז צו דער צייטלעכער און אָרטלעכער רעם, ווי דער קינסטלער האָט אים אַריינגעפּאַסט, דעם ווילדן רעזשים פון דייטשישן עמלק, נאָר ער איז חל אויף אַלע ערטער און אַלע צייטן, אַזוי אַז נהרות בבל מיינט אַלע טייכן פון אַלע גלותן, אויף אַלע ערטער און אין אַלע צייטן; והראיה — די קשיא גייט נישט: איך נשיר את שיר ד׳ על אדמת בבל, ווי וועלן מיר זינגען גאָטס ליד אויף בבלס ערד, כאָטש אַזוי איז דעמאָלט געווען קאָנקרעט און אַקטואַל. די קשיא גייט: איך נשיר את שיר ד׳ על אדמת נכר, ווי וועלן מיר זינגען גאָטס ליד אויף פרעמדער ערד, און פרעמד איז דער גלות פון אַלע ערטער און אַלע צייטן פאַר דעם, וואָס איז מכוון און מכוון אין אָנהויב מזמור: בזכרנו את ציון, געדענקנדיק ציון. דען דער וואָס האָט אויסגעמעקט אָדער פאַרווישט דעם בזכרנו את ציון, אַז ער האַלט שוין נישט און פילט שוין נישט דעם אדמת־נכר ווי אַן אדמת נכר, ווערט ביי אים מקוים דער תדבק לשוני לחכי, און לשוני מיינט צווייערליי: די צונג און די שפּראַך, משמע זיין צונג און זיין שפּראַך ווערן צוגעקלעפּט צום גומען. עס זינגט זיך נאָך אין דער אייגענער שפּראַך, סיי דער עלטערער סיי דער יינגערער, אַ צייט לאַנג, אַ דור, אַנדערטהאַלב דורות, שפּעטער ווערט דאָס אייגענע

לשון פאַרשטומט, סיי ווען די צונג ווערט אָפּגעוואָרגן פון דרויסן, ווי מיר האָבן עס איבערגעלעבט אויף דער גרעסטער אייראָפּעיִשער גלות־יבשה אונטער אַ טאָ־טאַליטאַרן רעזשים, סיי ווען זי ווערט אויסגעוועפּט פון אינעווייניק, ווי מיר לעבן עס איצט איבער אויף דער גרעסטער אַמעריקאַנער גלות־יבשה אונטער אַ דעמאָקראַטישן רעזשים.

ד

איך האָב דאָס פּיראויסגעשיקט, כדי צו מאַרקירן די דיאַלעקטיק, וואָס האָט זיך, אין אַ סינטעז פון הויכער באַוווּסטקייט און טיפער וויזיע, אויסגעצייטיקט אין יוסף קערלערס ליד. ער איז נישט דער איינציקער, וואָס איז צו דעם סינטעז דערגאַנגען, אָבער אין רעם פון דער סאָוויעטיש־יידישער ליטעראַטור איז ער, לעת־עתה, דער איינציקער און ערשטער, וואָס האָט עס געטאָן בריש גלי נאָך זייענדיק אונטערן אייזערנעם פּירהאַנג, און דאָס וועט אים דאָס יידישע פאָלק און דאָס יידישע לאַנד קיין מאָל נישט פאַרגעסן. זיינע לידער — אָנגעהויבן פון דער נאַיִווער איבערגעגעבנקייט צום גלויבן, אַז די פרעמד קאָן זיין אַ היים, און געענדיקט מיט דער איבערלעבעריש שווער געפּרווּוטער דערקענטעניש, אַז בלויז די היים איז זיין היים, אַז די גאַנצע געשיכטע פון פאָלק איז זיין געשיכטע, און נישט אירע לעצטע פּאָר קאַפּיטלען, אַז אַלע פאָלקסווערטן זענען זיינע אייביקע ווערטן — זענען אַ גוואַלטיקער ווידוי פון אַ דור, ווו דער יחיד רעדט אין נאָמען פון אַ רבים, און ווו דער איבערבראָך איז נישט ווייניקער טיף און נישט ווייניקער אַנטשיידנדיק, און אפשר טיפער און אַנטשיידנדיקער, ווי מיר הערן עס פון משה העס ווידוי, וואָס האָט אים פון דער העפּ־העפּ־מהומה דערפירט צו „רוים און ירושלים״, אָדער פון הערצלס ווידוי, וואָס האָט אים פון דרייפוס־בלבול דער־פירט צום „יידנשטאַט״. כ׳האָב געזאָגט טיפער און אַנטשיידנדיקער, ווייל יענער טיף האָט געשטעקט אין אַן אַסימילאַטאָרישער אַטמאָספער און זיך פון איר אידעיִש אַרויסגעריסן, בשעת דער טיף קערלער ווייקט פיזיש, גייסטיק און מענ־טאַל אין אייגענעם פאָלקסלעבן, און קאָן אָטעמען בלויז אין אַ יידישן קאָלעקטיוו. און עס איז מסתמא נישט קיין צופאַל, אַז דער צווייטער פּידל זיינער, די פּראָזע־זאַכן, ברענגען כמעט בלויז בילדער און סילועטן פון יידישן קאָלעקטיוון לעבן, ווי עס האָבן געגלויבט און געפּרווּוט צו זיין די יידישע דאָרף־ישובים, און בעיקר די קורצלעביקע ביראָבידזשאַנער אויטאָנאָמיע; בשעת דער ערשטער פּידל זיינער, די פּאָעטישע שאַפונגען, דערציילן, ווי־אַרום זיין וויזיע האָט געוואַנ־דערט און ווו אַהין זי האָט דערוואַנדערט — עס איז די דיאַלעקטיק פון אַ דור, וואָס איז אַנטלאָפן פון זיך צו זיך, און צווישן דעם פון און דעם צו ליגט די טראַגעדיע פון אַ ליטעראַטור, וואָס האָט זיך געלאָזט איינרעדן, ווי עס האָבן זיך

איינגערעדט עטלעכע באַוועגונגען אין דער ייִדישער גאַס, אַז אדמת נכר קען מחמת אַ באַשטימטן רעזשים, — אַ ליבעראַלן, דעמאָקראַטישן, סאָציאַליסטישן, קאָמוניסטישן, אַנאַרכיסטישן — אויפהערן צו זיין אַן אדמת נכר, און פאַרקאַיבריקט דעם בזכרנו את ציון, פונקט ווי עס פאַראיבריקט אַלץ, וואָס איז אין דעם זכרון געקניפּט און געבונדן — דאָס אַלט־נייע לאַנד, די אַלט־נייע שפּראַך, וואָס אויב זיי ווערן, בפרט נאָך פון אינעווייניק, אָפּגעמעקט, איז עס אַ צעפאַל פון פרימאַרן יסוד, וואָס אַן אים קאָנען זיך די שפּעטערדיקע ווענט נישט האַלטן און דער־לייכטערן דער שׂנאה פון אויסנווייניק און דער פאַרבלענדעניש פון אינעווייניק דאָס גאַנצע געביי איינצורייסן.

ה

און דאָ וועל איך מיר דערלויבן צו דערמאָנען אַ שמועס מיט ה. לייוויק, וואָס האָט זיך פאַרוויקלט אין אַ שטיקל פּאָלעמיק־שבעל־פּה. ער האָט מיר דער־ציילט, אַז ביי זיין פריִערדיקן באַזוך אין לאַנד האָט ער געזען אין דער „הבימה" חיים הזזס דראַמע „מקץ הימים", וואָס קומט, כידוע, פיר אין אַ דייטשישער שטאָט, אין דער צייט פון דער סאַמע צערודערטקייט פון דעם שבתי־צבי־געטומל. האָט ער, לייוויק, געהאַט גרויס תרעומת אויף דער אַרגומענטאַציע פון איינעם פון די הויפּט־פּאַרשוינען אין דער דראַמע, יוזפאַ, וואָס האַלט זיך פאַר משיח בן יוסף, אַז מען דאַרף מיט די אייגענע הענט פאַרברענען דעם גלות, און אויף דער אַקטיוויזאַציע דערפון, וואָס איז אויך די נעילה־סצענע פון דער דאָזיקער דראַמע. אַזוי ווי מיר זענען ביידע כהנים, האָב איך, מיט דעם מילדסטן טאָן, באַמערקט, אַז אויב האָבן תרעומת אויף אַ פּאַרשוין פון אַ דראַמע אידענטיפיצירנ־דיק זי מיטן מחבר, איז אַ סברה, אַז עס לאָזט זיך אפשר נישט ווייניקער מתרעם זיין אויף אַן אַנדערע דראַמע, וואָס הייסט „מהר"ם פון ראָטענבורג", ווו דער יונגער דניאל, וועלכער איז געקומען פון דאַכאַוער טויט־לאַגער, ראַנגלט זיך מיטן אַלטן אַהאַספער, ער זאָל אים לאָזן דער מיטלעלטערלעכער אשכנזישער קהילה דערציילן, פון וואַנעט ער קומט און וואָס דאַרט טוט זיך, און אַהאַספער פאַרשטאָפּט אים דאָס מויל. נאָך־מער, ווען דעם מהר"מס טאָכטער, אסתר, רופט און וויל נישט אויפהערן צו רופן, אַז אַ יעדער, וואָס קאָן זאָל פאַרלאָזן דייטש־לאַנד, וואָס איז אַ בלוטלאַנד נישט קיין היימלאַנד, און אַ תלמיד פרעגט זי, וואָס וועט זיין מיט דער ישיבה, ווו מען האָט צוגעבויט אַ שטוב פאַר נייע לערנער, אַריינגעשטעלט נאָך בעטן, טירן, בענק, ענטפערט זי: לייגט צו צו זיי אַ ליכט און צינדט זיי אָן; אַז נישט — וועלן די ריטער־הינט דאָס טאָן. הייסט עס, אַז וואָס איין דראַמאַטיקער לאָזט אַ ראש ישיבהס ציכטיקער טאָכטער קלערן צו טאָן, לאָזט אַן אַנדערער דראַמאַטיקער, פיר־הונדערט יאָר שפּעטער,

וואָס מיינט מער היסטאָרישן נסיון, טאָן אַן עקסטאַטישן משיח־גלויבער, אַזוי אַז אסתרס ליכטל איז, בעצם, דער קערן פון יוזפאַס פייער. לייוויקס טענה־לסתור איז, פאַרשטייט זיך, געווען אַז איך בלאָז אויף אַן עפּיזאָדאַלע רעפּליקע און פאַרבייט זי מיט אַן עיקר־אַקציע וואָס איז סיי צענטער סיי פינאַל. אָבער איך האָב נישט געקאָנט פאַרשטיין, ווי אַ קערן קאָן זיך באַקלאָגן אויף זיין אייגענעם לאָגישן אויסוווקס. און — איך בין מודה — אַז איך פאַרשטיי עס ביז היינט נישט, און איך האָב דערויף שפּעטער ברייטער זיך אָפּגעשטעלט אין מיין אַריינפיר צום העברעישן נוסח פון לייוויקס דערמאָנטער דראַמע.

אָבער צוריק צו יענעם שמועס — ער איז אַריבער פון דער אויסגעהרגעטער צו דער אָפּגעראַטעוועטער עדה יידן אין אייראָפּע, די יידן אין סאָוויעט־רוסלאַנד, און בדרך הטבע האָבן מיר באַרירט די טראַגעדיע פון דער יידישער ליטעראַטור דאָרט, מיטן אויסהרגענען אירע גרויסע שרייבערס, און איך האָב מיט גרויס סימפּאַטיע דערמאָנט לייוויקס אַ פאַרגעסענעם מאמר קעגן יענע, וואָס האָבן געטענהט, אַז דער הימל איז נאָך נישט ביי דער ערד, אַ סימן: ביי דער גרויסער ערשטן־מאַי־פּאַראַדע אויפן רויטן פּלאַץ האָט מען אין סטאַלינס סוויטע בפירוש געזען קאַגאַנאָוויטשן. ווייל — האָט לייוויק געשריבן — פאַר אונדז איז כלל נישט וויכטיק, צי קאַגאַנאָוויטש זיצט אויף יענער הויכער בימה צי נישט, פאַר אונדז איז וויכטיק, צי עס זיצט נאָך ערגעץ אַ מלמד, וואָס לערנט יידישע קינדער אלף־בית. לייוויקס ערלעכקייט האָט אים באַוויגן צו באַמערקן: יאָ, אַזוי און ענלעכס האָב איך געשריבן, אָבער אַ ביסל צו שפּעט. וואָס מיך האָט אָבער בעיקר אינטערעסירט איז וואָס ער האָט געזאָגט: אַ מלמד, אָט דעם, וואָס מען האָט אים תיכף, אין די ערשטע האָניק־חדשים פון דער סאָוויעטיש־יידישער קולטור — אָדער ווי בן־אדיר האָט עס אָנגערופן: פון דער רויטער קאַסריל׳עווקע — אָפּ־געשאַפן, נישט אָנענדיק, אַז אָפּשאַפנדיק דעם פּרימאַרן פונדאַמענט, וואָס פירט שטאַפּל נאָך שטאַפּל, צום אלף־בית, צום סידור, צום חומש, צו לשון־קודש, פאַר־העלפט מען אָפּשאַפן דאָס שפּעטערדיקע געביי — צום ערשט די העברעישע ליטעראַטור, און יאָרן שפּעטער די יידישע ליטעראַטור, און ווער עס האָט געשוויגן צום ערשט און האָט געעריגן שפּעטער, לא כל שכן ווער עס האָט אויך שפּעטער לאַנג געשוויגן און האָט צום ערשט אויך צוגעלייגט אַ האַנט דערצו, קאָן נישט זאָגן: ידי לא שפכו את הדם הזה, טייטש: מיינע הענט האָבן נישט פאַרגאָסן דאָס דאָזיקע בלוט.

ו

איך זאָג דאָס אַלץ, געדענקנדיק דאָס טייערע וואָרט פון הלל, וואָס מען דאַרף עס משלים זיין. עס איז דאָס וואָרט: על תדין את חברך עד שתגיע למקומו,

טייטש: משפט נישט דיין חבר, ביז דו וועסט נישט קומען אויף זיין פּלאַץ. דאָס וואָרט, וואָס מען דאַרף משלים זיין: אל תדון את חברך עד שיגיע למקומך, טייטש: משפּט נישט דיין חבר, ביז ער קומט נישט אויף דיין פּלאַץ. אויב אָנווענדן דאָס וואָרט אויפן סאָוויעט־רוסישן שרייבער, מיינט עס: משפּט אים נישט, אויב דו משפּטסט נישט פריִער זיך אַליין, זעענדיק זיך אַליין אויף זיין פּלאַץ — אויב דו ענטפערסט נישט, וואָס וואָלסטו געטאָן אין אַ רעזשים, ווו מען קען נישט זאָגן וואָס מען וויל, נאָר וואָס מען מעג, און נישט תמיד ווייסט מען וואָס מען מעג; אויב אָנווענדן די השלמה פון וואָרט אויפן רוסיש־יידישן שרייבער, מיינט עס: משפּט אים נישט, אויב דו ברענגסט נישט פריִער אין באַטראַכט, וואָס ער וואָלט געטאָן, ווען ער איז אויף דיין פּלאַץ — משמע, אין אַ רעזשים ווו מען מעג און קאָן זאָגן וואָס מען טראַכט און וואָס מען וויל, און דעמאָלט וועסטו זיך אָפּגעוווי־נען, ווי איך גופא האָב מיך אָפּגעוווינט פון דעם שאַרפן טאָן, ווי איך פלעג אים באַנוצן, מיט איבער דרייסיק יאָר צוריק, און אים אויסקירעווען בלויז קעגן יענע, וואָס זייענדיק אין אַ רעזשים, ווו זיי האָבן געמעגט און געקאָנט זאָגן וואָס זיי טראַכטן און ווילן, האָבן זיי פאַרהאַלפן שטאַרקן אַ רעזשים, ווו מען קאָן בלויז זאָגן וואָס מען מעג, אַט די קנעכטישע חניפהניקעס אין פּאַריז, אין ניו־יאָרק, אין בוענאָס איירעס, אין תל־אביב, וואָס ה. לייוויק האָט זיי געשטעמפּלט אין זיין תוכחה־ליד וועגן ארמילוס, די פאַרשווייגערס און פאַרטושערס פון דער רציחה פון די יידישע שרייבערס, וואָס זענען נישט געווען קיין מורדים במלכות און געוואָרן הרוגי המלכות.

ז

דאָס אַלץ איז בלויז אַן אומוועג זיך צוריקצוקערן צו יוסף קערלער, וואָס דאָס ליד זיינס און זיינס גלייכן איז די אמתע רעהאַביליטאַציע, דען ער באַפרייט אונדז סיי פון עיקר וואָרט פון הלל: אל תדון את חברך עד שתגיע למקומו, דען ער איז געווען אויף יענעם פּלאַץ, ווו מען קען בלויז זאָגן וואָס מען מעג, און ער האָט געזאָגט וואָס ער האָט געוואָלט, פּונקט ווי ער באַפרייט אונדז פון דער השלמה: אל תדון את חברך עד שיגיע למקומך, דען זייענדיק אויף אַ פּלאַץ, ווו ער קאָן זאָגן וואָס ער וויל, איז ער ממשיך וואָס ער האָט געטאָן אויף יענעם פּלאַץ, ווו מ׳האָט עס נישט געטאָרט טאָן, און פאָרט געטאָן. און כאָטש די אויסער־געוויינטלעכע בראַוווּר איז, ווי כ׳האָב אויסגעפירט אין מיין אַריינפיר צו זיין בוך, בעיקר אַן אויסדרוק פון דריי סגולות: זיין כאַראַקטער, זיין זכרון, זיין געוויסן, רעדט דורך אים דאָס מויל און דאָס האַרץ פון אַ רבים, און עס איז נישט קיין צופאַל, אַז אין ליכט פון זיין דרייסט, שטאַרקט זיך דאָס באַדערפעניש און דער חוב, זיך צו דערגרונטעווען צום פאַרהוילענעם אונטערשטראָם, וואָס

האָט פאַרטייעט געריזלט אין דער סאָוויעטיש־ייִדישער ליטעראַטור, און האָט זיך געריסן צו ווערן אַן אייבערשטראָם, האָט זיך אָבער נישט געקאָנט שטאַרקער דורכרייסן, מחמת דעם טעראָר פון אויסנווייניק און דער פאַרבלענדקייט פון אינעווייניק, ביז אַ מוטיק־אָפענער און קלאָר־באַוווסטער שפּאַן, נוסח יוסף קערלער, האָט דעם אונטערשטראָם געמאַכט פאַר אַ קלאָרן איינטייטיקן אייבערשטראָם.

ח

יאָ, די אויפגאַב פון דער קריטיק און דער פאָרשונג אונדזערער וועט זיין זיך דערגרונטעווען צו די פאַרהוילענע וואָרצלען, ווו מ׳האָט, להיפך דער אָפענער אויבערפלאַך, געפרעגט: איך נשיר את שיר ד׳ על אדמת נכר, און זיך געענטפערט, נהרות בבל און אַלע איבעריקע נהרות קאָנען נישט זיין און ווערן אַ היים, כל שכן די היים, און דאָס איז אפשר די כוונה, וואָס מען האָט פאַר ברכת המזון אין דער וואָכן געזאָגט: על נהרות בבל, און שבת ווייטער: בשוב ד׳ את שיבת ציון, און די ווערטער פון דעם מזמור זענען, ווי יוסף קערלער זאָגט אין זיינס אַ ליד, געווען די ברעקלעך שבת, מיט וועלכע מען האָט געלאַטעט די גאַנצע וואָך.

[י״ט אלול תשל״א]

פערטע פרשה

אַ גאַנצע פּאָסעסיע

יוסף אָפּאַטאָשו

א

לאָמיר אָנהייבן ייִדישלעך, מיט אַ משל. מיין עלטער־פעטער און רבי, ר׳ יעקעלע בערגער, אַ למדן מופלג אין מיין אַלטער בראָדער היים, האָט געהאַט גרויס עגמת־נפש, וואָס זיינע בעסטע תלמידים זענען געוואָרן ראַבינערס לויט דער נייער מאָדע, בשעת ער האָט זיי געוואָלט זען רבנים לויטן אַלטן נוסח. דערפֿאַר פלעגט ער אונדז טאָקע איינשאַרפן די גרויסקייט פון די לעצטע גאונים און ער פלעגט זיי אויסמאָלן ווי אַ שאַרע הייזער, ווו יעדעס הויז האָט געהאַט זיין באַזונ־דערע מראה און זיין באַזונדערע מאָס — אָט דער איז סתם אַ גוט געביי; און דער צווייטער איז אַ מויער (בלשונו: אַ מאָווער); און ווידער אַ דריטער איז אַ פעסטונג ממש. קוים איז ער אָבער צוגעקומען צו יענעם, וואָס איז ביי אים געווען חשובער פון אַלע, איז ער תחילת אַ ביסל צעטומלט געוואָרן און האָט זיך אַזוי אויסגעדרייט: וואָס איז דאָ דאָ צו רעדן, יענער איז דאָך אַ גאַנצע פּאָסעסיע. אָט אַזאַ מין געפיל באַפאַלט אונדז ווען מיר דאַרפן רעדן איבער אַ פאַרשוין און אַן אויפטו פון אָפּאַטאָשוס שניט. אויך מיר, דרייען זיך אויס ווי מיין האַרציקער רבי: וואָס איז דאָ דאָ צו רעדן, ס׳איז דאָך אַ גאַנצע פּאָסעסיע, וואָס נעמט אַרום אַ גוזמה מיט נחלות מיט ווערטשאַפטן אין לשער.

ב

אַ קליינער דאָקומענט, וואָס דער דערציילער האָט אונדז געגעבן, די קורצע אויטאָביאָגראַפיע, וואָס גייט אויך בראש פון מאָנאָגראַפיעס איבער אים, קאָן אונדז דינען פאַר אַן אָנשפּאַר געוויר צו ווערן, ווי אַרום די דאָזיקע פּאָסעסיע האָט זיך געבויט און אויסגעבויט. מיר דרינגען פון איר אַרויס, אַז זיין פאַרטראַכט איבער זיין אייגענעם אָפּשטאַם, האָט אים געפירט פון זיין ענגער סביבה צו אַלץ ברייטערע פעריפעריעס — פון טאַטע־מאַמע און זייערע סביבות האָט דער וועג געפירט צו זיידע־באָבע, צו עלטער־זיידע און עלטער־באָבע און זייערע סביבות, אַזוי אַז אַיין היסטאָרישער קרייז איז איינגעשלונגען געוואָרן אין אַ ברייטערן,

און דער ברייטערער און נאָך אַ ברייטערן, און דער נאָך ברייטערער און אַ גאָר ברייטן, ביז ער האָט זיך דערוואָרבן אַ טאַטאַלן קוק, אַ טאָטאַלן פּאַרנעם. ווארעם ער איז פון די ווינציקע, וואָס זייער שאַפן דערגרייכט (אויב מען מעג דערציילערישע טעמאַטיק פאַרגלייכן צו אַ גלאָבוס) סיי די מאַקסימאַלע מאָס פון שטייגערישן ברייטגראַד, סיי די מאַקסימאַלע מאָס פון היסטאָרישן לענג־ראַד. אָט די טאָטאַלע אייגנשאַפט האָט אים דערצו געבראַכט, אַז ער האָט פאַר אונדז אַנטפּלעקט וואָרצל און שטאַם אין זייער פולער און גאַנצער פאַרצווייגטקייט אין דעם היסטאָרישן גאַנג פון פאָלק, ווי אַ מאַסע פון שיכטן, ווו די אייבערשטע רוען אויף די גרונטיקסטע. פון דאַנעט אַ פּנים נעמט זיך דער טעות פון אַ טייל קריטיקער, וואָס אַנשטאָט צו זען די שיכטן איינע איבער דער אַנדערער, זעען זיי איינע לעבן דער אַנדערער, און אַפילו איינע קעגן דער אַנדערער. אַזוי האָט זיך זיי אויסקאָנסטרויִרט די טעאָריע פון פאַלאַרן שפּאַלט, וואָס טיילט אָפּ דעם דער־ציילער לויטן כלל: מפלגא לעילא הורמיז ומפלגא לתתא אחרימן, און ממילא האָבן זיי פאַרזען דעם יסוד פון דעם דערציילער און זיין דערציילעריי — די טאָטאַליטעט.

ג

און נישט גרינגער איז אַן אַנדער טעות, וואָס לאָקערט אויף זיינע אָפּשאַצער — דאָס איז דער פונדאַמענטאַל־טייל פון אַ וואַריאַבלען וואָס און אַ סטאַבילן ווי; נאָך מער: פון אַ וואַריאַבלען וואָס צוליב אַ סטאַבילן ווי. גלייך די פילפּנימדיקער טעמאַטיק איז נישט מער ווי אַ מעגלעכקייט פון וואַריאַציעס פאַר דער איינגע־זעצלעכקייט פון נפשות און געשעענישן אין פאַרשיידענע צייטן און פאַרשיידענע ערטער. די דעגראַדאַציע פונעם וואָס לגבי דעם ווי איז אַ פייל אין סאַמע שוואַרצ־אַפּל — ווארעם דער וואָס איז דאָ נישט סובסטראַט צו אַ העכערן עלעמענט, דעם ווי; דער וואָס איז דאָ דער עיקר, און דער מיט אים אָרגאַניש פאַרבונדענער און פון אים באַדינגטער ווי איז זיין אופן אַנטפּלעקונג. עס איז אַ צוואַנג, וואָס פירט דעם דערציילער פון באַשרייבן זיין קינדערישע און יונגלישע סביבה אין איר פילגע־שטאַלטיקייט צום באַשרייבן גאַנץ פוילן, אין דעם גרויסן געראַנגל פון שטרעמונגען צווישן חסידות און אירע קעגנערס, אויפן פאָן פון דער אַלגעמיינער געשיכטע, די גייסטיקע און געזעלשאַפטלעכע שטרעמונגען אין אייראָפּע; עס איז דער זעל־ביקער צוואַנג, וואָס האָט אים, אין דער דימענסיע פון ברייט, אַריבערגעפירט די גרענעץ פון זיין יאָרהונדערט און געבראַכט צו פריִערדיקע יאָרהונדערטער, אַרי־בערגעפירט די גרענעץ פון פוילן און געבראַכט צו זיינע עלטער־זיידעס אין דייטש־לאַנד; פונקט ווי ער האָט אים אין דער דימענסיע פון טיף, געבראַכט צו דעם שותפישן באָדן פון כל תפוצות ישראל, דער באָדן פון זיין היסטאָריש היימלאַנד; לעת־עתה צום סוף פון בית שני.

ד

די אינעווייניקסטע לאָגיק פון דעם וועג איז בולט נישט בלויז אין די גרויסע סטאַציעס, די ראָמאַנען און גרעסערע נאָוועלן, נאָר אויך אין דעם ים קליינע סטאַציעס, די קורצע דערציילונגען, וועלכע צווינגען אונדז צו שפּאַנען האַסטיק פון שטייגער צו שטייגער, פון לעבן צו לעבן. פאַרן רוב פון זיינע אַפּשאַצערס זענען זיינע ראָמאַנען און גרעסערע נאָוועלן די באַזע, בשעת אין דער אמתן איז דער אוצר פון זיינע קלענערע דערציילונגען אַ סך אַ ברייטערע פּלאַטפאָרם דערצו, מחמת זיי זענען סיי עדות סיי וואָרטצייכנס, פאַר זיין אַלץ־אַרומנעמענדיקער כוונה און קענטשאַפט, און דערפאַר איז אויך זייער גאַנג און כאַראַקטער אַנדערש פון דער נאָוועלע מיט אַ דור אָדער מיט צוויי דורות צוריק. יענע איז אויסן געווען אַפּצוצערקלען אַ וועלט אין מיניאַטור, אַריינטרייבן אים אין אַ טראָפּן, בשעת אונדזערע דערציילונגען ווייסן, אַז זיי גיבן אַ פראַגמענט, אַ קאַפּיטל, אַ טראָפּן אין ים פון דער טאָטאַליטעט, און דערפאַר פעלט ביי זיי לרוב יענער פאָענטירטער סוף, מיט וועלכן ס׳פאַרענדיקט זיך געווייינטלעך די טראַדיציאָנעלע נאָוועלע, בפרט די נאָוועלעטע, וואָרעם אַזאַ פאָענטירטער סוף, און אַ סוף בכלל, באַווייזט דעם גלויבן אין זיין מעגלעכקייט, בעת די אומפאַרענדיקטקייט איז ווי אַ שטילע דעקלאַראַציע איבער דער אילוזאָרישקייט פון אַיעדן אַפּשליס, ווייל אויך דער סוף איז נאָר אַ מיט. אַזוי אַרום זענען דאָ ראָמאַן, נאָוועלע, סקיצע — שפּריץ אָדער טונק איבער און אין דער טאָטאַליטעט, בעיקר איבער און אין ייִדישער טאָטאַליטעט. דאָס אויפכאַפּן די טאָטאַליטעט דורך דער פּריזמע פון קינסטלערישן באַנעם צייטיקט אין אונדז אויס יענעם באַוווסטזיין, וואָס איז פעיִק אונדז אַרויסהעלפן פון צוויי גרויסע סכנות, וועלכע לאָקערן אויף אונדז די לעצטע דורות — די ערשטע סכנה איז דער אָפּריס פון אונדזער היסטאָרישן אָנהייב אין אונדזער לאַנד, וואָס איז נישט בלויז אַ זאָג איבער דעם געוועזענעם, נאָר אויך אַן אָנזאָג איבער דעם קומענדיקן, מחמת אונדזער ראשית־הימים איז אַ סימן פון אונדזער אחרית־הימים; די צווייטע סכנה איז דער אָפּריס פון אונדזער המשך, דער לאַנגער תקופה צווישן דעם לעצטן אויסלעש פון בית שני און דעם ערשטן אויפבליץ פון בית שלישי.

ה

אין דער קריטיק פאַדערט זיך פאַר אונדזער דערציילער די בכורה פאַר דעם דרייסטן שפּאַן פון שטייגער צו היסטאָריע, דער שפּאַן אין די פּוילישע וועלדער אַריין, וואָס ערשט נאָך אים האָבן גענומען שפּאַנען אַש און נסתר און בערגלסאָן און י. י. זינגער און באַשעוויס און אַנדערע. דרייסטקייט איז זייער גוט, אָבער דער עיקר איז נישט זי גופא, נאָר איר אימאַנענטישע געזעצלעכקייט אין פּראָצעס פון אונדזער שאַפן. מיר ווייסן, אַז מענדעלע איז געווען טעמאַטיש צוגעשמידט

צום תחום המושב און האָט אים נישט אָרטלעך און נישט צייטלעך פאַרלאָזט, נישט געקאָנט פאַרלאָזן, — כיבע אין פאַנטאַסמאַגאָרישן מעשה־חוזק פון דער בנימין־סענדערל־אַוואַנטורע, שלום־עליכם איז נאָך צוגעשמידט צייטלעך אָבער נישט אָרטלעך — זיינע חברה־לייט לאָזן זיך שוין אויף דער ברוזיקער ליניע פון דער גרויסער יידישער וואַנדערונג; י. ל. פרץ איז נאָך צוגעשמידט אָרטלעך אָבער נישט צייטלעך — ער געפינט שוין דעם באַהעפט צו אַ מער דורותדיקער באַוועגונג, חסידות. הייסט עס, אַז שוין זיי האָבן גענומען לויזער מאַכן די געפּענטעטקייט צו צייט און אָרט און אָנגעוווּנקען אויף ברייטערס אין פאַרנעם און טיפערס אין באַנעם. און כדי צו זען, אַז דער פּראָצעס איז נישט קיין צופאַליקער, איז כדאַי, צוליב קאָנפראָנטאַציע, צו וואַרפן אַ בליק אויף דער העברעישער ליטעראַטור. דאָ זעט זיך פון סאַמע אָנהייב פון דער נייערער פּראָזע אַ טאָפּעלע טעמאַטיק — אברהם מאַפּו לעבט זיך אויס זיין השכלה־נאַיוויטעט סיי אין אַ קעגנוואָרט־ראָמאַן און סיי אין אַ היסטאָרישן ראָמאַן, אָבער צווישן דעם נאָענטן היינט און דעם ווייטן נעכטן טונקלט אַ תהום פון טויזנטער יאָרן, און די פּאָר פּראָגמענטן פון שבתי־צבי־ראָמאַן זענען אַ צו קליין בריקל דעם תהום צו פאַרדעקן. דער תהום איז אַפילו געוואָרן סיי ירושה סיי מאָדע ביי אַ ריי שרייבער, אָבער דער כלל־גאַנג פון דער העברעישער פּראָזע אין איר אַנטוויקל האָט אויפגעבויט אַ שטאַרקע און פעסטע בריק, און מיט דער צייט איז דער תהום געוואָרן אויס תהום.

אויב, למשל, ש. בן־ציון האָט אונדז געגעבן פון איין זייט גוטע שטייגער־דערציילונגען פון בעסאַראַביע און פון דער אַנדערער זייט אַ ווונדערלעכע נאָוועלע פון בית שני, אָדער אויב יעקב ראַבינאָוויטש האָט אונדז פון איין זייט געגעבן ראָמאַנען און נאָוועלן פון יידישע אינטעליגענטן אין זיין צייט און פון דער אַנדערער זייט אַ ראָמאַן פון דער צייט פון אונדזערע מלכים — פרעגן מיר, וואָס איז עפּעס געשען אין דער מיט. אָבער אונדזער קשיה הייבט אָן פאַרענטפערט צו ווערן, אַז מיר זעען, ווי דער צוויי־שפּראַכיקער ז. שניאור בויט איבער זיינע שקלאָווער יידן אַ בוי, וואָס איז גאָרן און קעלער צוזאַמען, דעם ראָמאַן פון דער צייט פון הגר"א און בעל התניא; אָדער מיר זעען ווי דער איינשפּראַכיקער יהודה בורלא שפּרייט איבער זיינע ירושלימער און דמשקער ספרדישע יידן אַ היסטאָרישע קאַנווע איבער דער צייט פון חיים פרחי און ר' יהודה אלקלעי — דאָ און דאָ גייט שטייגער אַריבער אין היסטאָריע און מיר זעען אַן אָרגאַנישע געקייטלקייט פון דורות. ווייטער א. א. קאַבאַק גייט אַן אַנדערן וועג — צו ערשט אַקטועלע ראָמאַנען, שפּעטער אַ ראָמאַן וועגן שלמה מולכו, און נאָך שפּעטער אַ אַ ראָמאַן פון דער צייט פון ישו און צום סוף אַ טרילאָגיע איבער די לעצטע דורות און זייער קאַמף פאַר אַ נייער יידישער ווערקלעכקייט; און אשר באַראַש גיט אונדז דערציילונגען פון זיין אַלטער היים אין לאָפּאַטין און פון זיין נייער

היים אין תל־אביב, אָבער דער סינטעז זיינער זענען די פּערלדיקע היסטאָרישע באַוועלן איבער שאול המלך, גירוש ספרד, חבלי ת״ח. און נאָך מער, ש״י עגנון וועבט זיינע ראָמאַנען און דערציילונגען צו אַ פולשטענדיקן קאָמפּלעקס, וואָס נעמט אַרום ווירקלעכקייט און לעגענדע, היסטאָרישקייט און שטייגער, פון סוף פראַנקיזם און אָנהייב חסידות, דורך ייִדנשטאָט און ייִדנשטעטל, ביז צום אַלטן און נייעם ייִשוב אין ארץ־ישראל, און שפּילנדיק אויף אַלע כלים פון קינסט־לערישער געשטאַלטונג, אָנגעהויבן מיט דעם פאָלקסטימלעכן סיפור־מעשה און געענדיקט מיטן ראַפינירסטן פּסיכאָלאָגישן אַנאַליז. און ח. הזז האָט געמאַכט דעם גאָר אַנטשיידנדיקן טראָט — ער איז איבערגעגאַנגען די מויער פון אשכנ־זישן סעקטאָר און אַריין, מיט לייב און לעבן, אין דער נישט־אשכנזישער ספערע: ספרדים, קורדן, בעיקר תימנער. דאָס איז אַ נייער סטאַטוס אין אונדזער ליטע־ראַטור, וואָס האָט ווי פאָרויסזאָג און באַשטעטיקונג פון דעם נייעם סטאַטוס אין ווירקלעכקייט — די שבטי־ישראל אין סוף פון זייער ייִחוד און אין אָנהייב פון זייער איחוד, אין עצם איבערגאַס פון באַזונדערקייט צו פאַראייניקייט, קיבוץ־גלויות. ס׳איז קיין ספק ניט, אַז אויך אַפּאַטאַשו פאַרשטייט דעם צוואַנג פון אָט דעם אַנטשיידנדיקן טראָט — ווייל שיין איז די געשטאַלט פון אַ ר׳ אליהו בחור, ווי ער האָט זי געצייכנט, אָבער נאָך שענער קאָן זיין די געשטאַלט פון אַ ר׳ אליהו מזרחי, וועלכער איז געשטאַנען צווישן די שבטים, וואָס האָבן זיך ווי פרעמדע באַגעגנט, און ער איז געוואָרן זייער גרויסער פאַראייניקער.

ו

לאָמיר פאַרענדיקן ייִדישלעך, מיט אַ משל. ס׳פרעגט די וועלט אַ קשיה, פאַר וואָס זאָגט מען: אלהינו ואלהי־אבותינו אלהי־אברהם אלהי־יצחק ואלהי־יעקב, און נישט אלהי אברהם יצחק ויעקב? ענטפערט מען, אַז ווער ס׳ווייסט נישט קודם־כל, אַז דאָס איז זיין גאָט, ווייס ער נישט פון קיין שייכות צום גאָט פון זיינע אבות. ווייטער פרעגט די וועלט אַ קשיה, פאַר וואָס זאָגט מען: וזכרתי את בריתי יעקב ואף את בריתי יצחק ואף את בריתי אברהם אזכור והארץ אזכור — דער סדר פון די אבות איז דאָך אַ פאַרקערטער. ענטפערט מען: ווי באַלד מ׳שמועסט פון זכרון, אַז אַ מענטש וויל זיך דערמאָנען ווער ער איז און ווו שטייט ער אין זיין וועלט, זעט ער זיך צוגעקניפּט צו זיין טאַטן און פון טאַטן צום זיידן און פון זיידן צום עלטערזיידן. און דאָס איז דאָך דער וועג פון אַפּאַטאַשו און דערפאַר איז ער אויך צוגעקומען צו דער וויג פון אונדזער אַלעמענס אַפּשטאַם און אונ־דזער אַלעמענס נחלה — והארץ אזכור.

[י״ד ניסן תשי״ג]

צווישן רעוואַלט און קידוש־השם

אַלטער קאַציזנע

א

אקדמות מלין — איידער מיר הייבן אָן זיך פונאַנדערצוקלייבן אין אַלטער (אלתר שלום) קאַציזנעס אויפטו אין אונדזער ליטעראַטור, בעט זיך ממש אַ לייטישער קוק אין זיין לעבנסגאַנג. מיר זאָגן אַ קוק, נישט ווייל מיר ווילן, נאָר ווייל מיר מוזן זיין מסתפקים־במועט, זיך באַנוגענען מיט ווייניקן. דער ענין ביאָגראַפיע, און בפרט אויסשעפנדיקע ביאָגראַפיע, פון אונדזערע שרייבער, ווי אַ מין תנאי מוקדםביים באַהאַנדל פון זייערע ווערק, איז ווייט צו זיין אַ מחייב־דיקער כלל, ווי עס פירט זיך ביי לייטן; אַזוי, אַז מיר מוזן, לרוב, דאָס לעבנסבילד צוזאַמענשטעלן פון צעוואָרפענע ידיעות, כדי אויסצוברייטערן די רעם פון דעם ערך אין עלטערן און אין יינגערן לעקסיקאָן פון דער יידישער ליטעראַטור. אָבער אויך בנוגע אונדזער ערך, איז דער ענין אַ קאָפּ קאָמפּליצירט — דער יינגערער, ניו־יאָרקער, לעקסיקאָן, האָט נאָך דאָס אות קו״ף נישט אַרויסגעלאָזט אין רשות־הרבים, און וואָס שייך דעם עלטערן, ווילנער לעקסיקאָן, האָט זיך זלמן רייזען ערלעך באַמיט צונויפצובריינגען די נויטיקע פרטים, אָבער, כדרך הטבע, ברענגט ער בלויז ביז צום יאָר פון דערשיינען פונעם באַנד, וואָס אַנטהאַלט דאָס אות קו״ף, אַזוי אַז די לעצטע צוועלף יאָר פון קאַציזנעס לעבן זענען מחוץ דער רעם.

עפּעס בעסער שטייט עס מיט קאַציזנעס ביבליאָגראַפיע — יעפים ישורין האָט געטריי צוזאַמענגעבראַכט אַ רשימה פון 184 ביבליאָגראַפישע איינסן, וואָס ווערן דאָ פּובליצירט, און די צאָל וועט זיך מסתמא קאָמפּלעטירן, און מיר פּרוּוון עס אויך טאָן אין אַ קלענערער רשימה, וועלכע נעמט בעיקר אַרום די אָפּשאַץ־ליטעראַטור, וואָס איז דערשינען מיט דעם באַנייטן אינטערעס מיט קאַ־ציזנעס ווערק, נאָך דעם ווי עס איז אַרויס דער ערשטער באַנד פון זיינע געזאַמלטע כתבים.

ב

קערן מיר זיך אום צום קאַציזנע־ערך ביי זלמן רייזען, כדי איבערצוחזרן דעם עיקר פון זיין אינפאָרמאַציע און דורך אגב אַריינוועבן אַנדערע אינפאָרמאַציעס,

וואָס זענען צעזייט און צעשפּרייט אין כלערליי מאמרים און זכרונות. וואָס מיר באַקומען קודם־כּל צו הערן, איז, אַז אַלטער קאַציזנע איז געבוירן אין ווילנע (1885), אויסגעוואַקסן אין אַ היים פון ייִדישע האָרעפּאַשניקעס — דער זיידע אַ קאָוואַל, דער טאַטע אַ מולער, די מאַמע אַ שניידערקע. מיט יאָרן שפּעטער פלעגט ער, קומענדיק קיין ווילנע, פירן זיינע פריינד אין אַן אָרעמען הויף מיט הילצערנע הייזלעך: אָט דאָ איז ער געבוירן און דאָ האָט ער זיך געכאָוועט. וואָס שייך זיינע טאַטע־מאַמע, זענען פריינד זיינע מעיד, אַז זיי האָבן אים נישט געהערט דערציילן וועגן זיי, אַזוי אַז מיר ווייסן כמעט גאָרנישט איבער דעם באַצי פון זיי צו אים און פון אים צו זיי. דאָס איז אַ נישט קליינער חסרון לגבי דער דער־קענטעניש פון דער אַטמאָספער פון זיינע קינדערשע יאָרן, און ווען מיר דערמאָנען זיך, אַז ער איז געווען אַ בן־יחיד, וואָס איז געוויינטלעך אַ ציטעריק קינד ביי טאַטע־מאַמע, ווערט אונדזער פרעגצייכן אַלץ בולטער און ממילא פרעגעוודיקער. בלית־ברירה הערן מיר זיך צו צו נחמן מייזילס השערה, אַז אַזוי ווי קאַציזנע האָט אַ פּנים, נישט געגאָסן פון קיין איבעריקער וואַרעמקייט ביי טאַטע־מאַמע, האָט ער די איבערגעגעבנקייט, וואָס האָט קיין אַדרעס נישט געהאַט, פאַרביטן אויף אַ פולער איבערגעגעבנקייט צו י. ל. פּרץ און ש. אַנסקי. עס איז אָבער נישט מער ווי אַ פּסיכאָלאָגיזירנדיקע השערה, און לאָזט זיך אָפּפרעגן, און נישט נאָר ווייל אַזאַ געפילס־גלגול איז, געוויינטלעך, אַ פאַרבייט פון אַ יש אויף אַ יש, דען פון ליידיקן — ווי עס גייט דאָס ווערטל — לאָזט זיך נישט אָנגיסן, און אַ גלייכ־גילט אָדער קילקייט צו טאַטע־מאַמע טראָגט זיך לייכט איבער צו שפּעטערע אויטאָריטאַרע געשטאַלטן; נאָר בעיקר ווייל קאַציזנעס נאַטורעל, ווי עס האָט זיך אַנטפּלעקט אין לעבן און אין שאַפן, האָט נישט צוגעלאָזט קיין גלייכגילט אָדער קילקייט צו זיין אַרום. עס איז גענוג אַ בליק טאָן אויף זיינס אַ פּאָרטרעט, סיי אַנפאַס, סיי פּראָפיל, כּדי צו פאַרשטיין, אַז אַזאַ אָפן פּנים, און אַזאַ פאַר־טרויענדיקער שמייכל, קומען נישט צו ערגעץ אין די בחורשע אָדער מענערישע יאָרן, מען האָט זיי, כּדרך הטבע, און זייער אמתע בליצייט איז דעם טאַטנס לופט און דער מאַמעס שיין אין די פריִע קינדערשע יאָרן. אמת, קאַציזנעס שווייגעוור־דיקייט אין דעם ביאָגראַפיש וואָגיקן פּונקט צווינגט אונדז צו פּסיכאָלאָגיזירן, אָבער גאָר מעגלעך, אַז מייזילס השערה פירט אונדז נישט צום רעכטן אויסטייטש, און איפּכא מסתברא, אַ פּסיכאָלאָג וואָלט זיך אפשר וויניקער סומך געווען אייף אַן עדות שבעל־פּה פון אַ פריינד, אַפילו אַזאַ פריינד ווי עס איז געווען מייזיל, און וואָלט מער געזוכט אַן עדות־שבכתב — קאַציזנעס אייגענע כּתבים, וואָס וואַרפן אַ ליכט אויך אויף דעם פּראָבלעם, און אַזוי ווי מיר ווילן דעם פּסיכאָלאָג נישט פאַרלויפן דעם וועג, באַנוגענען מיר זיך מיט דעם עצם־רמז דערויף.

ג

לעת־עתה ווייסן מיר נישט, לאַ־כּל־שכּן אויף זיכער, צי האָט טאַקע קאַציזנע דורכגעלעבט זיינע קינדערשע יאָרן אין אַ היים, ווו עס האָט געפעלט וואַרעמקייט; וואָס מיר ווייסן, און דאָס אויף זיכער, אַז אַפילו עס זאָל זיין, ווי מיר נעמען אָן, אַן איפּכא מסתברא, האָט די וואַרעמקייט נישט לאַנג געדויערט — דער פאָטער, ר׳ שמואל הירש, איז אַוועק פון דער וועלט, ווען ער, דער בן־יחיד און קדיש־זאָגער, האָט קוים דערגרייכט בר־מצווה, און דערצו איז דאָס יינגל גאָר פרי פאַרוואַגלט געוואָרן קיין יעקאַטערינאָסלאַוו, ווו כמעט אַלץ, בפרט אין זינען פון יידישער מענטאַליטעט, איז געווען אַנדערש ווי אין ירושלים־דליטא, אַזוי אַז דאָס ביסל יידישע דערציִונג זיינע אין חדר און אין דער יידיש־רוסישער פאָלקשול, איז געווען מאָגער. און אַזוי ווי ער האָט זיך יונג גענומען צו אַ מלאכה — אונטער דער השפעה פון זיינעם אַ פעטער, וואָס איז געווען זיין אַפּוטרופּוס, האָט ער זיך אויס־געלערנט פאָטאָגראַפיע, וואָס איז שפּעטער, יאָרנלאַנג, געווען זיין פאַך און פּרנסה — האָט זיך דער יצר־הבילדונג זיינער געמוזט אָנשפּאַרן אויף זיך אַליין, און ער האָט, אין זיין אַליין־לערנערישן פלייס, זיך דערוואָרבן לייטישע קענטענישן, בעיקר איז דער רוסישער ליטעראַטור. מיר ווייסן נישט, ווען עס האָט זיך אין אים דערוועקט דער דראַנג צו נעמען די פען אין האַנט אַריין — על כּל פּנים האָט ער, אַ שוין פיראונצוואַנציק־יעריקער יונגערמאַן, זיך געדרוקט אין „יעווריעיסקי מיר״ (די יידישע וועלט) און ש. אַנסקי איז געווען דער, וואָס האָט אים פּובליצירט, און אפשר איז ער שוין דעמאָלט געוואָרן זיינער אַ חסיד. מיר שטרייכן דאָס אונטער, נישט בלויז דערפאַר, ווייל ער איז שפּעטער געוואָרן אַן איבערגעגעבענער, אויב נישט דער איבערגעגעבנסטער חסיד פון י. ל. פּרץ, נאָר אויך דערפאַר, וואָס נאָך י. ל. פּרצס פּטירה האָט זיך דאָס חסידות זיינס איבערגעטראָגן אויפן אַלטן ש. אַנסקי, און דער פּסיכאָלאָג, וואָס מיר האָבן אים פאַרגעלייגט נאָכצופאָרשן דעם באַצי פון קאַציזנע צו טאַטע־מאַמע, וועט אין דעם אומקער צום ערשטן רבין האָבן אַן אינטערעסאַנטן אָנשפּאַר. מיר ווייסן בלויז, אַז ער האָט תּחילת געשריבן רוסיש, און אין „יעווריעיסקי מיר״, אָבער נישט וויפל, וואָס און ווי אַזוי ער האָט געשריבן, כאָטש דאָס וואָלט אפשר געווען אַ שטיקל דערקלער פון דעם דרך זיינעם — ווי עס זענען געווײנטלעך די ערשטע טריט.

דער ווענד זיינער פון רוסיש צו יידיש, איז מסתמא דער אָנטשיידנדיקסטער אין זיין לעבן — עס זאָל האָבן געווען מעשה־צופאַל: ער האָט זיך אָנגעשטויסן אויף י. ל. פּרצס כּתבים, און דער רושם זייערער זאָל עס האָבן געבראַכט צו יענעם ווענד. נו, איז מעשה־צופאַל אַ צו אָפטער גאַסט אין כּמה וכמה ביאָגראַפיעס פון אונדזערע שרייבער, אַז עס בעט זיך ממש אַ לויט קריטיק, כּדי עס נישט אַזוי בלינד אָנצונעמען, דען מיט אַ ביסל אַנאַליז, שטעלן זיך כּמה וכמה צופאַלן אַרויס

גאָר נישט אַזוי צופֿאַליק, און נישט איין מאָל זעט מען באַשיימפּערלעך, אַז די פֿאַראַנענע דיספּאָזיציע האָט עס געוואָרט אויפֿן צופֿאַל, כדי אירס צו טאָן. סוף־סוף אַ ווילנער קינד, וואָס שטאַמט פֿון סאַמע עמך, אַפֿילו עס פֿאַרוואַלגערט זיך אין אַ פֿאַררוסישטער שטאָט, בלייבט עס ווילנער קינד, און אַ קראַץ אויף דעם צוגע־קלעפּטן אַסימילירטן אייבערהייטל דעקט אויף די נאַטירלעכע הויט, אונטער וועלכער עס ריזלט דאָס היימישע בלוט. יאָ, קענטיק, אַז דער רושם פֿון פּרצס כתבים איז געווען אַ שטאַרקער ריס פֿון יענעם אייבערהייטל, אָבער די הויט און דאָס בלוט אונטער איר זענען געווען אייגענע.

ד

אַז עס איז געווען אַ פֿאַסצינירנדיקער רושם, וואָס דער כוח זיינער האָט זיך נישט אָפּגעשוואַכט נאָר, פֿאַרקערט, איז אַלץ שטאַרקער געוואָרן, פֿאַרשטייט זיך שוין פֿון דער עובֿדה, אַז זינט דער יונגערמאַן איז, צוויי יאָר נאָכן פֿאַרעפֿנטלעכן זיין רוסיש־געשריבענעם ערשטלינג, אַריבערגעקומען קיין וואַרשע און זיך דאָרט באַזעצט, איז ער דעם רבין זיינעם גאַנצע פֿינף יאָר נאָכגעגאַנגען ממש פּוסטריט, זיך אַריינגעקוקט אין זיינע התנהגות און מדרגות, און נישט געוווּסט העכערס און הייליקערס פֿון אים; און די השערה, אַז ער האָט ביים רבינס לעבן זיך נישט דערוועגט אויפֿצוטרעטן, ווי אַ שרייבער, ברשות הרבים, און די ערשטע זאַך זיינע, יידיש געשריבן, איז געווען אַ הספּד אויפֿן רבין, האָט מסתמא אַ האָפֿט. אַוודאי, דער טיטל, וואָס מען פֿרוווט אים געבן: פּרצס עקערמאַן, איז אַ גוטער כאַפּ, אָבער אַ צו געוואָגטער — י. ל. פּרץ איז געווען צו ווייט פֿון יענעם גרויסן פּאַגאַן, ער זאָל קענען און וועלן פֿאַרשלינגען זיינעם אַ חסיד, ער זאָל זיין בלויז אויער און פּען צו פֿאַרשרייבן יעדן זאָג און יעדן ניק פֿון רבין, און עס זאָל שוין דעם חסיד גאָרנישט בלייבן פֿאַר זיך און פֿון זיך גופֿא. אדרבה, אין מחלוקת איבער אַזאַ פֿולקומענער אַבסאָרבציע, וואָלט י. ל. פּרץ, גיכער געהאַלטן מיט די אָפֿענע טענות פֿון בערנע וועגן געטעס באַקאַנטער בריוושאַפֿט מיט דעם בלוט־יונגן מיידל, און נאָך מער מיט די באַהאַלטענע און טיפֿערע טענות פֿון ערנסט ליסאַוער אין זיין דראַמע „עקערמאַן". געהער עס דאָך צו פּרצס האַביטוס, אַז ער גופֿא האָט די וואָס האָבן זיך אַרום אים געשאַרט, צוגעטריבן צו זיין וואָס מער זיי אַליין, און אַרויסקריגן פֿון זיך דעם אייגענעם, פֿאַרבאָרגענעם טאַלאַנט, און נישט איין שריי־בער און קינסטלער האָט אים פֿאַרדאַנקט דעם אָנרעג צו געפֿינען זיך אַליין. עס איז מסתמא נישט אַנדערש צוגעגאַנגען ביי קאַצינע — ער האָט, אונטער דער השפּעה פֿונעם מייסטער, זיך אַליין אָפּגעפֿונען און עס איז בלויז אַ סימן פֿון אַ העכערער פֿאָדערונג פֿון זיך אַליין, אויב ער האָט זיך נישט נוהג געווען, ווי אַ סך פֿון די אַרומיקע, און האָט געדולד געהאַט מיט זיך אַליין, און וואָלט אפשר צוגעוואָרט

אַ שמיטה, כדי זיך פאַר צייטיק צו באַטראַכטן, אָבער מיט פּרצס פּטירה האָט ער זיך צוגעאיילט, האָט זיך אַנידערגעשטעלט פאַרן היכל, פאַרפלאָכטן אַ הספּד, אָפּגע־זאָגט קדיש, אויסגעבויט פּרצס לעצטע ווערטער: שטילער, שטילער, דאַנקען וויל ער, צו א ליד, און זיך געשטעלט פאַר זיין אייגענעם עמוד, נישט פאַרגעסנדיק קיין מאָל, וואָס ער פאַרדאַנקט דעם רבין זיינעם. אויב מען האָט אים דערפאַר אָנגערופן פּרצס אַלמנה, פּונקט ווי מען האָט אים שפּעטער אָנגערופן אַנסקיס אַלמנה, איז עס נישט מער ווי אַ וויץ, פון יענע, וואָס בושעווען אין דער קיבע־צאַרניע. עס איז געווען אַ ביליקער וויץ לגבי פּרצן — קאַציזנע האָט זיך צוגלייך מיט אַנדערע, געפילט אַ יתום נאָכן רבינס פּטירה, אָבער ער איז געווען אַן אמתער תלמיד, וואָס ירשנט נישט דעם רבינס געפינסן, נאָר זיינע זוכענישן — ווייניק שטענדיקע זוכערס געווען ווי קאַציזנע; ער האָט כלל נישט געוווסט, אַז עס איז פאַראַן אַ מידה פון אַ קופּא על השמרים, וואָס קוים האָט זיך אים געדאַכט, אַז דער ווייַן זיינער האָט זיך אויסגעלייטערט, האָט ער שוין מורא געקריגן, אַז ער זאָל אים נישט איינשלעפערן, און זיך געוואָרפן פון עקספּערימענט צו עקספּע־רימענט, פאַרלאָזט דרכים, אַפילו ווען ער האָט אויף זיי מצליח געווען, געטריי דעם אייביקן אומרו, וואָס איז געווען די גרויסע מידה פון זיין רבין. עס איז אַ בייזוויליקער וויץ לגבי אַנסקין — שווער צו זאָגן, אַז ער איז אַנסקיס תלמיד, דען שוין אין דעם ערשטן אויפטו זיינעם פאַרן מחבר פון „דיבוק", אין דער קאָמפּלעטאַציע פון דער נישט־פאַרענדיקטער דראַמע „טאָג און נאַכט", האָט ער באַוויזן, אַז ער איז פּירויסגעלאָפן דעם מחבר — אונטער זיין האַנט איז עס גע־וואָרן אַ דראַמע ממש.

ה

אַוודאי לאָזט זיך נישט פאַרלייקענען, אַז ער איז געווען אַ פּרציאַנער, אָבער ווייט נישט קיין עפּיגאָן, ווי עס האָבן געמיינט אַ יש אומרים. פאַרקערט, ער האָט קלאָר און באַוווסט אָנגעהויבן מיט אַ שפּאַן ווייטער, ווו פּרץ האָט אויפגעהערט, און זיך געלאָזט אויפן מסוכנעם וועג פונעם פאַנטאַסמאַגאָריש־וויזיאָנערן, און מסתמא האָט פון זיין ערשטער בעלעטריסטישער פּובליקאַציע, אַ טייל פון זיין פּאָעמע „דער גייסט דער מלך" געוויים אַן אַראָמאַט פון נייקייט, אויב די קיעווער גרופּע האָט אים, אַן איינציקן „פּרעמדן", אָפּגעדרוקט אין איר געזעמל („אייגנס", 1918). דאָס לאָזט זיך אויך זאָגן וועגן זיין אַנדערער פּאָעמע „דער טורעם פון בבל", וואָס איז אַריין אין ווייטער־בוך. עס איז אַ זוכעניש, אַן אַרומטאַפּן נאָך נייערע אויסדריק־מיטל, ווי די ברויזנדיקע געמיטער אין אַזאַ אויפגעטרייסלטער צייט האָבן געפאָדערט, און אַפילו אויב די ראַנגלעניש זענען שטעקן געבליבן אין פאַרלאַנג, אין דער פאָדערונג פון זיך אַליין, און זענען בלויז דאַ אין דאָרט,

און דאָס געגוג פראַגמענטאַריש, דערפילט געוואָרן, איז די עצם־באַדערפעניש צו זוכן, און נישט צוריקצושרעקן און זיך אַריינצוּוואָגן אין אַ נעפּלדיקער געדיכטעניש, אַן עדות, ווי ווייט ער איז נישט מסוגל געווען צו אַ בלויז עפּיגאָנישן המשך, וואָס האָט נישט איינעם צוגעשאָנצט אַ לייכט לעבן, פּונקט ווי ער איז נישט מסוגל געווען זיך צוצושאַרן צו פּרעקורסאָרישע גרופּן, וואָס האָבן דעמאָלט געשטורעמט אין דער ליטעראַטור און זי איינגענומען, און אַפילו זייענדיק גאָר נאָענט צו זיי איז ער, בעצם, געווען אויסער זיי — ער האָט געמוזט אַליין אויסטרעטן זיין שטעג, און נישט איין מאָל שוין אויסטרעטנדיק אים, האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז ער איז נישט דער רעכטער, און אַז ער האָט אים סוף־סוף דערגרייכט, האָט ער זיך נישט מתכוון געווען צו ווערן אַ דרך המלך.

נאָך דער פּאָעמע „דער גייסט דער מלך" וואָס איז פאַרגרייזנעט אין אַ האַלב־טונקל, איז געקומען די פּאָעמע „פּראָמעטעוס", וואָס איז אַ סך קלאָרער, און לאָזט לייכטער אַרויסשיילן דעם אידעיִשן קערן, און איז שוין מרמז אויף דעם באַהאַל־טענעם יכולת, וואָס האָט ערשט שפּעטער אויסקריסטאַליזירט די באַגעגעניש צווישן פּראָמעטעוס און ישו, אין וועלכער עס ווערט אָפּגעהיטן זייער מיטישע באַזונ־דערקייט און זייער קאָסמישע נאָענטקייט, און וואָלט ביי אַ פעסטערן דראַמאַטישן פאַרקנופּ און קעגנשטעל, געקאָנט פירן, ווּהין עס האָט, אַ שטייגער, געפירט די באַגעגעניש צווישן די היסטאָרישע באַזונדערקייטן פון עק וועלט ביז עק וועלט, אין מתתיהו שוהמס „אלהי ברזל לא תעשה לך". על כל פּנים לאָזט זיך נישט מיט דער האַנט אָוועקמאַכן קאַציזנעס מי אויסצובויען אַן אידעיִשע דראַמע, וואָס וויל זיך נישט אויסמאָסטיען אין דעם תחום פון שטעטל און גאַרט אַרויס אין אַ ברייטערער ספערע, און אַפילו מיר זאָלן זאָגן, אַז ער וויל נישט, ווייל ער קאָן נישט, און אַפילו צוגעבן, אַז פּרצס געסל אָדער פּאַליש זענען גראַמער און ברייטער פון זיין תלמידס ווייטע פּעריפעריעס, זעען מיר ווידער אַ מאָל, אַז דער תלמיד האָט אַליין געזוכט, אַליין געשטרויכלט, ביז ער האָט סוף־סוף אַליין געפונען.

דען נאָך דער אידעיִשער, אָדער כמו־אידעיִשער דראַמאַטישער פּאָעמע, איז געקומען די פּאָעטישע פּראָזע — „אַראַבעסקן" (1922), אַ ציקל פיין און איידל אויסגעבויטע, צו מאָל פיליגראַנענע, האַלבדערציילערישע, האַלב־לעגענדאַרע פּר־קים, צווישן זיי שעדעווערס ווי, אַ שטייגער, „קראַנקע פּערל", וואָס פאַרמאָגן אַ ריטמישע אויסגעהאַלטנקייט, ווי מיר באַגעגענען זי ביי דער נסתר. אין פלוג האָט זיך געקאָנט דאַכטן, אַז אַזאַ הצלחה וואָלט דעם מחבר באַדאַרפט פאַרבעטן זיך ווייטער צו האַלטן אין דעם זשאַנער. געשען איז אָבער כמעט דער היפוך — ער האָט זיך פאַרמאָסטן אויף אַ ברייטן ראָמאַן „שטאַרקע און שוואַכע" (1929—1930), וואָס וויל אַרומנעמען אַ תקופה אין יידישן לעבן, בעיקר אין פּוילן, אָנגעהויבן פון דער דורכגעפאַלענער ערשטער רעוואָלוציע אין צאַרישן רוסלאַנד, דורך די

יאָרן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה און געענדיקט מיט די ערשטע צוויי יאָר פון דער באַנייטער פּאָליטישער אומאָפּהענגיקייט פון פּוילן. דער נאָמען פון ראָמאַן מיינט נישט סאָציאַלע קעגנזאַצן — אונטערדריקער און אונטערדריקטע וכדומה, כאָטש דער סאָציאַלער פּאָן ביים באַשרייבן פון אַ שטאָט, ווי וואַרשע, איז, פאַרשטייט זיך, פאַרביק געצייכנט, ער מיינט גיכער פּסיכאָלאָגישע, מענטאַלע קעגנזאַצן פון מענטשלעכע כאַראַקטערן. די קריטיק האָט געמוזט צוגעבן, אַז דער מחבר האָט געשעפּט פון אַן אינטימער באַהאַוונטקייט אין דעם כרך גדול, דערונטער אין „מקום", דער ייִדישער אַלטשטאָט, אַ מין געמיש פון קדושה און אויסגעלאַסנקייט — אָבער פּראָזע, פאַרטראַכט אויף אַ ברייטער קאַנווע, איז נישט געווען זיין שטאַרקסטע קאָרט. ווער עס וויל אָבער דערקענען דאָס וואַרשעווער ייִדישע לעבן אין יענער צייט אין אָפּשפּיגל פון ליטעראַטור, וועט סיי קולטור־היסטאָריש, סיי פּאָליטיש־אידעיש, נישט טאָרן איבערהיפּערן דעם ראָמאַן, וואָס געהער צו די ערנצטע פּרוּוון יענע תקופה קינסטלעריש צו באַוועלטיקן, און ער וועט אויך קאָנען ציִען אַ פּאַראַלעל צווישן דעם סך־הכּל פון דעם שלל אָבסערוואַציעס, וואָס זענען אין דעם ראָמאַן פאַרוועבט, און צווישן דעם אַנאַליז פון אַנדערע שרייבער, וואָס האָבן אויך באַהאַנדלט דאָס לעבן פון דער וואַרשעווער ייִדישער אינטעליגענציע, אירע עסקנים, ליטעראַטן, קינסטלער, און איר באַהעמע. צווישן כמה וכמה חילוקים איז בולט דער אויטאָביאָגראַפישער חילוק — דער מחבר האָט אונטער זיך נישט געהאַט דאָס איבערלעבעניש פון און אין שטעטל, נישט אויסער וואַרשע און אויך נישט אין איר. ער אַליין איז שוין אַ פּראָדוקט פון דער גרויסשטאָט און זעט און ווייזט בלויז זי, וואָס באַהערשט דעם קאָנגלאָמעראַט, וועלכער האָט זיך אין איר אָנגעזאַמלט. ביי אַ פּרטימדיקן דורכקוק פון דער האַנדלונג און פּערסאָנאַזש קומען אויף כּלערליי קשיות — צי איז אַ פאַרשוין אַ גוטס־באַזיצער מיט רעוואָלוציאָנערע אידעען אַ טיפּישער העלד פאַר אַזאַ ראָמאַן, כאָטש בני־טובים, ווי רעוואָלוציאָנערן אין פּאָליטיק און קונסט, זענען געווען אויף דער ליניע פון פּרצס האָפענונג און אַנשטרענגנג; אָדער צי איז אַזאַ פאַרשוין, וואָס עס געשען אים סאָמע נסים, און ווערט אַזוי אַרום אַ שותף און עדות אין כּלערליי מסוכּנע געשעענישן, אַ טיפּישער העלד פאַר אַזאַ ראָמאַן, אַפילו ווען עס לאָזן זיך ברענגען משלים דערצו אין לעבן און אין דער ליטעראַטור. אָבער אויך נאָך די און ענלעכע באַוואָרענישן בלייבט דער ראָמאַן אַ יש, און עס איז נישט קיין צופאַל, וואָס מאַרק טורקאָוו האָט אים אַריינגעשטעלט אין דער ביכער־סעריע: דאָס פּוילישע ייִדנטום, און אים איבערגעדרוקט אין צוויי בענד (1954).

ו

אָבער אַ פּאָר יאָר איידער קאַציזנע האָט אַרויסגעלאָזט דעם גרויסן ראָמאַן

זיינעם, איז אויפגעלויכטן זיין מזלדיקער שטערן, — די דראַמע זיינע. ווי מיר ווייסן, איז זיין דראַמאַטישער אָנהייב — און מיר מיינען דעם טעאַטראַל־דראַמאַטישן, געווען זיין מי צו פאַרגאַנצן ש. אַנסקיס „טאָג און נאַכט". אַ בקי אין דראַמאַטאָלאָגיע, בפרט אין דער רוסישער, האָט ער זיך דערצו גענומען און אויסגעפירט — האָט קאָמפּלעטירט די פאַראַנענע אַקטן און צוגעשטעלט אַ פעלנדיקן אַקט. די ווילנער טרופּע האָט עס געשטעלט און אַראָפּגעבראַכט אויף זיך אַ ביטולדיקע קריטיק, אָבער די דראַמע האָט געהאַט גרויס הצלחה אין פוילישן לבוש און אויף דער פוילישער בינע, און איז אויך איבערגעזעצט געוואָרן דייטשיש. נאָך מער הצלחה האָט געהאַט זיין אָריגינעלע דראַמע „דער דוכוס" (1925), אַ היסטאָרישע שטייגערישע דראַמע, געבויט אויף דער לעגענדע וועגן גראַף פּאָטאָצקי, דעם ווילנער גר־צדק, וואָס איז פאַר זיין ליבשאַפט צו יידישקייט געגאַנגען אויף קידוש־השם און איז פאַרברענט געוואָרן. דער ענין האָט פון לאַנג אָן, דאָ און דאָרט אָנגערעגט צו אַ סיפור מעשה (י. י. קראַשעווסקי, א. מ. דיק), אַ באַלאַדע (ש. ל. גאָרדאָן), אָבער זיך ממש געבעטן דראַמאַטיש באַהאַנדלט צו ווערן. מעגלעך, אַז קאַציזנע, אַ ווילנער קינד, האָט געהאַט אַ באַזונדערן סענטימענט צו דעם סוזשעט, אָבער באַטראַכטנדיק, ווי ער האָט אים באַהאַנדלט און אויסגעפירט, פרעגט זיך, צי האָט די השפעה פון די צוויי אים באַזונדערס נאָענטע שרייבער, פּרץ און אַנסקי, געהאַט אַ האַנט דערביי; פּשוטער געזאָגט: צי איז זיין אויסגאַנגפּונקט געווען דאָס פּראָבלעמאַטישע אָדער דאָס פאָלקלאָרישע, און מען קאָן דערויף ענטפערן: ביידע, אויף אַ היסטאָרישן פאָן. דאָס איז וויכטיק צו פאַרצייכענען, כדי אונטערצושטרייכן דעם היסטאָרישן עלעמענט, וועלכן ער האָט פון פּרצן כלל נישט געקאָנט איבערנעמען, און האָט אים פון אַנסקין נישט געוואָלט גלאַט איבערנעמען, — פּרץ האָט אים כלל נישט פאַרמאָגט, די דראַמעס זיינע גייען נישט אַרויס פונעם דור און דער סביבה זיינער, אַנסקי ווייטער פאַרמאָגט אים אַפילו יאָ, האָט אים אָבער נישט אויסבאַלאַנסירט לגבי דעם לעגענדאַרן און פאָלקלאָרישן עלעמענט. ווי מיר זעען, לאָזט זיך אין דעם וואַזשנעם פּונקט מאַרקירן די השפעה־גרענעץ צווישן קאַציזנען און זיינע צוויי אידעאַלע פירגייער.

פון דעסטוועגן קומט אונדז פיר, אַז פאַראַן אַ פאַדעם, וואָס פאַרבינדט „טאָג און נאַכט" און „דער דוכוס", און נישט גענעטיש, נאָר דיאַלעקטיש — אין דעם „טאָג און נאַכט" האָבן מיר אַ געשטאַלט, וואָס ראַנגלט זיך צווישן גוי און ייִד, ווי צוויי ביאָלאָגישע עלעמענטן אין דעם זעלבן מענטשן, דעם רב, וואָס זיין טאַטע איז געווען אַ קאָזאַק און זיין מאַמע אַ פון אים פאַרגוואַלטיקטע יידישע טאָכטער, און דער ווידעראַנאַנד פון דעם בעל־כרחו־גוי און דעם לרצונו־ייִד איז דער תוך פון דער דראַמע; אין דעם „דער דוכוס" ווייטער האָבן מיר אַ געשטאַלט פון אַ ביאָלאָגישן בעל־כרחו־גוי און אַן אידעיִשן לרצונו־ייִד, און דער ווידעראַנאַנד

צייטיקט אויס דעם גר־צדק, וואָס האָט דעם שטאָלץ זיינעם, וואָס אָפּשטאַם, יחוס און פּריצישקייט האָבן אים פאַרירשנט, אַריבערטראָגן אין זיין שטעל ווי אַ ייד, להיפוך דער יידישער סביבה, וואָס באַשטייט פון צעשראָקענע חניפהדיקע, מה יפית־טאַנצנדיקע ברואים, וואָס גלייכן זיך אויס בלויז אין אַ שבת און דערהייבן זיך מיטן כוח פון איר קדושה. אַזוי אַז די יידן מבטן ומלידה דערמאָנען צו פיל די מעשה מיטן אויסטערלישן באַשעפעניש, וואָס איז די גאַנצע וואָך אַ הונט און בלויז שבת קערט ער זיך אום זיין אַ בן־מלך, ווי מיר האָבן עס ביי היינע און שפּעטער ביי מענדעלע, מ. ד. בראַנדשטעטער און אַנדערע; און דער גר־צדק דערמאָנט צו פיל דעם דרש וועגן קשים גרים לישראל, ווייל זיי זענען מבייש ישראל מיט זייער שטאָלצער און גבורהדיקער איבערגעבנקייט צו יידישקייט. און אויב דער דאָזיקער קאָנטראַסט צווישן דעם דוכוס און די יידן איז לטובת אים און נישט לטובת זיי, קומט נאָך צו דער קאָנטראַסט צווישן דער יידישער אַרענ־דאַרישער שטוב און איר מוסר און דער יידישער טאָכטער, וואָס וויל ברעכן אַלע צוימען און רופט צו זנות און הפקרות. און קוים איז דאָס ווייניק, איז נאָך צו־געקומען דער אַלטער פּריץ, וואָס איז געוואָרן — נישט מחמת דעם מחברס כוונה, נאָר מחמת מאָרעווסקיס שפּיל — אַ צענטראַלע פיגור און דאָס אַלץ האָט נאָך מער אָראָפּגענידערט די שאַל פון דער יידישער שטוב און אויפגעהויבן די שאַל פוןביידע פּריצים. דאָס אַלץ האָט געמוזט קרענקען דעם לייענער און צוהערער, און דאָס איז אויך ניכר אין דער קריטיק, וועלכע איז ממילא גאָר שטאַרק מחולק געווען אין אָפּשאַץ פון דער דראַמע. פון איין זייט האָט אַ קריטיקער געפּרוווט פאַרגלייכן צווישן „דער דוכוס" און „קידוש השם" פון אַש און „יוד זיס" פון פויכטוואַנגער, פון דער אַנדערער זייט איז אַ קריטיקער, וואָס האָט געהאַט אַ נטיה צום פּאַמפלעטישן, אַרויס מיט עפּיטעטן: שונד, פּלוידעריזאַק, גראַפאָמאַניע. און דערווייל, און אויך שפּעטער, האָט די דראַמע געמאַכט איר טריומפאַלע נסיעה איבער גאָר דער יידישער וועלט, מיטן אָנטייל פון די בעסטע רעזשיסאָרן און שפּילער — מאָרעווסקי, מאָריס שוואַרץ, בולאָוו, קלאַראַ סעגאַלאָוויטש, און דעם בעסטן פּובליקום. דאָס אַלץ, פאַרשטייט זיך, באַפרייט נאָך נישט פונעם חוב זיך אַריינצוקלערן אין צוויי גאָר איידעלע קשיות, וואָס זענען נוגע אויך אַנדערע דערשיינונגען.

וואָס שייך דעם יונגען פּריץ פרעגט זיך כמעט דאָס זעלבע, וואָס מען האָט אַ ביסל שפּעטער געפרעגט לגבי זשאַבאָטינסקיס ראָמאַן איבער שמשון הגיבור, — פאַר וואָס האָט דער דערציילער דעם שטאָלצן און גלייכן שמשון, נישט בלויז אַנידערגעשטעלט צווישן די בני ישראל, ווי אַ ריז צווישן קאַרליקעס, נאָר האָט אים געמאַכט פאַר אַ כפתורי; פּונקט ווי מען האָט שפּעטער געפרעגט וועגן פרוידס אַ באַקאַנטן ווערק — פאַר וואָס האָט ער אין דער דאָזיקער פּסיכאָלאָגיש

גוט קאָנסטרויִרטער און היסטאָריש גאָר הינקנדיקער שטודיע, משה רבנו געלאָזט אָפּשטאַמען פון די מצרים, גלייך די בני־ישׂראל זענען נישט מסוגל געווען, אַז דער דערלייזער זייערער זאָל פון זיי אַרויסקומען. און צוריקקערנדיק זיך צום פּויליש־יִידישן קאָמפּלעקס, לאָזט זיך די קשיא רעכט אָנווענדן לגבי מאיר ווינערס נאָוועלע „כלב אשכנזי", ווו די גויִים, פּריצים און פּויערים, קומען אַרויס ווי מלאכים און די יִידן ווי שדים. וואָס שייך ווייטער דעם טיפּוס פונעם אַרענדאַרס טאָכטער, איז ער נישט פרעמד דער פּוילישער ליטעראַטור — אָנגעהויבן פון דעם רבס אויס־געלאָסענער טאָכטער ביי סלאָוואַצקי און געענדיקט מיט דעם שענקערס צעיאָכ־מערטער טאָכטער ביי וויספּיאַנסקי; דאָ און דאָרט אַ היפּער־סענסואַליזם, ווי מיר האָבן אים אויך ביי אונדז, ווי אַ שטייגער, ביי אַפּאַטאָשו, וואָס באַשרייבט אַרגיעס נוסח פראַנק און קאַצקער הויף, שוין אָפּגעשמועסט פון באַשעוויס אין זיינע ראָמאַנען און נאָוועלן.

על כל פנים איז „דער דוכוס" געווען קאַציזנעס גרויסע הצלחה. קיין אַנדער ווערק זיינס האָט נישט זוכה געווען צו אַזאַ ברייטן און ווייטן אָפּקלאַנג — אַ קליינער עפּיזאָד, וואָס עס דערציילט ראָזע פּאַלאַטניק, ברענגט עס בולט אַפיר: אַ יונג מיידל, וואָס האָט נאָך קיין מאָל קיין גרויסע שטאָט נישט געזען, איז זי געקומען אויף אַ טאָג קיין וואַרשע, געקויפט אַ „היינט" און געזען, אַז זי קען אויסקלויבן גיין פאַר נאַכט אָדער צו „מירעלע אפרת" מיט אידאַ קאַמינסקאַ, אָדער צו אַן אָוונט לכבוד קאַציזנע, האָט אויסגעקליבן דעם מחבר פון „דוכוס".

ז

דער פאַקט, אַז מאָרעווסקי, וואָס איז געווען האַרציק באַפריינדט מיט קאַציזנען, איז געווען דאָס שיינדל ביים אויפפירן „דער דוכוס", האָט אַריינגעבראַכט אַ וואַגיקן קאָמפּאָנענט אין זיין דראַמאַטישער שאַפונג — ער איז נישט דער ערשטער און איינציקער, וואָס אויפבויענדיק די צענטראַלע געשטאַלט פון אַ דראַמע, זעט ער זי אין דער קרעאַציע פון אַ באַשטימטן גרויסן שפּילער. מיר ווייסן עס נישט בלויז פון אַנדערע ליטעראַטורן — האָט דאָך איבסען צוליב אַ גרויסער שפּילערין איבערגעאַנדערשט דעם סיום פון אַ דראַמע; מיר ווייסן עס אויך פון אונדזער ליטעראַטור — גאָרדין האָט שרייבנדיק אַ דראַמע נישט בלויז געזען פאַר זיך, נאָר שוין געהערט די ליפּצין וכדומה, און צוליב דעם מצליח געווען; שלום־עליכם האָט כמעט קאָאָפּערירט מיט דעם גרויסן אַדלער ווי דעם העלד פון „דוד בן דוד" און האָט נישט מצליח געווען. און צוריק צו קאַציזנע — מאָרעווסקי איז בפירוש געווען זיין גוטער שטערן, נישט בלויז אין דער היסטאָרישער דראַמע, נאָר אויך אין דער אַקטועלער קאָמעדיע ווי עס איז געווען „קריזיס" (1933), וואָס די קריטיק האָט זי געלאָזט וואַקלען צווישן פּרץ און טשעכאָוו, פּונקט ווי עס

איז געווען אלכסנדר גראַנאַך אין דער דראַמע „וועלט־געוויסן“, וואָס איר צענטער איז שלום שוואַרצבאַרד, און האָט מחמת דער צענזור, נישט געקאָנט אויפגעפירט ווערן אין וואַרשע, איז אָבער, מיט גרויסן דערפאָלג, אויפגעפירט געוואָרן אין לאָדזש (1935). די דראַמע באַזירט אויף אַ נאָוועלע פון אַנרי באַרביס, איז אָבער אויסגעברייטערט געוואָרן אויפן דרך פון אַ סינטעטישן רעפּאָרטאַזש, ווו עס זענען איינגעבויט געוואָרן, מיט דער עצה און מיטהילף פון נחמן מייזיל, סיטו־אַציעס אין לעבן און אַרום לעבן פון שוואַרצבאַרד, וואָס זענען טיפּיש פאַר דעם דור פון איבערקערענישן און פּאָגראָמען.

אין רייסטער פון קאַציזנעס דראַמאַטישע פּרוּוון געהערט אויך „אסתר“, וואָס ער האָט געדרוקט אין המשכים אין זיין אייגענעם אָרגאַן „מיין רעדנדיקער פילם“, און טראָגט אונדז טעמאַטיש אַריבער אין דער תקופה פון דער אַרבעטער־באַוועגונג אין צאַרישן רוסלאַנד, און ווייזט אונדז אירע ביידע פּאָליוסן, רעוואָלוציאָנערן העראָיזם און פּראָוואָקאַציע, און צווישן ביידע שנירלט זיך דער בלוטיקער־רויטער פאָדעם פון יידישער טראַגיק. אָבער דער דגש פון זיין דראַמאַטישן אויפטו איז פאָרט אין „דער דוכוס“, „הורדוס“ און „דעם יידנס אָפּערע“. בדרך כלל ווערט די לעצטע דראַמע באַטראַכט ווי דער שפּיץ פון זיין דראַמאַטישן באַשאַף, כאָטש מיר וואָלטן זיך דערלויבט אַ וואָטום סעפּאַראַטום, אויב דער שפּיץ געהערט נישט גיכער „הורדוס“ (1926), און דאָס שוין צוליב דעם, וואָס „הורדוס“ סינטעטיזירט אין זיך עטלעכע עלעמענטן, וואָס זיין מחבר האָט פריִער געפּרוּווט באַזונדערס אַנטוויקלען, און ער סינטעטיזירט זיי אין אַ קלאָרער, קלאַסישער פאָרעם.

און פּונקט ווי מיר האָבן געזוכט און, ווי עס דאַכט זיך אונדז, אויך געפונען אַ דיאַלעקטישן פאָדעם צווישן „טאָג און נאַכט“ און „דער דוכוס“, זוכן מיר אים און, ווי עס דאַכט זיך אונדז, געפינען מיר אים אויך צווישן זיי ביידע און דעם היסטאָריש ווייטן „דעם יידנס אָפּערע“ און דעם היסטאָריש נאָך ווייטערן „הור־דוס“ — אין דער ערשטער דראַמע, וואָס פירט אונדז אַריין קיין פּאָרטוגאַל, אין דער וועלט פון אנוסים, האָבן מיר בעיקר צו טאָן מיט דריי פּאַרשוינען פון דער זעלבער משפּחה — דאָן מענדעס, וואָס זיין אָפּאָרטוניזם הייסט אים זיך בצנעה שפּילן מיט אַ פּאַפּירן געשטעל פונעם בית־המקדש און בפרהסיה שפּילן די ראָל פון אַ כפול־שמונהדיקן קריסט, כדי אויך איינצוקאַסירן דעם גאַנצן ריווח דער־פאַר; זיין ברודער, דער דאָקטער מאַטיאַס, וואָס איז מוחל דאָס טאָפּל־שפּיל און דער רעאַליזם זיינער הייסט אים זיך באַנוגענען מיט אַ צווייטראַנגיקן מעמד אין לעבן, און דער צד השווה, אַז זיי ביידע בייגן זייער אינעווייניקסטע גאווה, בשעת דער דריטער, דער יונגער דאָן אַנטאָניאָ כאַזע, וואָס איז שוין אַריין לפני־ולפנים פון פּאָרטוגאַלס קולטור און שפּראַך, און איז איר ברילאַנטער דראַמאַטיקער, און איז ווייט און אָפּגעפרעמדט פון יידישקייט, איז דער שטאָלצער צווישן זיי, און

ער גייט עס מרצונו לײַדן מיט די גערודפטע, ביזן קידוש השם. אמת, ער האָט זיך קאָנסטרויִרט אַ באַזונדערן באַגריף פון ייִדישקייט, האַלטנדיק, אַז גרונטיק מיינט ייִדישקייט די סאָלידאַריטעט פון די גערודפטע, אַ מין פּריִע פּרעפּאַראַציע פון אַ שפּעטערן, קאָסמאָפּאָליטיש צוגעשפּיצטן, באַנעם פון אַ ייִדנטומס־מיסיע, אָבער דאָס מהות פון דעם יונגן קינסטלער, וואָס די גויִים דערהרגענען אים, כדי שפּעטער זיך צו דעלעקטירן מיט זיינע קאָמעדיעס, איז אַ סך טיפער און וואָרצל־דיקער פון זיין אידעאָלאָגיע. „הורדוס" ווייטער איז ווי אַ בפירושער ווענד צוריק צום גרונט־פּראָבלעם פון „טאָג און נאַכט" — דעם אדומי, וואָס איז אַפילו, צוגלייך מיט אַלע ייִדן, אַן אייניקל פון יצחק אבינו — און דאָס מיינט אַ שותפות אין דער עקידה — אָבער נישט קיין אייניקל פון יעקב אבינו, און פאַרגעסט נישט, אַז דעם שבט זיינעם האָט די שווערד פון די מכבים בעל־כרחו געייִדישט — און דאָס מיינט, אַז זיי זענען גרונטיק אויך אנוסים — און איז מוכן דעם בעל־כרחו אויסצובייטן אויף אַ לרצונו, און זוכט צו אימפּאָנירן מיט אַ פּראַקטיקן אויסבוי פונעם בית המקדש, אָבער ער קאָן זיך אויפצווינגען צו זיין אַ מלך איבער ייִדן, אָבער נישט קיין מלך פון ייִדן, לאו־כל־שכן אַ ייִדישער מלך, און ער צאַפּלט אייביק צווישן דעם טאָג און דער נאַכט פון זיין אייגענער נשמה. אָבער אויב מיר האָבן געפּרוווט אַרויסברענגען איין צד השווה צווישן די דראַמעס, מוזן מיר אויך פּרוּוון אַרויס־ברענגען אַן אַנדערן צד השווה, בפרט צווישן „דער דוכוס" און „דעם ייִדנס אָפּפער", דאָס איז דער קידוש־השם, דאָס וואָס בערל קאַצנעלסאָן האָט אָנגערופן: די פרייד פון דער עקידה, און מעגלעך, אַז קאַציזנע האָט, אויב נישט מלכתחילה טאָ בדיעבד, געהאַט פאַר זיך דעם געדאַנק פון אַ טרילאָגיע, ווען ער האָט — ווי עס גיט איבער יצחק טורקאָוו־גרודבערג — צוגעזאָגט אַ דראַמע וועגן עקידת יצחק.

אויך אין דער פּאָעזיע האָט קאַציזנע דורכגעמאַכט עטלעכע גלגולים, ביז ער האָט אין איר דערגרייכט אַ זיכערע און פעסטע מדרגה. בשעת די השפּעה פון דער רוסישער פּאָעזיע האָט אין אים געקענט פעסטיקן דאָס קלאָר קלאַסישע — ער איז פון די בעסטע ייִדיש־איבערזעצער פון פּושקין, און דאָס קלאָר רעוואָלו־ציאָנערע — ער האָט איבערגעזעצט די „צוועלף" פון בלאָק (1920), האָט אים די השפּעה פון דער פּוילישער פּאָעזיע פאַרוויגט אין אַ ראָמאַנטישן, וואָס פאַרלירט נישט דעם נעפּלדיקן כאַראַקטער, אַפילו ווען עס קומט איר צו אַ רעוואָלוציאָנערער פערמענט. דאָס מערקט זיך בולט אין „דער גייסט דער מלך", וואָס מען נעמט דאָרט אָן די השפּעה פון סלאָוואַצקיס Król Duch, אָבער מען טאָר זיך נישט צו פיל סומך זיין אויף דער אידענטישקייט פון טיטל, און מיר וואָלטן גיכער נוטה געווען אָנצונעמען אַ השפּעה פון טאַדעוש מיטשינסקי וכדומה. אַז מען קוקט זיך אָבער איין אין גאַנג פון קאַציזנעס פּאָעזיע, געפינט מען אין איר וואָס מען געפינט אין

כלל־גאַנג פון זיין שאַפונג — עס בייטן זיך די שולן פון עק ביז עק (ראָמאַנטיק און קלאַסיק, סימבאָליזם און רעאַליזם, גראָטעסק און נאַטוראַליזם וכדומה), אָבער די ליניע, וואָס ציט זיך דורך גאַנצער און גרויסער לענג, פירט פונעם קאָמפּליצירטן צום פּשוטן, צום פאָלקסליד, צו דער פאָלקס־באַלאַדע, ווי אַ סוסטראַט פון שאַפערישן חידוש. ער האָט געהאַט דערינען אַן אייגענע טעאָריע. אָבער נישט איין מאָל איז זי געווען ווי אַ הלכה ואין מורין כן, ווי עס טרעפט זיך נישט זעלטן ביי דיכטער בעלי־טעאָריעס, על כל פּנים זענען לידער ווי „יידישע חתונה", „קבר ישראל", „דאָס ליד פון שבעלע הדסהס" און בכלל דאָס געזעמל „באַלאַדן און גראָטעסקן" (1936), נישט קיין פּראָדוקט פון אַ קורצער טעאָריע, נאָר דער סך־הכל פון אַ לאַנגער האַרעוואַניע, וואָס איז גליקלעך, אויב זי קאָן ווערן „אַ שפּליטער גאָלד אין שטויביקן פּרוכת".

ח

אַן איבערקוק פון קאַציזנעס לעבן און ווערק טאָר נישט איבערשפּרייזן איבער זיין אויפטו ווי אַ רעדאַקטאָר און אַ קולטור־פּאָליטיקער, ווי אַ פּובליציסט און אידעאָלאָג. האָט ער דאָך צוזאַמען מיט י. י. זינגער, פּרץ מאַרקיש, מלך ראַוויטש און נחמן מייזיל באַגרינדט די „ליטעראַרישע בלעטער"; האָט ער דאָך מיט יעקב וואַסערמאַן אַרויסגעגעבן „די גלאָקן" און מיט דוד איינהאָרן „די תיבה" און מיט מיכאל ווייכערט די „רינגען"; איז ער דאָך געווען פון די ראשי המדברים אין „פריינד", די יידישע קאָמוניסטישע טאָגצייטונג אין פּוילן, כדי צום סוף צו מאָנאָלאָגיזירן אין „מיין רעדנדיקער פילם" (1939—1936). נישט: אַ רעדנדיקער פילם, און נישט: דער רעדנדיקער פילם — וואָס וואָלט זיך געפּאַסט פאַר זיינע פאָטאָרעפּאָרטאַזשן, ווו ער האָט מיטן קאָדאַק (אַזוי האָט ער אויך געחתמעט) אויפגעכאַפּט אַ קאָליריקן טיפּאַזש אין גאַסן, געסלעך, הייף, וואַרשטאַטן, בתי־מדרשים — נאָר בפירוש: מיין רעדנדיקער פילם, אויפן שניט פון ש"י אימבערס „ווינטמילן", א. צ. גרינבערגס „סדן", און מלך ראַוויטשס „מיין לעקסיקאָן". אגב, פאַראַן נאָך אַ צד השווה צווישן אים און ראַוויטש — ביידע, צוגלייך מיט אַנדערע פון אַ פריערן דור, ר' בנימין און ש"י עגנון, אויסגעהאַלטענע וועגעטאַריאַנער. דאָס דערלייכטערט נישט צו פאַרשטיין דעם ראָמאַן צווישן אים און קאָמוניזם, דערצו נאָך אין זיין סטאַליניסטישער געשטאַלט. בפרט ווען מיר נעמען אין באַטראַכט, אַז אַזאַ גרונטיק ראָמאַנטיש געשטימטער מענטש, וואָס זיין רונדלעך און ראָזיק פּנים האָט דערמאָנט דאָס פּנים פון אַ קינד, און איז תחילת געווען אַ בפירושער אינדיווידואַליסט, וואָס שווערט אויף שטירנערס „Der Einzige und sein Eigentum", האָט דאָך געמוזט זיין אַ גאָר מסופּקדיקער קאַנדידאַט פאַר אַ פּאַרטיי־חבר, לא כל שכן פאַר אַ בלינדן פּאַרטיי־חבר, וואָס גייט נאָך אַלע גזירות פון דעם אכזריות־

דיקן דיקטאַטאָר און פּאַסט זיך מגיה־וביה צו צו אַלע זיג־זאַג־קאַפּריסן פון דער זיך בייטנדיקער גענעראַל־ליניע. ער האָט טאַקע דערצו נישט קאַנדידירט, נישט געוואָלט, און אפשר אויך נישט געקאָנט קריגן אַ פּאַרטיי־ביכל, פּונקט ווי ער האָט נישט געוואָלט, און מסתמא אויך נישט געקאָנט, דערגיין צום סאָציאַליסטישן רעאַליזם, וואָס איז געווען נישט מער ווי אַ פּסעוודאָנים פאַר אַ כביכול־ליטעראַטור, וועלכע לעבט און וועבט לויט די דירעקטיוון פון דעם פּאַרטיי־קאָמיסאַר, נוסח זשדאַנאָוו וכדומה. אָבער אויך דאָס שטיק וועג, וואָס קאַציזנע איז מיטגעגאַנגען, איז געגנוג אַרויסצורופן אַ שטוינען, און דאָס נישט בלויז דערפאַר, וואָס ער האָט אין זיין פאַרגלויבטקייט נישט געוואָלט זען דעם צד השווה צווישן דעם קאָנצענטראַציע־לאַגער, ווו דאָס שוואַרצע פּוילן פאַרפייניקט אירע טויזנטער פיינט אין צווישן דעם זעלבן, נאָר איבערמאָסיק גרעסערן, קאָנצענטראַציע־לאַגער, ווו דאָס רויטע רוסלאַנד פאַרפייניקט מיליאָנען פיינט און פריינד, נאָר אויך (און אפשר: בעיקר) דערפאַר, וואָס ער האָט אין דער דאָזיקער פאַרגלויבטקייט זיינער נישט פאַרשטאַנען, אַז אין איר איז גאָר קיין פּלאַץ נישטאָ פאַר זיין ייִדישקייט, אַז אין איר קאָן זיין ייִדישקייט נישט לעבן, און מוז ווידער אַ מאָל „אויפהייבן מיט פאַרבלוטיקטע ליפּן דעם הייליקן שם, שטאַרבן פאַר די אויגן פון דער וועלט, פאַר דעם כבוד פון מיין ייִדישקייט, פאַר דער גרויסקייט פון גאָט”.

ט

דאָס לעצטע קאַפּיטל פון קאַציזנעס לעבן איז געווען אונטערן אויסגעבענקטן סאָוויעטישן רעזשים — ער איז אַנטלאָפן מיט זיין משפּחה, דער פרוי זיינער חנה און מיט דער יונגעטשקער טאָכטער שולמית, פון באַמבאַרדירטן וואַרשע, האָט זיך פאַרוואַלגערט קיין קאָוועל און מיר האָבן אַ פּאָר עדות וועגן באַגעגענישן מיט אים — דוד ניימאַרק האָט אים געטראָפן אַ מידן, צעבראָכענעם, מיאושדיקן; הענריק דאַנקאָוויטש דערמאָנט באַגעגענישן מיט אים, אין זיינע זכרונות און צייכנט אים ווי אַן אינטעלעקטואַל און אומגעוויינטלעך האַרציקן מענטשן, וואָס האָט דעם אידעאַל זיינעם געזען אין מולטאַטולי, וועלכער האָט אַוועקגעוואָרפן אַמט און הכנסות און האָט בלויז מיט זיין פען געקעמפט פאַרן רעכט פון די אונטערדריקטע; ענלעך צייכנט ער אים אין זיין ראָמאַן Siódmy Wilk (1964), ווו ער רופט אים אַלטער מיטקין (אויפן נאָמען פון זיין טאָכטער) און לאָזט אים דערציילן זיינס אַ טיף איבערלעבעניש: אַנטלויפנדיק, האָט ער אויפן וועג, ערגעץ לעבן קאָרעוו, אין דער סאַמע פחדימדיקער מהומה פון די פאַרצווייפלטע פּליטים, פּלוצעם אויף אַ שטעגל דערזען אַן אַלטן ייִדן, מיט אַ לאַנגער באָרד, אין אַ שוואַרצער קאַפּאָטע, וואָס האָט מיט רויקע טריט געשפּאַנט אויפן שטעג, וואָס פירט אין ערגעץ נישט, טראַגנדיק בלויז דאָס, וואָס ער האָט אָפּגעראַטעוועט פון דער פאַרברענטער שטאָט —

טלית און תפילין. צו נעמען אויפן קאָפּ — זאָגט מיטקין — אַ מענטש אַנטלויפּט פון דער היים, וואָס האָט עס אויפגעהערט צו זיין, און וווהין ער וועט זיך אפשר קיין מאָל נישט אומקערן, און ער גייט פאַר זיך און טיילט זיך אויס פון דעם גאַנצן המון דערמיט, וואָס ער איז רויק, און האָט מיט זיך בלויז מיטגענומען טלית און תפילין, דעם איינציקן קאָמפּאַס אין דער וועגלויזיקייט. אָט דער טיף גלויביקער ייִד — זאָגט ער ווייטער — איז פּלוצעם מיר, דעם אומגלויביקן, געוואָרן נאָענט, דערזעענדיק אין אים דעם כּוח, וואָס איז מסוגל צו באַוועלטיקן דעם פּחד פאַרן גרויל פון דער איבער אונדז אויסגעשפּרייטער אַפּאָקאַליפּסע. אָבער מיר הערן אויך פון מיטקינען אַ רעדע, וווּ ער פרעגט, וואָס איז דער כּוח און די גרויסקייט פון סטאַלין, דאָס ער פאַרזאָניפיצירט דאָס איידלסטע און דערהויבנסטע, און ער ענטפערט קליפּ און קלאָר: סטאַלין איז די העכסטע עטישע אינסטאַנציע אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. און ווידער אַ מאָל מוז מען שטוינען, ווי ער האָט דאָס נישט דערשפּירט די סתירה צווישן דיביידע קאָמפּאַסן, און נישט פאַרשטאַנען, אַז עס מוז צווישן זיי קומען צו אַ טראַגישן צוזאַמענשטויס. און מען האָט נאָך פריִער געשטוינט — אַזוי, אַ שטייגער, דערציילט א. שטיינמאַן איבער זיינע באַגעגענישן מיט קאַציזנע: איך בין געקומען צו אים מיט אַן אָפּן האַרץ און אַרויס מיט האַלב־פאַרמאַכטע אויגן: נישט דער זעלבער מענטש, און אפשר בין איך אויך נישט איך; ווי נאָענטע האָבן מיר זיך באַגעגנט און ווי ווייטע זענען מיר זיך צעגאַנגען.

דוכט זיך, אַז שטיינמאַן האָט טאַקע געטראָפן אין פּינטל — די גרויסע קשיא איז, צי איך בין איך, און קאַציזנע, וואָס האָט נישט געקענט זיין נישט איך, האָט זיך אָפּגעגעבן אַן אילוזיע, אַז יש מקום לשני איך, און ביידע איכן האָבן אפשר אויף דרויסן געמאַכט אַן אָנשטעל פון האַרמאָניע, האָבן זיך אָבער אינעווייניק שווער געאַמפּערט. און דאָס אפשר צום שאַרפסטן אין זיין לעצטן לעבנס־קאַפּיטל — אין לעמבעריק איז ער געווען רעדאַקטאָר פון דעם ייִדישן ראַדיאָ־אָפּטייל און קונסט־לייטער פון ייִדישן טעאַטער; האָט — ווי גרודבערג דערציילט — עוסק געווען אין אַ נייער ווערסיע פון „דעם ייִדנס אָפּערע״, וואָס ער האָט געהאָפט צו שטעלן אין מאָסקווע, מיטן אַנטייל פון שלמה מיכאָעלס, כאָטש די דראַמע האָט זיך דעם גרויסן שפּילער אויסגעוויזן צו נאַציאָנאַליסטיש, אָבער אין תּוך האָט אים, קאַציזנען, געעקבערט די סתירה צווישן די צוויי איכן. מיר האָבן אַ גאַר אינטערע־סאַנטן דאָקומענט דעריבער — הרב אהרן פּעטשעניק האָט זיך מיט אים געטראָפן אין לעמבעריק, ווו ער איז געווען דער ראש־המדברים פון די ייִדיש־שרייבערס, דער איינציקער נישט־קאָמוניסט וואָס מען האָט פאַרבעטן קיין מאָסקווע ווי אַ פירשטייער פון דער ליטעראַטור אין די איינגענומענע געביטן. סוף זומער 1940 איז אַראָפּגעקומען קיין לעמבעריק וועלעדניצקי און האָט געהאַלטן אַ לעקציע וועגן דער ייִדישער אַרבעטערשאַפט און איר באַצי צו פּרצן, און האָט אים געכשרט,

פאַרשטייט זיך, מיט כמה וכמה רעזערוואַציעס. דער הכשר איז, אַ פּנים, געגאַנגען איף דער ליניע פון דעם ווידער געכשרטן נאַציאָנאַליזם, וואָס איז אין אוקראַינע (און לעמבעריק האָט געהערט צו איר), דערגאַנגען ביז צום קולט פון כמעלניצקין. קאַציזנע האָט זיך מוטיק אַקעגנגעשטעלט דעם קאַזיאָנעם איינשטעל — האָט דער־מאָנט דעם זלזול פון בונדיסטן צו פּרצן, ווען איינער פון זיי האָט אים יום כיפּור דערלאַנגט אַ סידור, פּונקט ווי ער האָט דערמאָנט, אַז מיט פינף יאָר צוריק האָט ער, לזכר דעם צוואַנציקסטן יאָרצייט פון פּרצן גערעדט דאָ, אין לעמבעריק, פאַר פינף טויזנט אַרבעטער, און דער אויספיר איז געווען, אַז כמעלניצקין קומט נישט קיין הכשר, און פּרץ דאַרף נישט קיין הכשר, און ער איז נישט בלויז פּראַגמענ־טאַריש, נאָר טאָטאַל כשר, פּרץ כמו־שהוא. אויב קאַציזנע האָט געמיינט, אַז ער וועט לאַנג קאָנען באַהויפטן אַזאַ מוטיקן שטעל — איז עס געווען איינע פון זיינע גרעסטע אילוזיעס.

י

דערווייל איז אָבער געקומען דאָס טראַגישסטע קאַפּיטל אין זיין לעבן — ווען די דייטשן האָבן זיך דערנענטערט קיין לעמבעריק (סוף יוני 1941), האָט ער און די משפחה זיינע געפרווט אַנטלויפן, אָבער אין טאַרנאָפּאָל זענען זיי אַריינגעפאַלן אין די הענט פון דעם געכשרטן כמעלניצקיס טריפהנע איי־ניקלעך, און זיי האָבן זיי פאַרשלעפּט אויפן דאָרטיקן בית עולם — ווו עס רוען דער מנחת חינוך און ר׳ נחמן קראָכמאַל, ר׳ מענדל לעפין און ר׳ יוסף פּערל — זיי געצוווּנגען אויסגראָבן גריבער פאַר זיך און זיי מיט שטעקנס און ציגל גרויליק צעשונדן און צום טויט פאַרפּייניקט. קאַציזנעס פרוי, אשת חבר כחבר, מרת חנה, איז שפּעטער פאַרשלעפּט געוואָרן קיין בעלזשעץ און דאָרט דערמאָרדעט געוואָרן. איבער דער טאָכטער זייערער, שולמית, האָבן זיך דערבאַרעמט איטאַליענישע זעלנער, זי פאַרזאָרגט מיט אַרישע פּאַפּירן און זי האָט זיך אָפּגעראַטעוועט אין קראָקע, און האָט שפּעטער חתונה געהאַט מיטן ערשטן איטאַליענישן אַמבאַסאַדאָר אין פאָלקס־דעמאָקראַטישן פּוילן, דעם פריִער קאָמו־ניסטישן און איצט סאָציאַליסטישן סענאַטאָר, פּראָפעסאָר עזשעניע רעאַלע, און וווינט אין רוים, און היט ערלעך און געטריי אָפּ דעם זכר פון איר פאָטער, און איז באמת מקיים כיבוד־אב, ווי עס טוען עס עטלעכע געטרייע טעכטער פון ייִדישע שרייבערס — ווי סאָפיאַ ערליך לגבי איר פאָטער שמעון דובנאָוו, חוה דוואָרקין לגבי איר פאָטער יהואש, פּערל ווייסנבערג לגבי איר פאָטער איטשע מאיר ווייסנ־בערג. זי, שולמית, וואָס איז אויפגעכאָוועט געוואָרן אין אַן אַטמאָספער פון ליב־שאַפט צום ייִדישן וואָרט, און געדענקט די וואַרעמע קינדערהיים אירע, ווי אַ בית ועד לסופרים, באַמיט זיך אַרויסצוגעבן די כתבים פון איר פאָטער און האָט שוין

אוספיעס צו פאַרעפנטלעכן צוויי בענד, וואָס האָבן געבראַכט צו אַן אויפלעב פון אינטערעס פאַר אים און זיין ווערק, און לויט די וואַרעמע אָפּרופן און אָפּשאַצן לאָזט זיך ממש רעדן מכוח אַ קאַציזנע־רענעסאַנס.

מיר ווייסן נישט, וואָס וואָלט געווען דער וועג פון קאַציזנע, ווען יענער עוואַקואַציע־צוג וואָלט אים און זיין משפחה אויפגענומען, אָבער מיר מעגן, על פי כמה וכמה סימנים אָננעמען, אַז אויב עס וואָלט אים אויסגעמיטן סיי היטלערס, סיי סטאַלינס שווערד, וואָלט ער זיך געפונען, ווו זיינע ווערק גייען אַרויס, אין ארץ־ישראל. אמת, אין זיין ראָמאַן „שטאַרקע און שוואַכע״, באַשרייבנדיק קיבוצים, וואָס גייען קיין ארץ־ישראל, לאָזט ער דעם הויפּטפּאַרשוין זיינעם, בערל פּאָדלאַסקי, בלייבן אין שטעטל, צווישן גערטנער און פעלדער, און לערנען אירע יידן אַקערן און זייען און אָנהויבן אַלץ פון דאָס ניי; און די לעצטע ווערטער זיינע זענען אויך די לעצטע ווערטער פונעם גאַנצן ראָמאַן: „זעט, יידן, ווי מע אַקערט! אַ — האָפּ״. אָבער כמעט אין יענער צייט, נאָך די אָב־געשעענישן, תרפ״ט, זענען אב. קאַהאַן און אַלטער קאַציזנע געקומען אין אונדזער לאַנד אריין און דער ערשטער האָט מיטן וואָרט און דער צווייטער מיטן בילד דערציילט וועגן יידישן לאַנד די לייענערס פון „פאָרווערטס״. דעמאָלט (1929) האָט ער אָנגעשריבן זיין ליד וועגן כותל מערבי: „מאַמע וואַנט״.

און דער דרך פון אַ מאַמע איז, אַז זי טוליעט צו אַלע אירע, סיי נאָענטע, סיי ווייטע, קינדער.

[תמוז תשכ״ט]

צווישן וואָר און חלום

שמואל לעווין

א

ווען מיר נעמען, לשם ערשטע אינפֿאָרמאַציע, רייזענס לעקסיקאָן, קאָנען מיר זיך נישט אָפּוֹוערן פון אַ בתמיהא — כאָטש דער באַנד, וואָס אַנטהאַלט דאָס אות למ״ד, איז אַרויס שוין צען יאָר נאָך דעם ווי שמואל לעווין האָט גענומען שרייבן און דרוקן ברשות הרבים, און האָט אַפילו שוין אַרויסגעגעבן ביכער, דערמאָנט אים נישט דער בעל־הלעקסיקאָן, און אַזוי ווי עס איז שווער אָנצונעמען, אַז ער האָט וועגן אים נישט געוווּסט, פרעגט זיך, פאַר וואָס האָט ער וועגן אים נישט צו וויסן געגעבן, אַנדערש געזאָגט: ווי אַרום האָט ער, וואָס איז געווען אויפֿמערקזיק ביז גאָר און האָט געהאַט אַן אָפֿן אויג פאַר אָנהויבערס, וואָס האָבן זיך אָקערשט אויסגעפּיקט פון די שאָלן, געמאַכט אַזאַ היפער.

מיר וועלן מודה זיין, אַז מיר האָבן נישט קיין אַנדערן תירוץ ווי דעם, אַז בשעת דער סעלעקציע, וואָס דער בעל־הלעקסיקאָן האָט געמאַכט, האָט אַריינ־געשפּילט לעווינס מזל, וואָס האָט אים נישט פאַרשאַנצט די בעסטע מערכה אין דער ליטעראַטור־קריטיק. נישט אַז מען האָט וועגן אים פריִער און שפּעטער נישט געשריבן — יעפים ישורין האָט אָנגעזאַמלט אַ לייטיש בינטל רעצענזיעס אין דער פרעסע אין כלערליי קאָנטן פון דער יידישער ליטעראַטור־טעריטאָריע, אָבער לרוב זענען דאָס געזאָגטע און נישט דערזאָגטע אָפּשאַצן. אָבער די עיקר־טריבקייט פון דעם מערכה ווייזט זיך אַרויס אין אַן אַנדערן שטריך — איז עס דען נישט אַ גאָר פּראָבלעמאַטיש מזל פון אַ שרייבער, אַז עס איז אים נישט געגעבן געוואָרן אַרויסצוגעבן אַלע זיינע ביכער ביים לעבן, און אויך פון די וואָס ער האָט יאָ אַרויסגעגעבן, זענען נישט אַרויס אין זיין אייגענער שפּראַך, נאָר אין אַ פרעמדן לבוש, אַזוי אַז זיי האָבן נישט דערגרייכט דעם לייענער, פאַר וועלכן זיי זענען בעיקר געשריבן געוואָרן, און וואָס קאָן פאַר אַ מחבר ווייטיקלעכער זיין, ווי דער פאַרבייט פון זיין שפּראַך און דער אָנווער פון זיין לייענער. וואָס שייך דעם פאַרבייט — אַ שפּראַך איז מער ווי לבוש, און דאָס ביז באַנאַליטעט באַקאַנטע וואָרט־שפּיל traditore-traditure, איבערזעצן מיינט

פאַרראַטן, האָט אין זיך אַ שטאַרקן קערן פון אמת, בפרט אַז אַ יעדער שאַפער און אַ יעדע שאַפונג, ווילן קודם־כל לאָזן הערן זייער קול און זיין ווידערקול אין דער היים. דערפאַר איז עס אויך געווען אַ פּראָבלעמאַטישע נחמה, אויב אַ שרייבער פון פאָרמאַט, ווי פראַנץ ווערפעל, האָט זיך אויף לעווינס דער־ציילערישן טאַלאַנט פאַרשטאַנען, ווי מיר לערנען אָפּ פון זיין הקדמה צו לעווינס ראָמאַן, און פון זיין בריוו צו אים (ווין, 5 אָקטאָבער 1935), ווו ער שרייבט, אַז ער אינטערעסירט זיך פאַר אונדזער שרייבער אַזוי ווייט, אַז ער בעט ביי זיין פאַרלעגער די הגהות פון זיין ראָמאַן, צו וועלכן ער האָט דעם אַריינפיר געשריבן. ער איז — שרייבט ער — באמת אַנטציקט פון דעם דיכטערישן, בילדערישן כוח און טיף געריזט פונעם ריינעם פּולגוטיקן לעבן, וואָס באַוועגט דאָס בוך, און וואָס האָט אים באַשטעטיקט די וואָר פונעם רושם, וואָס ער האָט געוווּנען ביי זייער פּנים־אל־פּנים־באַגעגעניש. ער מיינט דאָס בוך Und er kehrt heim, און ער איז מעיד, אַז ער האָט אויך געלייענט לעווינס פּאָעטישע וויזיע — ער מיינט מסתמא דאָס בוך Gesichte, וואָס הייסט אין ייִדישע אָריגינאַל: חזיונות — ווו עס האָט אים פאַרכאַפּט דער תנכישער שווונג פון דער שפּראַך. נאָך שרייבט ער, אַז אַזוי ווי ער פאַרט בקרוב קיין אַמעריקע (ווו עס האָט געזאָלט אויפגעפירט ווערן זיין ייִדן־וויזיע), וועט ער זיך דאָרט סטאַרען אונדזער מחבר צו העלפן.

דאַכט זיך גוט און ווויל — אַזאַ בריוו איז פאַר אַ מחבר, וואָס האָט אָנגע־שטאָפּט זיינע פּאַליצעס מיט כתבי־יד, אַ היילונג אויפן האַרצן, אָבער אויב ביי כביכול הייסט עס: אשרי שמקלסין אותו בביתו כך, משמע ווויל דעם וואָס מען לויבט אים אין דער היים אַזוי, ביי אַ בשׂר ודם, בפרט אַ שרייבער, לא כל שכן.

ב

צו די וואָרעמע ווערטער, וואָס עס האָט געשריבן אַ ייִד, וואָס זיין שפּראַך איז געווען דייטשיש, קאָן מען צושטעלן נאָך וואָרעמערע ווערטער, וואָס עס האָט געזאָגט און געשריבן אַ נישט־ייִד, וואָס זיין שפּראַך איז געווען דייטשיש, האָט אָבער אויך גערעדט, געלייענט און אַפילו געשריבן ייִדיש — רודאָלף ראָקער, אין זיין לעקציע וועגן אונדזער מחבר (1928), וואָס איז אויך אַריין אין ערשטן באַנד פון דער טרילאָגיע, וועלכע מיר האָבן איצט פאַר אונדז. ער, דער באַקאַנ־טער אַנאַרכיסטישער דענקער און פירער, האָט זיך, כידוע, צוזאַמענגעטראָפן מיט דער ייִדישער מאַסע, בעיקר ווען ער איז געזעסן אין לאָנדאָן און ניו־יאָרק, און דורך זיי זיך דערנענטערט צו דער מענטאַליטעט פון מזרח־אייראָפּעישן ייִדן, און זיך באַקאַנט געמאַכט מיט זייער קולטור, האָט זיך, אין בערלין, באַפריינדט מיט שמואל לעווין, און זיך אַריינגעלייענט אין זיינע ווערק — צום ערשט די

דערמאָנטע „חזיונות", וואָס פּרוּוון דיכטעריש געשטאַלטיקן דאָס אימהדיקע איבערלעבעניש פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. און ער, ראָקער, האָט זיך בשעת דער לעקטור דערמאָנט די צייכנונגען פון קאַלאָט, די בילדער פון גאָיאַ, און האָט פאַרשטאַנען, אַז דער דיכטער, וואָס זיין שווידערלעך איבערלעבעניש דערגייט צו דער אַפּאָקאַליפּטישער וויזיע פון וועלט־אומקום, גלויבט אין אַן איין־און־איינציקער מעגלעכקייט די קאַטאַסטראָפע גובר צו זיין, און דאָס איז דער כוח פון אַ רענעסאַנס פונעם רעליגיעזן געפיל און געדאַנק. דעם כוח האָט דער דיכטער באַוויזן אין פינאַל פון בוך, און מיט דעם כוח וויל ער באַפרייען און אויסלייזן די וועלט. כדי צו באַנעמען ראָקערס כוונה, ווילן מיר באַמערקן, אַז אין דער פּאָעמע, וואָס גיט איבער דאָס אימה־איבערלעבעניש פון דער ערשטער מלחמה, האָט לעווין אַנטיציפּירט דאָס איבערלעבעניש פון דער צווייטער מלחמה, און נאָך דעם וואָס ער באַשרייבט דעם חורבן פון דער גאַנצער מענטשן־וועלט, צו וועלכן די מאָדערנע מלחמה האָט דערפירט, פאַרענדיקט ער, ווי דער מיטאָס וועגן מבול פאַרענדיקט זיך — געבליבן איז בלויז דער וויזיאָנער, אוריאל בן ישעיהו און אַן איינציק מענטשן־פּאָרל:

און אַז עס איז אויפגעגאַנגען די זון
און די ערד איז געווען באַהויכט מיט טוי,
האָט אוריאל, דער זון פון ישעיה,
געזען צוויי מענטשן: אַ מאַן מיט אַ פרוי.
ביידע, ווי סקעלעטן כמעט,
געזעענע אין זיין דמיון, צי אין חלום,
ביידע אין אַ פלוג געשפּאַנט,
האָבן האַנט אין האַנט
ווי פערד
געאַקערט די ערד
„לעבן —
קאָן ניט פאַרניכטעט ווערן"
זיינען געווען אוריאלס לעצטע ווערטער דאַן,
ווען ער האָט ווידער געזען אַקערן די ערד ווייב און מאַן.

לויט ראָקערן מיינט לעווינס גלויבן אין אַ רענעסאַנס פון רעליגיעזן געדאַנק און געפיל, טאַקע רענעסאַנס ממש, משמע אַ ווידערגעבוירן פון אַ ירושה, דער ירושה פון זיין פאָלק, וואָס דאַרף און קאָן ווערן אַ נחלה פאַר אַלע פעלקער. עס איז אַ ירושה פון די עשרת הדיברות, פון דער נבואה, וואָס דער מענטש איז פון זיי אַפּגעקומען און מוז צו זיי צוריקקומען. וואָס ראָקער האָט געזען

אינטענסיוו אין לעווינס פּאָעטישן פּרוּוו, זעט ער עקסטענסיוו אין זיין פּראָזאַ־ישן פּאַרמעסט — ער האָט פּאַר זיך געהאַט איין טייל פון דער טרילאָגיע, און כאָטש ער ווייסט מסתמא, אַז דער לייענער ווערט דאָ פּאַראינטערעסירט מיט דער ברייטער קאַנווע פון סיפּור מעשה, דער פּאַליכראָמיע פון צענטראַלע און זייטיקע געשטאַלטן, וואָס זענען מכוון אויסצושעפּן דעם סאָציאַלן, מענטאַלן און פּסיכאָלאָגישן טיפּאַזש פון שטעטל, ווייזט ער אים אָן אויף דעם פּאַדעם וואָס שלענגלט זיך, אַ מאָל געזען אַ מאָל אומגעזען, אין די שורות און צווישן זיי. עס איז דער פּאַדעם פון גלויבן אין אַ שאַפערישער אוטאָפּיע, וואָס לאָזט זיך נישט פּאַרלענדן און לאָקערט אויף זיין שעה פון אונטער דעםווערקלעכקייט געוואָרענעם מיטאָס פון דעם מאָדערנעם צעשטערערישן תהו־ובהו.

אַוודאי לאָזט זיך דער און יענער פּונקט אין ראַקורס באַנעם פון די עשׂרת־הדיברות און דער נבואה־ירושה אָפּפרעגן, און מיר ווען זיך באַנוגענען מיט אַ קריטישן באַמערק לגבי דעם עיקר־פּונקט, ווי ער קומט זיך מיט לעווין צוזאַמען — די עשׂרת הדיברות בלייבן ביי זיי, בעצם, אָן אַ קאָפּ, דען דער פּירוש זייערע ווענן דעם אנוכי — איז אַ פּרעפּאַראַציע, וואָס מאַכט גאָט פאַר אַ פּסעוודאָנים פון אַן אויסאידעאַליזירטן מענטשן, און עס איז אַ קשיא, אויב ביי אַזאַ פּרעפּאַראַציע בלייבן נאָך די עשׂרת הדיברות — עשׂרת הדיברות, און די נבואה — נבואה, און אויב דער רענעסאַנס איז נישט אַ צו פּיל אַמפּוטירטער רענעסאַנס.

ג

מיר האָבן דאָס אָפּירגעשיקט, כדי אונטערצושטרייכן, וואָס מיר האָבן אָנהויבס געזאָגט, אַז לעווין האָט אין דער היים ווייט נישט געפונען אַזאַ פאַרשטענדעניש, ווי מיר זעען עס אָפּיר פון די צווי געבראַכטע דאָקומענטן, און עס לאָזט זיך לייכט באַווייזן, אַז אויב מיר האָבן עפּעס ענלעכס אין דער היימישער ליטעראַטור־קריטיק, איז עס אַן עכאָ וואָס איז געקומען פון דער ווייט, און צו מאָל אַ ממשדיק איבערחזרן פון ווערפלס אָדער ראַקערס צוגאַנג און אָפּשאַץ.

אָבער כדי נישט איבערצוטרייבן, דאַרף מען דערמאָנען, אַז פאַראַן אויך אין אַנדערע ליטעראַטורן שרייבער מיט אַן ענלעכן גורל — דאָס קול וואָס גייט אַרויס פון זייערע ווערק דערוועקט גיכער אַ ווידערקול אין אַ ווייטערער, אָפּילו פרעמדלעכער, פּעריפעריע, איידער אין נענטערן, היימישערן צענטער, און ערשט נאָך דעם ווי דאָס בת־קול קומט צוריק פון דער ווייטנס, פאַרשטאַרקט זיך אַ מיין אָדער מינדער פּאַסיק בת־קול פון דער נאָענט. די משלים דערצו אין דער ייִדישער ליטעראַטור זענען אָפּילו ווייניקער, אָבער עס קאָן קיין ספק נישט זיין, אַז צו זיי געהער בפירוש שמואל לעווין.

געבוירן אין אַ קליין ייִדיש שטעטל אין קאָנגרעס־פּוילן, קאָנסקי־וואָליע, אין די לובלינער קאַנטן (1890) האָט ער יאָרן־לאַנג, טאָג־טעגלעך פאַרזוכט דעם טעם פון דער טיפּיש ייִדישער אָרעמקייט און נויט, וואָס איז נאָך פרומער פון די פרומע חז״ל, און איז מקיים: אין קמח אָבער יש תורה. פון זיין דריטן ביז זיין זעכצעטן יאָר האָט ער געלערנט אין חדרים, אין בית מדרש („אַליינען״), געפרוווט העלפן דער אָרעמער שטוב און עפּעס פאַרלייכטערן דאָס דחקות, זיך אָנכאַפּנדיק אין כלערליי פּרנסות — געגאַנגען זיין אַ טערמינאַטאָר ביי בעלי־מלאכות, געפאָרן אין די באַנען צו פאַרקויפן עפּל די וואַיאַזשאָרן וכדומה, און פון דעם אַלעמען נישט געצויגן קיין חיונה, אָבער זיך צוגעצויגן אַ לונגן־פעלער, וואָס האָט אים שפּעטער, יאָרן לאַנג, געפּלאָגט. נישט זעענדיק פאַר זיך קיין תכלית אין דער היים, לאָזט ער זיך, אַ צוויי און צוואַנציק יאָריקער יונגערמאַן, אַוועק אין דער פרעמד, וואַנדרעוועט אַרום אין כלערליי קאַנטן, קומט קיין בעסאַראַביע, פון וואַנעט עס גייט אַן עמיגראַנטישע כוואַליע קיין אַרגענטינע, און ער דערשלאָגט זיך אַהין, פּרוווט זיך דאָרט באַזעצן ווי אַ קאָלאָניסט, אָבער דאָס מזל איז אים אויך דאָ נישט פריינדלעכער און ער קומט צוריק קיין פּוילן. עס גייט נישט אַוועק קיין וואָך צייט, ברעכט אויס די ערשטע וועלט־מלחמה, דאָס ערשטע דערשיטערנדיקע, שוידערלעכע איבערלעבעניש זיינס, וואָס האָט זיין חותם אויפגעדריקט אויף זיין גאַנצן לעבן, דען כאָטש ער האָט שפּעטער דורכגעלעבט אַ גרעסערן חורבן, וואָס האָט אָפּגעמעקט דעם ייִדישן קיום אין אייראָפּע, איז אָט דאָס ערשטע איבערלעבעניש דער סובסטראַט פון זיין שרייבן, און די עיקר־טעמע זיינע, וועלכע ער באַהאַנדלט אויף אַלע אויסדרוק־מיטלען — אין ליד, אין דראַמע, אין ראָמאַן.

זיינע ערשטע טריט אין דער ליטעראַטור האָט ער געמאַכט אין דער אָרטיקער פּרעסע, אין „לובלינער טאָגבלאַט״ וואָס איר רעדאַקטאָר איז דעמאָלט געווען ש״י סטופּניצקי, אַ מענטש מיט אַ קאָלירוקער ביאָגראַפיע, — פריִער אַריינגעטאָן אין דער ייִדישער פּרעסע פון דער פּוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, שפּעטער אויסגעקאָכט אין פּועלי־ציון, נוסח מינסק, האָט געהאַט אונטער זיך עטלעכע יאָר מיטאַרבעט אין וואַרשעווער „היינט״, אָבער, מחמת חילוקי דעות, אַוועק פון דאָרט, געקומען קיין לובלין און דאָ רעדאַקטירט דאָס דערמאָנטע בלאַט. מיר דערמאָנען דאָס, ווייל אַ רעדאַקטאָר מיט אַזאַ נסיון און סטאַזש איז מסוגל געווען פון איין זייט די רעגיאָנאַלע צייטונג אָפּצוהיטן פאַר דער סכנה פון אַ צו פּראָווינציאַלן טעם און נוסח, און פון דער אַנדערער זייט פאַרהעלפן די אָרומיקע כוחות, וואָס דער צוויטלענדיקער טאַלאַנט זייערער האָט זיך געריסן צו ליטעראַטור און פּרעסע. אַז ער האָט געהאַט לעווינען אויפן אויג באַווייזט וואָס ער האָט דעם לייענער אויפמערקיק געמאַכט אויף דעם דאָזיקן שרייבער, וואָס

האָט ערשט אָנגעהויבן שטעלן זיינע ערשטע טריט אין ברייטערן רשות־הרבים, פּונקט ווי עס האָט דעמאָלט געטאָן אין דער פּוילישער פּרעסע, מאַקס בינענשטאָק.

ד

אין עטלעכע יאָר אַרום זעען מיר אונדזער מחבר, וואָס האָט שוין אַרויס־געגעבן אַ פּאָר ביכלעך, אין בערלין, ווו ער באַזעצט זיך, און וואַרפט זיך אויף כמה צווייגן פון ליטעראַטור — פּאָעזיע, פּראָזע, דראַמע, עסייִסטיק, קריטיק, פּובליציסטיק, און כאָטש די זאַכן זיינע דרוקן זיך אין אַ סך בלעטער און זשורנאַלן, בלייבן די עיקר־כתבים זיינע אין די שיפלעדלעך, און אַ טייל פון זיי איז זוכה צו אַן אויסגאַב אין אָריגינאַלן יידישן לבוש. און ער איז אויסגעבונדן מיט שרייבער, די שטוב זיינע ווערט אַ מין בית ועד לסופרים — ווי עס דערציילט אונדז צבי הארוויץ, האָט ער זיך דאָרט געטראָפן מיט דוד בערגלסאָן און זלמן שניאור, מיט ישכר ריבאַק און מרדכי בראָנשטיין (אַרדאָן), מיט א. נ. שטענצל און שמואל סאַלאָמאָן, און אַנדערע שרייבער און קינסטלער, וואָס פלעגן זיך אָ דאָ צוזאַמענטרעפן. דאָ האָט זיך אויך פאַרוועבט די טיפע און לאַנגיאָריקע פריינדשאַפט מיט רודאָלף ראָקער, און פונקט ווי די פריינד־שאַפט האָט זיך געשטאַרקט מכוח דער אַפּריאָרער אידעיִשער נאָענטקייט, האָט אַזוי זיך די אידעיִשע נאָענטקייט דורך דער פריינדשאַפט פאָסטעריאָר געשטאַרקט און אויסגעקלאָרט. איך גופא האָב שמואל לעווינען בלויז צוויי מאָל געזען און דאָס אין בערלין און ביי ראָקערס צוויי לעקציעס — איינע איז פירגעקומען אין דער סינדיקאַלישער גרופּע אין בוי־קעלן, די אַנדערע אין ראָזנבערגס רעסטאָראַציע. אין דער קליינער פרעזידענטן־שטראַסע. איןביידע האָט ראָקער, כדרכו, געשטור־עמט קעגן דער מלוכישער אינסטיטוציע און אויף איר אָפּגעמשלט די מעשה־עגל, — און פאַרשטייט, אַז וואָס עס איז געשען מיטן משל דאַרף געשען מיט נמשל, מען דאַרף אים צעמאָלן אויף אַש, עס זאָל קיין שריד און פליט נישט בלייבן. היינט אַז איך דערמאָן מיך אין די לעקציעס, דאַכט זיך מיר, אַז עפּעס האָט זיך אין יענעם באַנוץ פון משל און נמשל געהונקען — דער משל איז מחוייב, צו געדענקען, אַז נאָכן צעמאָלן פון עגל אויף אַש און פאַרך, קערט זיך דער מענטש, וואָס האָט געמאַכט דעם עגל, צוריק צו גאָט וואָס האָט געמאַכט דעם מענטשן, און דאָס האָט ראָקער פאַרגעסן, אָדער געמוזט פאַרגעסן. חזרט ער דאָך איבער, און דווקא אין זיין לעקציע וועגן לעווין, פויערבאַכס וואָרט, אַז דער מענטש מאַכט זיך זיין גאָט לויט זיין אייגן בילד, און דאָס וואָלט אים מחייב געווען צו אַ חילוק צווישן משה און אהרון, אַז ביידע זענען, בעצם, גאָטמאַכער, דער איינער האָט געמאַכט דעם גאָט פון אנכי, דער אַנדערער דעם גאָט פון גאָלד, אָבער ביידע געטער זענען מענטשלעכע קאָנסטרוקציעס. אָבער דעמאָלט, נאָך

דער לעקציע, האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז עפּעס אַנדערש האָט אין דעם באַנוץ פון משל און נמשל געהונקען — בעיקר אין דער טאָפּעלער סימפּליפיקאַציע. אין משל — דער גלויבן, אַז מיט איין לייטישן ברען און איין לייטישן צעמאָל פאַרשווינדט דער עגל־הזהב; אין נמשל — דער גלויבן, אַז מיט איין דרייסטן שריט גייט מען איבער פון מלכות־הרשעה און מלכות שדי. ביים אונטמאָל האָב איך עס באַמערקט שמואל לעווין, און צום נמשל דערמאָנט אַ שמועס מיט יצחק נחמן שטיינבערג, וועלכער האָט געהאַט חרטה וואָס ער איז אויף אַ שטיקל צייט אָפּגעקומען פונעם גלויבן אין דער מעגלעכקייט און נויטווענדיקייט פון אַזאַ דרייסטן שריט, און זיך געלאָזט אויף אַ קורצלעביקער מיטאַרבעט מיט לענינען, און אַן עסיי פון חיים אַרלאָזאָראָוו וועגן קראָפּאָטקין, וואָס ער האָט מיט אַ פּאָר יאָר צוריק אָפּגעדרוקט אין „מעברות", און ווו ער האָט געטענהט, אַז דער סאָציאַליזם פון פרייהייט וועט נישט קומען פאַר דעם סאָציאַליזם פון דער מאַכט. ווייטער צום משל, האָב איך דערמאָנט די סקעפּטיק פון אונדזערע חכמים און מקובלים, וואָס זענען רייכער געווען אין היסטאָרישע און אַקטועלע נסיונות, ווי עס איז געווען דער חומש, און האָבן דעם עגל־הזהב דערניוכעט אין כלערליי גלגולים פון דער סיטרא אחרא, און כדי ער זאָל זיך נישט צעבריקעווען, האָבן זיי אים נייטראַליזירט, לאָזנדיק אים, אין דער פאָרעם פון אַן אַרויסשטאַרצנדיקער קאַלבס־האָר, אַ פּיצל אָרט אין די תפילין. עס איז אַן ענין וואָס איך האָב, מיט אַ צוויי דריי יאָר שפּעטער אַ ביסל פּרטימדיקער באַהאַנדלט (אין אַ וויכוח מיט טעאָדאָר רייק אין „פּסיכאָאַנאַליטישע בעוועגונג"). לעווין האָט מיך אויסגעהערט און דער ענטפער זיינער, וואָס האָט זיך אויסגעוויזן שלא ממין הטענה, האָט געטראָפן אין פּינטל: נו, יאָ, אונדזערע חכמים האָבן כביכול געלאָזט לייגן ווייסע תפילין, אָבער אונדז, בשר ודם, האָבן זיי געהייסן לייגן שוואַרצע תפילין, אָבער, חס ושלום, נישט רויטע תפילין.

ה

ווי עס ווייזט, איז שמואל לעווין נישט געווען, נישט געקאָנט זיין, אין גאַנצן שווה־בשווה מיט רודאָלף ראָקער. די קשיא איז, ווי ווייט ער איז געווען באַוווסט, אַז דאָ האָט אַן אַנטשיידנדיקע האַנט די עובדא, אַז ביי ראָקער פירט דער וועג פון תנכישן געראַנגל צווישן גאָט און מענטש צו דער וואַנגעליע מיט איר לעגענדע פון אַ גאָטמענטש, און ביי לעווין פירט דער וועג פון תנכישן געראַנגל צווישן נביא און פאָלק, צו משניות און גמרא, וואָס זעט דעם אָפּשטאַנד צווישן גאָט און מענטש, וואָס נישט דער שטאָלצער און הויכער פּאַטאָס פון תוכחות, נאָר דער עניוותדיקער קיום המצוה פאַרוואָרפט איבער איר אַ בריק, וועלכע איז אַ יעדע שעה, עלול זיך איינצוברעכן, דען נישט אַזוי לייכט האָט זיך דער מענטש

אין די הענט, און בשגם בשר הוא איז אַ בפירושער פסוק, און דאָס אויף דער שוועל פונעם מבול.

און שמואל לעווין איז, אויף זיין וועג אין לעבן און אין דער ליטעראַטור, נישט בלויז געשטאַנען אויף דער שוועל פון מבול, נאָר געפּיבערט אין סאַמע תוך פון מבול, וואָס דער מענטש האָט אויף זיך אַליין געבראַכט. שוין אין דער ערשטער מלחמה, ווען ער האָט דורכגעלעבט דעם חורבן פון זיין שטעטל, האָט ער געזען נישט בלויז אַן אָנזאָג פונעם מבול, נאָר דעם עצם מבול, אַזוי אַז דער גרעסערער חורבן, וואָס ער האָט דורכגעלעבט, חורבן אייראָפּע, איז פאַר אים אַ המשך פון דעם זעלבן מבול, וואָס צעקריגטע מלכים און זייערע יוצרי משרתים האָבן אים אָנגעהויבן און היטלער, מיט זיינע ווייטע און נאָענטע שותפים, האָבן אים ווילדער פונאַנדערגעפלייצט, און אויב דער מענטש וועט נישט שטעלן אַ דאַמבע, וואָס וועט פון זיין אינגעווייד אַרויסטרייבן דעם פינצטערן יצר, וועלכער האָט אַרויפ־געבראַכט די מלכים און די היטלערס, וועט דער המשך זיך נישט אָפּשטעלן, און וועט זיך פאַרענדיקן מיטן פאַרלענד פון מענטשלעכן מין, און עס וועט בלייבן בלויז דער מינימאַלסטער פונק לעבן, פון וועלכן עס וועט אויף די חורבות, מיט גרויס מי און מאַטערניש, נעמען שפּראָצן אַ פּאַריתומטער, עלנטער בראשית.

דאָס וווּנדערלעכסטע דערביי איז, וואָס לעווין האָט שוין אין די בלוטיקע טריט פון דער ערשטער מלחמה, אין איר גרוילעכן חורבן, אַנטיציפּירט דעם בלוטיקערן מאַרש פון דער צווייטער מלחמה און איר גרוילעכערן חורבן, און עס בעט זיך אַ פאַרגלייך צו ביאַליקן, וואָס האָט אין „על השחיטה" און אין „שחיטה שטאָט" וועגן קישעניעווער פּאָגראָם, אַנטציפּירט דעם גרעסערן כוללדיקן פּאָגראָם, פונקט ווי עס בעט זיך אַ פאַרגלייך צווישן ביאַליקס חורבן־וויזיע, וואָס פאַרלענדט דאָס מקדש, דאָס פאָלק, די וועלט, לאָזט אָבער, בעל כרחו, איבער אַ לעבעדיק פלעמל, אַ לעבעדיקע זערנע וואָס איז ערב דעם אויפקום פון לעבן.

ו

מיר האָבן שוין דערמאָנט, אַז שמואל לעווין האָט געוווינט אין דייטשלאַנד, ביז היטלער איז געקומען צו דער מאַכט, און ער איז קוים מיטן לעבן אַנטלאָפן, צום ערשט זיך געוואַלגערט אין ענגלאַנד און שפּעטער אַריבער קיין אַמעריקע, ווו ער האָט וויינט אויס, זיך אָנגעשטויסן אויף אַ קעלט און אַ גלייכגילט מצד דער סביבה, בעיקר יידיש־ליטעראַרישער סביבה, וועלכע האָט פאַרשטאַרקט זיין אָפּגעשלאָסנקייט, וואָס איז נישט קיין מעלה אין לעבן פון אַ מחבר, אָבער אויך נישט קיין חסרון פאַרן פּראָצעס פון זיין חיבור. און געמיינט איז בעיקר דער גרויסער חיבור זיינער, די טרילאָגיע, ווו די ביאָגראַפיע פון אַ יחיד, דאָס וואָס ער האָט איבערגעלעבט און אָבסערווירט, ברייטערט זיך אויס צו דער ביאָגראַפיע

פון אַ כלל, אַ דור. און אויב, זיצנדיק אין דייטשלאַנד, האָט ער פּאַרט געזען זיינע כתבים ברשות הרבים, כאָטש לרוב אין פרעמדשפּראַכיקן לבוש, האָט ער דאָ, אין אַמעריקע, פאַר זיין טרילאָגיע קיין פאַרלעגער נישט געקריגן, אַפילו — ווי ער באַטאָנט אין דער הקדמה צום ערשטן באַנד — ווען ער איז גרייט געווען אַליין די הוצאות צו דעקן, ווייל זיין בוך איז נישט געווען אויף דער ליניע פון טעם און נוסח, וואָס איז אַנגעגאַנגען נאָכן גרויסן חורבן.

וואָס מיינט דאָס צו זאָגן — לעווין איז געווען אַ ממשיך פון רעאַליסטישן קוק, ווי ער האָט זיך נאַטוראַליסטיש אויסגעפורעמט, נאָך פאַר דער ערשטער מלחמה ביי י. מ. ווייסנבערג, און האָט זיך נאָך איר גאַר קאַנטיק פאַרשפּיצט ביי זיינע תלמידים, בעיקר אין זייערע ווערק וועגן דער ערשטער מלחמה און איר נאָכווייען אין יידישן לעבן אין פּוילן, — עוזר וואַרשאַווסקי, פישל בימקאָ און שפּעטער ש. האָראָנטשיק. אָבער שמואל לעווין איז ענלעך צו זיי און אַנדערש פון זיי. ענלעך — אויך ער האָט נישט געהאַלטן פון אַן אייגזייטיקער ראָמאַנטיזאַציע, ווי זי האָט זיך אויסגעפּיעשטשעט, און האָט זיך קעגן איר מיט הענט און פיס געוועהרט אויך נאָך דער צווייטער מלחמה, ווען דער ווייטיק און צער פונעם חורבן, האָבן אין דער ליטעראַטור אויסגעבולט, אין אַ נאָסטאַלגישן שיין, דאָס ליכטיקע און העלע, און פאַרבויגן, אַפילו פאַרהילט, דאָס טונקעלע און שאָטנדיקע, און עס האָט זיך געשאַפן אַן אַטמאָספער פון כולם אהובים, כולם ברורים, ווייל כולם קדושים. אַנדערש פון זיי — פונקט ווי ער האָט אָפּגעוואָרפן דעם כולו זכאי, האָט ער אָפּגעוואָרפן דעם כולו חייב, און ממילא זיך געהיט פאַר דער אַנדערער איינזייטיקייט, וואָס האָט דאָס יידישע לעבן אַנידערגעשטעלט ווי אַ טאָטאַלן ציניזם, און האָט בפירוש געזען, און זיך באַמיט ווייזןביידע זייטן, און דאָס נישט אין אַן אויסבאַלאַנסירטן חשבון, נאָר אין אַ געשפּאַנטקייט פון זיך באַקעמפנדיקע מענטשלעכע סתירות. ער האָט אויך אויסגעמיטן אַן אַנדערע איינזייטיקייט, וואָס זעט בלויז די אינעווייניקסטע יידישע וועלט, און נישט די אויסנווייניקסטע גוישע וועלט, אין וועלכער מיר האָבן געלעבט. עס איז די וועלט פון דער אַרומיקער ווילדער שׂנאה, דער פּוילישער אַנטיסעמיטיזם, וועלכן ער האָט באַטראַכט ווי אַ באַרבאַרישן עלעמענט, וואָס וואָרצלט אין תהומישן יסוד, און איז אידענטיש מיט דעם דייטשישן אַנטיסעמיטיזם און פאַרהאַלט זיך צו אים ווי אַן אימהדיקער אַנהויב פון אַ זאַווערוכע צו איר דימענסיאָנאַל ריזיקערן און יצרדיקן אימהדיקערן המשך, אָבער ביידע זענען, אין זייער אַ־מענטשלעכקייט און אַנטי־מענטשלעכקייט, מכוון קעגן דעם גאַנצן מין האנושי. אָבער פונקט ווי ער האָט אין דער יידישער ווערקלעכקייט, מחמת איר שאָטן — נישט פאַרזען איר ליכט, און מחמת איר ליכט, נישט פאַרזען איר שאָטן, האָט ער אין דער כלל־ווערקלעכקייט פון אייראָפּע, מחמת דעם אַנטי־מענטשלעכן שאָטן נישט פאַרזען דאָס מענטשלעכע ליכט, וואָס

איז געלעגן דערשטיקט אין דערדריקט, אָבער נישט אויסגעלאָשן, ווייל דער בשיהישער פונק, וואָס די נביאים האָבן אָנגעצונדן, און וואָס טליעט קודם כל ביים פאָלק, וואָס די נבואה איז זיין אייגענע, דירעקטע ירושה, טליעט אויך ביי אַלע פעלקער וואָס האָבן זי ווי אַן אומדירעקטע נחלה איבערגענומען, און דאָס זענען אַלע פעלקער ממש, ווייל דאָס נביאישע, וואָס האָט זיך תחילת ביים ייִדישן פאָלק אַנטפּלעקט, איז קודם כל דאָס מענטשלעכסטע אין יעדן מענטשן, אַזוי אַז דאָס פּרי מאַניפעסטע ביי ייִדן איז לאַטענט ביי אַלץ און אַלעמען, באשר הוא אדם.

ז

דער געדאַנקען־גאַנג, וואָס פלימערט שוין אין זיינע ערשטלינגען, האָט אים געבראַכט צום סאָציאַליזם, ווי עס האָבן אים רעפּרעזענטירט קורט אייזנער און בעיקר גוסטאַוו לאַנדויער (וועגן אים איז טאַקע לעווינס לעצטער אַרטיקל פאַר זיין פּטירה). אָבער־אַמאָל אַ דירעקטע נבואה־ירושה — האָט דאָך אייזנער געקלערט, אַז ער פאַרוועדקלעכט די תורה פון זיין רבין, הערמאַן כהן, און דער קאָנטאַקט פון לאַנדויער און בובער איז אויך נישט קיין קאַטאָוועס. מען דאַרף אויך נישט פאַרטושן לעווינס נטייה צום קאָמוניזם און זיין טראַגישן פּרווו אָפּ־צושיידן צווישן תוך פון מענטשלעכן אינטעגראַל און דער קליפּה פון אוממענטש־לעכער פאַסאַדע. מיר זאָגן טראַגיש, ווייל ער האָט דאָך געזען, ווי ווייט און ווי שנעל די פאַסאַדע האָט אויפגעפרעסן דעם אינטעגראַל, און נישט אומזיסט האָט ער פאַראַנקערט אין אַ געלייטערטן אוטאָפּישן אַנאַרכיזם. ער האָט נישט מורא געהאַט פאַרלאַכט צו ווערן ווי אַן אוטאָפּיסט, אַ פאַנטאַזיאַר, פונקט ווי ער האָט נישט מורא געהאַט קריטיקירט צו ווערן, וואָס ער האַלט נישט פון מאַרקסיזם און נישט פון דיאַלעקטיק, און באַליידיקט צו ווערן, ווייל ער האָט אָפּגעוואָרפן אַ יעדע עבודת אלילים, און דאַרונטער אויך די וואָס מען באַטרייבט מיטן פּראָלעטאַריאַט. מעגלעך, אַז ווען ער וואָלט דעם דאַזיקן זאָג ביזן סוף דערטראַכט, וואָלט ער זיך געפרעגט, אויב האַלטנדיק דעם מענטש בכלל פאַרן העכסטן ווערט, איז ער אויך נישט עובר אויף עבודת־אלילים, אָבער דאָ איז געווען די גרענעץ, וועלכע ער האָט נישט געוואָלט און נישט געקאָנט איבער־טרעטן.

ווייזט אויס, אַז פונקט ווי ער האָט זיך אין בערלין פולבלוטיקער אויס־געלעבט אין דעם סינדיקאַליסטישער באַוועגונג, האָט ער זיך אין ניו־יאָרק אַ סך בלייכער אויסגעלעבט אין קרייז פון דעם רעשטל, בעיקר ייִדישע, אַנאַרכיסטן, און עס איז אפשר קיין צופאַל נישט, אַז אויף וויפל עס לאָזט זיך רעדן וועגן אַ ממשדיקערן אָפּרוף אויף זיין גייסטיקער און קינסטלערישער מי — איז עס געווען די ייִדיש־אַנאַרכיסטישע פּרעסע. מיר האָבן געזאָגט: אויף וויפל עס

לאָזט זיך רעדן וועגן אַ ממשדיקערן אָפּרוף, ווייל אין דער איבעריקער פּרעסע האָט זיך אַפילו, פון מאָל צו מאָל, געלאָזט הערן אַן אָפּשאַץ פון דעם אָדער יענעם ווערק, אָבער עס איז געווען ווייט פון דעם, וואָס אַזאַ קאַלײדאָסקאָפּ און בפרט אין אַזאַ פאַרנעם, רופט געוויינטלעך, סיי פּאָזיטיוו סיי נעגאַטיוו, אַרויס אין אַ ליטעראַטור. און יוסף לעפטוויטש איז גרייַלעך גערעכט, ווען ער זאָגט, אַז אים דוכט, דאָס לעווינס ווערק זענען נישט ווי עס קער צו זיין אָפּגעשאַצט געוואָרן אין דער ייִדישער ליטעראַטור.

ח

אויב מיר ווילן זיך באַקאַנט מאַכן מיטן וועג, וואָס לעווין האָט דורכגעמאַכט ביז צו זיין אויסגעצייטיקסטן בוך, די טרילאָגיע זיינע, מוזן מיר אַ קוק דערלאַנגען אויף זיין כלל שאַפונג. עס ווייזט אויס, אַז אין אָנהויב האָט אים, ווי אויך אַנדערע בני דור, געצויגן צום דראַמאַטישן — צוויי דראַמעס האָט ער נאָך יונגערהייט אַרויסגעגעבן: „אַ שׂריפה”, „פּאַר זינד” (1919), שפּעטער איז געקומען דאָס פּאָעטישע, דאָס דערציילערישע און צום סוף די גרויסע דערציילערישע פּאַנאָראַמע. ווי מיר האָבן דערמאָנט, זענען נישט ווייניק שאַפונגען זיינע אַרויס פריִער אין דייטשישן איבערזעץ, אָדער זענען אַרויס אויך אין ייִדישן אָריגינאַל. אַזוי, אַ שטייגער, האָט זיך זיין ראָמאַן Und er kehrt heim, וואָס איז אַרויס אין טאָוולען (1935), מיט ווערפלס הקדמה, פריִער געדרוקט אין המשכים אין דייטשישן האַמבורגער ייִדישן פאַמיליענבלאַט, אונטערן נאָמען Bumerang און איז ערשט שפּעטער (1936) אַרויס אין ייִדישן אָריגינאַל מיטן טיטל: „דער הויפּזינגער”. נאָך מער, זיין חסידישע נאָוועלע „קעגן הימל”, וואָס פאַרמאָגט דעם גרונטיקן קערן פון זיין משיחישן אני מאמין (דריי רביים רייסן איין די הימלען, אַז כביכול זאָל אַראָפּשיקן משיחן) איז אין העברעיִשן נוסח אַריין אין דער „התקופה” (1923), אָבער איז שוין פריִער אין בוך־פאָרעם אַרויס אין דייטשיש, גאָטיש געכתיבעט, אונטערן נאָמען Chassidische Legende, איבערגעזעצט פון אַרנאָ נאַדל, און מיט האָלצשניטן פון פלינצקער יוסף בודקאָ (בערלין 1921), שפּעטער ווידער אַ מאָל אין פאָטאָסקאָפּיע (ציריך 1964), אָבער דער ייִדישער אָריגינאַל איז אַרויס נאָך דעם איבערזעץ (1935). דעסגלייכן די דערמאָנטע מלחמה־פּאָעמע, וואָס מיר האָבן שוין ציטירט איר פינאַל, — זי האָט זיך אַפילו אַמערשט געדרוקט אין המשכים אין „פרייע אַרבעטער־שטימע” (1924), אָבער אין בוך־טאָוולען איז זי קודם כל אַרויס דייטשיש אונטערן נאָמען: Daemonen des Blutes („בלוט־שדים”) אין אַנאַרכיסטישן פאַרלאַג „דער סינדיקאַליסט” (1925) און שפּעטער, אין אַן אַנדערער מעטרישער פאָרעם, ווידער אַ מאָל צום ערשט דייטשיש, אונטער דעם נאָמען Gesichte, (דאָס בוך אין זיינע ביידע אויפלאַגן איז

פֿאַרברענט געוואָרן אין היטלערס שייטערהויפֿן), אָבער דער ייִדיש־אָריגינאַל האָט דערלעבט אַריינצוקומען אין טאָוולען, אונטערן נאָמען „חזיונות", ערשט יאָרן שפּעטער (1940), אמת, היפּש איבערגעאַרבעט און מיט אילוסטראַציעס פֿון זיין זון, ישעיהו לעווין (גוט באַקאַנט פֿון זיין בוך אַנטי־מלחמהשע צייכענונגען The Parade מיט אַן אַריינפֿיר פֿון אַלבערט איינשטיין). דוכט זיך, אַז די דוגמות קלעקן אויף אָפּצומשלען דעם דאָזיקן פּאַראַדאָקס, וואָס פּאַרמינדערט זיך נישט מחמת דער עובדא, אַז געוועזן ביכער, וואָס זענען צום ערשט אַרויס ייִדיש, ווי אַ שטייגער אין וואַרשע דער ראָמאַן „געזאַנג פֿון דורות" (1928), די דראַמע „אין גלות" (1935), וואָס די פּוילישע צענזור האָט זי געאַסרט און מחרים געווען, און אין ניו־יאָרק „געזאַנג פֿון דורות" (1936) און בעיקר די טרילאָגיע — די ערשטע צוויי בענד דורך דער ייִדישער ראַציאָנאַליסטישער געזעלשאַפֿט אין בוענאָס־איירעס: „צווישן צוויי תהומען" (1959), „שוואַרצע בערג און בלויע טאָלן" (1963), און דער דריטער אין תל־אביב: „וואָלקן־געדראַנג" (1971), אין פֿאַרלאַג „המנורה" תל־אביב.

שמואל לעווין האָט נישט דערלעבט צו זען דאָס ווערק זיינס ברשות הרבים. עס איז דאָס פֿאַרדינסט פֿון זיין אלמנה, מרת לעווין, אין מעהרען געבוירענע, אין דייטשיש דערצויגענע, וואָס האָט זיך דערנענטערט צו דער ייִדישער שפּראַך און ליטעראַטור און האָט נישט געשפּאָרט קיין מי און קיין מיטלען און נישט גערוט, ביז די טרילאָגיע איז נישט אַרויס, סיי אין ייִדישן אָריגינאַל, סיי אין העברעיִשן איבערזעץ פֿון שמשון מעלצער. איך האָב מיך מיט מרת לעווין געטראָפֿן, סיי ביי אונדז אין לאַנד, סיי אין ניו־יאָרק (דאָ האָב איך געהאַט דעם כבוד זי צו האָבן פֿאַר אַ הערערין ביי די העכערע לימודים פֿון ייִדיש־ליטעראַטור ביים „ייִוואָ") און איך בין מודה, אַז איך האָב געשטוינט צו זען, ווי ווייט מסירת נפש פֿאַר אַ גייסטיקער נחלה קען גרייכן. אין פֿלוג קאָן זיך דאַכטן, אַז נאָך אַזאַ מי, מעג זיך מרת לעווין פֿאַרגינען אַ קאַפּ רו, דאַגהט זי זיך אָבער וועגן לעווינס עזבון, ווו עס געפֿינען זיך נאָך נישט־אַרויסגעגעבענע דראַמעס, עסייען, לידער און זיין אויטאָביאָגראַפֿיע.

ט

ווער עס וועט דורכאַקערן דעם גאַנצן, שוין אַרויסגעגעבענעם און נאָך נישט־אַרויסגעגעבענעם מאַטעריאַל, וועט ערשט קאָנען קלאָר און פֿול אָפּשאַצן דעם מענטש אין זיין אויפֿטו, אָבער אויך דאָס וואָס ליגט פֿאַר אונדז, און בעיקר די טרילאָגיע, זענען געענוג אויף צו כאַפּן די עיקר־עובדא — דעם פּאַרמעסט אויפֿצובויען אַ דינאַמיש גרויס־בילד פֿון אַ דור, וואָס האָט זיך צעוויטיקט געקאָר־טשעט אונטערן גזר פֿון צוויי קאַטאַקליזמען, און בלויז אַ רעשטל האָט זיך

פֿון אים אָפּגעראַטעוועט. און מען דאַרף געדענקען, אַז שמואל לעווין איז געקומען
אין דער ייִדישער ליטעראַטור, ווען זי האָט נאָך קולטיווירט ווי דעם עיקר־
אויסדרוק, אין פּראָזע, די נאָוועלע און אירע בעסטע דערציילער זענען געווען
נאָוועליסטן, און האָבן זיך שווער אַרויסדערוועגט אויסער איר רעם, און אַ טייל
פֿון זיי, וואָס האָבן זיך געלאָזט אויפֿן שליאַך פֿון ראָמאַן, האָבן אין אים נישט
דעריאָגט זייער אייגענע מדרגה אין דער נאָוועלע. און דער חילוק פֿון די צוויי
דרכים איז אַ קאַרדינאַלער — דער זאָג, אַז אַ נאָוועלע איז אַ ראָמאַן־בזעיר־אנפּין,
פּונקט ווי דער פּאַרקערטער זאָג, אַז אַ ראָמאַן איז אַ נאָוועלע־באַנפּין־רברבין,
איז אַ שיינער כאַפּ, אָבער פּאָרט נישט מער ווי אַ כאַפּ. נישט בעסער האַלט עס
מיטן זאָג, אַז אַ נאָוועלע אַנטוויקלט איינעם פֿון די אַספּעקטן וואָס דער ראָמאַן
קאָן, אָבער וויל אים נישט מאַכן פֿאַרן צענטער, און אַ פֿאַרגלייך צווישן דעם וואָס
גאָבסעק שטעלט ברייט און טיף פֿיר אין באַלזאַקס נאָוועלע, וואָס רופֿט זיך אויף
זיין נאָמען, און צווישן דעם עפּיזאָדאַלן ווינקל וואָס גאָבסעק קריגט אין ראָמאַן
וועגן גוריאָ, זאָל דאָס באַשטעטיקן. דען דער חילוק שטעקט ערגעץ אַנדערש
און איז עפּעס אַנדערש — אַ נאָוועלע, סיי ווען זי גלויבט, אַז איר טראָפּן קאָן
אָפּשפּיגלען דעם גאַנצן ים, סיי ווען זי ווייסט, אַז זי איז אַ כוואַליעכל צווישן
די כוואַליעס אַרום זיך און אונטער זיך, און ערשט מיט זיי איז דער טייך אַ טייך
און דער ים אַ ים, ווערט אילוזאָריש, ווען זי רעדט זיך איין צו זיין אַ טאָטאַלי־
טעט. און דאָ איז נישטאָ קיין חילוק צווישן דער קלאַסישער נאָוועלע
וואָס איז געווען אַ געשלאָסן געביי, און איז געווען דעם עלטערן דור נאָענט
צום האַרצן — פֿלעגט דאָך מיין לערער, הער פּאָגעל, זיך דערמיט דעלעקטירן
און זאָגן: אָט אַזוי קאָן מען טאַקע דורכפֿירן אַ קעמל דורך אַ לעכל פֿון אַ נאָדל, -
און צווישן דער מאָדערנער נאָוועלע, וואָס איז באַוווּסט ווי אַן אין־דער־מיט־
אָפּגעהאַקטער פֿראַגמענט און איז דעם עלטערן דור געווען ווייט פֿון האַרצן —
מלך ראַוויטש האָט דערציילט, אַז זיין מאַמע, מרת הינדע עליה השלום, פֿלעגט
זיך קלאָגן אויף אַזעלכע נאָוועלן און זאָגן: איך ווייס נישט צי בין איך אייב־
געשלאָפֿן אין דער מיט אָדער דער מחבר איז אין דער מיטן איינגעשלאָפֿן.
על כל פּנים איז די נאָוועלע אַ מסופּקדיקער אינסטרומענט אויסצושפּילן אַ טאָטאַ־
ליטעט סיי אין איר אויפֿפּראַל, ווי עס האָבן געטאָן די ראָמאַניסטן פֿון נייַנצנטן
יאָרהונדערט, סיי אין איר פֿונאַנדערפּראַל, ווי עס האָבן געטאָן די ראָמאַניסטן
פֿון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. און אַזוי ווי די ייִדישע טאָטאַליטעט, וואָס איר
אויפֿפּראַל און פֿונאַנדערפּראַל האָבן זיך געפֿונען אין ענגסטן שכנות, האָט זיך
אונדזער ליטעראַטור נישט געקאָנט, און במילא נישט געטאָרט באַנוגענען מיט
דער נאָוועלע, אַפֿילו ווען זי האָט זיך אויסגעברייטערט ביז צו אַ כמו־ראָמאַן, ווי
מיר האָבן עס אין קאָנטראַווערסאַל געזעענעם שטעטל פֿון אַש און ווייסנבערג,

אַזוי, אַז נאָך דער ערשטער מלחמה, לא כל שכן נאָך דער צווייטער מלחמה, האָט זי ממש געשריגן נאָך אַ גרויסן, פּילגלידערנדיקן ראָמאַן, און דער ייִדישער שרייבער, וואָס האָט דעם געשריי פון זיך אַרויסגעהערט, האָט, בעצם, באַדאַרפט אויסטרעטן אַ נייעם וועג, ווי עס פאָדערט דער שוידערלעכער סוזשעט, וואָס האָט נישט זיינס גלייכן אין די אייראָפּעיִשע ליטעראַטורן. אָבער אַזוי ווי ער האָט אין זכרון נאָך געהאַט טאָלסטאָי און ראָמאַן ראָלאַן און פאַר די אויגן שוין קאַפקאַ און דזשויס, האָט ער זיך, סיי לרצונו סיי לכרחו, געלאָזט אויפן וועג, ווו דער קוק דערמאָנט דאָס ערשטע פּאָרל און די שטימונג דאָס צווייטע פּאָרל, — פון דאַנעט דאָס געמיש פון אַ רעאַליסטישן תוכן און סורעאַליסטישע כלים. אָדער פאַרקערט. צווישן די סתירות וואַקלען זיך אונדזערע דערציילער — בולטע דוגמות דערצו דיביידע ברידער זינגער, און עס וואַקלט זיך אויך שמואל לעווין.

מעגלעך אַז זיין וואַקל האָט אַ באַזונדערן טעם — ער טראָגט, ווי זיינע בני דור, אין זיך אַ סך פערמענטירנדיקן מאַטעריאַל, וואָס פאָדערט פון זיך דערציילט צו ווערן, קודם כל פון זיך אַרויס, וועגן אַ ים מענטשן אין געשעענישן, און דער סובסטראַט זיינער, די שפע איבערלעבונגען, געשעענישן, וויזיעס, רעפלעקסן, וועקט אַ טיפן קאָנפליקט — דער קינסטלערישער קאָדעקס פאָדערט אַ צוים, ווייל קונסט באַשטייט דאָך אין דעם וואָס מען קלויבט אָפּ, און לויט מאַקס ליבערמאַן איז קונסט בעיקר דאָס וואָס מען לאָזט אויס, — אָבער דער מאָראַלישער קאָדעקס פאָדערט אַלץ און יעדן, וואָס דער מבול האָט פאַרשוועכט און דערטרונקען, צו ראַטעווען אין וואָרט. און אויב מען מעג זיך באַנוצן מיט אַ משל, איז עס אַ גערעַנגל צווישן אַ מאַוזאָליי, ווו געקליבענע קריגן זייערע מאַסיווע סאַרקאָפאַגן און געטאָקטע רעליעפן, און צווישן אַ בית הקברות, ווו יעדער קריגט זיין פּה נטמן און זיין מצבה־נוסח. פאַר אַזאַ מין גערעַנגל שטייט אַ יעדער באַשרייבער פון דער ייִדישער טאָטאַליטעט אין אונדזער דור — מיר האָבן דאָ נישט צו טאָן מיט קריזיס און איבערבראָך, וואָס פאַראַנדערשן די אַטריבוטן פון קיום, נאָר מיט אַ קאַטאַסטראָפע וואָס האָט אָפּגעמעקט די עצם סובסטאַנץ פון קיום. און די שארית הפליטה, וואָס האָט זיך אַרויסגעראַטעוועט צו אַ נייעם אויפקום, איז מחויב מקיים זיין דעם זכור את אשר עשה לך עמלק, צו דערהאַלטן אַלץ, פונעם גרעסטן ביזן קלענסטן, ווי אַ יש, וואָס פאָדערט זיין שאָטן און זיין שפּיגל, אויף צו בלייבן אייביק אין זכרון און דמיון פון פאָלק. נאָר אין דעם ליכט מוז מען אָפּשאַצן לעווינס דערגרייכן און שטרויכלען, אין זיין גראַנדיאָזן פּרווו אַרומצונעמען די שוידערלעכע וואָר פון נעכטן אין דעם נאָך גראַנדיאָזערן פּרווו אין דער וואָר, איבער איר און אונטער איר, צו דערהאַלטן דעם טרייסטנדיקן חלום פון מאָרגן.

[ירושלים, חשון תשל״א]

אַ טאָפּעלע באַגעגעניש

אַריינפיר צו חיים גראַדעס לעקציע אין ירושלימער אוניווערסיטעט

א

קומענדיק באַגריסן חיים גראַדען, ווייל איך באַמערקען, אַז עס איז אַ שיין באַגעגעניש — צווישן אים, דעם דיכטער און דערציילער, און אונדז, זיינע לייענער און לערנער, בפרט, אַז עס איז בעצם אַ טאָפּעלע באַגעגעניש, ווייל עס קומט דאָך צו דער עיקר — דאָס באַגעגעניש צווישן אים און ח. נ. ביאַליק, ווי ער זעט זיין געשטאַלט און זיין דיכטונג; קלאָרער געזאָגט: ווי ער לעבט זיי דורך. אַוודאי, אַ סך וועגן און שטעגן פירן צו ביאַליקן — און די ווענט פון אונדזער אוניווערסיטעט ווו עס קומט איצט פיר דאָס היינטיקע טאָפּעלע באַגעגעניש, האָבן געזען און געוויזן אַ שלל וועגן און שטעגן, און בעיקר דעם וועג פון דערקלער און אויסטייטש און דעם שטעג פון פאָרשונג און אַנאַליז, וואָס עפענען פּער־ספּעקטיוון; פאַרמיידן אָבער אויך נישט קיין סכנות.

פּערספּעקטיוון — די חידושים, וואָס העלפן אונדז פאַרשטיין ביאַליקס פּאָ־עזיע און אויפכאַפּן איר באַשטאַנדיקן ווערט, וואָס האַלט אויס די שינויים און בייטן פון טעמים און סיסטעמען. סכנות — דאָס דערטרענקען פון זיין פּאָעזיע אין אַ ים דקדוקים, אַזוי, אַז נישט איינער, וואָס פּרוווט פון איר הנאה האָבן, איז געגליכן צו יענעם ליטווישן רב, וועמען הערמאַן כהן האָט געגעבן איבער־לייענען זיין בוך איבער ייִדישקייט, און אַז דער פילאָזאָף האָט דעם רב געפרעגט, וואָס ער קלערט דערוועגן, האָט ער געענטפערט: יאָ, אָבער ווו האָט איר דאָ נאָך איבערגעלאָזט פּלאַץ פאַרן רבונו־של־עולם. און כדי מקרב צו זיין דעם משל צום נמשל, וועלן מיר פרעגן: רבותי פאָרשער, און ווו האָט איר דאָ נאָך איבער־געלאָזט פּלאַץ פאַר איבערלעבעניש און דיכטונג?

און אויב מיר ווילן פאַרגרעסערן די פּערספּעקטיוון און פאַרקלענערן די סכנות, איז עס אונדזער זכות און חוב צוגלייך, צו פּרווון באַנייען דאָס איבער־לעבעניש, און דערצו קאָנען בעיקר העלפן פּאָעטן, ווען זיי דערציילן אונדז, ווי אַזוי האָבן זיי גופא איבערגעלעבט די דיכטונג פון זייערע חברים און מייסטער. דאַנקען מיר טאַקע אונדזער טייערן גאַסט, וואָס ברענגט פאַר אונדז אַזאַ מין ווידוי.

ב

איך וויל נישט, ווייל איך קאָן נישט, פּיראַויסזאָגן, וואָס אונדזער גאַסט וועט אונדז פאַרציילן, כאָטש ער האָט שוין עפּעס, אין אַן אינטערוויו, אָנגעוויזן. אָבער אַן עוקץ וועל איך מיר פאָרט דערלויבן, בפרט, אַז עס איז אונדז בייגעשטאַנען זיין יוגנט־פריינד אין דער ישיבה, פּראָפ. שרגא אַבראַמזאָן — ווען ער האָט מיט עטלעכע יאָר צוריק, געקריגן די ביאַליק־פּרעמיע, האָט ער דערציילט, ווי ווייט ביאַליקס פּאָעזיע איז באַקאַנט געווען צווישן די ישיבה־בחורים, אַזוי, אַז ווען ער האָט זיך געגרייט עולה זיין, כדי צו לערנען אין דער לאָמזשער ישיבה אין פּתח־תקוה, האָט ער געהאָפּט, דעם דיכטער דאַריבער צו דערציילן, און אים ברענגען אַ ראיה אויף צו שטאַרקן די פיר שורות אין „המתמיד‟, ווו עס הייסט:

„וזכורני מה חזק הגרעין, מה בריאה
הפרודה הטמונה בחלקתכם הזועמה.
מה רבה הברכה אלינו הביאה,
לו קרן רק אחת יחמתה בחמה‟.

טייטש: און איך געדענק, ווי שטאַרק די זערנע, ווי געזונט די גרודע, פאַרבאַהאַלטן אין אייער קאַרגן שטיקל פעלד; וואָס פאַר אַ גרויסע ברכה זי וואָלט אונדז געבראַכט, ווען איין שטראַל וואָלט זי, מיט זיין וואַרעמקייט, אויפגעבריט. און אַ ראיה אָפּצוּוואַרפן די סאַמע לעצטע דריי שורות דאָרט:

„הה, צר לי מאד, צר לי, עמי חלכה!
מה צחיחה החלקה ומה מקללה
אם פרודות כאלה תעבשנה בתוכה‟.

טייטש: אוי, עס טוט מיר זייער לייד, עס איז מיר אַ שאָד, מיין בידנע פאָלק, ווי טרוקן און פאַרשאָלטן איז דאָס שטיק פעלד, אויב אַזעלכע גרודעס פאַרשימלען אין איר. און וואָס פאַר אַ גרעסערע ראיה צו באַשטאַרקן די פריערדיקע פיר שורות, און וואָס פאַר אַ בעסערע ראיה אָפּצוּוואַרפן די לעצטע דריי שורות, קאָנען מיר זיך פירשטעלן, ווי אָט דאָס פּאָרל חברים, און זייערס גלייכן.

ג

און ביי חיים גראַדע איז דאָך דאָס אַרב פון דער ישיבה, סיי זאָמען, סיי קערן; און די אַטמאָספער פון דער ישיבה, סיי פּרוכט, סיי תבואה, און דאָס פון סאַמע אָנהייב פון זיין גאָר זיכערן טריט אין דער פּאָעזיע ביז זיין גאָר פעסטן טריט אין דער פּראָזע. און עס איז כדאַי זיך צוריקצוקוקן צו יענעם אָנהייב — ווי באַקאַנט איז ער, יינגלווייז צוגעשטאַנען צו דער קליינער גרופּע אָנהייבער,

וואָס האָט זיך אַ נאָמען געגעבן „יונג ווילנע", ווו דאָס ווילנע פונעם גאון איז געוועןן אַ גאָר־גאָר ווייטער אייערנעכטן; און דאָס ווילנע פון שולמאַן און פין. פון די לעבנזאַנס און יל"ג, איז געוועןן אַ היפּש ווייטער נעכטן, נייערט דאָס ווילנע פון זלמן רייזען און מאַקס וויינרייך און ייוואָ, איז געוועןן דער נאָענטער היינט.

און אין דער גרופּע איז חיים גראַדע געוועןן ענלעך צו אירע חברים און אַנדערש פון זיי. ענלעך — אין צייטגייסט און מענטאַליטעט; אַנדערש — אין ביאָגראַפישן סובסטראַט. איך האָב שוין אַ מאָל דערציילט, וואָס פאַר אַ רושם זיין פּאָעמע „מוסרניקעס" האָט בשעתו געמאַכט; ווי עס האָבן זיך דעמאָלט צע־שמועסט גוטע מבינים, וועלכע האָבן פריִער געמיינט, אַז דער „המתמיד" איז אַ פינאַל, און אָט האָט זיך גאָר אַרויסגעשטעלט, אַז ער איז אַן אָוועערטור; אָדער איבערחזרנדיק די דערשטוינונג פון בערל קאַצענעלסאָן און זלמן רובאַשאָוו — היינט אונדזער פּרעזידענט — וואָס האָבן געזאָגט: עוד חזון לבני הישיבה. טייטש: נאָך פאַראַן וויזיע ביי די ישיבה־בחורים.

איך בין דעמאָלט געוועןן דער דריטער צום מזומן, און כאָטש איך ווייס, אַז מיין עדות האָט ווייט נישט אַזאַ האַפט ווי זייערס, מעג איך עס דערמאָנען, נישט מחמת זיין וואָג, נאָר מחמת זיין סאָרט — זיי, וואָס דאָס מזל זייערס האָט זיי געלאָזט געבוירן ווערן און אויסוואַקסן אין צפונדיקע קאַנטן, האָבן די פּאָעמע, וואָס באַהאַנדלט אַ ישיבה אין ליטע און ביעלאָרוסיע, איבערגעלעבט ווי אַ באַר־נייטע באַקאַנטשאַפט; איך, וואָס דאָס מזל האָט מיך געלאָזט געבוירן ווערן און דרומדיקערע קאַנטן, האָב די פּאָעמע איבערגעלעבט ווי אַן אומבאַקאַנטע נייעס; אָדער אַנדערש געזאָגט: פאַר זיי איז דאָס געוועןן — אַ השבת־אבידה; פאַר מיר ווייטער — אַ מציאה.

ד

אָבער ווער האָט זיך דעמאָלט געקאָנט ריכטן, אַז עס דערוואַרט אונדז נאָך אַזוינס און אַזעלכעס — די גרויסע בלעטער פּראָזע, וואָס אַנטפּלעקן, אין אַ לע־בעדיקער קינסטלערישער פּלאַסטישקייט, דעם גאַנצן פאַרנעם פון נוסח ליטע און איר סאַמע ברען, ירושלים־דליטא, און איר אַרום: אָט יענע בלעטער פון „דער שולהויף" און „דער ברונעם"; פון „דער מאַמעס שבתים" און „די עגונה"; פון „צמח אַטלאַס" און אַנדערע ראָמאַנען און נאָוועלן, וואָס זענען נאָך נישט אַריין אין טאָוולען. און דעם אַספּעקט פון פּראָזאַיִקער באַגלייט דאָך — און איז אים אַפילו פירויסגעלאָפן — דער אַספּעקט פון פּאָעט: די פּאָעטישע ווערק, פון „יאָ" ביז „אויף דעם וועג צו דיר", ווו עס איז בולט דער באַנייטער אומקער צו די פּאָעטישע עלעמענטן, וואָס ביאַליקס דיכטונג האָט אויסגעאיידלט און אויסגעפּיעשטשעט.

הערן מיר דאָך פון די בענד לידער אַרויס דאָס קול פונעם אומגליקלעכסטן און גליקלעכסטן דור, וואָס דער גורל האָט אים אַראָפּגענידערט, געקניפּט און געבונדן,ביידע מגילות, די מגילה פון אומקום און די מגילה פון אויפקום; און אויב מיר שמועסן וועגן באַגעגעניש צווישן אונדזער גאַסט און ביאַליק, שטעקט דאָך דער עיקר אין דער באַגעגעניש פון זייערביידנס דיכטונג, וועלן מיר טאַקע אָנבייגן אונדזער אויער און, דרך אגב, אויך הערן, וואָס האָט דער דיכטער, וועמענס מזל האָט אים געלאָזט געבוירן ווערן און אויסוואַקסן אין צפונדיקערע קאַנטן, צו זאָגן וועגן דעם דיכטער, וועמענס מזל האָט אים געלאָזט געבוירן ווערן און אויסוואַקסן אין דרומדיקע קאַנטן.

און דאָ וויל איך בלויז דערמאָנען, וואָס איך האָב אַ מאָל געהערט פון ש״י עגנון, וועלכער האָט געהערט פון ח. נ. ביאַליק — ווען ער, ביאַליק, איז געקומען לערנען קיין וואָלאָזשין, האָט אים דער נציב (ר׳ נפתלי צבי יהודה בערלין) אָנידערגעשטעלט אויף אַ נידעריקער באַנק און פאַרהערט; און אַז דאָס בחורל האָט אויף אַלעמען געענטפערט, האָט דער נציב אַ פרעג געטאָן: אַ ליטוואַק? האָט דאָס בחורל געמאַכט ניין; האָט ער ווייטער געפרעגט: דער טאַטע אַ ליטוואַק? האָט דאָס בחורל געמאַכט ניין; האָט ער צום סוף געפרעגט: דער זיידע אַ ליטוואַק? האָט דאָס בחורל ווידער אַ מאָל געמאַכט ניין. האָט דער ראש־ישיבה אַ זאָג געטאָן: ניט מעגלעך. אמת, ביאַליקס זיידע האָט, פונקט ווי ער, געלערנט אין ליטווישע ישיבות, און אין זיין שמועס־שפּראַך האָט זיך די רעכטע שי״ן אויסגעוועפּט און פאַרביטן אויף אַ לינקער שי״ן, אַ זאַך, וואָס מיר באַמערקן, דאָ און דאָרט, אין די גראַמען פונעם אייניקל; אָבער וואָלין, אַפילו ווען עס פאַרוויילט אין די געצעלטן פון ליטע, איז אַלץ וואָלין; און עס איז פאַרט מעגלעך.

ח

און מיט אייער דערלויב, וועל איך פאַרענדיקן מיט אַ סיפור־מעשה, וואָס איך האָב ייִנגלווייז געהערט פון אַן אַלטן ווילקענעוודיקן ייִדן — אַז דער פני יהושע איז מחמת מחלוקת, צוריקגעקומען קיין לעמבעריק, איז ער צוליב זיין געזונט געפאָרן געניסן וואַלדלופט — אַ טייל זאָגן קיין נאַראָל, אַ טייל זאָגן קיין לוביען וויעלקי — זענען אַלע ייִדן פונעם שטעטל און די דערפער אַרום געקומען אַזוי צו זאָגן: וויל אונדז, וואָס מיר האָבן דערלעבט צו זען דעם פני יהושע; האָט ער זיי געפרעגט: האָט איר אים אויך געלערנט? האָט דער ווילער צווישן זיי געענטפערט: עפּעס האָבן מיר אויך געלערנט. האָט דער גאון באַמערקט: הייסט עס, זעען זעט איר אַ גאַנץ פּנים, אָבער לערנען האָט איר געלערנט בלויז אַ שטיקל פּנים. מעגלעך, אַז דער גאון האָט, אין די דאָזיקע ווערטער, באַהאַלטן אַ שטילן קרעכץ, וואָס ער האָט נישט אוספּיעט אַרויסצוגעבן

דאָס גאַנצע ספר זיינס, און האָט אָפּגעדרוקט בלויז טיילן, אָבער יענער ווילל־לערנער האָט אַזוי געענטפערט: פני יהושע כפני הלבנה — יהושע זעט אויס ווי די לבנה, — און דער עיקר מחדש און מקדש זיין די לבנה איז, ווען עס ווייזט זיך בלויז אַ טייל פון איר, און אַזוי ווי מיר האָבן זוכה געווען צו זען דעם מולד, וועלן מיר זוכה זיין צו זען די גאַנצע און פולע לבנה.

און דער נמשל איז אונדזער גאַסט, וואָס האָט אַ גוטן שם ביי אונדז אין לאַנד, און זיינע ספרים זענען זייער פּאָפּולאַר, סיי אין יידישן מקור, סיי אין העברעישן תרגום; אָבער פאַר אונדז דאָ, לערער און תלמידים פון יידיש, איז דער עיקר דער מקור, און דערפאַר האָבן מיר האָיאַר, אין יידיש־קרייז פון אוני־ווערסיטעט, דורכגעפירט אַ קורס לעקציעס וועגן חיים גראַדע און זיין אויפטו, און האָבן צוליב דעם אַרויסגעגעבן, אין איין באַנד, אַ פרק שירה און אַ פרק פּראָזע, וואָס דערגאַנצן זיך — די פּאָעמע „מוסרניקעס" און די עסיי „מיין קריג מיט הערש ראַסיינער"; און אויב עמעצער וועט זאָגן, אַז מיר האָבן איצט זוכה געווען צו זען זיין גאַנץ פּנים, אָבער געלערנט בלויז אַ שטיקל פּנים, וועלן מיר ענטפערן, ווי יענער ווילל־לערנער מכוח דער לבנה: וואָס שייך אונדזער גאַסטס שאַפונג, איז ווי מיר האָבן זוכה געווען זי צו לערנען און איר מולד, אַזוי וועלן מיר זוכה זיין זי צו לערנען אין איר פולקייט, אָמן כן יהי רצון.

[תש"ל]

צווישן אינערציע און המצאה

ישׂראל מה־יפית

א

ישׂראל (אברהם) מה־יפית, וואָס איז מיט פערציק יאָר צוריק אַוועק פון דער וועלט, אין עלטער פון דריי און דרייסיק יאָר, איז היינט כמעט אַ פאַרגעסענער נאָמען. איך זאָג: כמעט — ווייל ער ווערט דאָך פאָרט, פון מאָל צו מאָל, דערמאָנט, בעיקר ווען עס קומט אויס צו שמועסן וועגן ח. נ. ביאַליקס „שירי עם", וואָס מה־יפית איז געווען איינער פון זיינע פיינסטע פאַריִדישער, אַזוי־ווייט, אַז מען האָט אָנגענומען, דאָס מה־יפית איז, בעצם, איינער פון ביאַליקס פּסעוודאָנימען. די דאָזיקע איבערזעצן געפינען זיך אין יעדער אויסגאַב פון ביאַליק אין יִדיש — אָנגעהויבן מיטן בוך „שירים", (כלל־פאַרלאַג, בערלין 1922), און פאַרענדיקט מיטן בוך „אויסגעקליבענע שריפטן" (מוסטערווערק 20, בוענאָס־איירעס 1964). אָבער דאָס איז דאָך בלויז אַ טייל פון מה־יפיתס שאַפונג, אַפילו בלויז אַ טייל פון זיין איבערזעצערישער מי. וואָס האָט אַרומגענומען אַנדערע דיכטער, סיי אין אונדזער, בעיקר מיטלעלטערלעכער ליטעראַטור (ר' יהודה הלוי, ר' שלמה גבירול), סיי אין אַנדערע, מאָדערנע ליטעראַטורן, אין די שפּראַכן וואָס ער האָט באַהערשט (רוסיש, דייטשיש, פּויליש). נאָך מער, ער האָט זיך פאַרנומען מיט פאַריִדישן קרילאָוו, כאָטש ער האָט מסתמא געוווּסט פון די פריִערדיקע פּרווון (ר' מרדכילע, ריוועסמאַן וכדומה), און דאָס באַווייזט, ווי ווייט עס האָבן געגרייכט זיינע איבער־זעצערישע אַספּיראַציעס. אָבער אויך די דאָזיקע מי זיינע איז בלויז אַ טייל פון זיין פרוכפּערדיקער שאַפערישקייט — ליד, קופּלעט, דערציילונג, פעליעטאָן, דראַמע.

ב

אמת, אַ יאָר נאָך זיין טויט איז אַרויס אַן אָפּקלייב פון זיינע הומאָרעסקן, אָבער לאָ די וואָס עס איז בלויז איין באַנד פון פינף בענד, וועלכע ער האָט נאָך ביים לעבן פּלאַנירט, און וואָס זענען ער היום נישט דערשינען, איז עס היינט־צו־טאָג אַ ביבליאָגראַפישער ווייסער ראָב. אויך אמת, אַז אין די דרייסיקער יאָרן האָבן זיך, דאָ און דאָרט, באַוויזן זאַכן פון זיין ליטעראַרישער נחלה — איך גופא האָב דעמאָלט

אָפּגעדרוקט עטלעכע פון זיי אין „דבר"; און אויפן שוועל פון ניינטן יאָרצייט זיינעם האָט די קאָוונער „אידישע שטימע", ווו ער איז געווען אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער, אָפּגעדרוקט אַן אָפּקלייב פון זאַכן, וואָס זענען געבליבן אין עזבון, אָבער ווידער אַ מאָל — דאָס שלאָפט אין ביבליאָטעקן, און לעת־עתה האָבן מיר אַפילו נישט קיין לייטישע ביבליאָגראַפיע, וואָס זאָל אונדז העלפן זיך אָריענטירן אין דעם רייכן און פאַרביקן מאַטעריאַל.

אָבער די זעלבע געטרייע האַנט, וואָס האָט מיט קאַרגע דרייסיק יאָר אַרויס־געגעבן מה־יפיתס איינציקן בוך, דערלאַנגט אונדז איצט, צום פערציקסטן יאָרצייט, דאָס געזעמל, וואָס ליגט איצט פאַר אונדז. עס איז זיין אַלמנה, מרת חנה לבית יורמאַן, וואָס האָט זיינע זאַכן איבערגעזעצט אין דייטשיש און אַלע יאָרן אָפּגע־היטן מה־יפיתס זכר און זכרון און מיר ווילן האָפן, אַז דער אָפּקלייב, וואָס איז איצט אַרויס (פאַרלאַג „המנורה" תל־אביב), איז אַן אָנהייב, וואָס וועט האָבן אַ פאַסיקן המשך.

ג

דער אָפּקלייב, וואָס קומט אויפפרישן דעם קאָנטאַקט צווישן מחבר און אַ ציבור לייענער, נעמט בעיקר אַרום הומאָרעסקעס און די ביאַליק־איבערזעצן, וואָס מיינט צוויי אַספּעקטן פון זיין שאַפן, און אַזוי ווי די איבערזעצן זענען באַקאַנטער און פּאָפּולערער, פאָדערט זיך איצט בעיקר אַן אָפּשאַץ פון זיין באַזונ־דערן הומאָר־נוסח. און שוין אין סאַמע אָנהייב פון אַזאַ פּרווו מוז מען באַמערקן, אַז אַזאַ באַזונדערקייט האָט נישט געהערט צו די לייכטע זאַכן, בפרט ווען מיר נעמען אין באַטראַכט, אַז עס איז געווען אַ שטענדיקע רובריק, וואָס האָט אין דער ייִדישער פּרעסע געהאַט איר היפּשלעך לאַנגע מסורה, און האָט זיך, אויך טעמאַטיש, געדרייט אַרום ייִדישן לוח, און ווי עס פירט זיך ביי אַן איינגעזעצטער מסורה, לאָקערט אויף איר דער שאַבלאָן, און עס פאָדערט זיך טאַלאַנט, אָנצוהאַלטן די מסורה, און אַפילו נישט פאַרוואַרפנדיק דעם אָדער יענעם שאַבלאָן, צו בלייבן אין תחום פון הומאָר און זיך נישט אַריינגליטשן אין תחום, וואָס סימולירט כביכול הומאָר, און איז נישט מער ווי ליצנות אָדער בדחנות, ווי מיר האָבן עס, בעוונותנו, אין אונדזער פּרעסע; קירצער געזאָגט: אָנהאַלטן די מסורה פון טעמאַטישן צובונד צום לוח און פאָרט מחדש זיין.

ד

און עס וואָלט אפשר לייכטער געווען די סכנות פון דער איינגעשטעלטער מסורה גובר צו זיין, ווען נישט דער כוח פון דער שטאַרקער קאָנקורענציע — ווער האָט דאָס נישט, מיט זיין הומאָר, באַדינט דעם לוח: י. ל. פּרץ, מרדכי ספּעק־

טאַר, ומי לנו גדול, שלום עליכם, און אין פלוג קאָן זיך דאַכטן: ומי יבוא אחרי המלך, ווער קען דאָס קומען נאָכן קיניג? שטעלט זיך אַרויס, אַז אויב מען קאָן — קען מען. וואָס שייך שלום־עליכם — האָט דאָך שלמה ביקל אנגעוויזן, אַז שלום־עליכם האָט אַפילו אין זיין גרויסן טיפּאַזש — טוביה, מנחם מענדל — איבערגעלאָזט גרויסע מעגלעכקייטן מחדש צו זיין. אויב אַנטוויקלען זיין געדאַנק, האָט שלום עליכם דאָס פּאַרל אויסגעבויט, צוזאַמענגעמענדיק אַן עולם יידן, ווו דאָס פסיכיש־ און מענטאַל־בשותפותדיקע געשטאַלטיקט זיך צו די צוויי גראַנדיאָזע טיפּן, בשעת דאָס נישט־בשותפותדיקע בלייבט, ווי עס בלייבן יענע שטיקער שטיין, וואָס דעם סקולפּטאָרס דלויט וואָרט זיי אָפּ פון דער געשאַפענער פיגור. און דער חילוק צווישן דעם משל און נמשל איז, אַז אין משל האַנדלט עס זיך וועגן טויטן שטיין, וואָס איז אָפּגעפאַלן, בשעת אין נמשל האַנדלט עס זיך וועגן לעבעדיקע מענטשן, וואָס דאָס גלייכע צווישן זיי איז אַריין אין דער געשטאַלט, און דאָס אומגלייכע צווישן זיי איז געבליבן אין דרויסן, און זוכט זיין תיקון.

ביקל האָט זיך אויף דעם פּראָבלעם אָנגעשטויסן נישט דווקא להלכה, נאָר למעשה — ער האָט אין זיין היימשטאָט, קילימיי, געקענט אַ ברייה, וואָס איז געווען סיי ענלעך און סיי נישט ענלעך צו מנחם־מענדל, און ער האָט דאָס נישט־ענלעכע סקיצירט און אויסגעבולט.

ה

ווען ביקל האָט דעם ענין, סיי להלכה סיי למעשה, פירגעבראַכט, האָט עס שוין מה־יפית פון לאַנג און, ווי עס ווייזט אויס, גאָר באַוווסט פּראַקטיצירט. פּונקט ווי ער האָט געוווסט וועגן דער הומאָר־מסורה אין איר טעמאַטישן צובונד צום לוח, אַזוי האָט ער געוווסט פון דער צענטראַלער ראָל פון שלום־עליכם אין דער טעמאַטיק, און טאַקע מחמת זיין באַוווסטזיין, איז ער נישט געווען אַ נאָכמאַכער, נאָר אַ באַנייער, כדי דאָס צו באַווייזן, וועלן מיר אָנהייבן מיט אַ קלייניקייט, אַ פּאַרטל — מה־יפית רופט דאָס טיפּישע שטעטל, ווו אַ סך הומאָרעסקעס זיינע פּאַסירן, מיטן נאָמען כתריל־ישאָק, און עס קאָן זיך דאַכטן, אַז עס איז נישט מער ווי אַ ליטווישער צופּאַס צום אוקראַינישן כתריל־יווקע, אָבער אַז מען לייענט זיך אַריין, פילט מען בפירוש די אָריגינאַלע נאָטע, און דער נאָמען איז מרמז דערויף, אַז פּונקט ווי דער מחבר ווייסט, פון וואַנען און פון וועמען ער גייט, ווייסט ער, וווהין ער גייט.

אַז מען לייענט די ערשטע הומאָרעסקע „דער כוח פון געלט" ווייסט מען קלאָר, אַז דער מחבר האָט געוווסט, און אפשר אויך פאַר די אויגן געהאַט, שלום־עליכמס הומאָרעסקע וועגן גרויסן געווינס, וואָס האָט אויסגעצייטיקט די קאָמעדיע „עמך"; האָט אָבער געגעבן אַן אָריגינאַלע הומאָרעסקע, ווי זי האָט געקאָנט בלויז

אין רעם פון דעם פערסאָנאַזש אין דער אַקציע, אין דעם אָרט און דער צייט פיר־קומען. עס זענען צען קליינע פּרקים, וואָס יעדער פון זיי פאַרענדיקט זיך מיט אַ גראַם־שטיפעריי, און בשעתן לייענען, ווערן מיר כביכול פאַרבעטן צו זען, ווי עס חזרט זיך דאָ, אין מיניאַטור, איבער דער תוך פון שלום עליכמס לאַנגער מעשה — דאָ האָבן מיר נישט קיין שניידער, וואָס אַ טעותדיק געלייענטער ציפער אין דעם לאָטעריע־צעטל מאַכט אים, אין די אויגן פון גאַנצן שטעטל, אויף אַ שטיק צייט, אַ גביר אדיר, און די סביבה חנפעט אים, כדי נאָכן אויפגעקלערטן טעות, זיך צוריקצוקערן צום אַלטן גרינגשאַץ; דאָ האָבן מיר אַ בטלנישן לערער, וואָס אַן אַנדער מין טעות אין לאָטעריע־צעטל מאַכט אים, בלויז אויף איין איינציקן מיטיק, אין די אויגן פון אַ דרייקעפּיקער משפּחה, פאַר אַ שטיקל עושר, און דער דריילינג איז אים, לשם שידוך, מקרב, כדי נאָכן אויפגעדעקטן טעות, אים ווידער און ווייטער מבזה צו זיין.

פאַראַן, פאַרשטייט זיך, אַ חילוק: פאַרן שניידער איז דער אומקער צו שער־און־אייזן אַן אומקער פון אַ ליגנערישער, אַנשטעלערישער און אין־תוך פוסטער וועלט, צו זיין אייגענעם מהות און כאַראַקטער, וואָס מאַכט אים צוריק פריי און גליקלעך; פאַרן לערער איז דער אומקער פונעם רייכן מיטיק, ביי וועלכן ער איז געזעסן אין דעם פיינעם קאָסטיום, וואָס דער גאַסטגעבער זיינער האָט אים אויס־געסטרויעט, ער זאָל האָבן אַ פּנים ווי עס פּאַסט פאַר אַ קאַנדידאַט פון אַן איידעם, אַן אומקער פון גרויען קבצנות צום גרויען קבצנות. אפשר האָט עס נישט צו טאָן מיטן חילוק צווישן נוסח אוקראַינע און נוסח ליטע, אָבער זיכער האָט עס צו טאָן מיטן חילוק פון די מחברים, וואָס פירט דעם רבין צו אַן אָפּטימיסטישן און דעם תלמיד צו אַ פּעסימיסטישן פינאַל.

ו

און עס איז ווייט נישט די איינציקע הומאָרעסקע, ווו עס בעט זיך אַ פאַרגלייך צווישן דעם באַנוץ מצד מחברים און דעם באַנוץ פון אונדזער מחבר מיט דעם זעלבן מאָטיוו, בפרט דאָרט, ווי עס לאָזט זיך אָננעמען, אַז ער האָט וועגן פריִער־דיקן באַנוץ געוווּסט אָדער אים געקענט. ווי אַ משל קאָן דינען די הומאָרעסקע „דער שטרייק אין כתרילישאָק", ווו אַ סטודענטל, וואָס קומט אַהיים אויף יום־טוב און וויל פּראָוון רעוואָלוציאָנערע שטיק, נעמט אָנרעדן די צוהעלפערס פון אַ קבצן מיט זיבן פּאָלעס, וואָס די צוויי וואָכן מצות־באַקן זענען זיין איינציק שטיקל פּרנסה, אַז זיי זאָלן מאַכן אַ שטרייק, און זיי לאָזן זיך איבעררעדן. די סיטואַציע דערמאָנט אונדז דעם סוזשעט אין אונדזער ליטעראַטור, ווי ער קומט, אַ שטייגער, פיר אין אַ קורצער דראַמע פון י. ל. פּרץ, אָבער דאָ קומט די הומאָריסטישע פּאָ־ענטע: דער שניידער, ביי וועלכן דער מצה־בעקער ווינט אומזיסט אין קעלער,

מאַכט בטל דעם סטודענטלס כוונה, — ער פאַרבעט אים אַנצומעסטן זײַן קאָסטיום, און פאַרעט זיך דערמיט זײער לאַנג; און די נאָך הומאָריסטישע איבער־פּאַענטע: דער שנײַדער האָט אומיסטן פאַרלײגט דעם סטודענטלס הויזן און טענהט, אַז דער משרת האָט זײ בטעות פאַרטראָגן צו אַן אַנדערן קונה, און ביז מען ברענגט אים אַנדערע הויזן פון דער היים, וואָס געדויערט אויך היפּש, גײט איבער די שעה פון שטרײַק־אָנהייב, און דאָס סטודנטל ברענט פאַר כעס אויף אַלע שנײַדערס און אַרבעטערס צוזאַמען. און ווי קורץ די זאַך איז, האָט זי אַ שלל פון הומאָר־סיטואַציעס, וואָס גײען געקײַטלט אײנס אין אַנדערן, אַזוי אַז עס געשעט אַ סך, כאָטש עס רעדט זיך ווייניק, אַ פּראָפּאָרציע, וואָס אונדזער מחבר היט זי אָפּ אין רוב הומאָרעסקן זײַנע, וואָס זענען ווײַט פון דער באַרעדעוודיקער הומאָרעסקע, וואָס איז געווען און איז שכיח אין אונדזער פּרעסע.

ז

באמת האָט אונדזער מחבר דערגרייכט אַ גאַר גרויסע מאָס פון אויסגעצײכנטקייט אין דער קאָנסטרוקציע און שפּאָרעוודיקייט אין די מיטלען, און נישט אומזיסט רעדט ער בפירוש וועגן דער מעלה פון קורצן נוסח. על־כל־פּנים שטאַרקט אַן אַנאַליז פון זײַן דרך די טעאָריע, וועלכע איך האָב געפּרווט אויסבויען אויפן סמך פון אַנאַליז פונעם וויץ, דהײַנו: פּונקט, ווי אַן אַנעקדאָט פאַרצמצומט זיך, מיט דער צײַט, צו אַ גלײַכווערטל, פון וועלכן עס וואַקסט, מיט דער צײַט, אַרויס, לויט דער נײַער היסטאָרישער, סאָציאָלאָגישער און פּסיכאָלאָגישער סיטואַציע, אַן אַנדערער, נײַער אַנעקדאָט, אַזוי פאַרצמצומט זיך אויך אַ לעגענדע אָדער קירצערע דערצײלונג צו איר עיקר־מאָטיוו, פון וועלכן עס וואַקסט, מיט דער צײַט, אַרויס, לויט דער נײַער היסטאָרישער, סאָציאָלאָגישער און פּסיכאָלאָגישער סיטואַציע, אַן אַנדערע, נײַע, לעגענדע אָדער קירצערע דערצײלונג, און דאָס איז בעיקר חל אויף דער הומאָרעסקע.

דווקא מה־יפיתס הומאָרעסקן, בעיקר די, וואָס מאָדולירן אַ מאָטיוו, וואָס האָט שוין כמה פּרזערדיקע באַנוצן, אילוסטרירן קלאָר דעם דאָזיקן פּראָצעס — זײ זענען אַ דינאַמישע מיט, וואָס קאָן פירן פון דעם לעגנערן סיפּור־המעשה צו זײַן צמצומדיקן קערן, פּונקט ווי ער קאָן פירן פון צמצומדיקן קערן צום לעגנערן סיפּור־המעשה.

ח

און וואָס שייך דער נײַער אַנדערער סיטואַציע — אין פלוג האָט כתרילישאָק נישט ווייניק פון אַלטן, לאו־כל־שכן פון נײַעם כתרילעווקע, אָבער דאָס פאַרליבטע פּאָרל, אין דער הומאָרעסקע „באַטיסטיני אין כתרילישאָק", וואָרפט אײנס אויפס

אַנדערע אַן אומחן, פונקט ווי עס האָבן געטאָן זייערע פירגייער מיט אַ דור צוריק, נאָך דעם זיי האָבן זיך אַריינגעלייענט אין שמרס העלדן, אָבער זיי טוען עס דאָ ביים קלאַנג פון ראַדיאָ — זי מאַכט זיך אַ בילד פון באַטיסטינין לויט זיין קול, און ער מאַכט זיך אַ בילד פון דער אַדעלהיים לויט איר קול, ביז די ראַדיאָ־צייטונג אַנטדעקט זיי — וואָס די דעמאָלט נאָך נישט עקזיסטירנדיקע טעלעוויזיע וואָלט זיי תיכף אַנטפּלעקט — אַז דער זינגער האַלט שוין ביי די פינף און זיבעציק און די זינגערין ביי די זיבעציק יאָר, און ממילא ווערן די בילדער זייערע, ווי דאָס פּאָרל האָט זיך זיי אויספאַנטאַזירט, בטל ומבטל, און מיר געפינען זיך אין סאַמע מיט פון מאָטיוו, וואָס לאָזט זיך פאַרצמצומען, ביז צום מאמר: אינה דומה ראייה לשמיעה, און אפשר אפילו ביז צום מאמר: לא ראיתי אינה ראיה.

מיר האָבן דאָ און איצט, אין כתרילישאָק, ראַדיאָ, און אָט דער טעכנישער חידוש האָט דאָ פאַרכאַפּט נישט בלויז מענטשן, נאָר אויך בהמות — אַ ראיה די מעשה מיטן אָקס וואָס איז, בשעתן חנוכה־אָוונט אַרויף אויף דער בימה, און אַז מען האָט אים געפּרוווט אַרויסטרייבן, האָט ער גענומען רעדן ווי אַ מענטש, און אַלץ צעלויפט זיך און קיינער דערוועגט זיך נישט עטלעכע טעג אַריינצו־גיוכען, און ערשט נאָך דעם אָקס פּגירה שטעלט זיך אַרויס, אַז ער האָט איינגע־שלונגען אַ ראַדיאָ־אַפּאַראַט. דער שפּיץ פון דער הומאָרעסקע איז, אַז דער עולם, וואָס ווייסט שוין און באַנוצט ראַדיאָ, און פאַרשטייט אפשר אויך זיין מעכאַניק, גלייבט נאָך אין אַן איבערנאַטירלעכקייט און נעמט אָן, אַז דער אָקס האָט פאַר־געסן, דאָס עס איז אים מחייב דאָס ווערטל: אַן אָקס האָט אַ לאַנגע צונג און קען קיין שופר נישט בלאָזן, אָדער: קיין יעלה־ויבוא נישט זאָגן, און האָט זיך גאָר פאַרקוקט אין פרשת בלק און געלערנט אַ קל־וחומר פון ויפתח השם את פי האתון, און דער אייבערשטער האָט געעפנט דאָס מויל פון דער אייזעלעכע.

ט

און דאָס ענגע שכנות פון שוין און נאָך און זייער פאַרמיש — זענען דאָ דאָס זאַלץ פון כמה וכמה הומאָריסטישע סיטואַציעס און קאָמפּליקאַציעס. אַ דוגמה דערצו איז אַ מאָטיוו פון יום־טוב־זשאַנער, וואָס חזרט זיך איבער אין צוויי הומאָ־רעסקעס — „די אושפּיזין" און „אַריבערגעכאַפּט די מאָס".

אין דער ערשטער הומאָרעסקע האָבן מיר, פון איין זייט, נאָך דעם מלמד, וואָס, אין דער נאַכט פון הושענא־רבא, וואַרט ער אָפּ די מינוט, ווען דער הימל שפּאַלט זיך, און האַלט אין איין איבערחזרן כל טוב, כל טוב, און אין דער פרי געפינט ער אין דער סוכה זיינער פול סחורה, און אַזוי ווי ער ווייסט נישט, אַז דאָס האָבן גנבים אַריינגעפּעקלט, מיינט ער, אַז ער איז טאַקע געהאָלפן געוואָרן, און איז מנדב די העלפט אויף צדקה, און אַזוי־ווי די גנבים האָבן דערווייל די

סוכּה אויסגעליידיקט, איז דער תּמים זיכער, אַז דאָס האָט זײַן ווײַב גורם געווען, וואָס האָט אויף זיך נדר פֿאַראיבל געהאַט. אָבער פֿון דער אַנדערער זײַט האָבן מיר שוין דעם עבֿרית־לערער, וואָס שפּאַצירט אַרום בײַ נאַכט מיט זײַן ליובע און זיי קומען זיך אָפּרוען אין מלמדס סוכּה, זענען זיך דערווײַל מהנה מיט די אָפּגעקאָכטע פֿיש, וואָס זיי האָבן דאָרט געפֿונען, און אַז דער מלמד הערט זיך אונטער זייער לשון־קודש־שמועס און כאַפּט אויף ווערטער ווי: דגים, לויתן, און בפֿרט, אַז ער הערט אַז זיי רופֿן זיך איבער אַברהם און שׂרה, איז ער זיכער, אַז דאָס זענען די אושפּיזין. איז עס אַן אַלטער מאָטיוו, וואָס האָט כּלערליי אָפּלאַכערישע נוסחאָות, בעיקר אין אַנעקדאָט, אָבער דאָ, אין אונדזער הומאָרעסקע, איז דער מאָטיוו טאָפּלשטעגיק אויסגעבויט.

אין דער אַנדערער הומאָרעסקע האָבן מיר אָבער אַ מאָל צו טאָן מיט אַ סוכּה, ווו אויף דער וואָר זיצט שוין אַ דיכטער, וואָס וואַרט, מיטן כּוח פֿון צײַטונגס־לעקטור, אויף דער מוזע, אָבער אין חלום באַווײַזט זיך אים נאָך אַ מלאך, וואָס זוכט אַ רעכטע סוכּה פֿאַר די אושפּיזין, און אַזוי ווי די סוכּה געפֿעלט אים, פֿרעגט ער דעם דיכטער, וואָס ער וויל, און אַז ער ענטפֿערט נישט, ווו מען וואָלט געקענט אָננעמען: רוח הקודש, נאָר: געלט, איז דער מלאך גרייט אים נאָכצוגעבן, אָבער אַז דעם דיכטער איז אַלץ ווייניק, ווערט דער מלאך ברוגז, ווײַל אַזוי פֿיל געלט איז גאָרנישט פֿאַראַן אין די אוצרות־של־מעלה. איז עס אויך אַן אַלטער מאָטיוו, וואָס האָט כּלערליי אָפּלאַכענישע נוסחאָות, ווי, אַ שטייגער, בײַ וועלוול זבאַראַזשער, ווו דער רבונו של עולם נעמט זיך שאַסטען מיט די ש״י עולמות, ווען עס קומט נאָר, ביז ער איז אַרויס באַנקראָט, אָבער דאָ, אין אונדזער הומאָרעסקע, איז דער מאָטיוו טאָפּלשטעגיק אויסגעבויט.

די טאָפּל־שטעגיקייט איז בולט באַזונדערס דאָרט, ווו דער מחבר גייט נאָך דעם פּרינציפּ פֿון זה־לעומת־זה, ווי, אַ שטייגער, אין דער הומאָרעסקע „אויף קבר אָבֿות״, ווו עס קומען אין שטעטל אַרײַן צוויי ייִדן — איינער, וואָס קומט פֿון אַמעריקע, אַן אַרויפֿגעקומענער, און די גאַנצע שטאָט שטעלן זיך פֿאַר ווי זײַנע קרובֿים, און אומעטום נעמט מען אים אויף במאכל ומשקה, און איינער וואָס קומט פֿון אַ דערבײַיִק שטעטל, אַן אַראָפּגעקומענער, און קיינער קוקט זיך נישט אום אויף אים. אויך דאָס שכנות פֿון אַרויף און אַראָפּ איז דאָס פֿעפֿערל פֿון עטלעכע הומאָרעסקעס וועגן שטעטל, וואָס פֿאַרמאָגט שוין אַן אויטאָמאָביל, אַ ראַדיאָ, און ווו לעבן נאָמען מאַרקס הערט זיך אויך דער נאָמען פֿרויד וכדומה.

פֿאַרשטייט זיך, אַז אויף דער דרך פֿון זה־לעומת־זה — אַ ממש קלאַסישע דוגמה איז די הומאָרעסקע: „הנרות הללו״ — גייט אויף דער ליניע פֿון עלטערע מאָטיוון, וואָס קריגן דאָ אַן אָריגינאַלע מאָדולאַציע. בכלל, פֿאַרהוילט נישט דער מחבר, אַז ער האָט זיך אויסגעלײַען שאַבלאָנס, קאָנווענציעס, און ווײַזט אַפֿילו אַז

אויף זיינע מקורים, פאַרשטייענדיק, אַז נישט די עצם הלוואה, נאָר ווי מען באַנוצט זיך מיט איר, וואָס מען מאַכט פון איר, וואָס מען איז מחדש אין איר, איז דער עיקר. די מאָטיוון זענען, בעצם, ווי דער אלף־בית — בלויז כ״ב אותיות, און וואָס לאָזט זיך, דורך זייערע אומצייליקע קאָמבינאַציעס, זאָגן און אַרויסזאָגן. נאָר מער, דער מחבר ברענגט צוויי קאָנטראַווערסאַלע משלים אין צוויי באַזונדערע הומאָרעסקעס — פון איין הומאָרעסקע „סדר־לייכטער" לערנען מיר אָפּ, וואָס פאַר אַ הלוואה טויג נישט, פון דער אַנדערער הומאָרעסקע „טעמעס־ביורא" לערנען מיר אָפּ, וואָס פאַר אַ הלוואה טויג יאָ.

אין דער ערשטער הומאָרעסקע האָבן מיר אַ מעשה מיט איינעם, וואָס האָט דערטאַפּט אַ שטיפערישן סיפור־המעשה אין אַ דייטשיש בלעטל און אים איבער־געזעצט, און אָפּגעדרוקט, נישט ווויסנדיק, אַז עס איז אַ פּלאַגיאַט פון טשעכאָווס אַ נאָוועלקע, און די פּאַטענטע איז נישט, ווי מיר וואָלטן זיך משער געווען, אַז דער פּלאַגיאַטאָר פון פּלאַגיאַטאָר טרייסט זיך מיטן הגונב מן הגנב פּטור, נאָר, פאַרקערט, ער איז מלא רציחה אויף יענעם מנוול, וואָס האָט גענומען טשעכאָווס נאָוועלקע און אָפּגעדרוקט אויף זיין אייגענעם נאָמען. אָט די פּאַטענטע גייט אויף דער ליניע פון אַנעקדאָט וועגן יענעם, וואָס האָט דערציילט, אַז ווען ער לאָזט אַרויס צו שחרית אַ ליגן, קומט ער צו מנחה צוריק צו אים און ער דערקענט אים נישט מער, און ער פאַרענדיקט מיט אַ קרעכץ: אוי, אַ וועלט מיט ליגנערס.

אין דער אַנדערער הומאָרעסקע האָבן מיר אַ מעשה מיט איינעם, וואָס האָט זיך אין אַ סוכה געעפנט אַ ביוראָ פאַר יום־טוב־טעמעס, און ער עקספּלאָאַטירט, אין כלערליי שאַטירונגען, אַ סוכות־מאָטיוו — אַן אתרוג־אַנעקדאָט, וואָס קריגט כלערליי פנימער: פון אַ הומאָרעסקע, פון אַ טראַגעדיע, פון אַ סענסאַציע וכדומה. אויך דאָ איז פאַראַן אַ פּאַטענטע, אָבער פירט אָפּ פונעם באַהאַלטענעם עיקר — דער קריטישער קוק אויפן הומאָריסטישן יום־טוב־סוזשעט, וואָס דער לוח פאָדערט אים יאָר־יערלעך, און דער כוח פון אינערציע איז נוטה אים מאָנאָטאָן איבער־צוחזרן, אָבער דער כוח פון המצאה צווינגט אים זיך פּאָליפאָניש צו מאָדולירן. ווער עס וויל זען, ווי די צוויי כוחות ראַנגלען זיך לאַכנדיק און שמייכלענדיק, און לאָזן די המצאה גובר זיין די אינערציע — זאָל זיך אַריינלייענען אין בוך, וואָס ליגט איצט פאַר אונדז.

[תמוז תש״ל]

נוסח וואַלבראַם

יוסף עהליך

מאמר א׳: צווישן נאַטור און כאַראַקטער

א

יוסף ערליך איז אַ מין אוניקום אין אונדזער ליטעראַרישער סביבה — די דערציילונגען זיינע, סיי יענע וואָס זענען צום טייל שוין אַרויס אין בוך־פאָרעם, אָנגעהויבן פון זיין בוך „דמויות״ (געשטאַלטן), די גרעסערע נאָוועלע „טוב הארץ״ (גוטס פון דער ערד) און פאַרענדיקט, לעת־עתה, מיט זיין ראָמאַן „ההרריים״ (די באַרג־מענטשן), און סיי די, וואָס זענען נאָך צעשפּרייט אין צייטשריפטן, ווי אַ שטייגער „אפקים דולקים״ (ברענענדיקע האָריזאָנטן), זענען אַלע געשריבן געוואָרן יידיש, זענען אָבער אַלע דערשינען העברעיִש, און דאָס בלויז העברעיִש. איך שטרייך אונטער דאָס וואָרט: בלויז. יאָרן פון פריינדשאַפט און מיטאַרבעט, וואָס האָבן מיר דערלויבט זיך אָפּצושטעלן אויף זיין מענטאַליטעט און נאָכצוגיין דעם גאַנג פון זיין אַנטוויקל, האָבן מיר קלאָר געמאַכט די עצם־סתירה צווישן דער געטריישאַפט צו דער שפּראַך, אין וועלכער ער שרייבט, און צווישן דער אויסגעהאַלטנקייט אין דער שפּראַך, אין וועלכער ער דערשיינט, ווי אַ סתירה, וואָס ער קאָן נישט און וויל נישט פאַרמיידן.

ער קאָן נישט — ער געהער צו די נאַטורן, וואָס בלייבן פאַרוואַקסן מיטן ענגערן שורש פון זייער קינדערישן און ייִנגלשן אָנהייב; ער וויל נישט — ער געהער צו די כאַראַקטערן, וואָס קלאַמערן זיך אָן אין דער ברייטערער גזע פון זייער צייטיקערן און מענערשן המשך; און צווישן שורש און גזע שפּילט זיך אָפּ דער איבערבראָך פון דור, דער רעוואָלוציאָנערער איבערפּלאַנץ פון דאָרט אַהער.

ב

די געשפּאַנטקייט צווישן נאַטור און כאַראַקטער ברענגט אים דערצו, אַז זיין געשריבן וואָרט רעדט אין דער שפּראַך פון זיין אַלטער היים, די באַזונדערע שפּראַך פונעם גרעסטן שבט ייִדן, און זיין געדרוקט וואָרט רעדט אין דער שפּראַך

פון זיין נייער היים, די כוללדיקע שפּראַך פון אַלע שבטים. פון דעסטוועגן וועל איך נישט פאַרשווייגן, אַז עס איז מיר תמיד קשה געווען, ווי אַזוי איז אים נישט אויפגעקומען אַ פאַרלאַנג צו זען זיין וואָרט געדרוקט ווי עס איז געשריבן געוואָרן; און די קשיה האָט זיך נאָך פאַרשאַרפט מחמת אַ טשיקאַווע פּאַסירונג — די נאָוועלע זיינע „אפקים דולקים", וועלכע באַשרייבט די צייט פון די מעפּילים און זייער געראַנגל מיט דער מאַנדאַטאַרישער מאַכט, און איז געווען אָפּגעדרוקט אין „מולד", איז זייער געפעלן אַ רעדאַקטאָר פון אַ חשובער יידישער צייטשריפט און נישט אַנענדיק, אַז דער מקור איז יידיש, האָט ער אַוועקגעזעצט אַ מתרגם און טאַקע זיין תרגום פאַרעפנטלעכט. איך בין געווען זיכער, אַז דער פּיקאַנטער פאַל וועט פאַרן מחבר אַוועקשטעלן די סתירה זיינע אין איר גאַנצער פּאַראַדאָקסער צוגעשפּיצטקייט, אָבער איך האָב מיך גריילעך טועה געווען: ער האָט שטיל אין זיך אַריינגעשמייכלט, און איז פון זיין וועג נישט אָפּגעטרעטן, און ווייטער ווילעריש געשפּילט יענע סצענע צווישן יוסף און זיינע ברידער: כי המליץ בינותם, טייטש: ווייל אַ פירשפּרעכער, אַ טאָלמעטש, איז געווען צווישן זיי.

ג

אָבער לא לעולם חוסן, טייטש: דען דאָס שטאַרקייט געוועהרט נישט אייביק, איז אַן אַלטער פּסוק אין משלי. נישט אייביק קאָן דאָך אָנהאַלטן אַזאַ געשפּאַנטקייט; סוף סוף מוז דאָך יוסף דערלאַנגען אַ זאָג: שלחו כל איש מעלי, טייטש: שיקט אַ יעדן אַוועק פון מיר און דער מליץ, דער טאָלמעטש, מוז אויך אַרויס, און דער מישנה־למלך צערעדט זיך מיט זיינע בראַטשיקעס אַזוי ווי ער האָט גערעדט מיט זיי ביז דוהן. אויך זיין ווייט־ווייטן נאָמענס־ברודער, אונדזער דערציילער, האָבן מיר איצט געפּאַקט ביי אַן אָפּנויג פון זיין דרך, און עס איז, פאַרשטייט זיך, אַ באַזונדערער טעם דערביי. ער האָט תמיד בכתב אויסגעמיטן די וועלט פון דער אַלטער היים און אירע טעמעס און האָט זיי בלויז באַרירט, אויף וויפל דאָס האָט באַנויטיקט די פאַרשטאַנדעניש פון די באַשריבענע נפשות אין דער נייער היים. מיר שטרייכן אונטער: בכתב, ווייל בעל־פה געדענק איך נישט כמעט קיין אייני־ציקן פון אונדזערע אומציילקע שמועסן, ער זאָל נישט דערמאָנען, מאָלן, כאַראַק־טעריזירן זיין היימשטאָט וואָלבראָם, וואָס איז נישט בלויז אים איינגעבאַקן אין האַרצן, נאָר שטאַרצט אַרויס פון זיין גאַנצן האַביטוס ביז צו דער אַרטיקולאַציע פון זיין חיתוך־הדיבור. נישט אומזיסט האָט אוריאל וויינרייך שעהען־לאַנג רע־קאָרדירט זיינע שמועסן ווי אַ וואַזשנעם צושטייער צו דעם אַטלאַס פון פּוילישן יידיש. און אָט האָבן זיך דער בכתב און דער בעל־פה צוזאַמענגעטראָפן און עס איז פּירגעקומען דער דערמאַנטער אָפּנויג — אונדזער דערציילער האָט גענומען שרייבן איבער וואָלבראָם און לעת־עתה האָט ער אָנגעצייכנט אַ מין כלל־פּאָרטרעט

פון זיין היימשטאָט. דער פּאָרטרעט פאַרמאָגט אַלע דערציילערישע מעלות זיינע — אין קורצע און שאַרפע קאָנטורן וואַקסט פאַר אונדז אויס די שטאָט אין איר אַטמאָספער, אירע טיפּן, איר וואָכנגאַנג און איר שבת־נוסח, אירע פּרנסות און פּירעכצער, און דער לייענער קאָן זיך נישט געבוג אַפּווונדערן, ווי לאָזט זיך עס אין אַזאַ קליין רעמל אַריינפּרעסן אַ גאַנצע עדה ייִדן און זייער כאַראַקטער און גורל.

און דאָס אויפפאַליקע איז נישט בלויז דער תוכן, נאָר אויך די צורה — אין די פאַלדן פון אַ כמעט שטרענג געהאַלטענעם ליטעראַרישן כלל־ייִדיש, פאַר־באַהאַלט זיך שקאַצעריש און חנוודיק, דאָס באַזונדערע, צוליב גאָט־ווייס־וואָסערע טעמים צום דיאַלעקט דעגראַדירטערע פּוילישע ייִדיש. דאָס וואָלבראַמער ייִדיש צאַפּלט דאָ אַרויס פון אַן איינציק וואָרט, אַן אידיאָמאַטישן באַטאָן, אַ סינטאַק־טישער באַזונדערקייט. און כאָטש אַלץ האָט גאַרנישט צו טאָן מיט דער ווייסענ־בערגישער טאָטאַלער שפּראַך־מרידה און אַפילו נישט מיט פּרילוצקיס האַרעוואַניע אַ קאָפּ צו פאַרריכטן די דאַליע פון פּוילישן ייִדיש, איז עס ממילא אַ שטילער פּראָ־טעסט קעגן דער שפּראַכלעכער ניוועלאַציע, צו וועלכער עס האָבן געבראַכט אַן איבערגעאייַלטע טעאָריע און אַ נאָך איבערגעאייַלטערע פּראַקטיק. ווי אַזוי מען קאָן אַזאַ שטילן פּראָטעסט איידל און קינסטלעריש קרעיִרן, האָט אונדז לעצטנס געוויזן יחאל האָפּער אין זיינע וואַרשעווער הייף.

ד

די נאַטור האָט אַ בויג געטאָן דעם כאַראַקטער, דער כאַראַקטער האָט נאָכ־געגעבן, אָבער זיך נישט אונטערגעגעבן. דער וואָלבראַם־פּאָרטרעט, וואָס איז צומערשט געגאַנגען אין יזכור־בוך פון זיינע לאַנדסלייט, גייט איצט אין זיינע אייגענע טאָוולען, און ער טוט עס צווייִשפּראַכיק — זאָלן עס לייענען נישט בלויז די לאַנדסלייט און אַלע איבעריקע ייִדיש־לייענער, נאָר אויך די נפשות פון מחברס דערציילונגען — די יעקעס און די צאַברעס פון „טוב הארץ", די מעפּילים פון כלערליי תפוצות אייראָפּע פון „אפקים דולקים", די קורדן און אַנדערע מזרח־עולים פון „ההרריים".

אחד מקרא ואחד תרגום איז צווישן העברעיִש און ייִדיש אַן אַלטע מעשה. דער חידוש איז אין כלל, וואָס איז דאָ מקויים געוואָרן: דף כנגד דף. אויך דער חידוש ווערט פאַוואַליע מסורה — פאַר אייערנבכטן האָט עס געמאַכט ח. י. בילעצקי מיט זיינע לידער איבערגעזעצט דורך מרדכי אמיתי, אייערנבכטן האָט עס געמאַכט אפרים אויערבאַך מיט זיין „ווייסער שטאָט", איבערגעזעצט דורך אליהו מייטוס; נעכטן האָט עס געמאַכט איציק מאַנגער מיט אַן אָפּקלייב פון זיינע לידער און באַלאַדן, פּונקט ווי עס איז אַרויס אַן אָפּקלייב באַלאַדן פון מאַני לייב, ביידע

איבערגעזעצט דורך שמשון מעלצער; היינט מאַכט עס יוסף ערליך מיט זיין כמעט רוכאַמאָווסקישער וואַלבראָם־מיניאַטור, איבערגעזעצט דורך שמאי מאַנדל. משמע, עס ווערט מסורה, און מסורה שליסט אין זיך בדרך הטבע איין — המשך.

[כסלו תשכ״ג]

מאמר ב׳: גוט שבת

א

עס איז דאָס דריטע מאָל, וואָס עס קומט מיר אויס אַריינפירן דעם לייענער אין אַ בוך פון יוסף ערליך. דאָס ערשטע מאָל ווען איך האָב איבערגעזעצט זיין בוך „טוב הארץ״ פון יידישן כתב־יד און האָב דעם מחבר פירגעשטעלט פאַרן העברעיִשן לייענער — אַן אָריגינעלער און אפשר אויך משונהדיקער מחבר: שרייבט יידיש אָבער דרוקט העברעיִש — און בעיקר בין איך אויסן געווען אַנצוווייזן אויף זיינע באַוווסטע און אומבאַוווסטע וואָרצלען, סיי אין לעבן סיי אין דער ליטעראַטור.

אין לעבן — געכאַוועט אין אַ קליין פּויליש שטעטל, וואַלבראָם, האָט ער זיך גאָר יונג אָנגעשלאָסן אין די חלוצישע רייען, איז עולה געווען, האָט געאַרבעט אין קאָלאָניעס און אין שטאָט, און האָבנדיק אַ שאַרף אויג, האָט ער טיף דורכ־געלעבט דעם פּראָצעס פון איבערפּלאַנצן אין אַלט־נייעם לאַנד אונדזערן, אין אים מיטגעלעבט מיט אַנדערע, און דאָס נישט בלויז פון זיין סגאָל, נאָר פון כלערליי עולים אין זייער בונטן מענטשלעכן, מענטאַלן און שטייגערישן טיפּאַזש. דער כוח פון אַזאַ זיך אַריינלעבן מערקט זיך סיי אין דעם דערמאָנטן בוך, ווו דער פּער־סאָנאַזש באַשטייט בעיקר פון עולים, וואָס זענען געקומען פון מזרח אין צענטראַל־אייראָפּע, סיי אין זיין בוך „הררים״ ווו דער פּערסאָנאַזש באַשטייט בעיקר פון עולים, וואָס זענען געקומען פון מזרח, אָבער דער צענטער איז, סיי דאָרט סיי דאָ, דער געראַנגל מיט דער נאַטור פון מענטש און דער נאַטור פון לאַנד, און די דראַמאַטישע געשפּאַנטקייט און קאַמף פון די כוחות און זייער אַנטפּלעק.

אין דער ליטעראַטור — באַשאַנקען מיט אַ חוש פאַרן עלעמענטאַרן, זוכט ער עס לויט זיין נאַטורעל, אַרויסצוברענגען, און געפינט זי אויף דער ליניע פון אַ ווייסנבערגישן אָדער פוקסישן באַנעם און וועלט, אָבער, ווי עס טרעפט זיך אויך ביי זיי, איז עס אַ חשבון, ווו אַלע פּרטים זענען רעאַליסטיש און אַפילו נאַטוראַ־ליסטיש, אָבער דער סך־הכל איז איבעררעאַליסטיש און איבערנאַטוראַליסטיש, און אַז מען קוקט זיך גוט אַריין אין סך־הכל, דוכט מען, אַז ער איז גאָרנישט די מסקנה נאָר גיכער די הנחה פון אַלעמען.

ב

און דאָס וואָס האָט זיך געדאַכט, איז קלאָר באַשטעטיקט אין זיין בוך „וואָל־בראָם״, וואָס איז אַרויס, סיי אין לשון פון מקור, דעם מחברס היימישן יידיש, סיי אין העברעישן נוסח פון שמאי מאַנדל, און איך האָב מיך, אין אַריינפיר, אָפּגעשטעלט אויף דעם חידוש אין מחברס לעבן און טאָן — דאָס שטעטל זיינס האָט אים מחייב געווען, ער זאָל נישט בלויז אין רשות־היחיד, צווישן זיך און זיין פעדער, נאָר אויך אין רשות הרבים, צווישן זיך און דעם אויער פון זיין לייענער רעדן אין לשון פון זיי טאַטע מאַמע. איך בין דעמאָלט זיכער געווען, אַז דאָס קליינע ביכעלע, אַ האַרציקע מצבה אויף די חורבות פון וואָלבראָם, איז אַ שפּאַרע פון אַ טיר, וואָס ווען און מוז זיך ווייט אין ברייט אויפּפראַלן, און עס האָט מיך נישט געחידושט, ווען איך האָב געהערט אַז ער גרייט צו דאָס בוך, וואָס ליגט דאָ פאַר אונדז, און וואָס נעמט אַרום וואָלבראָם, נישט ווי אַ קליין פּינטעלע אין דער פּוילישער געאָגראַפיע, נאָר ווי אַ גרויסער פלאַקער אין דער יידישער געשיכטע, איר טיפער אמונה אין איר טיפער קולטור, ווי אין דער געשטאַלט פון איינעם פון די גרעסטע ווערק פונעם יידישן פאָלק — דעם יידישן שבת — ווי ס׳האָט זיך קאָנקרעטיזירט אין דער יידישער קהילה.

די עובדה פון ספר איז אַן עפּישער, צו מאָל גאָר פלאַסטישער דין־וחשבון איבער דעם איין־און־איינציקן טאָג פון דער וואָך, וואָס פאַר אַ שפע פון איבער־לעבענישן עס האָט אים אויסגעפילט, אָבער עס איז מער פון אַ דין־וחשבון, עס איז אויך אַ רמז זיך צו באַקלערן, צי פאַרשטייען מיר, וואָס אונדזערע שטעט און דערפער אין אונדזער לאַנד האָבן אַנגעווירן, וואָס דער שבת איז פאַר זיי לאַנג נישט דאָס וואָס ער איז געווען אין דער לעבעדיקער יידישער קהילה, אַן אַבסאָלוט אַנדערער טאָג, אין דעם וווּנדערלעכן סינטעז פון מנוחה און קדושה; צי פאַרשטייען מיר, אַז איפּכא מסתברא: אויב דאָרט אין דער פרעמד האָבן מיר געהאַט אַזאַ גדולה, דאָ אין דער היים לא כל שכן.

ג

מעגלעך, אַז דאָס איז נישט די כוונה פונעם מחבר, אָבער גוטע ביכער האָבן אַ טבע, אַז זיי זענען שטאַרקער פון מחברס כוונה, און אַ גרויסער נעכטן, ווי דער יידישער שבת וואָס מיר זעען פאַר אונדז, שטרעמט צו אַ גרויסן מאָרגן.

[תשכ״ט]

צווישן מחבר און חיבור

„די אוהאמאס" פון פייוול זיגלבוים

א

ווי קומט דער מחבר צו דעם חיבור — איז אַ קשיא, וואָס שווימט, כדרך הטבע אויף, ווען דער סוזשעט און זיין באַהאַנדל געפינען זיך נישט אויף דער ליניע פון אינטערעס אָדער קאָנטאַקט, ווי זי גייט, בדרך כלל, אָן אין דער ליטעראַטור און שפּראַך, מיט וועלכער דער מחבר קער זיך אָן לויט זיין אָפּ־שטאַם, שייכות און סביבה. אָט די קשיא פרעגט זיך טאַקע לגבי דעם סיפור המעשה, וואָס ליגט דאָ פאַר אונדז, און וואָס איז, לויט זיין טעמע, ווייט פונעם איצטיקן צענטראַלן אינטערעס, און אַפילו פונעם פעריפערן קאָנטאַקט, אין דער דערציילערישער ייִדיש־ליטעראַטור. דען זי, די איצטיקע ייִדיש־פּראָזע, קאָנצענ־טרירט זיך טעמאַטיש בעיקר אַרום דיביידע פּאָלוסן פון אונדזער אייגענעם קיום — דאָס לעבן אויף די ווייטערע און נאָענטערע סטאַציעס פאַר דעם נעכ־טיקן אומקום, דאָס לעבן אויף דער שוועל און איבער דער שוועל פון היינטיקן אויפקום.

ווייזט אויס, אַז די רעקאַפּיטולאַציע פון ייִדישן לעבן אין דעם טאָפּל־פּנימ־דיקן קאַטאַקליזם פאָדערט דעם בכל לבבך ובכל נפשך פונעם ייִדישן שרייבער, אַזוי אַז זיין גאַנצע שאַפערישע ענערגיע שעפּט זיך אויס אין דער וועלט און די ליטעראַטור איז נאָך אַלץ ווייט זי אויסצושעפּן. אויב בלויז דערמאָנען אונ־דזערע צוויי גרויסע צענטערס, איז עס כמעט אַ כלל גדול, אַז אַ ייִדיש־פּראָזאַ־יִקער, וואָס געפינט זיך אין אַמעריקע, זאָל רעקאַפּיטולירן כמעט בלויז דאָס לעבן אין מזרח־אייראָפּע — די בולטסטע משלים זענען באַשעוויס און גראַדע — און אַ ייִדיש־־פּראָזאַיִקער אין ארץ־ישראל זאָל טאָן דאָס זעלבע — אַ בולטער משל יחיאל האָפער, און זאָל פּרווון אויך רעקאַפּיטולירן דאָס היגע לעבן — אַ בולטער משל ישעיה שפּיגל.

ב

אַוודאי, נאָך מיט אַ האַלבן דור צוריק איז עס אַנדערש געווען, און אַ רע־

פרעזענטאַטיווער ייִדיש־פּראָזאַיִקער ווי אָפּאַטאָשו, וואָס האָט רעקאַפּיטולירט אַ ווייטן נעכטן אין די פּוילישע וועלדער און אַ נאָך ווייטערן נעכטן אין רעגנס־בורג און נאָך אַ ווייטסטן נעכטן אין ר׳ עקיבאס צייטן, האָט ער אַרומגענומען מצדי צדדים דעם נאָענטן נעכטן און נאָענטסטן היינט, סיי אין פּוילישע שטעט־לעך סיי אין אַמעריקאַנער כרך גדול, און נאָך דעם אַלעמען האָט נאָך זיין פּאַ־ליטרע פאַרמאָגט פאַרבן געגוג צו מאָלן און סקיצירן אַ רייכע טיפּאָלאָגיע פון די קאַליריקע, תרתי משמע, שכנים. לאו־כל־שכן אַ דור פריִער, ווו סיי אונ־דזער פּאָעזיע, סיי אונדזער פּראָזע אין אַמעריקע האָבן זיך באַוועגן אויף דער ליניע פון אַזאַ ברייטער טעמאַטיק — און דאָס איןביידע שפּראַכן אונדזערע — און עס איז בולט אַ קלאָרע הבחנה: אַ ייִדיש־שרייבער איז מער נוטה געווען אַריינצודרינגען אין לעבן פון די נעגערס, אַ העברעיִש־שרייבער איז מער נוטה געווען אַריינצודרינגען אין לעבן פון די אינדיאַנער. און איך האָב עס געפּרוווט אויסטייטשן, אַז דער חילוק באַשטייט אפשר אין דעם פאַרשיידענעם גרונטגעפיל פון ביידע שפּראַכן — העברעיִש האָט זיך דאָרט דעמאָלט אידענטיפיצירט מיטן שטילן אַריסטאָקראַטישן אַראָפּ, ייִדיש ווייטער האָט זיך דאָרט דעמאָלט אידענ־טיפיצירט מיטן רווישיקן דעמאָקראַטישן אַרויף.

און כדאי צו ברענגען אַ דוגמה פון אַ צווייִשפּראַכיקן שרייבער — י. י. שוואַרץ, וואָס זיינע צוויי גרויסע פּאָעמעס גייען אין אַ פאַרקערטן סדר פון זיין ביאָגראַפישן גאַנג, צום ערשט האָט ער געשריבן „קענטאָקי״, און מיט אַ סך יאָרן שפּעטער „יונגע יאָרן״. וואָס באַשרייבט זיין היים אין ליטע. און דאָ האָט ער פּלוצעם אַריינגעוואָרפן אַ קאַפּיטל: פּעלקער און זייערע געטער, לויטן וואָרט פון פּסוק: גויִם ואלהיו. (אַזוי הייסט אויך אַ קאַפּיטל אין רנקס „מורה נבוכי הזמן״) און עס איז אַ גאַר עקזאָטיש קאַפּיטל — עס באַשרייבט מעקסיקע.

איך האָב בשעתו געפּרוווט דערקלערן, אַז דער דיכטער ברענגט בכיוון אין דעם קאַפּיטל די וועלט פון דער ווייטער יצרדיקער פּאַגאַנישקייט און די וועלט פון דער נאָענטער פּאַנאַטישער קאַטוילישקייט, ווי אַ פּאַן אויסצובולטן דעם היפוך — די וועלט פון אַן אָרעם, אָבער מאָראַליש און גייסטיק אויסגעאיידלט, ליטוויש ייִדיש שטעטל.

ג

אָבער היינט צו טאָג איז דער דאָמינאַנטער גאַנג פון אונדזער ליטעראַטור אַן אַנדערער — נישט זי זעט און נישט זי ווייזט די וועלט פון די שכנים, ווי אַ וועלט אין זיך און פאַר זיך. אמת, פאַראַן אַ חילוק צווישן די גרעסערע און קלענערע ליטעראַטור־צענטערס און דער אָפּשטאַנד צווישן זיי אין כלערליי תחו־מים, איז אויך ניכר אין דער ליטעראַטור. אויף מיין וועג איבער דרום־אַמעריקע

איז מיר טאַקע אויסגעקומען פיל מאָל צו הערן: וואָס עס געשעט אין צפון־אַמעריקע געשעט אויך בעל כרחו ביי אונדז מיט אַ דור אָדער אַ האַלב דור שפּעטער. איך וויל נישט און קאָן נישט אַנטשיידן, אויף וויפל די הנחה פאַר דעם נישט איבעריק פריילעכן פראָגנאָז, איז אַ מין מושׂכל ראשון, אָבער וואָס שייך ליטעראַטור זענען דאָ פאַראַן דערשיינונגען, וואָס דערמאָנען אַ דור אָדער אַ האַלב דור פריִער.

אַזוי אַ שטייגער, האָב איך זיך אין בוענאָס־איירעס באַגעגנט מיט קהאָס קליגער און זיך צוגעקוקט צו אים, כדי צו דערגיין, ווי לעבט דאָס זיין דיכטונג, סיי אין די געסלעך פון לודמיר און צפת סיי אין די פּאַמפּאַס פון קאָרדאָווע, אין דער פּאָליכראָמיע פון קאָריענטעס. און אין ריאָ־דע־זשאַנעיראָ האָב איך מיך באַגעגנט מיט ראָזאַ פּאַלאַטניק, וואָס קראַשניק און אירע ייִדן זענען טאַקע ביי איר דער אויבנאָן, אָבער זי זעט אויך און ווייזט אויך די וועלט פון דער שוואַרצער מאַקומבאַ אין איר קאַרנאַוואַל־רויש, וואָס חתמעט איר ביטערן גורל. דעסגלייכן האָב איך מיך דאָרט באַגעגנט מיט הערש שוואַרץ, וואָס האָט אַן ענלעכן, אַפילו אַקצענטירטן גאַנג און צוגאַנג אין זיין טעמאַטישן אויפטייל. נאָך מער, אין מאָנטעווידעאָ האָב איך זיך געטראָפן מיט איציק וויינשענקער, און געהערט וועגן זיין באַזונדערן אינטערעס פאַר די דאַרטיקע עטנישע גרופּן, אָבער ווען ער האָט מיר שפּעטער צוגעשיקט זיין בוך „אורוגוואַרצלען", האָב איך זיך געווונדערט און נישט געווונדערט איבער זיין הקדמה, ווו ער דערציילט, אַז זאַמלענדיק דעם מאַטעריאַל, האָט ער געטראַכט, אַז דאָס בוך וועט ער אַרויסלאָזן אין שפּאַניש, נאָר זיינס אַ פריינד האָט זיך איינגעשפּאַרט און אים כמעט געצוווּנגען, עס זאָל אַרויס אין מאַמע־לשון.

איך דערצייל דאָס אַלץ סיי לגופו של חיבור, וואָס ליגט דאָ פאַר אונדז, סיי לגופו של מחבר, פּייוול זיגלבוים. דען ווען איך האָב זיך באַגעגנט מיט אים דאָ ביי אונדז אין ירושלים, און אונדזערע שמועסן האָבן זיך געדרייט אַרום ענינים פון ליטעראַטור, איז עס געווען דער ענין פון איציק מאַנגער, דען ער, פּייוול, האָט אַרויסגעגעבן זיין בוך „האָצמאַך־שפּיל", ווי עס שרייבט מאַנגער אין דער הקדמה צו זיין בוך „דער שניידער־געזעלן נטע מאַנגער זינגט", און פונקט ווי אין לאָנדאָן, האָט ער אונדז געהאָלפן אַרויסגעבן אין ירושלים „מדרש איציק" (1969), דעסגלייכן האָט ער אין תל־אביב געהאָלפן מיכאל ווייכערטן, זיין לערער און רעזשיסער, אַרויסגעבן „טרופּע טאַנענצאַפּ" (1966).

אָבער ווען איך האָב געלייענט אין „צוקונפט", אין „דרום־אַפריקע" און אין „ישׂראל־שטימע" פראַגמענטן און קאַפּיטלען פון זיין בוך וועגן זולו־מענטש אין זולו־לאַנד, האָב איך געפרעגט, ווי דאָס ווערטל גייט: ווי קומט דער קרבן צו דעם מזבח, אָדער ווי אויבן שטייט: ווי קומט דער מחבר צו דעם חיבור. באמת,

ווי קומט דערצו פייוול (לייב) זיגעלבוים, געבוירן אין קראַסניסטאַוו, אין לובלינער קאַנט (1908), געכאַוועט אין אַ טאָפּל רייכער משפּחה — רייך אין קינדער, כמעט אַ טוץ, און רייך אין אָרעמקייט — וואָס האָט זיך געראַנגלט מיט דער טיפער ייִדישער נויט, און איז זי מיט אַ ווונדערלעך וויטאַלער גבורה בייגעקומען — מיטן כוח פון ווילן, גייסט און גלויבן. דער עלטסטער ברודער, שמואל מרדכי (אַרטור), איז געוואָרן אַן איבערגעגעבענער ייִדישער אַרבעטער־פירער און האָט זיך מוסר־נפש געווען פאַרן גורל פון פּוילישע ייִדן אונטער דער היטלעריסטישער ממשלת־זדון און אַרויס אויפוועקן דאָס געוויסן פון דער וועלט און האָט פּראָטעסטירט קעגן איר טויבקייט און טעמפּקייט און זיך לסוף מקריב געווען. ווייטער: דער, מיט דרייצן יאָר ייִנגערער ברודער, פייוול (לייב) האָט זיך געלאָזט צו דער ייִדישער בינע, שטודירט אין ווייכערטס שול־טרופּע, געוואָרן אַ מיטגליד אין „יונג טעאַטער" און איז, צוויי יאָר פאַר היטלערס אינוואַזיע קיין פּוילן, אַוועק קיין דרום־אַפריקע, האָט דאָ געשפּילט און רעזשיסירט, סיי ייִדיש, סיי ענגליש טעאַטער, און גענומען שרייבן. אויב עס ווייזט זיך אויס גאָר פאַרשטענדלעך, אַז ער האָט געשריבן און דער „באַאַרד אָף דעפּיוטעס" האָט אַרויסגעגעבן „געטאָגראַד" (1944), וואָס דראַמאַטיזירט דאָס וואַרשעווער געטאָ, ווייזט זיך ווייניקער פאַרשטענדלעך, אַז ער האָט געשריבן און געדרוקט דערציילונגען פון זולו־לעבן. מיר זאָגן: ווייניקער פאַרשטענדלעך, אָבער נישט: אומפאַרשטענדלעך, דען כדרך הטבע דאַרף עס נישט זיין קיין חידוש, פּונקט ווי עס איז נאָך מיט אַ האַלב דור צוריק נישט געווען קיין חידוש און פאַרקערט, מען דאַרף דערינען זען אַ סימן פון אַ רענאָרמאַליזאַציע פון אונדזער ליטעראַטור, וואָס קיין שום מענטשלעכס דאַרף איר נישט זיין פרעמד.

ד

און עס מאַכט נישט אויס, אויב מיר זאָלן אַפילו אויסגעפינען, אַז די אויסטערלישקייט, ווי זי שטעקט אין עקזאָטיק, האָט אונדזער מחבר צוגעצויגן און אָנגערעגט, דען עס איז אַ קיימא־לן, אַז נישט איין מאָל ווערט דרויסנדיקער נייגער אַ סטימול פאַר אַן אינעווייניקסטן אינטערעס, און דער דאָזיקער אינטערעס דעקט אויף די טיפערע סיבות פון דעם כוח המושך, וואָס האָבן זיך אין דעם סוזשעט באַהאַלטן, און צום סוף אַנטפּלעקט דעם סוד פון דער אידענטיפיקאַציע צווישן דער ביאָגראַפיע פונעם מחבר אין דעם ענין פון זיין חיבור.

מיר האָבן פאַר זיך אַ משפּחה־כראָניק — אַ זיידע, וואָס האָט אויסגעשפּיגן די לונגען אין די גאָלדמינעס און קריגט דערפאַר אַ פּאָר אָקער אין זולולאַנד און באַאַרבעט זיי; אַ זון, וואָס גייט אין שטאָט אַריין און טרייבט אַ לומפּנפּראָלעטאַרישן קיום, אָבער ירשנדיק דעם טאַטנס פעלד קערט ער זיך אום אַהיים;

אַן אייניקל, וואָס וואַקסט אויס אין דער דאָזיקער היים אין איר נאַטור און וואַקסט אין זיי אַריין, און ער איז עס בעצם, דער גיבור פון דעם סיפּור־המעשׂה.

דאָ האָבן מיר אפשר אַ רמז אויף אַ פאַרבינד־פּונקט צווישן מחבר און חיבור — עס איז דעם אייניקלס צונאָמען: אוסינדילע, וואָס מיינט: דער געבליבענער, דער אָפּגעראַטעוועטער. ווייל ער, דאָס אייניקל, איז איינער־אַליין אָפּגעראַטעוועט געוואָרן פון זיין משפּחה, וואָס איז פאַרלענדט געוואָרן און אַוועק מיטן רויך פון אַ בראַנדפייער, וואָס איז מיט אַ ווילדן שטורעם אַראָפּ פון הימל.

דער המשך איז אפשר אָבער אַ מאָל אַ רמז פון אַ פאַרבינד־פּונקט צווישן מחבר און חיבור — דאָס אָפּגעראַטעוועטע קינד, דער קיילעכדיקער יתום, ווערט פאַרוואָגלט אין אַ פרעמד־נישט־פרעמד, אין אַ שטאָט, וואָס איז טאָטאַל אַנדערש פון זיין געבוירנדאָרף, אָבער צווישן אייגענע, אַ פעטער און אַ מומע, אחינו־בני זולו. דאָס קינד דערמאָנט מיט ווּקס און גאַנג אַ טיפּיש ייִדיש קינד, וואָס רייסט זיך אַרויס פון אָפּגעשטאַנענקייט און נויט, צו אַן אייגענער ווערדע — שיין, קלוג, פאַרשטאַנדיק, אויפגעוועקט, פלייסיק, מוטיק, מיט אַ נאַטירלעך געפיל פון שייכות און מסירות צו זיין היים, שבט, פאָלק, ווייסט ער זיך צו באַהויפטן אין דער שטאָט, ווו ווייס איז צו־אויבערשט און שוואַרץ צו־אונטערשט. און אַ בענקעניש צו דעם שלימות פון די קינדער־יאָרן ברענגט אים צוריק אין דאָרף אַריין.

אַוודאי, אַז מען קוקט זיך איין, באַמערקט מען גענוג קלאָרע קאָנטורן פון אַ מיטאָס וועגן גואל — דער אָפּגעראַטעוועטער צווישן בעלי־חיים (הינער־שטייג), אַדאָפּטירט ווייט־ווייט פון זיין געבוירנטאָג, באַגלייט פון צוויי גוטע מלאכים (דער רעווערענד און דער שול־פּרינציפּאַל), אַרומגערינגלט מיט ליבע (די אַדאָפּטירערס זיינע, די מוזיק־לערערין, די פריינד), איז סיי איבערן און סיי אין שבט זיינעם, און געפינט זיך אויף דער שוועל פון דער דיאַלעקטיק, וואָס שטעקט אין יענעם מיטאָס: דער דורך אַ נס געראַטעוועטער ראַטעוועט זיין פאָלק, בפרט אַז אַלע צייכנס ווייזן אָן, אַז מיט אים זענען די גייסטער פון די אָבות, אָבער דער סוף איז, אַז ער פאַלט אויף איינעם פון די שטעגן צו דער גאולה — ביים גרויסן פּראָטעסט פון די אונטערדריקטע און באַליידיקטע, וואָס האָט זיך אויסגעדריקט אין פאַרברענען די פּעסער, וואָס זענען מחייב בלויז די שוואַרצע — און זיין נישט דערפילטע מיסיע גייט איבער צו דעם יורש זיינעם, וואָס ווערט, נאָך זיין טויט, אין זולו־דאָרף געבוירן.

דאָס איז די קאַנווע פון דעם סיפּור־המעשׂה. און מיר רופן עס בפירוש אַזוי, און נישט ראָמאַן אָדער נאָוועלע, ווי דער מחבר רופט עס אָן, ווייל עס איז, סיי אין גאַנג פונעם תוכן, סיי אין אויסבוי פון דער צורה, אַ מעשׂה פאַר יונג און אַלט, פאַר משכילים און פּראָסטאַקעס, ווי עס זענען געווען די סיפּורי המעשׂיות,

און דערמאָנט דעם שניט פון „די הייזקע פון פעטער טאָם", און קאָן אפשר האָבן אַן ענלעך דאָברע־מזל.

ה

אָבער מען טאָר נישט פאַרהוילן צוויי סכנות, וואָס האָבן דאָ געלאָקערט און דער מחבר האָט זיך געמיט זיי, ככוחו, אויסצומיידן.

די איינע סכנה שטעקט אין אַן איבערלאָד פונעם פאָלקלאָרישן — דעם מחבר איז עס געראָטן, דעם דאָזיקן נייטיקן עלעמענט פראָפאָרציאָנאַל און אָר־גאַניש אַריינפלעכטן אין עצם־סיפור, און בלויז אין איין קאַפּיטל (די חתונה), איז פאָלקלאָר דער כל ולך.

די אַנדערע סכנה ביי אַזאַ סיפור שטעקט אין דעם פובליציסטישן עלעמענט, וואָס איז נוטה זיך אַריינצורייסן, דאָ איז דער מחבר געווען זייער געוואָרנט און האָט געדענקט, אַז עס איז אַ סיפור־מעשה, אַן אלה תולדות, אַ געשיכטע (און דער סובסטאַנטיוו שטאַמט פון ווערב געשען), און ער דערציילט וואָס און ווי עס איז געשען, און היט אָפּ די געקייטלטקייט פון די געשעענישן אין אַ לעבעדיקן שטראָם.

צום סוף וויל איך זיך אומקערן צו באַמערקן, אַז דער סוזשעט און באַהאַנדל אין אונדזער סיפור־המעשה איז אַן עדות פון אַ טעמאַטישער רענאַרמאַליזאַציע אין דער ליטעראַטור אונדזערער און דערפאַר קומט אים אַ דאַנק. וועל איך אים פאַר זיין לענגערן סיפור־המעשה אָפּדאַנקען מיט אַ קורצערן סיפור־המעשה.

ו

דער יאַריטשעווער רב, ר' וואָלף גערסטל, וואָס האָט פּאָפּולאַריזירט אַסטראָ־נאָמיע און באָטאַניק, און האָט מחמת דעם אָנגעווירן דאָס רבנות, האָט מיר דער־ציילט, אַז ווען יאַריטשעווער קהל האָט אים פּירגעהאַלטן, וואָס ער פאַרנעמט זיך מיט אַזעלכע זאַכן, און אַז דער סוף זיינער וועט זיין ווי דער סוף פון דעם משכיל אין שכנותדיקן קיליקעוו, ר' שמשון הלוי בלאָך, וואָס האָט אין זיין „שבילי עולם" פאָפּולאַריזירט געאָגראַפיע און עטנאָגראַפיע, האָט ער, דער רב, זיי געענט־פערט, וואָס ר' שמשון הלוי בלאָך האָט געענטפערט דעם קיליקעווער רב, וואָס האָט אים דאָס פירגעהאַלטן: סטייטש, ווי קומט עס, אַז אַ ייִד, אַ בן תורה, וואָס קאָן זיך פאַרנעמען מיט הלכה, און קאָן שרייבן שאלות ותשובות, זאָל וועלן דעם עולם פילעווען מיט אַזעלכע מעשיות. רבי — האָט אים ר' שמשון הלוי בלאָך געענטפערט — מי לנו גדול כהלל, וואָס לויט אים פסקנט מען: הלכה כהלל, פון דעסטוועגן דערציילט די גמרא, אַז ווען מען האָט געוואָלט אויספרווון זיין עניוות און זיין געדולד, האָט מען אים נישט געפרעגט אַ דבר־הלכה, מען

האָט אים אָפּגעזוכט אין באָד, ווו מען טאָר קיין דבר תורה נישט רעדן און גע־פרעגט, פאַר וואָס האָבן די בבליים קיילעכדיקע קעפּ און פאַר וואָס האָבן די תרמודער קאַליע אויגן און פאַר וואָס האָבן די אַפריקער ברייטע פיס, רימט מען אים, אַז ער איז דריי מאָל אַרויס פון באָד, האָט זיי בנעימות געענטפערט, אָבער באמת דאַרף מען אים אויך רימען, וואָס ער האָט געוווסט זיי צו ענטפערן, אַ סימן אַז ער האָט זיך געלערנט, סיי מפּי הקריאה, סיי מפּי השמועה, און מסתמא אויך מפּי הראייה — ווייזן מיר דאָך, אַז ער איז געקומען פון ווייט, פון בבל, און עס הייסט וועגן אים: ארי עלה מבבל, אַ לייב איז אויפגעקומען פון בבל, און אַזוי ווי מיר ווייסן, אַז ער איז געווען אַן אָרעם קינד, האָט ער מסתמא דעם וועג געמאַכט צו פוס, נישט אויף אַ קעמל און נישט אויף אַן אייזל, נאָר טאַקע ווי אַ לייב, וואָס שפּרייזט דורך ווייטע מדבריות, און אַזוי האָט ער זיך טאַקע צוגעקוקט און געלערנט. און בכלל האָט דאָך הלל געהאַט אַ טבע זיך פון דער נאָענט צוצוקוקן — הייסט עס דאָך וועגן שמאי, אַז ער האָט דעם גר אַוועק־געשטויסן מיטן איילמאָס אין דער האַנט, דהיינו ער האָט אים געהאַלטן פון דער ווייטנס. קומט אויס, אַז מען דאַרף זיך צוקוקן און לערנען, וואָס זענען עס עפּעס די בבליים, די אַפריקער און אַלע שבעים אומות, און מען דאַרף צו זיי פון דער נאָענט צוקוקן, און וואָס מען זעט, דאַרף מען אויך ווייזן און באַשרייבן.

וועלן מיר פאַרענדיקן לאמור: אויב דער משל וועגן ווייטן, וואָס דאַרף זיין נאָענט מיינט: תורה היא ולימוד היא צריכה, מיינט דער נמשל וועגן עקזאָטישן, וואָס דאַרף ווערן היימיש: ליטעראַטור היא ובאַשרייבונג היא צריכה.

[ח׳ חשון תשל״א]

פינפטע פרשה

פאַרמעסט און אויפטו

שמואל ניגער

א

עס איז, דאַכט זיך, אַ קיימא־לן, אַז ווער עס נעמט זיך אונטער אָפּצושאַצן ניגערס אויפטו, מוז קודם־כל מודה זיין, אַז ער שטייט פאַר אַ שווער שטיקל הלכה, און בעיקר פאַר אַ שווער שטיקל הלכה־למעשׂה; און די האַרבקייט הייבט זיך ערשט אָן נאָך דעם, ווי ער האָט לייטיש אָפּגעקנעלט — אויסגעסדרט פאַר זיך די געזאַמלטע ווערק, אַ פּופצן ביכער, זיי ערלעך דורכגעלייענט און גענומען סומירן זיינע דערקענטענישן און איינדרוקן. דווקא איצט דערוועקט זיך אין אים אַ גאַר טיפער חשש — ער באַמערקט, און עס איז אוממעגלעך ער זאָל נישט באַמערקן, אַז ער איז אַריינגעפאַלן אין אַ דרײַיִקן אָפּטישן טעות.

ערשטנס, די ביכער נעמען אַרום אַ קליינעם, אפשר אַ גאָר קליינעם טייל פון ניגערס פּראָדוקציע, בשעת דאָס רוב, וואָס וואָלט געפאָדערט צענדליגער בענד, איז צעזייט און צעשפּרייט; און אויך אין דעם טייל איז ניגער, בחזקת צונויפ־זאַמלער פון זיך אַליין, געגאַנגען — מסתמא האָבן נישט געפעלט קיין וויכטיקע און אומוויכטיקע טעמים — אויף דער ליניע פון דער לייכטסטער אַקומולאַטיווער שיטה: די ביכער זיינע, וואָס זענען ס׳רוב נישט בכיוון געשריבן געוואָרן, נאָר זענען אַ מאָל צוזאַמענגעוועבט און אַ מאָל צוזאַמענגעשטעלט פון באַזונדערע, צעוואָרפענע אַרטיקלען זיינע, נעמען אַרום קאָמפּלעקסן פון פּראָבלעמען אָדער שאַפערס, בשעת די איבעריקע הונדערטער, אויב נישט טויזנטער אַרבעטן, ווו עס שפּיגלט זיך אָפּ זיין אומדערמידלעכע אינטעלעקטואַלע מי צו פיקסירן דעם כוואַליקן שטראָם פון לעבן און שאַפונג און צו רעאַגירן אויף זיינע געשעענישן און דערשיינונגען, געפינט זיך מחוץ די ביכער־טאָוולען; צווייטנס, ניגער, ווי אַ צונויפזאַמלער פון זיך אַליין, האָט נישט אָפּגעהיטן קיין ריכטיקע פּראָפּאָרציע צווישן זיך דעם קריטיקער און זיך דעם פובליציסט. אַוודאי זענען, סיי ער סיי זיינע פאַרלעגערס, גערעכט געווען, ווען זיי האָבן דעם קריטיקער אָפּגעגעבן דעם אויבנאָן, ער איז דאָך אין ניגערן דער עיקר, אָבער סיי ער סיי זיי האָבן דעם פובליציסט צו שטיפמאַמיש באַהאַנדלט — עס איז גענוג צו וואַרפן בלויז אַן

אײנציקן קוק אויף די פּאָר מאָגערע ביכלעך פֿון זײַן פּובליציסטיק, וואָס שטייען ווי פֿאַרשעמט לעבן די דיקע ביכער פֿון זײַן קריטיק. אַפֿילו ווער עס איז פֿאַר־אינטערעסירט בלויז אַ קריטיקער און זײַן קריטיק, קאָן זיי נישט פֿאַרשטיין אָן דעם פּובליציסט און זײַן פּובליציסטיק — ווי ווײַט ניגער זאָל נישט האָבן געזען די ייִדישע ליטעראַטור אין איר אייגענעם תּחום, איז דאָך אָבער דער תּחום אָרגאַניש פֿאַרוואַקסן און אויסגעוואַקסן אין אַ ברייטערן, היסטאָרישן, נאַציאָנאַל־אינטעגרירטן און סאָציאַל־דיפֿערענצירטן תּחום; און די אָרגאַנישקייט איז דאָך אַ כּלל גדול אין ניגערס תּורה; דריטנס, די טאָפּעלע דיספּראָפּאָרציע האָט ממילא גורם געווען אַ דיספּראָפּאָרציע אין דער ליטעראַטור וועגן ניגערן. בדרך־כּלל צייכנט זי זיך אויס מיט אַ טאָפּל־פּנימדיקייט — די קריטיק וועגן אים, דאָס הייסט וועגן דעם געזאַמלטן מאַטעריאַל, אַפּראָבירט אָדער דיסקוטירט דעם ענין פּסק־אַחרון, בשעת די פּאָלעמיק מיט אים, דאָס הייסט מיט דעם צעוואָרפֿענעם מאַטעריאַל, איז מסופּק אין ענין פּסק־ראשון, און וואָרפֿט אים, טייל מאָל גאָר־נישט דעליקאַט, לחלוטין אָפּ. הייסט עס, אַז זײַן רוב שרײַבן האָט, ספּאָראַדיש און פֿראַגמענטאַריש, אַרויסגערופֿן די הייסערע, אָבער סוביעקטיווערע פּאָלעמיק, און נאָר אַ טייל פֿון זײַן שרײַבן האָט געוועקט די אַפֿילו קילערע, דערפֿאַר אָבער אָביעקטיווערע קריטיק. עס איז איבעריק צו באַווײַזן, אויף וויפֿל די דאָזיקע סתּירה איז סײַ שטער סײַ אומרעכט.

די קשיא איז: וואָס קאָן דער אָפּשאַצער טאָן כּדי אויסצומײַדן, אָדער לפּחות פֿאַרקלענערן דעם דרײַיִקן אָפּטישן טעות.

ב

ערשטנס, דאַרף ער געדענקען, אַז דער סך־הכּל פֿון זײַנע דערקענטענישן און דערפֿאַרונגען, וואָס ער האָט געשעפּט פֿון די אַרויסגעגעבענע בענד, איז נאָר אַ טייל סובסטראַט, אַזוי אַז די מיינונג וואָס איז אויף אים באַגרינדט קאָן נישט זײַן מער ווי אַ טייל קאָנקלוזיע און טאָר פֿון זיך נישט האַלטן מער ווי זי איז. דעם אמת געזאָגט, זענען דאָך דאָס רוב כּלל־אָפּשאַצונגען איבער ניגערן געמאַכט געוואָרן אויפֿן סמך פֿון קאָנטראָל פֿון געזאַמלטן מאַטעריאַל און אויפֿן סמך פֿון זכּרון לגבי דעם אומגעזאַמלטן מאַטעריאַל, און אַפֿילו דער שאַרפֿסטער זכּרון איז לגבי אַ ים אַ זייער פּראָבלעמאַטישער בריה. דער באַקאַנטער זאָג, אַז כּדי צו זײַן אַ מבֿין און זאָגן מבֿינות אויף אַ סאָרט ווײַן, איז מען נישט מחויבֿ אויס־צוטרינקען דאָס גאַנצע פֿאַס, איז אַ באַטעמטע חכמה, אָבער דאָ האָט זי נישט קיין האַפֿט — נישט בלויז לגבי דער פּובליציסטיק, וווּ דער געזאַמלטער מאַטער־יאַל איז לויז און קנאַפּ, נאָר אויך, און אפֿשר באַזונדערס, לגבי דער קריטיק, וווּ ער איז קאָמפּאַקטער און בשפֿעדיקער. ניגער האָט זיך דאָך אָפּגערופֿן אויף

הונדערטער ביכער, כמעט יעדע וואָך האָבן מיר באַקומען צו לייענען זיין מיין איבער אַ ניי בוך, און אויב ער האָט געמאַכט אַ דילוג, האָט ער אונדז דערלאַנגט אַ מין ליטעראַריש־קריטיש דרויב, אַ שלל באַמערקונגען, ווו נישט איין מאָל האָבן זיך אין די קלייניקייטן פאַרבאַהאַלטן גרויסיקייטן. די ביידע שטענדיקע רובריקעס זענען דער קאַליידאָסקאָפּ, וואָס גיט אָפּ אַ פּרטימדיקן דין־וחשבון, ווי אַזוי ניגער האָט דורכגעלעבט די קאָנקרעטע דערשיינונגען, וואָס קייטלען זיך צוזאַמען צו דעם וואָס איז בעצם ליטעראַטור. וואָס איז אין דער פאַרשיידנקייט פון קריטיקירן פריש־מאַטעריאַל דאָס קאָנסטאַנטע אין קריטיקערס שטעל און באַצי, ווי אַזוי בויט זיך מיט די קליינע ציגעלעך דער בנין פון אַ ברייטערן קוק אויף דער טאָטאַליטעט פונעם ייִדיש־שאַפן — אָט איז אַ קשיא, די קשיא, וואָס לאָזט זיך נישט פאַרענטפערן אויפן סמך פון צופאַליק פאַרגעדענקטע פּאָזיציעס. אַפילו אַ לייטישער אָפּקלייב, אויב ער איז נישט געמאַכט געוואָרן אויפן גרונט פון אַן אויסשפּענדיקער שטודיע, וואָס פאָדערט אַ גאָר היפּשן אָנשטרענג פון צייט און התמדה, איז דאָ אַן אילוזאָרישער אָנלען. פאַרקערט, אין די געזאַמלטע, בפרט אין די ברייט פאַרמאָסטענע מאָנאָגראַפישע ווערק, וואָס ווייזן די העכסטע און העכערע שפּיצן פון אונדזער ליטעראַטור, פאָדערט זיך נישט אַזוי די פולקומקייט פון ידיעה און אָריענטאַציע, ווי אין די אומגעזאַמלטע ווערק, די הונדערטער מאמרים, וואָס זענען בעצם מיניאַטור־מאָנאָגראַפיעס. דער טעם איז אַ פּשוטער — ליטעראַטור איז נישט נאָר אַ מנין אָדער אַ פּאָר מנינים שלאַנק און ריזיק אויסגעוואַקסענע דעמבעס, נאָר אויך (און פון באַשטימטע אַספּעקטן: בעיקר) די גרויסע צוזאַמענגעשלונגענע געדיכטעניש פון כמעט הויכע און מיטעלערערביימער, פון די נידעריקע צעפּאַטלטע קוסטעס און פון דעם איבעריקן עביוותדיק־מאַכיקן געוויקס, ווייל זיי אַלע צוזאַמען זענען דאָס דער וואַלד. ניגער, ווי אַ צונויפזאַמלער פון זיך אַליין, האָט זיך, אַזוי צו זאָגן, אויסגעשטעלט אַ טעותדיקן, אויב נישט אַ פאַלשן פּאַספּאָרט — מיט זיין גאַנצן אָפּשיי פאַרן ווערט פונעם יחיד און זיין ראָל, איז ער געווען פעסט פאַראַנקערט אין אַ גלויבן און אין אַ באַוווסטזיין פון דער כלל־פאָלקישער שאַפערישקייט, אָבער אין זיין אייגענער פאַרלעגערישער פּאָליטיק האָט ער זיך נישט־ווילנדיק רעפּרעזענטירט, גלייך ער וואָלט געווען אַ חסיד פון אַ הערראָיִסטישן יחידי־סגולה־באַנעם. און דער אמת איז דאָך אַ להיפּוכדיקער — כאָטש אַ יורש פון אַ שפּעטער פּאָרציע משכּילישע עלעמענטן, איז ער אין דעם פונקט אַ בפירושער נישט־משכּיל, אַפילו אַנטי־משכּיל, דער ערשטער אין דער ייִדישער קריטיק. ער האָט אַליין דערקענט און געלאָזט, אין כלערליי נוסחאות און ניואַנסן, זיינע לייענערס דערקענען, אַז דער כוח און דער סוד פון כוח ליגט אין היסטאָריע, פאָלק, ציבור, קאָלעקטיוו, און די אַרויסשטאַרצנדיקע יחידים זענען עס יענע שטאַרקע דעמבעס, וואָס

שטרעקן זיך הויך מיטן כוח פון דער שפּייזנדיקער חיונה פון גאַנצן וואַלד; און די פּאַקטישע עובדא, אַז זיי וואַקסן פונעם וואַלד, איז מחייב די מאָראַלישע עובדא, זיי זאָלן וואַקסן פאַרן וואַלד.

ג

צווייטנס, און דער צווייטנס האָט זיך שוין אַ ביסל אַריינגעגנבעט אין דעם ערשטנס — די פאַרשטענדעניש פון ניגערס קריטיק מוז זיך לאָזן קאָנטראָלירן אין ליכט פון זיין אידעאָלאָגיע, בעיקר אין היסטאָריש־נאַציאָנאַלן תחום, אַזוי אַז דאָס אויג פון זיין אָפּשאַצער זאָל, לשם שטענדיקן קאָנטראָל, באַווייזן פלינק צו וואַנדערן צווישן ניגערס קריטישער און פובליציסטישער ספערע. דערביי מוז מען זייער געוואָרנט זיין אין כמה דעפיניציעס, וואָס האָבן זיך, בפרט לעצטנס, דערוואָרבן אַ גרעסערע פּאָפּולאַריטעט. אַ שטייגער די דעפיניציע איבער ניגערן דעם גרויסן סינטעטיקער — ער, הייסט עס, וואָס האָט תמיד געהאַט פאַר זיינע אויגן דעם גאַנצן היסטאָרישן פאָלקבוי און האָט אונדזער געשיכטע און קולטור געזען ווי איין גרויסע גאַנצקייט, האָט געהיטן די בריק צווישן אַלע זייערע יסור־דות און האָט זיי אין זיך גופא סינטעטיזירט, אַזוי אַז ער אַליין איז געווען אַ בריק, און אפשר אַפילו די בריק צווישן זיי. און דאָס איז אַ גענוג קאָמפּליצירטע בריק: היסטאָריש — צווישן ווערקלעכקייט און געשיכטע; צייטלעך צווישן הווה און עבר; דיאַלעקטיש — צווישן חידוש און אָרב; קולטוריש — צווישן וועלטלעכקייט און מסורה; שפּראַכלעך — צווישן יידיש און העברעיש; אָרטלעך — צווישן מדינת־ישראל און גלות. איז עס אַ באַחנטער זאָג, אָבער נאָך ליבער וואָלט געוועז ווען עס זאָל זיין נישט בלויז אַ באַחנטער נאָר אויך אַן אמתער זאָג. און כדי דאָס זאָל געשען, מוז מען קודם־כל מודה זיין אַז, לפחות אין דעם נוסח, איז דער זאָג אַ שטיקל עורבא פרח — דער דרך־ארץ פאַר דער מאָראַלישער פערזענלעכקייט פון ניגערן באַרעכטיקט און איז אויך מחייב, מיר זאָלן זיינע פּראָגראַמען מעסטן לויט זייער רעאַליזאַציע אין אים און דורך אים גופא. און אויב מיר זאָלן ביי אים אָננעמען אַזאַ קאָמפּליצירטן סינטעז, קאָן עס נאָר געשען ביי אַ צו עלאַסטיש קאָנסטרוי־ירטן באַנעם פון עצם באַגריף סינטעז און זיין באַטייט. פון די קאָמפּאָנענטן פון דעם סינטעז, די זעקס פּאָרלעך, זענען די צוויי צדדים, נישט בלויז אין די ערשטע דריי פּאָרלעך, נאָר אויך אין די לעצטע דריי, אומגלייך אין זייער מדרגה און אין זייער פונקציע — ניגער שטייט נישט אין ביידע צדדים, אַפילו נישט צווישן ביידע צדדים, ער שטייט בפירוש ביי איין צד, אין איין צד, וואָס איז זיין צענ־טער, בשעת דער אַנדערער צד איז אין די ערשטע דריי פּאָרלעך באַזע און אין די לעצטע דריי פּאָרלעך אַנשפּאַר. ניגער שטייט אין דער ווערקלעכקייט וואָס זיין

באַזע איז געשיכטע; ער אָטעמט אין הווה וואָס זיין באַזע איז עבר; ער איז פאַרטאָן אין חידוש וואָס זיין באַזע איז אַרב; ער לעבט זיך אויס אין וועלט־לעכקייט וואָס זיין אָנשפּאַר איז מסורה; ער בויט אויס יידיש וואָס זיין אָנשפּאַר איז העברעיש; ער זיצט אין גלות וואָס זיין אָנשפּאַר איז ארץ־ישראל.

און מען טאָר באַיין־אופן נישט פאַרגעסן דעם חילוק צווישן באַזע און אָנ־שפּאַר, פּונקט ווי מען טאָר נישט פאַרגעסן, אַז ווען מיר זאָגן: ער שטייט, ער אָטעמט, ער איז פאַרטאָן, ער לעבט זיך אויס, ער בויט. ער זיצט, מיינען מיר נישט בלויז די געגעבנקייט, די ביאָגראַפישע געגעבנקייט, פון אַ יחיד, נאָר אויך, און בעיקר, אַן אַנטשייד, דעם היסטאָרישן אַנטשייד פון אַ דור, ווי עס האָט גע־פאָדערט דער ווידעראַנאַנד פון די דריי לעצטע פאַרלעך אין לעבן, אויב נישט פונעם גאַנצן פאָלק, איז פון דעם דינאַמישסטן טייל פון זיין רוב אין מזרח־אייראָפּע און אירע גרויסע און קלענערע אָפּצווייגן. וועלטלעכקייט און מסורה — ניגער האָט געבויט שולן און נישט קיין בתי־מדרשים; ער האָט נישט געהאַט קיין איבעריקע סימפּאַטיע פאַר די רעליגיעזע, סיי קאָנפעסיאָנאַלע סיי אומקאָנפעס־יאָנאַלע, וויבראַציעס אין דער יידישער ליטעראַטור; ער האָט פאַרהאַלפן בויען און אויסבויען אַ יידישע וועלטלעכקייט, וואָס שטעלט זיך אויף זיך אַליין, ער האָט אָבער נישט געהאַלטן, אַז זי דאַרף און מעג און קאָן זיך אָפּזאָגן פון די פאַר איר פאַרוואַנדלעכע גייסטיקע וויטאַמינען פון דער מסורה. יידיש און העברעיש — ניגער האָט געבויט דעם יִיוואָ און נישט דעם ועד־הלשון, ער האָט געשאַפן יידיש־ליטעראַטור, פאַרפונדעוועט איר אייגענעם באַוווסטזיין, איר אָפּגעגעבן זיין מאַקסימאַלסטן אינטערעס. דאָס ביסל, וואָס ער האָט געשריבן אין העברעיש אָדער וועגן העברעיש, איז לגבי זיין יידיש־האַרעוואַניע קוים אַן עפּיזאָד, אַזוי אַז דער טיטל פון אַ טאָפּלשפּראַכיקן שרייבער, וואָס איז מכוון צו יענער ריי שרייבער פון מענדעלע ביז אהרן צייטלין, איז דאָ נישט דער פּאַסיקסטער. און באמת, צוליב וואָס אָדער מחמת וואָס זאָלן מיר פאַרווישן דעם חילוק צווישן סינטעז און שכנות. און אַפילו די שכנות דאַרף קלאָר דעפינירט ווערן — עס איז נישט מער יענע שכנות פון שניים מקרא ואחד תרגום; אויך נישט די שפּעטערע שכנות — אויבן לשון־קודש און אונטן עברי־טייטש; עס איז אויך נישט די נאָך שפּעטערע שכנות — למשל, דער פונקציאָנאַלער פונאַנדערטייל אין דער השכלה־דראַמע, לשון־קודשדיקע פּאַטעטיק און יידישע קאָמיק; עס איז אַ שכנות פון אויטאָנאָמע תחומים — צוויי שפּראַכן, צוויי ליטעראַטורן, וואָס זייער אַנט־וויקל־גאַנג פאַרשמעלערט אַלץ מער און מער די צווייִשפּראַכיקייט אין אַ שאַ־פערישער פערסאָנאַלער אוניע און פירט צום איבערגעוויכט פון איין שפּראַך — י. ל. פּרץ לצד יידיש, ח. נ. ביאַליק לצד העברעיש — אַזוי אַז נישט בלויז די שאַפערישע פּערסאָנאַלע אוניע ווי אַ כלל־דערשיינונג פאַרשווינדט אַלץ מער און

מער, נאָר דער ייִדיש־שרייבער וואָס קען מער נישט קיין העברעיִש און דער העברעיִש־שרייבער וואָס קען מער נישט קיין ייִדיש ווערן אַלץ מער און מער דער כלל, פון וועלכן עס סטאַרטשעט אַרויס, מיט זיין אַנדערשקייט און אַפילו זעלטנקייט, דער יוצא־מן־הכלל.

אַז ניגער איז נישט געווען גליקלעך פון אַזאַ לאַגע איז פאַרשטענדלעך: ער האָט נישט געקאָנט צופרידן זיין — אַ ראיה, זיינע היסטאָרישע רעפלעקסיעס איבער צווייִשפּראַכיקייט; ער האָט נישט געוואָלט צופרידן זיין — אַ באַווייז זיינע פּרוּוון די רעפלעקסיעס צו אַקטואַליזירן. אָבער שווער צו זאָגן, אַז די פּראָפּאָרציע פון זיין אינטערעס פאַר ביידע שפּראַכן און ביידע ליטעראַטורן און דער כיוון פון זיינע אַקטיוויטעטן, האָבן נישט פאַרהאָלפן צו יענער אָפּגעזונדערטקייט, אין וועלכער עס האָט זיך אויסגעדריקט אַ פּרשת־דרכים אין גאַנג פון פאָלק. די אָריענטאַציע אויף מענדעלעס חריפותדיקן זאָג, אַז ער אָטעמט מיט ביידע נאָזלעכער, איז מחייב דעם זעלבן חלל פון לופט, אָבער דער פונאַנדערפאַל פון דער היסטאָרישער פּערספּעקטיוו און פון דער אַקטואַלער אָריענטאַציע אין פאָלק האָט אויך אויפגעריסן דעם חלל פון לופט, און כדי צו פאַרהיילן אַזאַ וווּנדיקן אויפריס זענען די פאַר זיך גאַנץ סימפּאַטישע עקספּערימענטן, ווי „אחיעבר” און לויִס לאַמעד־פאָנד, צו קאַלטע רפואות. בפרט אַז דער עקספּערימענטאַטאָר גופא האָט אַפילו געאָטעמט מיט ביידע נאָזלעכער, אָבער ער האָט איינס געהאַלטן ברייטלעך אָפן און דאָס אַנדערע אַ קאַפּעלע צוגעשפּאַרט. ווען ייִדיש־העברעיִש וואָלט פאַר ניגערן געווען אַן ענין פון סינטעז, און דערצו אַ סינטעז פון, פאַר אים, וויטאַל גלייכווערטיקע און גלייכוואָגיקע קאָמפּאָנענטן, וואָלט מען געקאָנט קומען מיט טענות־ומענות, אָבער ייִדיש־העברעיִש איז פאַר אים געווען אַן ענין פון שכנות, ייִדיש דער צענטער און העברעיִש אַן אָנשפּאַר, קאָן מען ממילא צו אים קיין טענות נישט האָבן.

ואחרון אַחרון, דאָס לעצטע פּאָרל — גלות און ישׂראל. דווקא דאָ מוז מען נישט אויפמישן עלטערע יאָרגענג פון ניגערס פּובליציסטיק; עס איז גענוג זיך אַריינצוקלערן אין זיין בראַשור, וואָס אַפילו דאָס גראַפישע בילד פון זיין טיטל (ישׂראל — ...פאָלק און לאַנד) ווייט מיט רעזערוואַציע, וואָס איז דער אייבערטאָן פון די אַרגומענטן און דער אונטערטאָן פון די סך־הכלען. ווער עס וויל מעג זיך וווּנדערן איבער דער פּראַסטיקייט, און ווער עס וויל קאָן באַוווּנדערן די פעסטיקייט, מיט וועלכער ניגער פּרוּווט איבערחזרן זיינע אַלטע עיקרי־אמונה אין אַ נייער סיטואַציע; ווי ער פאַרטיידיקט די דאָזיקע עיקרי אמונה, וואָס זענען אויסגעוואַקסן אין דער אייערנעכטיקער ווערקלעכקייט פון פאַר ביידע וועלט־מלחמות, און וויל באַווייזן אַז זיי קאָנען באַשטיין נאָך דער נעכטיקער ווערקלעכקייט פון אומקום און דער היינטיקער ווערקלעכקייט פון אויפקום. אָבער אונדז אינטערעסירט

איצט נישט ניגערס מענטאַלער צוגאַנג, נאָר זיין אידעאָלאָגישער און פּראַגראַ־מאַטישער אויסגאַנג: דער גלות ווי אַ באַזע פון יידישן קיום און ישראל ווי איר אָנשפּאַר.

וועלטלעכקייט, יידיש, עם־עולם — זענען געווען און געבליבן פאַר ניגערן די דריי באַזע־אַטריבוטן פון דעם צענטראַלן וועג פונעם פאָלק און זיין קול־טור; ווייטער מסורה, העברעיש, ישראל — זענען שטיצן פון דעם דריילינג. עס איז נישט קיין רעוויזיע נאָר אַ קאָרעקציע און זיין אני־מאמין, ווען ער דער־לאָזט אַ קאָעקסיסטענץ פאַרביידע דריילינגען — דער ערשטער ווי דער צענט־ראַלער וועג, דער לעצטער ווי פּעריפערישע שטעגן פונעם פאָלק. אין ליכט פון דעם אני־מאמין, וועלכן ניגער האָט געטריי אָפּגעהיט ווי אַ נאה דורש ונאה מקיים, דאַרף מען באַטראַכטן זיין ליטעראַריש־קריטישן פאַרמעסט און אויפטו.

ד

דריטנס, נאָך דעם ווי מיר האָבן פון דער ניגער־פובליציסטיק אַרויסגע־שיילט דעם אני־מאמין זיינעם, וואָס האָט זיך אויסקריסטאַליזירט אין זיין אַנט־שייד איבערן גורל פונעם פאָלק (פאַרשטייט זיך אויף וויפל דער גורל פון אַ פאָלק איז געווענדט אין אַ צייטלעך און אָרטלעך באַדינגטן אַנטשייד פון זיין באַוווסטזיניקערן און שאַפערישן טייל) און מיר האָבן געזען, אַז דער אַנטשייד האָט אים געבראַכט צו אַ טאָפּלער דרייִיקייט, ווו — אויב מען מעג זיך דער־לויבן אַ ליצנישע פּאַראַפראַזע — די ערשטע איז אַ דרייִיקע גבירה און די לעצטע אַ דרייִיקע שפחה, לאָזט זיך ערשט רעדן איבער דער וואָג פון ניגערס פאַרמעסט און דעם ווערט פון זיין אויפטו, און בעיקר איבער זייער אָפּשפּיגל ביי זיינע אָפּשאַצערס, וואָס מיר האָבן איינגעטיילט אין קריטיקערס און פּאָלע־מיקערס, אָבער ביידע טיילן האָבן אַ צד־שווה — זיי ווילן דערגיין דאָס באַ־זונדערע רעטעניש: אַ ליטעראַטור, וואָס האָט דורכגעמאַכט, אין אַ קורצער צייט, אַן אַנטוויקל־גאַנג, וואָס פאָדערט געוויינטלעך אַ פּראָצעס פון דורות, און אין דער קורצער צייט זענען שטרעמונגען אַרויף און שטרעמונגען אַראָפּ, לי־טעראַרישע שולן האָבן אויפגעבליט און ליטעראַרישע שולן זענען אָפּגעוויאַנעט, שרייבערישע מאָדעס האָבן אויפגעגלאַנצט און שרייבערישע מאָדעס זענען פאַר־קראָכן אין שאָטן, און יעדע שטרעמונג האָט פאַרמאָגט אירע אייגענע קריטי־קער, יעדע שול האָט געהאַט אירע אייגענע אָפּשאַצער, יעדע מאָדע האָט אויפ־געשטעלט אירע אייגענע אויסטייטשער; און דאָ שטייט די אַלע יאָרן איינער, און מיט אַ דרויסנדיקער ניכטערנקייט און אַן אינעווייניקסטער דעמאָנישער התמדה, וואַכט ער איבער דער גאַנצער שאַפערישקייט, לאָזט נישט אָפּ זיין האַנט פונעם פּולס, וואָס ווייזט אַלע טרייסלען פונעם שטורמישן קאָך; לאָזט נישט

אַפּ זיין אויג פון דער מראה, וואָס אַנטפּלעקט אַלע ניואַנסן פונעם פאַרביקן בייט, און זאָגט: דאָס האָב איך געשפּירט, דאָס האָב איך געזען; און זאָגט עס אין אַ זיכערן נוסח און אין אַ קלאָרן טאָן פון אַ געניטן דיאַגנאָסטיקער. אַוודאי, פאַראַן טענות פון זיינע קריטיקער, אַז דאָ האָט ער נישט געשפּירט און דאָרט האָט ער נישט דערשפּירט, דאָ האָט ער נישט דערזען אָדער ער האָט גאָר פאַר־זען; פאַראַן תרעומות פון זיינע פּאָלעמיקער, אַז דאָ איז זיין פּסק אַ פאַרפעל־טער און דאָרט איז זיין דיאַגנאָז אַ פאַלשער און בכלל איז זיין אויטאָריטעט אַ מעיקרא־דדינא־פּירכא. אָבער אַ פּסיכאָלאָגישער אַנאַליז פון די אַטאַקעס, און דווקא פון די שאַרפסטע, וואָס ניגער איז זיי אויסגעשטאַנען, וואָלט גריילעך אויפגעדעקט אונטער די אָפענע טענות די פאַרבאָרגענע טענה איבער דער שפּאַנונג, און אונטער די אָפענע תרעומות די פאַרבאָרגענע תרעומה איבער דעם מהלך צווישן ניגערס פאַרמעסט און אויפטו. עס איז, בעצם, אַ געמיש פון כעס און צער, אַ געמיש וואָס איר גרונט איז דער אָפּשיי פאַר דער באַשטאַנ־דיקייט פונעם יום־טובדיקן פאַרמעסט און דער געטריישאַפט פונעם וואָכעדיקן אויפטו. עס קלינגט ווי פּאַראַדאָקס, אָבער וואָס העכער דאָס קול פון תרעומות, אַלץ טיפער די שטומקייט פון אָפּשיי. אַפילו דער שאַרפסטער פּאָלעמיקער, ווען ער לייגט די האַנט אויפן האַרצן, וואָלט זיך מודה געווען, אַז אויך אין זיין ביטערסטן פּאָמפּלעטישסטן געזידל, איז ער נישט פריי געווען פון אַ געראַנגל מיט אַ פאַרהוילענעם געפיל פון דרך־ארץ פאַר דעם עצם פאַרמעסט, פאַר דער עקשנותדיקער שליחות צו זיין איבער פופציק יאָר, אין איין אָטעם, עדות און ריכטער, כראָניקער און היסטאָריקער פון דעם לעבעדיקן מלכות־יידיש. מיר שטרייכן אונטער די פּאָלעמיקער, און דווקא די שאַרפסטע צווישן זיי, ווייל מתוך לאַוו אַתה שומע הן, און דער הן דאָס איז דאָך, בעצם, דער אידעאַל פון ניגערס שליחות, אַן אידעאַל צו וועלכן ער האָט זיך שטיל אָבער אָן אָפּלאָז גע־ריסן מיטן גאַנצן איינשטעל פון זיין גייסטיקער אויפגעוועקטקייט און זיין אינ־טעלעקטואַלן פלייס און האָט אויך, אין זכות פון זיין בכל נפשך ובכל לבבך, נישט איין מאָל דערגרייכט דעם זוים פון זיין אידעאַל, אַלעמענס אידעאַל. נישט צוליב תפארת־השליח, נאָר צוליב קדושת־השליחות האָט ער זיך איינגעשפּאַנט אין דער גרויסער האַרעוואַניע — צו זיין אַליין, און דורך זיך אויך באַוויזן אַנדערע, די עצם באַוווסטזיניקייט פון דער יידיש־שאַפערישער טאָטאַליטעט. ער האָט זיך ערלעך באַמיט צו פאַרשטיין איעדע שאַפערישע דערשיינונג — אַ פאַרשוין, אַ בוך, אַ שטרעמונג — פאַר זיך און אין זיך, אָבער צו גלייך, און בעיקר, האָט ער געוואָלט דערגיין, וואָס איז זי ווי אַ פּאָדעם אין גאַנצן יידיש־גאָבעלין. עס איז אַ טאָפּעלער קוק און עס זענען טאָפּעלע פּראָפּאָרציעס — נישט ווייניק פּאָלעמישער ברויז האָט באַגלייט דעם טאָפּל־צוגאַנג, ווייל אַנ־

דערש זעט אויס אַ פּאָזיציע ווי אַ ציפער פאַר זיך און אַנדערש ווי אַ טייל פון אַ גרעסערער ציפער, לאַ־כל־שכן ווי אַ טייל פון אַ טאָטאַליטעט. ווען די ערד וואָלט געהאַט אַ יצר־פּאַלעמיק, וואָלט זי מסתמא מחבר געווען אַ פּײַל־שאַרפן פּאַמפלעט אַקעגן דעם פּאַרשער, וואָס האָט זיך נישט באַנוגנט זי צו זען אין איר דריי אַרום זיך אַליין, נאָר האָט זיך אויך איינגעשפּאַרט זי צו זען אין איר דריי אַרום דער זון, און האָט אָוועקגעהרגעט דעם לעצטן רעשט פון די געאָצענטרישע אילוזיעס.

ה

עס וויל נישט הייסן, אַז ניגער איז באמת אַ פּוסק־אַחרון, ווייל פּוסק־אַחרון איז נישט קריטיק נאָר דאָגמע. עס וויל הייסן, אַז ער איז אַ פּוסק, און האָט געטאָן וואָס אַ פּוסק מעג און איז מחויב צו טאָן — ער האָט איינגעשפּאַנט בקיאות און חריפות, און ביידע אין דער מאַקסימאַלסטער מאָס, וואָס זיין התמדה, דעמאָניש געטריבן פון אַחריות, האָבן אויפגעבראַכט; האָט אָנגעשפּיצט דעם כוח פון אָבסערוואַציע און אויסגעאיידלט די פיינקייט פון טעם, און ביידע אין דער מאַקסימאַלסטער מאָס פון זיין זעלישן און גייסטיקן פאַרמעג, תרתי משמע, כדי צו קאָנען מיטן בעסטן וויסן און טיפסטן געוויסן אָפּגעבן אַ שטענ־דיקן דין־וחשבון איבער דער פון אים דורכגעלעבטער יידיש־ליטעראַטור; אָן אויפוועק פאַר דער צייט און אַ דערמאָן פאַר די צייטן.

ער איז נישט דער איינציקער קריטיקער, אַדרבא, כמעט אין איעדער אייגנ־שאַפט זיינער האָט ער אַ שטאַרקן קאָנקורענט, אָבער אין איינער איז ער לעת־עתה אַ בן־יחיד — אין פאַרמעסט פונעם טאָטאַלן באַנעם און אין אויפטו פונעם טאָטאַלן קאָנטראָל פון דער יידישער שאַפערישקייט. דערמיט האָט ער די קריי־טיק אויפגעהויבן צו אַ פּאַראַלעל־דערשיינונג לגבי די געציילטע שאַפערס אין דער יידיש־פּראָזע און אין דער יידיש־פּאָעזיע, וואָס באַהערשן אין דער טעמאַ־טישער ברייט און אין דער מהותדיקער טיף די טאָטאַליטעט פון דור און דורות.

[שבט־אדר תשי״ט]

אַ פֿאַרגעסענער שרייבער

צבי ביקלס־שפּיצער

א

צבי ביקלס־שפּיצער — אַ טונקעלע מערכה פֿון פֿאַרגעסנקייט האָט יאָרן־לאַנג פֿאַרשאָטנט זיין זכר. אַפילו צו זלמן רייזען האָט ער קיין מזל נישט גע־האַט: מישט אויף אין זיין לעקסיקאָן די נעמען שמואל יעקב אימבער, יעקב מעסטל, אורי צבי גרינבערג, און איר טרעפט ביי אַלע דריי דערמאָנט צבי שפּיצער, וואָס האָט געשפּילט אַ וויכטיקע איניציאַטאָרישע ראָלע אין זייער שאַפן. אָבער פֿאַר זיך איז ער אַזוי ווי נישט פֿאַראַן. ווייזט אויס, אַז רייזען וואָס האָט, כידוע, געהאַט אַ באַזונדערע פֿאַסיע צו פֿאַרגעסענע און איז נישט מיד געוואָרן צו זוכן און צו נישטערן — האָט געפֿרעגט און זיך נישט דערפֿרעגט.

אויב אַזוי, אַ פּאָר ביאָגראַפֿישע שטריך: אַ לעמבעריקער קינד (געבוירן ג׳ אייר, תרמ״ז, 27סטן אַפּריל, 1887), אויפֿגעוואַקסן צו ערשט אין אַ פּאָרשטאָט, פּייפּעראָווקע, און שפּעטער אין יידישן פּערטל, האָט ער דורכגעמאַכט דעם גאַנג פֿון אַ יינגל אין אַ באַלעבאַטישער, האַלב משׂכּילישער און האַלב פֿאָלקסטימ־לעכער היים — חדר, פֿאָלקסשול, פּוילישע הומאַניסטישע גימנאַזיע, שפּעטער לעמבעריקער און ווינער אוניווערסיטעט, שטודירט, ווי דער רוב יידישע סטו־דענטן אין יענער צייט און סביבה, יוריספּרודענץ, אויסגעשטודירט, אַ יונגער דאָקטאָר, געגאַנגען איך דער פּראָווינץ, געווען קאָנציפּיענט אין סאָקאָל, בקי־צור — פֿון פֿאַך אַן אַדוואָקאַט.

ב

ביז אַהער די דרויסנדיקע ביאָגראַפֿיע, ווייל די אינעווייניקסטע, וואָס איז דער עיקר, איז אַן אַנדערע געווען. נאָך אַ יינגל אויף דער גימנאַזיע־באַנק איז דער חלום געווען — ליטעראַטור, באַנייטע יידישע ליטעראַטור. סיי אין קרייזל פֿון דער געהיימער אָרגאַניזאַציע „השחר״, סיי אין קלוב פֿון פּועלי־ציוניסטישער „אחוה״ איז אָנגעגאַנגען אַן איבערגעגעבענע אַרבעט פֿון שטאַרקן די אייגענע באַוווסטזיניקייט — מ׳האָט געשמאַק געלערנט געשיכטע פֿון פֿאָלק, העברעיש,

יידיש. דאָס פינטעלע איז פאַר אים געווען די דראַמע. זייער יונג, כמעט אַ קינד, פאַרשריבט ער גאַנצע העפטן וועגן געזעענע און געלייענטע יידישע דראַמעס, אָפּערעטעס, רעצענזיעס, אָפּשאַצונגען. דערנאָך קומען אין אַ קלאָרן כתב־יד אין אַ צייטיקערן חיתוך הדיבור זיינע אייגענע דראַמעס — תחילת פויליש, שפּעטער יידיש. ס'איז כמעט איין טעמע אין פאַרשיידענע וואַריאַציעס — קידוש השם, צו ערשט אַקטואַל, דערנאָך היסטאָריש. יאָרן שפּעטער איז אַרויסגעוואַקסן די דראַמע דער גואל, וואָס קייטלט זיך אָרגאַניש אַריין אין דער אַנטוויקלונג פון דעם גאולה־מאָטיוו אין דער יידישער שאַפונג; אַ צווייטע דראַמע די גאָלדענע רויזע, וואָס האָט געזאָלט זיין דער תמצית פון זיין שאַפן, איז שוין אָנגעצייכנט, אָבער נישט אָנגעשריבן געוואָרן. ווי ערנצט ער האָט זיך באַצויגן צו זיין דראַמאַטישער אַרבעט, באַווייזט זיין צום טייל דערהאַלטענער אַרכיוו — אַ שלל פון נאָטיצן, אויך זיין שטודיע־רייזע קיין בערלין און מינכען. ער האָט געלערנט ביי ריינהאַרדטן, פאַר וועמען ס'איז צוגעגרייט געוואָרן אַ דייטשישע איבערזעצונג פון דער גואל (איבערגעזעצט פון נתן בירנבוים. ס'האָט זיך דערהאַלטן דער ערשטער אַקט).

ג

ביים לעבן האָט ער געדרוקט בעיקר קריטיק וועגן דראַמע, טעאַטער, דיכטונג. ער איז געווען אַ מיטגליד און פירגייער פון יענער יונגער באַוועגונג, וואָס האָט זיך נאָך יאָרן דערוווסט, אַז ס'פּאַסט איר דער נאָמען: יונג־גאַליציע. זיינע אַרבעטן זענען צעוואָרפן אין צייטונגען און צייטשריפטן אין לעמבעריק (טאָגבלאַט, דער יידישער אַרבעטער, יידישער פאָלקס־קאַלענדאַר, יונג־גאַליציאַנער אַלמאַנאַך, ווסכוד, מוריה), קראָקע (דער טאָג), סאַניק (דער פאָלקס־פריינד), סטאַניסלאַוו (דער יוד), וואַרשע (דער פריינד), ניו־יאָרק (דאָס נייע לעבן, יידישער וואָכנבלאַט) וכדומה. ער האָט געשריבן וועגן די ערשטע שוואַלבן פון דער יונג־יידישער ליריק אין גאַליציע (אימבער, מעסטל, כמעלניצקי), ער האָט באַגלייט זייער פּלי, פאַרהאַלפן די יינגערע (אַרויסגעגעבן דאָס ערשטע ביכל פון א. צ. גרינבערג) און זיך אַרויסגעוויזן ווי דער ערשטער מאָדערנער יידישער קריטיקער, וואָס פאַרשטייט צו מאַכן אַ חשבון הנפש — און דאָס אַ גאָר האַרבן און האַרטן — פון דער ליטעראַרישער אַרבעט אין גאַליציע. אָבער מיט די דראַמאַטישע און קריטישע אַרבעטן האָט זיך זיין אינטערעס נישט אויסגעשעפּט; ס'האָט אין אים אויפגעצייטערט דער אָדער פון אַ פאָרשער. די איבערבלייבענישן פון זיין אַרכיוו זענען מעיד אויף אַ לאַנגיאָריקער פאָרשאַרבעט וועגן די מקורים פון דער יידישער ליטעראַטור. איינער פון זיינע פּלענער איז געווען אַ בוך וועגן י. ל. פּרץ, און ווי ס'ווייזט אויס, האָט ער עס אויך אָנגע־

שריבן; אָבער אין אַרכיוו, וואָס איז אָפּגעהיטן געוואָרן דורך זיין ברודער, ד״ר יעקב ביקלס אין תל־אביב, האָט זיך אָפּגעפונען נאָך די דיספּאָזיציע פון בוך: דער עצם פון די נאַציאָנאַלע מאָטיוון אין פּרצעס שאַפן, אין איין פּאַרטיק קאַפּיטל — די העראָישע מאָטיוון אין י. ל. פּרצעס שאַפן, דאָס קאַפּיטל ווערט איצט צום ערשטן מאָל געדרוקט אין אָריגינאַל. ס׳איז שוין פריִער געדרוקט געוואָרן אין אַ פּוילישער איבערזעצונג פון נפתלי פּלאַנצער און נפתלי שוואַרץ (מוריה, 1918, זייט 251—265) און אין מיין העברעישער איבערזעצונג אין בוך: ספר צבי ביקלס־שפּיצער, דמותו ויצירתו (הוצאת סנוניות תל־אביב, ערך ותרגם דב שטוק תשח, ז״ז 200—226).

ד

אויך דאָס איז אַ גלגול פון אַ ניגון — דאָס דערמאָנטע בוך ברענגט אָפּשאַצונגען און זכרונות וועגן צבי ביקלס־שפּיצער פון אָשר באַראַש, אורי צבי גרינבערג, ג. שאָפּמאַן, אַדאָלף שטאַנד, יעקב ביקלס, אַנזעלם קליינמאַן, יעקב מעסטל, יוסף פּאַלק און דעם רעדאַקטאָר פון בוך, אויך אַ גרויסן אָפּקלייב פון זיינע ווערק — די דראַמעס, קריטישע אַרבעטן, אַ מחקר וועגן פּרץ, און אַ ביבליאָגראַפיע פון אים און וועגן אים, אַזוי, אַז דער העברעישער לייענער קאָן זיך געבוי אינפאָרמירן, ווער איז געווען און וואָס האָט אויפגעטאָן דער פאַרגעסענער שרייבער; אָבער דער יידישער לייענער קאָן זיך נאָך דאָס עד היום נישט פאַרגינען; דער תרגום איז דאָ געקומען פאַרן מקרא, די איבערזעצונג פאַרן אָריגינאַל. זאָל די איניציאַטיוו פון די גאָלדענע קייט צו ברענגען ביקלס וואָגיקע אַרבעט: די העראָישע מאָטיוון אין פּרצס שאַפן, געשריבן אין יאָר פון זיין טויט (ער איז געשטאָרבן ח׳ טבת, תרע״ז, 2טן יאַנואַר, 1917), זיין אַ גוטער אָנהייב דערצו.

[תשי״א]

טעאַטער אַ גורל

מיכאל ווייכערטס זכרונות

מאמר א׳: ליבשאַפט און מסירת נפש

א

כאָטש דאָס יידישע גאַליציע בכלל, און דאָס יידישע מזרח־גאַליציע בפרט, האָט נאָך אויפן שוועל פון זיין סאַמע אָנהייב פאַרמאָגט יענע אייגענע באַ־וווּסטזיניקייט, וועלכע לייַכט אַרויס פון מעמואַריסטישן אָפּשפּיגל — און אַ ראיה די זכרונות פון ר׳ בער בירקענטאַל (באָלעכאָווער) — ווערט די דאָזיקע פּראַ־ווינץ נישט פאַררעכנט אונטער דער רייכסטער ליטעראַטור. אַוודאי, מען זאָל ערלעך צונויפֿשטעלן דעם זכרונות־מאַטעריאַל, אָנגעהויבן פון ד״ר עהרליכס דייטש־געשריבענע ביז זעליג לויטערבאַכס, קאַרפל ליפּעס, שמעון בערנפעלדס, ישׂראלס טעלערס אָדער ישׂראל בריסטיגערס העברעיִש געשריבענע אין צייט־שריפטן צעוואָרפענע אויטאָביאָגראַפיעס ביז אויף די גרעסערע מעמואַרן־ביכער סיי העברעיִשע — אי פון פיינעם ראַפינירט־דערציילערישן סאָרט ווי ר׳ בנימין, אי פון פּשוטן מער נאַיוו־שמועסנדיקן סאָרט ווי אָשר כורך, סיי יידישע — ווי אַ שטייגער, די ביכער פון יוסף מאַרגאָשעס, גרשם באַדער אָדער יוסף טע־נענבוים וכדומה, וועט זיך אַרויסשטעלן, אַז ס׳איז אַ גרעסערער ממש, ווי עס דאַכט זיך אויבנאויפיק אויס. אָבער דווקא אַ סטריקטער ביבליאָגראַפישער אי־בערקוק און דורכקוק וועט בולט מאַכן אַ מאַנקאָ, וועלכער ווערט איצט מיט די זכרונות פון ד״ר מיכאל ווייכערט אויסגעגליכן. דען חוץ דער עצם ווערטיקייט פון דער אויטאָביאָגראַפיע, וואָס איר ערשטער טייל ליגט איצט פאַר אונדז — אַן אינהאַלטלעך שטרענג פאַרענטפערלעכער און סטיליסטיש־פּערלדיק קלאָרער דאָקומענט פון אַ באַוווּסט שאַפערי׳ש לעבן פון אַ יידישן יחיד — איז עס אַן עדות פון אַ הויכן אינטערעס און אַ טיפער איבערגעגעבנקייט פאַרן אויפבוי און אַנטוויקל פון אַ באַזונדערן צווייג פון אונדזער שאַפערישקייט, וואָס האָט אַפילו וואָרצלען אין די פריִערדיקע דורות, אָבער איז זיך ערשט פאַנאַנדערגעוואַקסן צו אַן אמתער קינסטלערישער ווערקלעכקייט אין אונדזערע צייטן: דאָס יידישע

טעאַטער. גאַליציע, וואָס האָט דאָס יידישע טעאַטער געזען אין זיינע ווינדע־לעך — אָנגעהויבן פון בערל בראָדערס קליינע סצענקעלעך און פאַרענדיקט מיט גאָלדפאַדענס מעלאָדראַמאַטישע שפּילן — איז כמעט דאָס וויגל פון אינ־טערעס פאַרן גורל און גאַנג פון דעם יידישן טעאַטער מצד יחידים, וואָס האָבן זיך געצייל􏰀ט צו דער אינטעליגענטער עליטע. אויב מען מעג זיך, לשם אילוסט־ראַציע, באַנוצן מיט אַ פּאָר לויזע פאַקטן, וואָלט איך, אַ שטייגער, דערמאָנט ביידע אַרויסגעבערס פון מענדל לעפינס איבערזעץ פונעם רמבמס „מורה נבו־כים" — ר' ישעיה מאיר פינקלשטיין און ר' עוזר ראַטענבערג, כדי אונטערצו־שטרייכן, אַז דער ערשטער האָט געשריבן יידיש־קאָמעדיעס און טעקסטן פאַר די בראָדער זינגערס און דער צווייטער איז געווען אַ מעצענאַט פון וועלוול זבאַרזשער; אָבער נאָך מער וואָלט איך געראָטן נאָכצולייענען אין די זכרונות פון יהושע טהאָן, מרדכי עהרענפּרייז (אַגב, נאָך יינגלווייז האָט ער געגעבן אַ קלאָרע, כמעט יידישיסטישע, דעפיניציע), מרדכי זאב ברוידע ביז ב. ה. טור־סיני (טאָרטשינער), כדי צו ווייזן ווי ווייט יידיש טעאַטער איז געווען איינגע־באַקן אין האַרצן פון דער דעמאָלט יונגער יידיש־נאַציאָנאַלער אינטעליגענץ. ווער ס'וועט נאָכזוכן אין דער פיר־ און בעיקר דריי־שפּראַכיקער גאַליציש־יידישער פּעריאָדיק פונעם סוף פון יענעם און אָנהייב פונעם איצטיקן יאָר־הונדערט, וועט קאָנען צונויפזאַמלען אַ שפּאַר ביסל מאַטעריאַל איבערן יידישן טעאַטער, און וועט דערפון אָפּלערנען, אַז די ליבשאַפט צו דער יידיש־קרעאַטי־ווער אינסטיטוציע האָט געאָטעמט מיט אַן אמתן אינטערעס זי צו דערהייבן, זי זאָל פּרווון האַלטן שריט מיט אונדזער ליטעראַטור, וואָס האָט דעמאָלט, אין אירע ביידע שפּראַכן, דערלעבט אַ וווּנדערלעכן אויפבלי; און זי זאָל קאָנען דערגרייכן יענע מדרגה, וועלכע עס האָט געפאָדערט דער יידישער אַרום, וואָס זיין אויפגעוועקטקייט האָט אין זיך געטראָגן עפּעס פון אַ רענעסאַנס.

ב

אָבער פון ליבשאַפט ביז מסירת נפש איז אַ ווייטער מהלך. אמת, טייל האָבן, אויף דעם לאַנגן וועג דורכגעשפּאַנט אַ לייטישע פּאָר סטאַציעס — יעדעס בלאַט, און כמעט יעדע פּעריאָדישע שריפט, האָט געדרוקט איבער און אַרום יידישן טע־אַטער און יידישע דראַמע; און געציילטע שרייבער האָבן זיך געלאָזט ווייטער און אַפילו טיפער — געגנוג צו דערמאָנען ד"ר מאיר בינענשטאָק, און בפרט ד"ר יצחק שיפּער, וועלכער האָט זיך אַ נעם געטאָן צו אַ פאָרשערישן שפּאַציר אין דעם נעכטן און אייערנעכטן פון יידישן טעאַטער. אָבער פון אַן עקסטער פאַר־קויכעטקייט און באַהאַוונטער פאַרקאָכקייט לאָזט זיך, אין תחום פון יונג־גאַליציע, רעדן בלויז איבער צוויי — ד"ר צבי ביקעלס־שפּיצער, וועלכער איז

פרי פאַרשניטן געוואָרן, און שפּעטער ד״ר מיכאל ווייכערט, וואָס טרעט איצט איבער די שוועל פון זיין זיבעציקסטן לעבנסיאָר און איז מיט אַ קאָרגע צוויי יאָר צוריק איבערגעטרעטן די שוועל פון זיין פופציקסטן שאַפנסיאָר.

דאָס הייסט איבער אַ קיילעכדיקן יובל־צייט איז מיכאל ווייכערט אַקטיוו און פּראָדוקטיוו בעיקר אין דראַמאַטישן און טעאַטראַלישן תחום פון דער יידישער קולטור, און עס איז ממש צו שטוינען, ווי אַזוי די דאָזיקע אויפטועך זענען אַרויס־געוואַקסן פון אַ באַוווסטער, ציל־דערקענטעניש און אַ באַוווסטן ציל־צוגרייט, וועלכער האָט זיך שוין אויסגעצייטיקט אין זיינע ייִנגסטע יאָרן. דער באַנד וואָס ליגט פאַר אונדז, דערציילט אונדז טאַקע דעריבער — מיר גייען אַרויס פון זיין גאַליציש־פּאָדאָליש געבוירנשטעטל פּידהייץ, דערקענען די משפּחה, לעבן איבער די ערשטע קינדערישע יאָרן, טראָגן זיך אַריבער אין אַ גרעסערער שטאָט אַריין, סטאַניסלאַוו, לערנען שוין אין אַ מין מאָדערניזירט חדר, קנעלן נאָך תנך, אָבער שוין נישט קיין גמרא, גייען דורך אַ פאָלקסשול, ווו מיר זענען אַפילו נישט קיין האָלבער מנין יידישע קינדער, שפּעטער אַ פּוילישע גימנאַזיע און מיר זענען גרייט, צו וואָס דער רוב יידישע סטודענטן אין יענער צייט גרייט זיך — צום טיטל פּאַניע קאָנסילאַזשו, אויב מען שטודירט מעדיצין; צום טיטל פּאַניע מע־צענאַשיע, אויב מען שטודירט יורי. אמת, מען האָט אַ ביסל געציוניסטלט, אַפילו געשנאַפּט עפּעס העברעיש, אָבער מען ווייסט שוין, וואָס עס ווערט דערפון נאָך דעם ווי מען האָט זיך געעפנט אַ קאַנצעליי. אידעאָלאָגיש און פּראַגראַמאַטיש האָט מען טאַקע די אַסימילאַציע, בפרט די שפּראַכלעכע, אַרויסגעוואָרפן דורך דער טיר, אָבער פּראַקטיש און פאַקטיש קריכט זי אַריין דורכן פענצטער און באַהערשט די שטוב און באַגלייט אַרויס אין גאַס אַריין. אויף דער ממילא־אַסימילאַציע, וועלכע איז מסוכנער פון דער אידעאָלאָגישער און פּראָגראַמאַטישער, האָט שוין אָנגעוויזן שלמה שילער. די ערנצטע עלעמענטן פון דער שטודירנדיקער יוגנט האָבן נישט בלויז דעם סוד־פּאַר־גאַנץ־בראָד נאָר אויך דעם אַ סך טיפערן סוד פאַרשטאַנען — דאָס איז קודם כל אַן עטישער פּאָסטולאַט פאַר יעדן יחיד, וואָס מיינט ערנצט צו זיין אַן אינטעגראַלער, ממשדיקער טייל פון יידישן כלל, און ער איז עס אין דער ראָם פון דעם מאָדערנעם יידישן באַנעם, ווי זיין טאַטע־מאַמע און זיידע־באָבע זענען עס געווען אין דער וועלט פון דער מסורה. נישט אומ־זיסט ברענגט אונדזער בעל־זכרונות אויסשעפּלעכע קאַפּיטלען איבער דעם יידישן שטייגער־לעבן. מיר לערנען דערפון אָפּ, אַז די יסודות פון מסורה־לעבן האָבן זיך, ביז אין די קלענסטע פּרטים, דערהאַלטן און זיי זענען דאָס די אַטמאָספער, פון וועלכער ער איז אויסגעוואַקסן, די גרויסע גאַנצקייט, וועלכע מוז אויך, ביי די פאַראַנדערשטע באַגריפן, ווי אַ גאַנצקייט דערהאַלטן ווערן. און דערהאַלטן לאָזט זי זיך דורך דער אמתער געטריישאַפט פון יחיד צום כלל.

ג

פאַראַן אין דעם באַנד זכרונות צדדים, וואָס לאָזן זיך אָפּפרעגן. מיר, למשל, וועלן זיך שווער לאָזן איבערצייגן, אַז דער שאַרפער באַצי צו חסידות, וואָס פילט זיך כמעט ביי אַ יעדן צוזאַמענטרעף מיט הסידים, לאָזט זיך טאַקע דערקלערן פון די ביטערע דערפאַרונגען וואָס דער בעל־זכרונות האָט געהאַט מיט זיי. מיר וואָלטן צו אַ טיפערן דערקלער פאַרבעטן נישט בלויז דעם פון אים געשמאַק אָק־צענטירטן מתנגדישן אָפּשטאַם זיינעם, נאָר אויך אַ רודימענט פון קעמפערישע משכילים אַלאַ יוסף פערל, און אַ שאָד, וואָס ער האָט זיך נישט אַרויסבאַ־פרייט פון אַ צוטייל דומפער גערייצטער אַווערסיע צו אַ קלאָרער מענטאַלער קעגנערשאַפט. דעסגלייכן וועלן מיר זיך שווער לאָזן איבער־צייגן, אַז די כמעט תמיד אָפּוואַרפעריש קריטישע אַרויסזאָגן איבער ציוניסטן לאָזן זיך טאַקע דערקלערן בלויז פון די אַנטוישנדיקע דערפאַרונגען פר־נעם בעל־זכרונות, וואָס האָט נישט געוואָלט שלום מאַכן מיט זייער אחד־בפראַגראַם ואחד־בפראַקטיק. אַדרבה, עס קומט אונדז פיר, אַז די נעגאַטיווע גענעראַליזאַציע פון ציוניסטן שפייזט זיך אויך פון פרינציפּיעלן אָפּוועגד פונעם ציוניזם, און ס'איז אַ שאָד, וואָס די זכרונות פאַרמאָגן אויף דעם פונקט נישט די נייטיקע קלאָרקייט, אין וועלכער דער מחבר איז, בדרך־כלל, אַ מאַדים. אָבער דער אמת איז, אַז פונקט ווי די חסידים זענען געוואָרן דער גרעסטער שטער פאַר חסידות, אַזוי זענען ציוניסטן געוואָרן דער גרעסטער שטער פון ציוניזם. ווער עס האָט נענטער געקענט דעם דורכשניטלעכן טיפּ אינטעליגענטן, בפרט דיפּלאָ־מירטן, ציוניסט, האָט עס טאָג־טעגלעך געקאָנט באַשטעטיקן, און די מרידה אַקעגן דעם קאָנווענציאָנעלן ליגן פון דעם טאָפּל־לעבן — נאַציאָנאַל להלכה און אַסי־מילאַטאָריש למעשה — איז דאָך געווען דער תוך פון דער ציוניסטישער, חלוציש־באַטאָנטער יוגנט־באַוועגונג.

דאָס אַלץ דאַרף מען נעמען אין באַטראַכט, לייענענדיק דעם באַנד זכרונות, אין וועלכן ס'ווערט דערציילט, ווי אַזוי מיכאל ווייכערט איז געוואָרן וואָס ער איז געוואָרן. די ירושה פון דער היים, פון דער משפחה, פון דער גאַס, די ירושה פון דורות, האָט זיך אים בעיקר קאָנצענטרירט אין דער שפּראַך, וואָס האָט די גרויסע נחלה איינגעזאַפּט, און אין דער ייִנגערער ליטעראַטור, וואָס איז אין איר געשאַפן געוואָרן. די קאָנצענטראַציע איז נאָך פאַרשטאַרקט געוואָרן מכוח דער צוגעבונדנקייט צו דער ייִדישער קולטור־באַוועגונג — דער גרויסער רושם פון דער טשערנאָוויצער שפּראַך־קאָנפערענץ — און דער אָפּגעבונדנקייט, אָדער לפּחות דעסאינטערעסמענט, צו דער העברעיִשער קולטור־באַוועגונג. דאָס אַלץ האָט מיט־געהאָלפן, אַז אַן איינגעבוירענע נטיה צו דער געשטאַלט־קונסט, צו דראַמע און טעאַטער, זאָל פאַר אים און זיינע אויפטוען ווערן אַ געבענטשטער גורל. ווי

אַזוי ער שפּרייזט שריט ביי שריט, איבערוואַלטנדיק נישט בלויז שווערקייטן נאָך אויך לאָקונגען, איז אַ דראַמע פאַר זיך. מיר זעען בחוש ווי אַ מענטש גרייט זיך בכיוון און מיט התמדה צו זיין מיסיע. שווערקייטן — די אָרעמע פאַרהאָ־רעוועטע היים וואָס האָט מורא פאַר אַזאַ מין אַוואַנטורע, ווי פאַרבינדן זיך לייב־און־לעבן מיטן ברעטל; לאָקונגען — דער קאָפּ פאַרדרייט זיך ממש, אַז מען דערמאָנט זיך, און דער מחבר העלפט אונדז טאַקע דערצו, וואָס פאַר אַ קאַר־יערעס ס׳זענען נאָך געווען אָפן פאַר אַ פעיִקן יוריסט, שרייבער, דראַמאַטורג, רעזשיסער אין אַ ווין אָדער בערלין. איז טאַקע די שפּאַנונג פון דער דראַמע — ווי אַזוי דער פידהייצער יונגערמאַן, וואָס האָט נאָך גימנאַזיע און אוניווערסיטעט און יורידישן דאָקטאָר־טיטל געקנעלט אין דראַמאַטישע שולן, מיט עקשנות זיך אַריינגעאַרבעט אין הלכות אָטעמען און דיקציע, געלערנט אַלץ וואָס קאָן אים דינען, ביז ער איז אָנגעקומען צו רייַנהאַרדטן און זיך דערגרונטעוועט צו די יסו־דות פון הויכקינסטלערישן טעאַטער, און ווי אַזוי דאָס יִדישע טעאַטער האָט אַרויסגעקוקט נאָך אַזאַ פאַרשוין און געזוכט דעם וועג צו אים. און דער קלימאַקס פון דער דראַמע איז ווי זיי האָבן זיך, אין די טעג פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, געפונען אין צוג וואָס האָט אונדזער מחבר געפירט פון בערלין קיין וואַרשע.

מיר וואַרטן מיט אומגעדולד אויף די קומענדיקע בענד. באמת.

[יום העצמאות, תש״ד]

מאמר ב׳: אוטאָפּיע למעשה

א

די זכרונות פון ד״ר מיכאל ווייכערט, וואָס זייערע צוויי בענד ליגן פאַר אונדז, זענען אַ כראָניק פון אַ גרויסער יִדישער קולטור־האָרעוואַניע, און בשעת דער פריִערדיקער באַנד האָט אונדז דערציילט ווער עס האָט זיך אין איר איינ־געשפּאַנט, דערציילט אונדז דער איצטיקער אין וואָס האָט ער זיך בעצם איינ־געשפּאַנט, אַזוי אַז ביידע בענדער ווייזן אונדז אַ קלאַסישן צוזאַמענשפּיל פון ווער און וואָס, יענעם צוזאַמענשפּיל, וועלכן ס׳קאָן נאָר אויסצייטיקן אַ באַזונדער מזל אָדער אַ באַזונדערער כאַראַקטער. ווער עס לייענט זיך אַריין אין די קאַפּיטלען פון צווייטן באַנד, וואָס נעמען אַרום איבער צוואַנציק יאָר, פונעם סוף פון דער ערשטער וועלט־מלחמה ביזן אָנהייב פון דער צווייטער מלחמה, זעט אָבער באַ־שיינפּערלעך, ווי די מעגלעכקייט פון אַ באַזונדער מזל ווערט פון יאָר צו יאָר בלאַסער און פאַרשוומענער און די נויטווענדיקייט פון אַ באַזונדערן כאַראַקטער ווערט פון יאָר צו יאָר פעסטער און בולטער.

עס איז נישט שווער אָנצונעמען, אַז ווען דער מחבר, אַ גאַליציאַנער יונגער־מאַן, אַ דאָקטאָר אין יורידישער וויסנשאַפט און אַן אַדעפּט אין דראַמאַטישער קונסט, האָט זיך בתורת עסטרייכישער זעלנער, בכיוון געלאָזט פון בערלין קיין וואַרשע, כדי צו זיין אין קאָמפּאַקטסטן אייראָפּעיִשן יידישן מאַסן־צענטער, וועל־כער איז אויך מסוגל צו זיין דער וואָגיקסטער יידישער קולטור־צענטער און ממילא אויך דער קערנדיקסטער יידישער טעאַטער־צענטער, האָט זיך אַוודאי אין דעם מאָנאָטאָנעם אונטערטאָן פון די באַן־רעדער אַריינגעשלייכט אַ קאָליריקער איבערטאָן פון די פּאַסאַזשיר־געדאַנקען. אַ רעאַלער ראָמאַנטיקער, האָט ער מסתמא מלכתחילה פאַנאַנדערגעוויגן חלום און וואָר, כדי דעם אומפאַרמיידלעכן קאַמף צווישן זיי ביידע צו ראַציאָנאַליזירן, אָבער ס'איז אַ ספק, צי ער האָט גע־קאָנט לכתחילה וויסן, ווי ווייט די ראַציאָנאַליזאַציע איז נישט מער ווי אַ קלוגע סטראַטעגיע פון דאָן־קישאָט צו שפּילן אַ רעאַל־פּאָליטיקער, פאַר וועלכן וועלט און וועלטלעכקייט האָבן דרך־ארץ, בשעת זיי האָבן פאַר אוטאָפּיע און אוטאָ־פּיסטן בלויז שמייכל און ביטול.

ב

די אוטאָפּיע פון יידישער דראַמאַטישער קונסט און בינע, די אוטאָפּיע אין אירע ראַנגלענישן זיך צו פאַרווערקלעכן — דאָס איז אַ היפּשע מסכתא אין אונ־דזער קולטור־פאַרמעג, און ווייכערט און זיינע אויפטוען זענען אַ לייטישע סוגיא אין דער דאָזיקער מסכתא, און די איצטיקע זכרונות זענען עס אַ מין דין־וחשבון, אַנדערש געזאָגט אַ הודאת־בעל־הסוגיא איבער דער סוגיא גופא. שוין פון די ערשטע קאַפּיטלען פון זיין דין־וחשבון ווערט אונדז קלאָר, ווו און ווי די סוגיא דאַרף געקנעלט ווערן. ווו — אין אַ יידישער וועלטלעכער קולטור, וואָס האָט אַ פּאָזיטיוון און עקסקלוזיוון באַצי צו זיך אַליין (אַ פּאָזיטיוון — שליסט אויס דעקאַדענציע און ניהיליזם, אַן עקסקלוזיוון — שליסט אויס אָרטאָדאָקסיע און רעליגיעזע קאָנווערסיע); ווי — דורך אַ וואַרעם אָבער קריטיש אויסבאַלאַנסירטן קאָנטאַקט מיט דער היימישער און כללדיקער, קולטור. די הנחות ווייזן זיך אויס צו זיין אַזוי פעסט, פון־זיך־פאַרשטענדלעך, אַז עס מערקט זיך נישט אַפילו אַ שפּיץ קווענקל וועגן זייער היסטאָרישער לעגיטימיטעט. הייסט עס, אַז דער יונגער, אייגנטלעך יונגיטשקער, פּרווו פון אַ קורצן היסטאָרישן היינט און פון אַ נאָך קירצערן היסטאָרישן נעכטן צו פאַרמירן אַן אייטל־וועלטלעך פאָלק יש־ראל, וואָס באַשטייט בעיקר פון שבט אַשכנז, וואָס באַלאַנגט צו דעם אַזוי גע־רופענעם יידיש־לאַנד, איז דער אַני־מאמין, וואָס סטימולירט די גראַנדיעזע האָ־רעוואַניע אויפצושטעלן אַ יידיש־טעאַטער ווי אַ גרויסע פאַרשפּייזערין און פאַר־שפּייזערקע פון דער דאָזיקער קולטור. אַז די עיקר־הנחה לאָזט זיך אָפּפרעגן,

בפרט אין נאָמען פונעם אייערנעכטן, וואָס האָט אין זיך געטראָגן אַן איבערמאָרגן, איז אַ זאַך פאַר זיך. אָבער דיאַלעקטיקער, וואָס ווערן נישט נתפעל פון דער סתירה צווישן פּראַגראַמאַטיש־אידעאָלאָגישן אַריינגאַנג און אַן אַנדערן היסטאָריש־פונקציאָנאַלן אַרויסגאַנג, קאָנען ממילא נישט נתפעל ווערן פון אַ סותרדיקן היינט, פשוט ווייל זיי מוזן נתפעל ווערן צו זען, ווי ער גלידערט זיך — סיי טראַגיש סיי קאָמיש וווּנדערלעך — איין צווישן נעכטן און מאָרגן. איז עס טאַקע די עובדה פונעם דיאַלעקטיקער צו ווייזן, ווי אַזוי אַ יעדער גרויסער, ערלעכער און איבערגעגעבענער יידישער אויפטו איז אַ וויטאַלער עלעמענט אין דער פאָלק־טאָטאַליטעט, און די מי אויפצובויען און אויסצובויען אַ הויך־קוואַליפיצירטע יידישע טעאַטער־קונסט איז אַ היפשע פּאָזיציע אין יענעם בוך, אין וועלכן עס פירט זיך אַ כוללדיקע, איבערצייטלעכע, היסטאָרישע בוכאַלטעריע, וואָס איר כלל איז, אַז אַלץ וואָס ווערט געטאָן פון אַ יידישער אינטענציע אַרויס איז בחינת אלה ואלה דברי אלהים חיים.

בפרט, אַז דער בעל־העובדה האָט, זיך לאָזנדיק קיין פּוילן, געוווּסט נישט בלויז צוליב וואָס, נאָר אויך צוליב וועמען ער איז געקומען. עס איז ממש צו באַוווּנדערן, ווי שוין אין די סאַמע ערשטע טעג איז ער אויסגעקאָכט אין דער נייער סביבה, און אַפילו זיין מיליטערישער הילפדינסט ווערט פון אים באַנוצט דעם קאָנטאַקט צו שטאַרקן, אַזוי אַז די פּאָליטישע איבערקערעניש, וואָס האָט רעסטיטויִרט דאָס אומאָפּהענגיקע פּוילן, טרעפט אים שוין אַן אַקטיוון מיטגליד אין דער וואַרשעווער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט. דעם דאָזיקן מאָמענט לוינט זיך צו אונטערשטרייכן, אויך צוליב דעם וואָס אונדזער מחבר איז אַ פּיאָנער. שפּעטער וועלן מיר זען ממש אַ מיגראַציע־כוואַליע פון יידישע אינטעלעקטואַלע כוחות, וועלכע האָבן געשטראָמט פון גאַליציע קיין קאָנגרעס־פּוילן און געשפּילט אַ באַפרוכפּערנדיקע ראָל אין פּאָליטיק, קולטור, דערציִונג, און ממילא באַוויזן אויף וויפל די פּריִערדיקע פּאָליטישע גרענעץ פון די גויִים איז נישט געווען קיין נאַציאָנאַלע, לא כל שכן קולטור־נאַציאָנאַלע, גרענעץ פאַר די יידן. אין דער מיגראַציע איז ווייכערט געווען פון די ערשטע, אפשר דער ערשטער ממש, אָבער זיכער דער ערשטער, וואָס האָט קלאָר געוווּסט וואָס ער וויל און האָט אויך שפּעטער תמיד, ביז צו דער עקסטער ליניע פון מעגלעכקייט, געטאָן וואָס ער האָט לכתחילה געוואָלט.

ג

צוליב וואָס ער איז געקומען — באַגרינדן אַן איבערן לאַנד פאַרצווייגטע אָרגאַניזאַציע פון טעאַטער־קאָנסומענטן, באַגרינדן אַן אין וואַרשע קאָנצענטרירטע אינסטיטוציע פון טעאַטער־פּראָדוצענטן, אַ מאָדערנע דראַמאַטישע שול, וועלכע

זאָל אויפקלייבן שפּילערישע טאַלאַנטן, וואָס טליִען אין דער יידישער מאַסע און גאַרן נאָך וווקס און אַנטוויקל, און אַזוי צוגרייטן נייע כוחות פאַר די יידיש־טעאַטערס און דראַמאַטישע קרייזן איבער גאַר דעם לאַנד. צוליב וועמען ער איז געקומען — זיין אַנאַליז פון דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט און אירע די־פערענציאַציעס באַווייזט, אַז זיין אויפטו איז געווען מכוון צו די וועלטלעכע און זיך פאַרוועלטלעכנדיקע עלעמענטן, און כאָטש ער האָט אין לכתחילה־אָפּשאַץ פון די צוויי פאָרמאַציעס, וועלכע זענען אין פוילן צוגעקומען נאָך דער ערשטער מלחמה, איינע, די פאַלקיסטישע, איבערגעשאַצט און די אַנדערע, די אגודהשע, אונטערגעשאַצט, איז ער זיך באַוווסט, אַז די קוואַלן פוןביידע זענען דער בייער רעזערוואַר פונעם יידישן טעאַטער. דער ערשטער קוואַל, וואָס איז כולו הייִנט האָט בעצם אין יידיש געהאַט די איינציקע פּאַקטישע קולטור־חיונה; דער אַנ־דערער קוואַל, וואָס איז כולו נעכטן, האָט אין טעאַטער געהאַט דעם איינציקן אי־לוזאָרישן פאַרבייט פאַר זיין פאַרלוירענעם לעבנס נוסח. אַוודאי ווייסט ער פון די עלטערע פאָרמאַציעס און זייער אַקטואַלן כוח, יענע פאָרמאַציעס וואָס האָבן געזען דעם עיקר אין אַ מאָרגן, וואָס ווי דיאַמעטראַל פאַרשיידן ער זאָל נישט גע־ווען זיין — די דאָיִקייט פון „בונד", די דאָרטיקייט פון ציוניזם — האָבן זיי זיך אויך באַגעגנט אין יידישן טעאַטער. וויכערט, וועלכער האָט מיט אַלע זיינע נטיות צום פּאָזיטיוויסטישן און ראַדיקאַלן זיך נישט אַנטשלאָסן פאַר דער אָדער יענער פאָרמאַציע, האָט פאַרשטאַנען נישט בלויז דאָס באַגעגעניש אויסצונוצן, נאָר אויך קאָנסעקווענט אויסצובויען, און אַ ראיה דערויף איז דער קאַליידאָסקאָפּ סיי פון פאַרשוינען סיי פון אינסטיטוציעס, וועלכע ער האָט פאַר זיינע, אין תוך צווישן־פּאַרטייִשע און איבער־פּאַרטייִשע, אויפטוען פאַראינטערעסירט.

די זכרונות זיינע דערציילן אונדז טאַקע וועגן דער געזעלשאַפטלעכער אַט־מאָספער, וועגן דער טיפּאָלאָגיע פון אירע פירער, שרייבער, קינסטלער. מיר זעען אַ גאַנצע פּלעיאַדע פון פאַרשוינען, מיר הערן אַ שלל פון געשעענישן, אָנ־געהויבן פון כלל־דערשיינונגען, און פאַרענדיקט מיט פּרט־אַנעקדאָטן, און אַלץ ווערט דערציילט נישט לשמה, נאָר בעיקר לשם פאַרשטענדעניש פון געשיכטע און ראָל פונעם טעאַטער אין פוילן. אַוודאי איז דער מחבר און זיין אומדערמיד־לעכער קאַמף נישט בלויז פאַר אַ העכערן, נאָר טאַקע פאַר אַ הויכן ניווא פון שפּיל און רעפּערטואַר, נישט בלויז פאַר אַ בעסער, נאָר טאַקע פאַר אַ גוט טע־אַטער, אַ קאַמף, וואָס איז רובו ככולו הלכה־למעשה, ווי רעזשיסער און דראַ־מאַטורג, ווי דאָצענט און רעפערענט, ווי קריטיקער און רעדאַקטאָר — אַוודאי איז דאָס אַלץ דער רויטער פאָדעם, וואָס ציִיעט דורך די זכרונות. אָבער ער געדענקט תמיד אַליין און דערמאָנט תמיד דעם לייענער, אַז אַלץ איז, כאָטש אַן אָביעקטיוו חשובער טייל, אָבער דאָך נאָר אַ טייל פון דער כלל־דערשיינונג.

וואָס הייסט ייִדיש טעאַטער אין פּוילן, און אויף וויפל דאָס איז נייטיק, ווערט אויך דאָס גאַנצע געוויזן אין זיין באַצי צו אַ גרעסערן גאַנצן, צום טעאַטער בכלל. קומט אויס, אַז דער באַנד זכרונות טיילט זיך אויס פון כמה ספרי־זכרונות איבער טעאַטער, וועלכע זענען אין די לעצטע יאָרן דערשינען, מיט אַ מער היסטאָרישן צוגאַנג, אַזוי אַז דער באַנד איז טאַקע אַ ווערטיקער צושטייער צו דער אַלגעמייַנער געשיכטע פון ייִדישן טעאַטער.

ד

און עס איז טאַקע אַ רייכע געשיכטע — מיר הייבן אָן מיט די אָנהויבן פון דער „ווילנער טרופּע" און מיר ענדיקן מיטן סוף פון „נײַ טעאַטער" און אויפן לאַנגן וועג לעבן מיר איבער אַ קייט פון אַרויף און אַרונטער, נצחונות און מפּלות. מיר טונקען זיך אין אַ ים פון מענטשן און טרעפּעניש, מיר פּאַרוויילן זיך אין שטעט און שטעטלעך, מיר זיצן און גאַפן פאַר דער ראַמפּע און מיר שטייען און לױשן הינטער דער ראַמפּע, און תמיד באַגלייט אונדז דער מחבר, אָביעקט און סוביעקט פון דער פּיל־אַקטיקער דראַמע, תמיד ענערגיש און שאַפעריש. נצחונות פאַרשיכורן אים נישט, מפּלות פאַרטאַמלען אים נישט. און אויב מיר האָבן שוין תחילת בוך געזען פאַר זיך אַ רעאַלן ראַמאַנטיקער, זעען מיר פאַר זיך בסוף בוך אַ ניכטערן ענטוזיאַסט, אַ מין רעטעניש, וואָס קאָמפּליצירט זיך נאָך מחמת וואָס ער איז תמיד ניכטער און תמיד ענטוזיאַסטיש, און ביידע צוזאַמען.

[טבת, תשכ"א]

מאמר ג׳: אַ טראַגיש דילעמאַ

א

מיטן טויט פון אַ שרייבער פאַרענדיקט זיך דער ראָמאַן צווישן אים און זיינע פען־חברים און לייענער, אָבער עס ציט זיך ווייטער דער ראָמאַן צווישן זיי און זיינע חיבורים, און עס בעט זיך אַ מין אַפּשלוס־וואָרט פאַרן ערשטן ראָמאַן, בעיקר מצד איינעם, וואָס האָט געשפּילט עפּעס אַ ראָל אין מחברס לעבן אָדער אין אַן אָפּשניט אין אים. אַזוי ווי איך בין געשטאַנען בראש פון קאָמיטעט, וואָס האָט איניצירט די אַרויסגאַב פון מיכאל ווייכערטס בוך, וואָס דער לעצטער באַנד זיינער, דער פערטער, ליגט איצט פאַר מיר, איז עס, דוכט זיך, אַ חוב, איך זאָל וועגן אָט דעם ראָמאַן, כאָטש איז ראשי פּרקים, דערציילן. קודם־כל וויל איך באַמערקן, אַז עס איז נישט קיין גלאַטער ראָמאַן, דען ער פאַרמאָגט צוויי חלקים, איינעם אַן אומדירעקטן — איך האָב וועגן ווייכערטן רוב ימיו בלויז געהערט און אים בלויז געלייענט; איינעם אַ דירעקטן — אין

לעצטן פעריאָד פון זיין לעבן האָב איך אים געזען, און געהאַט מיט אים אַ פּנים־אל־פּנים־קאָנטאַקט.

מיכאל ווייכערט, וועלכן איך האָב געלייענט, זייט ער האָט פאַרעפנטלעכט זיין אַרטיקל וועגן ייִדיש טעאַטער אין בובערס „דער יודע", און מסתמא זייט דעמאָלט נישט פאַרפעלט קיין שום וואָגיקע פובליקאַציע זיינע, סיי אין זשור־נאַלן סיי אין ביכער, האָט מיך תחילת אינטערעסירט פון אַ באַזונדערן אַס־פּעקט — ער איז געווען איינער פון די פיל ייִדישע אינטעליגענטן אין גאַליציע, וואָס זענען אַריבער קיין קאָנגרעס־פּוילן, ווי אויך אין די קרעסן, און האָבן דאָרט מיטגעהאָלפן צום אויפבוי פון דער ייִדישער קולטור אין רוב געביטן, און כמעט אין אַלע ריכטונגען. איך זאָג: כמעט, ווייל די פּראָפּאָרציע איז נישט געווען קיין גלייכע. אַזוי, אַ שטייגער, האָט זיך אַ גרויסע צאָל וואָרטיקע לע־רער אין די העברעיִשע מיטלשולן אין פּוילן און אויף די קרעסן רעקרוטירט פון דער דאָזיקער אינטעליגענץ, און גאָר זעלטן איז געווען צווישן זיי אַ לערער אין די ייִדישע מיטלשולן, פּאַרקערט ווי אין דער ליטעראַטור און זשורנאַליס־טיק, ווי עס באַווייזט די צאָל וואָרטיקע שרייבער, רעדאַקטאָרן, קולטור־טוער. און עס איז אַ פּראָפּאָרציע, וואָס איז טאָקע כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם קולטור־אידעאָלאָגישן שטאַנד אין גאַליציע.

אַזוי ווי איך גופא בין כמעט געשטאַנען אויפן שוועל פון לערעריי אין לאָדזש און האָב געפּראָוועט רעדאַקטאָרסטווע אין וואַרשע, האָט מיך דאָס פּראָב־לעם אינטערעסירט, בעיקר מצד דעם פאַך־וועקסל, וואָס דער איבערגאַנג קיין קאָנגרעס־פּוילן האָט גורם געווען. איך האָב מיך אָפּגעשטעלט אויפן פאַקט, אַז יחידים פון אַ דור פאַר מיר, וואָס האָבן שוין געשטעקט אין דער פּראַקטישער אַדוואָקאַטור, זענען אַוועק ווערן גימנאַזיע־לערער; און כדי אַרויסצוהייבן די דערמאָנטע פּראָפּאָרציע, וועל איך אָנרופן דריי נעמען — ד"ר שׂמחה בונים פעלדמאַן, ד"ר ירמיהו פרענקעל, ד"ר מיכאל ווייכערט. דער צד השווה, אַז זיי זענען אַלע דריי געווען יוריסטן פון שטודיע און אַדוואָקאַטן פון פאַך און האָבן עס אַוועקגעוואָרפן אָדער געמאַכט פאַר אַ בייזאַך און געגאַנגען קנעלן. דער ערשטער, פון די בויערס פון „תחכמוני" אין וואַרשע, האָט אַרויסגעגעבן אַ העב־רעיִש לערנבוך אין מאַטעמאַטיק; דער צווייטער, אין דער „יבנה"־גימנאַזיע, איז געוואָרן אַ שם־דבר, און אַז ער האָט געוואָלט עולה זיין קיין ארץ־ישׂראל, האָט אים אַ פּסק דין־תורה פון ר' צבי פּרץ חיות פאַרהאַלטן; דער דריטער האָט אויך צום ערשט געקנעלט מיט שול־תלמידים און שפּעטער מיט אַדעפּטן אויף בינע־שפּילערס, און כאָטש ער האָט אַנטוויקלט אַ פאַרצווייגטע ליטעראַרישע פּעולה, איז זיין עיקר־עובדה געווען ייִדיש טעאַטער, וואָס פאַרדאַנקט אים אַן ענערגישן שטופּ אַרויף, סיי אין העכערן ניוואָ, סיי אין געקליבענעם רעפּערטו־

אַר, סיי אין דער ראַדיקאַלער אידעע. אויך פון דער ווייטנס האָט מען געקאָנט פילן, אַז אונטער דעם אַלעמען שטייט נישט בלויז אַ גרונטיקער וויסער, אַ גע־ניטער קענער, נאָר אויך אַ פעסטער כאַראַקטער. דער דאָזיקער כאַראַקטער, וואָס האָט אויך אַפּירגעקוקט פון זיינע זאַכלעך אויסגעהאַלטענע און סטיליסטיש איינגעהאַלטענע עסייען און קריטיקן, האָט געזאָגט עדות אויף אַ מאָראַלישן פרינציפּן־פעסטן פאַרשוין, און האָט מיר אויך פאַרהאַלפן גובר זיין די האַרב־לעכע און ריגאָראָזע נאָטע, וואָס איך האָב ביי אים אַרויסגעפילט. און איך זאָל נישט געוועזן וויסן, אַז ער איז אַ פידהייצער, וואָלט איך געזאָגט, אַז איך האָב, ביים לייענען אים, באַדאַרפט גובר צו זיין אַ מתנגדישן עלעמענט, און ערשט מיט פיל יאָרן שפּעטער האָב איך מיך דערוווּסט, אַז ער איז טאַקע פון אַ מת־נגדישער משפחה, און אַפּהיטן אַ מתנגדישע מענטאַליטעט אין אַזאַ טיפּיש חסי־דישער סביבה איז נישט פון די לייכטע זאַכן, און פאַרלאַנגט אויך כאַראַקטער.

ב

איך האָב מיך אויף דעם אַלעמען אָפּגעשטעלט, כדי צו צייכענען דאָס בילד פון מיכאל ווייכערט, ווי עס האָט זיך ביי מיר אויסגעפורעמט און ווי איך האָב עס געפונען באַשטעטיקט אין מויל פון באַהאַוונטע מענטשן, וואָס האָבן אים נענטער געקענט. מיט די גרוילעכע ידיעות, וואָס האָבן אונדז דערגרייכט פון פוילן, פלעג איך מיך זייער אָפט אַריינקלערן אין גורל פון אונדזערע שרייַ־בער, וואָס זענען דאָרט שטעקן געבליבן, און צווישן זיי אויך פון מיכאל ווייַ־כערט, און עס איז געווען פאַר מיר אַ שווער איבערלעבעניש, ווען עס זענען אָנגעקומען שמועות, וואָס זענען עלול געווען צו צעשטערן דאָס בילד זיינס, וואָס איך האָב מיר דורך לעקטור און אינפאָרמאַציע דערוואָרבן. לויט די שמועות זאָל ער האָבן געווען אַ שותף פון עמלק, און נישט איין מאָל האָב איך ביי מיר אין האַרצן געפרעגט, ווי איז דאָס לויט זיין כאַראַקטער, מעג־לעך.

עס איז געווען נישט בלויז אַ קשיא וועגן אים, נאָר וועגן איטלעכן איינעם; צי האָט כאַראַקטער, ווי פעסט ער זאָל נישט זיין, אַ באַטייט, אויב ער באַשטייט נישט דעם נסיון זיך צו דערהאַלטן, און דער פאַרשוין שטאָט זיך לאָזן צע־ברעכן, בייגט ער זיך. גרויס איז דער נסיון פון בעל־התהילים, וואָס זאָגט: גם כי אלך בגיא צלמות לא אירא רע, אָבער נאָך גרעסער איז דער נסיון, וואָס זאָגט: גם כי אלך בגיא צלמות לא אעשה רע. אמת, די שמועות האָבן זיך סותר געווען אין די איבערגעגעבענע פאַקטן, אָבער מחמת דער עקשנותדיקייט זייע־רער, האָב איך זיי נישט געקאָנט אָפּשטויסן; און מחמת די סתירות זייערע, האָב איך זיי נישט געקאָנט אָננעמען, אַזוי ווייט, אַז רעדאַקטירנדיק דעם ספר זכרון פון

קהילה סטאַניסלאַוו, ווו ווייכערט האָט געוווינט, געלערנט און געווערקט, האָב איך אים איבערגעהיפּערט, דען ממה נפשך — זענען די שמועות אמת, מוז מען דאָס דערמאָנען, זענען זיי אָבער נישט אמת, טאָר מען דאָס נישט דערמאָנען, וועלן מיר אָפּוואַרטן; און ווער עס וועט דאָרט דורכקוקן מיין מאָנאָגראַפיע איבער די העברעיִשע, יידישע און פּוילישע שרייבער אין סטאַניסלאַוו, וועט באַמערקן דעם בלויז. און די זאַך איז ווייט נישט קלאָר געוואָרן שוין נאָך דעם ווי מיר האָבן געהאַט, בפרט נאָכן צוזאַמענבראַך פון היטלער, קלאָרע ידיעות. איך געדענק, ווי איך בין געווען געפּלעפט, ווען מלך ניישטאַדט האָט מיך געבעטן צוצוהעלפן א. ש. שטיין ביים רעדאַקטירן דאָס בוך „חורבן ומרד של יהודי ורשה", און דאָרט איז דער באַצי צו ווייכערטן אַ שאַרף נעגאַטיווער, און איך האָב דאָך, אַ קאַרגע יאָר פריִער, געלייענט אין „יידישע קולטור" נחמן מייזילס נעקראָלאָג איבער ווייכערטן, וואָס זאָל האָבן אויפגעהאַנגען געוואָרן דורך פּראַנקן, און שוין דער טיטל פאַרמאָגט נישט קיין שפּרענקעלע פון גנאי, נאָר פאַרקערט, ער הייסט: אין ליכטיקן אָנדענק. אָבער איך וועל מודה זיין, אַז איך האָב מיך סומך געווען אויף מלך ניישטאַדט, וואָס האָט געאַרבעט אין שליחות פון הסתדרות, אָבער די באַשולדיקונגען זיינע זענען געווען ווייט פון די ווילדע שמועסן, וואָס האָבן זיך קאָנקורירט אין כל מיני אויסגעטראַכטע מעשים נוראים.

ג

איך דערצייל דאָס אַלץ, כדי אַרויסצובולטן, אַז נישט גענוג וואָס איך האָב מיך פריִער געפילט דערשלאָגן צו הערן, וואָס איך האָב געהערט וועגן ווייכערטן, בין איך שפּעטער נאָך מער דערשלאָגן געווען, זיך צו דערוויסן, אַז נאָך דעם ווי איך האָב געהערט וועגן ווייכערטס אַרעסט, משפּט און דעם באַפרייענדיקן פּסק־דין, האָב איך מיר ערשט אָפּגעגעבן אַ דין־וחשבון, אַז איך האָב אים, אין מיין האַרצן, באַעוולט. אָנגעהויבן האָט זיך דאָס, ווען רחל אויערבאַך האָט זיך צו מיר געווענדט און מיר אויפגעקלערט, אַז אין מעשה ווייכערט, וואָס דאָס פּוילישע געריכט האָט אים באַפרייט, אָבער דער פּאַרטייִשער שעטנז פון געזעלשאַפטלעכן געריכט האָט געזאָגט לאַוו, איז אַ שטיק דרייפוסיאַדע, און איך וואָלט מיך דערפאַר באַדאַרפט אינטערעסירן. איך ווייס נישט, פאַר וואָס זי האָט זיך געווענדט צו מיר, צי מחמת מיין אינטערעס פאַר יידישע שרייבער, צי מחמת מיין אומקאָמפּראָמיסלעכקייט אין יידיש־דייטשן באַצי־קאָמפּלעקס, על־כל־פּנים האָט מיין צוטרוי צו איר מיך באַוויגן נאָכצוגיין דער זאַך, און דאָס בעיקר אויפן גרונד פון די געריכט־פּראָטאָקאָלן, וואָס איך האָב באַקומען, און וואָרט פאַר וואָרט, לויט עס איז פּראָטאָקאָלירט געוואָרן, דורכ־

געלייענט, און געקומען צו דער מסקנה, אַז עס איז געווען אַ גרונטיקע מחלוקה פון צוויי צדדים, וואָס איז שוין עטלעכע מאָל פֿירגעקומען אין אונדזער בי־טערער און פֿינצטערער גלות־מאַרטיראָלאָגיע.

עס איז אַ מחלוקה, וואָס מען קען זי למעשׂה לייזן דורכן אַנערקענען איין צד ווי אויטאָריטאַטיוו און לעגיטים, און דאָס איז אין אונדזער פֿאַל געווען די אונטערערדישע אָרגאַניזאַציע, און צו וועלכער עס דאַרף זיך אונטערגעבן דער אַנדערער צד, און דאָס איז אין אונדזער פֿאַל געווען די אויבערערדישע הילפֿס־אָרגאַניזאַציע, אָבער דער תּוך פֿון דער מחלוקה, ווי ער האָט זיך אויסגעקלערט אין דעם דיאַמעטראַלן קעגנזאַץ פֿון די ערלעכע עדות פֿון ביידע צדדים, די באַשולדיקער און זייערע עדות און דעם באַשולדיקטן און זײַנע עדות, איז אַ דילעמאַ, וואָס געהער נישט בלויז צו די בלוטיקסטע ווידעראַנאַנדן פֿון דעם מענטשלעכסטן פֿאָלק אין אַן אוממענטשלעכער פֿרעמד, נאָר אויך צו די טיפֿסט־טראַגישע צוזאַמענשטויסן אין דער מענטשלעכער עטיק, און באַלאַנגט צום תּחום פֿון דעם קאַטעגאָרישן אימפּעראַטיוו, נישט ווי אַן אַבסטראַקציע פֿון דער דייטשי־שער פֿילאָזאָפֿיע, נאָר ווי אַ בלוטיק ממשות פֿון דעם ייִדישן גורל. עס איז אַ דילעמאַ, וואָס נישט אַ דיסציפּלינירטער באַצי צו דער געהיימער אויטאָריטאַ־טיווער אינסטאַנציע און נישט אַ קויל פֿון איר געהיימען געריכט, האָבן זי גע־קאָנט לייזן, דען זי וואָלט גאָרנישט אַנגעווירן פֿון איר פֿאַרשפּיצטקייט סיי ווען דער חוב פֿון דער דיסציפּלין וואָלט אויסגעפֿירט געוואָרן און סיי ווען דאָס רעכט פֿון פּסק־דין וואָלט אויסגעפֿירט געוואָרן. ווער עס האָט געלייענט די פּראָטאָקאָלן און זיך אַריינגעלייענט אין די גבֿיות־עדות און האָט פֿאַרזען דאָס דילעמאַ, האָט געזען בלויז די פֿאַר זיך וויכטיקע, אָבער פֿאַרט זייטיקע ענינים, און נישט דעם עיקר. אָבער סיי ווער עס האָט דאָס פֿאַרזען און סיי ווער עס האָט דאָס דער־שנאַפּט, בייטיקט זיך אין דעם היסטאָריקער, וואָס וועט ערשט קומען און אַנט־פּלעקן די גאַנצע טיף פֿון דעם דילעמאַ, און ביז דעמאָלט זענען עדות בלויז עדות, סיי זיי זענען גיבורים, סיי זיי זענען קרבנות. בלויז עדות און נישט זייערע אייגענע דיינים, לאָ־כּל־שכּן זייערע אייגענע היסטאָריקער.

דאָס האָב איך געלייענט און דאָס האָב איך אַרויסגעלייענט פֿון די געריכט־אַקטן. איך האָב אָוועקגעשאַרט דאָס זייטיקע און טפֿלע, און וויפֿל איך בין מסוגל געווען אָוועקגעשיילט די קליפּות, און אַז עס האָט זיך מיר אַנטפּלעקט דער קערן, די עיקר מחלוקה, ווי זי מוז זיך אַנטפּלעקן דעם אַחריותדיקן לייענער, האָב איך געקלערט, אַז אַפֿילו ווער עס האָלט, אַז ווייכערטן קומט נישט דער פּיעדעסטאַל, קאָן נישט זאָגן, אַז עס קומט אים די קונע. וואָס איך האָב געטאָן, איז אַרויסצונעמען אים פֿון דער קונע, וואָס איז אים נישט געקומען, און איך האָב עס געטאָן אויפֿן פּשוטסטן אופֿן: איך האָב דערציילט דאָס וואָס איך

דערציילט איצט — וואָס איך ווייס און קלער איבערן ענין, און בעיקר אונטער־געשטראָכן, אַז די פּראַקטישע זייט פון דעם ענין איז אַ מחלוקה, וואָס האָט גע־בראַכט צום טויט־אורטייל, ווֹעלכער איז צופֿאַליק נישט אויסגעפירט געוואָרן, און האָט פאַרלוירן אַ יעדן באַטייט מיט היטלערס מפּלה; און די פּרינציפּיעלע זייט איז אַ מחלוקה, וואָס באַשטייט פון צוויי צדדים, וואָס האָבן אין תהום פון אומפאַרמיידלעכן אומקום, דאָס זעלבע געוואָלט — פאַרלענגערן דאָס ייִדישע לעבן, פאַרקלענערן די ייִדישע יסורים — און האָבן זיך אין דעם ווילן טראַגיש צוזאַמענגעשטויסן.

די דאָזיקע דערקענטעניש האָט מיך אויך געבראַכט צום קאָמיטעט אַרויסצו־געבן מיכאל ווייכערטס זכרונות, די ערשטע צוויי בענד וועגן זיין לעבנסוועג פון פּידהייץ, איבער סטאַניסלאַוו און ווין, קיין וואַרשע; דער דריטער — איבער דער הילפס־אָרגאַניזאַציע, וואָס ער איז געשטאַנען בראש, די ייִדישע אַליינ־הילף; און דער פערטער, וואָס אַ גרויסער טייל זיינער פאַרנעמט זיך בעיקר מיטן משפט ווייכערט. דער באַנד איז דער לעצטער, כאָטש ער האָט געזאָלט זיין דער ערשטער — דער מחבר האָט אים געוואָלט פירלייגן אַן אָביעקטיווער קאָמיסיע אין ארץ־ישראל — און איז בעצם אַ צוואות שכיב־מרע. איך וויל נישט זאָגן, אַז איך אַפּראָביר דאָס אַפעקטיווע און אַוועסע, וואָס דער, בדרך־כלל קילער און געלאַסענער מחבר האָט זיך צו מאָל, אין פּאָלעמישן טייל, דער־לויבט, אַפילו ווען איך געדענק, אַז דער ווייטיק זיינער רעדט אַרויס פון אים. בעיקר זענען מיר נישט צום הארצן כמה וכמה עפּיטעטן, און פּונקט ווי איך וואָלט קיינעם נישט געראָטן זיך צו מאַכן אַ בילד פונעם באַשולדיקטן לויט דער פּאַליטרע פון די באַשולדיקער, וואָלט איך קיינעם נישט געראָטן, זיך צו מאַכן אַ בילד פון עטלעכע באַשולדיקער לויט דער פּאַליטרע פון דעם באַשולדיקטן. אָבער וואָס איך ראָט בפירוש דעם לייענער איז, זיך צו פאַרטיפן אין דעם פאַקטישן מאַטעריאַל, וואָס עפנט די אויגן אויף יענעם שרעקלעכן דילעמאַ, און ער וועט מסתמא אויך פאַרשטיין, פאַר וואָס איך האָב אין דעם ענין געהאַנדלט ווי איך האָב געהאַנדלט, פאַרהעלפנדיק אַרויסצוגעבן מיכאַל ווייכערטס לעצטן בוך.

[כ״ג אייר, תש״ט]

חכמת יידיש אָבלט

לזכר מאַקס ווײַנרײַך

א

אַ תלמיד־חכם וואָס מען האָט אים נישט באַקלאָגט ווי עס געהער צו זיין, לאָזט דער מזבח אויף אים אַראָפּ טרערן — אַזוי האַלטן אונדזערע חכמים. זענען טרערן פון אַ מזבח אַ שווערע זאַך, און מען דאַרף געוואָרנט זיין עס צו פאַרמיידן, אָבער מספּיד זיין כהלכה איז אויך נישט פון די גרינגע זאַכן, בפרט ווען דער הספד וויל יוצא זיין לגבי אַ געשטאַלט און אַן אויפּטו, ווי מאַקס ווײַנרײַך, און דער מספּיד האָט פאַר זיך בלויז אַן איין־און־איינציק באַגעגעניש פּנים־אל־פּנים און אומצייליקע באַגעגענישן דף־אל־דף און קאָנפראָנטירט דעם אויפלייכט פון דער געשטאַלט אין יענעם קורצן, קוים דרײַשעהיקן מגע־ומשׂא, מיט דעם ליכט פון דעם אויפטו, אין אַ דור־לאַנגער לעקטור און שטודיע. אמת, צווישן דעם אויפליכט און דעם ליכט וואַרפן זיך דורך בליצן און בליצלעך פון אַ היפּשער קאָרעספּאָנדענציע שבכתב, הייסט עס אָבער מיט רעכט, אַז עס איז בילכער איין שמועס פּה־אל־פּה איידער טויזנט פּאַרמעטן פון שלמה המלך. און באמת, וויפל איך קלער מיך אַריין אין דעם אויפטו און זיין פּילפּנימדיקייט, באַגלייט אים תמיד די געשטאַלט, ווי איך האָב זיך אין איר אַרײַנגעקוקט זיצנדיק איר קעגן איבער אין דער רעדאַקציע פון דבר אין תל־אביב און שפּאַצירנדיק איבער אירע זוניקע גאַסן.

איבער וואָס האָבן מיר די פּאָר שעה געשמועסט — איז אפשר אויך כדאי צו דערציילן און עס וועט מסתמא קומען אַ צייט דערויף, אָבער איצט וויל איך בלויז דערמאָנען, אַז מיר זענען איינער פונעם אַנדערן זייער ווייט און זייער נאָענט געווען. ווייט — ער האָט זיך אויסגעקלאָרט (לויט מיין דעפיניציע: אויסגענעפלט) אַ קוק, וואָס האָט זיך געשפּייזט פון אַ בונדיש־פאָלקישער אָריענטאַציע, און איך האָב מיר אויסגעקלאָרט (לויט זיין דעפיניציע: אויסגענעפלט) אַ קוק, וואָס האָט זיך געשפּייזט פון אַן אינטעגראַל ציוניסטישער אָריענטאַציע, ער איז געזעסן אין ווילנע און איך בין געזעסן אין תל־אביב, און ביי אַ היסטאָריש־פּאָליטישער מחלוקה, וואָלטן מיר, סיי דעמאָלט, סיי שפּעטער, נישט מושווה געוואָרן. נאָענט — די ליבשאַפט פון יידיש, ביי אים דער סאַמע

בעל־בית, ביי מיר אַ וואַזשנער בן־בית ביי אונדזער גרויסן קולטורטיש, אָבער די ליבשאַפט איז, אין איר מאָס און אפשר אַפילו אין איר אינטענסיטעט, געוועזן די זעלבע; האָט דער שמועס אַוועקגעלאָזט דאָס ווייטע, און זיך געדרייט אַרום נאָענטן — דער קולטורישער, וויסנשאַפטלעכער און ליטעראַרישער אינטערעס אין און פאַר ייִדיש.

וואָס איך און אַ סך אַנדערע האָבן נהנה געווען פון מאַקס ווײַנרײַכס גײַסטיקער האָרעוואַניע, כדי דעם אינטערעס אונדזערן פאַר ייִדיש צו דערהאַלטן און צו פאַרשטאַרקן — וואָס האָט ער אויפגעטאָן, פאָדערט אַ מאָנאָגראַפיע, און אויב דער, וואָס גיט דעם מידן כוח, וועט וועלן, וועלן מיר עס אויספירן. וואָס מיר קאָנען דערווײַל טאָן, איז אַ פאָרטרעט אין קורצע כלל־שטריכן, אַ מין אָדערויף אויף אַ פרטימדיקן קאָנטערפיי.

ב

וואָס שייך זיין לעבן, דאַרף מען זיך אָפשטעלן אויף זיין געבוירן־שטאָט קהילת גאָלדינגען אין קורלאַנד, ווו עס איז אויך געבוירן געוואָרן זיין פריינד און מיטאַרבעטער זעליג קלמנאָוויטש, פונקט ווי מען דאַרף זיך אָפשטעלן אויף זיין דערציִונג, וואָס איז געווען אַנדערש ווי ביים געוויינטלעכן טיפ פון ייִדישע געלערנטע און שרייבער — שוין נישט אַ חדר און אַ ישיבה, נאָר אַ מין מאָדערניזירט חדר, אַ ייִדישע גימנאַזיע, רוסישע און דייטשע הויכשולן, און בעיקר דאַרף מען זיך אָפשטעלן אויף פאַרשיידענע לעבנס־סטאַנציעס זיינע, אָנגעהויבן מיט פעטערבורג און מאָסקווע, דורך מאַרבורג און בערלין, ביז די גרעסטע סטאַנציעס, ווילנע און ניו־יאָרק, די צענטערס פון זיין מי פאַר און אין אינסטיטוט, וואָס ער האָט פאַרטראַכט און געגרינדט און פאַרגרינדט, דער ייִדישער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט (ייִוואָ), וואָס האָט זיך אָנגעשפאַרט אויף אַ קלאָר אידעיִש באַוווסטזיין און אויסגעצייטיקט אַ קלאָרן אַרבעטספלאַן, און געפינענדיק זיך אין דער אַטמאָספער פון געזעלשאַפטלעך־פראָגראַמאַטישע פאַקטאָרן, איז ער נישט פריי פון כלערליי סכנות, בפרט מצד פאַרטייִשע השפעות, און אויב און אויף וויפל זיי זענען פאַרמיטן געוואָרן, האָט ווײַנרײַך בעיקר געהאַט אַ האַנט דערביי, ווייל ער האָט מיט כל אמצי כוח פאַרטיידיקט דעם פרינציפּ פון וויסנשאַפטלעכן צוגאַנג און וויסנשאַפטלעכן באַהאַנדל, דאָס מיינט דעם פרינציפּ פון זוכן דעם אמת אויפן גרונד פון עקזאַקטער וויסנשאַפטלעכקייט. דוכט זיך, אַז מער פון אַלע זיינע חברים, וואָס האָבן געאַרבעט אויף דעם פעלד, האָט ער געוווּסט, ווי גרויס עס איז די סכנה פון דעם וואָס גייט אַרויס געפינען און ווייסט אַפילו פריִער וואָס ער וועט געפינען, ווייל ער וויל אַזוי געפינען, און ווי גרויס עס איז די פערספעקטיוו פון דעם וואָס גייט אַרויס זוכן, כאָטש

ער האָט נישט געקאָנט ערב זיין, פונקט ווי קיין שום פאַרשער קאָן נישט ערב זיין, אַז דער חפץ צו געפינען מישט זיך, פאַרשטייט זיך, אומבאַוווּסט אַריין אין דער מי פון זוכן, בפרט אַז דאָס האַרץ זיינס איז געווען נאָענט צו דעם וואָס דער מוח זיינער האָט אים אַנטפּלעקט, דען די חכמה וואָס ער האָט זיך באַמיט אַרום איר, איז פאַר אים געווען אַ חכמת־חיים, אַ לעבנס־חכמה, אַ חכמה וואָס קומט בויען דאָס לעבן, דאָס לעבן פון דער ייִדיש־קולטור, איר שפּראַך און ליטעראַטור.

יאָ, ער האָט פאַרמאָגט חכמה צו זיין חכמה; ווייל ער האָט זיך מיט איר פאַרנומען להלכה וכהלכה, האָט זי אויך געטויגט ווי אַ הלכה־למעשה. ווער עס עס האָט נישט פאַרשטאַנען, ווי קאָמפּליצירט ער גופא איז געווען און ווי קאָמ־פּליצירט זיין כלל־באַוווּסטזיין איז געווען, סיי אידעאָלאָגיש סיי פּראַגמאַטיש, וועט אויך נישט פאַרשטיין, ווי גרויס עס איז געווען זיין אָנשטרענג, מען מעג זאָגן: זיין גבורה, אָפּצוהיטן די ריינקייט פון וויסנשאַפטלעכער פאָרשונג, נישט פאַרטושנדיק די ווייטקייט אין תחום פון אידעאָלאָגיע און נישט פאַרטושנדיק די נאָענטקייט אין תחום פון וויסנשאַפט. עס איז טאַקע אַ ספק, אויב צווישן די, נישט בלויז ייִדיש נאָר אויך ייִדישיסטיש אָריענטירטע, וויסנשאַפטלער איז געווען נאָך איינער, וואָס האָט ווי ווײַנרייך מצליח געווען צו קאָנצענטרירן כוחות פון הייט און נאָענט פאַר חכמת־ייִדיש, אין איר און אַרום איר.

ג

וואָס שייך זיין אויפטו, דערלאַנגט ער אונדז אַ גוטן אָנהאַלט זיך צו אָר־יענטירן — אין זיין ערשטלינג, דעם בוך שטאַפּלען (1923) זענען פאַראַן פיר שטודיעס וועגן ייִדישער שפּראַך און ליטעראַטור, און איינע פון זיי הייסט: „וואָס האָבן מיר און וואָס אונדז פעלט”, און דאָרט רעכנט ער אויס וואָס עס איז אין חכמת־ייִדיש ביז דעמאָלט, סיי במילא, סיי בכוונה געוואָרן, און דערטאַלירט, אין אַן אויסשעפּנדיקן אינפאָרמאַטיוון און קריטישן דורכקוק, איעדן אויפטו און כמו־אויפטו, און די זאַך לייענט זיך מיט אינטערעס עד־היום, ווי מיר האַלטן שוין, ברוך־השם, ביי אַן אַנדערן, און צו מאָל דיאַמעטריש אַנדערן מעמד פון דער דיסציפּלין. אָבער דער עיקר־אינטערעס איז נישט דער חיבור און איר מחבר — ווער עס נעמט זיך אונטער אַפילו אויבנאויפיק צו לוסטרירן וואָס ווײַנרייך האָט נאָך דער שטודיע אויפגעטאָן, זעט באַשיימפּערלעך, אַז ער האָט זי נישט געשריבן כדי צו קלאָגן און וויינען אויף די בלויזן, נאָר כדי זיי, און דאָס בעיקר אַליין, צו פאַרריכטן. און עס איז ממש צו שטוינען, ווי ער האָט שפּעטער נישט איבערגעהיפּערט קיין איינציקן חסרון וואָס ער זאָל אים נישט האָבן מתקן געווען, און דער פאַרגלייך פון דעם וואָס ער האָט דעמאָלט

געפאָדערט און צווישן דעם וואָס ער האָט שפּעטער ממלא געווען דערמאָנט מיך אין גרשם שלומס בריוו צו ביאַליק, ווי ער האָט, אַ יונגער־מאַן, אויסגערעכנט, וואָס דאַרף אין קבלה אויפגעטאַן ווערן, און וואָס ער גופא האָט שפּעטער בשלי־מות ממלא געווען. אַזוי שטעלט זיך יענער חיבור אין שטאַפּלען אַרויס ווי אַ נבואה פונעם מחבר וועגן זיך אַליין, גלייך ווי ער וואָלט לכתחילה קלאָר גע־ווּסט, אַז ער וועט איינשפּאַנען זיין גאַנצן כוח און פאַרפּולקומען, וואָס דאַרף פאַרפּולקומט ווערן, און ער האָט דאָס געמאַכט אין אַ ברייטן האָריזאָנט און אויף אַ ברייט פעלד. און עס איז געגנוג אַדורכצוקוקן די אַכט הונדערט ביבליאָגראַ־פישע איינסן, וואָס לייבל כהן האָט אין וויינרייכס יובל־בוך צוזאַמענגעשטעלט, כדי זיך בדרך־כלל פירצושטעלן, ווי ווייט און ווי טיף עס האָבן געגרייכט די אַרבעטן, גרויסע וואָגיקע פּראָבלעמען און קליינע כביכול לייכטע פּרטים, ווי אונדזערע חכמים האָבן געזאָגט: זיי געוואָרנט אין אַ לייכטער מצווה, ווי דו ביסט געוואָרנט אין אַ האַרבער מצווה, דען דו ווייסט וואָס פאַר אַ שׂכר עס שטייט זיי פיר. און באמת, פונקט ווי ער האָט זיך פאַרנומען מיט ענינים, וואָס זענען סיי דער סאַמע גרונט סיי דער סאַמע שפּיץ פון וויסנשאַפטלעכער פאָר־שונג, בחינת ואלה לחכמים, אַזוי האָט ער זיך פאַרנומען מיט ענינים, וואָס ליגן אויפן שטח פון אויפקלער, בחינת ואלה למשׂכילים, שוין אָפּגעשמועסט פון עני־נים, וואָס באַוועגן זיך אין דער אונטערשטער ספער פון לימוד, בחינת ואלה לתלמידים ול'עם; פונקט ווי ער האָט זיך דערגרונטעוועט אין שאלות פון שפּראַך און ליטעראַטור ביזן דנאָ, אַזוי האָט ער עס געטאָן לגבי קשיות פון קנעלן דקדוק און טראָף, דען ער האָט פאַרמאָגט עטלעכע פּענעס, אָנגעהויבן פון דער פּען פון אַ געקאָווענטן ראש־ישיבה און פאַרענדיקט מיט דעם בלײַער פון אַן אויסגעבונדענעם חומש־רבין און אַפילו מיט דעם טײַטל פון אַ געניטן דרדקי־מלמד. און דערביי טאָר מען דאָך נישט פאַרגעסן די פּובליציסטיק זיינע. ער איז געווען פון יענע, וואָס די פילפּנימדיקייט פון דער טעמאַטיק זייערער און די פיל־מדרגהקייט פון זייער באַהאַנדל באַרייכערן נישט בלויז דעם עולם לייענער און לערנער, נאָר אויך זיך אַליין, כאָטש ער האָט מסתמא געבענקט נאָך אַ צייט און נאָך באַדינגען, וווּ דער פאָרשער אין אים וואָלט זיך געקאָנט איינצוימען אין אַזוי פיל און אַזוי פיל איילן פון דער הלכה און פאַר דער הלכה. אָבער זיין יהדות און זיין אויפגעוועקטקייט האָט אים אַזאַ מעמד נישט דערלויבט, ווייל אין דער רעם קולטור־באַדערפענישן, אין וועלכער ער האָט געלעבט און גע־ווערקט, איז אַזאַ מעמד געווען אַ לוקסוס. און ער האָט געזוכט דעם עול, דעם פולן יאָך פון דור, און האָט אים ערלעך און ווערדיק געטראָגן.

ד

און עס איז כדאי אַלץ און ענלעכס אונטערצושטרייכן, ווייל פון דעם אַלעמען גייט אַפיר אַ כמותדיק און איכותדיק אומגעווייִנטלעכער סך־הכל — דער געבענטשטער שניט פון זיין פעלד, חכמת־ייִדיש, וואָס עס איז גאָר נישט פאַראַן אַ סאָרט תבואה, וואָס ער האָט נישט אָנגעוויזן אויף איר מאַנגל און האָט זי נישט פאַרזייט אָדער איר וווקס דערגאַנצט. שוין אין אָנהייב פון דער דערמאָנטער שטודיע איז ניכר זיין בטחון אין דעם כוח פון זיך אַליין און פון זיין דור — ער הייבט אָן מיט די ייִדישע לשונות, און לשון־ייִדיש צווישן זיי, און כאָטש ער ווייזט אָן, אַז דאָס וואָס איז ביז דעמאָלט אויפגעטאָן געוואָרן, איז אפשר היפש אָבער ווייט נישט גענוג, און ער פרעגט, אויב אויף דעם געביט לאָזט זיך קלערן וועגן אַ ספר ווי יעספערסאָנס חיבור לגבי ענגליש אָדער ווי בעהאַגעלס חיבור וועגן דייטשיש, ענטפערט ער מיט אַ קלאָרן און בפירושן יאָ. לא כל שכן לגבי אַנדערע געביטן, וואָס ער רעכנט אויס — גראַמאַטיק און פאָנעטיק, ווו ער רעכנט ווידער אַ מאָל אויס דאָס שוין אויפגעטוענע, און ווען מיר וואָלטן גענומען אויסרעכענען, וואָס איז זייט דעמאָלט ביז היינט אויפגעטאָן געוואָרן, און בעיקר, וואָס ער גופא האָט אויפגעטאָן, וועלן מיר פאַרשטיין, אַז אין יענער שטודיע האָט ער זיך נישט מתכוון געווען מוכיח צו זיין, הלמאַי האָט מען נישט געטאָן, נאָר צו דערמאָנען און צוצוטרייבן, און קודם־כל זיך אַליין, עס פון איצט אָן און ווייטער צו טאָן. יאָ, ער האָט דעם חוב, אין אַן אינטענסיווער און שאַפערישער מי פון אַ לעבן־לאַנג, ערלעך און פריילעך באַצאָלט. סיי ווען מיר נעמען אין באַטראַכט די יסודות פון ייִדיש, וואָס פאַר אים זענען געווען עטלעכע, באמת באַטעמטע און כאַראַקטעריסטישע, אָבער אַלץ געציילטע מחקרים, און ער האָט דעם ענין אַרויסגעפירט אויף אַ ברייטן שליאַך — די אַרבעטן זיינע וועגן קאָמפּאָנענטן פון ייִדיש: לשון־קודש, ראָמאַניש, דייטשיש, סלאַוויש, זענען קלאַסישע פרקים; סיי ווען מיר נעמען אין באַטראַכט דעם ייִדיש־ווערטער־אוצר — די דעמאָלט פאַראַנענע ווערטערביכער, חוץ יהושע־מרדכי ליפשיצס, האָבן אים נישט געקאָנט איבעריק באַפרידיקן, אָבער עס איז אַ ספק, צי סטוטשקאָווס ייִדיש־אוצר וואָלט געוואָרן וואָס ער איז, ווען נישט די רעדאַקטערשע טירחה פון ווײַנרײַך, וואָס איז געווען אַ וווּנדערלעכער סדרן, און איך האָב זיך שוין דערויף נענטער אָפּגעשטעלט אין מיין אַריינפיר צום העברעיִש־סטוטשקוב, וואָס האָט נישט געהאַט אַזאַ גוט מזל; סיי ווען מיר נעמען אין באַטראַכט דעם ענין דיאַלעקטן — עס איז דעריבער דעמאָלט געווען מער בכוח ווי בפועל, און ער האָט עס דעם בפועל לייטיש צוגעהאָלפן — זע, למשל, זיין אַרבעט איבער די דיאַלעקטן פון מערב־ייִדיש; סיי ווען מיר נעמען אין באַטראַכט דעם ענין ביבליאָגראַפיע און ביאָגראַפיע, בעיקר אין דער געשיכטע פון דער ייִדיש־ליטעראַטור, זיין בוך בילדער

פון דער ייִדישער ליטעראַטור־געשיכטע (1928) פון אירע אָנהייבן ביז מענדעלע, נישט בלויז ווי אַ שניט פון שוין געמאַכטע שטודיעס, נאָר ווי אַ פּאַרזיי פון נייע, פּילטעמיקע און דעטאַלע שטודיעס. און אויב מיר וועלן זיך באַנוגענען מיט עטלעכע בולטע פּרקים, וועלן מיר דערמאָנען די טירחה זיינע צו פּובליקירן פאַרגעסענע אָדער פאַרבאָרגענע דאָקומענטן; אין שפּראַך — דער דקדוק פון קרייזאַנדער, אין ליד — מגילת ווינץ, דער שבתי צבי־פּזמון, און פון אַ שפּעטערער תקופה — אַלע כתבים פונעם גרעסטן ייִדיש־קינסטלער צווישן די השׂכלה־שרייבער, שלמה עטינגער, וואָס האָט געוואַרט דערויף קאַרגע הונדערט יאָר, אָדער ייִדיש־קאָמעדיעס וואָס האָבן כמעט אויך אַזוי פיל געוואַרט; און לעבן דעם שטודיעס, אָנגעהויבן פון געשטאַלטן ווי מענדל לעפין און פאַרענדיקט מיט פיגורן ווי דיק, ליאָן־דאָר וכדומה. און צו מאָל אַ שפּרייז אויפן וועג פון אַ ברייטער מאָנאָגראַפיע — ווי זיין בוך פון ביידע זייטן פלויט וועגן קאָוונער — אַ פאַרשוין וואָס איז מיר נישט צום האַרצן, און זיין נישט־געשריבן אָבער סקיצירט בוך, איך מיין די אויסשטעלונג וועגן משה־לייב ליליענבלום, אַ פאַרשוין וואָס איז מיר שוין גאָר צום האַרצן, און אויב איך האָב מיך דערלויבט צו דערמאָנען מיין באַצי צו די צוויי פאַרשוינען, איז עס בלויז דערפאַר וואָס איך האָב געפרעגט, וואָס האָט אים צו דעם ווייט נישט גלייכן פּאָרל צוגעצויגן, און עס דאַכט זיך מיר, אַז עס זענען געווען צוויי פאַרשיידענע מידות, וואָס ער אַליין האָט אין זיך פאַרמאָגט — די דרייסטקייט פונעם ערשטן, דאָס ישרנות פונעם אַנדערן. סיי ווען מיר נעמען אין באַטראַכט ענין פאָלקלאָר — אויך דאָ דערמאָנט ער אין יענער שטודיע דאָס ביסל ווייניקע וואָס איז שוין דאָ און דעם סך וואָס דאַרף ערשט זיין, און ער האָט טאַקע שפּעטער היפּש אויסגעבויט, אָדער פאַרהאָלפן אויסצובויען. זע זיין אויסגעצייכנטע רעדאַקציע פון י. ל. כהנס צוויי ביכער שטודיעס וועגן דער ייִדישער פאָלקסשאַפונג און ייִדישע פאָלקסלידער און מעלאָדיעס. יאָ, ער איז שוין געווען איין מאָל אַ רעדאַקטאָר, וואָס האָט אין זיך פאַראייניקט דעם עושׂה און דעם מעשׂה — נישט אומזיסט איז די וויסנשאַפטלעכע ייִדיש־פּעריאָדיק אונטער זיין האַנט דערגאַנגען צו אַ שטאַפּל, וואָס חכמת־ייִדיש האָט זי פריִער נישט דערגרייכט — אָנגעהויבן פון די בענד פילאָלאָגישע שריפטן דורך ייִוואָ־בלעטער, ביז ייִדישע שפּראַך, ער האָט עס געגעבן דעם געבענטשטן איניציאַטאָרישן שטופּ אויפן וועג פון חכמת־ייִדיש צו אירע הייכן.

און אַחרון־אַחרון, סיי ווען מיר נעמען אין באַטראַכט די געשיכטע פון דער ייִדיש־שפּראַך, דאָס שיינדל פון זיין אויפטו — די פּאָר פּרקים וואָס מיר קענען (און ער האָט זיי אין אַ בריוו צו מיר אָנגערופן אָפּשניצל פון וואַרשטאַט זיינעם), האָבן שוין געהאַט דעם פּיר־טעם פון אַ ווערק, וואָס מיר פאַרמאָגן נישט זיינס גלייכן אין פאַרמעסט און פאַרנעם. יאָ, גענוג צו לייענען די קאַפּיטלען וועגן דער

הברה אַשכנזית אָדער וועגן בני חי"ת און בני הי"ת אָדער וועגן דער פּעריאָ־דיזאַציע פון ייִדיש, כדי צו פאַרשטיין פאַר וואָס מיר וואַרטן מיט אומגעדולד אויפן צווייבענדיקן בוך.

ה

און צו לעצט עפּעס ביני לבינו: ווען מיר האָבן זיך דאָס איין־און־איינציקע מאָל באַגעגנט, האָב איך זיך נישט געקאָנט משער זיין, אַז איך וועל ווערן אַן אַקאַדעמישער לערער פון ייִדיש, און ווען פּראָפעסאָר בן־ציון דינור האָט מיר דאָס פּירגעלייגט, אין נאָמען פון ירושלימער אוניווערסיטעט, האָב איך זיך גע־קווענקלט, שוין צוליבן חשש אָנצוהייבן אַ נייע קאַריערע אויפן שוועל פון מיין פּופציקסטן לעבנסיאָר, און האָב געזאָגט: ווענדט זיך צו מאַקס ווײַנרייך און ער וועט מסתמא מסכים זיין, און אַזוי ווי איך בין דערינען זיכער געווען, האָב איך בקלות דעת צוגעגעבן: און אויב ער וועט, חלילה, זאָגן ניין, וועל איך קיין ברירה נישט האָבן און זאָגן יאָ, און בין אַריינגעפאַלן. יאָ, דער ירושלימער אוניווער־סיטעט האָט געהאַט אַ משא־ומתן מיט אים, און ער איז אָנהייב איינגעגאַנגען דערויף, אָבער ווי עס ווייזט אויס האָט אים דער חשבון־הנפש זיינער, דער חשבון פון זיין בוך איבער דער געשיכטע פון ייִדיש, אָפּגעהאַלטן און פאַרהאַלטן, און מיט יאָרן שפּעטער האָט ער מיר געשריבן, אַז עס איז בעסער אַזוי, ווייל אין צווייען איז שטאַרקער. די פריינדשאַפט, וואָס האָט זיך פאַרבונדן צווישן אונדז, איז אַ פּרשה פאַר זיך, זי וועט תמיד בלייבן פאַרזיגלט ביי מיר אין האַרצן, ווי זי איז פאַרזיגלט אין האַרצן פון אַלע, וואָס האָבן זוכה געווען צו זיין ליכטיקן באַצי און אויפמערק, סיי בפניו, סיי שלא בפניו.

מיר ווילן האָפן, אַז מיר וועלן זיך נאָך ברייטער פונאַנדערשמועסן איבער אים און זיין ווערק — איבער אים, אין דער מאָנאָגראַפיע, איבער זיין ווערק — אין אַן אויסגאָב פון אַ רייכן אָפּקלויב פון זיינע ווערק פאַר תלמידים פון כל־שבטי־ישראל.

[תשכ"ט]

זעקסטע פרשה

בעל החבצלת

ר׳ ישׂראל דב פרומקין

א

ווער עס האָט אַפילו בלויז אַן אויבנאויפיקע ידיעה וועגן אונדזער אַנטוויקל אין די לעצטע דורות, האָט זיך אָנגעשטויסן אויפן נאָמען פון ר׳ ישׂראל דב פרומ־קין, וואָס איז, בעצם, געווען דער פּיאָנער פון דער העברעיִשער פּרעסע אין ארץ־ישׂראל, דער פאָטער פון דער פּובליציסטיק אין ישוב, וואָס האָט צענדליקער יאָרן, אין שווערע באַדינגען און כמעט איינער אַליין זיך געראַנגלט מיט אַ ים קעגנער דורכצווזעצן זיינע מיינונגען. דער געדאַנק אַרויסצורייסן פון פאַרגעסן, סיי אים סיי זיינע אויפטוען, איז שוין לאַנג־לאַנג אויפגעקומען, אָבער ערשט מיט זעכצן יאָר צוריק האָט ג. קרעסל באַזאָרגט אַ היפּשן אָפּקלויב פון זיין פּובליציסטיק, וואָס איז אַרויס אין בוך מבחר כתבי ישׂראל פון דב פרומקין (הוצאת מוסד הרב קוק, ירושלים).

ווער איז געווען ר׳ ישׂראל דב פרומקין — אויף דער קשיא קריגן מיר אַ קלאָרע תשובה אין קרעסלס אַריינפיר, וואָס איז אַ בוך פאַר זיך. דאָרט לייענען מיר, אַז דער שורש פון פרומקינען איז די באַקאַנטע ווייסרוסישע קהילה שקלאָוו, וואָס פון איר זענען געגאַנגען צוויי כוואַליעס קיין ארץ־ישׂראל — איינע, אַ גרע־סערע, פון מתנגדים; איינע אַ קלענערע — פון חסידים, חבדניקעס. ר׳ אלכסנדר סענדער פרומקין, אַ חבדער מיוחס, אַ ייִד אַ סוחר, האָט זיך אויפגעהויבן, אין יאָר 1860, און אַוועק מיט דער משפחה קיין ירושלים. זיין ייִנגסט קינד, אונדזער ר׳ ישׂראל דב, איז דעמאָלט אַלט געווען ניין יאָר, האָט זיך געכאָוועט אין ירוש־לים, געשמט מיט זיין גוט קעפּל, געלערנט סיי לימודי קודש סיי לימודי חול. ווי דער שטייגער איז דעמאָלט געווען, האָט ער יונג חתונה געהאַט — זיין שווער איז געווען ר׳ ישׂראל ב״ק, אַ באַרדיטשעווער, אַ ריזשינער חסיד, וואָס איז געווען אַ פּיאָניר אין טאָפּלטן זין — ער האָט דאָס, אין דער נייערער צייט, באַגרינדט די ערשטע דרוקעריי אין צפת און אין ירושלים; ער האָט דאָס געמאַכט דעם ערשטן פּרווו פון אַ לאַנדווירטשאַפטלעכער קאָלאָניזאַציע אין דער סביבה פון צפת, אַ דור איידער עס זענען אויפגעקומען די ערשטע חובבי ציון.

אויף אַזאַ אופן איז ר׳ ישׂראל דבס שטוב געווען אַ צונויפֿקומפּונקט פֿון צוויי־ערליי חסידים, ווייסרוסישע און וואָלינער, חבדניקעס און ריזשינער, און דער דאָזיקער צונויפֿקומפּונקט איז אויך געווען די געזעלשאַפֿטלעכע באַזע פֿאַר זיין פּעולה.

ב

דער עיקר פֿון דער פּעולה איז געווען דאָס וואָכנבלאַט „חבצלת" (האָט אויך אַ שטיקל צייט געהאַט אַ יידישן צולאַג „די ראָזע"). ער איז נישט געווען דער ערשטער צו באַגרינדן אַ פּרעסע אין ירושלים, נאָך פֿאַר אים איז געווען דער „הלבנון", אָבער ער האָט דאָס באַוויזן די צייטונג זיינע צו דערהאַלטן, אויסבויען, דורכפֿירן אין איר קאָנסעקווענט אַ קאַמף פֿאַר נייע אידעען, און דאָס בערך פֿערציק יאָר.

אין וואָס איז באַשטאַנען דער קאַמף און וואָס זענען געווען זיינע סטאַנצ־יעס — כּדי דעריוף צו ענטפֿערן, דאַרף מען אָפּשיידן צווישן דעם קעגן וואָס ער האָט געקעמפֿט און דעם פֿאַרוואָס ער האָט געקעמפֿט.

ג

קעגן וואָס האָט ער געקעמפֿט — קודם־כּל קעגן דער חלוקה. באַקאַנטלעך האָט דער דעמאָלטיקער ישוב געלעבט פֿון נדבות, וואָס האָבן געשטראָמט, אין גרעסערע און קלענערע סומען, אין די כּוללים, אַ מין עלטערער פּראָטאָטיפּ פֿון לאַנדסמאַנשאַפֿטן. עס זענען געווען רייכערע און אָרעמערע כּוללים, דער צד השווה, אַז עס האָבן מיט זיי אָנגעפֿירט גבאים, וועלכע האָבן געפֿירט אַ זייער אויטאָקראַטישע פּאָליטיק, און זענען געווען גאָר ווייט פֿון די אָנגענומענע באַ־גריפֿן פֿון געזעלשאַפֿטלעכער סאָלידקייט, נישט געפּונען פֿאַר נייטיק אָפּצוגעבן דין־וחשבון, וויפֿל געלטער זענען אָנגעקומען און ווי אַזוי, לויט וועלכע פּרינ־ציפּן, זיי זענען פֿאַרטיילט געוואָרן. פֿרומקין האָט דאָס געפֿאָדערט דעם דין־וחשבון, און געמאָנט עפֿנטלעכע קריטיק. עס איז איבעריק צו זאָגן, אַז ער האָט דערמיט אויף זיך אָנגעלאָדן די שׂנאה פֿון די גבאים, וואָס האָבן אים גערודפֿט, נישט געווען קלייבעריש אין מיטלען, סיי סטראַשונקעס סיי מסירות, האָבן אָבער נישט געקאָנט בייגן זיין מוטיקע, קעמפֿערישע נאַטור.

און אויב אין אָנהייב איז דאָס געווען אַ קאַמף קעגן דער אָרדענונג, קלאָרער געזאָגט: קעגן דער אומאָרדענונג פֿון דער חלוקה, איז עס שפּעטער געוואָרן אַ קאַמף קעגן דער חלוקה גופֿא. דער קאַמף איז אַרויסגעוואַקסן פֿון דער גע־זונטער דערקענטעניש, אַז עס לאָזט זיך נישט דערהאַלטן אַ ישוב אויף נדבות, וועלכע ווערן אומפּראָדוקטיוו פֿאַרווענדט, קלאָרער געזאָגט: פֿאַרשווענדט; און

עס איז אַ נויטווענדיקייט דעם ישוב צו פּראָדוקטיזירן דורכן איבערגאַנג צו אַ געזונטערן קיום, צו לאַנדוואַרטשאַפט און מלאכה. און דאָ קומען מיר צו דער פּאָזיטיווער זייט — פרומקין האָט זיך נישט באַנוגנט מיט קריטיק; ער האָט זיך אַפילו נישט באַנוגנט מיט רעפאָרם־פּראָגראַמעס — ער האָט געפּרוווט די רעפאָרמעס דורכצופירן. ער האָט נישט בלויז געשטיצט כלערליי פּלענער און מעשׂים פון אַנדערע — אַ שטייגער, זיין גרויסע סימפּאַטיע פאַר מקווה־ישׂראל, די ערשטע אַגראַרשול; זיין התלהבות פאַר דער ערשטער קאָלאָניע, די מאַמע פון אונדזערע קאָלאָניעס („אם המושבות") פּתח־תקווה; זיין וואַרעמער באַצי צו אַלע פּרוווּן צו קויפן ערד־קאָמפּלעקסן, בפרט אַרום ירושלים; ער אַליין איז גע־גאַנגען אויפן וועג פון קאָנקרעטע מעשׂים. ער האָט באַגרינדעט די חברה „תפארת ישׂראל" צו שטאַרקן דעם ישוב; די חברה „עזרת ישׂראל", אַ נייער פּרוּוו צו אָר־גאַניזירן די חלוקה איבער די קעפּ פון דער הערשנדיקער קליקע; ער האָט עטאַב־לירט דעם בית־הספרים, די צענטראַל־ביבליאָטעק, וואָס איז געווען דער ערש־טער שטאַפּל צו דער נאַציאָנאַלער ביבליאָטעק; ער האָט געהאָלפן דעם ערשטן שטראָם פון תימנער זיך באַזעצן אין און אַרום ירושלים. און כאָטש ער גופא האָט געהערט צו אַ פריִערדיקער כוואַליע פון פאַר די חובבי ציון — האָט ער אַרויס־געוויזן גרויס פאַרשטענדעניש פאַר די שפּעטערדיקע כוואַליעס, פּונקט ווי ער האָט אַרויסגעוויזן גרויס פאַרשטענדעניש פאַר די שפּעטערדיקע באַוועגונגען, און איז אַזוי אַרום געוואָרן אַ מין פאַרבינדערישער פאַדעם צווישן די עלטערע און יינגערע עליה־שטראָמען, און האָט פאַרהאָלפן צו זייער צוזאַמענגאָס, וואָס איז געוואָרן אַ ממשדיקע באַזע, אויף וועלכער עס האָבן זיך שפּעטער, פאַקטיש און פּראַקטיש, אַנטוויקלט די אויפטוען פון חיבת ציון, פונעם באַראָן, און צום סוף פון דער ציוניסטישער באַוועגונג.

ד

ער גופא איז ביז צו דער ציוניסטישער באַוועגונג נישט דערגאַנגען, אַפילו מיטן באַראָן איז ער שוין נישט מיטגעגאַנגען — אַדרבה, אין דער לעצטער תקופה פון זיין לעבן האָט ער זיך, אַזוי צו זאָגן, פון זיך אַליין אָפּגעקערט. אָבער וואָס ער האָט פריִער געטאָן און אויפגעטאָן — סיי זיין קאַמף קעגן חלוקה און פאַר פּראָדוקטיוויזאַציע, בעיקר אַגראַרע, סיי זיין קאַמף קעגן דער קריסטלעכער מיסיאָן און פאַר אַ ברייטער רעליגיעז־נאַציאָנאַלער דערציִונג, און בעיקר זיינע אומדער־מידלעכע באַמיִען צו שטאַרקן דעם כוח פון דער עפנטלעכער מיינונג, ווי אַ גע־זעלשאַפטלעכן פאַקטאָר און זיין דרייסטער אַנטקעגנשטעל פון קריטיציזם קעגן אויטאָריטעט, פון שׂכל הישר קעגן דאָגמעס, פון עפנטלעכען פרייען וויכוח קעגן קליקע־סודות, — דאָס אַלץ איז געווען שטאַרקער פון זיין אָפּקער, דען דאָס אַלץ

איז אַריין אין אַ חשבון, וואָס איז געווען גרעסער פון זיינע כוחות.

און דער רויטער פאָדעם, וואָס האָט זיך געצויגן דורך די אַלע מעשׂים זיינע, איז געווען די צייטונג זיינע, די „חבצלת״ — אין אויפבוי, תוכן, צונויפשטעל פון מאַטעריאַל איז זי נישט געווען אַנדערש פון די איבעריקע השׂכלה און שפּעט־השׂכלה בלעטער. דאָ ווי דאָרט קעמפערישע פּובליציסטיק, דאָ ווי דאָרט בכיוונ־דיקע בעלעטריסטיק, דאָ ווי דאָרט וויסנשאַפטלעכער אָדער מקלאַמפּערשט וויסנ־שאַפטלעכער אינטערעס פאַר שפּראַך, אַ פּסוק אין תנך, אַ מאמר חז״ל. נאָך מער, ער האָט צוגעצויגן די מיטאַרבעטער פון אַנדערע צייטונגען, פון „המגיד״, „המ־ליץ״, „הצפירה״, ער האָט איבערגעזעצט די זעלבע ייִדיש־דייטשישע שרייבער, ווי זיי האָבן עס געטאָן, און ווי אויך דער ייִדישער „קול מבשׂר״ האָט עס געטאָן. ווער עס וויל זיך מיט די דאָזיקע ענינים נעענטער און פּרטימדיקער באַקענען, זאָל אַ קוק דערלאַנגען אין צוואָרפענע אַרבעטן פון א. ר. מלאכי, ג. קרעסל, ישׂראל חנני, און בעיקר אין בוך פון גליה ירדני־אגמון „העתונות העברית בארץ־ישראל בשנים 1863—1904״ (די העברעיִשע פּרעסע אין ארץ־ישׂראל אין די יאָרן 1863 — 1904), וואָס איז אַרויס מיט אַ יאָר צוריק.

פון דעסטוועגן איז „חבצלת״ פאָרט געווען אַנדערש פון יענע צייטונגען — איר באַזע זענען נישט געווען משׂכּילים, נייערט חסידים, זייערע כוללים אין ישוב, און אין זייער נאָמען האָט פרומקין גערעדט, פאַר זיי האָט ער געקעמפט. עס איז געווען אַ באַזונדערע, און אין יענער צייט איינציקע קאָאַליציע צווישן השׂכלה־קוק און השׂכלה־מעטאָד און צווישן חסידות־שטייגער און חסידות־סובסטראַט.

ה

דיאַלעקטיש געזען, איז די „חבצלת״, בעיקר אין איר גלאַנץ־פּעריאָד, געווען דער פּרוּוו צו דינאַמיזירן חסידות אין גייסט פון דער נייערער פּראַקסיס, צו דער־מעגלעכן המשך פון איר שטייגער אין אַ נייער רעאַליטעט. אָבער דאָס איז גע־ווען נישט נאָר די טרייבקראַפט, נאָר אויך די אָפּהאַלטקראַפט פון פרומקינען — זי האָט אים אויך געזעצט אַ גרענעץ. מיר זעען אים, וואָס איז כל ימיו געבליבן געטריי דעם דרך פון דער מסורה, איבערגעגעבן תורה און מצווה, אין שפּאַן פון פּראָגרעסיווע אידעעס און מעשׂים — האָט ער דאָך געקעמפט פאַר, אין גרונט משׂכּילישע, לאָזונגען פון פּראָדוקטיוויזאַציע און לאַבאַריזאַציע, פאַר מאָדערנערע מעטאָדן אין דערציִונג און לימוד. מיר זעען אים אַפילו אין אַ שותפות מיטן פרייען אליעזר בן־יהודה און זיינע באַמיִען אויפצולעבן העברעיִש ווי אַ שמועס־שפּראַך, אָבער דאָ איז אויך די גרענעץ. דער דורכויס וועלטלעכער כאַראַקטער פון בן־יהודה, דער בעיקר וועלטלעכער כאַראַקטער פון דער נייער עליה, פון די

בילוצעס, און בכלל דער פענאָמען פון אַ, אין תוך, רעליגיעז אינדיפּירענטער, אהבת־ציון, און בעיקר די פּרוּוון פון נאַציאָנאַלער העברעיִשער דערציִונג און קולטורעלן באַנעם פון אחד־העם, וואָס האָט געפּרוּווט פאַרוועלטלעכן ייִדישקייט, ווי גאָט ווערט אַראָפּגענידערט צו אַ נישט וויכטיקן, און כמעט איבעריקן, אַטריבוט פון נאַציאָנאַלן קיום, און עס בלייבט נישט קיין אָרט פאַר אַ תורה מן השמים און מצוות — אָט דאָס איז, בעצם, געווען די גרענעץ. דאָס האָט ער, פּונקט ווי דער אַ סך טיפערער און גרונטיקערער ר׳ יחיאל מיכל פּינעס, נישט געקאָנט מיטמאַכן, און בעיקר מחמת דעם איז געקומען זייער אָפּקער.

אַוודאי לאָזט זיך, אויך פון פרומקינס קוקווינקל גופא, זיין כמעט טאָטאַלער אָפּקער אָפּווענדן — ער האָט נישט פאַרויסגעזען דעם פלאַץ, וואָס רעליגיע און מסורה וועלן פאַרנעמען אין אַנטוויקלגאַנג פון דער ציוניסטישער באַוועגונג, ער האָט נישט פירויסגעזען די מעגלעכקייטן פאַר אַזאַ דערציִונג־ווערק, ווי עס האָט אויסגעבויט דער „מזרחי״, לאַ־כל שכן אַ רעליגיעז שולווערק, ווי עס עקזיסטירט היינט אין אונדזער מדינה.

אָבער פרומקין איז געווען אַ קעמפערישע נאַטור, וואָס איז נישט פּראָגנאָסטיציסטיש נאָר אַקטיוויסטיש. זעענדיק, אין האָריזאָנט פון איין צייט, די אַלץ שטייגנדיקע איבערוואָג פון וועלטלעכקייט, האָט ער געצויגן די לאָגישע קאָנסעקווענצן, האָט זיך אַלץ מער אומגעקערט אין די קרייזן, וועלכע ער האָט באַקעמפט, און אין דעמער פון דעם אומקער איז ער, אויפן שוועל פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, פון דער וועלט געגאַנגען.

ו

ווען עס איז אַרויס דער דערמאָנטער אָפּקלייב פון פרומקינס פובליציסטיק, איז פּירגעקומען אַן אימפּאָזאַנטער צוזאַמענקום אין ירושלים און עס האָט אויך גענומען אַ וואָרט דער דעמאָלטיקער מלוכה־פּרעזידענט, יצחק בן־צבי עליו השלום — ער האָט אין זיינע קלאָרע און וואַרעמע ווערטער, אונטערגעשטראָכן דאָס גרויסע חשיבות פון פרומקין דעם פּיאָנער, דעם בויער פון ירושלים, דעם טוער פאַר ירושלים, דעם רופער קיין ירושלים און עס איז געווען ווי אַ סימבאָלישער פאַרנייג פון אונדזער מדינה, פאַר איינעם פון אירע מוטיקסטע העראָלדן.

[תשל״א]

אור אישים

זלמן שזר

א

זלמן שזרס בוך אור־אישים (עם עובד, תשט״ו), אַ צוויטס אין אַ ריי ביכער, וואָס זייער סובסטראַט זענען איבערלעבענישן און זכרונות, הייבט זיך אָן מיט אַ דעפיניציע פון זיך אַליין, וואָס האָט איין נוסח אין נאָמען פון בוך און אַן אַנדערן נוסח אין אַריינפיר פון בוך. אין נאָמען פון בוך — דאָס אונטערקעפל: עסייען און זכרונות איבער פאַרענדיקטע באַגעגענישן; אין אַריינפיר פון בוך — דער באַטאָן, אַז די געזעגעניש פון די באַגעגנטע פאַרשוינען איז נישט אַ פול־שטענדיקע, ווייל „זייער השארת־הנפש לעב איך אין מיין האַרצן אַלע טעג״. הייסט עס, עסייען און זכרונות איבער נישט פאַרענדיקטע באַגעגענישן. אָט די אינעווייניקסטע סתירה צווישן דער דעפיניציע אין נאָמען און דער דעפיניציע אין אַריינפיר שטאַרקט זיך נאָך פון אַנדערע ערטער — אַז דעם מחבר קומט אויס צו רעדן וועגן חיים גרינבערג, שטעלט ער דעם טראָפּ דערויף, אַז יענער „האָט נישט געגלייבט — — אין דער אַנגענומענער זיכערקייט, אַז דער טויט איז בלויז אַ פאַרלענד. און מיט דער דערקענטעניש פון עקזיסטענץ־בענקעניש נאָך דעם שלאָף, האָט ער איצט פאַרלאָזט דאָס לעבן״; און אַז דער מחבר קומט אויס צו באַקלאָגן הדסה קאַלוואַרי־ראַזענבליט, ווענדט ער זיך צו איר: „דו האָסט, אויף דיין שטייגער, געגלייבט אין השארת הנפש. עפּעס גאָר אויסטערליש האָט אין דיר געלעבט די אייביקע זיכערקייט, אַז אויפן אַנדערן ברעג פון דעם פיזישן לעבן — — זענען נאָך פאַראַן פאַרהוילענע צובונדן צום לעבן: פלעגסט נישט איבעריק רעדן איבער דעם דאָזיקן סוד דיינעם. אָבער ווי פלעגן זיך אויפרייסן דיינע גרויסע אויגן, ווען דו האָסט דערהערט אַ ווונק און אַ ראיה, וואָס דיינע ידידים און פריינד האָבן פאַר דיר געשעפּט פון אַלטע קוואַלן, אַ סימן, אַז די זיכערקייט, וואָס דיר איז זי באַוווּסט געווען אָן רייד און ווערטער, האָבן אויך אַנדערע געקלערט, אַז זי האָט זיך אויף וואָס אָנצושפּאַרן״.

די זיכערקייט, אויף וועלכער דער שרייבער איז מרמז צוריקגעהאַלטענער אין זיין אייגענעם נאָמען און דרייסטער אין נאָמען פון אַנדערע, וואַרפט אַ באַזונדער

ליכט אויף דעם ענין זכרונות, ווייל עפּעס אַנדערש איז, אַז מיר רעדן איבער איינעם, וואָס די באַגעגעניש מיט אים האָט זיך ממש פאַרענדיקט; און עפּעס אַנ־דערש איז, אַז מיר רעדן איבער איינעם, וואָס די באַגעגעניש מיט אים איז כביכול פאַרענדיקט. אויף דעם חילוק האָב איך זיך נאָך ייִנגלווייז אָפּגעשטעלט. מיין רבי ר׳ אברהם מנחם מענדל הלוי שטיינבערג, אַ גדול־בתורה, האָט ליב געהאַט אָנצוהייבן זיין שיעור מיט אַ ווערטל אָדער אַ חידוש פון חתם סופר; זיין פריינד, ווייטער, ר׳ מאיר אַראַק, אויך ער אַ גדול־בתורה, האָט ליב געהאַט אָנצוהייבן זיין שיעור מיט אַ ווערטל אָדער אַ חידוש פון ר׳ עקיבא אייגער, אַזוי אַז ביי זייערע שיעורים אין זייער ישיבה אין ווין פלעגן זיך גאָר אָפּט צוזאַמענטרעפן דער גרויסער איידעם פון פּרעשבורג און זיין גרויסער שווער פון פּויזן; בייערט ר׳ אריה לייב ברוידאַ, דער לעמבעריקער רב, האָט זיך אַנדערש געפירט — אַ מאָל פלעגט ער ברענגען אַ גוט וואָרט פון זיין חבר, ר׳ חיים סאָלאָווייטשיק, אָבער פּלוצעם האָט ער אָפּגעהאַקט און אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, ווי איינער וואָס האָט זיך אַ ביסעלע צו פיל דערלויבט. אַז איך האָב זיך דעריבער פאַרווונדערט פאַר מיין רבין, האָט ער מיר דאָס, בערך, אַזוי מסביר געווען: ר׳ מאיר און איך דערציילן אין נאָמען פון גאונים, וועלכע זענען מיט אונדז געווען מיט דריי דורות צוריק; ר׳ לייבעלע, ווייטער, דערציילט אין נאָמען פון אַ גאון, וועלכער איז מיט אונדז אין אונדזער דור, און ווער עס דערציילט אין נאָמען פון איינעם, וואָס לעבט דאָ, זעט אים אפשר ביי זיין טיש, ווער עס דערציילט אָבער אין נאָ־מען פון איינעם, וואָס לעבט דאָרט, זעט אים אוודאי ביי זיין טיש.

און באמת, ווען מען עס איז באַשערט אָדער ס׳קומט אויס צו פורעמען גע־שטאַלטן, מאָלן פּאָרטרעטן, קאָן זיך נישט אויסדרייען פון יענער האַרבער אַח־ריות — דער מענטש, וואָס האָט פאַרלאָזט דעם עולם־השקר און איז אַריבער אין עולם־האמת, באַווייזט זיך פאַר אונדז, זעצט זיך צו אונדזער טיש, ווען מיר נעמען אים באַשרייבן, און זיין אַקעגנזיין איז אויף אונדז גוזר אַן איבערמאָסיקע פאַר־ענטפערלעכקייט. הייסט עס, ווער עס דערציילט איבער אַ באַגעגעניש, וואָס האָט זיך דאָ פאַרענדיקט, באַלאָדט זיך מיט אַ גרעסערער אָדער קלענערער זיכערקייט, אַז די באַגעגעניש וועט זיך באַנייען דאָרט, און צוליב דעם פרעגט ער זיך טאַקע: ווי וועל איך אויפהייבן דאָס פּנים, און ווי וועל איך קוקן גלייך אין די אויגן אַריין?

ב

דאָס בוך האָט זעקס אָפּטיילן, און עס לאָזט זיך גאָר לייכט אַריינגאָרן צום אָפּטייל, וועלכער איז אונדז אַמנאָענטסטן צום האַרצן, דער אָפּטייל איבער שריי־בער — מיר האָבן דאָך דאָ אַ בינטל באַהאַרצטע באַגעגענישן, סיי צעשפּרייזטע און אָפענע, ווי מיט בוקי בן־יגלי, סיי איינגעשרומפּענע און פאַרבאָרגענע, ווי מיט

מיכה יוסף בערדיטשעווסקי; מיר האָבן דאָ אַ פּאָר פיגורן, וואָס עגבערן זיך באַזונדערס אַריין אין זכרון, בעיקר די געשטאַלטן פון האַלב־פאַרשטויסענע אָדער גאַנץ־פאַרגעסענע, ווי בנימין זעגעל אָדער יעקב גראַמער און אַנדערע. מיר וועלן זיך אָבער נישט לאָזן אַריינגאַרן, אפשר אויך צוליב אַ טעם, וועלכן איך וויל נישט פאַרהוילן — דער אופן, ווי די גרעסטע געשטאַלט ווערט דאָ באַהאַנדלט, און מיר מיינען, פאַרשטייט זיך אַליין, די געשטאַלט פון ח. נ. ביאַליק, נאָך מער דער אופן, ווי זיין פּייטנישע שאַפונג און איר צענטער ווערן באַהאַנדלט, וואָלט אונדז פאַרפירט אין אַ שאַרפער מחלוקה, און וואָלט אונדז אָפּגעווענדט פון יענע אָפּטיילן, וואָס זענען די יאָדרע פון ספר, ווייל זיי שפּיגלען אָפּ נישט בלויז די דערציילטע, נאָר אויך דעם דערציילער.

מיר הייבן אָן מיט אַ געשטאַלט, וואָס לאָזט זיך נישט איינקוועטשן אין רעמל פון ליטעראַטור, כאָטש זי האָט זיך דאָרט לייטיש אויסגעלעבט — די געשטאַלט פון נחום סאָקאָלאָוו: „געזאָגט האָט מען אויף אים, אַז ער איז אַ ,יודע הכל', איין חכמה האָט ער אַוודאי געקענט. און די קענטעניש איז ביי אים געווען אַ זיכערע און פולקומענע, אַ גאַנצע און אַ טיפע: ער האָט געקענט יידן, אין אַלע זייערע ניואַנסן און גילגולים, זייערע שבטים און סטילן פון זייערע קהילות און שטייגערס פון זייערע משפחות, אין דער היים און אין דער פרעמד, פאַר דער אַסימילאַציע און נאָך דער אַסימילאַציע. זיין אָפן אויג יאָגט זיי נאָך און דערשנאַפּט זיי און דעקט אויף זייערע פאַרהוילענישן פון אונטער אַיעדער מאַשקאַרע פון צייט און אָרט, שפּראַך און שטייגער, ווי אַ מענטש קען זיין הויזגעזינד, נאָך מער ווי אַ מייסטער קען די העלדן פון זיינע ווערק" (ז"ז 81—82). דער שרייבער דערלאַנגט אונדז אויך אַן אויסנעמלעכע אילוסטראַציע צו דער דערקענטעניש, צו דער חכמה, באַשרייבנדיק אַ באַגעגעניש מיט סאָקאָלאָוו בשעת אַ נאַכטיקער רייזע פון ווינפּעג קיין ניו־יאָרק, ווען דער אַלטיטשקער האָט זיך גאָר פרטימדיק פונאַנדערדערציילט איבער די חילוקים צווישן קאַנאַדער יידן: „אַזוי, האָט זיך בשעתו שלום־עליכם אויסגעקענט אין כאַראַקטער פון די יידן אין די פּאַדאָליער שטעטלעך, אַזוי ווייס הזז דעם טעם פון כלערליי שבטים צווישן אונדז תימנים". דער שרייבער רעדט איבער סאָקאָלאָוו, שלום־עליכם און הזז, און האָט זיך אפשר נישט געכאַפּט, אַז ער רעדט דאָס איבער זיך אַליין, ווייל די ווערטער זיינע זענען אַ שליסל און אויפּלייכט־פּונקט צו זיין גאַנצן בוך, אין וועלכן עס איז קלאָר קענטלעך אַ טענדענץ (ווען אויך נישט קיין געשלאָסענע, ווייל די פּרקים זענען באַזונדערע איינסן, געשריבן אין פאַרשיידענע צייטן), די טענדענץ פון דערקענען די יידישע טאָטאַליטעט, אויף וויפל זי לאָזט זיך אויפכאַפּן אין רעפּרעזענטאַטיווע פיגורן, סיי אויפן פּלאַן סיי אויפן פּאַן פון אונדזער רשות־הרבים.

ג

און שוין פון ערשטן אָפּטייל לאָזט זיך דאָס אַרויסדרינגען, ווייל נישט ווי ער הייסט איז ער, ער הייסט: אין די שטריק פון אינטערנאַציאָנאַל; ער איז: אַן עפּעס צו משונהדיקער אינטערנאַציאָנאַל. אָט איז עדואַרד בערנשטיין און אָט יוליוס מאַרטאָור־צעדערבוים און אָט פעליקס פעכענבאַך און אָט איז וויקטאָר בערגער און אָט יוסף בלאָך, אַלץ ייִדישע קינדער. און ווי אַן עלנטער יתום דרייט זיך צווישן זיי אַרום אַן איינציקער גרויסער גוי, און ער באַשטימט דאָס אָפּנים די אינטערנאַציאָנאַלישקייט, עמיל וואַנדערוועלדע. עס איז אַ גוט שטיק ספק, אויב די דיספּראָפּאָרציע איז אַ צופאַליקע, נישט בלויז פאַרן דערציילטן, נאָר בעיקר פאַרן דערציילער. וואָרעם ער, דער דערציילער, האָט זיך אַ חשבון מיטן אינטער־נאַציאָנאַל, און דאָס איז אַ היימישער חשבון, ממש ווי ער דערציילט איבער עדואַרד בערנשטיין: „און אונדז, אנשים עברים אין בערלין, זיינע יונגע פריינד אין פאַרנאַכט פון זיין לעבן, איז דער גרייז טאָפּל טייער, ווייל מיר האָבן מיט אים געהאַט אַ לאַנגן און פאַרוויקלטן חשבון פון דורות, וועלכער האָט געעגבערט די אָפּגרונטן פון אונדזער פאָלק־נשמה“. און דעסגלייכן איבער מאַרטאָור־צעדער־בוים: „און די געציילטע משכילים [צווישן דער ייִדישער יוגנט] האָבן זיך אויך געגרויסט אין האַרצן, אַז די שטים פון זייער בלוט רעדט דאָס צו זיי, — — די שטים פון אייניקל פון דעם העברעיִשן שרייבער אַלכסנדר צעדערבוים־אַרז, רעדאַקטאָר פון המליץ“. שטעלט זיך אַרויס, אַז די באַגעגענישן מיט די אינטער־נאַציאָנאַל־פירער זענען, בעצם, באַגעגענישן פון חשבון־הנפש מיט רעפּרעזענ־טאַנטן פון אַ גרויסער גרופּע, אַפילו פון אַ גרויסער שיכט ייִדן, וועלכע האָבן זיך טראַנספּלאַנטירט מחוץ פון זייער פאָלק, און דער שרייבער פּרוּווט אויפדעקן דאָס וואָס, לויט זיין מיין, איז סאָקאָלאָוו געווען אַ מאַדים אויפצודעקן — ער אַנטבלויזט פון אונטער אַיעדער מאַשקאַרע, יעדער דעק, יעדער קאָרע, דעם ייִדישן וואָרצל, וואָס אויך דער וואָס אַנטלויפט פון אים, אַנטלויפט צו אים. זע, למשל, ווי ער באַשרייבט די ראַנגלענישן פון פעכענבאַך: „און ווי אַלע מענטשן פון דער גרופּע, האָט אויך ער געהאַט דעם באַזונדערן באַצי צו ייִדן און צו אונדזער באַפריי־באַוועגונג און אויפטו: אַ באַצי, וועלכער איז פאַרמישפּט צו אומטראַכט. נישט ער האָט דעם אינעווייניקסטן כוח זיך גאַנץ אָפּצופרעמדן פון דער דערהויבענער ייִדישער זאַך און נישט ער האָט די אינעווייניקסטע דרייסט־קייט זיך איר איבערצוגעבן. — — ווייל אין אים האָט געברענט אַ פּאַרצייטישער פונק, וועלכער איז איבערגעבליבן פון היינעס און לאַסאַלס נשמה־אוצרות, יענער באַזונדערער ייִדישער רעוואָלוציאָנערער פונק, וועלכער קאָן נישט איינגעשטילט און באַרויִקט ווערן, ווי דאָס בלוט פון זכריה, און וועלכער ברויזט אַזוי־אויף די וועלט־גבורות פון תמיד און אייביק“.

פֿאַרשיידן זענען די סאָרטן ייִדן, וועלכע האָבן זיך אַריינגעפּלאָנטעט אין אינ־טערנאַציאָנאַל, און פֿאַרשיידן איז זייער אָפֿענער און באַהאַלטענער חשבון־הנפש מיט זייער פֿאָלק. עס טרעפֿט זיך, אַז דער חשבון צעפּלאַקערט זיך בשעת דער נעילה פֿון זייער לעבן און עס טרעפֿט זיך, אַז דער חשבון פּרעסט זיך אין זיי איין אין דער מיט פֿון זייער לעבן — מיר האָבן פֿון איין זייט געזען בערנשטיין און פֿון דער אַנדערער זייט פּעכענבאַך. אָבער פֿאַראַן אויך אַנדערע, ווי וויקטאָר בערגער — אין תוך גענומען, האָט ער זיך צום מייסטן דערווייטערט, און דווקא אַ גאָר אַלטע שיכט אין אַ גאָר יונגער גאַרניטור, אַ צייטונג אין העברעיִשע אותיות, אין שפּראַך פֿון תנך. איז דער וווּנדער אין זיינע אויגן, און באַוווּרקט אַ ווונדער, דעם ווונדער פֿון צוריקקער, אין זיין האַרצן. און זאָל מיר דערלויבט זיין בולט צו מאַכן די אַלגעמיינקייט פֿון דער רעאַקציע, ווייל דאָס וואָס דער מחבר האָט באַמערקט ביי אַ חכם האָב איך באַמערקט ביי אַ פּראָסטאַק — בשעת איך בין געווען אַ לערער אין אַ וועסטפֿאַליש דאָרף, האָט דער איינציקער ייִד דאָרט געזען ביי מיר אַ נומער פֿון הפּועל הצעיר, האָט ער אים געדרייט אַהין און אַהער און פֿאַרוווּנדערט אויסגערופֿן: זאָ איין מחזור האָב׳ איך נאָך ני געזעהען; און אַז איך האָב אים אויפֿגעקלערט, אַז דאָס איז נישט קיין מחזור, נאָר אַ צייטונג, און זי איז געשריבן אין לשון פֿון מחזור, אַ וואָכנבלאַט, און דערצו אַ פּאָליטיש־געזעלשאַפֿטלעך וואָכנבלאַט, האָבן זיך געשטעלט טרערן אין זיינע אויגן. אַזאַ מין תמימות ווייזט אויך אַרויס דער קלוגער און באַהאַוונטער עסקן און רעדאַקטאָר: „קוקט זיך נאָר גוט אַריין, איר האָט פֿאַר אייך אַ חבר פֿון ארץ־ישׂראל, וועלכער נעמט אַנטייל אין רעדאַקטירן אַ טאָגצייטונג פֿון אַרבעטער אין דער שפּראַך פֿון תנך! נישט ייִדיש־דייטש, נאָר אין דער שפּראַך פֿון תנך ממש! דאָס איז נישט די שפּראַך פֿון אייב קאַהאַנס פֿאַרווערטס. זיי האָבן דאָרט אָנגעהויבן צו רעדן תנכיש — —"

און פֿאַראַן אַ גרעסערער דורכבראָך פֿון אַן עלטערער שיכט, נישט צוליב עברי־אותיות, נאָר צוליב זייער ווערקלעכקייט, נישט צוליב דער שפּראַך פֿון תנך, נאָר צוליב דער לעבעדיקייט פֿון זיין תוכן — יוסף בלאָכס צוריקקער צו זיין פֿאָלק איז נישט געווען אַ פּלוצעמדיקער, אָבער דער אימפּעט פֿון זיין אויסקלינג איז געווען אַ פּלוצעמדיקער: יאָרן איז ער געשטאַנען מיטביידע פֿיס אין סאַמע מיט פֿון סאָציאַליסטישן געדאַנק און זיין אויג האָט גאָר פֿרי דערכאַפּט די סימנים פֿון דער פֿאַרבאָרגענער פֿינצטערער כוואַליע, וועלכע גרייט זיך זי צו פֿאַרפּלייצן, אָבער ער האָט זיך עקשנותדיק אָנגעכאַפּט אין דער מעגלעכקייט (גלייכער גע־זאָגט: אין דער אילוזיע), אַז ס׳לאָזט זיך די כוואַליע אויפֿהאַלטן מיט געשטיי־גערטן כוח פֿון אַ ראַציאָ און אירע מיטלען. „מיט זיין קלאָרן אויג האָט ער פֿרי דערזען די אָפֿענע און פֿאַרבאָרגענע שלאַנגען פֿון שׂנאה, וועלכע האָבן גענומען

געפערלעך סיקען איבער אַלע סטעזשקעס פון דייטשישן וואַלד — — און ווען אַלע שלאַנגען האָבן זיך אַרויסגעריסן און פאַרדעקט די ערד, האָבן די בייזקייטן אויך אים פאַרטאַמלט, אים דעם קלאָרזעעוודיקן און קלוגראַטנדיקן — — און מיט אַן עלעמענטאַרן כוח האָט זיך איצט דער חשבון פון זיין געמאַטערטן פאָלק אַריינגעבראָכן אין דעם חשבון פון דער צעטראָטענער וועלט. און מיט אַ קדמונדיקן גלויבן האָט ער זיך געשטעלט זאָגן נביאות איבער דעם אויפקום פון בײדע, אויב עס וועלן זיך נאָך אויף דער וועלט געפינען צוהערנדיקע אויערן" (ז"ז 64—65). דאַכט זיך, אַז דער פאָרטרעט וואָלט פאַרדינט דערגאַנצט צו ווערן דורך אַ פּרטימדיקן באַשרייב פון דעם סוף פון זיין חשבון, פון זיין לעצטן בוך, אין וועלכן ער האָט זיך געסטאַרעט צו באַווייזן אַז די גרעסטע היסטאָרישע רעוואָלוציע זענען געווען די צען געבאָט, און אַז די פראַנצייזישע רעוואָלוציע איז נאָר געווען אַ שוואַכינקער און דורכגעפאַלענער פּרווו אַ שפּיץ פון זיי צו רעאַליזירן. הייסט עס, אַז זיין צוריקקער צו זיין פאָלק איז געווען ווי אַן אומקער צום נאָענטן הווה דורך דעם ווייטן עבר, אַן אומקער צו דער ווערקלעכקייט פון אונדזער דור אין זיין איבערפלאַד דורך דעם אַרב פון אַלע דורות אין זייער אונטערגרונט.

ד

און אַזוי ווי מיר האָבן געזען דעם וועג פון אַ חשובן סאָרט מענטשן, — ווייטע וואָס האָבן זיך דערנענטערט — זעען מיר דעם וועג פון אפשר אַ נאָך חשובערן סאָרט מענטשן, וועלכע האָבן באַוווּסט און אַפילו בכוונה תחילה זיך געפונען אין צוויי באַצערקן און האָבן זיך דערוועגט צו וועלן לעבן אין בײדע, און האָבן געגלייבט, אַז זיי לעבן אין בײדע ווי אין גאַנצקייט. דער מחבר האָלט פאַר טיפּיש דערצו די געשטאַלט פון לואיס ד. בראַנדייס, וועלכן ער באַצייכנט פלאַסטיש ווי א „גלייכקאַנטיקן אין די ווייטקייטן פאַרקוקטן באַרג", און שטעלט אים אַנידער ווי די עקסטע ליניע, וואָס פירט פון מענדעלסאָן, וועלכער ווערט באַטראַכט ווי דער טויער־דערעפענער, נישט בלויז דערפאַר ווייל ער האָט גיכער פאַר אַלע פריערדיקע באַגרינדט די מעגלעכקייט פון אַ סינטעז צווישן ייִדישקייט און השכלה, נאָר דערפאַר „וואָס ער גופא, אין זיין לעבן־שטייגער, איז געווען אַ קלאַסישע, אַנטשיידנדיקע און איבערגייענדיקע דוגמא, אַז אַזאַ סינטעז פון געטרייער ייִדישקייט און געלייטערטער השכלה איז מעגלעך. און ער איז געווען אַ בולטער, אין צענטער שטייענדיקער פאַקט, און דער פאַקט אַליין, וואָס זיין זיכערקייט האָט זיך בשום אופן נישט געלאָזט אָפּפרעגן, האָט מער איבערגעוויגן פון אַיעדן טעאָרעטישן באַגרינד. און דער טויער האָט זיך אַליין געעפנט". וועל איך נישט פאַרשווייגן, אַז די ליניע, וועלכע דער מחבר האָט געצויגן צווישן מענדעלסאָן און בראַנדייס, בפרט אין דעם אַבסאָלוטן נוסח, ווייזט זיך מיר אויס אַן

אַפּטישער טעות. ווייל עפּעס אַנדערש איז דער טאָפּנדיקער אַריינגאַנג פון די ערשטע, און עפּעס אַנדערש איז די ברייטלעכע אויפגערוימטקייט פון די לעצטע אין טאָפּעלן קולטור־סעקטאָר; ווייל די לעצטע פאַרמאָגן שוין נישט מער אַ נאַ־יווע טאָפּלקייט, נאָר אַ באַוווסטע טאָפּלקייט, און וואָס מער די באַוווסטקייט איז קלאָרער, זענען די עלעמענטן פון דער טאָפּלטקייט אויסגעדאַרטער, וואָרעם אַ בוים קאָן דאָך נישט וואַקסן אין דער זעלבער צייט אין צוויי ערדשטריכן, און עס איז אַוודאי נישט קיין צופאַל וואָס די, בעיקר מערבדיקע, כוחות ועלכע האָבן זיך פּראַגראַמאַטיש אָנגעשלאָסן צום ציוניזם און זענען פּאַקטיש אין זייער לעבן־שטייגער געבליבן אין קרייז פון פרעמדער קולטור און שפּראַך, האָבן נישט באַ־וויזן אַרויסצוברענגען קיין איינציקע דערשיינונג פון מדרגה, און דער יוצא מן הכלל, אויב ער איז נישט אַ פּאַרבלענדעניש, באַשטעטיקט דעם כלל. ווייל נאָך דעם אונטערגאַנג פון גלויבן אין דער מעגלעכקייט און באַרעכטיקטקייט פון אַ פּאַרוואָרצל אין פרעמדער קולטור און שפּראַך, קאָן קומען אָדער אַן איבערגע־געבנקייט צו דער אייגענער קולטור און שפּראַך, אָדער דער גזר פון קולטורעלער וועגעטאַציע. ווייל נישט דער סאָרט בראַנדייס, ווי ער ווערט דאָ פאַר אונדז באַ־שריבן, נאָר דער סאָרט בערטאָלד פייוועל, ווי ער ווערט דאָ פאַר אונדז באַשריבן, איז כאַראַקטעריסטיש פאַרן טיפּ, וועלכער האָט געלעבט אין צוויי קולטורן, און באמת האָט ער קוים געזשיפּעט צווישן ביידע. דער מחבר האָט אַריינגעלייגט אַ סך האַרציקייט אין באַשרייב פון פייוועל: „אַ מאַראַוועטשיק, געכאָוועט אויף ווינער קולטור, אַ קינסטלער אין דייטשישן סטיל, פאַרוואָרצלט אין פרעמדער קולטור, און פאַרבענקט נאָך יידישע ווערטן, געטראָגן פון אַ גייסט פון אַ משורר, איז דער צעזונגענער יונגערמאַן פון מערב, וואָס זיין האַרץ איז צו מזרח, געוואָרן פון די באַליבטסטע אויפן גאַנצן קאָנגרעס״; אָבער די דעפיניציע דרייט זיך אויס פון אַן אומאויסמיידלעכן צוגאָב: פון די באַליבטסטע אָבער נישט פון די חשובסטע, און אַלץ מחמת דעם פאַרבייט פון איין אות, ווייל אונדזער מחבר שרייבט: וואָס זיין האַרץ איז צו מזרח (למזרח), און די אויטענטישקייט פון דער מליצה איז: וואָס זיין האַרץ איז אין מזרח (במזרח).

שטאָפּל־שטאָפּל זענען מיר געקומען, פון אַ גרופּע, וועלכע האָט געשטעקט באַוווסט אין אַסימילאַציע, און האָט זיך בעל־כרחה באַפרייט פון איר, נאָך דעם ווי עס האָט זיך איר אַנטפּלעקט איר גרונטיקע ירושה, נישט וויסנדיק, וואָס צו טאָן מיט איר, צו אַ גרופּע, וועלכע האָט געשטעקט אין אַ ממילא־אַסימילאַציע, און האָט זיך לרצונה באַפרייט פון איר, נאָך דעם ווי עס האָט זיך איר אַנטפּלעקט סיי די עצם־ירושה פון אַ מאָל, סיי די מעגלעכקייט פון איר המשך אויף שפּעטער, נישט וויסנדיק, ווי עס לאָזן זיך פאַרבינדן פּראַקטיש דער יסוד און דער המשך, ווי עס וואָלט מחייב געווען די דערקענטעניש און לאָגיק פון זייער אומקער; און

דערפֿאַר איז אויך די געשטאַלט פֿון דער גרופּע מטושטש, זייער דעקלאַראַציע איז גאַר הויך, אָבער זייער ממשות איז זייער קליין; און זייער וואָרטצייכן איז אַ גרויסע פֿאַרבענקטקייט און אַ מאָגערער ווילן. און עס פֿילט זיך טאַקע אַ באַזונדערע דאַנקעוודיקייט צום מחבר פֿאַר די פֿאַר בלעטלעך, וועלכע ער האָט אייגנס פֿאַר דעם בוך אָנגעשריבן, דאָס איז די עסיי איבער לודוויג אריה שטראַוס, וואָס זיין ווילן איז געווען גרויס ווי זיין וועלן, און זיין אומקער איז געוואָרן אַ ממש. ער האָט דאָס אויך דערגאַנצט (און פֿאַר אים נאָך מרדכי געאָרגע לאַנגער) דעם פּראָצעס פֿון אומקער, דעם אומקער פֿון מערבֿ־ייִדן, וועלכע זענען דריי דורות געווען פֿאַרוואַקסן אין פֿרעמדער שפּראַך, דעם אומקער צו העברעיִש ווי אַ שפּראַך פֿון זייער נשמה און אויסדרוק. דער דאָזיקער אומקערקרייז האָט זיך זיין באַזונדער געזעץ: צו ערשט איז געקומען דאָס געדאַנקלעכע — דער מחבר פֿון אַ מאַמר אָדער עסיי; דערנאָך קומט דאָס פֿאָרשערישע — דער מחבר פֿון אַ מחקר און אַ שטודיע; און צו לעצט, נאָך אַ גאַנצן דור, איז געקומען דאָס פּאָעטישע — דער מחבר פֿון אַ שיר (נישט געקומען און אַ ספֿק, אויב עס וועט קומען, איז דאָס דערציילערישע). און אונדזער מחבר שפּרייט פֿאַר אונדז אויס דעם יחוס פֿון דעם דיכטער: „פֿון דעם צעדער פֿון לבנון, וועלכן היינריך היינע האָט מיט דריי יובלס צוריק פֿאַרפֿלאַנצט אין טעווטאָנישן וואַלד און וועלכן עס האָט איצט אויסגעריסן דער צעיושעטער שטורעם, זענען איצט פֿאַר אונדזערע אויגן אַראָפּגעפֿאַלן די לעצטע גרינע צווייגן: מיט צען יאָר צוריק איז אין ירושלימער שפּיטאָל צו איר פֿאָלק איינגעזאַמלט געוואָרן די ווונדערלעכע דיכטערין, וואָס האָט געזונגען העברעיִש אין דייטשישער שפּראַך, עלזע לאַסקער־שילער, און איצט האָט פֿאַרמאַכט אויף אייביק זיינע פֿאַרחלומטע שטאַרבנדיקע אויגן מיין פֿריינד, דער זיידענער דיכטער לודוויג אריה שטראַוס — — די העברעיִשע באַלאַדע און דער רבי פֿון באַרצעלאָנאַ זענען דיכטערישע דאָקומענטן, וואָס שרייען, פֿון פֿרעמדע כּלים אַרויס, צו אַ ייִדישער נשמה און גאַרן צו זייער קוואַל און אָפּשטאַם. פֿון אונטער זיבן שלייערן אַפֿיר רייסט זיך איר געשריי צו דער פֿאַרגעסענער אייגנקייט" (ז. 186). אָבער צעריסן די שלייערן האָט נישט זי, נאָר ער: „ער איז אויפֿגעגאַנגען ווי אַ שפּראָץ אין דער סובטילערער העברעיִשער ליריק און איז געוואָרן דער ערשטער העברעיִשער דיכטער צווישן די שבֿי־ציון פֿון גלות־אַשכּנז אין אונדזער געבירט" (ז. 186). כּבֿיכול, דאָס קליינע ביכל לידער איז דער באַשייד פֿון דעם חלום, וועלכער האָט געדעמערט אין בלאָך און אין בערנשטיין און אַנדערע, און האָט אויפֿגעבליצט אין בערטאָלד פֿייוול און אַנדערע, אַ חלום פֿון שלימות וואָס איז געוואָרן אַ ממש.

ה

און איצט קומט די ריי פון מענטשן, וועלכע האָבן נישט געוווּסט פון אַזעלכע ראַנגלענישן, ווייל זיי זענען, ווי דער רוב ייִדן, געווען תמיד אין דער היים, האָבן זיך קיין מאָל נישט פאַרלאָזט, און ממילא נישט באַדאַרפט זיך אומקערן צו זיך אַליין, און זייער ממשותדיקייט איז צום נאָענטסטן דעם אַנטוויקל־וועג פון אונ־דזער מחבר, און זייערע פּאָרטרעטן נישט ווייניקער ווי זיי דעקן אויף די באַ־שריבענע, דעקן זיי אויף דעם באַשרייבער. מיר מיינען בעיקר יענע, וואָס זייער לעבן איז ווי אַ שטענדיקע געשפּאַנטקייט צווישן צוויי גרויסע פאָדערונגען, וועל־כע עס פאָדערן פון זיי צוויי סאָרטן פון זייער אייגענעם אינעווייניקסטן כוח. דאָס איז יענע געשפּאַנטקייט, וועלכע די נאָענטסטע צום מחבר האָבן זי אין אים גופא באַמערקט, בעיקר אין איר קריזיס און אַנטשפּאַן, און האָבן זי אַפילו גאָר שאַרף דעפינירט: דער עסקן האָט אויפגעגעסן דעם שרייבער, ווי דער רעדנער האָט אויפגעגעסן דעם געלערנטן. אמת, מען האָט אים אויך פאַרענטפערט — משה ביילינסאָן האָט אים אַפילו געלויבט און איז דערגאַנגען צו אַזאַ מין זאָג: דאָס איז איצט די אויפגאַב, אַפילו איינשטיין וואָלט געדאַרפט אָוועקלייגן זיין תורה און זיך לאָזן איבער ייִדישע הייזער צוזאַמענקלייבן פאַרן קרן־היסוד, וואָרעם אויב עס וועט זיין אַ פאָלק, וועלן זיין צען איינשטיינס, און אויב עס וועט קיין פאָלק נישט זיין, וועט גאָרנישט זיין. דאָס איז אַ גאַנץ היפּשער פאַרענטפער, אָבער איך וועל אַ ליגן זאָגן, אויב איך וועל פאַרהוילן, אַז דער פאַרענטפער האָט מיך נישט געוווּנען; פאַרקערט, נאָך מער ווי עס האָט מיך אינטערעסירט די טענה, האָט מיך אינטערעסירט די קשיא, צי דער אָנגעקלאָגטער פילט איר שווערע וואָג. און אָט קריגן מיר אַ קלאָרע תשובה דערויף אין זיין מאמר איבער צבי פּרץ חיות, ווי ער שרייבט אַזוי צו זאָגן: „אָבער ער האָט ווי צו פלייסן זיך געבאָרעט מיט זיין ווייסנשאַפטלעכן יצר און איז אים בייגעקומען. מיט גוואַלד האָט ער זיין גייסטיק לעבן אָפּגעווענדט פון בוך און פון חקירה, און אַפילו פון לערן־קאַטעדער, און האָט זיך געצוווּנגען איבערצוגעבן צום אונטערשטראָם פונעם לעבן פון דור און צו דער באַוועגונג איבערצואַנדערשן דעם גורל פון דעם דור. ער האָט גאָר ערנצט געפילט די שווערקייט פון זיין קרבן און האָט זיך אַזוי ווי געפרייט דערמיט”. אַזוי ווי — אָט דאָס קליינע וואָרט וויקלט אַרום זייער אַ סך. דאַכט זיך, עס האָט זיך פאַרטאַיעט אין די פראַנדזן, ביז עס האָט זיך אים געטראָפן איינער, וואָס פאַרשטייט צוזאַמענצוגיסן ביידע יסודות, און עס שטורעמט אַפיר אין זיין פולן אימפּעט. און זע בעיקר וואָס עס ווערט געזאָגט איבער יענע, וועלכע אונדזער מחבר האַלט פאַר זיינע לערערס, סיי אַ לערער אין הלכות — נחמן סירקין; סיי אַ לערער אין הליכות — בער באָראָכאָוו.

דער באַשרייב פון סירקין איז זייער באַהאַרצט, בעיקר אין די קליינע פּרטים,

וואָס שטעלן זיך צוזאַמען צו אַ גאַנצן פּאָרטרעט — אַ שטייגער זיין פּירוש איבער דעם טיפן סאָציאַלן באַטייט פון שמונה־עשׂרה; אַ שטייגער די תּמימות, מיט וועלכער ער שטעלט זיין קאַנדידאַטור צו זיין דער פּרעזידענט פון דער ייִדן־מדינה (שוין גאָר נישט קיין תּמימות, פון דער ווייטנס זעט זיך דאָס היינט ווי אַ רעאַלע קאַנדידאַטור, אין קרייז פון פּועלי־ציון און אירע פּירערס סירקין אָדער קאַפּלאַנסקי, און זאָל זיין אָפּגעשיידט צו לאַנגע יאָר, אונדזער איצטיקער פּרעזידענט); אַ שטייגער זיין אופן זיך צו פילן היימיש, אין דער פרעמד: אויסגעטאָן דעם פּידזשאַק און אַנידערגעשטעלט דאָס בילד פון זיין טעכטערל און שוין איז ער אין דער היים; אַ שטייגער ווי ער האָט געראַטעוועט אַ ספר־תּורה אין ירושלים. אָבער אונדז אינטערעסירט איצט דער באַטאָן, ווי ער האָט זיך אַלע מאָל געריסן פון דער וועלט פון פּאָליטישער פּראַקטיק צו דער וועלט פון וויסנשאַפטלעכער טעאָריע: „דעמאָלט איז מיר קלאָר געוואָרן, אַז אין תּוך גענומען האַלט ער זיך פאַר אַ פילאָסאָף פון ייִדישער געשיכטע. ווייל זיינע ווערטער איבער די אין פאָלק אָנגענומענע היסטאָריקערס זענען געווען האַרט און ביטער — — — אויך איז מיר קלאָר געוואָרן, אַז ער שרייבט אַ פינף־באַנדיק בוך איבער ייִדישער געשיכטע — — — דאָס בוך האָט זיך געזאָלט אָנהייבן מיט אַ חקירה איבערן אויפקום פון מאָנאָטעיִזם צווישן די ישׂראל־שבטים אין דעם מדבר און מיט דעם אַנאַליז פון דעם מהות פון תּורת־משה און דער דער־שיינונג פון דער נבֿואה, און האָט זיך באַדאַרפט צו ענדיקן מיט דעם געראַנגל פון די ייִדישע אַרבעטער פאַרן רעאַליזירן דעם סאָציאַליזם אויף דער וועלט און פאַרן לייגן די יסודות פאַר אַ ייִדישער סאָציאַליסטישער מדינה אין ארץ־ישׂראל".

און וואָס עס איז בלויז אָנגעוווּנקען ביי סירקין, ווערט אונטערגעשטראָכן אין אַ פּאָרל פון אַ רבין און אַ תּלמיד — באָראָכאָוו און שיפּער. איבער דעם ערשטן ווערט געזאָגט: „לויט זיין מהות איז ער אַ מענטש פון ביבליאָטעק און וויסנשאַפט, אַ מענטש פון התמדה און פון הכּללה — — און לויט זיין גורל און דעם גורל פון זיין באַוועגונג — אַ מענטש פון דיסקוסיע, אַ מענטש פון שטענ־דיקן רעפעראַט און פון פּערמאַנענטער דעבאַט — —"; און ווייטער: „לויט זיין מהות אַ מענטש פון אָביעקטיוון פאָרשן — — לויט זיין גורל פון זיין באַוועגונג — אַ מענטש פון באַגרינדן. אַ מענטש וואָס זיין ,אהבֿה' קומט פאַר זיין חכמה". איבער דעם לעצטן ווערט געזאָגט: „אַ ייִדישער היסטאָריקער איז נישט קיין רויִקער אַקאַדעמיקער, וואָס אַנטלויפט זיך פון געטומל פון זיין דור צו די שטילע וואַסערן פון פאַרגאַנגענע טעג. ער קלייבט זיך אויך נישט אויס זיין פאַך פון ׳רייטן. די דערקענטעניש פון דעם פאָלק אין זיין גאַנצקייט האָט די ייִדישע היסטאָריאָגראַפיע באַשאַפן פון דאָס ניי. די ייִדישע היסטאָריקער פון אונדזער

יאָרהונדערט זענען די טרעגערס פון זוכעניש־ברען צווישן די לעבן־באַנייערס. דער שטורעם פון אונדזער דור האָט זיי אַרויסגעשיקט אין די ווייטקייטן פון דער צייט, צו אַנטפּלעקן די פאַרבאָרגנקייט פון זייער פּאָלקס גורל, און ביי דעם ליכט פון זייערע זוכענישן און געפינסן האָבן די קעמפער פון דור געפירט זייערע קאַמפן. אַ בונד־פון־זאַלץ איז פאַרשניטן געוואָרן צווישן דער באַוועגונג פון דער תקופה און צווישן דער מיסיע פון די היסטאָריאָגראַפן; די שכינה פון דור, מיט אירע בענטשונגען און טרויעריקייטן, טרעט נישט אָפּ פון זייער פאַרשאַרבעט, און די פּרוכט פון די פאָרשער פון עבר, מיט זייער שטרויכלען און דערגרייכן האָט גוט באַפרוכפּערט די רעוואָלוציע־פעלדער פון דעם דור — — — אין דעם אַנטפּלעק פון די סודות פון עבר איז פאַרבאַהאַלטן דער שליסל צו דער פאַר־שטענדניש פון דער היינטיקער רעטעניש און דער ווייזער צום מאָרגנדיקן וועג". אמת, עס ווערט דאָ גערעדט איבער סירקין און איבער באָראָכאָוו און איבער שיפּער, אָבער זיי זענען דאָ כביכול אַ מין דרייפאַכיקער פּסעוודאָנים פון אונדזער שרייבער גופא. עס דאַכט זיך, אַז דאָס ווידערקול פון זיינע אייגענע ראַנגלענישן זשומעט צווישן די שורות פון זיינע רייד איבער זיי, און מיר זעען בחוש, ווי זיינע הונדערטער רעדעס האָבן פאַרשלונגען זיינע נישט־פאַרענדיקטע חיבורים — איבער וועד ארבע ארצות; איבער מיסטיק; איבער שבתי־צבי; איבער דער רעטעניש פון פראַנק און זיין געזינדל; פונקט ווי מיר זעען בחוש, ווי די הונדערטער מאמרים זיינע האָבן פאַרשלונגען זיינע חקירות, וואָס ליגן פאַר אונדז אין זייערע וויקעלעך — איבער שמואל פרימאָ; איבער דעם שמש פון משיח; איבער דעם מחבר פון קורא הדורות, ראַנגלענישן, אין וועלכע ער האָט זיך אַנטשיידט, אָבער מיט וועלכע ער איז נישט דורכגעקומען, אַזוי אַז זיין קאַמף איז אַ מין רעכנבוך אָן אַ סאַלדאָ.

ו

אָט טאַקע דערפאַר לוינט זיך אַ קוק צו טאָן וואָס זאָגט דאָס עפּעס דער פאַר־שלונגענער איבער זיינע פאַרשלינגערס, בעיקר איבער דעם גרעסטן פון זיי — ווי זעט ער דאָס אָראַטאָרישע. ער רעדט דעריבער דאָ און דאָרט, און זיינע רייד זענען ליכטיק, אָבער גאָר נישט פריילעך. מיר מיינען נישט וואָס ער זאָגט איבער דרשות און דרשנים, וואָס זייער השפעה איז אין אים קענטלעך, ווי מיר לייענען דאָס איז זיין בוך כוכבי בוקר — פון דעם מינסקער מגיד ביז צום מטיף אַבראַמ־זאָן — מיר מיינען בפירוש אָראַטאָרן, סיי די, וועלכע ער האָט געהערט, סיי די, איבער וועלכע ער האָט געהערט. און צום ערשט דאַרף דערמאָנט ווערן פערדינאַנד לאַסאַל, וואָס מיר הערן איבער אים אַגב דער אַרבעט פון בערנשטיין, וועלכער „האָט דאָס באַטראַכט פאַר זיין לעבנווערק, אויפצודעקן די אוצרות פון יענעם

כישופדיקן רעדנער, וואָס איז יונג פאַרברענט געוואָרן, און זיי צו פאַראַרבן דעם קומענדיקן דור". גאָר כאַראַקטעריסטיש זענען די ווערטער איבער דער גיריקייט פון רעדנער אויף דעם קולט פון זיינע הערערס: „ווי זון פאַר אַ בלום, ווי לויברופן פאַר אַ קינסטלער, ווי לופט פאַרן אָטעם, אַזוי איז די באַווונדערונג געווען פאַר לאַסאַל: אָן איר איז ער פאַרוויאַלעט געוואָרן, מיט איר זענען זיינע כוחות געוואַקסן". אַ שאַרף אויער דערשפּירט, אַז דער סדר נייטיקט זיך דאָ אין אַ שטיקל תיקון: ווי לופט פאַרן אָטעם, ווי זון פאַר אַ בלום, ווי לויברופן פאַר אַ קינסטלער; און דער שינוי־הסדר, וואָס שטעלט די אַפּלאָדיסמענטן אין דער מיט, צווישן צוויי וויטאַלע באַדערפענישן, ווי זון און לופט, קאָן נישט זיין קיין צופאַל. אָבער דער עיקר אָפּשאַץ איבער רעדנער און רעדעס קומט קלאָר אַרויס אין די ווערטער איבער זאב זשאַבאָטינסקי, ווי עס ווערט, בעצם, באַשריבן דער גוואַלדיקער רושם, וואָס ער האָט אויף אונדזער שרייבער אין זיין פריסטער יוגנט געמאַכט, און איז אַן אומדירעקטער ווידוי איבער זיך אַליין. די כאַראַקטעריסטיק פון זשאַבאָטינסקי אינטערעסירט אונדז נישט איצטער — דווקא אין דעם פּונקט איז ער מיט אים מחמיר שלא כדין — וואָס אונדז אינטערעסירט איז די דעפיניציע פון זיין רעדע: „ווייל זיין רעדע איז געווען אַ קינסטלעריש ציוניסטישע דורכלעבעניש — — און אַ גרויסע נאַציאָנאַלע דראַמאַטישע דורכלעבעניש האָט זיך דעם ציוניסט נאָך נישט געטראָפן, און דער דאָרשט נאָך אים איז געווען גרויס, איז אויך די דערשיינונג זשאַבאָטינסקי געווען ווי קאַלט וואַסער אין דעם מדבר — — —". דאָס איבער דעם אַרום פון זיינע רעדע און איר דערפאָלג, און איצט איבער זיין רעדע גופא, איבער דער רעדע בכלל, און איר דורכפאַל: „אַ רעדע, וואָס איז ווי אַ פאַרבייפליִענדיקער חלום. אַ זומער־פייגעלע, וואָס איר גאַנץ לעבן — דרייפערטל שעה. האָסט פאַרקאָנטשעט דיינע ווערטער און זי איז נישטאָ, נישט זי און נישט די גאַנצע אַרומיקע אַטמאָספער. אַוועק און פאַרשוווּנדן און לאָזט זיך מער נישט כאַפּן, ווייל זי איז אויסגעגאַנגען און איינגעזאַמלט געוואָרן צום פאָלק פון אירע צוהערערס". און וואָס עס איז דאָ געזאָגט געוואָרן איבער זשאַבאָטינסקי, איז חל אויך אויף אַנדערע, וועלכע ווערן דאָ אויסגערעכנט — מאַקלאַקאָוו און אָלגין און טראָצקי און גרוזענבערג.

מיר האָבן פאַר זיך איינע פון די שאַרפסטע קריטיקן איבער דער רעדע און דעם רעדנער (כדאַי צו פאַרגלייכן מיט רעדערס מאָנאָגראַפיע איבער סאַוואָנאַראָלא), און אויב מיר ווען צו דער קריטיק, אין וועלכער עס איז ממילא פאַרשטעקט אַן אויטאָקריטיק, צוגעבן דעם געראַנגל צווישן דעם עסקן און דעם שרייבער, צווישן דעם רעדנער און געלערנטן, וועלן מיר פאַרשטיין, אַז דער געראַנגל האָט זיך נישט פאַרענדיקט, און האָט זיך אַפילו נישט אָפּגעזאָגט פון אַ פערספעקטיוו פון אויסוועג. און אויב מיר האָבן נישט קיין ראַיה דערויף, האָבן מיר אַ סימן דערויף —

רעדנדיק איבער צבי פרץ חיות, דערציילט אונדז דער מחבר איבער די האַפּענונגען פון יענעם אײדעלן רב צו פֿאַראייביקן זײנע בײדע פונקציעס, וואָס איעדע פון זײ האָט אים געזאָגט: כולך שלי, אין אַ סינטעז פון זײנע פֿאַרשידענע כוחות: „אָבער פון הר־הצופים אין ירושלים האָט אים כישופדיק געוווּנקען די מעגלעכקייט בײדע מיסיעס זײנע צו פֿאַראייביקן און צו אַנטפּלעקן אַלע זײנע טאַלאַנטן". און הלוואַי וואָס דער באַשריבענער האָט נישט זוכה געווען, זאָל זוכה זײן דער באַשרײבער, וועלכער האָט ערשט דאָ נישט לאַנג אָנגעהויבן מקיים צו זײן עת כנוס, און גלײך ווי ער האָט זיך ביז איצט אַרײַנגעוואָרפן אין אײן שאָל פון דער וואָג, זאָל ער זיך פון איצט אַרײַנוואַרפן אין דער אַנדערער שאָל פון דער וואָג.

ז

און אויב עס איז דערלויבט שפּילעריש צו פֿאַרענדיקן, וועל איך זאָגן, אַז נאָך דעם ווי איך האָב דאָס בוך איבערגעלייענט, האָב איך ערשט רעכט דערזען, אַז זײן נאָמען זענען צוויי סובסטאַנטיוון וואָס הייבן זיך אָן מיט אַן אל"ף — או"ר א״ישים, און במילא האָט זיך דערמאָנט דאָס ווערטל: ווער עס זאָגט אל"ף, דאַרף זאָגן בי"ת. און באמת, אַז איך האָב איבערגעמישט דאָס שער־בלעטל, האָבן זיך פֿאַר מיר אַוועקגעשטעלט די נעמען פון די זעקס אָפּטיילן: ב׳כבלי האינטרנציונאל, ב׳התלכד אומה פזורה, ב׳שבט סופרים, ב׳חבל נבו, ב׳הבנות מולדת, ב׳רשויות יחיד — סאַמע בית׳ן. אָבער פֿאַראַן דאָ צוויי סאָרטן — אײנער וואָס איז פֿאַר אַ סובסטאַנטיוו, און אײנער וואָס איז פֿאַר אַ ווערב; דער ערשטער ווײַזט אָן אויף אָרט, דער צווייטער אויף צייט. אָבער דער אלף־בית האָט, ווי באַוווּסט, כ"ב אותיות, און אויך דערויף האָט שוין אונדזער מחבר מרמז געווען אין די ראשי־תבות פון זײן פריִערדיקן ספר־זכרונות: כ׳וכבי ב׳וקר. זאָל ער זיך אַוועקזעצן, דערגאַנצן און פֿאַרענדיקן.

[חשון תשט"ז]

זוכצעטל

אבראמזאן אבא ראובן 304
אבראמסאן שרגא 226
אדלער דזשעיקאב (יעקב) 203
אדם הכהן (לעבענזאן) 148
אויסלענדער ראזא 54
אויערבאך אפרים 48, 135, 240
אויערבאך רחל 98, 276
אויערבאך שלמה 126
אוישער משה 42, 60
אוכמני (שווארץ) עזריאל 142
אורפז יצחק 43
אחד־העם (אשר גינצבערג) 15, 37, 39, 293
איבסען הענריק 203
אייגער עקיבא 112, 295
אייזלאנד ראובן 101, 102
אייזנער קורט 220
איינהארן דוד 107, 145, 206
איינשטיין אלבערט 222, 302
אימבער שמואל יעקב 48, 102, 128, 135, 206, 261
אלגין משה (משה יוסף גאוואמיסקי) 305
אלטמאן בתיה 44, 48
אלטמאן משה 47, 56, 58, 61, 63
אליה בחור 203
אליהו מזרחי 203
אליצקי לייב 65, 173
אלמי א. (אליהו חיים שעפס) 93
אלקלעי יהודה חי 192
אמיתי (ווארהאפט) מרדכי 240
אנסקי ש. (שלמה זאנוול ראפאפארט) 195, 196, 198, 201
אפאטאשו (אפאטאווסקי) יוסף 20, 123, 125, 189—193, 203, 244
אפטייקער אברהם 13

אקסענפעלד ישראל 18, 25
אראק מאיר 295
ארגעזי טודאר 67
ארלאזאראוו חיים 217
אלטערמאן (אלתרמן) נתן 65, 73
אש שלום 20, 47, 99, 108, 202, 221
אשענדארף ישראל 98

באדער גרשום 81, 86, 265
באטאשאנסקי יעקב 61, 108
באלזאק אנארע 223
באלעכאווער (בירקענטאל) בער 265
באנד אברהם (ארנאלד) 81
באסאק משה 147
באראכאוו בער 302, 303, 304
באראק מאקס 60
באראש אשר 98, 102, 192, 264
בארביס אנרי 200
באריישא (גאלדבערג) מנחם 68
באשעוויס (זינגער) יצחק 67, 203, 243
בובער מארטין (מרדכי) 87, 220, 274
בודקא יוסף 221
בולאוו יוסף 202
בוקי בן־יגלי (י. ח. קאצנעלסאן) 295
בורג יוסף 50
בורלא יוסף 192
ביאלאבלאצקי שמואל 87
ביאליק חיים נחמן 13, 30, 37—40, 43, 47, 50, 51, 68, 108, 117, 118, 150, 151, 152, 153, 171, 218, 225, 226, 227, 228, 230, 231, 257, 282, 296
ביאליק־ראוויניצקי 152
ביילינסאן (ראבינאוויטש) משה 302
בילעצקי ישראל חיים 240

בימקאָ 62, 219
בינענשטאָק מאַקס (יעקב מאיר) 103, 217, 264, 266
ביקל אליעזר (לאָטאַר) 53, 58
ביקל שלמה 46, 47, 50, 53, 54, 61, 67, 72, 98, 111, 232
ביקעלס יעקב 264
ביקעלס־שפּיצער צבי 101, 103, 254—264, 266
בית־אריה (אינטראַליגאַטאָר) מלאכי 123
בלאָך יוסף 297, 298, 301
בלאָך שמעון הלוי 248
בלאַנק מרדכי מאיר 42
בלאָק אַלעקסאַנדער 205
בלום קלאַראַ [=יעקב גלאַטשטיין] 93
בליץ יקותיאל 151
בן אדיר (ראָזין) א. 183
בן־יהודה (פּערלמאַן) אליעזר 15, 292
בן־יחזקאל (האַלפּערן) מרדכי 141
בן צבי (שימשעלעוויטש) יצחק 303
בן־צבי (גוטמאַן) שמחה אַלטער 13, 192
בעהאַגעל אָטאָ 283
בעל התניא (ר' זלמן שניאור מלאַדי) 192
בערגעלסאָן דוד 20, 56, 180, 216
בערגער וויקטאָר 297, 298
בערגער יעקב 189
בערגנער הינדע 223
בערדיטשעווסקי מיכה יוסף 99, 296
בערטאָנאָוו יהושע 179
בערטיש לעאָן 48
בערל בראָדער (מרגליות) 22, 28, 48, 116, 266
בערנע לודוויג (לייב ברוך) 141, 197
בערנפעלד יוסף 54
בערנפעלד שמעון 265
בערנשטיין עדוּאַרד 297, 298, 301, 304
בערקאָוויטש יצחק־דב 56
בק ישראל 82, 289
בראָדערזאָן משה 48
בראָווער אברהם יעקב 87
בראַנדעס לואי 299
בראַנדשטעטער דוד מרדכי 202
בראַנשטיין (אַרדאָן) מרדכי 216
ברוידאָ אריה לייב 295
ברוידאָ מרדכי־זאב (מאַרקוס) 206
ברונער קאָנסטאַנטין (ווערטהיימער) 53
ברוסילאָוו (ברוסילאָווער) ניסן 137—139
בריסטיגער ישראל 265
ברכיה הנקדן 63
ברענער יוסף חיים 69, 87, 99
ברענער שרה [=מאַקס וויינרייך] 93

גאָגאָל ניקאָלאַי 161
גאָטלאָבער אברהם בער (דב) 18, 63
גאָיאָ פראַנטשעסקאָ 213
גאָלדפאַדען אברהם 48, 116, 119, 266
גאָרדאָן יהודה־לייב (יל"ג) 64, 148, 227
גאָרדאָן שלום 167
גאָרדאָן שמואל־לייב (של"ג) 201
גאָרדין יעקב 203
גבירול שלמה 230
גורפיין רבקה 143
גורשטיין אהרן 161
גינזבורג־מאַרעק 18
גינינגער חיים 46, 58, 61, 62, 83
גלאַטשטיין יעקב 115
געטע יאָהאַן וואָלפגאַנג 41, 157, 197
גערסטל וואָלף 248
גראַדע חיים 27, 137, 144, 148, 149, 225—229, 243
גראָמער יעקב 296
גראַנאַך אלכסנדר 204
גראָס־צימערמאַן משה 61
גראָסבאַרד הערץ 45, 55, 60
גראַפּער יעקב 48, 50, 107—113
גרוזענבערג אָסקאַר 305
גרינבערג (לאַנדמאַן) אורי־צבי 87, 111, 115, 128, 206, 263, 264
גרינבערג אליעזר 42
גרינבערג חיים 296

דאָליצקי מנחם מענדל 15, 64
דאַנקאָוויטש הענריק 207
דובנאָוו שמעון 209

דזשויס דזשעמס 224
דינור (דינאַבורג) בן־ציון 235
דיק אייזיק מאיר 13, 44, 211, 284
דער נסתר (פינחס כהנאָוויטש) 20, 61, 153, 199
דרייפוס אַלפרעד 181

האָבערמאַן אברהם מאיר 81
האַלבערשטאַם חיים (הרבי מצאַנז) 101
האַלפּערן משה־לייב 48, 70, 101, 102, 115
האַלפּערן פרידא [=משה לייב] 93
האַלקין שמואל 176
האַפער יחאל 243
האַפּשטיין דוד 48, 171
האָקען ווערא 54
האַראַנטשיק שמעון 219
הארוויץ בער 98
הארוויץ יעקב־יצחק (החוזה) 31
הארוויץ צבי 216
האָרן יוסף 168
הגר"א (דער ווילנער גאון) 192, 227
הורוויץ חייקל 18
הזז חיים 144, 182, 193, 296
היינע היינריך 292, 297, 301
המאירי (פויערשטיין) אביגדור 128
העלער בינעם 173
העס משה 181
הערצל בנימין־זאב (טעאָדאָר) 181
הערשעלע זשידיטשוּווער (אייכענשטיין) 100

וואָהל קובי 54
וואַלדמאַן פּראַיקע 108
וואַליך משה 63
וואַלף לייזער 148
וואַלפזאָן־האַלע אהרן 13, 24
וואַנדערוועלדע עמיל 297
וואַסערמאַן יעקב 206
וואַסערמאַן ליובא 164
וואַרשאַווסקי עוזר 219
וויגאָדסקי יעקב 28
וויטענבערג איציק 28
וויטקאָוער פישל (אימן) 98
וויטער א. (אייזיק־מאיר דעווינישסקי) 199
וויכערט מיכאל 206, 245, 264, 235—278
ווײַנפער זושא 135
וויינרייך אוריאל 239
וויינרייך מאַקס 63, 227, 279—285
ווײַנשענקער איציק 245
ווייס בעריש (דב) 31
ווייסענבערג איטשע מאיר 113, 209, 219, 223, 239, 240
ווייסענבערג פּערל 210
ווילדהאַלץ יאָזעף (יוסף) 54
ווינער מאיר 203
ווינקלער מאַנפרעד 54
וויספּיאַנסקי סטאַניסלאַוו 203
וויעוויאָרקע אברהם 99
וועלוול זבאַראַזשער (בנימין זאב ערנ־קראַנץ) 13, 48, 117, 236, 266
וועלעדניצקי אברהם 208
ווערגעליס אהרן 170, 172, 173, 174
ווערפעל פראַנץ 212, 214, 217, 219, 221

זיגעלבוים פּייוול 243—249
זיגעלבוים שמואל מרדכי (ארטור) 246
זילבערמאַן (כסיף) משה 43
זינגער ישראל יהושע 206
זינגער (ברידער) 224
זעגעל בנימין זאב 296
זעליקאָוויטש ראובן (ראובן) 45, 108
זרטל אדם 143
זרטל (זילבערטאַל) משה 143
זשאַבאָטינסקי זאב (וולאַדימיר) 171, 292, 305
זשאַן פּאָול (ריכטער) 131
זשדאַנאָוו 207
זשיטלאָווסקי חיים 56, 108

חאַלאָטניקאָוו שמאי 99
חיות צבי פּרץ 274, 302, 306
חנני (חאַנאָוויטש) ישראל 302

חתם סופר (משה שרייבער) 293

טאָוויאָוו (טביוב) י. ח. 15
טאָכנער משולם 79
טאָלסטאָי ליעוו 224
טהאָן יהושע 266
טור־סיני (טאָרטשינער) נפתלי הערץ 266
טורניאַנסקי חוה 123
טורקאָוו־גרודבערג יצחק 205, 208
טורקאָוו מאַרק 200
טיגער ישעיהו 98
טעלער ישראל 265
טענענבוים יוסף 265
טראַצקי (בראָנשטיין) ליעוו 305
טרייטשקע היינריך 21
טשאַטשקעס דבורה [=ש״י עגנון] 43
טשערניכאָווסקי שאול 47, 50, 120, 150, 169

יאָסעלע דיין 41
יהואש (בלומגאַרטן) שלמה 63, 83, 110, 134, 152, 209
יהודה הלוי 39, 230
יוד (יערוסאַלימטשיק) נחום 61, 64
יונין וואָלף 124
יוסיפון (יאָסקאָוויטש) זאב 70
יוסף די־לאַ־ריינע 81
יעספערסען אָטאָ 283
יערי (וואַלד) אברהם 81
יעשורין יעפים 17, 194, 211
ירדני־אגמון גליה 302
ישראל (פרידמן) ריזשינער 82

כּהן הערמאַן (יחזקאל) 220, 225
כּהן יהודה לייב 284
כּהן לייבל 282
כּהן נפתלי הערץ 170
כּורך (בוכבינדער׳ אשר 261

כּאַשין אַלעקסאַנער (צבי אָווערבוך) 171
כמיעלניצקי באָהדאַן 205
כמעלניצקי מלך 97, 98, 259

לאַבקאָווסקי דוד 27—29
לאַמעד לואיס 259
לאַנגער מרדכי געאָרגאָ (יעזשי) 301
לאַנדוי זישא 48, 115
לאַנדויער גוסטאַוו 220
לאַסאַל (לעסלאַו) פערדינאַנד 297, 304, 305
לאַסקער־שילער עלזע 301
לאַפּאַנטיין זשאַן 58, 61, 64
לאָקמאַן 63
לוי יצחק (דערבאַרעמדיקער) באַרדיטשעווער 64
לי (לעאָפּאָלד) מלכה 102
ליאָן־דאָר אברהם 284
ליבערמאַן מאַקס 224
ליבשיץ דוד 69
לייבל דניאל 52, 102
לייוויק (האַלפּערן) ה. 48, 51, 52, 61, 70, 115, 148, 170, 182, 183
ליליענבלום (הערליכמאַן) משה לייב 284
לינעצקי יצחק יואל 18
ליסאַוער ערנסט 197
ליעסין (וואַלט) אברהם 47
ליפּפּע נתנאל קאַרפּל 265
ליפּצין קעני 203
ליפשיץ אליעזר מאיר 79, 87
ליפשיץ יהושע מרדכי 283
לעבענזאָן (אד״ם און מיכ״ל) 227
לעוו (לב) אברהם 143
לעווין ישעיהו 222
לעווין לייבל 60
לעווין מרים 222
לעווין שמואל 211—224
לעווין (הלוי) שמריהו 97
לעווינזאָן יצחק בער (ריב״ל) 18
לעיעלעס (גלאַנץ) א. (אהרון טוביה) 48, 72, 115
לענין (אוליאַנאָוו) וולאַדימיר 178
לעסינג גאָטהאָלד אפרים 64
לעסטוויטש יוסף 221
לעפין (לעווין) מענדל 12, 18, 81, 209, 266, 284

לערנער יאָסל 50
לערנער (נאָור) מנחם 43

מאיר פּרעמישליאַנער 41, 100
מאַלאַדאָווסקי קאַדיע 70
מאַלטינסקי חיים 164
מאַן טאָמאַס 174
מאַנגער (העלפער) איציק 45, 48, 50, 55, 70, 111, 114—133, 148, 153, 240, 246
מאַנגער (נאַדיר) געניאַ 124
מאַנדעל שמאי 241, 242
מאַני (בראַהינסקי) לייב 47, 115, 240
מאַניק־לעדערמאַן יהושע 65
מאַנגער (גלוזמאַן) שיינדל 123
מאַנע מרדכי צבי 86
מאַפּו אברהם 24, 56, 192
מאַקלאַקאָוו 305
מאַרגאַשעס יוסף 265
מאַרטאָוו־צעדערבוים יוליוס 297
מאַרעווסקי אברהם 202, 203
מאַרק (אביר־ציון) נתן 110
מאַרקיש פּרץ 48, 115
מאַרקס קאַרל 236
מה־יפית (יורמאַן) חנה 231
מה־יפית ישראל 230—237
מולטאַטולי (עדואַרד דעקער) 207
מולכו שלמה 192
מיטשינסקי טאַדעאוש 205
מייזיל נחמן 195, 204, 206, 276
מייזילש דב־בער 112
מייטוס אליהו 240
מיכאלס (וואָפסי) שלמה 208
מילער ה. 164
מלאכי (ענגעלמאַן) א. ר. 292
מנחת חינוך (ר' יוסף באבד) 209
מעלצער שמשון 102, 147, 223, 241
מענדעלע (שלום יעקב אַבראַמאָוויטש) 11־14, 17, 18, 19, 20, 24, 32, 33, 39, 50, 54, 56, 58, 61, 62, 76, 80, 81, 124, 125, 148, 161, 168, 191, 212, 257, 258
מענדעלזאָן משה 299
מעסטעל יעקב 263, 264
מעצקער יצחק (איטשע) 98
משה לייב (עטינגער) סאַסעווער 100

נאַדיר משה (יצחק רייז) 47, 101
נאַדעל אַרנאַ 221
נאָור שלמה (סאַלאַמאַן לערנער) 45
נאַטאָוויטש משה 163
נאַכט יעקב 108
נאַמבערג הערש דוד 99, 108
נאַרוויד ציפּריאַן 146
נדב מרדכי 123
נחמן בראַצלעווער 13, 64
ניגער (טשאַרני) שמואל 51, 52, 61, 62, 108, 253—261
ניטשע פרידריך 139
נייגרעשל מענדל 102, 103
ניידוס לייב 48
ניימאַרק דוד 207
ניישטאַדט מלך 276
נצי"ב (נפתלי צבי יהודה בערלין) 228

סאַוואַנאַראָלאַ זשיראָלאַמאָ 305
סאַלאָמאָן שמואל 216
סאַלזשעניצין אַלעקסאַנדער 168
סאַלטיקאָוו־שטשעדרין מיכאיל 161
סאַפּרין האַראַצי (הערש) 102
סאָקאָלאָוו נחום 296, 297
סווירסקי 60
סוחיסטאַב (סוכיסטאָווער) מרדכי 18
סוצקעווער אברהם 27, 145—154, 163
סטאַלין יאָסיף 164, 165, 183, 210
סטוטשקאָוו (שטוטשקאָ) נחום 283
סטופּניצקי שאול יצחק 215
סיגאַל יעקב יצחק 48, 64, 115, 153
סירקין נחמן 302, 303, 304
סלאָוואַצקי יוליוש 203, 205
סלוצקי י. 164
סנה (קליינבוים) משה 174
סעגאַל הערש 62
סעגאַל קלמן 173

סעגאַלאָוויטש קלאַראַ 202
ספאַרד דוד 173
ספעקטאָר מרדכי 15, 32, 231

עבנער מאיר 54
עגנון (טשאַטשקעס) שמואל יוסף 13, 56, 75—95, 96, 98, 100, 102, 193, 206, 228
עדעלשטאַט דוד 83
עהרליך א. 265
עהרנפרייז מרדכי (מאַרקוס) 266
עזאָפּ 58, 63
עטינגער שלמה 18, 24, 62, 63, 284
עליאַשעוו אסתר 60
עמיאָט (יאַנאָווסקי) ישראל 164
עקערמאַן יאָהאַן פּעטער 197
ערטער איציק (יצחק) 21, 22, 23, 57
עריק (מערקין) מאַקס 63
ערליך יוסף 238—242
ערליך סאָפיאַ 209

פּאַטאַש ריקודה 65
פּאָטאָצקי גראַף (גר־צדק) 201
פּאָלאָטניק ראָזאַ 203, 246
פּאָלאַק ישראל 137
פּאָלאַק עדיט 137
פּאַסטערנאַק באָריס 168
פּאַפּיערניקאָוו יוסף 133—139
פּושקין אַלעקסאַנדער 205
פּינעס אליעזר 137
פּינעס יחיאל־מיכל 293
פּינסקי דוד 47, 134, 137
פּינקערפעלד (עמיר) אַנדאַ 102
פּני יהושע (יהושע פאַלק כהן) 228
פּעטשעניק אהרן 208
פּערל יוסף 12, 23, 209, 268
פּרילוצקי נח 56, 240
פּרימאַ שמואל 304
פּרץ יצחק לייבוש 17, 18, 19, 33, 54, 55, 58, 83, 86, 99, 108, 136, 141, 147, 151, 161, 162, 192, 195, 196, 197, 198, 200, 201, 203, 208, 209, 231, 233, 257, 263, 264

פאָהן ראובן 98, 101
פאָגעל דבורה 102
פאַלק יוסף 264
פאַלקאָוויטש אליהו 161
פויכטוואַנגער ליאָן 202
פויערבאַך לודוויג 214
פוקס אברהם משה 97, 98, 103, 241
פייוול בערטאָלד 300, 301
פיכמאַן אריה 48
פיכמאַן יעקב 13, 14, 47, 69, 70, 71, 96, 97
פין שמואל יוסף 227
פינקעלשטיין ישעיהו מאיר 266
פלאַם בעריש 13
פלאַנצער נפתלי 264
פליישער (בר־אבא) עזרא 65
פעכענבאַך פעליקס 297, 298
פעלדמאַן שמחה בונים 274
פערנהאָף איצי 93
פעפער איציק 166
פראַנצאָז קאַרל־עמיל 54
פראַנק (ס״ס קאָמאַנדאַנט) 276
פרוג שמעון שמואל 151
פרויד זיגמונד 202, 236
פרומקין אַלכסנדר סענדער 289
פרומקין ישראל־דב 289—293
פרישמאַן דוד 13, 14, 171
פרענקעל אליעזר 47, 60, 63, 73
פרענקעל ירמיה 274

צאַנין (צוקערמאַן) מרדכי 137
צווייפעל אליעזר צבי 18
צונזער אליקום 18
צייטלין אהרן 115, 257
צימעלס פינחס 57
צעדערבוים (ארז) אלכסנדר 18, 297
צעלאַן (אנצל) פּאָול 53

קאַבאַק אברהם אהרן 192
קאַגאַנאָוויטש 183

קאהן (כהן) אב (אברהם) 210, 298
קאונער אברהם אורי 284
קאלוואַרי־ראָזענבליט הדסה 294
קאַלינין 177
קאַלניק אַרטור 45, 73
קאַמינסקי אידאַ 203
קאַפּלאַן פּסח 64
קאַפּלאַנסקי שלמה 303
קאַפקאַ פראַנץ 224
קאַציזנע אַלטער 48, 194—210
קאַציזנע חנה 196, 209
קאַציזנע שולמית 196, 209, 210
קאַציזנע שמואל הירש 196
קאַצנעלסאָן בערל 70, 71, 205, 228
קאַצנעלסאָן יצחק 150, 162
קארן רחל 98, 101
קויפמאַן מיכאל 42
קולבאַק משה 48, 115, 147, 148
קורצוויל ברוך 79
קיטנר י. 54
קלוגער אברהם בנימין 30
קלוגער שלמה (דער בראָדער מגיד) 30
קליגער קהאס (קהת) 245
קליינמאַן אַנזעלם 101, 264
קליינמאַן משה 99
קלמנאָוויטש זעליג־הירש 280
קלעצקין באָריס 148
קערלער יוסף 157—185
קראוס קאַרל 129
קראַכמאַל נחמן 209, 244
קראַנץ יעקב (דער דובנער מגיד) 13, 64
קראַפּאָטקין פּיאָטר 217
קראַפּט גדעון 73
קראַשעווסקי יוזעף איגנאַצי 201
קריזאַנדער ווילהעלם קריסטיאַן 284
קרילאָוו איוואַן 58, 61, 64, 65
קרעסעל געצל 86, 289, 292

ראַבינאָוויטש יעקב 192
ראַבינאָוויטש מאָטיע 108
ראַבינזאָן חיים 123
ראַבינקאָוו ק. 164

ראַוויטש מלך (חנא זכריה בערגנער)
58, 99, 100, 102, 103, 115, 128,
206, 223
ראַווניצקי יהושע חנינא 47
ראָזענפעלד מאָריס 83, 99, 156
ראָזענפעלד שלום 123
ראָזענרויך גבריאל 46
ראָטענבערג יהושע 173
ראָטענבערג עוזר 266
ראָטשילד בנימין 291
ראָטשפּרעכער י. 53
ראָלאַן ראָמען 224
ראָלניק יוסף 148
ראַפּאָפּאָרט יהושע 55, 61
ראַפּפּ נחמן 155—156
ראָקער רודאָלף 212, 213, 214, 216, 217
ר' בנימין (יהושע ראַדלער־התלמי) 206,
265
רובין הדסה 173
רובין הערשל 97
רובין ישראל 48, 55
רובינשטיין אליעזר 87
רויטמאַן נטע 50
רויטמאַן שלמה 167
רוקח אליעזר 82, 94
רוקח (אַפּאָטעקער) דוד 100
ריבאַק ישׂשכר 216
ריוועסמאַן מ. 64
רייזען אברהם 44, 47, 83, 99, 110, 223
רייזען זלמן 43, 48, 148, 158, 194, 211
ריינהאַרדט (כהן) מאַקס 263, 269
רייפער מאַנפרעד 54
רייק טעאָדאָר 217
רימיניק י. 158
רמב"ם 142
ר' מרדכלי (חיים טשעמערינסקי) 63
רעאַלע עזשעניע 209
רעדער 305

שאַמבאַדאַל 164
שאַפּיר בירך (בענעדיקט) 13
שאַפּירא למד 100

שאַפּמאַן גרשון 99, 264
שאַצקעס משה אהרן 18
שאַקען זלמן 87
שבתי־צבי 203
שוהם (פּאַליאַקעוויטש) מתתיהו 199
שוואַרץ הערש 245
שוואַרץ ישראל יעקב 48, 102, 148, 244
שוואַרץ מאַריס 202
שוואַרץ נפתלי (טולאַ) 264
שוואַרצבאַרד שלום 204
שוואַרצמאַן אשר 115, 192
שוואַרצמאַן יוסף 45
שווייצער שלמה 73
שולמאַן אליעזר 63
שולמאַן קלמן 148, 227
שולשטיין משה 65
שוסטער אהרן 43
שור (רובאַשאָוו) שניאור זלמן 179, 227, 294—306
שטאַנד אַדאָלף (אברהם) 264
שטאַק פראַדל 98
שטאַרקמאַן משה (חזקוני) 100
שטיין א. ש. 276
שטיינבאַרג אליעזר 41—74
שטיינבערג אברהם מנחם מענדל 295
שטיינבערג יהודה 12, 42, 64
שטיינבערג יצחק נחמן 174, 217
שטיינבערג יעקב 12, 110
שטיינבערג משה 97
שטיינבערג רבקה 43, 46, 71
שטיינמאַן אליעזר 208
שטירנער מאַקס 206
שטענצל א. נ. 212
שטערנבערג יאָסל 42
שטערנבערג יעקב 42, 46, 47, 48, 56, 58, 61, 130
שטראוס לודוויג (אריה) 301
שילער (בלאַנקשטיין) שלמה 267
שינדלער אליעזר 102
שיפער יצחק (איגנאַצי) 103, 266, 303, 304
שלאַנסקי אברהם 125, 126
שלום גרשם 87, 282
שלום עליכם (שלום ראַבינאָוויטש) 15— 29, 32, 33, 42, 58, 99, 161, 162, 192, 202, 229, 296
שלי (באָגדאַנאָווסקי) מאיר 67
שמידט יוסף 60
שמערוק חנא 124
שמ"ר (מאיר נחום שייקעוויטש) 18, 235
שמרי אריה 140—144
שנאַבל בערל 50
שנהוד (שיינהייט) שלמה 102
שניאור זלמן (זאַלקינד) 148, 216
שניידערמאַן ש. ל. 158
ש"ס ראַמאַן (ש. סאַלאַמאַן) 109
שעכטער מרדכי 62
שפּיגל ישעיה 243
שפּערבער־מאַרגול אלפרעד 53
שקאַלניק איציק (יצחק) 41, 42
שרייער יצחק 53

לוח הענינים

דריי הערות

ערשטע פרשה:

צווישן ביידע לשונות

צו דער אַקאַדעמישער אַרויסגאַב פון מענדעלען . . . . . . 14—11

לאָכן איז געזונט

מאמר א׳: דריי יסודות, אַ לעקציע ביי דער שלום־עליכם־פייער

אין ירושלימער אוניווערסיטעט . . . . 27—15

מאמר ב׳: גיבורי כתרילעווקע . . . . 29—27

צווישן היינט און נעכטן

צום אָנדענק פון דוד פינסקי . . . . 34—30

צווייטע פרשה:

צווישן דור און דורות

ח. נ. ביאַליק, אַ רעוויזיע פון אַ אָפּשאַץ . . . . 40—37

דאָס רעטעניש און זיין באַשייד

אליעזר שטיינבאַרג

מאמר א׳: אַ מדרש פליאה . . . . 68—41

מאמר ב׳: לעבן אָן אוצר . . . . 74—68

דאָס רעטעניש און זיינע טראָפּן

ש״י עגנון

מאמר א׳: דער שטורעם אונטן און דער שפּיגל אויבן . . . . . 79—75

מאמר ב׳: קאַפּיטל יידיש . . . . 95—79

מאי יונג-גאַליציע

אַ וואָרט ביים פאַרטייל פון דער זיבנטער פיכמאַן־פּרעמיע . . . . 103—96

דריטע פרשה:

צווישן אוניקום און קוריאָז

אַ וואָרט ביים פאַרטייל פון דער ערשטער גראַפּער־פּרעמיע . . . 113—107

דער שטענדיקער חידוש

איציק מאַנגער

מאמר א׳: צווישן בויג און שטרעק . . . . 117—114

מאמר ב׳: איך בין דיין שטויב, אַ וואָרט ביי דער מאַנגער־אזכרה . 122—117

מאמר ג׳: הדר־מאַנגער, אַ וואָרט ביי דער אזכרה אין ירושלימער אוניווערסיטעט . . . . 127—122

מאמר ד׳: „געציילטע ווערטער" . . . . 132—127

צווישן נאָענט און וויט

מאמר א׳: אַ פּרעמיע און איר באַטייט, יוסף פּאַפּירניקאָוו . . 136—133

מאמר ב׳: לכבוד צוויי פּרעמירטע — יוסף פּאַפּירניקאָוו און ניסן ברוסילאָוו . . . . 139—137

דער וועג צום שייער

אריה שמרי . . . . 144—140

צווישן אַהויב און המשך

אברהם סוצקעווער

מאמר א׳: אַ טאָפּעל שליחות, אַ וואָרט ביי דער יובל־פייער . . 150—145

מאמר ב׳: אַ קליינע לעקציע . . . . 154—150

יעקבס און אהרנס שטעקן

נחמן ראַפּפּ . . . . 156—155

צווישן הייסין און ירושלים

יוסף קערלער

מאמר א׳: אַ שווערער וועג . . . . 178—157

מאמר ב׳: איך נשיר . . . . 185—178

פערטע פרשה:

א גאַנצע פּאַסעסיע
יוסף אַפּאַטאָשו . . . . 193—189

צווישן רעוואָלט און קידוש השם
אַלטער קאַציזנע . . . . 210—194

צווישן וואָר און חלום
שמואל לעווין . . . . 224—211

אַ טאָפּעלע באַגעגעניש
צו חיים גראַדעס לעקציע אין ירושלימער אוניווערסיטעט . . . . 229—225

צווישן אינערציע און המצאה
ישראל מה־יפית . . . . 237—230

נוסח וואָלבראָם
יוסף ערליך

מאמר א׳: צווישן גאַמור און כאַראַקטער . . . . . . 241—238

מאמר ב׳: גוט שבת . . . . 242—241

צווישן מחבר און חיבור
„די אוהאַמאַס" פון פּייוול זיגלבוים . . . . 249—243

פינפטע פרשה:

פּאַרמעסט און אויפטו
שמואל ניגער . . . . 261—253

אַ פאַרגעסענער שרייבער
צבי ביקעלס־שפּיצער . . . . 464—262

טעאַטער אַ גורל
מיכאל ווייכערטס זכרונות

מאמר א׳: ליבשאַפט און מסירת נפש . . . . 269—265

מאמר ב׳: אוטאפיע למעשה . . . . 273—269
מאמר ג׳: אַ טראַגיש דילעמאַ . . . . 278—273

חכמת יידיש אַבלט

לזכר מאַקס ווײַנרײַך . . . . 285—279

זעקסטע פרשה:

בעל החבצלת

ר׳ ישראל דב פרומקין . . . . 293—289

אור אישים

ר׳ זלמן שזר . . . . 306—294

צוכצעטל פון נעמען . . . . 314—307